This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31.528

סאָוועטיש

1

1976

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אָרגאן פון שרײַבער־פאַרבאנד פון ססר

ערשײַנט פון 1961

פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל"

מאָסקווע

יאנואר

1

1976

אינהאַלט

אונדזערע מיטצײַטלער. לעאָניד שקאָלניק. דער וועג פון יאָרהונדערט 4

נאָטע לוריע. די געשיכטע פון א ליבע (ראָמאַן). צייכענונגען פון יע. גאָר 21

דאָוויד בערגעלסאָן. פּראָלעטאַרישע פּראָזע־קונסט 56

כאַיִם ביידער. ווי צום ערשטן מאָל (לידער) . 63

מענטשן, זייער צײַט און זייער גורל. קאָמוניסטן. אווראָם פּריבלודע. מיט לײַב און לעבן טרײַ דער רעוואָליוציע; ריווע באַליאַסנע. לעבן לענינען שטייט אף דער פאָטאָגראַפיע אַלעקסאַנדער בריאַנסקי; אַרן יערוסאַלימסקי. טרײַ דעם היימלאַנד 67

הירש בלאָשטיין. פון גאָלד אויסגעטאָקטע... (לידער) 76

בוזי מילער. צוגעבונדנקײַט (דערציילונג). צייכענונגען פון אי. מאַסטבאַום 79

אווראָם גאָנטאַר. פּונעם בוך „נעגינע“ (לידער) 104

פּובליציסטיק. טאַמאַר גאָזשאַנסקע. סאַקאָנע פון פאַשיזם אין יִשׂראָעל: די אולטראַ־רעכטע שטרעמונגען אין דער מעדינע 108

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. רעזאָליוציע וועגן דער אַרבעט צווישן דער יִדישער באַפעלקערונג, אָנגענומען אף דעם XXI צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע 117

עס ווערט פאַרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אָנגעהויבן. „דער דענקמאָל אין באַבי יאַר וועט שטיין לעדוירעס“ 121

אווראָם קאַצעוו. נײַע לידער 124

בריוו פון יִדישע שרײַבער. פון י. דאָברושינס אַרכיוו . 128

שיקע דריז. פאַר קליין און גרויס (לידער). . . 133

אף די שפּורן פון געשעענעם. הערשל געליבטערמאַן. איינער פון מײַנע שילער; אײַזיק שפּילבערג. העלדן שטאַרבן ניט; גריגאָרי קיזעל. באַקוער הימל; אווראָם פּריבלודע. א העלד א קרימטשאַק — יאַקאָוו טשאַפּיטשעוו 137

זיכרוינעס. כאַיִם טאַמאַרקין. זייער מישפּאָכע־שטאַם; יאַשע רוביאַן. דרײַ פלעשער ווײַן . 145

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

ה. בעריאָזקין. האַרץ און וועלט (וועגן מ. גרובּיאַנס שאַפונג) 149

אוראַן גוראַלניק. די מוזע פון פלאַמיקער סאַטירע (צום 150־טן געבורטסטאָג פון מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרין) 156

יעשוע ליובאָמירסקי. מאַרקישעס דראַמעס . 161

קורצע רעצענזיעס. הערש רעמעניק. דער קויעך פונעם לירישן וואָרט; לעוו אָזעראָוו. זינגעוודיקײַט איז אין דער נאַטור פון זײַן דיכטונג; גאַלינע פּעטראָווא. זוימען פון גוטסקײַט . 167

אַרן ווערגעליס. נאָטיצן אָן א סיידער . . . 172

כראָניק 123, 144

פאַרשיידנס 180

דאָס איז טשיקאַווע. י. גינעווסקי. די אַמעריקאַנער פּרײַנט פון אָקטיאַבער 182

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער יִדישער ליטעראַטור 184

אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו 186

לאָמיר זינגען נײַע לידער. שפּיל, סאָלאָווייטשיקל. ווערטער פון א. ווערגעליס, מוזיק פון ס. טשעבאָטאַריאָוו 187

עליע פאַלקאָוויטש. שמועסן וועגן יִדישער שפּראַך : : : 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

א האַרציקן
נייַאָר-
ווונטש
די לייענער
פון
..סאָוועטיש
היימלאַנד..

אונדזערע מיטצײַטלער

לעאָניד שקאָלניק

דער וועג פֿון יאָרהונדערט

גוטמאָרגן, אורגאַל!

זײַ געזונט, מײַן יונגע, מײַן טײַערע שטאָט. אַף ווידערזען, ביראָבידזשאַן!

איך ווייס, דו וועסט ניט באַרויגעז זײַן אַף מיר, וועסט מיר מויכל זײַן, וואָס איך פֿאָר אַוועק אַף אַ צײַט אַהין, וווּ דערווײַל זײַנען נאָך ניט פֿאַראַן קיין שטעט, וווּ אין די טײַגע־טיפֿענישן מיִען זיך יונגע און קרעפֿטיקע מענטשן — קינדער און אייניקלעך פֿון יענע, וועלכע האָבן אַמאָל געבויט דעם טורקסיב און די מאַגניטקע, דעם דניעפּראָהעס און קאָמסאָמאָלסק־אַפֿן־אַמור, און אויך דיך געבויט, מײַן ביראָבידזשאַן! איך פֿאָר אַוועק אַהין, וווּ אין אַ צײַט אַרום וועלן שטאָלענע רעלסן דורכשנײַדן די אייביק פֿאַרפֿרוירענע ערד. אין דער טײַגע וועלן אויסוואַקסן צענדליקער נײַע שטעט און יישובֿים, און בריקן וועלן צעשפּרייטן זייערע אײַזנבעטאָנענע פֿליגל איבער ווילדע, ברויזנדיקע טײַכן.

האָב אַף מיר ניט קיין פֿאַריבל, שטאָט מײַנע, דערמאָן זיך, ווי דו אַליין ביסט געבוירן געוואָרן. דערמאָן זיך יענע זומפּן, דורך וועלכע עס האָבן אַ שפּאַן געטאָן אין הײַנטיקן טאָג דײַנע ערשטע בויער. טו אַ קוק אַף די ברייטע גאַסן דײַנע, אַף די קוימענס פֿון „דאַלסעלמאַש״, אַפֿן אַספֿאַלט פֿון דײַנע פּלעצער. פֿון די דרײַסיקער יאָרן ביז די זיבעציקער האָט דיך געפֿירט דער יוגנט־ברויז פֿון ענטוזיאַסטן, דער וווּנדערלעכער טרוים און די הערלעכע פּלענער פֿון דער קאָמוניסטישער בוווּנג.

איך ווייס: ס׳איז שווער געווען צו פֿירן אין די זומפּן, לײַדן פֿון קעלט און פֿון היץ, ניט דערעסן און ניט דערשלאָפֿן. שטענדיק איז שווערער יענע, וועלכע זײַנען די ערשטע.

און אָט איצט זיץ איך אין וואַגאָן פֿונעם צוג „כאַבאַראָווסק — טשעגדאָמין״, און דורכן פֿענצטער טראָגן זיך דורך די לעצטע אײַזנבאַן־סטאַנציעס פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט: ביראַקאַן, איזוועסטקאָוואַיאַ, קולדור... דאָס איז דער וועג אַף אורגאַל.

וואָס איז אַזוינס אורגאַל, ווייס איך שוין פון לאַנג. דאָס ערשטע מאָל בין איך דאָ געווען מיט אַ יאָר צוריק.

הינטער די באַרג־רוקנס טוקורינגאַ און טורראַנאַ, הינטער די ראַכוועסדיקע וואַסער־באַסײנען פונעם טײַך זעיאַ, אַן ערעך טויזנט קילאָמעטער פונעם ייִשעוו טינדאַ, דעם קינפטיקן צענטער פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל, האָט זיך פאַרטײַעט צווישן סאָפּקעס אײנעם טאָל פון דער ברויזנדיקער בורייאַ אַ קלײנינקע סטאַנציע. אָט דאָס איז אורגאַל. איצט איז דאָ דער צענטער פון אַלע אויסשפּיר־אַרבעטן, וואָס מע פירט אָף דער טראַסע פונעם באַם.

אורגאַל ליגט אָף דער טראַנססיבירער מאַגיסטראַל און האָט אַ קיום באַקומען נאָך דעם, ווי מע האָט אַהער דורכגעלייגט רעלסן פון איזוועסטקאָוואַיאַ. אָט דאָ טאַקע געפינט זיך די עקספּעדיציע פונעם גענעראַלן פּאָדריאַטשיק פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל — „מאָסגיפּראָטראַנס". דאָ אַרבעטן אויך די לעניגראַדער בריקן־בויער.

פון דער סטאַנציע ביזן ייִשעוו אוסט־אורגאַל איז אײַנגאַנצן 25 קילאָמעטער, אָבער וואָס פאַר אַ קילאָמעטער! ניט אומזיסט מעסטן די סיביריאַקעס דעם וועג ניט לויט דער לענג, נאָר לויט דער צײַט, וואָס מע דאַרף פּאַטערן אָף אים צו דורכפאָרן. אָט די צוויי מיט אַ האַלבן צענדליק קילאָמעטער פון דער סטאַנציע ביז דעם ייִשעוו מאַכן דורך מעכטיקע לאַסט־אויטאָמאָבילן ניט ווייניקער, ווי פאַר פיר שאָצײַט: גריבער און זומפּן אָף שריט און טריט!

דער שעף פון די לעניגראַדער בריקן־בויער אַנאַטאָלי ליאַכאָוויצקי וואָרנט:

— ניט בלויז אָפן וועג, נאָר אויך צווישן די סאָפּקעס הינטער אורגאַל, אין די בערג, וועלכע ציִען זיך אָף צאָפן און אָף מיזרעך, אין די טײַגע־פּלאַכקײַטן, וואָס זײַנען צוגעדעקט לעפּאָנעם מיט גרינעם גראָז, קאָן מען יעדע מינוט אײַנגעזונקען ווערן אין אַ זומפּ.

דאָס זײַנען די באַרימטע סיבירער „מאַרעס", ווו אונטער אַ שיכט ערד, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט וואַסער, ליגט אַ שיכט פון אייביקער געפרוירנקײַט. ווען עס גייט דאָ דורך אַ מאַשין אָדער אַן אַנדער מין טראַנספּאָרט, קאָן מען שוין דורך דעם זעלבן וועג ניט פאָרן — דער זומפּ וועט אײַך פּאַשעט אײַנשלינגען.

און טשעגדאָמין, די לעצטע סטאַנציע פון דער אײַזנבאַן־ליניע, מיט וועלכער איך פאָר איצט אָפן באַם, איז ניט ווײַט פון אורגאַל. איך האָב זיך דערוווּסט, וואָס עס באַטײַט אָט דער נאָמען — טשעגדאָמין. אויב איבערזעצן אים אָף ייִדיש, הייסט עס: „דער שוואַרצער שטיין". די עווענקן, וועלכע האָבן אַזוי אָנגערופן דאָס אָרט, האָבן שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז דאָ ליגן ריזיקע אוצרעס — שטיינקוילן: צענדליקער מיליאַרדן טאָן! האָט מען אויסגעבויט אַ שאַכטע און אָנגעהויבן אַרויסבאַקומען די אוצרעס. נאָר וואָס זײַנען די אָנדערהאַלבן מיליאָן טאָן, וואָס מע פירט אַרויס פונדאַנען אין מעשעך פון אַ יאָר, — אַ טראָפּן אין יאַם איז עס לעגאַבע דעם, וואָס מע וועט דאָ קאָנען באַקומען, ווען עס וועט זיך אויסבויען דער באַם!

— ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך אומגעקערט פון סעלעמדזשאַ, — דערציילט ווײַטער אַנאַטאָלי ליאַכאָוויצקי. — פונדאַנען איז עס אַ דרײַ הונדערט קילאָמעטער אָף מײַרעוו. און אָט ווי עס וועלן אויסזען אין דער ניט ווײַטער צוקונפט אָט די ערטער...

ער וואַרפט אָן אָף אַ בויגן פּאַפּיר די סכעמע: וועג־ליניעס, ייִשוווים, זיגזאַגן פון טײַכן, איבער וועלכע ס'וועלן אַריבערגעוואָרפן ווערן בריקן. ניט קיין קליינע בריקן — אַ סאַך פון זיי וועלן זיך ציִען אָף הונדערטער מעטער.

די בריקן־בויער דאַרפן נעמען אין אַכט די אייגנאַרטיקײַט פון די היגע וואַסערן. זומער שווימען אָן איבער די טוראַנער און יאַם־אַלינער באַרג־רוקנס שוואַרצע וואָלקנס פונעם שטילן אָקעאַן, און זיי ברענגען שרעקלעכע מוסאָנער גוסרעגנס, וועלכע הייבן אוף דעם ניוואָ פון די טײַכן אָף עטלעכע מעטער. איצט וועט קומען אַ סאָף צו אָט דער סטיכיע, מע האָט שוין צוגעטראַכט, וויאַזוי זי אײַנצוצוימען.

און דערווײַל גייט אַ הייסע אַרבעט.

דאַכט זיך, ערשט ניט לאַנג, אין אָקטיאַבער פונעם פאַריקן יאָר, זײַנען קיין אורגאַל געקומען די ערשטע שעליכים פון אוקראַיִנע — אַ גאַנצער קאָלעקטיוו פונעם ספּעציאַליזירטן בוימאָנטאַזש־צוג „דאָנבאַס". דאָס זײַנען געווען די ערשטע „אויסשפּירער" פונעם אוקראַיִנישן „דעסאַנט", און זייער אופגאַבע איז געווען צוגרייטן וווינונגען פאַר די נײַע אָטריאַדן פון קיִעוו, לוואָוו, כאַרקאָוו. איך בין דאָ געווען אַקוראַט דעמלט, ווען מע האָט פײַערלעך באַגעגנט די דאָזיקע אָטריאַדן. איך געדענק, ווי עס האָבן געשײַנט די פּענעמער בײַ די ערשטע בויער פון דער סטאַנציע אורגאַל־1, אײנער פון די גרעסטע אָפן מיזרעך־באַצירק פון דער מאַגיסטראַל. דערהערט, אַז איך בין פון בּיראָבּידזשאַן, האָבן די ערשטע אָנגעקומענע מיך אָנגעהויבן צו פאַרוואַרפן מיט קאַלערלײ פראַגעס:

— ווי זעט אויס די שטאָט, וואָס מע האָט אויסגעבויט אין דער טײַגע?

— בּיראָבּידזשאַן איז טאַקע ניט ווײַט פונדאַנען?

און אַ ביסל איראָניש, נאָר פּאָרט מיט אַ כשאַד:

געאָלאָגן אויף דער טראַסע

— און די קאָמאַרן וועלן אויך אונדז נעמען אין דער אַרבעט?

איך האָב דעמלט דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע וווּנדערלעכע טעג, און ס'איז געווען וועגן וואָס צו דורכריידן זיך. די הויפּט־טעמע איז געווען די קינפטיקע מאַגיסטראַל, און געוויינלעך האָבן זיך איבערגעכאַזערט צוויי ווערטער — בײַקאַל און אַמור. מײַנע נײַע פרײַנט האָבן שוין גע־ווּוסט צענדליקער לעגענדעס וועגן אָט די ווער־טער, ווער — פון ביכער, ווער — פון מינדלעכע דערציילונגען.

— און די לעגענדע וועגן דעם, ווי עס האָבן זיך צעקריגט דער בײַקאַל מיט דער אַנגאַראַ, האָט איר געהערט? — האָב איך געפרעגט.

ניין, קיינער האָט אָט די מײַסע ניט געוווּסט.



אורגאַל־2, די ערשטע גאַס

מיר האָט מען זי דערציילט נאָך דעמלט, ווען איך בין געווען א קינד. און ווען איך בין מיטן צוג דאָס ערשטע מאָל געפאָרן איבערן בײַקאַל, האָב איך זיך די גאַנצע צײַט ניט אָפּגעריסן פו־נעם פענצטער: דער בײַקאַל איז פאַר מיר פונקט ווי געוואָרן א לעבעדיקער נעפעש. שפעטער האָב איך די דאָזיקע לעגענדע איבערגעלייענט אין מייער אַלבערטאַנס „בירָאָבידזשאַן" — ווײַזט אויס, די ערשטע בירָאָבידזשאַנער טוּרישוּוים האָבן די מײַסע טאַקע גענומען פון אָט דעם פאָ־פולערן אין יענע יאָרן בוך, און זי איז אַוועק פון מויל צו מויל.

איז אָט...

פרי־ער איז ער געווען גאָר א רויקער, דער בײַקאַל, — זעלטן ווען פלעגט ער זיך בלויז א קנייטש טאָן. און פאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט זײַן אַזוי רויק, אַז ער ליגט אין א גרויסער, טיפער בעט, און ער וועט זיך קיינמאָל ניט צע־כליופּען? אויסגעטריקנט וועט ער קיינמאָל ניט ווערן. ער האָט אַרום זיך אַזויפיל בערג, די בערג פאַרמאָגן אַזויפיל שניי, און דער שניי גיט אַזויפיל וואַסער, אַז ער מעג זײַן רויק, דער בײַקאַל. זעקס הונדערט טײַכן, ריטשקעס און קוועלכלעך יאָגן מיט דער גרעסטער פרייד צו אים. מיט א מין פאַרגעניגן כאַפּן זיי יעדעס וואַסער־טראָפּנדל פונעם צעגאַנגענעם שניי און טראָגן עס אונטער דעם בײַקאַל.

אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט אַלע יאָרן, דער בײַקאַל, — דערציילט ווײַטער די לעגענדע, — אַזויפיל יאָרן, אָן א שיר יאָרן, און ניט געהאַט קיין יעסורים. נאָר אָט האָט זיך אָן אומגליק געטראָפן, אַף דעם האָט זיך קיינער אַפילע ניט געריכט: די אַנגאַראַ, איינע פון די טײַכן, ניט פון די גרעסטע, האָט געפעלשט און אופגע־הערט צו ברענגען וואַסער. מע זאָגט, דער אַל־טער יעניסיי איז דאָ שולדיק — דאָס האָט ער צוגערעדט דערצו די אַנגאַראַ. עס גייט אַוועק א טאָג, א יאָר, פיל יאָרן — די אַנגאַראַ פלעגט זיך צוכאַפּן צום בײַקאַל, א טרונק טאָן און אַנטלויפן. זי איז ברייטער געוואָרן, די ברעגן זײַנען אָפּגעטראָטן פון די פרי־ערדיקע ערטער,

און איצט מוז זי שוין טאקע פיל מער וואסער האָבן, זי טרינקט זיך אָן באם בײַקאל און טראָגט אָפּ דאָס וואסער צום יעניסיי...

קאָן שוין דער בײַקאל דאָס ניט איבערטראָגן, ער קאָן שוין מער רויִק ניט בלײַבן. הערט נאָר, ס'איז דאָך אן אוולע. א טײַך, אז ער וויל זײַן א טײַך, דארף ער אליין זײַן וואסער זאמלען. אָף יענעמס קעסט צו זײַן איז גאָרניט קיין כאַריפעס. אָט וועט ער נעמען און פארשיטן די כצופע — די אנגארא! פון אונטער דער ערד האָט ער ארויסבאקומען שטיינער, פון די גרעסטע בערג האָט ער געריסן פעלדזן — ער מוז די אנגארא פארשיטן, קיינער זאָל פון איר מער ניט וויסן! א טאָג, און צוויי, און אָן א שיר יאָרן שלײַדערט ער ביזן הימל די גרעסטע שטיינער, און די אנגארא — זי קאָרטשעט זיך, קנייטשט זיך, שרומפּט זיך אײַן...

מע האָט געמיינט, אז די אנגארא איז שוין באזיגט, האָט אָבער געטראָפן, אז א גרויסער שטיין, דער גרעסטער, האָט זיך ארויסגעגליטשט און איז פונקט באם אויספלוס אראָפּגעפאלן. און אָט דער לעצטער שטיין האָט דערווײַל דעם געראנגל געשטילט. מער קיין שטיינער ווארפט ניט דער בײַקאל. און די אנגארא — זי דראפּעט זיך, זי דרייט זיך, און זי פליסט — טרינקט באם בײַקאל און טראָגט צום יעניסיי דאָס וואסער. דער בײַקאל שווײַגט לעסאטע. נאָר געשווירן האָט ער בא די בערג און בא זײַן לויטערקײַט, אז זי, די אנגארא, אָט די נידערטרעכטיקע כצופע, וועט ער סײַוויסײַ מיט שטיינער פארווארפן, דעם גאנצן ארום אירן פארפלייצן...

נו, געוויינלעך, צײַטן בײַטן זיך, יאָרן גייען, איצט איז דער בײַקאל גאָר אן אנדערער געוואָרן, און אויך די אנגארא איז ניט צו דערקענען. מענטשן האָבן זיך ארײַנגעמישט אינעם קריג צווישן דער אָזערע און דעם טײַך און מע האָט צווישן זיי שאָלעם געמאכט. ס'הייסט — שאָלעם לעפּאָנעם, ווײַלביידע, סײַ דער בײַקאל, סײַ די אנגארא, האָבן דאָך אין זיך אזוי פיל אָפּענע און פארבאָרגענע קויכעס... נאָר מע האָט אײַנגעשפּאנט אָט די קויכעס, זיי זאָלן דעם מענטשן דינען. א סימען: די בראטסקער ה ע ס אָף דער אנגארא.

מיט א יאָר צוריק, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין אורגאל, אָף דעם דריטן ראַזיעזד פון דער סטאנציע, ווו עס געפינט זיך הײַנט דער בוימאָנטאזש־צוג „דאָנבאס", האָבן נאָך ניט געקלונגען די העק פון די דאָנעצקער טעסליערס, ניט געריטשעט די בולדאָזערס פון די טראנסקארפּאטער מעכאניזאטאָרן. ס'האָט נאָך דעמלט דאָ גערוישט די טײַגע, און זײַן בײַדל האָט זיך געלאנגווײַליקט דער סטאנציעאופזעער איוואן פּאָליאקאָוו, און פוילבלעך, ווי ניט ווילנדיק, האָט געבילט אָף דער לעוואָנע

דער אלטער קודלאטער הונט, וועלכן מע האָט, לויט דער סטאנציע, אויך גערופן — אורגאל.

דאָס לעבן איז אהער געקומען צוזאמען מיט דעם ערשטן אָטריאד פון אוקראַיִנע. אין די אָפּגיך אופגעשטעלטע וואגאָנדלעך, ווו עס האָבן זיך באזעצט די נײַ־אָנגעקומענע, האָט זיך ביז טיפער נאכט ניט אויסגעלאָשן די שײַן. דאָ האָט מען געלייזט הונדערטער פּראָבלעמען, קליינע און גרויסע, נאָר דעריקער איז געווען איינע: וויִאזוי בעסער זיך צוגרייטן צו אופנעמען די אנדערע אוקראַיִנישע אָטריאדן. ס'איז שוין נאָענט געווען צו ווינטער — צום ערשטן ווינטער פאר די בויער, און מע האָט באדארפט טראכטן וועגן אָנווארעמען די צײַטווײַליקע ווױנונגען, וועגן דעם, אז עס זאָלן זײַן ווארעמע ספּעצאָווקעס און הייס געקעכטס. ביז גאָר וויכטיק איז געווען — אָנהייבן בויען קינדער־גערטנער (א סאך וועלן דאָך קומען מיט זייערע מישפּאָכעס), שולן, גאָרקיכן, קלובן.

— ס'איז טאקע שווער געווען אין אָט דעם סאמע אָנהייב, — האָט מיר דערציילט דער קאָמסאָרג פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון אוקראַיִנע אין אורגאל וואלערי טשיזשאָוו, — נאָר מיר זײַנען דערצו גרייט געווען. מיר האָבן דאָך געוווּסט, וווהין מיר פאָרן און צוליב וואָס. דערפאר אָבער האָבן מיר שוין איצט מיט וואָס זיך צו בארימען און וואָס צו ווײַזן פאר דער וועלט.

איך גיי ארום מיט וואלערין איבער די שמאָלע הילצערנע טראָטוארן פון דער קינפטיקער שטאָט, און וואלערי ווײַזט מיר זײַן „ווירטשאָפט". דער יִישעוו, וועלכער איז דאָ אויסגעוואקסן פאר א האלב יאָר, איז אײַנדרוקספול קוידעמקאָל מיט זײַן אומגעוויינלעכקײַט. איך האָב לאנג געטראכט, אין וואָס עס באשטייט אָט די אומגעוויינלעכקײַט, און דערנאָך פארשטאנען. שטעלט זיך פאָר א ריי הײַזער מיט געראמע וועראנדעס צווישן מעכטיקע סאָסנעס. א שארפער רייעך פון פרישע ברעטער פארשיקערט מאמעש. די אייגנארטיקײַט פון אורגאל איז אינעם יוגנטלעכן ברויז פון זײַנע בויער, וועלכע זײַנען געוואָרן עמעסע באלעבאטים אינעם יִישעוו. זיי זײַנען ניט נאָר די באלעבאטים — זיי זײַנען עכטע שעפער. פּאָעטיש קלינגען די צוגעטראכטע נעמען: „גוצולאָטשקע" — פאר א קינדער־קאָמבינאט, „אורגאל־מײַסעלע" — פאר א קאפע, „דאָנטשאנקע" — פאר א גאָרקיך, „טײַגישער" — פארן אוניווערמאג, „קליין־באמאָווסקע" — פאר א גאס. אין אָט די נעמען האָבן זיך איבערגעפלאָכטן אוקראַיִנע און דער ווײַטער מיזרעך, אין זיי איז די געשיכטע און דער הײַנטיקער טאָג פון דעם ב א ם, דער גליקלעכער גוירל פון די, וועלכע בויען די „מאגיסטראל פונעם יאָרהונדערט".

פון דער „קאָלעסוכע״ ביז באַם

אַלץ הייבט זיך אָן פון א וועג.
אַזוי איז עס פון קאדמונים אָן.

א וועג איבער דער יאבאַשע, דורך יאַמען און אָקעאַנען, אין די הימל־רוימען, דורך ווילדע וועלדער, דורך זאַמדן פון מידבאַריעס, דורך שטורמישע וואַסערן, באַרג־רוקנס און אײַז־קרײַעס.

א מענטש דאַרף א וועג.

אָן אויסגעטראָטן שטעגעלע, א מאַגיסטראַל פון אַספּאַלט און בעטאָן. שטאָלענע רעלסן, וואָס ציִען זיך אַף טויזנטער קילאָמעטערס. און יעדער וועג האָט זיך זײַן געשיכטע און זײַן גורל.

ב א ם וועט אַף א מעהאלעך פון העכער 3000 קילאָמעטער דורכשנײַדן א קאַסקאַד פון געבורטס־ערטער פון ערד־אויצרעס אין אירקוטסקער, טשיטינער, אַמורער געגנטן און אין כאַבאַראָווסקער קאַנט — פון אוסט־קוט אַף דער לענאַ ביז קאָמסאָמאָלסק־אַפן אַמור. ב א ם — דאָס איז א צווייטע טראַנססיבירער מאַגיסטראַל, און אַפילע מער, ווי דער טראַנססיב. ב א ם — דאָס איז א שליסל צו די אומגעהייערע, נאָך ניט באַרירטע אויצרעס פון סיביר און פונעם ווײַטן מיזרעך, דער צווייטער וועג, וואָס פירט צום שטילן אָקעאַן. ב א ם וועט אָפּוועקן צום לעבן קאָלאָסאַלע ראַכוועסן, אַף וועלכע ס׳וועלן זיך באַווײַזן נײַע שטעט, זאַוואָדן, שאַכטעס. האַקלאַל, ב א ם וועט זײַן איינער פון די מערקווירדיקסטע וווּנדער פון אונדזער יאָרהונדערט.

דורכלייגן דעם דאָזיקן אײַזנבאַן־וועג איז אָן ערעך שווערער, איידער וועלכן־ניט־איז אַנדער וועג, וואָס איז ביז איצט געבויט געוואָרן.

איך טראַג זיך אַריבער אַף צענדליקער יאָרן צוריק, און פאַר די אויגן שטייט אויף א שוידערלעך בילד, א בילד, וואָס עס האָט אָנגעמאָלט אַן אַלטער רוסישער שרײַבער אַנדריי סאָבאָל אין זײַנע „נאָטיצן פון א קאַטאָרזשאַן״, — א באַשרײַבונג וועגן דעם, וויאַזוי אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט איז געבויט געוואָרן אין דער בײַאַמורער טײַגע, פון כאַבאַראָווסק ביז בלאַגאָוועשטשענסק, א וועג — די אַזויגערופענע „קאָלעסוכע״. דער דאָזיקער וועג האָט, אַגעוו, דורכגעשניטן א טייל פון דער קומענדיקער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

אַנדריי סאָבאָל האָט געשריבן:

אַן אַלטער קאַטאָרזשאַן, ווען ס׳איז אויסגעקומען צו פאַרזוכן אי קאַלטס, אי וואַרעמס, דערציילנדיק וועגן דעם איבערגעלעבטן אַף דער קאַטאָרגע, גיט געוויינלעך צו:

— אָך, דאָס איז וואָס — גאָרנישט מיט נישט!

אָט אַף דער „קאָלעסוכע״! דאָרטן וועסטו האָבן צו זינגען און צו זאָגן!

קומסט צו עפּעס א נאַטשאַלניק פון דער טפּיסע מיט א זשאַלאָבע — האַקט ער דיך גלײַך אָפּ:

— הייסט עס, טײַנעס האָסטו? און אַף דער „קאָלעסוכע״ ביסטו נאָך ניט געווען? אָט דאָרטן פּרוּוו נאָר א פּיפּס טאָן!

זונטיק גיט מען א שטיקל פליש — לעקט א קרימינעלער די פינגער און איז מאָלע־סימכע:

— א ווויילטיק! ס׳איז דיר ניט די „קאָלעסוכע״!

איינער פון די אַמאָליקע „באַלעבאַטים״ קריגט זיך מיט עמעצן פונעם „דרויב״ און שרײַט:

— נעווויילע! אָט וועל איך פון דיר מאַכן אַש און פאַרעד! אָט פאַל איך אַף דיר אַרוף און צעקוועטש דיך, ווי א פּאַראַוואָז! ביסט געווען אַף דער „קאָלעסוכע״? מאַך זשע א שווײַג! און דו וואָגסט נאָך קריכן אַף מיר?

נאָכן 1905 האָט מען אַף דער „קאָלעסוכע״ אָנגעהויבן שיקן פּאָליט־קאַטאָרזשאַנען.

...ס׳יאָגן, רוישן און פּינען מיט ווײַסן שוים, שלאָגנדיק אין די ברעגן, די טונקל־בלויע וואַסערן פונעם בײַקאַל. מיר שווימען, מיר שווימען צו דער „קאָלעסוכע״. צוגעזאָטן צו די איליומינאַטאָרס, רײַסן מיר ניט אָפּ דעם בליק פון דעם, ווי עס שווימט און פאַרשווינדט דער ברעג.

מיר שווימען צו דער „נײַער דירע״. ס׳האָט געבליוט דער אַמור, איבער אונדז זײַנען געהאַנגען די הראָמאַדעס פונעם קליינעם כינגאַן. אַפן נײַנטן טאָג האָט א דאַמפּערל צוגעצויגן אונדזער באַרזשע צו דער סטאַנציע פּאַשקאָוואָ. אַרויסגעזעצט אונדז, איז דאָס דאַמפּערל אוועק ווײַטער.

...דער קרײַז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן (בא מיר) אינעם קליינעם פּוילישן שטעטל, שליסט אײַן אין זיך א נײַעם רינג — די „קאָלעסוכע״, און ווער ווייסט: מעגלעך, אַז אָט דער רינג וועט זײַן דער לעצטער, יענער טויט־רינג, מיט וועלכן עס פאַרשליסט זיך דאָס לעבן, דאָס לעבעדיקע לעבן.

ווײַל אַף דער „קאָלעסוכע״ איז קיין לעבעדיק לעבן ניטאָ: אָנשטאָט דעם — אויסוועגלאָזיקײַט, ייִעש.

אַף דער „קאָלעסוכע״ רעדט מען ניט — מע שעפּטשעט. אַף דער „קאָלעסוכע״ שלאָפט מען ניט — מע דרעמלט שווער, גרייט אין א באַליביקער מינוט אויפשפּרינגען, זיך אויסציִען, ווי א סטרונע.

אף דער „קאַלעסוכע״ וואשט מען זיך ניט — מע קראַצט זיך.

אף דער „קאַלעסוכע״ עסט מען ניט — אײַלנ־דיק, ווארגנדיק זיך, שלינגט מען.

אף דער „קאַלעסוכע״ זײַנען ניטאָ קיין נאָר־מעס, קיין געזעצן. דער געזעץ איז אין די הענט פון א באַליביקן צעיושעטן אופזעער, אן אונ־טער־אָפיצער.

הײַנט איז אזא געזעץ, מאָרגן — אן אנדערער; אָפּהענגיק פון דעם, וויאַזוי ס׳האָט ערשט אָפּגע־געסן דער אופזעער אָדער דער וואכמאַן, וויאַזוי ער איז זיך אויסגעשלאָפן.

אף דער „קאַלעסוכע״ זאָלט איר אפילע זיך ניט פאַרהיקען מיקויעך א געזעץ — אן אומזי־סטע טירכע; איבער דער „קאַלעסוכע״ הערשט בלויז איינס: „אזוי וויל איך״ — ווי עס וויל דער אופזעער, דער קאַנוואָיר.

אף דעם אמורער וועג הערשן די זיטן פון די אמעריקאנער פּלאַנטאַציעס אין די צײַטן פון שקלאַפנטום. דאָרטן — די בײַטש, דאָ — דער פּריקלאַד, דאָ און דאָרט — שמײַס־רוטן.

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

גערעכט איז געווען דער אלטער שריפטשטעל־לער, ווען ער האָט געשריבן, אז אָט די „קאַ־לעסוכע״ וועט זיך פאַרלירן אין די טײַגע־גע־דיכטענישן און קיינער וועט מיט איר זיך ניט נוצן. אָבער ווו זשע פאַרט איז זי, די דאָזיקע „קאַלעסוכע״, וועלכע האָט געקאָסט אזויפיל בלוט און שוויס?

אף קיין שום מאַפּע איז זי ניט באצייכנט, קיין שום שרײַבער האָט זי מער ניט באשריבן. אָבער עס קאָן דאָך ניט זײַן, זי זאָל ניט איבער־לאָזן קיין שפּור!

און אָט בלעטערן מיר ווידער די געשיכטע — דאָס מאָל די געשיכטע פון דער יידישער אוי־טאָנאָמער געגנט, און אונטער דער האַנט קומט א מערקווירדיקער דאָקומענט, וועלכער הייסט: „באריכט פון די עקספּערטן. פּאָרטראָג פון דער אמעריקאנער קאָמיסיע „איקאָר״ וועגן דער אויספאָרשונג פון ביראָבידזשאַן״. לאָזט זיך אויס, אז די ערשטע עקספּעדיציעס, וועלכע זײַ־נען געקומען אין בײַאַמורער קאַנט אויסצו־פאָרשן די מעגלעכקײַט צו באזעצן דאָרט נײַע איבערוואַנדערער און שאַפן א יידישן נאַציאָ־נאַלן ראַיאָן, האָבן זיך אָנגעשטויסן אף א פאַר־וואָרפענעם וועג, מיט וועלכן קיינער האָט קי־מאַט זיך ניט גענוצט.

„...דער פּאָטשט־טראַקט, וואָס מע האָט דורכ־געלייגט מיט העכער 25 יאָר צוריק פון מיזרעך אף מײַרעוו, — לייענען מיר, — איז געווען פאַר־נאכלעסיקט איבער דער קנאַפּער באוועגונג אף אים און איז אינגאנצן קאַליע געוואָרן, דערבײַ זײַנען רויִנירט די מערהײַט בריקן״.

אף וויפל דער קומענדיקער ראַיאָן האָט זיך זייער גענייטיקט אין קאָמוניקאַציעס, איז די קאָמיסיע געקומען צום אויספיר, אז „מע וואָלט אים געקאָנט פאַריכטן״.

זוכנדיק ווײַטער, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף נ. לאַנדאַנס ביכל „מיט דער אמעריקאַ־נער עקספּעדיציע קיין ביראָבידזשאַן״, וואָס איז דערשינען אין כאַרקאָוו אין 1930. אליין א בוי־אינזשעניער, האָט נ. לאַנדאַן זיך פאַרינ־טערעסירט מיט אָט דעם וועג און האָט פעסט־געשטעלט:

„ביז דער עפענונג פון דער אײַזנבאַן־ליניע איז דער איינציקער וועג אף דער יאַבאָשע פון כאַבאַראָווסק ביז בלאַגאָוועשטשענסק — א 700 קילאָמעטער — געווען א גרונט־וועג, וואָס האָט דורכגעשניטן אין דער לענג דעם ביראָבידזשאַ־נער ראַיאָן. דעם דאָזיקן וועג האָבן געבויט קאַ־טאָרזשניקעס. אין די בלאָטעס און נעצן, אין סאַמע געדיכטן גנוס און אמאָל אונטער ברע־נענדיקע זון־שטראַלן האָבן מענטשן אין קייטן געבויט די אזויגערופענע „קאַלעסוכע״. דאָס איז געווען דער פּאָטשטאָוואָער טראַקט. דאָ און דאָרט זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן פּאָטשט־סטאַנציעס. בא הײַנטיקן טאָג איז דער טראַקט ערטער־ווײַז אינגאנצן צעשטערט, די בריקן זײַנען פאַרשוווּנדן״.

און, ענדלעך, אן אויסצוג פון ל. טאַלמיס בוך „אף רויער ערד״ (ל. טאַלמי איז אויך געווען אן אָנטיילנעמער פון דער אויבנדערמאָנטער „איקאָר״־עקספּעדיציע): „ס׳איז טאַקע א טייל פון דער „קאַלעסוכע״ — אָט דער פאַרלאָזטער און מיט גראָז פאַרוואַקסענער וועג, וואָס איז געבויט געוואָרן אונטער קייטן־געקלאַנג און בײַטשן־סוויסטש פון צאַרישע אופזעער. יאָרנ־לאַנג האָט מען אים געבויט — מ׳האָט זיך ניט געאײַלט, ס׳איז ניט געווען צוליב וואָס. אַרעס־טאַנטן, פאַרשיקטע און קאַטאָרזשניקעס האָבן פּאַמעלעך, טראָט נאָך טראָט, דורכגעלייגט אָט דעם שליאַך דורך די ווילדענישן פון בערג און טײַגע און אַרײַנגעקנאָטן אין אים דעם שוויס פון זייערע לײַבער, דאָס בלוט פון זייערע וווּנדן, צוזאמען מיטן ביטערן צאַר, מיט ברע־נענדיקן צאָרן, מיט קלאָלעס דער אלטער וועלט. און עפּשער האָבן אנדערע צווישן זיי אין זייער פּײַן געטרוימט, אז ווען־עס־איז וועלן איבער דעם וועג פאָרן מענטשן באַפרײַטע, פרײַע בוי־ער פונעם לעבן? עפּשער האָבן אויך זיי גע־טרוימט דעם טרוים, וואָס קאָן דאָ שוין אזוי גיך ווערן א ווירקלעכקײַט? טרעטן דאָך איצ־טער איבער אָט די שליאַכן אָנזאָגער פון דעם נײַעם לעבן, וואָס רײַסט זיך מיט אימפּעט אַרײַן אויך אהער, אין דעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם ווינקל. דער וועג האָט באקומען א טיקן...״

טרוימען און וואָר

עס איז אַלעמען באַוווּסט, ווי־אַזוי מע האָט אָנגעהויבן בויען די ביַיקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. געווען איז דאָס אין פרילינג 1974. גרויסע בויונגען הייבן זיך אָבער ניט אָן אָט אַזוי פּלוצעם, פון גאָרניט. דער ב א ם האָט זיך אָנגעהויבן, קאָן מען זאָגן, נאָך פונעם באַרימטן טראַנססיב. קימאַט איינצייַטיק מיט אים איז אַנטשטאַנען די אידיי פון אַ צאָפּנדיקן וואַריאַנט פון דער טראַסע צום שטילן אָקעאַן. מע האָט אַפילע שוין דורכגעפירט די רעקאָגנאָסציראווקע, אָבער פונעם צאָפּנדיקן וואַריאַנט האָט מען זיך אָפּגעזאָגט: די שטורמישע טייַכן, בערג און זומפּן האָבן דעמלט אויסגעזען ווי אומבאַזיגבאַרע. ווען דער טראַנססיב האָט דערגרייכט דעם בייַקאַל און מע האָט געדאַרפט נעמען אַ ביסל דאָרעמדיקער, פאַרלענגערנדיק אַזוי־אַרום דעם וועג, האָט מען ווידעראַמאָל זיך פאַרטראַכט: צי איז עס ניט קיין טאָעס, צי איז ניט בעסער פאַרקערעווען אויף צאָפן? מע האָט נאָכאַמאָל אויסגעפאָרשט דעם טראַנסבייַקאַלער מאַרשרוט, און ווידעראַמאָל האָט מען זיך אָפּגעזאָגט פון אים: צו ווייניק קויכעס האָט דעמלט געהאַט רוסלאַנד.

אין זיבעצן יאָר אַרום נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, אין 1933, האָבן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אַלקפּ(ב) און דער אַלפאַרבאַנדישער ראַטפאָלקאָם אָנגענומען אַ באַשלוס: אָנהייבן אויספאָרשן דעם צאָפּנדיקן וואַריאַנט. מע האָט אים אָנגערופן ב א ם — בייַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. אין דער טייַגע זייַנען אַוועק די ערשטע אויספאָרשער־פּאַרטיעס. אין איינער פון זיי האָט געאַרבעט אַלס עלטערער טעכניקער מיכאיל לעאָנידאָוויטש רעקס, דער איצטיקער הויפּט־אינזשעניער פונעם פּראָיעקט פון דעם וועג. מיט מיכאיל לעאָנידאָוויטשן האָב איך זיך געטראָפן נאָך פאַראַיאָרן, בייַס מייַן ערשטן באַזוך אין אורגאַל. ער האָט באַוויזן אויף דער מאַפּע: אָט דאָ, ניט ווייַט פון טינדאַ, געפינט זיך דער ראַיאָן אַרום דעם טייַך סעלעמדזשאַ, דעם צופלוס פון דער זעיאַ:

— אָט דאָ זייַנען מיר געגאַנגען אין 1933. מע האָט געדאַרפט דורכלייגן זיבעציק קילאָמעטער פון דער טראַסע. אָבער ווי־אַזוי זיך אַהער דערקלייַבן? קיין וועגן, קיין מעכטיקע אויטאָמאָבילן זייַנען נאָך ניט געווען. פערד און הירשן. און דער וועטער! לאַנג האָבן מיר געוואַרט, ביז מע האָט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. פונעם ייִשעוו סוואָבאָדני זייַנען מיר מיטן אַמור אַרויסגעפאָרן בלויז אין אָנהייב יוני. דערנאָך קוים בייַגעקומען דעם באַרג־רוקן, און אין יולי זיך גענומען פאַר די אינסטרומענטן. אין אָקטיאַבער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די שנייען.

זיבעציק קילאָמעטער — דאָס איז ניט קיין שפּאַציר, ס׳איז אַן אַרבעט, און בייַס דו אַרבעטסט, מאַכסטו דורך זיבעציק מאָל זיבעציק, און אַלץ צופוס. יעדער איבערגאַנג איז אַן אויספּרווו... יאָ, אַיינגיכן וועט דער וועג צוגיין צו יענע ערטער, ווו איך האָב געוואַנדערט מיט פערציק יאָר צוריק...

אַגעוו, ס׳איז מיר דאָ אויסגעקומען צו טרעפן ניט ווייניק מענטשן, וועמען דער גורל האָט פאַרבונדן מיט אָט די ערטער אויף אַ סך יאָרן. די בויונג פון דער מאַגיסטראַל האָט אין זיי אויפגעוועקט דעם יוגנטלעכן שוווּנג. דער רוסישער דיכטער וויקטאָר סטרעלקאָוו, וועלכער לעבט איצט אין אולאַן־אודע, האָט אין אָט די ערטער געבויט די ערשטע ייִשווּוים. דער ערשטער נומער פונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן זשורנאַל „בייַקאַל" פאַרן פאָריקן יאָר עפנט זיך מיט זייַן לירישן רעפּאָרטאַזש „גוטמאָרגן, באַם!", וועלכער הייבט זיך אָן מיט אַזעלכע שורעס:

גבויט דעם באַם
איך האָב, ווען ס׳האָט נאָך קיינער
פון אייַך נאָך ניט געהערט
פון אָט דעם וועג, —
געהאַקט די טייַגע
און געריסן שטיינער,
און דורכגעלייגט
צו אייַך דעם ערשטן שטעג.

געווען איז שווער,
ס׳איז שווער געווען מעסוקן!
נאָר ניט געקרעכצט,
כאָטש מיט פאַרקילטן בלוט, —
געטראָגן רעלסן
מאַמעש אויפן רוקן
פון לענאַ
ביז דער טייַגע־שטאָט אוסט־קוט.

עס האָבן פרעסט
באַוויזן ווילדן קויעך,
צעהאַקנדיק אויף שפּענדלעך
בוים נאָך בוים,
דעם קאָפּ געדרייט,
געגעבערט אינעם מויעך,
דער שניי האָט שיר פאַרשאָטן
אונדזער טרוים.

ווי בלייַך איז דער ברעזענט —
מיט אייַז פאַרצויגן,
דאָס ברויט האָט אויף די ציין,
פונקט ווי באַזאַלט, געקריצט.
געוואַרעמט אונדז עס האָבן סייַ די שייַטערס
און סייַ דער גלויבן,

וואָס איז גרויס
ביז איצט.
אויך איך וועט שווער זײַן —
כ'קאָן מיט דעם זיך טיילן,
נאָר דאָך ניט שווערער,
ווי געווען איז ביז אהער.
אָט הערט זיך צו —
די לענא קאָן דערציילן,
ווי מיר צו איר
געגאנגען זײַנען שווער.

איך זע: עס ווערט
א נײַער וועג געבוירן
מיט גלויבן, וואָס
צו אונדזערן איז גלײַך, —
דערפאַר איך גלויב,
אז ס'וועט דער רום פון דורעס
פאַרבינדן אין איין גורל —
אונדז און אײַך...[1]

מיכאיל לעאָנידאָוויטש רעקס האָט אונדז דערציילט:

— אין אָנהייב פון די פערציקער יאָרן זײַנען די אויספּפּיר־אַרבעטן און דער טעכנישער פּראָיעקט פונעם באַם פאַרענדיקט געוואָרן. ס'איז געקומען די צײַט צו בויען. ביזן 1946 האָט מען אויסגעבויט דעם באַצירק קאָמסאָמאָלסק־אַפּן־אַמור — סאָוועטסקאַיאַ גאַוואַן, צו די פופציקער יאָרן — דעם באַצירק טײַשעט — לענא. נאָך פריִער האָט מען זיך גענומען פאַר דער ליניע מײַרעוו־צו פון קאָמסאָמאָלסק־אַפּן־אַמור. אָבער ס'האָבן זיך באַוויזן אנדערע ביז גאָר וויכטיקע בויונגען, און מע האָט דאָ אָף א צײַט די אַרבעטן אָפּגעשטעלט — ביזן 1967. אויסער אונדז, דעם „מאָסגיפּראָטראַנס", האָבן די ווײַטערדיקע אויספאָרשונגען געפירט פינף פּראָיעקט־אינסטיטוטן. מע האָט באַהאַנדלט דרײַ וואַריאַנטן פונעם וועג: איינער — אָט דאָ, עטוואָס צאָפנדיקער, דורך טשולמאַן, דער צווייטער דורך „אודסקער ליפּ", באַם אָכאָטסקער יאַם, דער דריטער — אַזוי ווי מע האָט אַמאָל אָנגעמערקט. אָפּגעשטעלט האָט מען זיך אָפּן אַלטן פּראָיעקט. פאַרוואָס האָט מען אים געדאַרפט נאָכאַמאָל אויספאָרשן? גאַנץ פּאַשעט: נײַע צײַטן — נײַע אויפגאַבן. מע דאַרף פאַרגרעסערן די דורכלאָזפייִקייט פון דער מאַגיסטראַל. די פּראָיעקטירער פלעגן פריִער זיך באַמיִען אויסמײַדן טונעלן — עס קאָסט טײַער, און ס'איז קאָמפּליצירט צו בויען. איצט אָבער האָט מען זיך אויסגעלערנט דורכלייגן טונעלן א סאַך ביליקער, און מיטלען זײַנען פאַראַן גענוג, און קעדוימע אַזעלכע זאַכן. און אויב שוין זאָגן דעם גאַנצן עמעס, איז פונעם אַלטן פּראָיעקט געבליבן בלויז די ריכטונג — פון אוסט־קוט, פון דער סטאַנציע לענא ביז קאָמסאָמאָלסק־אַפּן־אַמור. דאָס איבעריקע איז אַלץ פונדאַסנײַ.

דערפאַר אָבער וועט עס זײַן א וועג פון דער ערשטער קאַטעגאָריע לויט דער טעכנישער אויסשטאַטונג, פון טינדא אָף מיזרעך — און אײַנרעלסיקער און פון טינדא אָף מײַרעוו — מיט צוויי קאַליעס. באַם וועט אויסהאַלטן די העכסטע שנעלקײַטן. ספּעציעל פאַר אָט דער מאַגיסטראַל קאָנסטרויִרט מען די מעכטיקסטע לאָקאָמאָטיוון און ציסטערנעס, ס'וועט זײַן אן אויטאָמאַטישע אָנפירונג מיט די צוגן, די סאַמע מאָדערנע פאַרבינדונג. צוויי הונדערט סטאַנציעס וועלן אויסגעשטאַט ווערן מיט דער סאַמע מאָדערנער טעכניק. עס ווערט פּראָוויזגעזען, אַז אַלע קאָנסטרוקציעס פון אײַזנבעטאָן און מעטאַל זאָלן אויסהאַלטן די גרעסטע אין אָט די ערטער פרעסט.

ווען מע רעדט וועגן שוועריקײַטן פון בויען די מאַגיסטראַל, האָט מען געוויינלעך אין זינען, אין דער ערשטער ריי, די „ניט באַקוועמע" נאַטור. ווי אומיסטן, שטעלט זי פאַנאַנדער אָף שריט און טריט קאַלעריי שטערונגען — זי באַגעגנט די בויער מיט קונציק פאַרדרייטע טײַכן, מע זאָל דאַרפן שטעלן איין בריק נאָך דער אַנדערער. בערג און סאָפּקעס, וואַלדיקע וועגט, געפערלעכע זומפּן... פרילינג־צײַט פאַרגיסט זי דאָ אַלץ, זומער סאַרפּען שרעקלעכע היצן, ווינטער איז אַלץ פאַרשאָטן מיט א טיפן שניי.

נאָר באַם וועט בײַקומען אַלע שוועריקײַטן. באַם — דאָס איז א מעכטיקע האַנט, וואָס דאָס לאַנד שטרעקט אויס צו סיביר און צו דעם ווײַטן מיזרעך. דאָס איז א נײַ קאַפּיטל אין דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון די קאַנטן, וועלכע ליגן צווישן דעם בײַקאַל און דעם שטילן אָקעאַן. דאָס איז א וועג א נאָוואַטאָר. ער וועט מיט זײַנע רעלסן־שטראַלן אַרײַנדרינגען אין די סאַמע טיפענישן פון דער טײַגע און טראָגן אהין שײַן, הײַנטצײַטיקן שטייגער, קולטור. דער ריזיקער קאַנט וועט זיך מיט דאַנקבאַרקײַט אָפּרופן אָף אָט דער הילף און צעעפענען פאַר די מענטשן גרויסע אוצרעס. אויך די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט וועט ניט בלײַבן אין א זײַט. מיר האָבן אָנגעקלונגען אין „מאָסגיפּראָטראַנס" און געבעטן אונדז אינפאָרמירן, וויִאַזוי די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל וועט ווירקן אָף דער אַנטוויקלונג פון ביראָבידזשאַן.

— דער באַם, — האָט מען אונדז געזאָגט, — וועט דורכגיין עטוואָס צאָפנדיקער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אָבער ער וועט אָן סאָפעק האָבן א דירעקטע האַשפּאָע אָף דער

[1] דאָ און ווײַטער ווערן די לידער געגעבן אין כ. ביידערס איבערזעצונג.

דער טעסלער עוואַרד שיין

ווײַטערדיקער בויונג פון אַלע ראַיאָנען, וועלכע געפינען זיך ארום דער מאַגיסטראַל.

באַם — דאָס איז ניט נאָר אַ וועג. דאָס איז אויך אַ שול. אין אָט דער ריזיקער שול וועלן דורכגיין אַ גוטע לער פון אײַנגעשפּאַרטער מי טויזנטער יוגנטלעכע. און זי איז שוין טעטיק, אָט די שול. איך האָב זיך געקאָנט אין דעם איבערצײַגן, באַגעגענענדיק זיך מיט אירע בוי־ער אין אורגאַל און אין אַנדערע ערטער.

וואַלערי טשיזשאָוו האָט מיך באַקענט מיט עדוואַרד שיין, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק פאַרענדיקט דעם זשורנאַליסטישן פאַקולטעט פונעם לוואָווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. עדו־אַרד האָט געקאָנט זיך אײַנאָרדענען אַף אַרבעט אין זײַן היימשטאָט, אָבער ער האָט געוואָלט זיך אַליין אויספּרוּוון אין אַ נײַער קוואַליטעט און האָט זיך פאַרשריבן אַלס אַ פרײַוויליקער אינעם ערשטן אָטריאַד פון די אוקראַאיִנישע בויער. אין זײַן בלאָקנאָט (פאָרנדיק נאָך אין צוג קיין אורגאַל) האָט ער פאַרצייכנט: „ווי גוט איז צו פילן, אַז פון הײַנט אָן וועט דײַן לעבן זײַן פאַרבונדן מיט אַ בעעמעס גרויסער בויונג!“.

אַ זשורנאַליסט לויט דער בילדונג, איז עדו־אַרד שיין געוואָרן אַפּן באַם אַ טעסלער. אַהיים שרײַבט ער מונטערע בריוו, אין יעדערן פון זיי זאָגט ער צו דער מאַמען זיך אָנטאָן וואַרעם, באַצײַטנס עסן און קיין סאַך ניט רייכערן. פאַר־ריקן ווינטער האָט ער זיך ווירקלעך אָנגעטאָן וואַרעם, וואָס וואַרעמער דאַרף מען ניט. די פרעסט אין אורגאַל זײַנען דערגאַנגען צו 40—45 גראַד. מע האָט אין אַזעלכע קעלטן געדאַרפט בויען הײַזער, מאַגאַ־זינען, צופירן צו די געבײַדעס די רערן פונעם הייץ־קעסל, וועלכער געפינט זיך אינעם יישעוו. און מע איז ניט אָפּגע־טראָטן. אין מעשעך פון אָט דעם ווינטער זײַנען פון אורגאַל צוריקגעפאָרן קיין אוקראַאיִנע אינגאַנצן 26 מענטשן — זעקס און צוואַנציק פון אַכט הונ־דערט, דערבײַ אַ העלפט פון די צוריקגעפאָרענע — איבער מישפּאָכע־טײַמים אָדער לויט דער פאָדערונג פון דאָקטוירים.

דערנאָך איז געקומען דער פרילינג. די סאָפּקעס האָבן זיך באַדעקט מיט גרינס און מיט קוויטן. וועגן אורגאַל האָט מען אין די צענטראַלע צײַטונ־גען און זשורנאַלן געשריבן אַר־טיקלען און פאַרצייכענונגען, רעפּאָרטאַזשן און לידער, און יעדע שורע איז געווען אַ לויבגע־זאַנג דעם העלדנמוט פון זײַנע בויער, זייערע גוטע אויפטוען און דרייסטע פּלענער.

אַף אַ מעהאַלעך פון צוואַנציק קילאָמעטער פונעם דריטן ראַזיעזד געפינט זיך די באַזע פון דער סעלעמדזשינער עקספּעדיציע פונעם אינ־סטיטוט „מאָסגיפּראָטראַנס“. צוזאַמען מיט איר שעף — וואַלערי אַראָנאָוויטש פאָזינען זײַנען מיר ניט איין מאָל געפלויגן אין די ווײַטע אויסשפּיר־פּאַרטיעס, און נאָכן אַרבעטסטאָג, אויסגעמאַטערטע פון אַרומגיין איבער די זומפּן און מאַרעס, צוזעצנדיק זיך צום שײַטער, — גע־פירט לאַנגע געשפּרעכן. געשמועסט וועגן פאָ־זינען האָב איך ניט בלויז מיט אים גופע, נאָר אויך מיט אַנדערע מענטשן פון דער עקספּעדי־ציע. איך האָב זיך צוגעקוקט צו אים, געוואָלט פאַרשטיין, וואָס עס איז אַלעמען אַזוי געפעלן אין אָט דעם קרעפטיקן מענטשן, וועלכער האָט אויסגעזען קימאַט אין איין עלטער מיט מיר.

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט פאָזינען אַף צאָפן פון דער אַמורער געגנט, אין דאָרף פעווראַלסקאָיע, אַף דער טראַסע פון דער קומענדיקער מאַגיסטראַל, דאַן איז וואַלערי אַראָנאָוויטש געווען הויפּט־

דער שעף פון דער סעלעמדזשינער עקספּעדיציע וו. א. פּאַזין (לינקס) שמועסט מיט די בויער

אינזשעניער פון דער סעלעמדזשינער עקספּע־דיציע.

בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט ער געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ מענטשן אַ ניט באַרײדעוודיקן, אַפילו עטוואָס אַ טרוקענעם. דאָס איז אָבער געווען אַ ריין אויסערלעכער אײַנדרוק. ניט־געדולדיקײַט צו פּוסטע רייד, גרויסע פאָדערונגען צו מענטשן און אין דער ערשטער ריי צו זיך — אָט דאָס זײַנען די גרונט־שטריכן פון פּאָזינס כאַראַקטער.

די באַזע פון דער עקספּעדיציע געפינט זיך אין אַן אַלט צווייִשטאָקיק הויז אַ קילאָמעטער פון אורגאַל. אויפן ערשטן שטאָק — פּאָזינס קאַבינעט, אויפן צווייטן — אַ צימער, וווּ ער וווינט. אינעם צימער — בלויז דאָס סאַמע נייטיקסטע: אַ בעטל, ביכער, אַ טעלעפאָן. איבערן שרײַבטיש הענגט אַ מאַפּע, אויף וועלכער עס איז מיט פּענדעלעך אָפּגעמערקט די באַוועגונג פון די אויסשפּיר־פּאַרטיעס.

איך קוק אויף דער דאָזיקער מאַפּע, ווי אויף עפּעס זייער באַקאַנטס. פּלוצעם האָב איך זיך דערמאָנט: טאַקע אַזוי, מיט פּענדעלעך, פלעגט מען אָפּמערקן אויף די מיליטערישע מאַפּעס די באַוועגונג פון אונדזער מיליטער. וועגן דעם האָב איך געזאָגט וואַלערי אַראָנאָוויטשן. ער

האָט זיך פאַרטראַכט, פאַרכייכערט, עטלעכע מאָל זיך טיף פאַרצויגן און געזאָגט:

— פאַרשטייסט, די מלחמה האָט אַזוי אָדער אַנדערש באַרירט מיט אירע שוואַרצע פליגלען יעדן מענטשן. איך בין געבוירן געוואָרן אינעם איין־און־פערציקסטן, ווען איבער ברעסט האָבן זיך באַוויזן דעם סוינעס עראָפּלאַנען מיט באָמבעס, ווען די איינציקסטע און וויכטיקע ווערטער זײַנען געווען: „דאָס פאָטערלאַנד רופט!”. אויפן פראָנט איז פרײַוויליק אַוועק אויך מײַן טאַטע, וועלכער איז געווען הויפּט־בוכהאַלטער פון אַ מאָסקווער זאַוואָד. אַ קליינוווּקסיקער, אין ברילן, האָט ער, ווי טויזנטער אַנדערע סאָוועטישע מענטשן, ניט שאַנעווענדיק דאָס לעבן, געקעמפט קעגן דעם פאַרביסענעם סוינע.

פּאָזין איז אַנשוויגן געוואָרן. דערנאָך פאַרגעזעצט:

— מײַן זון וועט הײַאָר גיין אין ערשטן קלאַס — אין דרײַסיק יאָר אַרום נאָכן זיג. דאָס ערשטע שול־גלעקל, די ערשטע לערערן — אַלץ פאַר אים וועט זײַן צום ערשטן מאָל. צוליב דעם טאַקע איז געגאַנגען אין אַטאַקע מײַן פאָטער. איך געדענק וועגן דעם שטענדיק.

...אונטער דער זומערדיקער זון איז די טײַגע געווען העל־גרין. דער שאָטן פון אונדזער ווערטאָליאָט האָט זיך געגליטשט איבער די ביימער. פאַזין האָט א קוק געטאָן אין אילױמינאַטאָר און געזאָגט צו מיר:

— קוק, באלד וועט זײַן דער לאגער.

אין עטלעכע מינוט ארום האָבן מיר דורך די ביימער דערזען פינף פאלאטקעס, א ווערדעכאַד לעבן איינער פון זיי און א קליינעם פלאַץ — דעם „אעראָדראָם”.

דער ווערטאָליאָט האָט שנעל זיך א גליטש געטאָן אראָפּ און שווערלעך זיך אראָפּגעלאָזט אָפּן פלאַץ.

— געקומען! — האָט פריילעך א זאָג געטאָן פאַזין און זיך אוועקגעלאָזט דורכן זומפּ צו די פאלאטקעס. אף אים האָט מען דאָ געוואַרט. ער איז גלײַך ארויסגעפאָרן אף דער טראַסע. זעקס יונגע כעוורע אין קאַסקעס האָבן דאָרט זיך געגרייט בויערן דעם אַרדנטלעכן שפּאלט אין באָדן. פאַזין האָט באפוילן אָפּשטעלן די ארבעט.

— באווײַזט מיר די מוסטערן פון דער פּאַראַדע, — האָט ער געפאָדערט.

שפּעטער האָט וואלערי אראַנאָוויטש צוניפּגענומען די בויערער:

— דעם שפאלט וועלן מיר איצט מאכן טיפער. דער פּראָפיל פון אײַער באצירק איז א קאָמפּליצירטער, דער באָדן — א ליימיקער, ער ווערט צעשווומען, ווי זייף, דערפאר טאקע דארף מען בויערן טיפער. די נײַע מוסטערן מוזן אין א וואָך ארום זײַן אף דער באַזע. פאַרשטענדלעך?

און נאָכאמאָל האָט זיך דער ווערטאָליאָט אופגעהויבן אין הימל. עס זײַנען געבליבן פון אונטן פינף פאלאטקעס, די בויערונג־אײַנריכטונג. אונדזער קורס — אף דער באַזע, קיין אורגאַל. פאַזין האָט ארויסגענומען פון זײַן פלאַנשעט עפּעס א סכעמע, זיך פארטיפט אין איר.

איך האָב געקוקט אף אים און זיך דערמאָנט זײַנע רייד וועגן דער מילכאָמע, וועגן דעם פאָטער, וועגן דעם זיבנאָריקן אנדרייקע. פאר פאַזינען איז אף שטענדיק פארבליבן דאָס וויכטיקסטע: שטענדיק געדענקען, מיט וועלכער פרײַז איז ארויסגעקעמפט געוואָרן דאָס לעבן, דאָס גליק צו ארבעטן, צו כאָוועןקינדער.

אָן ארויסלאָזניק פונעם מאָסקווער אינסטיטוט פון טראַנספּאָרט־אינזשעניערן, האָט ער געבויט טראַסעס אין מיטלאַזיע און קאַזאַכסטאַן, אפּן קאַספּי, איצט בויט ער דעם ב א מ — די מאגיסטראַל פונעם יאָרהונדערט, דעם הויפּט־וועג פון זײַן לעבן.

טאקע אין מאנגישלאַק האָט אים דער גורל צונויפגעפירט מיט זײַן נאדיען. זי האָט געארבעט אין איין אינסטיטוט מיט אים — אין „מאָסגיפּראָטראַנס”. די כאסענע זייערע איז געווען אין דער טײַגע, אין א פאלאטקע, און דאָרט האָבן זיך צונויפגעזאמלט פאַזינס כאווײרים — באַבערדלטע יונגעלײַט אין ברעזענטענע רעקלעך, אויסשפּירער, ראדיסטן, מאָנטאַזשלער, געאָלאָגן. די קרוינען פון סאָסנעס און ברעזעס זײַנען געווען באגילדעט מיט זונען־שײַן. און איך האָב זיך פארגעשטעלט, ווי אין א סאַך יאָרן ארום וועט וואלערי אראַנאָוויטש פאַזין, שוין א זאָקן, דערציילן זײַנע אייניקלעך וועגן אָט דער ווונדערלעכער כאסענע... און איך האָב אָנגעשריבן א ליד:

די כאסענע יענע — ווי קאָן איך פארגעסן,
די סימכע אף אייביק געדענקען דו וועסט:
אף צוויגן, ווי געסט, זײַנען פויגלען געזעסן,
און אונטן — ווי פויגלען — געקומענע געסט.
געטרונקען לעכאים, געטראָגן געשאַנקען,
און שטערן — אלס דראַשע־געשאַנק — זייער פלאַם,
דאָס טיכל פארוואָרפן אף אקסל אף שלאַנקע,
געזעסן די קאלע איז שיין, מאָלע־טאָם.
א דאנק דיר, מײַן טײַגע, וואָס לערנסט מיך לעבן,
א דאנק, סעלעמדזשא, פאר דײַן ליכטיקן קוואַל,
און דיר, וואָס אזויפיל האָסט פרײַנט מיר געגעבן
אין יעדער פאלאטקע אין דײַנער, אורגאַל!
א דאנק דיר, מײַן גורל, וואָס ווילסט ניט פארזאמען
מײַן גאנג צו דעם וווּנדער פון רומפּולע טעג,
פאר דעם, וואָס דו האָסט אונדז פארבונדן צוזאמען —
דעם וועג פון יאָרהונדערט, דעם אייגענעם וועג!..

איך האָב דורכגעלייענט פאַזינען די ליד אין א רעגנדיקן, קאלטן טאָג, אפּן ברעג פונעם טײַגע־טײַכל אָלאָנקע. אײַנגעוואָרעט אין דער פלאשטש־פאלאטקע, האָט וואלערי אראַנאָוויטש געטראכט וועגן עפּעס זײַנס, דערנאָך זיך א כאַפּ געטאָן, צעריבן מיט די פינגער דעם ציגײַער און געזאָגט:

— נו, ליריקער, אף הײַנט וועט זײַן גענוג. צו דער ארבעט! — און איז אוועק צום וואַגאָנדל פון די בויערער. אין א מינוט ארום האָב איך דערהערט זײַן קאָל:

— שליסט אײַן דעם מאָטאָר, מירן צופאָרן אף דער טראַסע.

מענטשן פון דער טראַסע

אַלאַנקע איז אַ קליין טײַגע־טײַכל, אפן ברעג פון וועלכן עס געפינט זיך דער לאגער פון די אויסשפירער. און נאָך איז אַלאַנקע אַ קליין געלהינטל, וואָס האָט לאנג, ביז עס האָט זיך ניט צוגעוווינט, געבילט אף אונדז, ווי דער עמעסער באַלעבאָס פון דער טײַגע. בא יעדן אויסשפירער איז שטענדיק פאראַן פאר אים אַ שטיקעלע צוקער אָדער אַן אנדער נאַשערײַ. בא אונדז אָבער איז, כוץ די פּאָטאָ־אַפּאַראַטן און בלאָקנאָטן, גאָרנישט ניט געוועזן, און דאָס איז, נאַטירלעך, אַלאַנקען ניט געפעלן געוואָרן.

אָבער אינגיכן האָבן מיר זיך באַפרײַנדעט, און אַלאַנקע האָט, פאָכענדיק פריילעך מיטן עק, ארויסבאַגלייט אונדז אף דער טראַסע און אונדז באַגעגנט נאָך דער ארבעט. דער שעף פון דער אויסשפיר־פּאַרטיע סטרוקאָוו האָט אפילע ניט געוווּסט, פונוואַנען אָט דאָס קליינע נעפּעשל האָט זיך אַהער גענומען. ווײַזט אויס, אַז אַלאַנקען האָט געבראַכט אין טײַגע עמעצער פון די ארבעטער, און איצט, ווען די אויסשפירער גייען אוועק אף דער טראַסע, דרייען זיי אויס דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן, וויאַזוי אַלאַנקע לויפט ארום אינעם גראָז.

...סטרוקאָווס לאַגער האָט אָנגעהויבן ארבעטן סאָף מארט 1975. די אופגאַבע פון די אויסשפירער איז געוועזן — אויסזוכן און „דורכקלאַפּן" אין דער טײַגע אַ מאַגיסטראַל־טראַסע 17 קילאָמעטער די לענג.

וואָס איז אַזוינס 17 קילאָמעטער פאַר די, וועלכע זײַנען געוווינט צו גלאַטע אַספאַלטירטע וועגן, צו שנעלקײַטן פונעם הײַנטצײַטיקן טראַנספּאָרט? דאָ אָבער, אין דער טײַגע, ציִען זיך אָט די קילאָמעטערס אויסערסט לאַנג און שווער — דורך זומפּן און שטאַמענברוך, זיי שנײַדן איבער בארג־טײַכן, הייבן זיך אוף צו סאָפּקעס — און דאָך גייען זיי פאָרויס, אף מיזרעך, צום אָקעאַן.

אַלעקסיי ניקיטאָוויטש סטרוקאָוו ארבעט אפן ב א ם דאָס צווייטע יאָר. אָבער דעם איצטיקן פעלד־סעזאָן האַלט ער פאַרן שווערסטן אין זײַן אויסשפיר־פּראַקטיק. זײַן פּאַרטיע שטויסט זיך די גאַנצע צײַט אָן אף קאָמפּליצירטע רעליעפן.

— אַ באַצירק איז אונדז אויסגעפאַלן אַ פריילעכער, — שמייכלט סטרוקאָוו, — אין גרונט גייט ער דורך אין דער זאָנע פון אייביקער געפרוירנקײַט, און פאַר אונדז איז עס קימאַט אַן אומבאַקאַנטע זאַך. אָבער אונדז קומט שטענדיק צו הילף די סקאָוואָראָדינאָער געפרוירנקײַט־סטאַנציע און איר שעף — דער קאַנדידאַט פון

דאָ וועט זײַן די סטאַנציע אַלאַנקע. דער שעף פון דער געאָלאָגישער גרופּע אַ. נ. סטרוקאָוו (אין צענטער) מיט די יונגע אינזשעניערן וואַלענטינע און סערגיי קראַסנאָבײַעווס



געאָגראַפֿישע וויסנשאַפֿטן פּיאָטער ניקאָלײַעוויטש לוגאָוואָי.

דערנאָך האָב איך געזען אַף דער טראַסע, מיט וועלכע שוועריקייטן די מענטשן באַהערשן ניט נאָר קילאָמעטערס, נאָר בוכשטעבלעך יעדן מעטער פון דער מאַגיסטראַל. די אויסשפירער האָבן אונטערגערעכנט, אַז די הייך פונעם אַנשיט אונטער דער אײַזנבאַן־ליניע דאַרף זײַן ניט ווינציקער פון צוויי מיט אַ האַלבן מעטער, קעדיי פאַר די לאַנגע יאָרן פון דער עקספּלואַטאַציע זאָל דער גרונט אונטערן אַנשיט זיך ניט צעגיין. דאָס באַטײַט, אַז מע דאַרף זייער פּינקטלעך פעסטשטעלן די טיף פון דער געפרוירנקייט. דער עקסקאַוואַטאָר־קויש טויג דאָ ניט, קומט דעריבער אויס אָנווענדן אופרײַסן.

כוץ דעם, פאָדערט דער כאַראַקטער פון די אויסשפירונגען אַף דעם דאָזיקן באַצירק, עס זאָל אײַנגעשטעלט ווערן יעדע הונדערט מעטער אַן אַזויגערופענער פּיקעטירטער צייכן. צווישן זיך רופן אים די אויסשפירער פּאַשעט: „פּיקעט". ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ שטאָלענעם שטאַנג עטלעכע מעטער די לענג. 17 קילאָמעטער פון דער טראַסע — דאָס איז 170 פּיקעטן, וועלכע „ווילן ניט" קריכן אין דער ערד, וואָס איז דורכגעפרוירן אַף אַ סאַך מעטער אין דער טיף און איז האַרט ווי אײַזנבעטאָן.

אָבער די אויסשפירער גייען פאָרויס, און יעדערער פון זיי האָט פונקט ווי פאַרגעסן דאָס וואָרט „אוממעגלעך".

איז ווער זשע זײַנען זיי, אָט די ערשטע בויער פונעם ב א ם, די אויסשפירער פון סטרוקאָווס פאַרטיע? אין דער ערשטער ריי איז עס אַליין אַלעקסיי ניקיטאָוויטש סטרוקאָוו — אַן אַרויסלאָזניק פונעם מאָסקווער בוי־טעכניקום, וועלכער האָט איצט שוין אַ צוואַנציקיאָריקן סטאַזש פון אויסשפּירן טראַסעס אין באַשקיריע, קאַזאַכסטאַן, קאַלמיקיע, אין דער מאָנגאָלישער פאָלקס־רעפּובליק, סיריע און אין אַנדערע ערטער. באַנאַנד מיט סטרוקאָוון אַרבעטן דער עלטערער אינזשעניער־אויסשפירער סערגיי ניקאָלײַעוויטש ראַזין, דער שעף פון דער קאַמעראַלער גרופּע אַנאַ איוואַנאָוונאַ פּראַנינאַ און אויך די יוגנט — די טעכניקער סערגיי און וואַלענטינע קראַסנאַבאַיעווס, דער עלטערער אינזשעניער גולאַד אַביסאַדזע, דער אינזשעניער לעוואַן ציסקאַרישווילי, די טעכניקער וויקטאָר דולקיס און סערגיי קיסליצקי.

אַף דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פון פאַרשיידענעם עלטער, און פיל פון זיי זײַנען אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן. אָנומלטן האָב איך געפרעגט באַ פאַזינען:

— וואַלערי אַראַנאָוויטש, און אַנטיילנעמער פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע זײַנען אין אײַער עקספּעדיציע פאַראַן?

— וואָדען, — האָט.. ער.. געענטפערט, — איך וועל זיי באַלד אויסרעכענען... נאָר אָט וועגן וועמען עס לוינט בעפייערעש אָנשרײַבן: וועגן וואַלענטינאַ פּעטראָוונאַ מאַראַזאָוואַ, דער ראַדיסטקע אין סטרוקאָווס פאַרטיע. וואַלענטינאַ מאַראַזאָוואַ, קאָן מען זאָגן, איז פאַר אונדזער מאַגיסטראַל אַן אויצער...

דער ווערטאַליאָט טראָגט מיך אוועק אין דער טײַגע, ווו אין איינער פון די פינף פּאַלאַטקעס, וועלכע זײַנען דאָ אופגעשטעלט, אַרבעט באַ איר ראַציע אַ פרוי מיט אַ גוט און ליב פּאָנעם. אַ גאַנצן טאָג טרעט איך ניט אָפּ פון איר. איך דערוויס זיך אייניקע פּראַטים פון איר לעבן.

דאָס יאָר 1942. שווערע שלאַכטן אַף אַלע פראָנטן. דאָס זיבעצניאָריקע מאָסקווער מיידל וואַליע מאַראַזאָוואַ רעדט אײַן דעם מיליטערישן קאָמיסאַר, ער זאָל זי שיקן אַפן פראָנט אין באַשטאַנד פון אַ בריגאַדע פרײַוויליקע. זי קומט אָן אין אַ שול פון אויסשפירער, ווערט אַ ראַדיסטקע, גייט דורך אַ ספּעציעלע צוגרייטונג און מע „פאַרוואַרפט" זי אין הינטערלאַנד, צו די דײַטשן, אין איינעם אַן אוקראַיִנישן דאָרף, ווו זי דאַרף שפּילן די ראָל פון אַן אייניקל פונעם זיידן אַנדריי, „אַ פאַשיסטישן אונטערלעקער". אַנדריי איז ביז דער מילכאָמע געווען אַן אַגראָנאָם הינטער מאָסקווע, איצט איז ער לויטן באַפעל פון דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט געוואָרן אַ פּאָליצײַ. און דאָס איז ניט קיין מאַסקע, וועלכע מע קאָן אינדערפרי אַרופציִען אַף זיך און אין אָוונט אַראָפּוואַרפן. דער זיידע פרייט זיך, וואָס עס פאַרהאַסן אים מענטשן, צוליב וועלכע ער ריזיקירט יעדער מינוט מיט זײַן לעבן...

א סאַך מענטשן האָבן געראַטעוועט דער „זיידע" און דאָס „אייניקל". צענדליקער פאַרשיפּרירטע ראַדיאָגראַמעס האָט איבערגעגעבן וואַליע אַף דער „גרויסער ערד", און אין יעדערער פון זיי — אָנגאַבן וועגן דעם סוינע, וועגן דער דיסלאָקאַציע פון זײַן מיליטער.

אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָבן דער זיידע אַנדריי און וואַליע געמוזט אַנטלויפן פונעם דאָרף. דער זיידע איז געווען איר שעף, און ווען אין אַ צופעליקער איבערשיסונג מיט די פאַשיסטן איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, האָט ער באַפוילן:

— גיי, וואַליע. צו אונדזערע, וואַרט ניט אַף מיר. איך וועל זיך שוין ניט אופהייבן.

וואַליע האָט געפרוווט דערווידערן, אָבער אַנדריי האָט אַרויסגעעטעמט:

— אנדערש טאָר מען ניט, וואַליע, עס גייט א מילכאָמע...

און זי איז אַוועק. און וואָס האָט זי נאָך געקאָנט טאָן? „עס גייט א מילכאָמע, וואַליע". זי איז דערגאַנגען צו אונדזערע, און, ווידער אינעם הינטערלאַנד, האָט זי זיך פאַרליבט אין א מענטשן, אויך אַן אויסשפּירער, וואָס אפילע זײַן עמעסן נאָמען האָט זי זיך ניט דערוווּסט. ער איז אָף שטענדיק פאַרבליבן פאַר איר לויטן פּאַראָל — „קעלט", און זי — „די זעקסטע". „קעלט, איך בין די זעקסטע", — פלעגט זי שיקן אין עפיר איר פּאַראָל. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אָף דער באַזע פון א פאַרגעבונג, האָבן זיי זיך באַגעגנט. און אינדערפרי איז זי אַליין אַרויסגעפלויגן אָף א פאַרגעבונג. אַזוי פלעגט טרעפן אָפט: ער קערט זיך אום — זי גייט אַוועק. איינמאָל האָט ער זיך ניט אומגעקערט. „קעלט! קעלט, ענטפער, איך בין די זעקסטע! קעלט, איך בין די זעקסטע!". צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד פלעגט זי רעגולער אַרויסגיין אין עפיר, געפּאָדערט, געבעטן. אָבער דער עפיר האָט געשוויגן. דערנאָך האָט מען זי „אַריבערגעוואָרפן" אָף אַן אַנדער פראָנט, אָף אַן אַנדער באַזע.

אין פינף־און־פערציקסטן איז בא וואַליען געבוירן געוואָרן א זון. אינעם זיבעציקסטן איז זי געוואָרן א באָבע. וועגן דעם האָט זי זיך דערוווּסט פון א ראַדיאָגראַמע, וועלכע זי אַליין האָט אופגענומען. זי איז אַרויס פון דער פּאַלאַטקע מיטן בייגעלע פּאַפּיר אין די הענט און זיך אַראָפּגעלאָזט אָפן גראָז: „אָט איז געקומען די צײַט זיך ניאַנטשען מיטן אייניקל"...

דעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם זיג האָט זי אויך אָפּגעמערקט אין דער טײַגע, אָפן ברעג פונעם טײַכל אַלאַנקע, אין דער אויסשפּיר־פּאַרטיע פונעם אינסטיטוט „מאָסגיפּראָטראַנס". דרײַסיק יאָר. עס זײַנען שוין פאַרענדיקט די אויסשפּירונגס־אַרבעטן אָפן באַצירק באַם — טינדאַ. פון טינדאַ איז מאָראָזאָווא אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער זעיער עקספּעדיציע און דערנאָך — אין דער סעלעמדזשינער. אַזוי לעבט זי די גאַנצע צײַט אין דער טײַגע, אין פּאַלאַטקעס. און אַלע טאָג, אין באַשטימטע שאָען, גייט זי אַרויס אין עפיר אָף א פאַרבינדונג מיט דער באַזע, און דער הויפּט־ראַדיסט פונעם מיזרעכדיקן באַצירק פון באַם ליסיצין דערקענט גלײַך איר „האַנטשריפט" — א רויִקן, בוילעטן, זיכערן האַנטשריפט פון אַן עכטן מײַסטער.

איך זיץ מיט וואַלענטינע פּעטראָוונען אין איר פּאַלאַטקע. אָפן טיש, לעבן דער ראַציע — צוויי פאָטאָגראַפיעס. אָף איינער, א פאַרגעלטער פון דער צײַט — זי אַליין, א שמייכלענדיקע, יונגע, מיט אַן אָרדען פון דער רויטער שלאַכטפאָן אָף דער ברוסט. פון דער צווייטער פאָטאָגראַפיע קוקט אַראָפּ א סימפּאַטישער העלהאָריקער באָכער אין א פּילאָטקע...

וואַלענטינא פּעטראָוונא האָט ווייך א שמייכל געטאָן:

— ניין, דאָס איז ניט „קעלט". דאָס איז וואָלאָדיע, אונדזער זון. ער האָט געדינט אָפן ווײַטן מיזרעך, דערנאָך געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר אין עקספּעדיציע, געהאַקט פּראָסעקעס, געווען א בויערער. איצט לערנט ער זיך אין א לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט, שרײַבט מיר אַלע וואָך בריוו, רופט אַהיים, קיין מאָסקווע. אָבער איך קאָן זיך שוין ניט באַגיין אָן דער טײַגע. געוווינט געוואָרן זיך וואַשן מיטן וואַסער פון ווילדע טײַכלעך, ווינטער טרינקען טיי פון שניי און אין די אינדערפריִען וואַרטן אָף א ווערטאָליאָט מיט דער פּאָטשט און מיט פּראָדוקטן...

זי איז אַנשוויגן געוואָרן און זיך פאַרטראַכט. איך האָב אויך געשוויגן און געטראַכט וועגן דעם, וויפל עס איז אויסגעקומען איבערצולעבן אָט דער אויסערגעוויינלעכער פרוי. און ווען אונדזער ווערטאָליאָט האָט זיך אופגעהויבן איבערן לאַגער פון די אויסשפּירער, האָב איך דערזען אין איליומינאַטאָר איר פּאַלאַטקע מיט דער הויכער באַזילבערטער אַנטענע. ס'איז געווען „פּופּצן אַזייגער" — די צײַט פון אַרויסגיין אין עפיר...

יאָ, וואַלערי אַראַנאָוויטש פאָזין איז געווען גערעכט: די מענטשן, וועלכע אַרבעטן אָפן באַם, — דאָס איז בעעמעס א גרויסער אוצער. און איך בין גליקלעך, וואָס כ'האָב געהאַט דעם זכוס צו באַגעגענען זיך מיט זיי, זיצן מיט זיי בא איין שײַטער, גיין איבער דער טײַגע און טרוימען וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג פון אָט דעם וווּנדערלעכן קאַנט.

טרוים גייט דאָ באַנאַנד מיט דער וואָר. דער וואַנגאַרד־אָטריאַד „דאָנבאַס" האָט זיך אַרויסגעזעצט אין אורגאַל דעם 4 נאָיאַבער 1974 און אויסגעבויט די ערשטע צוזאַמענוווינונג אין דער טיפעניש פון דער טײַגע. דאַכט זיך, א צײַטווײַליקע זאַך: א דאַך איבערן קאָפּ. נאָר די בויער פון אוקראַיִנע האָבן גענומען מיט זיך אַן אַרכיטעקטאָר און נאָך אונטערוועגנס זיך צונויפגערעדט: בויען אפילע צײַטווײַליקע וווינונגען, אַזוי, אַז זיי זאָלן פרייען דאָס אויג, פונקט ווי אָט די ערשטע הײַזער וואָלטן געשטעלט ווערן אָף אייביק. און טוט איצט א קוק: ס'האָבן זיך שוין באַוויזן עטלעכע גאַסן, הײַזער באַלעבאַטישע, אַקוראַטע. איך האָב געהערט, ווי דעם 1 סענטיאַבער האָט זיך דאָ צעקלונגען א שול־גלעקל, און ס'איז נאָך פריילעכער געוואָרן...

איך בין צוזאַמען מיטן שעף פונעם שטאַב

בויער פון מאָלדאוויע. באָריס גאָלדמאַן (לינקס) און וולאַדימיר כאַצרעווין

די ראַדיסטקע וו. פּ. מאַראַזאָווא

אפן מיזרעך־באַצירק פון דעם ב א ם יעוגעני לאַגונאָוון געגאַנגען צו דער סטאַנציע איזוועסטקאָוואיא, קעדיי באַגעגענען א נײַעם אָטריאַד בויער — דאָס מאָל פון מאָלדאוויע. פונדאַנען, פון איזוועסטקאָוואיא, וועלכע געפינט זיך אף דער טערריטאָריע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, איז א גלײַכער וועג אף צאָפן — קיין אורגאַל.

די נײַ־געקומענע האָבן אַלץ געוואָלט וויסן: וואָס פאַר א וועטער ווערט דערוואַרט אין די נאָענטסטע טעג, און ווען וועט מען זיי אײַנשליסן אין דער אַרבעט, צי וועט זײַן וווּ צו וווינען, און צי איז שוין פאַראַן א קאָנקרעטער פּלאַן וועגן דעם אויסזען פון אָט די ערטער אין דער נאָענטסטער צײַט... לאַגונאָוו האָט אויספירלעך געענטפערט אף אַלע פראַגעס, און די אימפּראָוויזירטע „פּרעסע־קאָנפערענץ" איז פאָרגעזעצט געוואָרן דערנאָך אין צוג, וועלכער האָט געפירט די מאָלדאַווער בויער צו דער סטאַנציע אַלאָנקע, וועלכע איר פאַרשפּאָרט דערווײַל זוכן אף דער מאַפּע, ווײַל זי איז בלויז אָנגעמערקט אין די פּלענער פון דער מאַגיסטראַל.

איינער פון די נײַ־אָנגעקומענע האָט באַזונדערס געגוי און מיט אַלע פּראָטים געהאַלטן אין אויספרעגן לאַגונאָוון. „ווײַזט אויס, א דערפאַרענער בויער", — האָב איך א טראַכט געטאָן. אויסגעקליבן א מינוט, ווען דער באָכער איז אוועק אין טאַמבור פאַררייכערן, האָב איך זיך מיט אים באַקענט.

— באָריס גאָלדמאַן, — האָט ער מיר אויסגעשטרעקט א האַנט.

לאָזט זיך אויס, אַז גאָלדמאַן איז קיין בויער קיינמאָל נאָך ניט געווען — ער האָט געאַרבעט אין דער קעשענעווער פּראָדוציר־פאַרייניקונג „אוניווערסאַל" אַלס טעלעמעכאַניקער און לויט א קאָמיוגישער פּוטיאָווקע באַשלאָסן פאָרן אפן ב א ם.

— אַלאָנקע, וועלכע מיר וועלן בויען, — האָט פּלוצעם א זאָג געטאָן באָריס, — וועט זײַן די שענסטע סטאַנציע אפן ווײַטן מיזרעך.

— ביסט אין דעם איבערצײַגט? — האָב איך געפרעגט.

גאָלדמאַן האָט א שמייכל געטאָן:

— נו, געוויס! צוליב וואָס זשע דען זײַנען מיר אַהער געקומען? אָן אָט דער איבערצײַגונג האָט מען דאָ ניט וואָס צו טאָן!..

אין א מעסלעס אַרום האָב איך אין דער טײַגע, אפן אָרט פון דער קינפטיקער סטאַנציע, זיך באַגעגנט מיט דעם שעף פונעם ספּעציאַליזירטן בוימאָנטאַזש־צוג „מאָלדאַווסטראָיבאַם" איגאָר אַלעקסאַנדראָוויטש פּאַנאָוון.

— אָט דאָ, אף דעם אָרט, ווו מיר שטייען איצט מיט אײַך, — האָט געזאָגט פּאַנאָוו, — וועט זײַן א גאָרקיך אף 150 ערטער... מאָרגן וועלן מיר פאַרלייגן דעם פונדאַמענט פון פיר צוזאַמענוווינונגען, פון אַן אויבס־קעלער און פון א מאַגאַזין... קורץ, דעם ווינטער וועלן מיר באַגעגענען ניט מיט הוילע הענט. און אין אָנהייב פונעם קומענדיקן יאָר וועלן מיר שוין צוטרעטן צו אויספּילן די הויפּט־אויפגאַבע אונדזערע — בויען די סטאַנציע און דעם ייִשעוו אַלאָנקע.

אין מײַן בלאָקנאָט איז דער געשפּרעך מיט איגאָר אַלעקסאַנדראָוויטשן פאַרנאָטירט ביישכיינעס מיט אַנדערע פאַרנאָטירונגען, וועלכע איך האָב געמאַכט דאָ ניט לאַנג, אין סענטיאַבער 1975, ווען איך האָב נאָכאַמאָל באַזוכט אורגאַל און בין געווען בא די בויער פון אוקראַינע. דאָס איז געווען מײַן דריטער אַרויספאָר אפן ב א ם, און איך בין פּאָשעט איבעראַשט פון דעם, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן.

די ערשטע בריק

מײַן דריטער באזוך איז צונויפגעפאלן מיט די טעג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור אפן ווײַטן מיזרעך, און אין אורגאל האָבן זיך די בויער באגעגנט מיט א גרויסער גרופּע סאָוועטישע שרײַבער.

— איר טוט א פּרעכטיקע זאך, — האָט געזאָגט בײס אָט דער באגעגעניש, ווענדנדיק זיך צו די בויער, דער פאָלקס־דיכטער פון קאלמיקיע דאוויד קוגולטינאָוו. — איר שענקט דעם לאנד א וועג, וואָס וועט געבן זייער א סאך פארן גוירל פון מענטשן, פאר פלענער מעלוכישע.

מע האָט ארומגערינגלט דעם רוסישן פּאָעט יורי ראזומאָווסקי און אים געבעטן אָנשרײַבן א ליד, וועלכע זאָל רופן די יוגנט פאָרן אף דער בויונג פון דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל. דער דיכטער האָט צוגעזאָגט, און, שוין אומקערנדיק זיך קיין ביראָבידזשאן, האָב איך איבערגעלייענט זײַן ליד אין דער „ליטעראטורבאיא גאזעטא":

דערווײַל זײַנען דאָ סאָפּקעס
און זומפּן רונד־ארום,
און בערן ערגעץ טאָפּטשען
די טײַגע מיט געברום.
נאָר בריקן גיך דאָ וועלן
דורך טײַכן טאָן א שפּרונג,
און סטאנציעס צעשטעלן
זיך וועלן פריש און יונג.
און ווילסטו שאפן וווּנדער,
איז דאָס אין דיר געווענדט:
די בויונג פון יאָרהונדערט
דארף יונגע, הייסע הענט.
און אויב געוואגטקײַט האָסטו,
איז קום אהער צו גיין,
דאָ שפּאנט אין שטיוול פּראָסטע
די העלדישקײַט אליין.
און פרייד א פולן לאָגל
מיר וועלן האָבן דאן,
ווען פון בײַקאל וועט יאָגן
דער צוג צום אָקעאן.
מיט שטראלן־רעלסן שווערע
מיר וועלן, ווי עס פּאסט,
אין צוואנציק ערשטער ערע
ארײַנפאָרן צוגאסט!

יאָ, פּינקטלעך האָט געזאָגט דער פּאָעט: „בריקן גיך דאָ וועלן דורך טײַכן טאָן א שפּרונג". א בריק — דאָס איז אן אומבאדינגטער טייל פון א באליביקן וועג. נאָך מער, אָן בריקן איז דער וועג קיין וועג ניט. אָט נעמט, אשטייגער, דעם וועג צו קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור. ווען נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן איז געבוירן געוואָרן דער פּראָיעקט פון דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל, האָט מען באשלאָסן דעם מיזרעכדיקן באצירק אירן — דעם „סאמע מיזרעכדיקסטן" — דורכלייגן פון קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור ביז סאָוועטסקאיא גאוואן. און אָט דעם באצירק, פיר הונדערט שווערע קילאָמעטער, האָט מען אויסגעבויט. דער ב א ם האָט זיך, אזויארום, דורכגעריסן צום אָקעאן. איז, דוכט זיך, גוט: מע וועט דורכלייגן רעלסן אף די איבעריקע באצירקן פון דער מאגיסטראל, מע וועט זיי פארייניקן מיט דער גרייטער ליניע — און פאָרט אײַך, יאָגט אײַך, צוגן, אף מיזרעך, צום סאמע שטילן אָקעאן! דאָס איז אזוי, און ניט אזוי. צווישן דעם וועג און דעם אָקעאן, צווישן דער שטאָט און דעם אָקעאן־ברעג איז געבליבן א באצירק אָן רעלסן. און אָן א בריק האָט מען זיי ניט געקאָנט דורכלייגן.

דער דאָזיקער באצירק — איז דער אמור. אינגאנצן עטוואָס מער פון אָנדערהאלבן קילאָמעטער, נאָר ספּעציפישע — פאר א בריק.

דער לינקער ברעג און דער רעכטער ברעג... איינער פון זיי, דער שטאָטישער, איז אָנגעשפּיקעוועט מיט שיפלעך, פארבויט מיט הײַזער. צו אָט דעם לינקן ברעג דערגייען אפילע ניט די קלאנגען פון דער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט. און אפן רעכטן ברעג איז, ווי פריִער, טײַגא און סאָפּקעס.

זומער פלעגן גיין איבערן אמור פּאראָמען מיט אײַזנבאן־וואגאָנען. ווינטער, ווען דער אמור האָט זיך אָפּגעשטעלט, א פארקאָוועטער אין אײַז, פלעגט מען דורכלייגן איבער אים רעלסן. אין פרילינג און אין הארבסט האָט די אײַזנבאן־באוועגונג זיך אָפּגעשטעלט.

און אָט איז פאראן שוין א בריק. דעם 27 סענטיאבער 1975 האָבן אלע צײַטונגען מיטגעטיילט: די בריק אין קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור איז פארטיק!

אָנגעפירט מיט דער בויונג האָט איינער פון די דערפארנסטע בריקן־בויער אין אונדזער לאנד — ניקאָלײַ דמיטריעוויטש סענטיורין. ער האָט צונויפגעזאמלט א גוטן קאָלעקטיוו. די בעטאָנירונג אונטערן וואסער האָט געפירט די בריגאדע בעראָש מיט קורבאטאָוון, די פונדאמענטן — דער שעף פונעם באצירק אָלייניקאָוו, דער הויפּט־אינזשעניער פון דער בויונג איז געוועזן בלינקאָוו. עטלעכע וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן האָבן זיך פארנומען מיט

אַט דער בריק, דערונטער דער אינסטיטוט פון בויערונג־טעכניק — זײַן דירעקטאָר אסאַן־נורי, די מיטאַרבעטער ליבערמאַן און פּולטשענקאָ, דער באַוווּסטער געלערנטער בולאַך...

אַט וואָס עס האָט געשריבן די צײַטונג „איז־וועסטיִא”:

„בלאָזנדיק פון די ברוינע סאָפּקעס, קלאַפּט איבער די אַזשורנע פערמעס דער מעכטיקער ווינט פונעם אמור. ער פאַרבלאָנדזשעט אין די שטאָלענע געשפּינעכצן, הודעט מיט קאַס און צאָרן. עס ציטערן, ווי סטרונעס, די קאָנסטרוקציעס, און די גאַנצע בריק — 1.400 מעטער — קלינגט, ווי אַ ריזיקע האַרפע.

אויף אָט דעם טאָג האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד די בריקן־בויער, וועלכע האָבן זיך פאַרפליכטעט אָפּגעבן אין עקספּלואַטאַציע דעם אָביעקט אויף דרײַ כאַדאָשים פריִער פאַרן טערמין. די לאָקאָמאָטיוון־בריגאַדעס פון דער ווײַטמיזרעכדיקער אײַזנבאַן האָבן אויך אַרויסגעקוקט אויף אָט דעם טאָג, פאַרמעסטנדיק זיך פאַר דעם רעכט צו פירן דעם ערשטן צוג איבערן אמור. און טויזנטער טוישוועס פון קאָמסאָמאָלסק־אויפן־אמור, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן פאַר דעם קאָוועד צו זײַן די ערשטע פּאַסאַזשירן פונעם ערשטן צוג, האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אָט דעם טאָג.

און אָט איז געשען... דער שעף פון דער ווײַטמיזרעכדיקער אײַזנבאַן גייט איבער די ערשטע פוטיאָווקע די זיגער פון דער פאַרמעסטונג צווישן די מאַשיניסטן — באָריס וואָלפּן און אַלעקסיי באָסיך. עס פאַרנעמען די ערטער אין די וואַגאָנען די פאָרשטייער פון דער אַרבעטער־גוואַרדיע, בעקאָוועדיקע געסט פון קאָמסאָמאָלסק־אויפן־אמור און פונעם גאַנצן כאַבאַראָווסקער קאַנט... דורך אַ קאָרידאָר פון לעבעדיקע בלומען רירט זיך פון אָרט אין דער ריכטונג פון דער אמורער בריק דער ערשטער צוג. מיט אַ לאַנגן הודאָק באַגלייט אים אין וועג דער האָרעפּאַשניק — דער פּאַראָוו: ער גייט איבער דעם צוג די וואַכטע, וואָס ער האָט געטראָגן 30 יאָר. איצט האָט ער שוין דאָ ניט וואָס צו טאָן...

אויפן אמור איז הײַנט אַ גרויסער יאָמטעוו. איינע פון די ערשטע בריקן פון דער בײַקאַל־אמורער מאַגיסטראַל איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. אַ גוט־יאָמטעוו אײַך, בויער פונעם באַם!”

ביראָבידזשאַן — באַם,
סאָף סענטיאַבער 1975

די נײַע בריק איבערן אמור (קאָמסאָמאָלסק־אויפן־אמור)





נאָטע לוריע

די געשיכטע פֿון א ליבע

אײך װײס ניט, װי אַנדערע, נאָר װען איך קלײַב זיך אין א רײַזע, װילט זיך מיר שױן באַם קױפֿן דעם בילעט װיסן, װאָס פֿאַרא שכײנים װעל איך האָבן אין קופּע. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אז עס װאָלט זיך װעלן, ס'זאָלן זײַן אינטערעסאַנטע, לעבנסלוסטיקע פּאַסאַזשירן, ניט קײן נודניקעס און ניט קײן אָנגעכמורעטע שװײַגערס, ס'זאָל זײַן מיט װעמען אױסרײדן א װאָרט און פֿאַרײנס זיך דערװיסן ניט קײן אױסגעטראַכטע, עמעסדיקע געשיכטעס, װאָס מיטפֿאָרער דערצײלן זײ געװײנלעך זײער גערן.

װוּ און װען באַקאַנט מען זיך נאָך אַזױ לײַכט, באַפֿרײַנדעט מען זיך אַזױ גיך, װי דעמלט, װען מע פֿאָרט אין אײן קופּע, בפֿרט נאָך א לענגערע צײַט.

פֿרוּװט א פֿרעג טאָן אין גאַס גלאַט אַזױ בא אן אומבאַקאַנטן מענטשן: „פֿונװאַנען גײט איר?", אָדער „װוּהין גײט איר?", צי „װאָס איז אײַער טועכץ?", „װוּ אַרבעט איר?", װעט מען אױף אײַך א קוק טאָן װי אױף א צעמישטן, מע װעט גלײַך פֿאַרשנעלערן די טריט, קעדײ װאָס גיכער זיך אָפּטשעפּען. אָבער אין װאַגאָן?.. באַלד װי דער צוג האָט זיך גערירט, און צומאָל נאָך פֿריִער, װײסט איר שױן, פֿונװאַנען און װוּהין אײַערע שכײנים פֿאָרן, װאָס פֿאַרא פֿראָפֿעסיע איז בא יעדן אײנעם, װוּ זײ אַרבעטן. און װאָס לענגער איר פֿאָרט, אַלץ מער דערװיסט איר זיך. צװישן די מיטפֿאָרער טרעפֿן זיך באַזונדערס באַרײדעװדיקע פֿאַרשױנען, װעלכע לײגן פֿאַר אײַך אַרױס אַלץ מיטאַנאַנדער, דערצײלן מיט אַלע פּיטשטשעװקעס אַזױנס, װאָס אין אַנדערע אומשטענדן װאָלטן זײ עפּשער עס קײנמאָל ניט דערצײלט. און גאַנץ אָפּט זײַ־

נען עס טאַקע אינטערעסאַנטע, ביז גאָר רירנדיקע לעבנס־געשיכטעס. אין קיין שום ראָמאַן וועט איר זיי ניט אויסלייענען.

יעדעס מאָל, ווען איך קלײַב זיך אין וועג, פֿיל איך זיך אַזוי, ווי עס זאָל מיך דערוואַרטן אַ וויכטיקע אַנטדעקונג, און איך קוק שוין אַרויס אָף דער מינוט, ווען איך וועל זיך באַגעגנען אין וואַגאָן מיט די נײַע פֿאַר מיר, ביז איצט נאָך אומבאַקאַנטע מענטשן.

באַזונדערס בין איך געווען נײַגעריק צו וויסן, ווער עס וועט פֿאָרן מיט מיר אין איין קופּע, ווען איך האָב דאָ ניט לאַנג אין אַ כמורנעם אָקטיאַבער־טאָג גענומען אַ בילעט מאָסקווע — ביראָבידזשאַן.

אַ בילעט איז אויסגעקומען צו נעמען אין אַ מעזשדונאַראָדנעם וואַגאָן. קיין אַנדערע בילעטן זײַנען ניט געווען. און אינעם מעזשדונאַראָדנעם וואַגאָן, ווי באַוווּסט, איז יעדע קופּע אויסגעשטאַט בלויז פֿאַר צוויי פּאַסאַזשירן. וועט אויסקומען, הייסט עס, פֿאָרן זיבן טעג און זיבן נעכט זאַלבעצווייט אין איין קופּע. וואָס זשע פֿאַר אַ מיטפֿאָרער אָדער מיטפֿאָרערן וועט דער גורל מיר צושיקן אָף אָט די זיבן מעסלעס?

צום צוג בין איך געקומען באַצײַטנס, האַלטנדיק זיך באַם קלאַל: גלײַכער קומען מיט אַ האַלבער שאָ פֿריִער, איידער מיט אַ האַלבער מינוט שפּעטער. אין דער געמיטלעכער קופּע איז נאָך קיינער ניט געווען. איך האָב פֿאַרנומען מײַן אָרט — פֿון רעכטס, אָפֿן ווייכן דיוואַן, און פֿון אָט דער מינוט האָב איך שוין אַרויסגעקוקט דורך דער עטוואָס אָפֿענער טיר, געוואַרט מיט נײַגער אָף דער פּערזאָן, וואָס דאַרף אָט־אָט זיך ווײַזן און פֿאַרנעמען דאָס אָרט אָפֿן דיוואַן פֿון לינקס.

אין אַ צען־פֿופֿצן מינוט אַרום האָבן אינעם לאַנגן וואַגאָן־קאָרידאָר זיך באַוויזן אופֿגעלעבטע טרעגער מיט גרויסע אויסטערלישע טשעמאָדאַנעס און שווערע סאַקוואָיאַזשן, און באַלד נאָך זיי גאַנץ אימפּאָזאַנטע פּאַסאַזשירן. פֿאַרבײַ דער טיר פֿון מײַן קופּע איז מיט ווייכע, געלאַסענע טריט אַדורך אַ יונגע, זייער שיינע פֿרוי און באַנאַנד מיט איר אַ הויכער מיטליאָריקער גענעראַל מיט ברייטע לאַמפּאַסן אָף די טונקל־בלאָווע הויזן. זיי האָבן פֿאַרנומען די שכיינעסדיקע קופּע. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך באַמערקט, ווי עס זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ יאַפּאָנער מיט אַ יאַפּאָנערן, ביידע געקליידט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אין שוואַרצן. ריידנדיק הויך אָף אַן אומפֿאַרשטענדלעכער פֿאַר מיר שפּראַך, האָבן דורכגעשפּאַנט צוויי זייער עלעגאַנט געקליידטע יונגעלײַט אין אַלצײַנע גרויסע שפּאַקולן. נאָכדעם אַ פֿאָרפֿאָלק. ער, קאָנטיק אַ מאָנגאָל, אַ יאַם־קאַפּיטאַן. זי — אַ בלאָנדע מאַדאָנע מיט אַ פּיצל קינד אָף די הענט. שווײַגנדיק, מיט גרויסע בײַכיקע פּאָרטפֿעלן, זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ פּאָדפּאָלקאָווניק און אַ מאַיאָר־גרענעצלער. און ווי אַלס קאָנטראַסט צו זיי האָבן, פּלאַפּלענדיק הויך און קײַכנדיק פֿון געלעכטער, זיך דורכגעטראָגן צוויי האָפֿערדיקע ברונעטקעס.

לויט מײַן כעזשבן, זײַנען אַלע ערטער אין די שכיינעסדיקע קופּעען פֿון אונדזער וואַגאָן שוין געווען פֿאַרנומען. ביזן אָפּגיין פֿונעם שנעלצוג איז פֿאַרבליבן עטלעכע מינוט, און דאָס צווייטע אָרט באַ מיר אין קופּע איז נאָך אַלץ געווען פֿרײַ. צי דען וועט שוין קיינער ניט קומען און איך וועל בלײַבן איינער אַליין, אָן אַ מיטפֿאָרער? מיט פֿאַרצווייפֿלונג האָב איך געקוקט אָפֿן זייגער. אָן צוויי מינוט פֿינף. אָן איין מינוט. פּינקטלעך פֿינף. אויס! דער צוג האָט זיך שטיל גערירט. אָפֿן האַרצן האָב איך דערפֿילט אַ שווערקײַט, ווי איך וואָלט פֿאַרלאָרן עפּעס זייער וויכטיקס. און אין דער זעלבער רעגע, שוין לאַכלוטן אומדערוואַרט, האָט אין דער גאַנצער ברייט האַסטיק זיך אָן עפֿן געטאָן די טיר און מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין קופּע אַ מיטלוווּקסיקער בלייכער מאַנצבל מיט אַ קליינעם אָפּגעריבענעם טשעמאָדאַן אין האַנט. גאָרנישט ניט געזאָגט, געגעבן בלויז אַן עטוואָס מערקבאַרן שאָקל מיט דער צאַפּאַטלטער טשופּרינע, האָט ער פֿאַרלוירן זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן אָפֿן טעפּיך, וואָס האָט פֿאַרדעקט דעם דיל, באַלד אים צוריק גענומען, אַוועקגעלייגט אָף דער פּאָליצע. ניט אויסטוענדיק דעם פֿײַכטן קורצן געקעסטלטן מאַנטל, האָט ער אַ צעבראָכן־מידער זיך צוגעזעצט אָפֿן דיוואַן אַנטקעגן, באַם סאַמע טישל, צונויפֿגעקרייצט די דאַרע לאַנגע פֿינגער פֿון ביידע הענט, אַראָפּגעלאָזט אָף זיי דעם צעפּאַטלטן גראָווען קאָפּ און געבליבן אַזוי זיצן, ניט אַ ריר געבנדיק מיט קיין אייווער.

ס'איז צו זען געווען, אַז דער מענטש איז שטאַרק צערודערט. מיר האָט זיך זייער געוואָלט מיט עפּעס אים צעשטרייען. נאָר איך האָב באַשטימט ניט באַאומרויִקן אים, לאָזן אים קומען צו־זיך. דערווײַל ביז וואָס־ווען האָב איך שטיל, אָן טומל אַרויסגענומען פֿון מײַן אָנגעפּאַקטן טשעמאָדאַן די עטלעכע פֿרישע צײַטונגען, וועלכע איך האָב נאָך ניט באַוויזן דורכקוקן, די פּיזשאַמע, די שטעקשיך. אַ צופֿרידענער, וואָס כ'האָב געפֿונען מיט וואָס זיך צו פֿאַרנעמען,

האָב איך ניט געײַלט זיך איבערגעטאָן און נאָכדעם, צורוקנדיק זיך נעענטער צום פּענצטער, אַרײַנגעקוקט אין א צײַטונג.

לייענענדיק, האָב איך פון מאָל צו מאָל געכאַפּט א קוק אַף מײַן מיטפּאָרער. ער איז אַלץ אַזוי געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַף די צונויפגעקרייצטע פינגער, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין טישל.

דער צוג האָט זיך האַסטיק געטראָגן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך די מיט וועלדלעך באַזוימטע שטילע הינטערמאָסקווער דאַטשע־ערטער. אינעם פאַרנאַכטיקן דרויסן האָט אַלץ העפּטיקער זיך פאַרנומען א שפּעט־האַרבסטיקער רעגן, מיט דריבנע אומעטיקע טראָפּנס געשמיסן אין פּענצטער. פון מינוט צו מינוט איז אין קופּע געוואָרן טונקעלער. לייענען איז שוין געווען אוממעגלעך. כ׳האָב אַוועקגעלייגט אין א זײַט די צײַטונג און ניט אָנגעהויבן וויסן, וואָס מע טוט ווײַטער. איך וואָלט אָנגעצונדן פּײַער. נאָר עפּשער וועט עס אים שטערן? וואָס זשע, זיצן אָט אַזוי אין דער פינצטער? וויפל קען מען? שטיל געעפנט די טיר, בין איך אַרויס אין קאָרידאָר. דאָ, אין העל־באַלויכטענעם קאָרידאָר, האָט געהערשט א פּײַערלעכע ציכטיקײַט. אַף די ברייטלעכע וואַגאָן־פּענצטער — קלאָר־ווײַסע פאָרהענגלעך, צווישן די פּענצטער — פּייזאַזש־בילדער, אין דער גאַנצער לענג פונעם דיל — א ווייכער גרינער טעפּיך. און — קיין איין מענטש. די גלאַנציק־פּאָלירטע טירן פון אַלע אַכט קופּעען — פאַרמאַכט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערטראָגן אָט פון רעכטס, אָט פון לינקס אַן עטוואָס צוגעטויבטער געלעכטער, פּרויען־ און מענער־שטימען, פריילעכע אויסרופן. יעדע קופּע האָט זיך געלעבט מיט איר באַזונדער לעבן. ווי וווּיל, ווי גוט איז זיי. מע זיצט זיך אַף די דיוואַנען און מע פאַרברענגט געמיטלעך, מע וויצלט זיך, מע לאַכט. און איך? וווּהין זאָל איך זיך אַהינטאָן? וויפל קאָן איך שטיין אין קאָרידאָר אָט דאָ אײנער אַליין באַם פאַררעגנטן פּענצטער און קוקן אין דער אָוונטיקער כאַשכעס? און דאָך בין איך געשטאַנען. לאַנג. אומקערן זיך אין קופּע, ווו ס׳איז פאַרבליבן זיצן אין דער פינצטער דער מאָרעשכוירעדיקער פאַרשוין, האָט זיך מיר ניט געוואָלט. נאָר קיין אַנדער ברירע האָב איך ניט געהאַט. געעפנט פאָרזיכטיק די טיר, האָב איך באַ דער שײַן, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען פונעם העל־באַלויכטענעם קאָרידאָר, באַמערקט, אַז דער פאַרשוין איז באַם טישל שוין ניטאָ. ער ליגט אַפן אויסגעבעטן דיוואַן מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. שלאָפט שוין, קאָנטיק. און עפּשער ניט. דאַכט זיך, אַז ניט.

הינטערן פּענצטער האָט אַלץ געמאַראַקעט דער רעגן. פון צײַט צו צײַט איז ער אַוועק האַסטיקער. ביי זלעך געשמיסן אין דער טונקעלער שויב. איך האָב זיך צוגעלייגט, צוגעמאַכט די אויגן, געוואָלט אַנשלאָפן ווערן, נאָר ניט געקענט. געפילט, אַז מײַן שאָכן שלאָפט אויך ניט. ווער איז ער? וואָס האָט פּאַסירט מיט אים? פאַרוואָס איז ער אַזוי צערודערט? עפּשער עפּעס זאָגן, פּרוּוון א רעד טאָן מיט אים? נאָר איך האָב ניט געוואַגט.

אַנשלאָפן געוואָרן בין איך שפּעט. אויפגעכאַפּט זיך, ווי שטענדיק, זיבן אינדערפרי. און געטראָפן דעם שאָכן מײַנעם שוין זיצן אָנגעבויגן איבערן טישל. מיט אימפּעט האָט ער געשריבן עפּעס אַף בלעטלעך פּאָסט־פּאַפּיר, וועלכע זײַנען געלעגן אָן א סיידער אַנטקעגן אים. פון צײַט צו צײַט האָט ער פאַרהויבן דעם קודלאַטן גראָוולעכן קאָפּ, א רײַב געטאָן מיט די דינע לאַנגע פינגער דעם הויכן שטערן און זיך ווידער געגומען האַסטיק שרײַבן.

— א גוטמאָרגן, — האָב איך זיך אָנגערופן צו אים, צוזעצנדיק זיך אַפן דיוואַן.

ער האָט האַסטיק א קער געטאָן צו מיר דעם קאָפּ, צעשטרייט מיך אָנגעקוקט.

— אַנטשולדיקט... איר... איר האָט עפּעס געזאָגט? — זײַנע ברייט־צעעפנטע שוואַרצע סמאַראָדינע־אויגן האָבן אויסגעזען זייער פאַרזאָרגט.

— א גוטמאָרגן, — האָב איך העכער, עפּשער אַפילע א ביסל צו הויך, איבערגעכאַזערט.

— א גוטמאָרגן... א דאַנק, — האָט ער פאַרטויבט געענטפערט, א שאָקל געבנדיק מיט דעם געדיכט צעפּאַטלטן קאָפּ, זיך אויסגעדרייט צוריק צום טישל און ווידער זיך געגומען שרײַבן. ער האָט געשריבן גיך, גיך, געמעקט, צעריסן איין בלעטל נאָכן אַנדערן, זיך פאַרטראַכט, געביסן די ליפּן און ווידער געשריבן. פאַרפירן איצט מיט אים א געשפּרעך איז ניט שײַעך געווען. מיט זײַן גאַנצן וועזן איז ער אַרײַנגעטאָן געווען אינעם שרײַבן. שטיל, רויִק, קעדיי אים ניט שטערן, האָב איך זיך איבערגעטאָן, און כאָטש איך בין געווינט צו פרישטיקן א סאך שפּעטער, בין איך אַוועק אין וואַגאָן־רעסטאָראַן. דאָרט איז נאָך קימאַט קיינער ניט געווען. איך האָב פאַרנומען א פרײַ טישל און בעקיוון זיך פאַרהאַלטן וואָס לענגער. אויסער מיר איז פונעם מעזשדונאַראָדני וואַגאָן דאָ קיין איין פּאַסאַזשיר ניט געווען. זיי האָט מען, ווי איך האָב שפּעטער באַמערקט, געטראָגן דאָס עסן אין קופּע אַרײַן.

אומקערנדיק זיך אין דער ניט היימלעך געוואָרענער קופּע, האָב איך מײַן שאָכן געטראָפן ליגן אַפן פאַרבעטן דיוואַן. איך האָב זיך צוגעזעצט אַנטקעגן אים, געוואַרט, עפּשער

וועט ער עפעס זאָגן, פרעגן. נאָר אומזיסט. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט פארטראכט אין איין פינטל און געשוויגן. איך האָב זיך דערפילט אזוי, ווי איך זאָל זײַן דאָ אן איבעריקער, זיך אופגעהויבן, ארויס אין קאָרידאָר, צוגעשפארט זיך דאָרט באם אנטקעגנדיקן וואגאָן־פענצטער. געקוקט אפן הימל, וועלכער איז באדעקט געווען מיט כמארעס. שטיין לאנג איינער אליין אין קאָרידאָר איז געווען ניט איבעריקס באקוועם.

ניט וויסנדיק שוין וווהין זיך אהינצוטאָן, בין איך צוריק ארײַן צו זיך אין קופע. דער שאָכן איז אלץ געלעגן אין דער זעלבער פארגליווערטער פאָזע אף זײַן דיוואן. איך האָב זיך אויך צוגעלייגט, גענומען א צײַטונג, לאנג זי געהאלטן פאר זיך, נאָר לייענען ניט געקאָנט. דעם שאָכנס שווײַגן האָט אף מיר אלץ מער און מער געדריקט. ווען ער טוט עפעס, זיצט באם טישל און שרײַבט, אָדער ווען ער לייענט, צי ווען ער איז פארנומען מיט עפעס אנדערש־וואָס, וואָלט זײַן שווײַגן מיך אזוי ניט געקימערט. אָבער דאָס, וואָס ער ליגט דאָ דערבײַ, בישכיינעס, מיט אָפענע אויגן און רעדט ניט אויס קיין וואָרט, — איז פאר מיר געווען אומדערטרעגלעך. דאָס זײַן מיט אים אין איין קופע איז פאר מיר געוואָרן אן עמעסע אָפקומעניש. אים האָב איך זיך געסטארעט, פארשטייט זיך, ניט ארויסווײַזן דאָס. יעדן אינדערפרי האָב איך אים געזאָגט „א גוטמאָרגן”. ער פלעגט אמאָל ענטפערן, אמאָל ניט. מעגלעך, אז ער האָט ניט געהערט, געווען דורכויס פארטראָגן מיט זײַנע געדאנקען. עפעס האָט אים געמאטערט. מע האָט עס געזען לויט זײַן טיף־פארזאָרגטן פּאָנעם.

אזוי זײַנען אדורך זייער לאנגע און שווערע פינף מעסלעס. איך האָב זיך ניט געקענט מויכל זײַן, וואָס כ׳האָב גענומען א בילעט אינעם מעזשדונאראָדני וואגאָן, ווו די פאסאזשירן זיצן בא זיך אין די קאָמפאָרטאבעלע קופעען, ווי אין פעסטונגען, און ס׳איז ניט שײַעך מיט עמעצן פון זיי זיך צו באקענען, אויסריידן א וואָרט.

פאָרן איז מיר פארבליבן נאָך צוויי מעסלעס, דאָך האָב איך ארויסגענומען פונעם טשעמאָדאן אלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, און מיט א טאָלק איבערגעלייגט צוריק אזוי, אז די זאכן, וועלכע איך וועל דארפן האָבן באלד, ווי איך וועל קומען אפן אָרט, זאָלן ליגן אויבנוף. די ביכער, וועלכע מײַן מאָסקווער גוטערברודער האָט געבעטן איבערגעבן זײַן זון, — ער וועט מיך באגעגענען אין ביראָבידזשאן באם וואגאָן, — האָב איך אין טשעמאָדאן שוין ניט ארײַנגעלייגט, איבערגעלאָזט אפן טישל. דאָס זײַנען געווען ביכער וועגן פארשיידענע פראגן פון יוריספרודענץ. אייניקע פון זיי, ווי „די יעסוידעס פון דער סאָוועטישער געזעצגעבונג” און „דאָס יורידישע האנטבוך”, האָבן מיך פארינטערעסירט, און איך האָב אין זיי ארײַנגעקוקט.

פון אינדערפרי אָן האָט הינטערן פענצטער געשאָטן א שניי. א שטילער, א געדיכטער, און אָנגעקוואָלענער שניי. דער שאָכן האָט קימאט א גאנצן טאָג געשריבן, געמעקט און געשריבן, און איך האָב פון לאנגווײַל ווידעראמאָל און נאָכאמאָל געבלעטערט „דאָס יורידישע האנטבוך”.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, איז ארײַן די וואגאָן־באגלייטערן, א פולבלעכע פרוי מיט א הויכן ווײַסן קאָלפאק אפן קאָפּ און אין א ראָזלעכן פארטעך. זי האָט ארײַנגעטראָגן א פאָרצעלײַענעם טשײַניק מיט פריש־פארקאָכטער טיי, א טעצל מיט געבעקס, אוועקגעשטעלט עס אפן טישל און, אוועקגייענדיק, שוין בא דער אָפענער בלאנקענדיק־פאָלירטער קופע־טיר, זיך פארהאלטן.

— וואָס זאָגט איר, הא, אפן אומגליק, וואָס איז געשען? — האָט זי פארזאָרגט זיך אָנגערופן.

— וואָס פאר אן אומגליק? — האָב איך זי אָנגעקוקט, ניט אָנהייבנדיק צו וויסן, וועגן וואָס זי רעדט.

— איר ווייסט ניט? איר האָט דען גאָרנישט ניט געהערט? — האָט זי פארוווּנדערט אויסגערופן. — א שרעקלעכער אומגליק האָט דאָך געטראָפן. אין שכיינעסדיקן וואגאָן. מיט צוויי שאָ צוריק. האלב פיר באטאָג. א יונגערער לייטענאנט, א גאָלדענער באָכער, האָט ניט ווילנדיק שווער פארוווּנדעט זײַן קאלע. א ווונדערלעך שיין מיידל. מאָרגן האָבן זיי געזאָלט פראוועון זייער כאסענע. אין טשיטא. בא אירע עלטערן. זיי וואָרטן שוין דאָרט, און דאָ האָט געדארפט טרעפן אזא אומגליק. שפאסנדיק מיט איר, האָט ער אין גוטן מוט א דראָע געטאָן מיטן פיסטאָלעט, זיכער געווען, אז בעשאָס ער האָט אים גערייניקט, האָט ער ארויסגענומען אלע פאטראָנעס... דער פיסטאָלעט האָט אומגעריכט אויסגעשאָסן, און די קויל האָט איר געטראָפן גלײַך אין ברוסט. אף דער סטאנציע האָבן מיר דעריבער זיך פארהאלטן אף איבעריקע פופצן מינוט. דאָס מיידל, — זי איז שוין געווען אָן באוווּסטזײַן, — האָט צוגענומען די גיכע הילף, און אים, אינגאנצן א דערשיטערטן, א ראכמאָנעס געווען צו קוקן אף אים, האָט צוגענומען די מיליציע. ווער ווייסט, צי די קאלע וועט בלײַבן לעבן. און ער... אים וועט מען מישפעטן, ווי א פארברעכער. ער האָט דאָך ניט געוואָלט. ניט געוווּסט, אז איין פאטראָן איז דאָרט פארבליבן. ער איז

דאָך, אייגנטלעך, אינגאַנצן אומשולדיק. אַן אומשולדיקער פאַרברעכער, — האָט זי באַדויערנדיק אַ זיפץ געטאָן.

ווען די וואַגאָן־באַגלייטערן איז אַרויס, האָט דער שאָכן מײַנער אוועקגעלייגט אין אַ זײַט דעם גראָבן קאָנווערט, און וועלכן ער האָט אַרײַנגעפּאַקט די היפּשע צאָל אָנגעשריבענע בלעטלעך פּאָסט־פּאַפּיר, זיך אויפגעהויבן, צעטראָגן געמאַכט עטלעכע שפּאַן הין און צוריק איבער דער קופּע און באַלד זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

— אַן אומשולדיקער פאַרברעכער, האָט זי געזאָגט, — האָט ער מיטאַמאָל זיך אָנגערופן צו מיר, — אַנטשולדיקט... עפּשער... איך שטער אײַך ניט?

— ניין, ניין, ביטע, אַדעראַבע, — איך האָב גערן זיך איבערגעזעצט עטוואָס נעענטער צו אים, זײַענדיק בעעמעס צופרידן, וואָס איך האָב סאַפּקאָלסאָף דערהערט פון אים אַ לעבעדיק וואָרט.

— אַנטשולדיקט מיך, איך בעט אײַך. פינף מעסלעס אין איין קופּע און ניט באַקאַנט. האָט קיין פאַראיבל ניט. שווערע, זייער שווערע טעג בא מיר. אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, זײַנט איר אַ יוריסט, — האָט ער מיט אָפּשײַ געזאָגט, וואַרפנדיק אַ בליק אויף די ביכער, וואָס זײַנען געלעגן אויפן טיש, — אײַך איז געוויס אויסגעקומען זיך צו באַקאַנען מיט פאַרשיידענע לעבנס־דראַמעס, פאַמיליען־טראַגעדיעס, קאָלערליי פאַרברעכנס, באַזיניקטע און ניט באַזיניקטע, בײַז־ווילִיקע און אַזויגערופענע אומשולדיקע, ווי די וואַגאָן־באַגלייטערן האָט זיך אויסגעדריקט. איך פּערזענלעך בין בא דער מיינונג, אַז קיין אומשולדיקע פאַרברעכער זײַנען ניטאָ. דאָס האָט, אַגעוו, אַ דירעקטע שײַכעס אויך צו מיר. זינט איך לעב, איר מעגט מיר גלייבן, האָב איך בײַז־ווילִיק קיין שום שלעכטס קיינעם קיינמאָל ניט געטאָן. פיל, זייער פיל מענטשן קענען מיך. מע האַלט מיך פאַר אַן אָרנטלעכן, אָנשטענדיקן מענטשן. און איך בין, שטעלט אײַך פאָר, אַ פאַרברעכער. יאָ, יאָ. איך האָב עס, צום באַדויערן, אַליין לאַנג ניט געוווּסט. ניט פאַרשטאַנען, ניט אָפּגעגעבן זיך קיין דין־וועכעזשבן אין דעם... ערשט איצט, אינעם טאָג פון מײַן אָפּפאָר, איז עס פאַר מיר קלאָר געוואָרן. פולקום. ערשט איצט איז עס צו מיר דערגאַנגען. איצט ערשט האָב איך עס באַנומען... מײַן פאַרברעכן איז, עמעס, אין קאָדעקס ניט פאָרויסגעזען. מע וועט מיך צום געריכט ניט איבערגעבן, ניט מישפּעטן. נאָר איך זעלבסט... איך וועל זיך קיינמאָל ניט מויכל זײַן...

ס׳איז צו זען געווען, אַז עס איז אָנגעקומען דער מאָמענט, ווען אים האָט זיך פאַרוואָלט ריידן, זיך טיילן מיט דעם, וואָס דריקט אים, וואָס מאַטערט אים. איך האָב דעריבער געפונען פאַר מעגלעך ניט אָפּלייקענען איצט זײַן האַשאָרע, אַז איך בין אַ יוריסט, און שמייכלענדיק זיך געווענדט צו אים:

— ווײַבאַלד אין קאָדעקס, זאָגט איר, איז ניט פאָרויסגעזען, איז אין וואָס באַשטייט, אייגנטלעך, דאָס פאַרברעכן אײַערס?..

— אין וואָס? — האָט ער איבערגעפרעגט, אָנקוקנדיק מיך מיט זײַנע גרויסע אומעטיקע אויגן. — ס׳איז לאַנג, זייער לאַנג צו דערציילן. קימאַט אַ גאַנצע לעבנס־געשיכטע. און צוויי ווערטער איז אוממעגלעך...

— לעמײַ אין צוויי ווערטער? דערציילט, ווי איר געפינט פאַר נייטיק, דערציילט געניי. וואָס געניער, איז בעסער, — האָב איך באַמערקט, אונטערגעבנדיק אים כיישעק.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ ייִשעווי־האַדאַס מיט זיך, אַ נעם געטאָן אין האַנט דעם גראָבן אָנגעפּאַקטן קאָנווערט, צוריק אים אוועקגעלייגט עטוואָס אין אַ זײַט אויפן טיש, און מיטאַמאָל, אונטערגעבנדיק זיך, קאָנטיק, דעם פאַרלאַנג, דער באַדערפעניש זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אויב אײַך אינטערעסירט, אויב איר האָט כיישעק, איר ווילט הערן... ס׳איז, ווי איך האָב שוין געזאָגט, קימאַט אַ גאַנצע לעבנס־געשיכטע. אויב דערציילן, דאַרף איך אָנהייבן פון אָדאָם־האָרישן... אַנדערש איז אוממעגלעך... אײַך איז נאָך לאַנג צו פאָרן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

איך האָב אים געזאָגט.

— איך שטײַג אַראָפּ אַ סאַך פריִער. אין טשיטאַ. דער צוג קומט אָן אַהין הײַנט, האַלב צוויי באַנאַכט. ס׳איז פאַרבליבן צו פאָרן מיט אײַך צוזאַמען אַ שאָ פינף... ווײַבאַלד אַזוי, וועל איך אײַך דערציילן דעם סאַמע איקער.

ער האָט אָנגעגאָסן פונעם טשײַניק איין גלאָז טיי מיר, די צווייטע זיך, אַ זופּ געטאָן אַ פאָר מאָל און אָנגעהויבן:

— איך בין דאַן אַלט געווען זיבעצן. יאָ, זיבעצן יאָר. איך בין שוין געווען אַ סטודענט. אויפן ערשטן קורס. אין אַ מוזיקאַלן טעכניקום. אין מינסק. געוווינט אין אַ צוזאַמענוווינונג.

עטלעכע און צוואַנציק יאַטן אין איין צימער. וויִאָלאָנטשעליסטן, פידלער, פלייטיסטן. אָרעם, אָבער פריילעך. לעבעדיק. מע האָט דיסקוטירט. פאַנטאַזירט. א טײַערע, א ראָמאַנטישע צײַט געווען. אין די יאָמטויווים — דעמאָנסטראַציעס. אין אויסגעריבענע הויזן, אין צעפּאָרענע שיך, נאָר איבער דער גאַנצער שטאָט האָט געהילכט אונדזער געזאַנג „מיר זײַנען די יונגע גוואַרדיע”. נעפּמאַנעס, קליינבירגער האָבן געקוקט אַף אונדז קרום. נאָר מיר זײַנען געגאַנגען מיט פאַרהויבענע קעפּ, געוווּסט, געגלייבט: אונדז געהערט די צוקונפט. געלעבט האָבן מיר, ווי עס פּאַסט פאַר קאָמונאַרן, — אַלע אין אַלצײַנע באַדינגונגען. קיין געלט האָט קיינער בײַ זיך ניט געהאַט. קיין פּריווילעגירטע זײַנען ניט געווען. דערנערט זיך האָבן מיר אַלע פון איין קעסל.

אין אונדזער סטודענטישער סטאָלאָווקע. אויב עמעץ האָט באַקומען א פּעקל שפּײַז פון דער היים, האָט ער עס גלײַך אָפּגעגעבן אין סטאָלאָווקע. פאַר אַלעמען. פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו. האָט עמעץ עפּעס פאַרדינט, האָט ער עס אַרײַנגעטראָגן אין דער אַלגעמיינער סטודענטישער קאַסע. מיר האָבן זיך געטיילט איינער מיטן אַנדערן. פאַראַכטעט די נידעריקע געפילן פון קליינבירגער. געטרוימט וועגן א וועלט־רעוואָלוציע. איז אָט, אין טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־צוואַנציקסטן, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די זומער־קאַניקולן, האָט מיך אַרויסגערופן דער סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל און געפרעגט, ווו און וויִאַזוי קלײַב זיך זיך פאַר־ברענגען די אָפּרו־כאַדאָשים. איך האָב נאָך אַליין ניט געוווּסט. דער גרעסטער טייל סטודענטן און סטודענטקעס איז געפאָרן צו די עלטערן, צו קרויווים. איך האָב אין ערגעץ זיך ניט געקליבן. ניט געהאַט וווהין. די עלטערן מײַנע, די גאַנצע מישפּאָכע איז אומגעקומען בעשאַס א גרויסער סרייפע. מיר איז דעמאָלט געווען דרײַ יאָר. מיך דעם איינציקן האָט מען געראַטעוועט. אָפּגעגעבן אין א יעסוימים־הויז. נאָכדעם שוין, בײַ דער סאָוועטנמאַכט — אין א קינדערהיים. אויך דאָרט, אין מינסק.

דעם סעקרעטאַר האָב איך געזאָגט, אַז איך וואָלט וועלן די פאָר כאַדאָשים ערגעץ אַרבעטן.

— גוט, — האָט ער געענטפערט, — וועסט פאָרן אין שטעטל, איבער וועלכן מיר האָבן גענומען שעפסטום. העלפן דאָרט דעם קאָמיוגישן קעמערל דורכפירן א קולטור־אַרבעט. די בוכהאַלטעריע וועט דיר אַרויסגעבן די סטיפּענדיע פאַר צוויי כאַדאָשים. אַלע אַכט און צוואַנציק רובל. דאָרט, אין שטעטל, וועט עס דיר קלעקן. א ליטער, אַן אומזיסטיקן, האָט מען דיר שוין אויסגעשריבן. פאָרסט מיטן קוידענאָווער צוג ביז דער לעצטער סטאַנציע. ביז נעגאָרעלאָיע. פון דאָרט איז א צען ווערסט ביזן שטעטל קאַרעליץ. דאָס שטעטל געפינט זיך בײַ דער סאַמע פּוילישער גרענעץ. וואָס דאָס באַטײַט, דאַרף איך דיר איבעריקס ניט דערקלערן. אַרבעט וועט דיר דאָרט קלעקן...

אַף מאָרגן, פאַרנדיק פון דער גרענעץ־סטאַנציע צום שטעטל, האָב איך בײַם באַלעגאָלע זיך דערוווּסט, אַז אין קאַרעליץ זײַנען פאַראַן בײַ אַנדערהאַלבן צענדליק קאָמיוגיסטן. סעקרעטאַר פונעם קעמערל איז דער פאָרזיצער פונעם שטעטלדיקן ראָט פיניע שוואַלב. א לײַטישער יאַט. איינער פון די ערשטע קאָמיוגיסטן אין ראַיאָן.

דער סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל פיניע שוואַלב האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר. וויבאַלד איך בין פונעם מוזיקאַלן טעכניקום און קען דערצו נאָך א ביסל מאָלן, וועל איך גוט צוניץ קומען. ער האָט מיך אײַנגעאָרדנט אַף דירע מיט קעסט בײַ אַן עלטערער פרוי. אין צענטער פון שטעטל. ניט ווײַט פונעם קלוב, וואָס האָט זיך געפונען אַפן צווייטן שטאָק פון דעם איין־און־איינציקן געמויערטן הויז, וואָס האָט פריִער געהערט דעם גרעסטן שטעטלדיקן גוויר.

מיט פיניע שוואַלב האָב איך זיך גלײַך באַפרײַנדעט. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר. א שטאַלטנער. א העל בלאָנדער. א גוטמוטיקער. אַן אָפּנהאַרציקער. מיר האָבן צוזאַמען צונויפגעשטעלט א פּלאַן פון קולטור־אַרבעט. באַהאַנדלט אים אַף דער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג. און אין א פּאָר טעג אַרום האָב איך אָנגעהויבן רעפּעטירן מיטן קאָמיוגישן אָרקעסטער. אין איינעם אַן אָוונט, נאָך דער רעפּעטיציע, איז פיניע שוואַלב אַרויס פון קלוב צוזאַמען מיט מיר. פאַרגעלייגט זיך דורכגיין א ביסל, און פאַר מיר, ווי פאַר א נאָענטן באַגלייבטן כאַווער, צעעפנט דאָס האַרץ, דערציילט וועגן זײַנע איבערלעבונגען. ער איז פאַרליבט. שוין עטלעכע יאָר. נאָך פון דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך געלערנט אין איין שול. ס׳איז א ווונדערלעך מיידל, א שיינע, א פײַנע. זייער א פייִקע. צו זעכצן יאָר האָט זי פאַרענדיקט די שול אַף אויסגעצייכנט. איצט איז איר זיבעצן. און זי איז שוין א סטודענטקע פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט. מיט עטלעכע טעג צוריק איז זי געקומען. ער גייט אויס נאָך איר. און הייבט ניט אָן צו וויסן, וויִאַזוי זיך פירן. ער איז סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל, פאָרזיצער פון שטעטלדיקן סאָוועט, מיטגליד פון ראַיאָנעם קאָמיטעט פון קאָמיוג, און זי... זי שטאַמט ניט פון פראָלעטאַרישן ייִכעס, איר טאַטע איז א גאַבע אין בעסמעדרעש, א לישע־

נעץ. קוקט קרום אַף קאַמיוגיסטן. זי איז, עמעס, ניט שולדיק אין דעם. אָבער דאָך... ער האָט געפּרוּווט דערשטיקן זײַן געפּיל צו איר, ניט טראַכטן, פאַרגעסן. נאָר ער קען זיך ניט בײַקומען. געבעטן האָט ער מיך, אַז שאַבעס פאַרנאַכט, ווען די גאַנצע שטעטלדיקע יוגנט גייט אַרויס אַפן שפּאַציר, זאָל איך זיך דורכגיין מיט איר. זי וועט דאָרט אויך געוויס זײַן. מיט אירע כאַווערטעס. ער האָט זייער געוואָלט, איך זאָל זי זען, אָנקוקן כאָטש פונדעווײַטן און זאָגן מײַן מיינונג, אײַיצן אים, וואָס ער זאָל טאָן.

שאַבעס נאָך האַלבן טאָג איז פיניע שוואַלב, א פּריש אַרומגעראַזירטער, אין א לופטיק ווײַס העמדל איבער די גאַליפע־הויזן, אין גלאַנציק אויסגעפּוצטע שטיול, געקומען אין קלוב, ווו איך האָב געבראַכט אין אָרדענונג דאָס ביבליאָטעקל, און מיר זײַנען אַרויס אַפן שפּאַציר. אַף דער הויפּט־גאַס איז שוין געווען א היפּשער אוילעם. דעריקער יוגנטלעכע. מע האָט שפּאַצירט פאַרלעכוויײַז. גרופּעסווײַז. זי איז ניט געווען. פיניע האָט זיך געערגערט. איבערגעלעבט. געוואָלט שוין אוועקגיין. מיטאַמאָל האָבן צווישן די שפּאַצירנדיקע זיך באַוויזן דרײַ פײַנע מיידלעך. זיי זײַנען געגאַנגען עטוואָס אין א זײַט, געשמועסט און זייער אופגעלעבט גערעדט וועגן עפּעס צווישן זיך.

— קוק, אָט איז זי, יויכעוועד, די מיטלסטע, מיט די גינגאָלדענע האָר. אין בלוילעכן סאַראַפאַן מיט די ווײַסינקע פּאַסיקלעך,— האָט פיניע מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם א זאָג געטאָן, פאַרלאַנגזאַמענדיק די טריט. ווען ער זאָגט ניט, וואָלט איך אַליין זי אויך גלײַך באַמערקט. זי איז ווירקלעך געווען זייער שיין, זיך אויסגעטיילט מיט איר שלאַנקן וווּקס, מיט איר גאַנג, מיט איר האַלטן זיך, מיט איר ליכטיקן פּאָנעם.

ווען זיי זײַנען שוין פאַרבײַגעגאַנגען, האָט פיניע מיט נײַגער געפרעגט, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָט זי געמאַכט אַף מיר. איך האָב אים געזאָגט, ווי דער עמעס איז, אַז זי איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. זי איז טאַקע א וווּנדערלעך שיינע, א מילדע. פון דעם, וואָס איך האָב זי געליבט, איז ער פּאַשעט גליקלעך געווען און האָט ווידער אָנגעהויבן איבערעכענען אירע מײַלעס. זי איז א קלוגע און א באַשיידענע, ניט קיין מעשטשאַנקע. פאַרבעט זיך ניט. טשעפּעט ניט אָן קיין אויערינגלעך. קיין קאָרעלן. זי איז אַן ערנסטע. א גוט דערצויגענע. שוין פון דעם אַליין, וואָס ער האָט גערעדט וועגן איר, פונעם אָנרופן איר נאָמען, האָב איך געפילט, האָט ער געהאַט פאַרגעניגן.

יויכעוועד מיט אירע כאַווערטעס זײַנען אַוועק אַרוף־גאַס. מיר האָבן זיך פאַרנומען אַראָפּ, פאַרבײַ דעם מאַרק־פּלאַץ מיט די צוגעשלאָסענע קלייטן און קלייטלעך, פאַרבײַ די עטלעכע קליינינקע אַרטעלן, און אַרויס אויסערן שטעטל, צום טײַך, וואָס איז שטיל געפלאָסן צווישן די געדיכט־באַגרינטע ברעגן, אָפּטיילנדיק מיט זיך צוויי באַזונדערע וועלטן. דער מיזרעכדיקער ברעג איז געווען אונדזערער, א סאָוועטישער. דער אַנטקעגנדיקער, דער מײַרעווודיקער ברעג האָט געהערט צו פּילסודסקיס פּוילן. בלויז א שמאָלע בלוילעכע ליניע האָט אָפּגעטיילט יענעם ברעג פון אונדזערן, און דאָרט איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער לעבן. אײַנגאַנצן א פרעמדס פאַר אונדז, ניט יוישערדיק לעבן. פון יענער זײַט האָט דעמלט געדראָעט א געפאַר. ס׳איז געווען פונקט, ווען אין ענגלאַנד האָט מען פאַרשפּרייט א קלוימערשטן בריוו פון קאָמינטערן. קערזאָן און באַלדווין האָבן געקערט וועלטן, געהעצט פּוילן קעגן דער יונגער סאָוועטן־מעלוכע. יעדער קאָמיוגיסט אינעם שטעטל האָט אין יענע טעג זיך גערעכנט פאַר א גרענעצלער. איך בין שוין אויך געשטאַנען אין איינער א נאַכט, צוזאַמען מיט פיניען, אַף דער וואַך בא דער גרענעץ. שפּאַנענדיק מיט אים לענגויס דעם טײַך, וואָס איז אײַנגעהילט געווען אין געהיימניספולער טונקלקײַט, האָבן מיר געטרוימט וועגן יענער צײַט, ווען דאָס פאָלק וועט אויך דאָרט, אַף יענער זײַט, נעמען די מאַכט. איצט זײַנען פיניעס געדאַנקען געווען פאַרנומען דעריקער מיט איר, מיט יויכעוועדן. ער האָט געהאַלטן אין איין רײדן וועגן איר, וועגן איר מישפּאָכע. דערציילט וועגן איר מאַמען, וועלכע מע רופט אין שטעטל — די כאַכאָמע. וועגן איר טאַטן, וועמען מע האָט אומזיסט־אומגישט אַרײַנגעשטעלט אין צעטל פון די לישענצעס נאָך דערפאַר, ווײַל ער איז א גאַבע אין בעסמעדרעש. דאָס האָט אים צוגעדינט דער פאַרברענטער אַפּיקוירעס זוזיע סורקיס, כאָטש דער טאַטע אירער איז ביכלאַל אַן אָרנטלעכער מענטש, געווען אַן אָנגעשטעלטער בא א וואַלד־הענדלער. איצט לעבט ער שוין לאַנג אַפן אויסהאַלט פון די אויסגעגעבענע קינדער. די עלטערע דרײַ טעכטער, אַלע מיט הויכער בילדונג, לעבן זייער שיין אין פאַרשיידענע שטעט. דער מאַן פון דער צווייטער טאָכטער, א פּראָפעסאָר, פאַרנעמט א גרויסע שטעלע אין לענינגראַד, און זינט פּאַריקן יאָר, ווען יויכעוועד איז אָנגענומען געוואָרן דאָרט אין אוניווערסיטעט, וווינט זי בא זיי. קיין סטיפּענדיע באַקומט זי ניט. קיין צוזאַמענווינונג האָט מען איר אויך ניט געגעבן. צוליבן טאַטן. כאָטש זי לערנט זיך אַף אויסגעצייכנט.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט, האָט דער אוילעם נאָך שפּאַצירט. נאָר יויכעוועד מיט איר כאַווערטעס זײַנען שוין ניט געווען. ס'האָט מיר זייער באַנק געטאָן. מיר האָט זיך געוואָלט כאָטש נאָכאַמאָל א קוק טאָן אף איר.

אין אָט דעם אָוונט האָב איך זיך נאָך מער באַפרײַנדעט מיט פּיניען. נאָך מער זיך צוגעבונדן צו אים. ער איז מיר געווען זייער צום הארצן מיט זײַן אופריכטיקײַט, ערלעכקײַט, גוטסקײַט. מיט אַלץ. ווען מיר האָבן שוין שפּעט אין אָוונט זיך געזעגנט, האָט פּיניע מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל מאָרגן, אינעם אָפּרו־טאָג, צו צוויי אַזייגער אומבאַדינגט קומען צו אים אהיים. די שוועסטערלעך זײַנע גרייטן א יאָמטעוודיקן מיטיק.

אף מאָרגן בין איך גאַנצפרי שוין געווען אין קלוב, פאַרענדיקט אָנמאָלן דאָס קעפּל צו דער קאָמיוגישער וואַנטצײַטונג, עטלעכע שאַרזשן אף די אַרטיקע נעפּלײַט, זיך אָפּגעראַזירט, געבראַכט זיך אין אָרדענונג און זיך געלאָזט גיין צו פּיניען. ער האָט געוווינט ווײַטלעך, אין א שמאָל קרום געסל, אין א נידעריק שטיבל. ער האָט געלעבט מיט זײַן קראַנקער מאַמען און מיט די צוויי ייִנגערע שוועסטער. דער טאַטע זײַנער, א קאָוואַל בען שמיד, איז אין די ערשטע טעג פון דער סאָוועטנמאַכט פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי און איז אומגעקומען אין שלאַכט מיט די ווײַספּאָליאַקן. איין שוועסטער האָט געאַרבעט אין זאָקן־אַרטעל, די אַנדערע אין שנײַדער־אַרטעל. ביידע ניט איבעריקס שיינע, נאָר ווױלע מיידלעך. קאָמיוגיסטקעס.

אַרויסגייענדיק פון קלוב, האָב איך ניט געפּילט, אַז עס קלײַבט זיך אף א רעגן. נאָר אינגיכן האָט זיך אופגעהויבן א ווינט, אָנגעיאָגט שווערע כמאַרעס, און עס האָט גענומען קאַפּען. איך בין אוועק גיכער. פון מינוט צו מינוט איז דער רעגן געוואָרן שטאַרקער. באַמערקט, אַז עמעץ איז אַרופגעלאָפן אפן גאַנעקל פונעם הילצערנעם פײַערלעשער־טורעם, וואָס אפן סאַמע ראַג, האָב איך זיך אויך געלאָזט אהין. אין אָט דער באַהעלטעניש האָב איך מיטאַמאָל דערזען יויכעוועדן. זי איז געשטאַנען אונטערן נידעריקן דעכל אינעם זעלבן בלוילעכן סאַראַפאַן מיט די ווײַסע פּאַסיקלעך, אין וועלכן זי איז נעכטן געווען אפן שפּאַציר, און מיט די פאַרברוינט־ראָזלעכע הענט פאַרשאַרט אף הינטן די ווייכע גינגאָלדענע האָר. איך האָב זיך פאַרלוירן, געמאַכט א טראָט אף צוריק, זיך אויסגעגליטשט, שיר ניט אומגעפאַלן. זי האָט מיך א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, א צי געטאָן צו זיך און זיך צעשמייכלט. זי האָט איצט אויסגעזען נאָך שענער, ווי אפן שפּאַציר. כ'האָב ערשט איצט דערזען, סאַראַ קלוגע הימל־בלויע אויגן זי פאַרמאָגט, סאַראַ מעכײַעדיקע עטוואָס אונטערשמייכלענדיקע ליפּן, סאַראַ אויסערגעוויינלעך שטאַלטנע פיגור. אַלץ איז בא איר געווען אין דער מאָס, וווּנדערלעך שיין — א פּולשטענדיקע האַרמאָניע.

אין א ווײַלע אַרום זײַנען מיר שוין געווען באַקאַנט. זי האָט מיך באַמערקט, לאָזט זיך אויס, נעכטן אפן שפּאַציר און פון די כאַווערטעס זיך דערוווּסט, אַז איך בין א סטודענט פון א מוזיקאַלן טעכניקום. און זי האָט זייער ליב מוזיק. לאָזט ניט דורך אין לענינגראַד קיין איין וויכטיקן קאָנצערט. שפּילט אַליין א ביסל אף א פאָרטעפּיאַנע.

דער רעגן האָט געפּליוכעט אַלץ שטאַרקער. פון מאָל צו מאָל האָט דער ווינט א שאַרפן שמײַס געטאָן מיט די קילבלעכע שווערע טראָפּנס איבערן גאַנעקל, דערנעענטערנדיק אונדז אַזויאַרום אַלץ מער איינס צום אַנדערן.

זי איז געווען פול מיט פרייד און באַגײַסטערונג פונעם שלאַקסרעגן, וואָס האָט הילכיק געקלאַפּט, געפּויקט איבערן דעכל, און פון די שוימיקע שטראָמען רעגן־וואַסער, וואָס האָבן מיט א ראַש און געפּילדער זיך געטראָגן אראָפּ־גאַס.

אין דרויסן האָט מען קיין לעבעדיקן נפעש ניט געזען. נאָר מיר זאַלבעצווייט זײַנען געשטאַנען אין אונדזער באַהעלטעניש און זיך געפרייט מיט דער צעבושעוועטער נאַטור.

אין א פּאָר שאָ אַרום, ווען דער רעגן האָט אופגעהערט, זײַנען מיר שוין געווען באַפרײַנדעט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז מאָרגן פאַרנאַכט וועט זי זײַן מיט איר כאַווערטע בא דער פּאָטשט. אויב איך וויל, וועט זי דאָרט וואַרטן אף מיר.

— עפּשער קומען מיט מײַן כאַווער, — האָב איך א פרעג געטאָן, — מיט פּיניע שוואַלב?

— ניין, ניין, — האָט זי מיך איבערגעשלאָגן. וועגן פּיניען האָט זי אַפילע ניט געוואָלט הערן. — אויב דו ווילסט, קום אַליין. גוט? איך וועל וואַרטן, — געזאָגט און אַנטלאָפן.

פון יענער מינוט האָבן זיך אָנגעהויבן מײַן גליק און מײַנעליידן.

צו פּיניען בין איך שוין ניט געגאַנגען. איך האָב איצט שוין ניט געקענט גיין צו אים, כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז ער, די מאַמע זײַנע מיט די שוועסטערלעך וואַרטן אף מיר מיטן יאָמטעוודיקן מיטיק. זײַן בא אים און ניט דערציילן וועגן מײַן באַגעגעניש מיט דער, וועלכע ער האָט אַזוי ליב, וואָלט געווען ניט גוט פון מײַן זײַט. און איצט גלײַך אפן אָרט דערציילן

האָב איך אויך ניט געקענט. איך האָב באַשטימט אָפּלייגן ביז מאָרגן. מאָרגן, ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען, וועל איך אים אַלץ דערציילן.

אַף מאָרגן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פּיניע האָט באַקומען אַ דרינגענדיקן אַרויסרוף און איז אַוועקגעפאָרן נאָך גאַנצפריִ אין ראַיאָן אַף אַ סעמינאַר פון סעקרעטאַרן פון שטעטלשע און דאָרפישע קאָמיוגישע קאָמערלעך.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך קיין אָרט ניט געפונען. גענומען זיך פאַר איין אַרבעט, פאַר אַ צווייטער. געפּרוּווט אָנוואַרפן אַן עסקיז פאַר אַ פּלאַקאַט, וועלכער האָט געדאַרפט שילדערן, ווי אַ קאָמיוגיסט אַ גרענעצלער שטייט אַף דער וואַך בײַ דער גרענעץ מיט פּוילן, ניט פאַרענ־דיקט און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַ שמועס מיט די מיטגלידער פונעם ניט לאַנג אָרגאַני־זירטן בײַשטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו וועגן פּואַנקאַרעס נאָטע צום סאָוועטנ־פאַרבאַנד, אָפּגעלייגט עס און זיך גענומען צונויפשטעלן אַ קאַטאַלאָג פון די נײַ־אָנגעקומענע בראָשורן. און וואָס איך האָב ניט געטאָן, מיט וואָס איך בין ניט געווען פאַרנומען, איז זי, יויכעוועד, געשטאַנען די גאַנצע צײַט מיר פאַר די אויגן. איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן איר, וועגן דעם, צי זי האָט טאַקע אַף אַן עמעס געזאָגט, אַז זי וועט פאַרנאַכט זײַן בײַ דער פּאָטשט און וועט דאָרט וואַרטן אַף מיר. עפּשער האָט זיך עס מיר גאָר אויסגעדוכט אָדער געכאָלעמט? מיר האָט זיך געוואָלט, אַז עס זאָל שוין וואָס גיכער דורכלויפן דער טאָג און ס'זאָל שוין אָנקומען דער געגאַרטער פאַרנאַכט. און אין דער זעלבער צײַט האָט מיך אָנגע־הויבן שטיל טאָטשען אַ ניט אָנגענעמער געדאַנק — צי וועל איך ניט באַגיין קיין אַוולע בענעגייע מײַן כאַווער, בענעגייע פּיניען, מיט דעם, וואָס איך וועל גיין זיך באַגעגענען מיט איר, מיט יויכעוועדן, אין וועמען ער איז פאַרליבט און ער האָפט, אַז זי וועט אים ענטפערן מיטן זעלבן ליבע־געפיל. עמעס, איך האָב שוין געוווּסט פון איר אַליין, אַז פּיניען וויל זי ניט זען. ווען איך האָב, שטייענדיק אַפן גאַנעקל, אָנגעהויבן מיט איר ריידן וועגן אים, לויבן אים, האָט זי אַפילע הערן ניט געוואָלט. ער איז איר אינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען. ניט מײַן שולד איז געווען אין דעם. און דאָך האָט אָט דער ניט־אָנגענעמער געדאַנק מיך שוין ניט אָפּגע־לאָזט, געמאַטערט, און איך האָב אָנגעהויבן אַלץ מער זיך שלאָגן אין דער דייע, צי זאָל איך יאָ גיין פאַרנאַכט זיך באַגעגענען מיט איר בײַ דער פּאָטשט, צי עפּשער טאַקע ניט גיין. איך האָב געכאָלעמט זיך זען מיט איר, שטיין כאָטש אַ ווײַלע לעבן איר, הערן זי, קוקן אַף איר, שפּיגלען זיך אין איר. „גיי, — האָט זיך געבעטן דאָס האַרץ, — האָסט דאָך צוגעזאָגט, זי וועט דאָך שטיין דאָרט, וואַרטן. ווי זשע קאָנסטו ניט גיין? גיי, אומבאַדינגט גיי". און אַ צווייטע שטים האָט אײַנגעשפּאַרט געטײַנעט: „גיי ניט. וויבאַלד פּיניע, דײַן נאָענטער כאַווער, איז פאַרליבט אין איר, טאָרסטו ניט גיין. טאָרסט אַפילע ניט טראַכטן וועגן איר...". איך האָב ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. און סאָפּקאָלאָסאָף, כאָטש ס'איז מיר זייער ניט גרינג געווען, האָב איך געפּוילעט בײַ זיך: ניט גיין. דערווײַל ניט באַגעגענען זיך מיט איר, ביז איך וועל זיך ניט זען מיט פּיניען. קעדיי איך זאָל ניט כאַראָטע האָבן, ניט איבערטראַכטן, האָב איך צונויפגע־רופן אַף פאַרנאַכט דעם קאָמיוגישן אָרקעסטער אַף אַ ניט פאַרפּלאַנירטער רעפּעטיציע.

כעווירע קאָמיוגיסטן, די שטעטלשע האָרעפּאַשנע יוגנט — שוסטערס, נייטערנס, קירזש־נער, בלעכער, זאָקנמאַכערנס, פון די אַרטעלן און גלאָט קוסטאַרן, און אויך עטלעכע יאַטן און מיידלעך פונעם בײַשטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו האָבן פאַרנאַכט פאַר־פּולט מיט אַ פריילעכן טומל די ענגע קלוב־בינע. זיי האָבן זיך געוויצלט, זאָרגלאָז געלאַכט. איך בין זיי בעעמעס מעקאַנע געווען. בײַ מיר איז דאָס האַרץ ניט געווען אַפן אָרט. איך האָב רעפּעטירט מיטן אָרקעסטער דעם בודיאָני־מאַרש און געטראַכט וועגן איר, זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי שטייט דאָרט בײַ דער פּאָטשט, קוקט אַרויס, וואַרט אַף מיר.

בעשאַס אַ קורצינקער פּאַוזע האָב איך געכאַפּט אַ קוק אין דערבײַיִקן פענצטער און מיטאַמאָל דערזען זי מיט אירע כאַווערטעס. זיי האָבן זייער געלאַסן, ניט געײַלט שפּאַצירט פונקט אַנטקעגן קלוב. זיך אומגעקערט, קאָנטיק, פון דער פּאָטשט. איך האָב ברייט פאַנאַנדערגעעפנט ביידע פענצטער און פאָרגעזעצט רעפּעטירן מיט אַזאַ אימפּעט, ווי נאָך קיינמאָל ניט. דער בודיאָני־מאַרש האָט מיט זײַן רופנדיקער קראַפט פאַרפּולט דעם קלוב און הילכיק זיך צע־טראָגן דורך די צעעפנטע פענצטער איבער דער פאַרנאַכטיקער גאַס.

די רעפּעטיציע האָט זיך פאַרצויגן מער, ווי געוויינלעך. איך בין פון קלוב אַרויס דער לעצטער און איינער אַליין לאַנג שפּאַצירט הין און צוריק איבער דער פּוסטער און זייער שטי־לער טונקעלער גאַס.

אײַנדערפריִ האָבן לעבן קלוב שוין געוואָרט אַף מיר די יאָמטעוודיק־פאַרפּוצטע פּיאָנערן — אַלע אין רויטע האַלדזטיכער. אַף צען אַזייגער איז בײַ אונדז פאַרפּלאַנירט געווען אַ שפּאַציר הינטערן שטעטל, צו דער גרינער לאָנקע, וואָס לעבן טײַך.

מיט דער רויטער פאַן פּאַרויס, האָט דער פּיאָנערן־אַטריאַד אין טאַקט מיט די פּײַקלען־דיקע פּײַקלעך אוועקגעמאַרשירט אין שטרענגע געמאָסטענע רייען איבער דער שוין באַלעבּטער אַזויגערופענער הויפּט־גאַס, פאַרבײַ דעם שטעטלדיקן ראַט, פאַרבײַ דעם בעסמעדרעש, דעם מאַרק, די אַרטעלן און שוין אַראָפּ־בערגאַל, אויסערן שטעטל זיך פאַרנומען מיט דער ברייט אויסגעטרעטענער סטעזשקע, וועלכע האָט זיך געשלענגלט צווישן די יונגע שלאַנקע בערעזעס און געפירט צו דער גרינער לאָנקע. באַלד ווי מיר האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם קילבלעכן שאָטן פון דעם קלײנינקן בערעזע־וועלדל, האָב איך דערזען גײן אַנטקעגן עטלעכע לײַכט אָנגעטאָנענע מיידלעך, וועלכע האָבן, קאָנטיק, זיך שוין אומגעקערט נאָכן אינדערפריִיִקן באָדן זיך אינעם גרענעץ־טײַך. צווישן די שפּאַנענדיקע מיידלעך האָב איך גלײַך דערקענט יוּכעוועדן. זי איז געווען אין אַ ראָז כאַלאַטל, אַפן האַלדז אַ ווײַסינקע קאָסינקע, די גינגאָלדענע האָר פאַנאַנדערגעלאָזט. ס'איז מיר געווען אַ בּיזאַיען זיך איצט באַגעגענען מיט איר, איך האָב זיך געפילט שולדיק, וואָס איך האָב ניט געהאַלטן וואָרט, זי אונטערגעפירט. צו־זאַמען מיטן אַטריאַד האָב איך פאַרגיכערט די טריט, אָפּגעקערט דעם קאָפּ אין אַ זײַט, געמאַכט זיך, אַז איך זע זי ניט. נאָר זי האָט מיך דערזען, איבערגעלאָזט די כאַווערטעס און אָנ־געלעבּטע, אַ לופּטיקע, צוגעלאָפן צו מיר. פון אירע האָר, פון אירע אַנטבלויזטע הענט, פון איר אינגאַנצן האָט געטראָגן מיט פרישקייט, מיט זוניקייט. אַ שמייכלענדיקע האָט זי זיך באַגריסט, געזאָגט, אַז זי האָט נעכטן פאַרנאַכט, שפּאַצירנדיק פאַרבײַ דעם קלוב, געהערט שפּילן דעם אָרקעסטער און פאַרשטאַנען, אַז איך האָב ניט געקענט אַרויס צו איר. מאָרגן וועט זי זײַן אָן די כאַווערטעס, אַליין, אַכט אַזייגער אין אָוונט לעבן פּײַערלעשער־טורעם, בּאַ דעם גאַנעקל, ווו מיר האָבן בעשאַס דעם שלאַקסרעגן זיך באַגעגנט. געזאָגט און אוועקגעלאָפן דעריאָגן די מייד־לעך. שפּאַנענדיק מיטן פּיאָנערן־אַטריאַד, האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזען זי שוין גײן אין דער מיט צווישן אירע כאַווערטעס. דאָס פרישע ווינטל, וואָס האָט געצויגן פונעם באַגרינטן טײַך־ברעג, האָט זיך געשפּילט מיט איר דינינקן ראָזעווען כאַלאַטל, לײַכט געפּאַלדעוועט אים, אויסטיילנדיק בּוילעט איר שלאַנקן יונג־מיידלשן קערפּער. ווען איך האָב אין עטלעכע מינוט אַרום זיך ווידער אומגעקוקט, האָט זי און די איבעריקע מיידלעך מיט אַ געלעכטער זיך גע־לאָזט לויפן אַרויף־בערגאַל. זי איז געלאָפן די ערשטע, די כאַווערטעס נאָך איר, און זיי אַלע זײַנען באַלד פאַרשווּנדן אינעם בערעזע־וועלדל.

דער טאָג איז געווען אַ זעלטן שיינער, אַ זוניקער. און אַפן האַרצן איז געווען זייער ליכ־טיק און גוט. די פּיאָנערן האָבן זיך אויסגעזעצט אַף דער גרינער לאָנקע אין אַ האַלב־קרײַז מיטן פּאָנעם צום טײַך, צו דער גרענעץ. אַף יענער זײַט האָט מען געזען שפּאַנען הין און צו־ריק אַ פּוילישן זעלנער אין אַ קאָנפעדעראַטקע. אַף אונדזער זײַט — אַ רויטאַרמייער. די פּיאָ־נערן, העכער פופציק כעווּרע, האָבן פאַרצויגן די באַליבטע ליד „דעם העלן טאָג אַנטקעגן, כאַ־ווײַרים, קומט אין שטרײַט". פונעם יִשעוו, וואָס האָט זיך געפּונען אַף יענעם ברעג, אַפן פּוי־לישן, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן קינדער און דערוואַקסענע. זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום טײַך. ווען אַ היפּשער אוילעם האָט זיך צונויפגעקליבן דאָרט, אַף יענער זײַט, האָבן די פּיאָ־נערן מיט אַלץ מער אימפּעט געזונגען איין ליד נאָך דער אַנדערער. נאָכדעם האָבן די יִינגלעך און מיידלעך מיט רויטע פענדעלעך אין די הענט אויסגעפּילט קאָלערלײַ פיזקולטור־איבונגען און פאַרענדיקט מיט אַ שיינער פּיראַמידע, אַף וועלכער ס'האָט זיך אופגעהויבן אַ פּיאָנערקע מיט אַ רויטינק פענדעלע אין האַנט.

דער פּוילישער גרענעצלער, וואָס איז געבליבן שטײן אין אַ זײַט, האָט אויך געקוקט. געקוקט און געשוויגן.

צופרידענע, שפּאַנענדיק אין טאַקט מיט די פּײַקלענדיקע פּײַקלעך, האָבן מיר צו דער באַשטימטער צײַט, צו מיטיק, זיך אומגעקערט אין שטעטל. לעבן קלוב האָב איך פאַנאַנדער־געלאָזט די כעווּרע און בין אוועק זיך דערוויסן, צי פּיניע איז שוין געקומען. איך האָב איצט געמוזט זיך זען מיט אים. נאָר ער איז נאָך ניט געווען. שפּעטער, אין אָוונט שוין, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער סעמינאַר וועט דויערן פופצן טעג און פּיניע וועט זיך אומקערן ערשט אין צוויי וואָכן אַרום.

די נאַכט בין איך שוין ניט געשלאָפן. געלעגן אין דעם פינצטערן צימערל אַף דער שמאָ־לער הילצערנער קאַנאַפּע און געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן איר, וועגן יוּכעוועדן, וועגן פּיניען, און ווידער וועגן יוּכעוועדן. זיך דערמאָנט, אופגעשטעלט אין זיקאָרן יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט מיר געזאָגט, איר בליק, איר שמייכל. און איך האָב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטײן, מיט וואָס איך בין איר געפעלן געוואָרן. עמעס, איך האָב דעמלט אויסגעזען אַ ביסל אַנדערש. פאַרמאָגט אַ געדיכטע קוטשמע פעכיק־שוואַרצע האָר, געווען ענערגיש. געשפּילט אַף אַ פידל, אַף אַ טרומייט, אַף פאָרטעפּיאַנע, פאַרפאַסט מעלאָדיעס, געזונגען, געמאָלט, געווען אַן אַקטי־

ווער קאָמיוגיסט, א טשאַנאַוועץ, און גליַיכצייַטיק א שטילער טרוימער, א ראָמאַנטיקער. זי האָט עס שוין געוווּסט. עפשער דערפאַר בין איך איר געפעלן געוואָרן. און מעגלעך, צוליב עפּעס אנדערס...

איך האָב באַשטימט אָנשרייַבן פיניען, דערציילן אים אַלץ אַזוי, ווי ס'איז. אָפן. ערלעך. אַלץ. נאָך האַלבן טאָג האָב איך זיך פאַרשפּאַרט אין קלוב. עטלעכע שאָ געזעסן איבערן בריוו, ביז איך האָב אים אָנגעשריבן, נאָכדעם האָב איך אים איבערגעשריבן, און ערשט דעמאָלט, איבער־לייענענדיק די גערדיכט־פאַרשריבענע זייַטלעך, האָב איך זיך באַטראַכט, אַז דער בריוו וועט פיניען נאָר פאַטערן די שטימונג, און באַשלאָסן ניט אָפּשיקן. פיניע וועט קומען, דעמאָלט וועל איך אים וויַיזן דעם בריוו.

ווען אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צופאַלן דער אָוונט, האָב איך מיט אן אומרויִק האַרץ זיך געלאָזט גיין צום פייַערלעשער־טורעם. זי איז שוין געווען דאָרט. א צופרידענע, האָט זי מיר פאַרגעלייגט זיך דורכגיין א ביסל. מיר זייַנען אוועק ניט מיט דער גאַס, ווו אַלע האָבן שפּאַצירט, נאָר מיט א זייַטיק שטיל געסל. לאַנגזאַם האָבן מיר געשפּאַנט איבער דעם שוואַך באַלויכטענעם, זיך אונטערוויגנדיקן הילצערנעם טראָטואַרל. מיר האָט זיך זייער געוואָלט אָנעמען זי בא דער האַנט, נאָר איך האָב ניט געוואַגט. ס'איז מיר שוין געווען גענוג גוט פון דעם, וואָס זי גייט לעבן מיר, וואָס איך פיל זי נאָענט לעבן זיך, וואָס איך הער זי. אן אויפּ־געלעבטע, קימאַט ווי מיט קינדערשער היספּייַלעס, האָט זי דערציילט וועגן דער שיינקייַט פון לענינגראַד, וואָס שטייט אַף הונדערט אינדזלען פון דער נעווער דעלטע, וועגן די פּרעכ־טיקע דענקמעלער, וועגן סמאָלני, פונוואַנען לענין האָט אָנגעפירט מיטן לאַנד אין די ערשטע כאַדאָשים פון דער סאָוועטנמאַכט. מיט פאַרכאַפּונג האָט זי גערעדט וועגן דעם אוניווערסי־טעט, ווו זי לערנט, וועגן דעם איסאַקיִעווער סאָבאָר, דעם אָפּערע־טעאַטער, ערמיטאַזש... פון צייַט צו צייַט האָב איך אויך אריַינגעשטעלט א וואָרט, דערציילט עפּעס וועגן מינסק. מיר האָבן זיך אַזוי פאַרעדט, אַז אומבאַמערקט האָבן מיר איבערגעלאָזט הינטער זיך די שמאָלע געדרייטע געסלעך און זייַנען ארויס צו די פעלדער פונעם ביַישטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפט־לעכן קאָלעקטיוו. דאָ איז דער הימל געווען פיל גרעסער, העכער, בלויער. מיר האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם גוט אויסגעפאָרענעם וועג, וואָס איז באַלויכטן געווען פון דער לעוואָנע. פון איין זייַט האָבן שטיל זיך אונטערגעוויגט מיט די צעבליטע קעפּ הויכע זונרויזן, פון דער צווייטער זייַט האָט זיך געזילבערט א פעלד מיט געדיכטער קוקורוזע. נאָכדעם האָבן זיך אוועקגעצויגן פעלדער מיט לייַן, מיט בלויִענדיקן קלעווער און א באַשטאַן מיט רייַפּנדיקע דיניעס און קאַוועָנעס. מיר האָבן לאַנג שפּאַצירט צווישן די פעלדער, פאַרשיקערטע פון דער שטילער זומערדיקער נאַכט, פון די דינסטע גערוכן, וועלכע די ערד און די געוויקסן, אָנגע־וואַרעמטע פון דער באַטאָגיקער הייסער זון, האָבן פון זיך ארויסגעאָטעמט.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט, איז קיין שייַן אין די פענצטער פון די שטעטלדיקע שטיבער שוין ניט געווען. איך האָב זי באַגלייט אהיים, צו דער שטוב פון אירע עלטערן. מע איז שוין דאָרט געשלאָפן. זי איז מיט שטילע טריט ארויף אַפן גאַנעקל, זיך צוגעזעצט אין סאַמע ווינקל און צו מיר א ווונק געטאָן. איך בין פאַרזיכטיק ארויף און זיך צוגעזעצט לעבן איר. בא ביידע זייַטן גאַנעקל האָבן געשורשעט מיט די בלעטער עטלעכע קליאָנען, צודעקנ־דיק אונדז מיט זייער וואַרעמען שאָטן. מיר זייַנען געזעסן נאָענט איינס לעבן אנדערן און שטיל, זייער שטיל גערעדט. און וויפל מיר האָבן ניט גערעדט, האָבן מיר זיך ניט געקענט אָנריידן. ס'האָט שוין אָנגעהויבן שארייַען אַף טאָג. ס'האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן זיך, נאָר מע האָט געמוזט.

— סאָליא, איך וויל דיר עפּעס זאָגן, — האָט זי, געזעגענענדיק זיך מיט מיר, א שעפּטשע געטאָן, ווי פאַרטרויענדיק א סאָד, — דו ביסט זייער געפעלן מייַנע כאַווערטעס. זיי זייַנען אַלע, אַלע פאַרליבט אין דיר... — בא די ווערטער האָט זי זיך צוגעריירט מיט אירע הייסע ליפּן צו מייַנע, א קוש געטאָן און באַלד פאַרשווּנדן הינטער דער שטיל צוגעמאַכטער טיר.

א גליקלעך־איבערראַשטער בין איך אוועק, און איבער דער קילבלעכער פאַרטאָגיקער גאַס האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן דער פרייליכער אָפּקלאַנג פון מייַנע הילכיקע טריט. מיר האָט זיך געוואָלט גיין און גיין. דאָס שטעטל האָט איצט אויסגעזען זייער שיין. עס זייַנען מיר נאָ־ענט געוואָרן צום האַרצן די געסלעך מיט די איינשטאָקיקע הייַזער, די גאַנעקלעך, די היל־צערנע טראָטואַרן, אַלץ, אַלץ, און באַזונדערס די שטוב, ווו ס'האָט זיך איצט געפונען די, וועלכע איך האָב ליב געקראָגן. הייס. מיטן גאַנצן האַרצן, אַזוי ווי עס קאָן נאָר ליב האָבן א זיבעצניאָריקער ראָמאַנטיקער צום ערשטן מאָל אין לעבן.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אָפטער באַגעגענען. ס'איז געווען ניט לייַכט. איך בין קימאַט יעדן אָוונט געווען פאַרנומען. רעפּעטירט מיט די קאָמיוגיסטן אָדער מיט די פּיִאָנערן. גע־

גרייט א קאָנצערט־פּראָגראַם. און כאָטש די רעפּעטיציעס האָבן פאַרשאַפט פאַרגעניגן, בין איך דאָך שטיל אין האַרצן מעקאַנע געווען יענע יוגנטלעכע, וועלכע פלעגן אָנהייב אָוונט שוין אַרויסגיין אויפן שפּאַציר אויף דער שטעטלדיקער הויפּט־גאַס, וווּ זי, יויכעוועד, מיט אירע כאַווערטעס זײַנען שוין אויך געווען. זיי און נאָך עטלעכע סטודענטקעס און סטודענטן, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין פאַרשיידענע שטעט און געקומען אין די קאַניקול־כאַדאָשים אין שטעטל צו די עלטערן, האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. באַזונדער האָבן זיך אויך געקליבן די קאָמיוגיסטן, די שטעטלדיקע האָרעפּאַשנע יוגנט, די שוסטערס, בלעכער, קירזשנער, גאַרבערס, נייטערנס, זאָקנשטריקערנס, כעוורע פון די הינטערגעסלעך. זיי האָבן געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף דער „אינטעליגענציע"— אויף די גרויסשטאָטיש אויסגעפּוצטע טעכטערלעך און זינדלעך פון געוועזענע באַלעבאַטים, איצטיקע יאָרדים, לישענצעס. די האָרעפּאַשנע כעוורע פלעגן זיך צעגיין פריִער, די אָנגעפּאָרענע פלעגן געוויינלעך שפּאַצירן ביז שפּעט אין אָוונט.

רעפּעטירנדיק, פלעג איך זען דורך די פענצטער, ווי די סטודענטקעס, און זי, יויכעוועד, צווישן זיי, שפּאַצירן הין און צוריק פאַרבײַ דעם קלוב, פאַרהאַלטן זיך פון מאָל צו מאָל אויף א ווײַלע און גייען ווײַטער. ס'האָט מיך געצויגן אהין, צו איר, און גלײַכצײַטיק האָט מיר האַנאָע געטאָן, וואָס איך טו עפּעס נייטיקס, בין פאַרנומען, און זי פאַרשטייט עס, קוקט אַרויס, וואַרט אויף מיר. דאָך האָב איך זיך געסטאַרעט ניט פאַרציִען די רעפּעטיציעס צו שפּעט און ווי־נאָר די רעפּעטיציע האָט זיך פאַרענדיקט, פלעג איך אַרויס צו דער „האָפּ־קאָמפּאַניע", ווי זיי אַליין האָבן זיך אָנגערופן. א פּאָר מאָל, — איך בין דאָך אויך געווען א סטודענט, — פלעגן מיר זיך דורכגיין אַלע צוזאַמען אַרויף־ און אַראָפּ־גאַס, נאָכדעם פלעג איך און יויכעוועד צוביסלעך אָפּשטיין, פאַרקערעווען אומבאַמערקט פון זיי אין א זײַט און צופרידענע, וואָס מיר זײַנען געבליבן אַליין, אַוועקגיין מיט די טונקעלע געסלעך צו איר אויפן גאַנעקל. דאָרט האָט אונדז קיינער ניט געשטערט. מיר פלעגן זיצן צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן און ריידן, ריידן, ריידן.

זי איז געווען אנטוויקלטער, מער ערודירט פון מיר. הערן זי איז געווען א פארגעניגן, וועגן וואָס זי האָט ניט גערעדט — צי וועגן אירע באַליבטע קעגנשטאנדן פיזיק און מאטעמאטיק, צי וועגן יעסענינען, צי וועגן די נײַע ריכטונגען אין מאָלערײַ, צי וועגן דעם מייערכאָלד־טעאטער, צי וועגן דער זון־סיסטעם. פון איר האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט וועגן א ראקעטע, וועלכע ציאָלקאָווסקי האָט פאָרגעלייגט ארויסצושיקן אין קאָסמאָס. מיר האָט עס דעמלט אויסגעזען בלויז, ווי א שיינע פאנטאזיע. און זי איז געווען זיכער, אז ציאָלקאָווסקיס טרוים וועט נאָך פאר אונדזער לעבן פארווירקלעכט ווערן, מענטשן וועלן פליִען צו דער לעוואָנע, זײַן אפן מארס, אף אנדערע פלאנעטעס.

געוויינלעך פלעגט נאָך האַלבער נאכט ווערן קילבלעך. פלעגט זי אראָפּנעמען פון זיך דאָס געשטריקטע קאָפּטעלע און ארופלייגן צו מיר אף די אקסל, אף דעם דינינקן ציצענעם העמדל. פלעג איך דאָס קאָפּטל אראָפּנעמען פון זיך און צודעקן זי, פלעגט זי ווידער אראָפּנעמען פון זיך. אָט אזוי איז געגאנגען די שפיל, ביז מיר פלעגן זיך צוטוליען נאָך מער איינס צום אנדערן, און דאָס קאָפּטעלע, וואָס האָט געשמעקט מיט בליִענדיקער אקאציע, האָט צוגעדעקט אונדזביידן. דעמלט פלעגן מיר שוין ניט ריידן. מיר פלעגן אזוי זיצן און קוקן זיך איינס דעם אנדערן אין די אויגן. ארום איז שטיל, אזוי שטיל, אז איך האָב געהערט דאָס קלאפּן פון אונדזערע הערצער. מיט אירע צארטע פינגער האָט זי געקעמט מיר די טשופּרינע, געגלעט דעם האַלדז, דעם שטערן. אין אירע אויגן האָבן אופגעבליצט פינקלענדיקע שטערנדלעך, און די פרישע זאפטיקע ליפּן האָבן זיך געצויגן צו מיר. מיר האָבן זיך געקושט. לאנג. הייס. אין אָט די מינוטן, ווען מיר זײַנען פארשיקערט געווען איינס פונעם אנדערן, פלעגט זיך מיר זייער וועלן פרעגן בא איר, וויִאזוי זי פארברענגט די פרײַע צײַט אין לענינגראד, מיט וועמען כאווערט זי זיך, צי זי באגעגנט זיך דאָרט מיט עמעצן. איך בין זיכער געווען, אז אלע סטודענטן פונעם פיזמאט־פאקולטעט, אף וועלכן זי לערנט זיך, זײַנען פארליבט אין איר, און ניט נאָר פון דעם פאקולטעט, — פונעם גאנצן אוניווערסיטעט. נאָר איך האָב גאָרניִשט ניט געפרעגט.

נאָך איינער א קישעפדיקער נאכט בא איר אפן גאנעקל האָבן מיר זיך צעשיידט, ווען דער ראנד הימל איז שוין באגאָסן געווען מיט א ראָזקײַט פון דער אופגייענדיקער זון. א גליקלעכער, ווי קיינער אף דער גאָרער וועלט, בין איך אוועק איבער דער פארטאָגיקער גאס, געגאנגען מיט פאמעלעכע שטילע טריט, קעדיי ניט צעווייען דאָס מעכײַעדיקע גערוך, וואָס האָט זיך נאָך פארהיט פון אירע הענט, פון אירע האָר, פון אירע ליפּן. און געטראכט האָב איך וועגן דעם, אז ווען איך בין מיט פיניען געווען מיט צוויי וואָכן צוריק אפן שאבעס־פארנאכטיקן שפּאציר און צום ערשטן מאָל געזען זי, יויכעוועדן, איז מיר אפן זינען ניט געקומען, אז זי, אזא וווּנדערלעך מיידל, קאָן זיך פארליבן אין מיר. ווען עמעצער זאָגט מיר, אז אזוינס איז מעגלעך, וואָלט איך דעמלט ניט געגלייבט.

שוין לעבן מײַן באַלעבאָסטעס שטיבל האָט מיט א הילכיקן געקלאנג זיך אָנגעטראָגן און ארויסגעגלײַכט זיך מיט מיר א לײַכטע בעדאַרקע. אפן אונטערגעשפּרייטן היי איז דאָרט געזעסן דער סעקרעטאר פון ראיקאָמיוג יאנקאָ מאקאיאָנעק און לעבן אים, מיט די לייצעס אין די הענט, פיניע שוואַלב. דערזען מיך, האָט פיניע זיך שטארק דערפרייט.

— סאָליא! פונוואנען אזוי פרי? — האָט ער אופגעלעבט אויסגערופן, אָנציִענדיק די לייצעס. — פונוואנען גייסטו עס?

איך האָב זיך פארלוירן, ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס צו זאָגן.

— מיסטאמע פון א שיין מיידל, — האָט דער סעקרעטאר פון דער זײַט א ווונק געטאָן צו מיר.

— מיט א שיין מיידל פארברענגען איז קיין אוולע ניט, — האָט פיניע גוטמוטיק באמערקט, ווי ער וואָלט מיר וועלן ארויסהעלפן.

— זע אָקאָרשט, אז ער זאָל זי בא דיר ניט אָפּשלאָגן, — האָט דער סעקרעטאר זיך א וויצל געטאָן.

— אף אן אנדערן עפּשער ניט, נאָר אף אף אים פארלאָז איך זיך. צוליב וואָס דארף ער אונדזערע, גענוג שיינע מיידלעך זײַנען פאראן בא אים אין טעכניקום. ער וועט ניט אָפּשלאָגן. הא, סאָליא? — האָט פיניע פריילעך געזאָגט און א צי געטאָן די לייצעס.

דער בולאנער איז אוועק גיכער.

— צוויי אזייגער באטאָג איז בא אונדז א פארמאכטע קאָמיוגישע פארזאמלונג, — האָט פיניע, אויסדרייענדיק צו מיר דעם קאָפּ, אויסגעשריִען, — אן ערנסטע פראגע. קום פריִער, וועלן מיר כאפּן א שמועס. איך האָב זיך שטארק פארבענקט נאָך דיר...

איך האָב געמאַכט נאָך עטלעכע טריט, געוואָלט אים כאָטש עפּעס זאָגן, נאָר ניט אימשטאַנד געווען אַרויסברענגען אַ וואָרט. מיט אַ צעקאַלעמוטעטע האַרץ האָב איך נאָכגעקוקט נאָך דער בעדאַרקע, ביז זי האָט פאַרקערעוועט אַפן זײַטיקן שמאָלן געסל, וווּ פּיניע האָט געוווינט, און איז פאַרלוירן געגאַנגען פון מײַנע אויגן. איך האָב לאַנג נאָכדעם זיך אַרומגעדרייט איבער דער נאָך פּוסטער גאַס, ניט וויסנדיק ווּ זיך אַהינצוטאָן. ניט געקענט זיך מוחל זײַן, וואָס איך האָב פּיניען, ווען ער האָט געפרעגט, פונוואַנען איך גיי, ניט געזאָגט גלײַך אַפן אָרט, אַזוי ווי ס׳איז, אַז איך גיי פון יוּיכעוועדן, אַז ס׳איז שוין צוויי וואָכן, ווי מיר באַגעגענען זיך, אַז מיר האָבן זיך ליב. וואָלט ער דעמלט כאָטש ניט געזאָגט, אַז ער פאַרלאָזט זיך אַף מיר. פון אָט די ווערטער זײַנע האָט בײַ מיר געפלאַמט דאָס פּאָנעם. בעסער שוין וואָלט ער מיך געזידלט. געשטערט האָט מיר אים זאָגן עס אין דער אָנוועזנהײַט פון אַ דריטן, פונעם סעקרעטאַר פון ראַיקאָמיוג. האָב איך געדאַרפט אים אָפּרופן אַף אַ ווײַלע אין אַ זײַט, דערקלערן, וויאַזוי ס׳איז געשען, וואָלט ער פאַרשטאַנען און זיך איבערצײַגט, אַז איך בין אין גאָרנישט ניט שולדיק, מײַן געוויסן איז ריין, אַז איך בין קיין מינדסטע אוולע ניט באַגאַנגען קעגן אים. ניט דערטראַכט זיך עס טאָן. דאָס האָט מיך זייער געקימערט. ניט גוט וועט זײַן, אויב פּיניע וועט זיך דערוויסן וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט יוּיכעוועדן, ביז איך וועל זיך זען מיט אים אַף דער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג. אין אַ קליין שטעטל זײַנען קיין סודיעס ניטאָ. געוויינטלעך, אַז עמעץ זאָל עפּעס באַמערקן, רעדט שוין דאָס גאַנצע שטעטל וועגן דעם. אויב ער וועט זיך דערוויסן פון עמעצן און ניט פון מיר, איז ווי וועל איך דעמלט אויסזען אין זײַנע אויגן? וואָס וועט ער דעמלט טראַכטן וועגן מיר? ער וועט שוין מיר גאָרנישט ניט גלייבן. און קעדיי ער זאָל זיך איבערצײַגן, אַז איך האָב זיך ניט געקליבן עפּעס וואָס אויסבאַהאַלטן פון אים, האָב איך גענומען מיט זיך דעם בריוו, וועלכן איך האָב געהאַט אָנגעשריבן אַף גאַנצע אַכט זײַטלעך באַלד נאָכדעם, ווי איך האָב צום ערשטן מאָל באַם פּײַערלעשער־טורעם זיך צופעליק באַגעגנט מיט איר, מיט יוּיכעוועדן.

מיט אַ ניט גרינג געמיט בין איך אַוועק אין קלוב, ווו אין אַ האַלב שאָ אַרום האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן די פאַרזאַמלונג. איך האָב ניט געצווייפלט, אַז פּיניע איז שוין דאָרט. אויפהייבנדיק זיך אַף די אָפּגעריבענע הילצערנע טרעפּ, האָב איך באַשלאָסן גלײַך אים געבן דעם בריוו, זאָל ער איבערלייענען און זען, אַז ס׳איז געשריבן געווען נאָך מיט צען טעג צוריק. דעמלט וועט מיר זײַן לײַכטער צו ריידן מיט אים.

אין קלוב זײַנען שוין געווען קימאַט אַלע קאָמיוגיסטן. אייניקע האָבן באַם פּרעזידיום־טיש, וואָס איז געשטאַנען איבערגעדעקט מיט אַ רויטן לײַוונט אַף דער בינע, געשפּילט אין דאַמקעס, אייניקע אין דאָמינאָ. עטלעכע קאָמיוגיסטן זײַנען געזעסן אין זײַטיקן קליינעם צימערל, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ ניט־אָנגעגלאָזטע שאַפע מיט אַלטע ביכער און פרישע בראָשורן, און אַרײַנגעקוקט אין די צײַטונגען, וואָס זײַנען געלעגן אַפן פאַניער־טישל. אַנדערע זײַנען געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער און געשמועסט. פּיניע איז נאָך ניט געווען. דאָס האָט מיך אי געוווּנדערט, אי באַאומרויִקט. ער האָט דאָך געזאָגט, אַז ער וועט זײַן פריִער. און ס׳איז איצט שוין געווען צוויי אַזייגער. מע האָט שוין געדאַרפט אָנהייבן די פאַרזאַמלונג. אין עטלעכע מינוט אַרום איז מיט אַ טומל אַרײַנגעקומען זוזיע סורקיס, דער באַפולמעכטיקטער פון ראַיפינאָפּטייל. ער האָט פאַנאַנדערגעשפּיליעט די לעדערנע קורטקע, וועלכע ער האָט אַפילע אין די היצן ניט אויסגעטאָן, זיך אומגעקוקט מיט די באָלעכוואַטע אייגעלעך, צי עס זײַנען ניטאָ קיין זײַטיקע, און מיט זײַן הייזעריקלעכער שטים געמאָלדן, אַז פּיניע מיטן סעקרעטאַר פון ראַיקאָמיוג זײַנען אַוועקגעפאָרן צוליב זייער אַ דרינגענדן איניען און געהייסן וואַרטן. ניט פאַנאַנדערגיין זיך. וווּהין זיי זײַנען דרינגענד אַוועקגעפאָרן און צוליב וואָס פאַר אַן איניען, האָט ער ניט געזאָגט. דאָס איז געווען אַ סאָד. מעגלעך, אַז ער האָט אויך ניט געוווּסט. נאָר ביכלאַל איז ער שטענדיק געווען פול מיט סודיעס. פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט אים, איז ער מיר דערווידער געוואָרן אי מיט זײַנע אומרויִק־לויפנדיקע אייגעלעך, אי מיט די רויטע בעקעלעך אַפן קײַלעכיקן פּענעמל. און דעריקער מיט זײַן אויסערגעוויינלעכער „רעוואָליוציאָנערישקײַט”. אַף יעדער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג איז ער אַרויסגעטראָטן דער ערשטער, וועגן געוויינלעכע זאַכן גערעדט מיט היץ, באַנוצנדיק זיך מיט הויכע ווערטער, וועלכע קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען. צו יעדער פראַגע האָט ער געהאַט אַ גרייטע אומקאָמפּראָמיסלעכע רעזאָליוציע. געפאָדערט געבן אַ שטרענגן אויסרייד די קאָמיוגיסטן פונעם בײַשטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו דערפאַר, וואָס זיי האָבן בעשאַס דעם רעגן פאַרשפּעטיקט אַף עטלעכע מינוט צום פּאָליט־שמועס. געפאָדערט אויסשליסן פון קאָמיוג לייקע דעם באַלעגאָלעס, די אופראַמערן אין באָד, דערפאַר, וואָס זי איז בעשאַס דער לעווײַע פון איר עלטערבאָבען געשטאַנען באַם קיווער, ווען דער ראָוו האָט געזונגען

אייל־מאַלע, און ניט פּראָטעסטירט. דאָס באַווײַזט, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם קלאַסן־באַוווסט־זײַן, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון די קלעריקאַלן און פּאַראַטן די אידייען פון דער רעוואָליוציע. בעשאַס זוזיע סורקיס האָט זיך געהיצט, האָבן די נאַזלצעכער בא אים זיך ברייט פּאַנאַנדערגעבלאָזן און פון די דינע בלוילעכע ליפּן האָט געשפּריצט מיט סלינע. די באַ־לעבאָסטע האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז פּאַראַיאָרן יאָמקיפּער, בעשאַס פּיניע איז געווען אין מיליטער, האָט ער, זוזיע, אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע פון קינדער, וועלכע האָט, בע־ראָש מיט אים, עטלעכע מאָל דורכגעמאַרשירט פאַרבײַ דעם בעסמעדרעש מיט דער ליד „דאַ־לוי ראַווינאָוו אי פּאַפּאָוו”. און ווען די מיספּאַלעלים זײַנען אין די טאַלייסים ארויס אַפן טומל, האָט ער און נאָך אייניקע זיך אויסגעדרייט צו זיי מיטן פּאָנעם און געשמירט די ליפּן מיט שטיקער כאַזער־שמאַלץ. מע האָט אויך גערעדט וועגן דעם, אַז ער שיקט בישטיקע מעסירע־בריוו אין די אינסטיטוטן, ווו עס לערנען זיך די טעכטער און זין פון געוועזענע באַלעבאַטים, מע זאָל בא דער רייניקונג, וואָס דאַרף פּאַרקומען, זיי אויסשליסן, ווי פרעמדע עלעמענטן. אַליין האָט ער געשטאַמט, ווי מע האָט צווישן זיך גערעדט, פון הענדלער, נאָר אין דער אַנ־קעטע בא אים איז געווען אָנגעוויזן, אַז זײַן טאַטע איז געווען אַ קוסטאַר. אַף וויפל ער איז געווען ניט קיין היגער, נאָר אַ צוגעשיקטער פון אַן אַנדער ראַיאָן, האָט מען געווי זײַן ייִכעס ניט געוווּסט. מע האָט זיך געהאַלטן פון אים פונדערווײַטן. איך אויך. ער האָט מיך עטלעכע מאָל געפּאַקט אין גאַס, ווען איך בין געווען אַליין, געפּרוּווט פאַרפירן מיט מיר אַ רייד, זיך אינטערעסירט מיט מײַן בי:אָגראַפיע, געוואָלט וויסן די פאַמיליע פונעם סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל בא מיר אין טעכניקום. ניט וועלנדיק טרעפן זיך מיט אים איצט אין קלוב, בין איך אַרויס אין גאַס און באַשטימט אָפּוואַרטן דאָרט פּיניען.

אין אַ שאָ אַרום איז צום קלוב צוגעפאָרן אַ מיליטערישע טאַטשאַנקע. פון איר זײַנען אַראָפּ דער שעף פון דער גרענעץ־זאַסטאַווע, דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָמיוג און פּיניע. פאַרבײַגייענדיק, האָט פּיניע מיר געגעבן די האַנט, נאָר קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. איך האָב אים פאַרהאַלטן אַף אַ רעגע, דערלאַנגט דעם בריוו, געבעטן איבערלייענען.

— צוליב וואָס? — האָט ער זיך אַ קנייטש געטאָן און אומגעקערט מיר דעם בריוו צו־ריק. — דאַרפסט זיך פאַר מיר ניט פאַרענטפערן. איך פאַרשטיי אַליין. זע נאָר, באַליידיק זי ניט...

מיר זײַנען אַרײַן אין קלוב. פּיניע איז מיט גיכע טריט אַוועק אַף דער בינע, ווו באַם פּרעזידיום־טיש זײַנען שוין געזעסן בײדע כאַווײרים, מיט וועלכע ער איז געקומען צו פאָרן אַף דער טאַטשאַנקע.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָמיוג האָט געמאַכט אַ קורצן פּאָרטראַג וועגן דער צווישנ־פעלקערלעכער לאַגע, גערעדט וועגן קערזאָנס נאָטע, וועגן דער קאָנפערענץ פון דער אַנטאַנ־טע, וועגן די אימפּעריאַליסטישע פּראָוואָקאַציעס קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און וועגן דער ראָליע, וואָס עס שפּילט אין דעם דאָס שליאַכטישע פּוילן. דערציילט, אַז עס זײַנען ווידער געווען דיווערסיע־אַקטן. אין מינסק האָט מען אונטערגעצונדן דעם לעדער־זאַוואָד, אין אָרשע דעם עלעוואַטאָר, אין מאָזיר די ניי־פאַבריק. עטלעכע דיווערסאַנטן, וואָס זײַנען אַריבערגע־וואָרפן געוואָרן פון פּוילן אַף אונדזער טעריטאָריע, האָט מען פאַרהאַלטן. אַפן פאַרהער האָבן די דיווערסאַנטן דערציילט, אַז מע קלײַבט זיך היינט צווי אַזייגער באַנאַכט אַריבערוואַרפן איבער אונדזער גרענעץ נאָך אַ גרופּע. פאַראַן אַ פּאָרשלאָג: אַלע קאָמיוגיסטן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען אַ מיליטערישע צוגרייטונג אין „טשאָן”, מאָביליזירן זיך אַף מיטהעלפן די גרענעצלער אויספילן די פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע צו פאַרהאַלטן די באַנדע דיווערסאַנטן. דער פּאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. דעבאַטירן איז ניט געווען וואָס. דאָך האָט זוזיע סורקיס געבעטן אַ וואָרט. מיט האַסטיקע טריט איז ער אַרויף אַף דער בינע און, ווענדנדיק זיך צום פּרעזידיום, אויסגעדריקט פון אַלעמענס נאָמען, — כאָטש גראָד אים האָט דאָס קיינער ניט באַפולמעכטיקט, — אַ הייסן, פלאַמיקן קאָמיוגישן דאַנק פאַרן צוטרוי און פאַרזיכערט, אַז יעדער איינער און אַלע צוזאַמען וועלן, ניט שאַנעווענדיק זיך, אויספילן דעם הייליקן כויוו, אַרויסווײַזן דרייסטקײַט, שרעקלאָזיקײַט, מעסירעסנעפעש, ווי עס האָבן עס אַרויס־געוויזן די העלדישע קעמפער בייס דער רעוואָליוציע.

צום סאָף פון דער פאַרזאַמלונג האָט פּיניע געמאָלדן, אַז אין צווי שאָ אַרום, פּינקטלעך זעקס אַזייגער, דאַרפן אַלע קאָמיוגיסטן טשאָנאָוצעס זײַן לעבן בערעזע־וועלדל. סורקיס האָט פּאָרגעלייגט, ער זאָל אָנרופן די פאַמיליעס פון יענע, וועמען עס ווערט פּאַרטרויט אויסצו־פילן אָט די ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אָפּעראַציע. פּיניע האָט איבערגעלייענט דאָס צעטל. מײַן פאַמיליע איז דאָרט ניט געווען. איך האָב זיך דערפילט אַזוי, ווי מע וואָלט מיך בעקיוון

באַליידיקט. ווענדנדיק זיך צו פיניען, האָב איך געפרעגט, פאַרוואָס בין איך ניטאָ אין צעטל. איך בין דאָך אויך א טשאַנאָוועץ, אויך דורכגעגאַנגען א מיליטערישע צוגרייטונג. צי עפּשער בין איך ניט קיין באַגלייבטע פּערזאָן? פיניע האָט געענטפערט זייער רויִק, אז ניט אײַנגעשלאָסן האָט מען מיך דערפאַר, ווײַל די אָפּעראַציע איז ניט קיין לײַכטע, מעגלעך אפילע א געפערלעכע, און איך בין ניט אפן באַשטענדיקן דיסקאַנט בא זיי אין קעמערל. אָן אנדערשמאָל וואָלט איך עפּשער זיך אזוי ניט אײַנגעשפּאַרט, נאָר דעמלט האָב איך געפילט א באַדערפעניש גיין צוזאַמען מיט אַלעמען, און דעריקער מיט אים, מיט פיניען, זאָל זײַן אָף דער סאַמע געפערלעכער אָפּעראַציע. איך האָב זיך עס דערשלאָגן. מע האָט מיך אײַנגעשלאָסן אין צעטל. איך בין געווען דער דרײַצנטער.

אָף דער פאַרזאַמלונג זײַנען די געדאַנקען מײַנע געווען דורכויס פאַרנומען מיט דעם, וועגן וואָס עס האָט זיך דאָרט גערעדט. נאָר באַלד, ווי די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט, מע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און איך בין פאַרבליבן אַליין מיט זיך, האָב איך זיך דערמאָנט, אז צען אין אָוונט, ווי מיר האָבן זיך געהאַט צונויפגערעדט, וועט יויכעווועד וואַרטן אָף מיר בא זיך אפן גאַנעקל. איך האָב זי פאַרזיכערט, אז צו צען אזייגער וועל איך קומען. נאָר טאָמער פאַרהאַלט איך זיך עטוואָס, זאָל זי וואַרטן, ניט אוועקגיין. איצט האָב איך געהאַט די זאָרג: וויאזוי גיט מען איר צו וויסן, אז איך וועל ניט קאָנען קומען, זי זאָל ניט זיצן דאָרט איינע אַליין אין דער פינצטער און וואַרטן אומזיסט. צוגיין צו איר אהיים האָב איך ניט געוואַגט פאַרצוליב אירע עלטערן. איבערגעבן מיט עמעצן? מיט וועמען? וויאזוי? אין האָפענונג איז פאַרבליבן: עפּשער וועל איך זי דערזען ערגעץ. איך האָב זיך אַרומגעדרייט הין־און־הער איבער דער גאַס, דורכגעגאַנגען א פּאָר מאָל פאַרבײַ איר געסל, נאָר ניט געזען זי. דער זייגער איז שוין געווען באַלד זעקס. מער פאַרהאַלטן זיך האָב איך ניט געקאָנט, און מיט א פאַרדראָס אָף זיך אַליין, וואָס איך האָב איר ניט צו וויסן געגעבן, בין איך אוועק צום זאַמל־פונקט.

לעבן בערעזע־וועלדל זײַנען שוין געווען אַלע קאָמיוגיסטן־טשאַנאָווצעס, אויסער זוזיע סורקיסן. ער איז מיט א שאָ פּריִער, לאָזט זיך אויס, אוועקגעפאָרן אָף אן עקסטרע באַראַטונג אין ראַיפינאָפּטייל. „ער האָט דאָך זײַן הייליקן כיוון שוין אויסגעפילט מיט דעם פלאַמיקן וואָרט אָף דער פאַרזאַמלונג”,— האָט זיך א וויצל געטאָן דער שטענדיק שווײַגנדיקער, א ביסל האַמעטנער בערל באַרבאַראַש, דער ייִנגסטער קאָניוך פונעם בײַשטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו. עמעצער האָט נאָך עפּעס צוגעגעבן, און עס האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן א געלעכטער. בעשאַס כעוורע האָט זיך געוויצלט, איז פיניע צוגעגאַנגען צו מיר און ווידער געפּרוווט מיך אָפּריידן, פאָרגעלייגט זיך אומקערן, דורכפירן די פאַרפּלאַנירטע רעפּעטיציעס מיט די פּיאָנערישע רינגען. „אָף דער זאַסטאַווע וועלן מיר זיך באַגיין אָן דיר,— האָט ער מיך פאַרזיכערט,— און די רעפּעטיציעס וועט אָן דיר קיינער ניט דורכפירן”. איך האָב געפילט, אז אים ווילט זיך זייער ניט, איך זאָל זיך באַטייליקן אין דער באַנאַכטיקער אָפּעראַציע. איך האָב זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן.

מיר זײַנען אוועק. ביז דער גרענעץ־זאַסטאַווע איז געווען א פיר קילאָמעטער. געגאַנגען זײַנען מיר מיט א זײַטיקער סטעזשקע, וועלכע האָט זיך געשלענגלט צווישן הויכן בודזיאַק, קראָפּעווע און פּאָלין. א שטיקל וועג איז מיר אויסגעקומען גיין זײַט־בא־זײַט מיט פיניען. ער האָט געשוויגן. איך האָב אויך געשוויגן.

געקומען זײַנען מיר אָף דער זאַסטאַווע, וועלכע האָט זיך געפונען באַם אַרײַנגאַנג אין סאָסנע־וואַלד, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן און זי האָט באַגאָסן די קרוינען פון די ביימער און די בלעכענע דעכער פון די עטלעכע זאַסטאַווע־געבײַדעס מיט גינגאָלד. נאָך א קורצן אָפּרו האָט דער שעף אונדז פאָרגעשטעלט דעם קאָמאַנדיר פונעם אָפּטייל, וועלכער איז באַאופטראָגט געווען אָנצופירן מיט די אָפּעראַציעס פון אונדזער גרופּע. דער קאָמאַנדיר, א גוטמוטיקער יאַקוט מיט שמאָלע זייער לעבעדיקע אויגן, האָט אונדז גענוי דערקלערט די שלאַכט־אויפגאַבע, אָנגעהאָדעוועט אונדז אין זייער ציכטיקער סטאָלאָווקע, אַרויסגעגעבן געווער און געמאָלדן, אז א פּאָר שאָ, ביז עלף אין אָוונט קאָנען מיר רוען.

מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אפן גרינעם שמעקנדיקן גראָז באַם ראַנד פונעם וואַלד. א טייל כעוורע האָט גלײַך געכאַפּט א דרעמל. אַנדערע — שפּעטער. אַרום־און־אַרום איז שוין געווען טונקל. איך בין געלעגן, זיך צוגעהערט צום שטילן גערויש פונעם וואַלד און זיך פאָרגעשטעלט, ווי יויכעווועד זיצט שוין דאָרט איינע אַליין אין דער פינצטער אפן גאַנעקל און וואַרט. דאָס האַרץ האָט מיר גענאָגט. איך האָב זיך געפילט שולדיק. עמעץ האָט דערנעבן אָנגעצונדן א שוועבעלע, פאַררייכערט. ס'איז געווען פיניע. איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן אים. א ווײַלע זײַנען מיר געזעסן שווײַגנדיק. נאָכדעם האָט ער זיך שטאַרק פאַרצויגן און געזאָגט, אז ער קלײַבט זיך אין א פּאָר וואָכן אַרום אוועקצופאָרן. אָף לאַנג. עפּשער אָף שטענדיק. ער

האָט הײַנט נאָך דער פארזאמלונג זיך צונויפגערעדט וועגן דעם מיטן סעקרעטאר פון ראַי־קאָמיוג, און דער סעקרעטאר האָט צוגעזאָגט שיקן אים אין א מיליטער־שול. מעגלעך, קיין סמאָלענסק. און עפשער קיין מאָסקווע.

ס'האָט זיך באוויזן דער קאָמאנדיר. ער האָט אונדז אויסגעשטעלט אין איין ריי און שטיל, אָן א מינדסטן טומל, אוועקגעפירט טיפער אין וואלד. דאָרט האָט יעדער פון אונדז, לויט זײַנע אָנווײַזונגען, פארנומען אן אָרט אין דער קייט צווישן די סאָסנעס. רעכטס פון מיר איז געלעגן מיט אן אָנגעלאָדענער ביקס בערל בארבאראש, לינקס — פיניע. עס האָט זיך געהערט, ווי אַףביידע פלאַנגען האָבן פארנומען זייערע ערטער אנדערע באוואָפנטע גרופעס. נאָכדעם איז געוואָרן זייער שטיל. דיביימער האָבן אפילע אופגעהערט שורשען מיט די צווײַגן, ווי זיי וואָלטן ניט וועלן שטערן אונדז אופצוכאפן דעם פארטײַעטן אָפהילך פון פרעמדע טריט. די צײַט האָט זיך זייער געצויגן. לאנג. זייער לאנג. און אָט האָט מיטאמאָל א הילך געטאָן אין וואלד איין שאָס נאָכן אנדערן. עס האָט זיך דערהערט א טופען פון פיס. מע איז געלאָפן. ווי מיר האָבן דערוואַרט, אין אונדזער ריכטונג. דער קאָמאנדיר האָט באפוילן צולאָזן די באנדע נעענטער. דער וועג אַף צוריק איז זיי שוין געווען אָפגעשניטן. דאָס זעלבע אַף ביידע פלאַנגען. די דיווערסאנטן זײַנען געווען שוין גאָר נאָענט. דעמלט האָבן מיר געגעבן א געמיינזא־מען זאלפ אינדערלופטן. אין א ווײַלע ארום זײַנען זיי ארומגערינגלט געוואָרן פון אלע זײַטן. פינף פון זיי האָבן אופגעהויבן די הענט, איינער האָט זיך דורכגעריסן. דער קאָמאנדיר, עט־לעכע גרענעצלער און פיניע האָבן זיך אוועקגעיאָגט נאָך אים. גלײַך ווי דאָס הארץ וואָלט מיר געזאָגט, אז מיט פיניען קאָן עפעס טרעפן, האָב איך זיך געלאָזט באנאנד מיט אים, ווי איך וואָלט שוין מיט דעם פארהיט אים פון א געפאר. מיר האָבן ניט געשאָסן. געוואָלט נעמען דעם באנדיט א לעבעדיקן. פלוצלינג האָט ער זיך אויסגעדרייט און אויסגעשאָסן. עטלעכע מאָל נאָכאנאנד. אין דער זעלבער רגע האָט דער קאָמאנדיר מיט איין קויל אים אוועקגע־לייגט. לויט דער אינערציע איז פיניע אָפגעלאָפן נאָך עטלעכע טריט און מיטאמאָל, ווי ער וואָלט זיך אָן עפעס אָנגעשטויסן, אומגעפאלן מיטן פאָנעם אַף צוריק, זיך אויסגעצויגן צווישן די ביימער. מיר האָבן זיך גלײַך געלאָזט צו אים. ער איז געלעגן אָן אָנמעכטיקער, שווער געאָטעמט. דאָס כאקי־העמדל מיט די ווײַסע קנעפלעך איז דורכגעווייקט געווען אין בלוט. דער קאָמאנדיר האָט פלינק איבערגעבונדן אים די ברוסט. מיר האָבן אים געבראכט אַף די הענט אין דער זאסטאווע. מע האָט אים באלד אוועקגעפירט אַף דער טאטשאנקע אין ראַיצענטער, אין שפיטאָל.

קיין איינעם פון די דיווערסאנטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן דורכשמוגלען זיך. די אָפע־ראציע איז דורך געלונגען. אָבער דער שווערער איבערפאל מיט פיניען האָט געפאטערט די שטימונג.

אינדערפרי, אומקערנדיק זיך פון דער זאסטאווע, האָבן די כעוורע דערזען פארטריקנט בלוט בא מיר אפן העמדל. איך האָב געטראכט, אז באפלעקט האָט זיך דאָס העמדל, בעשאַס איך האָב געהאָלפן ארויסטראָגן פיניען פון וואלד. נאָר ווען איך האָב דאָס העמדל אויסגעטאָן, קעדיי אויסשווענקען עס אין טײַך, האָב איך באמערקט, אז דער לינקער ארבל איז דורכגע־שאָסן און אַף דער האנט בא מיר, העכער דעם עלנבויגן, איז א היפשער בלוטיקער שראם. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אז יויכעוועד זאָל עס וויסן. נאָר איצט איז ניט געווען די פא־סיקע צײַט צו טראכטן וועגן איר. ס'האָט מיך זייער באומרויקט פיניעס צושטאנד. ניט אריַײַ־גייענדיק אין ערגעץ, בין איך, צוזאמען מיט כעמען, דעם פאָרזיצער פונעם בלעכער־ארטעל, וועלכער האָט געהאט פארביטן פיניען, בעשאַס יענער איז געווען אפן סעמינאר, און מיט בערל בארבאראשן, אוועק גלײַך אין בײַשטעטלדיקן לאנדווירטשאפטלעכן קאָלעקטיוו, און אַף זייער פערד־און־וואָגן זאלבעדריט, זײַנען מיר אוועקגעפאָרן אין ראַיצענטער, דערוויסן זיך אין שפיטאָל, וויאזוי עס פילט זיך פיניע.

צו פיניען האָט מען אונדז ניט צוגעלאָזט. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז ער איז פאר־וווּנדעט אין לונג. די קויל האָט מען ארויסגענומען. נאָר די טעמפעראטור איז בא אים דער־ווײַל א הויכע. דער דאָקטער רעכנט, אז די נאָענטסטע טעג וועט אים ווערן לײַכטער.

מיר זײַנען שווײַגנדיקע ארויס פונעם דאָקטערס קאבינעטל. בערל בארבאראש און כעמע שאַליט האָבן זיך געזעצט אפן וואָגן. איך האָב זיך אומגעקערט, א פרעג צו טאָן, ווען מע קאָן קומען נאָכאמאָל, קעדיי זיך זען מיט אונדזער כאווער. דער דאָקטער האָט געייצעט קומען ניט פריִער, ווי אין א וואָך ארום. און, דערמאָנענדיק זיך אין עפעס, האָט ער א פרעג געטאָן בא מיר, צי איך ווייס ניט, ווער עס איז יויכעוועד, און ווער זי קער זיך אָן מיט פיניען. בא א הויכער טעמפעראטור האָט דער פארווונדעטער עטלעכע מאָל ארויסגעשעפטשעט אָט דעם מיידלשן נאָמען.

די כעוורע האָב איך וועגן דעם גאָרנישט ניט געזאָגט. נאָר יוויכעוועדן האָב איך זיך גע־קליבן עס דערציילן. עפשער וועט זי צופּאָרן מיט מיר צו אים. איין גוט וואָרט אירס קאָן פאַרלײַכטערן זײַנע ווייטעקן. און עפשער פאַרקערט. עפשער וועט אים פון דעם ווערן ערגער. און כ'האָב שוין ניט געוווּסט — זאָגן איר, צי ניט.

פון שפּיטאָל האָבן מיר זיך אומגעקערט נאָך האַלבן טאָג. בערל באַרבאַראַש איז פאַר־בליבן מיט פערד־און־וואָגן אין בײַשטעטלדיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו, כעמע שאַ־ליט האָט אוועקגעײַלט אין בלעכער־אַרטעל, איך — צו זיך אַף דער קוואַרטיר, זיך וויַזן דער באַלעבאָסטע. אין שטעטל האָט שוין עמעצער געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין אויך פאַרוווּנדעט, געפּערלעכער פון פּיניען.

ווען איך בין אַרײַן אינעם ענגן הייפל, האָט אַנטקעגן זיך געעפנט מיט אַ סקריפּ די ני־דעריקע דרויסן־טיר. פון מײַן באַלעבאָסטעס שטיבל איז אומדערוואַרט פאַר מיר אַרויס יוויכע־וועד. זי איז געווען זייער פאַרזאָרגט. דערזען מיך, איז זי אַ רגע געבליבן שטיין, ווי איבע־ראַשט, און באַלד אָן אופגעלעבטע, אַ שײַנענדיקע, זיך געלאָזט לויפן מיר אַנטקעגן.

עס זײַנען אַדורך עטלעכע וואָכן. אַ פּאָר מאָל בין איך געווען אין שפּיטאָל, זיך געזען מיט פּיניען. ער האָט זיך געפילט בעסער. זיך פּאַנאַנדערגעפרעגט, ווי עס גייען די רעפּעטי־ציעס, אינטערעסירט זיך, צי וועל איך באַווײַזן צום זיבעצנטן אווגוסט, צום יאָרטאָג, זינט עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס קאָמיוגישע קעמערל, צוגרייטן די קאָנצערט־פּראָגראַם. די פּראָגראַם איז געווען אַ רײַכע. דער קאָמיוגישער אָרקעסטער, דער פּיִאָנערישער כאָר, דעקלאַ־מאַציעס, טענץ און אַ בופּאַנאַדע, אָנגעשפּיקעוועט מיט סצענקעס און לידער אַף אַרטיקע טעמעס. רעפּעטירט האָב איך אי באַטאָג, אי אין די אָוונטן. באַטאָג מיט די פּיִאָנערן. אין די אָוונטן מיט די קאָמיוגיסטן, מיט דער האַרעפּאַשנער יוגנט. אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ. דאָך פלעג איך קימאַט יעדן אָוונט, שוין נאָך די רעפּעטיציעס, זיך באַגעגענען מיט יוויכע־וועדן. אָפן שפּאַציר פלעגט זי שוין זעלטן אַרויסגיין. זי פלעגט וואַרטן אַף מיר אין דער באַ־שטימטער צײַט בײַ זיך אָפן גאַנעקל. אין שטעטל האָט מען געוווּסט, גערעדט וועגן דעם. די סטודענטלעך האָבן אָנגעהויבן קוקן אַף מיר מיט אָנגעכמורעטע אויגן. ס'איז מיר ניט אָנגעגאַנגען. פּונקט, ווי ס'איז מיר ניט אָנגעגאַנגען די ליבע־בריוו, וועלכע איך האָב באַקומען פון די אָנגעפּאַרענע יונגע סטודענטקעס. פאַראַן אַ שורע אין אַ ליד: „צווישן טויזנט דאַרף איך איינע". די איינע, די איין־איינציקע אַף גאָר דער וועלט איז פאַר מיר געווען יוויכעוועד. נאָר זי. מער קיינער.

די צײַט איז גיך געלאָפן. ס'איז שוין געווען אינמיטן אווגוסט. צוויי טעג זײַנען פאַר־בליבן ביזן קאָנצערט. האַלב צען אין אָוונט האָב איך פאַרענדיקט די פאַרלעצטע רעפּעטי־ציע. ווען איך בין אַרויס פון קלוב, איז אין דרויסן געווען שטאָקפינצטער. דעם הימל האָבן באַלאָדן שווערע דראָענדיקע וואָלקנס. מיט גיכע טריט בין איך אוועק אַראָפּ־גאַס, צו איר. אַ שטאַרקער ווינט האָט געשמיסן אין פּלייצע. פאַר די אויגן האָט דורכגעשווינדלט אַ פּײַער־דיקער בליץ. איבערן די וואָלקנס האָט מיט אַ טראַכקערײַ זיך דורכגעקײַקלט אַ דונער. ס'האָט אָנגעהויבן קאַפּען אַ שיטערער קאַלטער רעגן. איך בין געווען אין איין העמדל. כ'האָב זיך געלאָזט לויפן. דער ווינט האָט זיך נאָך שטאַרקער צעבושעוועט. ס'האָט אָן אופהער געבליצט, געדונערט. אָט־אָט, האָט זיך געפילט, וועט אַ שמיץ טאָן אַ שלאַקסרעגן. געטראַכט האָב איך שוין, אַז איך אײַל זיך אומזיסט. אין אַזאַ וועטער וועט זי ניט אַריבערטרעטן די שוועל, זי וועט אין אַזאַ שטורעם ניט אַרויס אָפן גאַנעקל, זי וועט איצט ניט וואַרטן אַף מיר. און דאָך בין איך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געלאָפן. איך בין שוין געווען גאָר נאָענט. אַ שאַרפער בליץ האָט אָנגעצונדן אַ שטיק הימל, באַלויכטן איר גאַנעקל. און איך האָב זי דערזען. אַ באַשײַנטע פּונעם בליץ, איז זי געשטאַנען אַ פאַרקוטעטע אין אַ געקעסטלטער שאַל. איינע אַליין. איך בין אַרופגעלאָפן צו איר. איבערן סאַמע קאָפּ האָט געפּלאַצט אַ דונער. ס'האָט אַ פּליוכע געטאָן אַ שטאַרקער גוסרעגן. זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט, זיך צוגעדריקט מיט איר שטײַפן וואָ־רעמען קערפּער. מיר האָבן זיך צוגעטוליעט צום סאַמע ווינקל, וווּהין די רעגן־טראָפּנס האָבן ניט דערגרייכט. און ס'האָט ניט אַזוי געבלאָזן. זיך אײַנגעקוטעט ביידע אין דער ווייכער שאַל.

— איך האָב מוירע געהאַט, אַז דו וועסט אין אַזאַ וועטער שוין ניט קומען, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן מיר אָפן אויער.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין ניט אַרויס, וועסט ניט וואַרטן, — האָב איך שטיל געזאָגט.

— ווען דו קומסט ניט באַלד, וואָלט איך סײַווי געוואַרט. איך וואָלט ניט אוועק, ביז באַגינען וואָלט איך דאָ געזעסן און געוואַרט, — האָט זי מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געזאָגט.

ארומגענומען מיך באם האלדז, צוגעדריקט איר פארפלאמט פּאָנעם צו מײַנעם. אונדזערע דאָרשטיקע ליפּן האָבן זיך באהעפט.

דער ווינט האָט געהוליעט אלץ שטארקער און שטארקער. פאנאנדערגעוויגט די הויך־צעוואקסענע קליאָנען, געראשט מיט די צווײַגן, געברומט, געפּײַפט. דער רעגן האָט געקלאַפּט מיט שווערע טראָפּנס איבער דעם בלעכענעם דעכל פונעם גאנעקל, איבער די שורשענדיקע בלעטער פון די בעז־קוסטעס, איבער דעם הילצערנעם טראָטואר, איבער די האסטיק פלייצנדיקע ריוטשאקעס. פלאמיקע בליצן האָבן געצונדן דעם נידעריק פארוואָלקנטן הימל, די אנטקעגנדיקע שינדל־דעכער, די שויבן פון די דערבײַיִקע פענצטער. די שויבן האָבן געקלונגען, געציטערט פון די דונערן. און אונדז איז געווען גוט. זייער גוט.

נאָך האלבער נאכט האָט דער רעגן אופגעהערט. דער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט, אויסגעשטערנט. ס'איז געוואָרן שטיל. זייער שטיל. די קליאָנען, אויסגעצוואָגענע פונעם רעגן, זײַנען געשטאנען פון ביידע זײַטן גאנעקל, ווי פארקישעפטע, ניט א ריר טוענדיק מיט א בלעטל.

ווען עס האָט אָנגעהויבן שארַיען אף טאָג, האָב איך זיך אופגעהויבן אף אוועקצוגיין.

— זײַ נאָך א ווײַלע, — האָט יויכעווע געבעטן, ניט ארויסלאָזנדיק מײַן האנט פון אירער, — זע, סארא זון־אופגאנג, סארא שיינקײַט...

מיר האָט זיך אויך ניט געוואָלט צעשיידן זיך מיט איר, נאָר עס האָט זיך שוין געלאָזט הערן א טראכקען פון וועגענער, וועלכע האָבן, קאָנטיק, געאײַלט צום זונטיקדיקן מארק.

באגלייטנדיק מיך, האָט יויכעווע אף די גאנעק־טרעפּלעך זיך דערמאָנט, אז הײַנט, זונטיק, וועט זײַן דער ראיאָנער פאָטאָגראף. איר האָט זיך זייער געוואָלט פאָטאָגראפירן זיך מיט מיר אפן פּאָן פון דעם פײַערלעשער־טורעם, וווּ מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל זיך באגעגנט.

— צוויי אזייגער באטאָג וועל איך דאָרטן זײַן. איך וועל ווארטן אף דיר. זאָלסט אומבאדינגט קומען. פּונקט צוויי אזייגער. גוט? — האָט זי, אָנבייגנדיק זיך צו מיר, א זאָג געטאָן, און אירע הימל־בלויע אויגן האָבן געלויכטן מיט ליבשאפט.

אוועק בין איך פון איר אָן איבערגעפולטער מיט גליק.

ביז צוויי אזייגער האָב איך באוויזן אי כאפּן א שלאָף, אי העלפן דער אלטיטשקער באלעבאָסטע צוראמען בא מיר אין צימערל, אי אָנמאָלן א פלאקאט וועגן דעם קאָנצערט־אָוונט, וואָס דארף פאָרקומען מאָרגן דעם 17 אווגוסט, אי ברענגען זיך אין אָרדענונג. אין דער באשטימטער צײַט בין איך מיט א ליכטיק געפיל אוועק צום פײַערלעשער־טורעם, א זיכערער, אז איך וועל זי שוין טרעפן דאָרט. נאָר יויכעווע איז דאָרט נאָך ניט געווען. איך האָב א היפּשע צײַט זיך ארומגעדרייט איבערן שמאָלן הילצערנעם טראָטואר, אומגעקוקט זיך אין אלע זײַטן. אלע ווײַלע האָט זיך מיר געדוכט, אז זי גייט. איך האָב געוואַרט און געווארט, און זי איז ניט געקומען. זאָל זײַן, אז איך האָב זי ניט ריכטיק פארשטאנען? זי האָט עפּשער געמיינט זאָגן, איך זאָל קומען אפן ראָג גאס, לעבן דער פאבריקמאכערײַ, וווּ אין די זונטיק־טעג געפינט זיך געווייגלעך מיט זײַן אפּאראט דער ראיאָנער פאָטאָגראף? איך בין אוועק אהין. זי איז דאָרט אויך ניט געווען. ניט אנדערש, מיר האָבן זיך אויסגעמיטן. איך בין זיך דורכגעגאנגען איבער דער גאס, געווען בא דער פּאָטשט, לעבן די קלייטן, אפן מארק. עפּשער וועל איך זי דאָרט טרעפן. אפן מארק איז נאָך געווען א היפּשער אוילעם. עס איז געשטאנען א טומל, א געפּילדער. עס האָבן געקרייעט העגער, געהאָלדערט אינדיקעס, געקראקעט קאטשקעס. פון די וועגענער, וועלכע זײַנען אָנגעפּאָרן אהער פון די נאָענטע דערפלעך און כוטאָרן, האָט געדיכט געשמעקט מיט רײַפע עפּל, מיט פרישע אוגערקעס, מיט אוקראָפּ, פּשאָנקעס, דיניעס, צוגעטריקנטן היי און דזעגעכץ. אף די טישלעך איז אויסגעשטעלט געווען די פּראָדוקציע פון די אָרטיקע ארטעלן און פון קוסטארן־יעכידים: היטלען מיט הארטע גלאנציקע דאשעקעס, לאפּטיעס, יוכטאָווע שטיול, עמערס, טעפּ, קאסטריוליעס, בערשטלעך. צווישן אוילעם האָב איך דאָרט געזען אירע כאווערטעס. זי איז צווישן זיי ניט געווען.

אין אָוונט, באלד ווי מיר האָבן פארענדיקט די גענעראלע רעפּעטיציע, בין איך אוועק צו איר. אין אָט דער צײַט פלעגט זי געווייגלעך שוין ווארטן אף מיר בא זיך אפן גאנעקל. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי מיר וועלן זיך באלד דערפרייען, אויסקלאָרנדיק די מיספארשטייעניש, וואָס איז פאָרגעקומען. זי האָט געוויס געווארט אף מיר אין איין אָרט, און איך האָב געווארט אף איר אין א צווייטן.

פארקערעווענדיק צו איר געסל, האָב איך באמערקט, ווי פּאסן שײַן ציִען זיך פון איר שטוב, און איך בין געבליבן שטיין אין פארלעגנהײַט. די דרײַ פענצטער, וואָס האָבן ארויסגעקוקט צו דער גאס, זײַנען געווען ברייט צעעפנט, און פונעם העל־באלויכטענעם צימער

האָט דורך די גאַרדינען זיך געטראָגן אַ פריילעכער טומל. עמעצער האָט געשפּילט אױף אַ פּיאַנע. עמעצער האָט געזונגען. מע האָט הױך געלאַכט. דאָרט זײַנען, קאָנטיק, געװען געסט. מיר האָט זיך געװאָלט כאָטש מיט אײן אױג אַ קוק טאָן, זען, װער עס זינגט, װער עס שפּילט אױף דער פּיאַנע, זי? יױכעװעד? נאָר איך בין אַװעק אין אַ זײַט, זיך צוגעשפּאַרט צו אַ בױם און געבליבן װאַרטן, ביז זי װעט זיך באַװײַזן אױפן גאַנעקל. לאַנג געװאַרט. זי איז ניט אַרױס.

אױף מאָרגן האָב איך זיך דערװוּסט, אַז זי איז מיטן פּאַרטאָגיקן צוג אַװעקגעפֿאָרן. איך בין געװען דערשטױנט, ניט געקאָנט באַנעמען, װאָס עס איז געשען. פֿאַרװאָס איז זי פּלוצלינג, ניט זאָגנדיק מיר גאָרניט, ניט געזעגענענדיק זיך אפֿילו, אַװעקגעפֿאָרן. און גראָד אין דעם טאָג, װען עס דאַרף פֿאָרקומען דער קאָנצערט, אױף װעלכן איך האָב אַװעקגעלײגט אַזױפֿיל קױכעס. איך האָב זיך געפֿילט באַאַװלט, מיר האָט זיך אין ערגעץ ניט געװאָלט גײן, קײנעם האָב איך ניט געװאָלט זען, איך בין געלעגן בײַ זיך אױפֿן בעטל און געהאַלטן אין אײן טראַכטן: װאָס איז די סיבה? װאָס האָט געקאָנט געשען? מע איז געקומען נאָך מיר. צײַט געװען אָנהײבן דעם קאָנצערט. ער איז געװען אַ געצאַלטער. לעטװיװעס מאָפּר. אַלע בילעטן זײַנען געװען אױספֿאַרקױפֿט. דער קלוב — געפּאַקט. אירע כאַװערטעס זײַנען אױך געװען. יעדע אַרױסטרעטונג איז אױפֿגענומען געװאָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן. בײַ די אָנטײלנעמער איז געװען אַ יאָמטעװדיקע שטימונג. בײַ מיר איז דער יאָמטעװ, װעלכן איך האָב געגרײט און בין געװען זיכער, אַז זי װעט אױך זײַן אױף אים, געװען פֿאַרשטערט.

נאָך איר אַװעקפֿאָרן האָט דאָס שטעטל מיר אָנגעהױבן אױסזען אַנדערש. דאַכט זיך, די זעלבע געסלעך, די זעלבע הײַזער, דער זעלבער הימל, דאַכט זיך, אַלץ, װי געװען, און דאָך עפּעס אַנדערש. אין אָװנט האָבן נאָך אײניקע סטודענטקעס און סטודענטן שפּאַצירט. אירע כאַװערטעס אױך. נאָר דער שפּאַציר האָט שױן קײן טאַם ניט געהאַט. עס האָט געפֿעלט זי, װעלכע האָט צו אַלץ צוגעגעבן כײן, אין אַלץ אַרײַנגעטראָגן לעבן.

דאָס האַרץ האָט בײַ מיר גענאָגט, געװײטעקט, אױסגעגאַנגען פֿון בענקשאַפֿט. איך האָב זיך קײן אָרט ניט געפֿונען. דערװוּסט זיך, אַז פֿון בײַשטעטלדיקן לאַנדװירטשאַפֿטלעכן קאָ־לעקטיװ גײט אַ פֿור אין ראַיצענטער, בין איך אַװעק אַהין און צוגעפֿאָרן אין שפּיטאָל, צו פּיניען. איך האָב געפֿילט איצט אַ באַזונדער באַדערפֿעניש זיך זען מיט אים. שױן פֿונעם גע־דאַנק אַלײן, אַז איך װעל זײַן מיט אים, איז מיר לינדער געװאָרן אױף דער נעשאָמע. נאָר פּונקט אין דעם טאָג איז אין שפּיטאָל געמאָלדן געװאָרן קאַראַנטין און מע האָט מיך צו פּיניען ניט אַרײַנגעלאָזט.

מיט אַ נאָך שװערערן געמיט האָב איך זיך אומגעקערט, אָנגענומען זיך מיט מוט און אָנגעשריבן אַ גרױסן בריװ. איך האָב אין אים אַרײַנגעלײגט דאָס גאַנצע האַרץ, מײַן ליבע און פֿאַרדראָס, מײַן בענקשאַפֿט און װײטעק. איך האָב געשריבן, אַז איך װאָלט זײער און זײער װעלן װיסן, אױב ס'איז ניט קײן סאָד, װאָס עס איז געשען, פֿאַרװאָס איז זי פּלוצ־לינג אַװעקגעפֿאָרן, און װי דאַרף איך פֿאַרשטײן דאָס, װאָס זי האָט זיך אפֿילו ניט געזעגנט מיט מיר. געבעטן, אױב זי װעט געפֿינען פֿאַר נײטיק מיר ענטפֿערן, שרײַבן אױפֿן אַדרעס פֿו־נעם מוזיקאַלן טעכניקום, קײן מינסק. װײַל דאָ, אין שטעטל, װוּ ס'איז·מיר באַשערט געװען זיך באַגעגענען מיט איר, בין איך דעם לעצטן טאָג, מאָרגן פֿאָר איך אַװעק.

אין אָװנט האָב איך זיך געזעגנט מיט די װױלע כעװרע, די פּראָסטע און פֿאַשעטע האָ־רעפּאַשנע יאַטן און מײדלעך פֿונעם קאָמיוגישן קעמערל. אַלע צוזאַמען האָבן מיר זיך דורכ־געשפּאַצירט עטלעכע מאָל איבער דער הױפּט־גאַס און הױך, אױפֿן גאַנצן קאָל, װי אױפֿצולאַכעס עמעצן, געזונגען די ליד, װעלכע מיר האָבן אַלײן פֿאַרפֿאַסט צום קאָנצערט:

ס'איז הײַנט אַ נײַע צײַט:
קאָמיוגיסטן, ראַטנמאַכט.
אַװעק די פֿינצטערע יאָרן,
מיר זײַנען פֿרײַ געװאָרן.
שער און אײַזן, סערפּ און האַמער
זײַנען לײַט געװאָרן...

יױכעװעדס כאַװערטעס זײַנען אין דעם אָװנט אױפֿן שפּאַציר ניט געװען.

פֿאַרטאָג האָב איך מיט האַרצקלעמעניש פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל.

קומענדיק קײן מינסק, האָב איך גלײַך, דעם זעלבן טאָג, אַװעקגעשיקט דעם בריװ קײן לענינגראַד אױפֿן אַדרעס פֿון יױכעװעדס עלטערער שװעסטער, — דעם שױן אָנגעזעגענעם פּיזי־קער, בײַ װעמען זי, יױכעװעד, האָט געװױנט. און פֿון דער מינוט אָן האָב איך אָנגעהױבן װאַרטן אױף אַן ענטפֿער. עס האָבן זיך שױן גענומען אומקערן די סטודענטן פֿון די קאַניקולן,

אין צוזאַמענווירונג איז געוואָרן לעבעדיק, און אין א וואָך אַרום האָבן אין טעכניקום זיך
אָנגעהויבן די לימודים. מיט אַן אומרויִק געמיט האָב איך אַרויסגעקוקט אַף דער פּאָטשט.
ס'איז אַדורך אַ וואָך, צוויי וואָכן, דריַי. קיין ענטפער איז ניט געווען. ערשט אין א כוידעש
אַרום האָב איך באַקומען אַ קורץ בריוול פון איר. זי האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי ענט־
פערט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אַף מיַין בריוו. זי איז זייער איבערגעלאָדן מיט די לימודים און וועט
אַף וויַיטער וואַרשיַינלעך אויך ניט האָבן די מעגלעכקייַט צו זיַין אַן אַקוראַטנע. א טרוקן,
זייער אַ טרוקן בריוול. איך האָב געזוכט צווישן די שורעס איין וואָרעם וואָרט, כאָטש אַ
מינדסטע אָנדיַיטונג אַף דעם, און ניט געפונען. ניט זי בענקט, ניט זי בעט מיך שריַיבן,
פרעגט זיך אַפילע ניט נאָך, ווי עס גייען בא מיר די לימודים. איך האָב בעשום־אויפן ניט
געקאָנט באַנעמען, וויאַזוי איז עס מעגלעך, וויאַזוי עס האָט געקענט אַזוי גיך בא איר זיך
ענדערן די באַציִונג צו מיר. דאָס האָט מיך דערצאָרנט. און דאָך איז איר בריוועלע מיר
געווען טיַיער שוין דערפאַר, וויַיל יעדער אָס איז דאָרט אָנגעשריבן געווען מיט איר האַנט.
איך האָב עס געלייענט און איבערגעלייענט און געקומען צום אויספיר, אַז שולדיק אין דעם,
וואָס זי האָט מיר אַזוי טרוקן געענטפערט, בין איך אַליין, מיַין בריוו, וועלכער איז אָנגע־
שריבן געווען מיט פאַרדראָס. איך האָב באַשטימט אַנטשולדיקן זיך פאַר איר, אָנגעשריבן אַ
האַרציקן, אַ לירישן בריוו, אָן קיין סימען פון באַליידיקונג, אָן קיינע שום פאַריבלען און
פאַרדראָסן, געבעטן נאַר, ווען זי וועט האָבן צייַט, אָנשריַיבן מיר כאָטש עטלעכע ווערטער
וועגן זיך — ווי גייען די לימודים, וואָס לייענט זי, וויאַזוי פאַרברענגט זי די צייַט, מיט וועמען
באַגעגנט זי זיך, און צי בליַיבט איר כאָטש ווען־עס־איז אַ פריַיע מינוט אַף דערמאָנען זיך אָן
יענע טעג און אָוונטן, ווען זי איז געווען אין שטעטל.

מיט האַרצפּלאַטער האָב איך געוואַרט אַף אַן ענטפער. טאָג־אויס, טאָג־איַין. קיין בריוו
פון איר איז ניט געווען. איך האָב אָבער ניט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זי האָט ניט
געענטפערט. לײַכטער איז מיר געווען צו טראַכטן, אַז איר בריוו איז, מעגלעך, פאַרלוירן גע־
גאַנגען, און עפשער האָט זי גאָר מיַין בריוו ניט באַקומען. מע האָט איר ניט אָפּגעגעבן. מאַלע
וואָס עס קאָן טרעפן. איך האָב געבענקט, פאַרגעזעצט איר שריַיבן לאַנגע הייסע בריוו. נאָר
ניט אָפּגעשיקט זיי. באַשלאָסן אין די ווינטער־קאַניקולן, וועלכע וועלן זיך אָנהייבן אין א
פּאָר כאַדאָשים אַרום, צופאָרן כאָטש אַף עטלעכע טעג אין שטעטל. זי וועט דאָך געוויס
קומען, דאָרט וועל איך זיך זען מיט איר. און איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דעם. גע־
קראָגן די ווערק, וועגן וועלכע זי האָט גערעדט מיט מיר: „די וואָך" לעבעדינסקיס, „טאַש־
קענט די ברויט־שטאָט" נעווערואָווס, „ווירינייע" סייפולינעס, „קאָמסאָמאָליע" בעזימענסקיס,
יעסענינס לידער. קיינמאָל האָב איך אַזויפיל ניט געלייענט, ווי איצט. אין די פריַיע שאָען
פון די לימודים האָב איך זיך פאַרנומען מיט פיזקולטור, באַזוכט לעקציעס וועגן ציאָלקאָוו־
סקין, אַסטראָנאָמיע, קאָסמאָס. שטודירט אַפילע מאַטעמאַטיק, פיזיק. איך האָב זיך געגרייט
צו דער באַגעגעניש מיט איר, ווי צו אַן ערנסטן עקזאַמען.

און אָט, אין א שטילן ווינטערדיקן פאַרנאַכט בין איך מיט א טיאַכקענדיק האַרץ ווידער
געקומען אין שטעטל. אַפן וועג האָב איך בא אַשערל באַלעגאָלע זיך דערוווּסט, אַז פּיניע
איז איצט אין שטעטל ניטאָ. מע האָט אים נאָכן שפּיטאָל געשיקט אין א סאַנאַטאָריע קיין
קרים; בערל באַרבאַראַש איז אויך ניטאָ, ער איז אַף לאַנדווירטשאַפטלעכע קורסן ערגעץ
הינטער אָרשע; זוזיע סורקיס האָט צעטרענצלט א גרויסע סומע מעלוכיש געלט און געפינט
זיך איצט אין דער ראַיאָנער קוטוזקע. און קיינער פון די היגע סטודענטקעס און סטודענטן
זיַינען דאָס מאָל ניט געקומען, אויסער ייִצכאָק פעווזנערס טאָכטער, יויכעוועד. זי איז דאָ.
שוין באַלד א וואָך.

אָפּגעשטעלט האָב איך זיך בא דער אַלטיטשקער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט זיך שטאַרק
דערפרייט מיט מיר, און בין באַלד אַרויס אַף דער אָוונטיקער הויפּט־גאַס מיט דער האָפענונג
עפשער נאָך היַינט זי באַגעגענען. די גאַס איז געווען ניט צו דערקענען. די היַיזער, די גאַ־
נעקעס, די טראָטוארן, די ביימער, די פאַרקנדלעך זיַינען אַרום־און־אַרום פאַרוויַיעט געווען
מיט שניי. ס'האָט געבלאָזן א קאַלטער ווינט. מע האָט קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען.
איך בין זיך דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל אַרוף־ און אַראָפּ־גאַס, געווען בא דער פּאָטשט, בא
דעם צוגעשלאָסענעם קלוב, בא דעם פיַירלעשער־טורעם, און נאָכדעם, ניט זיַיענדיק אימשטאַנד
זיך באַהערשן, האָב איך פאַרקערעוועט צו איר געסל. מיט פאָמעלעכע, ניט זיכערע טריט
זיך דערנעענטערט צו דער באַקאַנטער שטוב.

דורך די מיט שניי פאַרפּאַראָשעטע פענצטער האָט פון שטוב קוים אַרויסגעלויכטן א
בלאַסע שיַין און ס'האָבן זיך דערטראָגן פון דאָרט צאַרטע קלאַנגען פון דער פּיאַנע.
זי האָט געשפּילט. דאָס האַרץ איז בא מיר פאַרשטאַרבן געוואָרן. איך האָב ניט געקענט

זיך רירן פון אָרט. דער ווינט האָט געדרייט, געפּיפּט, אונטערגעבראָמט, געשמיסן מיטן שניי איבער דער דרויסן־טיר, איבער „אונדזער גאַנעקל", ווי מיר — איך און יויכעוועד — האָבן עס דעמלט גערופן, איבער די פאַרפרוירענע פענצטער, געשמיסן מיר אין פּאָנעם, אין די אויגן, און איך בין געשטאַנען. זיך צוגעהערט צו די רירנדיקע קלאַנגען, וועלכע זײַנען דורך דעם שניי־געווירבל דערגאַנגען צו מיר, געשטאַנען לאַנג, א פאַרקאַלייעטער, פון קאָפּ ביז די פיס א פאַרפּאַראַשעטער מיט שניי, ביז זי האָט ניט אופגעהערט שפּילן און ס'האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ביסל שײַן אין די פענצטער.

די ווייגע האָט לאַנג ניט געבושעוועט, דער ווינט האָט זיך צוביסלעך אײַנגעשטילט. עס האָבן זיך געשטעלט שיינע ווינטערדיקע טעג, וווּנדערלעך־שטילע ליכטיקע אָוונטן. אַלע פאַר־נאַכט האָט די יוגנט פאַרפולט די הויפּט־גאַס. מע האָט זיך געגליטשט אַף ליזשעס, אַף שליט־לעך, שפּאַצירט, זיך געוואָרפן מיט שניי־גאָמלקעס. יויכעוועדן האָב איך ניט דאָ, ניט ערגעץ אנדערש־ווו ניט באַגעגנט. ערשט אין א וואָך אַרום, ווען איך האָב שוין קימאַט פאַרלוירן די האָפענונג זיך צו טרעפן מיט איר, האָב איך, שפּאַנענדיק אין אָוונט איינער אליין פאַרבײַ איר געסל, מיטאמאָל זי דערזען.

— יויכעוועד! — האָב איך פאַר פרייד קימאַט ווי אויסגעשריִען.

זי איז געבליבן שטיין פאַרלוירן.

— סאָליאַ? ווי קומסטו אהער? — האָט זי מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— איך בין דאָ שוין העכער א וואָך... געוואָלט דיך זען... און דו... דו ווײַזט זיך גאָר ניט, — האָב איך צעטומלט אַרויסגעשטאַמלט.

— איך בין טאַקע זעלטן ווען אַרויס. געלייענט, — האָט זי זיך פאַרענטפערט.

— לאָמיר זיך איצט דורכגיין א ביסל, — האָב איך פאַרגעלייגט.

— איך קען איצט ניט. מע וואַרט אַף מיר אין דער היים, — האָט זי שטיל, ווי אַנטשול־דיקנדיק זיך, געענטפערט.

— און מאָרגן?

— מאָרגן? — האָט זי איבערגעפרעגט, פאַרכטנדיק מיט די פינגער די פּאַסמעס גינגאָל־דענע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דעם ווײַסן וואָלענעם טיכל. — מאָרגן פאָר איך אַוועק.

— שוין? מאָרגן?! — איך בין געבליבן דערשטוינט. — מיט וועלכן צוג?

— מיטן פאַרנאַכטיקן. שוין צונויפגערעדט זיך מיט אָשערל באַלעגאָלע. דאָס גיי איך פון אים.

— אויב אזוי, פאָר איך אויך מאָרגן. האָסט ניט קעגן? — האָב איך א זאָג געטאָן האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט.

— זייער גוט. וועלן מיר פאָרן צוזאמען, — האָט זי א שמייכל געטאָן, דערלאַנגענדיק מיר די פאַרפרוירענע פינגער.

— וואַרט נאָך צו א ווײַל, יויכעוועד, איך האָב דיך דאָך אַזויפיל צײַט ניט געזען. שטיי נאָך א ביסל, — האָב איך זי געבעטן.

— איך קאָן ניט, — האָט זי מיט הארץ געזאָגט, א קוק געבנדיק מיר גלײַך אין די אויגן, — מאָרגן... מאָרגן וועלן מיר זיך זען...

זי איז אַוועק. איך בין געבליבן שטיין מיט א צעבויטעט הארץ, נאָכגעקוקט איר, ביז זי איז פאַרשוווּנדן בא זיך אין געסל. דעמלט האָב איך זיך גלײַך געלאָזט גיין צו אָשערל באַלע־גאָלע, צו וויסן געגעבן אים, אז מאָרגן פאָר איך אויך צום פאַרנאַכטיקן באַן. צונויפגערעדט האָבן מיר זיך, אז ער וועט פריִער פאַרפאָרן מיטן שליטן צו יויכעוועדן, נעמען זי, און נאָכ־דעם צו מיר.

די נאַכט האָב איך שוין מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, זיך פאָרגעשטעלט, ווי איך זיץ שוין מיט איר, מיט יויכעוועדן, נאָענט, זייער נאָענט, איינס לעבן אנדערן אין שליטן, נאָכ־דעם אין וואַגאָן, האַלט זי בא דער האַנט, זע איר ליכטיקן שמייכל, איר צאַרטן בליק, רייד מיט איר, איך האָב דאָך מיט איר אַזויפיל צו ריידן, אַזויפיל צו דערציילן, און נאָך פיל מער דאַרף איך זיך דאָך דערוויסן בא איר, זייער, זייער פיל זיך דערוויסן...

מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אַף דער מינוט. צו דער באַשטימטער צײַט איז אָשערל באַלעגאָלע צוגעפאָרן צו מײַן באַלעבאָסטעס שטיבל. יויכעוועד איז, צו מײַן גרויס באַוווּנדערן, אין שליטן ניט געווען. שמורכענדיק מיט דער נאָז, האָט אָשערל געזאָגט, אז זי פאָרט ניט מיט אים. דער טאַטע אירער, רעב יִיצכאָק פּעווזנער, האָט איבערגעטראַכט, זיך צונויפגערעדט מיט אן אנדער באַלעגאָלע, מיט סימכע דעם רויטן. רעב יִיצכאָק פּעווזנער פאָרט אויך צום וואָקזאַל, באַגלייטן זײַן מיזינקע. און אים, דעם גאַבע, שטייט, קאַנטיק, ניט אָן זיך זעצן אין איין שליטן מיט א קאָמסאָמאָליעץ.

פון דער נײַס איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אַפּן האַרצן. איך האָב אָבער שוין גאָרנישט ניט געקאָנט ענדערן. ס׳איז מיר געבליבן זיך טרייסטן מיט דעם, אַז דערפאַר וועלן מיר אין צוג שוין פאָרן צוזאַמען.

אומגעפער אַף העלפט וועג, שוין נאָענט פון דעם מיט שניי באַדעקטן סאָסנע־וועלדל, האָט פון הינטער אונדז זיך דערטראָגן דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון פערדישע טלאָען.

— דאָס פאָרן זיי, — האָט אַשערל געזאָגט, באַלייגנדיק מיט אַ קלאַלע סימכע דעם רויטן, וועלכער רײַסט באַ אים אַרויס דעם ביסן ברויט פון מויל.

איך האָב געכאַפּט אַ קוק, דערזען אינעם אַניאַגנדיקן שליטן יויכעוועדן און לעבן איר אַן עלטערן מענטשן מיט אַ שיינער גראָווער באָרד. ס׳איז געווען איר טאַטע. אופהייבנדיק אַ שניי־געווירבל, האָט דער שליטן האַסטיק זיך דורכגעטראָגן, אַריבערגעיאָגט אונדז, און אַ ווײַלע אַרום זיך אַרײַנגעשניטן אין וועלדל און פאַרשוווּנדן.

מיר זײַנען געקומען היפּש שפּעטער פון זיי. ווען איך בין אַרײַן אין דעם קליינינקן גוט אָנגעהייצטן וואָקזאַלכל, האָב איך דאָרט ניט געטראָפן ניט זי, ניט איר טאַטן. יויכעוועד האָט שוין, קאָנטיק, געהאַט גענומען אַ בילעט און זיי זײַנען ערגעץ אַוועק. געמיינט האָב איך נעמען אַ בילעט צוזאַמען מיט איר, נאָר ווײַבאַלד עס האָט זיך ניט באַקומען, האָב איך גע־בעטן אַ בילעט אין אַ באַליביקן וואַגאָן, — אַלע זעקס וואַגאָנעס אין דעם צוג, וואָס איז גע־גאַנגען בלויז ביז מינסק, זײַנען דעמלט געווען ניט קיין פּלאַצקאַרטנע.

אין דושנעם וואָקזאַלכל איז אויסער מיר קיינער ניט געווען. ס׳האָט מיך געצויגן אין פּאַרנאַכטיקן פרישן דרויסן. נאָר איך בין ניט אַרויס. ס׳זאָל ניט מאַכן קיין אײַנדרוק, אַז איך זוך זי. איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן דעם וואָקזאַל־פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אַף דער פּלאַטפאָרמע. באַשטימט צוּוואַרטן דאָ, ביז מע וועט דערלאַנגען דעם צוג. פונדאַנען וועל איך זען, אין וועלכן וואַגאָן זי וועט זיך זעצן.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן שיטן אַ שטילער, זייער אַ לײַכטער שניי, אַ ציכטיק קלאָ־רער, ווי דאָס ערשטע געפיל. כ׳האָב דורכן פענצטער געזוכט מיט די אויגן יויכעוועדן און אין אַ ווײַלע אַרום דערזען זי שפּאַצירן מיטן טאַטן אַף דער פּלאַטפאָרמע. זיי זײַנען ניט געײַלט געגאַנגען הין און צוריק אונטער דעם שטיל־שיטנדיקן שניי, ניט דערנעענטערנדיק זיך צום וואָקזאַלכל. ער האָט, קאָנטיק, ניט געוואָלט, אַז זי זאָל מיך זען, אַז זי זאָל זיך באַגעגע־נען מיט מיר. „שפּאַצירט זיך, שפּאַצירט געזונטערהייט, — האָב איך זיך געטראַכט, — אָט באַלד וועט איר זיך געזעגענען, יויכעוועד וועט אַרײַן אין וואַגאָן, און ווי נאָר דער צוג וועט זיך רירן, וועל איך גלײַך אַריבערגיין צו איר“.

מיט אַ שטילן סאָפּען איז אָנגעקומען דער צוג צו דער פאַרשנייטער פּלאַטפאָרמע. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרײַנזעצן אין די וואַגאָנעס. איך האָב געזען, ווי יויכע־וועד, אינעם ווײַסן פוטערל און אין אַ פּוכיק ווײַס היטעלע, איז לײַכט אַרוף אַף די טרעפּלעך און אַרײַן אין דריטן וואַגאָן. דער טאַטע אירער, וועלכער האָט זי באַגלייט מיטן טשעמאָ־דאַן אין האַנט, איז אַרײַן נאָך איר. איך האָב גלײַך אַוועקגעײַלט צו מײַן פינפטן וואַגאָן. אײַנ־ווייניק בין איך ניט אַרײַן, געבליבן שטיין אין טאַמבור, אַרויסגעקוקט פון דאָרט, געוואַרט, אַז דער טאַטע אירער זאָל שוין אַרויסגיין.

דער דעזשורנער האָט געגעבן דעם ערשטן קלונג אין גלאָק, וואָס איז געהאַנגען באַ דער וואָקזאַל־טיר, אין אַ ווײַלע אַרום — דעם צווייטן, נאָכדעם דעם לעצטן, דעם דריטן. עס האָט זיך דערטראָגן אַ הייזעריקער פײַף פונעם לאָקאָמאָטיוו, אַ גרילצנדיקער ליאַזג פון די בופערס, און דער צוג איז אַוועק. איר טאַטע איז ניט אַרויס. אַף אַזוינס האָב איך זיך שוין לאַכלוטן ניט געריכט. איך בין געווען אויסער־זיך און ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס צו טאָן. מיך האָט אָפּ־געטיילט פון איר בלויז איין וואַגאָן, נאָר אַרײַנגיין צו איר איצט, ווען דער טאַטע איז דאָרטן, איז ניט שײַעך געווען. פאַרבליבן איז איין האָפענונג: עפּשער וועט ער אַראָפּשטײַגן אַף איי־נער פון די קומענדיקע סטאַנציעס. איך האָב געהערט, אַז זיי האָבן דאָ ערגעץ געהאַט נאָענ־טע קרובים. איך בין געשטאַנען אינעם קאַלטן טונקעלן טאַמבור. יעדעס מאָל, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך אַרויסגעקוקט, געוואַרט, אַז אָט־אָט וועט יויכעוועדס טאַטע זיך ווײַזן אַף די טרעפּלעך. ער האָט זיך ניט געוויזן.

קיין מינסק איז דער צוג אָנגעקומען שוין שפּעט אין אָוונט. אַרום־און־אַרום דעם וואָק־זאַל איז געווען ליכטיק פונעם שניי, פון דער פולער לעוואָנע און פון די לאַמטערנס. איך האָב געזען, ווי יויכעוועד איז אַרויס פון וואַגאָן, געבליבן שטיין, זיך אומגעקוקט אַף רעכטס, אַף לינקס, ווי זי וואָלט געזוכט עמעצן, און באַלד אַוועקגעײַלט נאָכן טאַטן צו דעם לעבן־גראַדער צוג, וועלכער איז געשטאַנען אַף דער צווייטער פּלאַטפאָרמע. איך האָב געוואָלט כאָטש נאָך אַ ווײַלע, זאָל זײַן אַפילו פונדערווײַטן זען זי, און בין אויך אַריבער אַף דער דערבײַיקער

פלאטפאָרמע. דער צוג האָט שוין געהאלטן באַם אָפּגיין. עס האָט אָפּגעהילכט דער דריטער קלונג. זי האָט זיך געזעגנט מיטן טאטן, ארוף מיטן טשעמאָדאן אַף די טרעפּלעך, און דער צוג האָט זיך גערירט. שטייענדיק באַ דער אָפענער טיר, האָט זי, דוכט זיך, מיך דערזען, א פאָכע געטאָן מיט דער האנט און פארשוואונדן אין וואגאָן.

איך בין א ווייַלע נאָכגעגאנגען דעם זיך דערווייַטערנדיקן צוג, און נאָכדעם, שוין אומקערנדיק זיך, האָב איך דערזען איר טאטן. א מידער, א שטארק פארזאָרגטער, איז ער מיט פּאמעלעכע טריט אריַין אין וואָקזאל, קאָנטיק, קעדיי אָפּוואַרטן דאָרט אַפן פארטאָגיקן צוג, מיט וועלכן ער וועט זיך קאָנען אומקערן אהיים אין דער ווינטערדיק פארשנייטער שטוב. און איך בין מיט שווערע טריט אוועק מיט דער שטילער קארל־מארקס־גאס צו זיך אין צוזאַמענוווינונג, א באַהערשטער פון א הייסן פארלאנג צו אריבערפירן זיך קיין לענינגראד, זיַין מיט איר כאָטש אין איין שטאָט.

צום נייַעם לערניאָר איז מיַין פארלאנג פארווירקלעכט געוואָרן. אָנגעקומען איז עס ניט גרינג. איך האָב זיך געגרייט טאָג און נאכט, אָפּגעגעבן אלע עקזאמענעס און בין אָנגענומען געוואָרן/אלס סטודענט פון דער לענינגראדער קאָנסערוואטאָריע, אַפן אָרקעסטער־פאקולטעט, קלאס וויאָלאָנטשעל. איצט האָב איך געלעבט אין איין שטאָט מיט איר.

די צוזאמענווינונג אונדזערע האָט זיך געפונען אַף באָלשאָי פּראָספּעקט, ניט וויַיט פונעם אוניווערסיטעט, ווו זי, יויכעוועד, האָט זיך געלערנט. פונעם גדאנק, אז זי איז נאָענט, אינגאנצן דריַי קווארטאלן פון מיר, איז מיר שוין געווען גוט אַפן הארצן. ווען עס האָט זיך געמאכט א שטיקל פריַיע צייַט, בין איך געגאנגען אין ערמיטאזש, אין פּושקין־מוזיי, אין פּעטראָפּאוולאָווער פעסטונג, אין ווינטער־פּאלאץ, אין סמאָלני. און ווו איך בין ניט געווען, וווהין איך בין ניט געגאנגען, האָב איך געהאלטן אין איין ארומקוקן זיך, עפּשער וועל איך באַגעגענען יויכעוועדן. איך בין בעקיוון אָפּט געגאנגען פארבײַ דעם אוניווערסיטעט, אריַין אפילע אינעווייניק. דאָרט איז געווען פול מיט סטודענטן און סטודענטקעס, נאָר יויכעוועדן האָב איך צווישן זיי ניט געזען. אזוי זיַינען אדורך דריַי כאָדאָשים. וואַרטן אַף א צופעליקער באַגעגעניש מיט איר בין איך שוין מער ניט אימשטאנד געווען. דורך דער ספּראַוואָטשנע האָב איך זיך דערוווּסט דעם נומער פון איר שוועסטערס טעלעפאָן און אָנגעקלונגען. דאָס טרײַבל האָט גענומען, קאָנטיק, די שטוב־ארבעטערן. זי האָט געזאָגט, אז יויכעוועד ווינט שוין ניט באַ זיי, זי האָט זיך געדונגען א צימערל באַ א באַלעבאָסטע אַף דער אכצעטער ליניע, און האָט מיר גערן געגעבן יויכעוועדס נייַעם אדרעס. פון טאָג צו טאָג האָב איך זיך געקליבן צוגיין צו איר און אָפּגעלייגט. ענדלעך, אין א שטילן שנייִיקן פארנאכט האָב איך אָנגעטאָן מיַין נייַעם, א ביסל צו ברייטלעכן אָנצוג, דעם איבערגעניצעוועטן מאנטל און אוועק אַף דער אכצעטער ליניע. מיט אַן אומרויִק הארץ האָב איך אָפּגעזוכט דאָס הויז, וואָס האָט זיך געפונען טיף אין א גרויסן הויף, זיך אופגעהויבן אַפן דריטן שטאָק, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אָנגעקלונגען. געוואָלט האָט זיך מיר אין דער מינוט איין זאך: איך זאָל זי טרעפן אייגע אליין. געעפנט האָט ניט זי, — די באַלעבאָסטע, זי האָט מיך דורכגעפירט דורך א גע־דרייטן שוואַך־באַלויכטענעם קאָרידאָר און אָנגעוויזן אַף א זייַטיקער שמאָלער טיר.

איך האָב שטיל אָנגעקלאַפּט.

— ביטע, — האָט פון יענער זײַט טיר זיך דערטראָגן איר, יויכעוועדס, שטים.

מיט א פלאטערדיק הארץ האָב איך געעפנט די טיר, דערזען זי, געמאכט א ניט זיכערן טראָט און געבליבן שטיין. יויכעוועד, וועלכע איז געזעסן באַ אַן אלטמאָדיש טישל, ארומגע־לייגט מיט ביכער, האָט געטאָן א קער דעם ליכטיקן קאָפּ מיט די גינגאָלדענע לאָקנס, מיך אָנגעקוקט אזוי, ווי זי וואָלט ניט פארשטאנען, ווער דאָס איז, און מיטאמאָל, אופהייבנ־דיק זיך, פארוואונדערט, אָן איבעריקער פרייד, א פרעג געטאָן:

— סאָליאַ?.. דו?..

איך בין געשטאנען און פארלוירן געקוקט אַף איר.

מיט לייַכטע טריט איז זי צוגעגאנגען נעענטער צו מיר, דערלאנגט די קילבלעכע האנט און עטוואָס פארטראכט צי פארזאָרגט געפרעגט, ווי קום איך צו זיַין אין לענינגראד און פונוואנען ווייס איך איר איצטיקן אדרעס. איך האָב איר געזאָגט, אז דעם אדרעס האָט מיר געגעבן דורכן טעלעפאָן איר שוועסטערס שטוב־ארבעטערן, און אז איך בין שוין העכער דריַי כאָדאָשים דאָ, אין לענינגראד, כ'האָב אויסגעהאלטן די עקזאמענעס, לערן זיך אין קאָנסערוואטאָריע און ווין אין א צוזאמענווינונג אַף באָלשאָי פּראָספּעקט זייער נאָענט פונדאנען.

— גאָר אזוי? — האָט זי א זאָג געטאָן, און ס'איז צו זען געווען, אז דאָס, וואָס איך האָב איר דערציילט, איז איר ווייניק וואָס אָנגעגאנגען. ענדלעך האָט זי זיך דערמאָנט צו פארלייגן

מיר זיך זעצן, ווײַזנדיק אויפן געפלאָכטענעם בענקל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל באַם קײַלעכיקן קליינעם טישל. זי האָט אַרויסגענומען פון אַלמערל און אַוועקגעשטעלט אויפן קלאָר־ווײַסן טישטעכל אַ טעלער מיט קיכעלעך, צוגעשיקטע, קאַנטיק, פון דער היים, און עטלעכע אַנטאָנאָווער עפּל, אַ מעסער. בעשאַסמײַסע אַ פרעג געגעבן, אויף וועלכן פאַקולטעט איך בין אָנגענומען געוואָרן, אויף וואָס פאַר אַן אינסטרומענט שפּיל איך, ווער עס איז מײַן פּעדאַגאָג. באַלד נאָך דעם האָט זי, אומקוקנדיק זיך צו איר טישל, געזאָגט, אַז זי גרייט זיך צו אַ וויסנשאַפטלעכער סעסיע, אויף וועלכער זי איז באַאויפטראָגט צו לייענען אַ פאָרטראָג. דעריבער זאָל איך זי אַנטשולדיקן, זי קאָן מיר פאַרלײַגן אַ פרישן נומער פונעם זשורנאַל „סמענא״, דאָרט איז אָפּגעדרוקט אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל וועגן יאָסיף אוטקינס פּאָעמע „ריזשי מאָטעלע״, אויב איך וויל, ביטע, קען איך עס דאָ איבערלייענען.

און זי האָט מיר דערלאַנגט דעם זשורנאַל.

מיר איז שוין קלאָר געווען, אַז איך גיי איר איצט ניט אָן און איך מעג זיך בימכילע אויפהייבן און אַוועקגיין. נאָר אַוועקגיין אָט אַזוי, שוין, גלײַך, האָט ניט געפּאַסט. ס׳וואָלט געהייסן, אַז איך האָב זיך באַליידיקט. און אויסזען אין אירע אויגן, ווי אַ באַליידיקטער, — דאָס האָב איך ניט געוואָלט. האָב איך זיך געמאַכט האַרץ און אַפילו מיט צופרידנקייט געזאָגט, אַז דאָס אַרטיקל וועגן „ריזשי מאָטעלע״ אינטערעסירט מיך בעפּיירעש און איך וועל מיט פאַרגעניגן זיך באַנוצן מיט דער מעגלעכקייט איבערצולייענען עס טאַקע באַלד.

זי האָט זיך געזעצט צוריק צום טישל מיט די ביכער, זיך גלײַך פאַרטיפט אין זיי, און איך האָב אַ בלעטער געטאָן דעם פרישן נומער „סמענא״, געפונען דאָס אַרטיקל, נאָר אַפילו קיין איינציקע שורע ניט אימשטאַנד געווען איבערצולייענען. איך האָב לעפּאָנעם וועגן געהאַלטן דעם זשורנאַל אין די הענט און געקוקט אויף איר, אויף מײַן גליקלעך־אומגליקלעכער ליבע. זי איז געווען וווּנדערלעך שיין, מעכײַעדיק, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל שאַבעס פאַרנאַכט דערזען אויפן שפּאַציר אין דעם גרענעץ־שטעטל, פּונקט אַזוי, ווי איך האָב זי געזען אויך דאָס לעצטע מאָל. מאָלע־כײַן. אָנגעטאָן באַשיידן. מיט געשמאַק. אין אַ דין בלוזקעלע און בלאָוו־געקעסטלטן קליידל. לויט דער פיגור, ווי אויסגעגאָסן אויף איר. דאָס קליינע ציכטיקע צימערל איז מעבלירט געווען אויך באַשיידן. אין ווינקל — אַ שמאָל הילצערן בעטל, באַדעקט מיט אַ בלאַנקענדיקער קאָפּע. דאָס איינציקע פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין הויף, — פאַרהאַנגען ביז העלפט מיט אַ קלאָר־ווײַסן פאָרהענגל. די עטאַזשערקע לעבן איר טישל — אָנגעשטאָפּט מיט ביכער און זשורנאַלן, און איבער דעם — אַ קליין קײַלעכדיק שפּיגעלע און צוויי פאָרטרעטן: ציאָלקאָווסקי און יעסענין. און גאָר. דאָס צימערל און אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם, איז מיר געווען ליב. און דעריקער — זי, יויכעוועד. נאָך פיל ליבער, ווי פריִער. נאָר זי האָט אויף מיר זיך ניט אומגעקוקט. געווען אײַנגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין די ביכער. מיט קיין האַלב וואָרט צו מיר זיך ניט געווענדט, גאָרנישט ניט געפרעגט, גאָרנישט ניט געזאָגט, ווי איך וואָלט דאָ ניט געווען, ווי איך וואָלט ניט געזעסן דערבײַ, אָנדערהאַלבן טריט פון איר. איך בין געווען פון דעם דערשטוינט, פאַרלוירן, בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, באַנעמען, באַגרײַפן, ווי איז עס מעגלעך אַזוי זיך ענדערן, אַזוי פאַרפרעמדט ווערן. צי דען האָט זי לאַכלוטן אַלץ פאַרגעסן, פאַרגעסן יענע וווּנדערלעכע זוניקע טעג און קישעפדיקע בלויע אָוונטן, ווען מיר, פאַרליבטע, האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אַזוי שיין די זומער־קאַניקולן אין דעם אויסטערלישן שטעטל? צי דען איז בא איר גאָרנישט ניט פאַרבליבן אין האַרצן פון אונדזער ערשטער אומגעריכטער און פריידיקער באַגעגעניש בעשאַס דעם שלאַקסרעגן אויפן גאַנעקל פונעם הילצערנעם פײַערלעשער־טורעם, פון אונדזער שפּאַציר איבער די באַזילבערטע פון דער לעוואָנע־שײַן רײַפוואַרנדיקע פעלדער, איבער דער גרינענדיקער לאָנקע בא דעם גרענעץ־טײַך, איבער דער אויפגעלעבטער שטעטלדיקער הויפּט־גאַס? צי דען האָט זיך איר אַפילו ניט פאַרגעדענקט יענע שטורמישע נאַכט, ווען פײַערדיקע בליצן האָבן געצונדן דעם שוואַרץ־פאַרכמאַרעטן הימל, דעם גאַנצן אַרום, ווען איבערן קאָפּ האָט אָן אויפהער געדונערט, און מיר ביידע, צוגעטוליעטע איינס צום אַנדערן, אַרומגערינגלטע פון די רוישנדיקע קליאָנען, זײַנען געזעסן בא איר אויפן גאַנעקל און זיך געקושט, געקושט, ביז עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג? צי דען האָט זיך אָט דאָס אַלעס, אָט די־אָ וווּנדערלעכע שיינקײַט, די דינסטע, איידלסטע געפילן, וואָס האָבן פאַרפולט אונדזערע וועזנס, — צי דען האָט אויך דאָס זיך לאַכלוטן אויסגעוועפּט פון איר האַרצן? ווי קאָן עס זײַן? ס׳איז דאָך אומעגלעך אַזוינס פאַרגעסן, ניט נאָר אין אַ יאָר צי אין אָנדערהאַלבן יאָר אַרום, — דאָס גאַנצע לעבן! פאַר מיר זײַנען יענע טעג פאַרבליבן, ווי די שענסטע, גליקלעכסטע, זיי האָבן זיך פאַרהיט מיט אַלע פאַרבן, מיט אַלע קלאַנגען, מיט אַלע גערוכן. איך האָב געדענקט יעדעס וואָרט אירס, איר בליק, איר שמייכל,

איר שטעל, איר גאַנג, איר רויִקע באַדאַכטקייט און אויפגעפּלאַמטע אומרויִקייט. יעדע מינדסטע קלייניקייט אַפילו, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט איר, וואָס האָט געהאַט אַ שייכעס צו איר, האָב איך פאַרהיט אין מײַן זיקאָרן, איז פאַרבליבן אין מיר אַף שטענדיק, אַף אייביק, ווי אַן אומגעהייער רײַכער, אומטיילבאַרער פאַרמעגן, וואָס געהערט נאָר מיר, מיר אײנעם אַף דער גאָרער וועלט. לאַנג האָב איך געטרוימט, געוואַרט אַף אָט דעם טאָג, ווען איך וועל זיך סאָפקאַלסאָף באַגעגענען מיט איר. איך האָב געהאַט איר אַזויפיל צו זאָגן, צו דערציילן און געוואָלט זיך אַזויפיל דערוויסן וועגן איר — אי וועגן איצט, אי וועגן דעמלט. וואָס איז געשען? פאַרוואָס איז זי אַזוי פּלוצלינג, אַפילו ניט געזעגענענדיק זיך מיט מיר, אוועקגעפאָרן? פאַרוואָס האָט זי מיר ניט געענטפערט אַף מײַן בריוו? איך האָב איצט שוין גאָרנישט ניט פאַרלאַנגט פון איר, איך האָב געוואָלט זי נאָר פאַרשטיין. נאָר וויסן די סיבע פון דעם אַלעם. נאָר מיט יעדער מינוט האָב איך זיך אַלץ מער איבערצײַגט, אַז איך האָב אַפילו ניט וואָס צו האָפן, אַז איך זאָל איצט כאָטש עטוואָס זיך דורכריידן מיט איר. זי איז געווען אינגאַנצן פאַרטאָן אין די בײַכער און האָט, מעגלעך, אַפילו פאַרגעסן, אַז איך זיץ דאָ בײַ איר אין צימער. דאָס האָט מיך אָנגעהויבן אַ ביסל באַליידיקן. איך האָב אוועקגעלייגט דעם זשורנאַל און, אַ רוק געבנדיק דאָס בענקל אַזוי, אַז זי זאָל דערהערן, זיך אויפגעהויבן.

— גייסט אוועק? — האָט זי, אומקוקנדיק זיך, מיט אַ מאָדנער גלײַכגילטיקייט אַ פרעג געטאָן.

— איך מוז, צום באַדויערן, שוין גיין. איך דאַרף זיך דאָך אויך גרייטן צו די לימודים, — האָב איך, אָן אַ סימען פון פאַריבל, זייער רויִק געענטפערט.

— און דאָס אַרטיקל איז אינטערעסאַנט, איאָ? — האָט זי מיט נײַגער, ווי דאָס וואָלט איר זייער אָנגעגאַנגען, אַ פרעג געטאָן, אופהייבנדיק זיך פון טישל.

— דאָס אַרטיקל האָב איך אַפילו ניט אָנגעהויבן לייענען, — האָב איך זיך מודיע געווען. זי האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אַף מיר און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, קענסטו נעמען דעם זשורנאַל מיט זיך. לייען פונדעסטוועגן איבער. ס'איז קעדײַ.

איך האָב זי באַדאַנקט.

— קענסט האַלטן דעם זשורנאַל וויפל דו וועסט וועלן. איך האָב אים שוין דורכגעלייענט, — האָט זי געזאָגט, אַרויסבאַגלייטנדיק מיך דורך דעם האַלב־טונקעלן קאָרידאָר.

אין דעם אָוונט האָב איך שוין צו די לימודים זיך ניט געגרייט. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אײנער אַליין, איבער די פאַרשנייטע שטאָטישע גאַסן. אַ פאַרקאַלייעטער מיט אַ ביטער געפיל, אַז איך האָב אין מעשעך פון די אָנדערהאַלבן יאָר, זינט איך האָב זי באַגעגנט, זיך אַליין גענאַרט, און ווילנדיק — ניט־ווילנדיק, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז איך דאַרף זיך אָנעמען מיט קויכעס און פאַרגעסן אָן איר, ניט גיין מער צו איר, ניט דערנידעריקן זיך. „נו, גוט, איך וועל ניט גיין, — האָב איך אין אַ רעגע אַרום אײַנגעטײַנעט מיט זיך, — אָבער דעם זשורנאַל דאַרף איך דאָך איר אומקערן. איך וועל אַרײַן נאָך איין מאָל, איין־איינציק מאָל. אַף עטלעכע מינוט. ניט מער. און גאָר". — און ס'איז מיר אַ ביסל לײַכטער געוואָרן.

אין צוזאַמענוווינונג האָב איך זיך אומגעקערט שפּעט באַנאַכט, באַלד איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל. דעם זשורנאַל האָב איך באַשטימט דערווײַל, קאָלזמאַן זי גרייט זיך צו דער סעסיע, ניט אָפּטראָגן.

ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום, נאָך דעם, ווי איך האָב געראָטן אויסגעפּילט אָפּן און וויאָלאָנטשעל מענדעלסאָנס „סאָנאַטע רע מאַזשאָר" און באַקומען אומגעריכט פאַר איר גאָר אַ הויכע אָפּשאַצונג פונעם פּראָפעסאָר, האָב איך, אַ דערמוטיקטער, זיך געלאָזט גיין אַף דער אַכצנטער ליניע. געפינענדיק זיך שוין לעבן הויז, ווו זי האָט געוווינט, האָב איך אָנגעהויבן סאָפּעקן, צי זאָל איך אַרײַנגיין, צי עפּשער טאַקע ניט אַרײַנגיין. עפּשער גאָר אָפּשיקן דעם זשורנאַל מיט דער פּאָטשט. ווײַבאַלד איך גיי איר ניט אָן, זאָל זי זען, אַז זי גייט מיר אויך ניט אָן. זי איז מיר אָבער יאָ אָנגעגאַנגען. זייער אָנגעגאַנגען. און איך האָב, סטאַרענדיק זיך צוימען די אומרויִקייט, וואָס האָט מיך באַהערשט, זיך אופגעהויבן צו איר אָפּן דריטן שטאָק.

— האָסט געבראַכט דעם זשורנאַל? — האָט זי פאַרוווּנדערט געפרעגט, ווען איך בין אַרײַן. — געקענט אים איבערלאָזן בײַ זיך. איך האָב אים דאָך שוין איבערגעלייענט. — און, צונויפלייגנדיק די בײַכער אָפּן טישל, פאַרגעלייגט, אויב איך אײַל זיך ניט, זיך צוזעצן אַף אַ ווײַלע. זי האָט איצט פרײַ אַ פּופצן מינוט און איז גערן אויך אַ ביסל אָפּרוען. מיר האָט זי דערלאַנגט דאָס געפלאַכטענע בענקל, אַליין זיך צוגעזעצט אָפּן טאַבורעט אנטקעגן באַם קײַלעכדיקן טישל.

— ס'איז מיר עפּעס קילבלעך, — האָט זי אַ זאָג געטאָן און אָנגעטאָן אַף דער דינער

בלוזקע א בלאָווע קאָפּטע. איך האָב די קאָפּטע גלײַך דערקענט. סאיז געווען די זעלבע, מיט וועלכער זי פלעגט מיר צודעקן די אקסלען, בעשאס מיר זײַנען געזעסן אין די קילע פארטאָגן בא איר אפן גאנעקל. פארשפיליענדיק די קנעפלעך אף דער קאָפּטע, האָט זי מיט א זעלטענער רויִקײַט, ווי פאָשעט בא א געוויינלעכן באקאנטן, זיך גענומען פאנאנדערפרעגן, ווי געפעלט מיר לענינגראד, אין וועלכע מוזייען בין איך שוין געווען, אף וועלכע אויסשטעלונגען, וואָס פארא אינטערעסאנטע ווערק האָב איך געלייענט די לעצטע צײַט, געייצעט מיר איבערלייענען מיכאיִל סוועטלאָווס נײַע לידער און דאָוויד בערגעלסאָנס „נאָך אלעמען”. זי האָט די ביכער. זי קען זיי מיר געבן. געזאָגט, אז איר טרוים איז איצט זען בולגאקאָווס „דני טורביניך” און ביל־בעלאָצערקאָווסקיס „שטאָרם”. נאָר זי איז שוין לאנג ניט געווען ניט בלויז אין טעאטער, נאָר אפילע אין דער פילהארמאָניע אף די סימפאָנישע קאָנצערטן, אָן וועלכע זי קאָן פאָשעט ניט לעבן. ניטאָ קיין פרײַע מינוט. ניט לאנג צוריק געגרייט זיך צו איין ווויסנשאפטלעכער סעסיע, איצט גרייט זי זיך צו א צווייטער, נאָך א מער פאראנטוואָרטלעכער, — וועגן די גרונט־פרינציפּן פון אלבערט איינשטיינס רעלאטיוויטעט־טעאָריע. עס נעמען בא איר צו צײַט אויך די שטונדן פון העכערער מאטעמאטיק, וועלכע זי גיט דער באלעבאָסטעס טעכטערל און נאָך עטלעכע יונגע סטודענטקעס. קיין סטיפּענדיע באקומט זי דאָך ניט, און זיצן אף דער שוועסטערס קעסט וויל זי ניט. זי דארף ניט קיין סאך. דער קנאפער פארדינסט קלעקט איר אף דורכלעבן זיך, און זי שפּאָרט נאָך עפּעס אָפּ אף שיקן די עלטערן. איך האָב מיט באוווּנדערונג געקוקט אף איר, זיך געשפּיגלט אין איר, מיט פארגעניגן געהערט זי. מיר איז געווען גוט שוין דערפון, וואָס זי דערציילט מיר כאָטש עפּעס־וואָס וועגן זיך, וואָס זי זיצט אזוי נאָענט אנטקעגן מיר, רעדט מיט מיר. און זי, אָן אופגעלעבטע, האָט גערעדט וועגן פארשיידנס און קיין איין מאָל אפילע נישט דערמאָנט ניט דאָס שטעטל, ניט יענע זומערדיקע כאדאָשים, ווען זי און איך זײַנען געווען דאָרט, ניט יענעם ווינטערדיקן פארנאכט, ווען מיר זײַנען אף באזונדערע שליטנס געפאָרן צו דער גרענעץ־סטאנציע און נאָכדעם אין פארשיידענע וואגאָנעס ביז מינסק... מיט קיין איין וואָרט ניט. גאָרניט, ווי דאָס אלץ איז גאָר קיינמאָל ניט געווען. איך האָב עס ניט געקאָנט באנעמען, פארשטיין. נאָר איך האָב איר גאָרנישט ניט געזאָגט. ניט געפרעגט.

אינגיכן האָט זיך צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. עס זײַנען געקומען אירע שוין דערוואקסענע שילערנס. איך האָב אײַליק זיך געזעגנט און בין גלײַך אוועק, פארגעסנדיק נעמען סוועטלאָווס לידער און בערגעלסאָנס „נאָך אלעמען”, וועלכע זי האָט צוגעזאָגט מיר געבן. ס'איז מיר געווען א שאָד, מיך האָט אָבער געפרייט שוין דאָס אליין, וואָס זי האָט מיר פאָרגעלייגט נעמען בא איר אָט די ביכער. ווען זי וואָלט ניט ווען, איך זאָל קומען צו איר, וואָלט זי דאָך ניט פאָרגעלייגט. און איך פלעג פון צײַט צו צײַט, בעקיוון ניט איבעריקס אָפט, קעדיי איר ניט דערעסן, — איין מאָל אין צוויי אָדער אין דרײַ וואָכן, — ווידער ארײַנגיין צו איר. פארנאכט, געוויינלעך, נאָך די לימודים אין קאָנסערוואטאָריע. טרעפן פלעג איך זי שטענדיק איינע אליין באם טישל ארומגערינגלט מיט קאָלערליי לערנביכער פון העכערער מאטעמאטיק, פיזיק, אסטראָנאָמיע, לערנביכער פון אזעלכע קעגנשטאנדן, אין וועלכע איך האָב קימאט קיין אנונג ניט געהאט. שטענדיק איז זי געווען אָנגעטאָן אין דעם ציכטיקן ווײַסינקן דינינקן בלוזקעלע און אין בלאָוו־געקעסטלטן קליידל, אָן אקוראט פארקעמטע, עטוואָס א פארטראכטע, א פארזאָרגטע. זי פלעגט אף איין און דעם זעלבן אויפן פאָרלייגן, אויב איך אײַל זיך ניט, זיך צוזעצן אף א ווײַלע, געגעבן עטלעכע לעצטע זשורנאלן, צוגעזאָגט מיר ניט שטערן, געבעטן אנטשולדיקן און זיך ווידער פארטיפט אין די לערנביכער. עס פלעגט דורכגיין אמאָל א שאָ און אמאָל מער, און זי האָט זיך אף מיר קיין איין מאָל ניט אומגעקוקט, קיין איין וואָרט מיט מיר ניט אויסגערעדט. זי איז געווען אינגאנצן ארײַנגעטאָן אינעם לערנען. איך האָב זיך געסטארעט מיט גאָרנישט ניט שטערן. געזעסן שטיל, געקוקט אף איר און געהאלטן אין איין טראכטן: צי דען איז דאָס יענע יויכעווועד, וועלכע פלעגט יעדן אָוונט ווארטן אף מיר, האָט מיט אזויפיל צארטקײַט זיך געטוליעט צו מיר, ביז די זון־אופגאנגען זיך געקושט מיט מיר, געהאט אזויפיל צו ריידן מיט מיר, אז עס האָבן אף דעם נישט געקלעקט ניט די אָוונטן, ניט די נעכט? איך האָב אלץ ניט געקענט באגרײַפן, ווי קאָן מען זיך גאָר אזוי ענדערן, אזוי פארפרעמדט ווערן, אזוי זיך דערווײַטערן. דאָס האָט מיך ניט אופגעהערט צו מאטערן, ס'האָט מיך געגאָגט, געווייטעקט. און גלײַכצײַטיק בין איך געווען גליקלעך, וואָס איך זיץ בא איר אין צימערל, וואָס איך זע זי, קוק אף איר, וואָס איך עטעם איין לופט מיט איר. יעדע מינוט, וואָס איך בין געווען בא איר, איז מיר געווען ליב און טײַער, איך וואָלט געזעסן און געזעסן, ווען איך ווייס, אז איך שטער איר ניט, אז זי האָט ניט קעגן. מיר פלעגט זיך זייער ניט וועלן אוועקגיין, דאָך האָב איך זיך געסטארעט ניט דערעסן, איבעריקס ניט פארהאלטן זיך.

פון מאָל צו מאָל האָט זי מיך אופגענומען גלײַכגילטיקער, קעלטער. גאָרנישט ניט געפרעגט. גאָרנישט ניט געזאָגט. מיט גאָרנישט זיך ניט אינטערעסירט. איך האָב באַשלאָסן מער ניט דערקוטשען, מער ניט גיין צו איר. אויס. א סאָף. גענוג. ס׳איז דאָס לעצטע מאָל. מער קום איך ניט. באַלד אָבער, ווי נאָר איך בין אַרויס פון איר, האָב איך מיט אומרויִקן אומגעדולד שוין אָנגעהויבן וואַרטן אַף דעם טאָג, ווען איך וועל קענען צו איר ווידער אַרײַן. דאָס האַרץ האָט געגנאָגט, ניט געלאָזט רוען. ס׳האָט מיך געצויגן, אָן אופהער געצויגן צו איר. איך האָב זיך געראַנגלט מיט זיך, געזאָגט זיך: „טראַכט ניט וועגן איר, גיב זיך בעסער מער אָפּ דײַן וויאָלאָנטשעל". איך האָב געשפּילט. באַטאָג און באַנאַכט, א באַהויכטער פון די שטורמישע נעשאָמע־געפילן, געשפּילט מיט אימפּעט, מיט ווייטעק. מיט פרייד, מיט פאַרדראָס, מיט צאָרן. און מיט ליבע. סען־סאַנס׳ „קאָנצערט ליא מינאָר" און בראַמס׳ „סאָנאַטא פאַ מאַזשאָר", בעטהאָווענס „וואַריאַציעס אַף דער טעמע פון מאָצאַרט" און טאַרטיניס „קאָנצערט ליא מאַזשאָר"... שפּילנדיק, האָב איך געזען זי פאַר זיך, גערעדט צו איר, זיך אויסגעטײַנעט מיט איר, דאָס גאַנצע האַרץ, אַלע מײַנע געפילן אין דעם אַרײַנגעלייגט.

דער פּעדאַגאָג מײַנער האָט מיך געלויבט. די כאָווירים האָבן געקוקט אַף מיר, ווי אַף דעם גליקלעכסטן. און איך האָב מיט גאָרנישט ניט געקענט זיך באַרויִקן. איך האָב ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן איר. איר אומפאַרשטענדלעכע פאַר מיר אופירונג האָט נאָך מער צעפלאַקערט אין מיר דעם פאַרלאַנג צו באַנעמען זי, פאַרשטיין, באַזיניקן, וואָס איז געשען. „פאַרוואָס זאָל איך בא איר פרעגן און פּאָשעט ניט פרעגן? אָן קיינע פּרעטענזיעס, גלאַט אַזוי. טשיקאַווע, וואָס וועט זי אַף דעם ענטפערן?". זוך זיך ניט, טראַכט ניט צו קיין טערוצים, — האָב איך זיך אַליין איבערגעשלאָגן, — פאַרשטיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז דאָס, וואָס איז געווען, איז שוין פון לאַנג אַוועק, זי בעט דאָך דיך ניט, וואַרט אַף דיר ניט. האָסט מער ניט וואָס צו גיין צו איר".

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף טאַקע ניט גיין. און דאָך בין איך אַוועק.

ווען איך בין אַרײַן, האָט זי מיך אַפילע ניט געבעטן זיך זעצן. געזאָגט, אַז זי גייט שוין אַוועק. זי אײַלט זיך אין פּאַרק, צום שפּאַציר אַף גליטשערס. שטייענדיק אַנטקעגן דעם קײַלעכיקן שפּיגעלע, האָט זי אינדערגיך פאַרקעמט די האָר, אָנגעטאָן דאָס פוכיק־ווײַסע היטעלע, דאָס לײַכטע פוטערל, אין וועלכן איך האָב זי געזען דעמלט, דעם פאָריקן ווינטער, ווען זי האָט, וואַרטנדיק אַפן צוג, געשפּאַצירט מיטן טאַטן איבער דער פּלאַטפאָרמע פון דער קלייניקער גרענעץ־סטאַנציע, און אויך דעמלט, ווען זי איז אַרופגעשטיגן אַף די טרעפּלעך פון וואַגאָן.

מיר זײַנען אַרויס צוזאַמען. אין דרויסן האָט געבלאָזן א קאַלטער ווינט. ס׳איז געווען זייער גליטשיק. א שניי האָט געשמיסן גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן. איך האָב איר פאָרגעלייגט באַגלייטן.

— צוליב וואָס? ניין, מע דאַרף ניט, — האָט זי טרוקן א זאָג געטאָן, איבערגעלאָזט מיך אַפן ראָג און מיט לײַכטע טריט אַוועקגעאײַלט אַרוף־גאַס צום אָפּשטעל פון די אווטאָבוסן. איך האָב געזען, ווי זי האָט באַלד זיך געזעצט און אַוועקגעפאָרן.

מער בין איך צו איר ניט געגאַנגען. איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט לײַב און לעבן דעם וויאָלאָנטשעל, אים איינעם פאַרטרויט אַלע מײַנע איבערלעבונגען. איך האָב געשפּילט, געשפּילט און געשפּילט. אומדערמידלעך, געאַרבעט איבער יעדער נאָטע, איבער יעדער פראַזע, איבערגעכאַזערט אָן א סאָף איינע און די זעלבע פּאַסאַזשן, ביז די גאַנצע פּיעסע האָט ניט באַקומען א פולקומע שליימעס. געשפּילט אויך פּיעסן, וועלכע זײַנען נאָך ניט געווען אין דער פּראָגראַם. פּיל קאָמפּליצירטערע, אייניקע בעטהאָווענס סאָנאַטן און באַכס סויִטעס. עס האָט זיך אין מיר דערוועקט, געוויירט, געבושעוועט א געבענטשטע שעפערישע קראַפט, וועלכע האָט זיך פּרוקטבאַר דערנערט פון מײַנע טיפסטע נעשאָמע־ליידן.

אין די סטודענטישע אַודיטאָריעס האָט מען דעמלט העפטיק באַהאַנדלט פאַנטעליימאָן ראָמאַנאָווס דערציילונג „אָן טשעריאָמוכע" און מאַלאַשקינס „די לעוואָנע פון דער לינקער זײַט, אָדער אַן אויסערגעוויינלעכע ליבע", אין וועלכע עס זײַנען באַריירט געווען דעריקער פּראָבלעמען פון די דעמלטיקע אַזויגערופענע נײַע באַציִונגען צווישן דער יוגנט. מע האָט הייס דיסקוסירט וועגן מאָראַלישע, עטישע און שטייגערישע פראַגן, צווישן וועלכע ס׳איז געווען אויך אַזא: „וואָס איז בעסער — זײַן געליבט, צי ליב האָבן?" זייער גוט, האָב איך געענטפערט, ווען עס פאַלן זיך צונויף ביידע זאַכן, נאָר אויב אויסקלײַבן איינס פון די ביידע, איז בעסער „ליב האָבן". באַ דער זעלבער מיינונג בין איך אויך איצט. דאָס האָט א שײַכעס צו אַלעמען, און באַזונדערס צו יענע, וועלכע ווידמען זיך דער קונסט. בלויז אַזא, וואָס האָט ליב, איז פייִק צו שאַפן. וואָס הייסער די ליבע, אַלץ שטאַרקער דער אימפּולס. אויב

די ליבע איז ניט קיין גליקלעכע, אַ ווייטעקדיקע, זײַנען דעמלט די לײַדנשאַפֿן נאָך גרעסערע, שאַרפֿערע און דער אימפּולס שטאַרקער.

אַף דעם סטודענטישן קאָנקורס פֿון מוזיקאַנטן־אויספֿילער האָב איך, צו מײַן גרויסער פֿרייד, באַזונדערס צו דער פֿרייד פֿון מײַן פּעדאַגאָג, באַקומען די ערשטע פּרעמיע. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אַז וויסן וועגן דעם זאָל אויך זי, טאַקע דעריקער זי, די איין־איינציקע עפּשער, וועמען איך האָב געהאַט אַמערסטן צו פֿאַרדאַנקען. און נאָך אַן אינערלעכער ראַנגלעניש האָב איך געפּועלט באַ זיך אַרײַנגיין צו איר. אַדרבא, זאָל זי זען, אַז איך בין אַפֿילע קיין קאָפּ ניט באַליידיקט. נאָר ניט פֿאַרהאַלטן זיך באַ איר צו לאַנג, אַפֿילע אויב זי וועט בעטן. אַרײַנגיין אַף עטלעכע מינוט, ניט מער.

און טאַקע אַף מאָרגן נאָך דעם, ווי איך האָב באַקומען די פּרעמיע, בין איך אַוועק צו איר אַף דער אַכצנטער ליניע, זיך אויפֿגעהויבן אַפֿן דריטן שטאָק, ווו איך בין שוין לאַנג ניט געווען, אָנגעקלונגען, נאָר זי ניט געטראָפֿן. פֿון דער אַנטקעגנדיקער דירע האָט אַרויסגעקוקט אַן אויסגעפּוצט יונג מיידל, מיט נײַגער באַטראַכט מיך, אַ שמייכל געטאָן צו מיר. איך האָב איר מיט גאַרנישט ניט געענטפֿערט, איך בין איר בלויז מעקאַנע געווען, וואָס זי וווינט אין איין הויז בישכיינעס מיט יויכעוועדן, וואָס זי זעט זי, יויכעוועדן, מעגלעך, יעדן טאָג.

איך האָב יויכעוועדן לאַנג ניט געזען. ערשט אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָב איך דורכן פֿענצטער פֿון מײַן צימער, וואָס האָט זיך געפֿונען אַפֿן צווייטן שטאָק אין אונדזער סטודענטישער צוזאַמענוווינונג, צופֿעליק באַמערקט זי. אינעם פּוכיק־ווײַסן היטעלע און לײַכטן פּוטערל איז זי מיט געלאַסענע טריט געגאַנגען אַף דער אַנטקעגנדיקער זײַט פֿון גרויסן בולוואַר, אין דער ריכטונג צום אוניווערסיטעט. ביז דעם האָב איך, לאָזט זיך אויס, ניט געוווּסט, אַז יעדן אינדערפֿרי, האַלב נײַן, גייט זי מיט אָט דעם וועג. די לימודים פֿלעגן באַ מיר זיך אָנהייבן פֿריִער, אויסער פֿרײַטיק. פֿלעג איך יעדן פֿרײַטיק האַלב נײַן שוין שטיין באַם פֿענצטער, אַרויסקוקן, וואַרטן, ביז זי וועט זיך ווײַזן אַפֿן אַנטקעגנדיקן טראָטואַר. אָפּטמאָל פֿלעג איך זען, ווי יונגעלײַט, באַכורים קוקן זיך אום מיט באַוווּנדערונג אַף איר. זי האָט ניט געלייגט קיין אַכט אַף זיי, געגאַנגען זיך רויִק, אַף קיינעם זיך ניט אומגעקוקט. און דערין אויך קיין איין מאָל ניט אַף דער צוזאַמענוווינונג, ווו איך האָב געוווינט. און איך בין געשטאַנען, ניט אַרויסלאָזנדיק זי אַף קיין רעגע פֿון אויג, ביז זי האָט פֿאַרקערעוועט אַפֿן נעווא־פּראָספּעקט. ס'איז באַ מיר שוין געווען די גרעסטע פֿרייד, וואָס איך זע זי, זאָל זײַן כאָטש פֿונדערווײַטן. איך בין געווען גליקלעך, וואָס זי איז דאָ, וואָס זי לעבט אַף דער וועלט.

ס'איז דורך אַ יאָר, און צוויי, און מער. איך האָב פֿאַר דער צײַט עטלעכע מאָל פֿונדערווײַטן געזען זי אויך לעבן אוניווערסיטעט און אַפֿן נעווא־פּראָספּעקט לעבן דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען אין אַ קאָמפּאַניע פֿון טומלדיקע, פֿריילעכע סטודענטן און סטודענטקעס. און איינמאָל אין אַ הייסן זונטיק־טאָג, באָדנדיק זיך אין נעווא, האָב איך פּלוצלינג דערהערט איר שטים, זיך האַסטיק אומגעקוקט און דערזען זי גאָר נאָענט לעבן זיך. אַ לאַכנדיקע איז זי גיך געשווומען, אַריבעריאָגנדיק איר כאַווערטע. אין וואַסער האָט איר האַנט באַם שווימען זיך אָנגערירט אין מײַנער. נאָר זי האָט מיך ניט באַמערקט.

עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די לימודים באַ מיר אין קאָנסערוואַטאָריע און באַ איר אין אוניווערסיטעט, און איך פֿלעג ווידער פֿון צײַט צו צײַט שטיין באַם פֿענצטער, וואַרטן, אַרויסקוקן, ביז זי וועט זיך ווײַזן, און נאָכדעם נאָכקוקן, ביז זי איז ניט פֿאַרשווונדן פֿון מײַנע אויגן. אינמיטן ווינטער האָב איך זי אויפֿגעהערט זען. ס'איז אַדורך אַ וואָך, צוויי, דרײַ. זי איז מיט דעם וועג מער ניט געגאַנגען. האַלב נײַן אינדערפֿרי, ווען זי פֿלעגט געוויינלעך גיין אין אוניווערסיטעט, בין איך עטלעכע מאָל ספּעציעל זיך דורכגעגאַנגען איבער דער אַכצנטער ליניע, געקוקט אין אַלע זײַטן, נאָר אויך דאָרט האָט זי זיך ניט געוויזן. דאָס האָט מיך שוין אָנגעהויבן באַאומרויִקן, און איך האָב באַשטימט, ניט אָפּלייגנדיק אין דער לאַנגער באַנק, אַרײַנגיין דערוויסן זיך, וואָס איז מיט איר.

ס'איז געווען אַ שטילער, פֿראָסטיקער טאָג. לעבן דעם פֿירשטאָקיקן הויז, ווו זי האָט געוווינט, האָב איך באַגעגנט איר באַלעבאָסטע מיט אַ גרינג שליטעלע, אין וועלכן ס'איז געלעגן אײַנגעקוטעט אַ פּיצל קינד. איר באַלעבאָסטע האָט מיך דערקענט, געפֿרעגט, וווהין איך גיי. איך האָב איר געזאָגט.

— וואָס, איר ווייסט דען ניט? — האָט זי פֿאַרוווּנדערט מיך אָנגעקוקט. — זי וווינט דאָך שוין ניט באַ מיר. זי האָט דאָך כאַסענע געהאַט. אָך, סאַראַ מאַן! שיין, הויך, שלאַנק. עפּשער אַף צוויי אָדער דרײַ יאָר עלטער פֿון איר. נאָך גאָר אַ יונגער און איז שוין אַן אינזשעניער־פּאָלקאָווניק, פֿאַרנעמט אַ הויכע שטעלע. זײַן טאַטע, אַן אַקאַדעמיקער, האָט זיי איבערגעלאָזט אַ זעלבשטענדיקע פּרעכטיקע דירע אַף דער בראָדסקי־גאַס לעבן דער פֿילהאַרמאָניע. די טעג

האָב איך זי באַגעגנט מיט אים אין אָפּערע־טעאַטער. זי זעט אויס אַ מעכייַע צו קוקן. נאָך שענער, ווי געווען. שייַנט פון גליק.

איך בין אַוועק אַ צערודערטער און גלייַכצייַטיק מיט אַ פרייד־געפיל. עס האָט מיר ווײ געטאָן, וואָס איך האָב זי פאַרלוירן אף שטענדיק, אַפילע ווען־עס־איז וועל איך זי איצט ניט קאָנען זען, און געפרייט האָט מיך, וואָס איר איז גוט, זי לעבט גליקלעך.

אינגיכן האָב איך פאַרענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע. מע האָט מיר פאָרגעלייגט בלייַבן אין לענינגראַד, אין דעם באַוווסטן סימפאָנישן אָרקעסטער בא דער לענינגראַדער פילהאַרמאָניע. איך האָב אָבער באַשלאָסן אַוועקפאָרן. און וואָס ווייַטער. קיין טשיטאַ. די ערשטע צייַט איז מיר דאָרט געווען ניט איבעריקס גרינג: אַן אומבאַקאַנטע שטאָט, אומבאַקאַנטע מענטשן, די ניט־אייַנגעאָרדנטקייַט. און דעריקער, ס׳האָט מיך ניט געלאָזט צורו די בענקשאַפט נאָך לענינגראַד, נאָך איר, נאָך יויכעווועדן. באַלד, ווי איך בין אַהין געקומען, האָב איך אויסגעשריבן די „לענינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ", די צייַטונג, וועלכע זי פלעגט לייענען, נאָכגעשפּירט נאָך אַלע דאָרטיקע נייַס. צוביסלעכווייַז האָב איך זיך אַרייַנגעצויגן אינעם אָרטיקן לעבן. געפירט אַ קורס לויטן קלאַס וויִאָלאָנטשעל אין דער מוזיק־שול, אַלס אַרטיסט פון דער טשיטאַער פילהאַרמאָניע אַרויסגעטראָטן אָפּט ווי אַ סאָליסט און אַנסאַמבליסט אף קאָנצערטן. מיט דער צייַט באַקומען אַ צימערל. געלעבט אַליין. איינער אַליין. געווען אינטערעסאַנטע מיידלעך — אי שיינע, אי פייִקע, אי שטאַלטנע, אי קלוגע, נאָר קיין איינע פון זיי איז ניט געווען אַזאַ, ווי יויכעווועד. מיט וואָס פאַר אַ מיידל איך האָב זיך ניט באַגעגנט, האָב איך שטענדיק, ווילנדיק — ניט־ווילנדיק פאַרגליכן מיט יויכעווועדן, און זי האָט שטענדיק מיט זיך אַלעמען פאַרשטעלט, פאַרטריבן פון מיר... אַלע מייַנע געפילן האָב איך אַוועקגעגעבן דעם וויִאָלאָנטשעל, דער אַרבעט אין דער מוזיק־שול. דער דערפאָלג פון די שילער האָט מיר פאַרשאַפט פרייד און פאַרגעניגן. אַלץ אָפטער האָב איך זיך באַטייליקט אין קאָנצערטן. אַרויסגעפאָרן מיט אַרטיסטישע בריגאַדעס אף די גיגאַנטישע נייַ־בויונגען, אַרויסגעטראָטן אף די בוי־פּלעצער פון מאַגניטאָגאָרסקער מעטאַלורגישן קאָמבינאַט, פון אוראַלמאַש, פון דעם נאָוואָקוזנעצקער זאַוואָד, געשפּילט אין זאַוואָד־צעכן, אין קאָלווירטישע קלובן, אף פּאָליאַנקעס בא דער גרענעץ־זאַסטאַווע, אף אָפענע וואַגאָן־פּלאַטפאָרמעס, אף אַ פּאַלובע פון אַ טראַולער, אף קוזאָוון פון לאַסט־אויטאָס, אין אַ צוזאַמענוווינונג פון גאָלדגרעבער, אין אַ יורטע פון הירשנציכטלער... איך האָב געזען דאָס לאַנד, זייַן גרייס, זייַנע רייַכטימער, זייַנע בויער, זייַנע וווּנדערלעכע מענטשן. צי האָב איך זיך פריִער געקענט פאָרשטעלן, אַז אין אַ ווייַט־פאַרוואָרפענעם ווינקל אין יאַקוטיע וועלן פון די אַרומיקע יִשוּווים זיך צונויפפאָרן פיל הירשנציכטלער אף אונדזערן אַ קאָנצערט און מע וועט מיט אַזויפיל פרייד אויפנעמען די וויִאָלאָנטשעל־שפּיל, וועלכע זיי הערן צום ערשטן מאָל. איך האָב דערפילט אַ גרעסערע אַכרייַעס, נאָך זאָרגזאַמער זיך געגרייט צו יעדער אַרויסטרעטונג.

אַזוי זייַנען אַדורך עטלעכע יאָר. אין אַכט־און־דרייַסיקסטן, אַפן אַלשטאַטישן מיטינג קעגן דעם אָנפאַל פון די יאַפּאָנישע מיליטאַריסטן אף אונדזער טעריטאָריע אין ראַיאָן פון דער אָזערע כאַסאַן, האָב איך צופעליק זיך באַקענט מיט אַ מיידל, וועלכע האָט מיר זיך אויסגעוויזן מיט עפּעס ענלעך אף יויכעווועדן. דאָס האָט מיך געפאַנגען. און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען. זי איז געווען אַ פאַרמאַצעווט. געאַרבעט אין אַן אַפּטייק. אינגיכן זייַנען מיר זיך צונויפגעגאַנגען, און זי איז אַריבער פונעם „ווינקל", וועלכן זי פלעגט דינגען, צו מיר, אין מייַן צימער. געווען איז זי אַ ווױלע, אַ שטילע, אַן איבערגעגעבענע, נאָר איך האָב זיך גיך אַנטוישט אין איר. פון יויכעווועדן איז אין איר געווען בלויז אַ ביסל פון דער אויסערלעכקייַט, און — גאָר. קיין קאַפּל פּאָעזיע, קיין ברעקל געפיל צו מוזיק. אַ באַגרענעצטע נאַטור. זי איז מיר געוואָרן ניט צום האַרצן. איך האָב, ווי ווייַט מעגלעך, זיך געסטאַרעט עס ניט אַרויסווייַזן, פאַרקערט, זיך געזאָרגט וועגן איר. נאָר ווען זי גייט אַוועק פון מיר, האָב איך געפילט, וואָלט איך געווען גליקלעך. איך וואָלט מיט פאַרגעניגן איר איבערגעלאָזט אַלץ: די דירע, וועלכע איך האָב געהאַט ערשט באַקומען, דאָס מעבל, אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, אויסער דעם וויִאָלאָנטשעל. נאָר איך זאָל אַוועקגיין פון איר, זי איבערלאָזן, דאָס האָב איך ניט געקאָנט. זי איז געווען זייער אַ הילפלאָזע, אַן עלנטע, קיינעם ניט געהאַט. אין ערגעץ ניט. פאַרבליבן קינדווייַז אַ קייַלעכדיקע יעסוימע, ווי איך. אירע עלטערן זייַנען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די קאָלטשאַקאָווצעס. נאָך איידער מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָט זי איבערגעטראָגן אַ שווערע קרענק און צוליב דעם קיין קינדער ניט געקענט האָבן, און דאָס האָט איר פאַרשאַפט שווערע ליידן.

צוזאַמען זייַנען מיר געווען ווייניק. איך בין פיל אַרומגעפאָרן, אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין די שטעט און יִשוּווים פון ווייַטן מיזרעך, פון דער יִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אַנהייב זומער נײַן־און־דרײַסיקסטן בין איך אײַנגעלאַדן געוואָרן אױף א קאָנצערט־טורנע קיין אָדעס, כאַרקאָוו, קיִעוו, מינסק און לענינגראַד, ווו איך בין נאָך קיינמאָל ניט ארויסגע־טראָטן. עס איז איבעריק צו זאָגן, מיט וויפל פרייד און אכרײַעס איך האָב אָנגענומען די אײַנ־לאַדונג אין אָט די שטעט, וועלכע זײַנען באַרימט מיט זייער הויכער מוזיקאַלער קולטור. און אויסער דעם, איז מיט מינסק און לענינגראַד פאַרבונדן געווען מײַן קינדהײַט און די שענסטע יוגנט־יאָרן. ארויסטרעטן דאָרט איז פאַר מיר געווען א גרויסער יאָמטעוו. סײַ אין אָדעס, סײַ אין כאַרקאָוו, אין קיִעוו און אין מינסק זײַנען די קאָנצערטן דורכגעגאַנגען באַ פולגעפאַקטע זאַלן, און, ווי די פרעסע האָט אָפּגעמערקט, מיט דערפאָלג.

דעם לעצטן טאָג פון מײַן זײַן אין מינסק בין איך געווען פרײַ. אין אָוונט האָב איך גע־דאַרפט אָפּפאָרן קיין לענינגראַד. פון גאַנצפרי האָט זיך געכמאַרעט. ס'האָט געשמעקט מיט א רעגן. דאָך האָב איך זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון מײַן לאַנגאָניקן פאַרלאַנג צו צופאָרן כאָטש אױף א שאָ־צוויי אינעם גרענעץ־שטעטל, ווו איך האָב מיט פופצן יאָר צוריק, בעשאַס די זומער־קאַניקולן, אזוי וווּנדערלעך פאַרבראַכט. באַזונדערס איצט, ווען איך געפין זיך אזוי נאָענט פון דעם שטעטל.

דורכן טעלעפאָן פון האָטעל האָב איך באַשטעלט א טאַקסי אױף אהין און צוריק, מיט א טנײַ, אז איך וועל זיך דאָרט פאַרהאַלטן אומגעפער א פאָר שאָ. און ניט געקוקט אױפן רעגנדל, וואָס האָט גלײַך פון אינדערפרי אָנגעהויבן מאַראָקען, זיך געלאָזט אין וועג. א צוואַנציק קי־לאָמעטער הינטער מינסק האָט דער רעגן אויפגעהערט, און שפּעטער, ווען מיר האָבן איבער־געלאָזט הינטער זיך קוידענאָוו, נעגאָרעלאָיע און זײַנען שוין געווען לעבן שטעטל קאַרעליץ, האָט דער הימל זיך פולקום אויסגעלײַטערט. די „עמקע" האָט האַסטיק זיך דורכגעטראָגן איבערן באַרג־אַרויף, און עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מיט שינדל־געדעקטע הילצערנע הײַזער.

זײַענדיק אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר זייער ווײַט פון אָט די מעקוימעס, האָט זיך מיר צײַטנווײַז אָנגעהויבן דוכטן, אז ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געווען און ס'איז ניטאָ אױף דער וועלט אזא שטעטל, אז איך האָב עס אויסגעכאָלעמט, אויסגעטראַכט, אז אזא שטעטל עקזיסטירט נאָר אין מײַן פאַנטאַזיע.

נאָר איך האָב באַלד זיך איבערצײַגט, אז ניין, איך האָב דאָס שטעטל ניט אויסגעטראַכט, ניט אויסגעכאָלעמט.

דעם יונגן טאַקסיסט מיט דער „עמקע" האָב איך איבערגעלאָזט אױפן עק גאַס אין א האַלב־דאָרפיש־באַגרינטן הויף און בין אוועק. מיר האָט זיך געוואָלט ניט דורכפאָרן זיך, נאָר דורכ־גיין זיך, אליין, איין־אליין, איבער די אלע טײַערע פאַר מיר ערטער, ווו איך האָב אזוי אומ־געריכט זיך באַגעגנט מיט איר, מיט מײַן ערשטער ליבע, מיט יויכעוועדן.

ארומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, קעדיי ניט דורכלאָזן עפּעס, האָב איך פּאַמעלעך גע־שפּאַנט איבער דער באַגאָסענער מיט דער הייסער זון קימאַט פוסטער שטעטלשער הויפּט־גאַס, ווו עס פלעגט דעמלט אין די פאַרנאַכטן זיך צונויפקלײַבן די יוגנט, שפּאַצירן הין און צוריק, פאַרהילכנדיק דעם ארום מיט לידער. אױף אייניקע גאַנעקעס זײַנען געזעסן יונגע מאַ־מעס מיט קינדער אױף די הענט, מעגלעך מײַנע געוועזענע פּיאַנערקעס. זיי האָבן זיך אומגע־קוקט אױף מיר, איך אױף זיי. זיי האָבן מיך ניט דערקענט, איך — זיי אויך ניט. ווי־ניט־ווי — פופצן יאָר אדורך! נאָר די הויפּט־גאַס האָט אויסגעזען אזוי, ווי איך האָב זי פאַרגעדענקט. דוכט זיך, מיט גאָרנישט זיך ניט געענדערט. אױפן זעלבן אָרט די פּאָטשט, אױפן זעלבן אָרט דער קלוב, די שערערײַ, דער שטעטל־סאָוועט, די קראָמען, דער מאַרק. אָט דאָ באַ דער פּאָטשט האָט זי אױף מאָרגן נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפט געוואַרט אױף מיר און איך בין ניט ארויס, צוליב פּי־ניען; אָט דאָ, פאַרבײַ דעם קלוב, ווען איך פלעג רעפּעטירן מיטן קאָמיוגישן אָרקעסטער, פלעגט זי שפּאַצירן מיט אירע כאַווערטעס, ביז איך פלעג ניט פאַרענדיקן און ארויסגיין צו איר; אָט דאָ, אַראָפּ־גאַס, בעשאַס דעם שפּאַציר שאַבעס פאַרנאַכט האָט פּיניע מיר אָנגעוויזן אױף איר און איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל אין א בלויען סאַראַפאַן מיט די ווײַסינקע פּאַסיקלעך; אָט דאָ, באַ דעם ראָג, פלעגן מיר, איך און זי, געווייַנלעך א ביסל אָפּשטיין פון דער קאָמפּאַניע און אומבאַמערקט פאַרשווינדן אין דעם שמאָלן טונקעלן געסל. אױף יעדן טראָט האָט עפּעס־וואָס מיר דערמאָנט אזוינס, וואָס האָט געצווונגען אומרויִקער טיאַקען דאָס האַרץ. איך בין געווען באַ דעם הילצערנעם פּײַערלעשער־טורעם, ווו מיר האָבן בעשאַס דעם שלאַקס־רעגן זיך אויסבאַהאַלטן, געווען באַ דעם גרענעץ־טײַך, באַ דער גרינער לאָנקע, אין בערעזע־ווועלדל, אין אלע ערטער, ווו מיר פלעגן זיך טרעפן, און מיט אומרויִקע טריט זיך פאַרנומען אױפן זײַטיקן שטילן געסל, ווו ס'האָט זיך געפונען די שטוב פון אירע עלטערן. סטאַרענדיק זיך ניט באַמערקט צו ווערן, בין איך זיך דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל פאַרבײַ דער שוין אײַנ־

געבויגענער הילצערנער שטוב מיט די דרײַ האַלב־פאַרהאַנגענע פענצטער צו דער גאַס און מיטן קלײנינקן גאַנעקל באַם אַרײַנגאַנג. די שטוב און דאָס גאַנעקל האָבן אויסגעזען פיל קלענער, ווי דעמלט, נאָר די עטלעכע קליאַנעס, וואָס זײַנען געוואַקסן פון בײדע זײַטן, האָבן אויסגעזען ווי פריִער, און עפשער נאָך העכער. אַרום איז קײנער ניט געווען. אַף דער, קאַנטיק, שוין לאַנג ניט געפאַרבטער דרויסן־טיר איז געהאַנגען אַ קלײן שלעסל. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער, און, נאָכגעבנדיק דעם פאַרלאַנג, וואָס האָט מיך באַהערשט, אַרוף אַפן גאַנעקל, מיט וועלכן עס זײַנען געווען פאַרבונדן בײַ מיר די שענסטע, רײנסטע, ציכטיקסטע און האַרציקסטע געפילן. צוגערירט זיך צום פאַרענטש, צו וועלכן זי, יויכעוועד, פלעגט זיך צורירן, האָב איך פאַרזיכטיק זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם זעלבן אָרט, ווו איך פלעג געוויינלעך זיצן, אָט דאָ — איך, און אָט דאָ איז זי געזעסן, אָט דאָ, אַף אָט דעם אָרט, צוגעטוליעט צו מיר, אַ שמײכלענדיקע, אַ האַרציקע, אַזאַ ליבע, אַזאַ נאָענטע... ווו איז זי איצט אין אָט דער מינוט? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — וואָס טוט זי? ווי זעט זי אויס? ווי פריִער? ווי געווען? צי געענדערט זיך? ווי לעבט זיך איר? שוין באַלד נײַן יאָר, ווי איך ווײס גאָרניט, האָב קײן אַנונג ניט וועגן איר. צי דערמאָנט זי כאָטש אַמאָל אָט די ערטער? צי געדענקט זי כאָטש עפּעס־וואָס פון יענעם זומער?

דאָ דערבײַ, ערגעץ אַפן הילצערנעם טראָטואַרל, האָבן זיך דערנעענטערט טריט. עמעצער איז געגאַנגען אַהער. איך האָב זיך אויפגעהויבן און ניט באַוויזן אַראָפּ, ווי אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַן עלטערע שטאַלטנע פרוי מיט אַ קאָשעקל אין האַנט.

— איר דאַרפט צו רעב ייִצכאָקן? — האָט זי געפרעגט, באַטראַכטנדיק מיך. — ער איז נאָך אין בעסמעדרעש. ס'איז הײַנט יאָרצײַט נאָך זײַן זיידן, זיכרוינע־ליוורוכע. ער וועט באַלד קומען.

— ניין, ניין. איך האָב פּאַשעט אַזוי זיך צוגעזעצט אַ ווײַלע, זיך אָפּרוען אַ ביסל, — האָב איך פאַרלוירן געענטפערט, דערקענענדיק אין דער נאָך שײנער עלטערער פרוי יויכעוועדס מאַמען.

— פאַרוואָס זשע אַפן גאַנעקל? קומט אַרײַן אין שטוב, — האָט זי גאַסטפרײַנטלעך אײַנגעלאַדן, אַראָפּנעמענדיק דאָס ניט־פאַרשלאָסענע שלעסל. — איר זעט, זע איך, ניט קײן היִגער, קומט, קומט אַרײַן.

איך האָב, דעם עמעס זאָגנדיק, ניט געהאַט קײן איבעריקן כײשעק זיך באַגעגענען איצט מיט רעב ייִצכאָקן, וועלכער האָט דעמלט, אין יענעם ווינטער, ווען איך בין ספּעציִעל געקומען אַהער אין שטעטל זיך זען מיט יויכעוועדן, ניט דערלאָזט, אַז איך זאָל אַפילע פאָרן מיט איר אַף אײן שליטן צום באַן, און נאָכדעם בעקיוון באַגלײט זי ביז מינסק, צום לענינגראַדער צוג, קעדײ איך זאָל אין וואַגאָן מיט איר זיך ניט באַגעגענען. מיר האָט זיך ניט געוואָלט, ער זאָל מיך איצט זען דאָ. און גלײַכצײַטיק האָט זיך מיר זײער פאַרוואָלט אַרײַן, אַ קוק טאָן, ווי זעט אויס די שטוב, ווו יויכעוועד איז געבוירן געוואָרן, ווו עס זײַנען אַדורך אירע קינדער־און יוגנט־יאָרן, און פאַרײנס עפשער עפּעס זיך דערוויסן וועגן איר. איר מאַמע האָט מיך דורכגעפירט דורך אַ ציכטיקן פּירהויז, און מיר זײַנען אַרײַן אין אַ געראַמען צימער. אין סאַמע מיט איבער אַ קײַלעכדיקן טיש, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ ווײַסן סערוועט, איז געהאַנגען אַ בליך־לאָמפּ. בײַ אײן וואַנט איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדיש געשניצטער בופעט, בײַ דער צווייטער וואַנט, אין ווינקל, אַנטקעגן פענצטער אַ היפּש אָפּגעבליאַקעוועטע פּאַרטעפּיאַנע, אַף וועלכער יויכעוועד האָט דעמלט, אין דעם אַווגוסט־אָוונט, פאַר איר פלוצלינגדיקן אַוועקפאָרן, און אויך ווינטער, ווען איך בין געשטאַנען אין פראָסטיקן דרויסן אַ פאַרווײעטער מיט שניי, קאָנטיק, געשפּילט. איר גאַסטפרײַנטלעכע מאַמע איז באַשטאַנען, אַז איך זאָל זיך נאָר זעצן צום טיש. זי האָט פאַרשפּרײט אַ סאַלפעטקע, אַוועקגעשטעלט אַ טעלערל מיט זעמעלעך, אַ גלאָז קאָמפּאָט פון זעמליאַניקע, פאַנאַנדערפרעגנדיק זיך דערבײַ מיט אַ ליבער גוטמוטיקײַט, פונוואַנען איך קום, אַף ווי לאַנג און וואָס פאַראַ איניאָנים האָב איך דאָ, אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל בײַ דער סאַמע גרענעץ. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך קום פון מינסק סאַכאַקל אַף עטלעכע שאָ, קעדײ אַ קוק טאָן פּאַשעט אַפן שטעטל, ווו איך בין אַמאָל, מיט פיל יאָרן צוריק, געווען אַ קורצע צײַט, און געפרעגט בײַ איר, צי ווײסט זי עפּעס וועגן פּיניע שוואַלב, וועגן בערל באַרבאַראַש, כעמע שאַליט און אַנדערע באַקאַנטע מײַנע פון יענע ווײַטע יאָרן.

זי האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז קאָמפּאָט, זיך צוגעזעצט אַנטקעגן מיר, און איך האָב באַלד זיך דערוווּסט פון איר, אַז פּיניע שוואַלב האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע און איז שוין עטלעכע יאָר פאָרזיצער פון דובראָוונער שטאָט־סאָוועט. מיט דרײַ יאָר צוריק איז ער געווען דאָ אַף זײַן מאַמעס לעווײַע. די עלטערע שוועסטער איז דירעקטאָר פון קוידענאָווער טריקאָ־

טאַזש־פאַבריקל, די ייִנגערע איז א כעטאגוראָווקע, אַוועקגעפאָרן פרײַוויליק אַפן ווײַטן מיזרעך, אַרבעט אין קאָמסאָמאָלסק, כאַסענע געהאַט דאָרט פאַר א טשוואַש, א קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי. אין זייער שטיבל וווינט איצט א ייִדישע מישפּאָכע פון דײַטשלאַנד, וועלכע האָט מיט ניסים זיך געראַטעוועט פון היטלערן. ער איז א דאָקטער, זי — א פראָוויזאָר. מיט צוויי קינדער. קיין ייִדיש קענען זיי ניט. שפּרעכן דײַטש. בערל באַרבאַראַש איז עלטסטער אַגראָנאָם פון ראַיאָן. כאַסענע געהאַט פאַר זייער א ווילער ווײַסרוסישער לערערקע. כעמע שאַליט האָט, ווי א פליִער, זיך באַטייליקט אין די לופט־שלאַכטן אין שפּאַניע, פאַרוווּנדעט געוואָרן. איצט לערנט ער זיך אין א מיליטערישער אַקאַדעמיע. יאַנקאָ מאַקאַיאָנעקן, וואָס איז געוועזן אין ראַיאָן סעקרעטאַר איבער די קאָמסאָמאָלצעס, האָבן נאָך אין דרײַסיקסטן יאָר די באַלעגופים דערהאַרגעט באַנאַכט לעבן ראַיוּיספּירקאָם. אָשערל באַלעגאָלע, סימכע דער רויטער און נאָך היפּש מישפּאָכעס האָבן אַריבערגעוואַנדערט אַף ערד. די מעלוכע האָט זיי געגעבן להאָטעס, קרעדיטן, מאַטעריאַלן, און זיי האָבן דאָרט זיך געשטעלט אַף די פיס. אָשערל איז בא זיי דער פאָרזיצער, געוואָרן א גרויסער באַל־יאַכסן, געוועזן דעלעגאַט אַפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די קאָלווירטניקעס־שלאָגלער. די יוגנט צעפאָרט זיך. עס ציט זיי אין דער גרויסער שטאָט, זיי נעמען נאָכדעם אַריבער אַהין אויך די עלטערן. די אַלטיטשקע, וואָס האָט געוווינט אַנטקעגן קלוב, איז ניט לאַנג צוריק אַריבערגעפאָרן קיין כאַרקאָוו. אירע צוויי זין אַרבעטן דאָרט אַפן טראַקטאָר־זאַוואָד. אין איר שטיבל האָט זיך באַזעצט א צווייטע ייִדישע מישפּאָכע פון דײַטשלאַנד.

— פונוואַנען, זאָגט מיר, האָט זיך גענומען אָט דער היטלער, אָט דער האַמאָן, דער צוררער־האַיעהודים, — האָט זי פאַרזאָרגט זיך אָנגערופן, — וואָס פאַר א מאַכשייפע האָט אָט דעם קוילער געבראַכט אַף דער וועלט. נעכײַ וואָלט ער אויסגערונען געוואָרן בא איר אין בויך, דער איזווערג, יִמאַך שמוי ווּזיכרוי, איידער ער איז געבוירן געוואָרן. ווײ, ווײ, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעהערט פון די דײַטשישע ייִדן. די גאַנצע וועלט איז ער מעסוגל אומברענגען צוליב זײַן אויסדערוויילטער ראַסע. עסטרײַך האָט ער שוין פאַרצוקט, טשעכאָסלאָוואַקיע האָט ער שוין אויך אויפגעפרעסן. אַף וועמען שטשירעט ער איצט די וועלפישע ציין זײַנע? פאַרוואָס שווײַגט די וועלט? פאַרוואָס לאָזט מען אים ווילדעווען, דעם בלוטיקן גאַזלען? פאַרוואָס בינדט מען אים ניט? ווער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט אונדז. מיר זײַנען דאָך בא דער סאַמע גרענעץ. עס זאָל, גאָט באַהיט, קיין מילכאָמע ניט אויסברעכן. ווי מיינט איר?

איך האָב זי באַרויִקט, פאַרזיכערט, אַז קיין מילכאָמע וועט ניט זײַן. איך בין דעמלט געווען איבערצײַגט אין דעם.

— האַלעווײַ, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן גראָוון קאָפּ, — לאָמיר און אונדזערע קינדער און אייניקלעך ניט וויסן פון דעם, זאָלן זיי זײַן גליקלעך. דער אייבערשטער האָט אונדז געבענטשט מיט פיר טעכטער. אַלע געראָטענע, אַלע מיט ליכטיקע קעפּ. ווען איר קוקט זיי אָן? קראַסאַוויצעס! און די איידעמס זײַנען אַדאַנק דעם, וואָס לעבט אייביק, אויך זייער פײַנע. גרויסע ספּעציִאַליסטן. און די אייניקלעך, זאָלן געזונט זײַן, אַזא יאָר אַף אַלע לײַטישע מענטשן, סאַראַ ליבע קינדער זיי זײַנען, — און אָן אויפגעלעבטע האָט זי אָנגעהויבן דערציילן וועגן יעדער טאָכטער באַזונדער. די עלטערע טאָכטער מיט דער מישפּאָכע וווינט אין מאָסקווע. זי איז א יוריסט. דער מאַן איז אַן אַרכיטעקטאָר, בויט די מעטראָ; די צווייטע טאָכטער מיט דער מישפּאָכע וווינט אין סווערדלאָווסק, זי איז א געאָלאָג, דער מאַן — אַן אײַזנבאַן־אינזשעניער, זיך אויסגעצייכנט באַם בויען דעם טורקסיב, איצט בויט ער א נײַע ליניע אַף אוראַל; די דריטע טאָכטער וווינט אין לענינגראַד. זי איז א פיזיקער, דער מאַן — הויפּט־דאָקטער פון דעם צענטראַלן שפּיטאָל. און די מיזינקע, יויכעוועדל, לעבט, קיין אײַנהאָרע, אויך זייער שיין אין לענינגראַד, געזאָגט געוואָרן אַף אַלע גוטעפרײַנט. זי איז גאָר א געהויבענער ספּעציִאַליסט פון אַזעלכע פרעדמעטן, וואָס איז ניט פאַר מײַן קאָפּ צו באַנעמען. א שיינע שטעלע פאַרנעמט זי אין דער וועלט־באַוווּסטער פולקאָווער אָבסערוואַטאָריע און לייענט מיט גרויס קאָוועד לעקציעס אין דעם זעלבן אוניווערסיטעט, אין וועלכן זי האָט זיך אַליין געלערנט, און איז, דאַנקען דעם אייבערשטן, שוין א דאָצענט פון די שטערן־וויסנשאַפטן. איר מאַן איז גאָר א גרויסער מענטש, א גענעראַל־אינזשעניער, א קאָנסטרוקטאָר פון א גרויסן זאַוואָד. א מענטש מיט א גאָלדן האַרץ, זייער אַן איבערגעגעבענער. ער האָט זי ליב, ווי דאָס לעבן. גייט אויס נאָך אירע טריט. און זי אים האָט אויך שטאַרק ליב. אים ניט ליב האָבן איז אוממעגלעך. אַן איידעלער. א קלוגער. א באַשיידענער. האָט שוין צוויי אָרדענס — און האַלט זיך פראָסט, שטעלט זיך ניט אַרויס. און א טאָכטערקע האָבן זיי, א שולאַמיסל, שאַ, אָט וועל איך אײַך ווײַזן, מיט עטלעכע טעג צוריק, שאַבעסצונאַכטס, האָבן מיר באַקומען פון זיי א בילד. — זי האָט אַוועקגעאײַלט אין שכײַנעסדיקן צימער, אין וועלכן, ווי איך האָב באַמערקט, עס האָבן געברענט

צווי יאָרצײַט־ליכט, און אין א רעגע ארום, א שײַנענדיקע, זיך אומגעקערט. — גיט נאָר א קוק, — האָט זי מיר געוויזן א גאַנץ גרויסע פאָטאָ, אף וועלכער איך האָב גלײַך דערקענט יויכעווערן. א שמייכלענדיקע, אַן איבערגעפולטע מיט גליק, האָט זי געהאלטן עטוואָס פאַר־הויבן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געשפּיגלט אין דער זון. ארומגענומען זי באַם האלדז מיט איין האַנט, און האלטנדיק אף דער צווייטער האַנט א פּינפּיאָריק קינד, איז געשטאַנען לעבן איר א הויכער, א שטאַלטנער, זייער א שיינער, נאָך גאָר א יונגער גענעראַל, איר מאַן.

א פאַרגאַפטער האָב איך געקוקט אף דער פאָטאָגראַפיע און ניט געקענט זיך אָנקוקן. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט ארויסלאָזן זי פון די הענט, און אזוי זיך, ווי פאַרבײַגייענדיק, א פרעג געטאָן, צי זיי קומען אמאָל צוגאַסט אהער.

— יויכעווערל איז שוין זייער לאַנג דאָ ניט געווען. שטענדיק פאַרנומען. זיי ווילן, מיר זאָלן אריבערפאָרן צו זיי. א דירע האָבן זיי א גרויסאַרטיקע. נאָר ס'איז שווער זיך אָפּרײַסן פון נאַפּל. אונדז איז דאָ אין שטעטל אלץ אײַנגעבאַקן אין הארצן. דאָ האָבן געלעבט אונדזע־רע עלטערן. די זיידעס און די אורזיידעס האָבן דאָ געלעבט. דאָ זײַנען מיר געקומען אף דער וועלט, דאָ כאַסענע געהאַט, דאָ די קינדער אויסגעכאָוועט. דאָס גאַנצע לעבן איז דאָ דורכגעגאַנגען. ווי קאָן מען עס איבערלאָזן? דאָ איז אונדזער היים...

איך וואָלט מיט פאַרגעניגן נאָך געזעסן און פאַרבראַכט מיט יויכעווערס גוטהאַרציקער מאַמען, וועלכע מע האָט אין שטעטל גערופן „די כאַכאָמע“, נאָר שוין צײַט געווען זיך אומקערן קיין מינסק, ווו איך האָב ביזן אָפּפאָרן געהאַט נאָך אייניקע איניאַנים צו דערליי־דיקן. אראָפּשטײַגנדיק פון גאַנעקל, האָב איך אָפּגעבראָכן א צווײַגעלע פונעם קליאָן, אונטער וועלכן יויכעווערד איז אמאָל מיט מיר געזעסן. אנטקעגן, אפן שמאָלן הילצערנעם טראָטואַרל, האָב איך דערזען גיין, אָנשפּאַרנדיק זיך אף א שטעקל, א גרײַז־גראָווון אלטן מאַן. דערנעענ־טערנדיק זיך, האָט ער מיט נײַגער א קוק געטאָן אף מיר. גאָרנישט ניט געזאָגט. מיט פּאַמע־לעכע טריט אוועק ווײַטער. ער האָט מיך ניט דערקענט. ס'איז געווען יויכעווערס טאַטע.

מיט דער טאַקסי, וואָס האָט געוואַרט אף מיר, האָב איך זיך אומגעקערט מיט א צעבוי־טעט הארץ קיין מינסק און באַנאַכט צוזאַמען מיט מײַן אקאָמפּאַניאַטאָר ארויסגעפאָרן קיין לענינגראַד.

לענינגראַד... נײַן יאָר איז אדורך, ווי איך בין אוועקגעפאָרן און פאַר אָט דער צײַט קיין איין מאָל ניט געווען דאָרט. און אלע נײַן יאָר געטרוימט וועגן יענעם גליקלעכסטן טאָג, ווען איך וועל פאַרדינען אמאָל דעם קאָוועד ארויסטרעטן מיט מײַנעם א וויאָלאָנטשעל־קאָנצערט אין דער שטאָט, ווו איך האָב געקראָגן א פּוטיאָווקע אין דער ווונדערלעכער וועלט פון מו־זיק, ווו איך האָב איבערגעלעבט פיל פרייד און לייד, אין דער שטאָט, ווו זי, יויכעווערד, וווינט...

קיין לענינגראַד בין איך געקומען נאָך האלבן טאָג, זיך אָפּגעשטעלט אין א פּרעכטיקן, שוין א צו גרויסאַרטיקן נומער, וועלכער איז געווען פאַרבראָנירט פאַר מיר אינעם האָטעל „אַסטאָריאַ“ אף גערצען־גאַס, אין סאַמע צענטער, לעבן נעווסקי פּראָספּעקט. די פאָרשטייערן פון פּילהאַרמאָניע האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט דער פּראָגראַם פון מײַנע ארויסטרעטונגען. אף מאָרגן אינדערפרי איז פאַרפּלאַנירט געווען א רעפּעטיציע צוזאַמען מיטן אָרקעסטער, אין אָוונט — דער ערשטער קאָנצערט אין דער געבײַדע פונעם טעאַטער אפן נאָמען פון לענינ־גראַדער סאָוועט, נאָכדעם אין קולטור־פּאַלאַץ אפן נאָמען פון מאַקסים גאָרקי, אין גרויסן זאַל פון קאָנסערוואַטאָריע, אין קראָנשטאַדט, אפן קיראָוו־זאַוואָד... אין האָטעל האָב איך זיך פאַר־האלטן געציילטע מינוטן, בין גלײַך אוועק און ביז האלבער נאַכט שפּאַצירט איינער אליין איבער דער שטאָט פון מײַן יוגנט, ווו יעדער שטיין איז א שטיק געשיכטע. ס'איז געווען אינמיטן כוידעש יון, אין זעניט פון די „ווײַסע נעכט“, נעכט פול מיט פּאָעזיע. די בולוואַרן, פּראָספּעקטן, די פּילצאָליקע קאַנאַלן און די אויסטערלישע בריקלעך איבער זיי, די פּאַרקן און די פּלעצער מיט די דענקמעלער — אלץ, אלץ איז געווען באַגאָסן מיט ווייכער קישעפדיקער שײַן. די שטאָט איז געווען פול מיט לעבן, די טראָטואַרן, די גאַסן פול מיט מענטשן, און זי, יויכעווערד, איז, מעגלעך, אויך געווען צווישן זיי. זי קאָן דאָך איצט אויך שפּאַצירן. נאָר טרעף, ווו. איך בין געווען אף נעווסקי פּראָספּעקט, געווען באַ דער קאָנסערוואַטאָריע, אפן גרויסן פּראָספּעקט באַ דער געוועזענער סטודענטישער צוזאַמענוווינונג, אף דער אכצעטער ליניע, זיך דורכגעגאַנגען איבער דער בראָדסקי־גאַס מיט די גרויסאַרטיקע מויערן, איינער שענער פונעם אַנדערן. פון זייערע פּילצאָליקע גרויסע פענצטער האָט ארויסגעלויכטן א שלאַל מיט שײַן, פון די אָפענע באַלקאָן־טירן האָט זיך געטראָגן מוזיק. ס'האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אז אף אלע שטאָקן, אין אלע דירעס פּראַוועט מען יאָמטעוו. איך האָב געקוקט אף די העל־באַלויכ־טענע פענצטער און געוואָלט טרעפן, וועלכע זײַנען אירע, יויכעווערדס, כאָטש איך בין ניט

געווען זיכער, אז זי וווינט אויך איצט אַף אָט דער גאַס, ווי די געוועזענע באַלעבאָסטע פון איר צימערל האָט מיר געהאַט געזאָגט מיט העכער נײַן יאָר צוריק. מעגלעך, אז זי האָט פאַר אָט דער צײַט זיך אַריבערגעקליבן אַפילע אין אַן אַנדער ראַיאָן. איך האָב זיך ניט געקאָנט מוחל זײַן, פאַרוואָס איך האָב ניט אַ פרעג געטאָן בא איר מאַמען, בעשאַס זי האָט מיר דערציילט, אז יויכעוועד וווינט אין אַ פּרעכטיקער דירע, אַף וועלכער גאַס די דירע געפינט זיך.

אין האָטעל האָב איך זיך אומגעקערט אַ צערודערטער. די נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. ניט נאָר איצט, יעדעס מאָל פאַר מײַנעם אַ קאָנצערט לעב איך איבער אַזוי, ווי איך זאָל דאַרפן אַרויסטרעטן דאָס ערשטע מאָל. אַזאַ שוואַכקײַט, און איך קען מיט זיך גאָרנישט ניט טאָן. ווי באַוווּסט, האָט אַפילע אַזאַ גרויסער אַרטיסט, ווי שאַליאַפּין, זיך שטאַרק נערווירט ערעוו זײַנע קאָנצערטן. אין דער רעגע, ווען ער האָט באַדאַרפט אויפטרעטן אַף דער בינע, פלעגט אים זיך אָנהייבן דוכטן, אז ער האָט אָקאָרשט פאַרלוירן די שטים. שטאַרק האָב איך איבערגעלעבט, ווען איך האָב געדאַרפט אַרויסטרעטן אין אַ שטאָט צום ערשטן מאָל, פאַר אַ נײַער אַודיטאָריע, שפּילן מיט אַן אומבאַקאַנטן אָרקעסטער, אין זאַלן מיט אַ פאַרשיידענער אַקוסטיק. דאָס האַרץ איז בא מיר ניט געווען אַפן אָרט, באַזונדערס איצט, ווען מיר איז פאָרגעשטאַנען אַרויסטרעטן מיט אַ גרויסער קאָנצערט־פּראָגראַם אין דער לענינשטאָט, שפּילן אין גרויסן זאַל פון דער פילהאַרמאָניע פאַר אַן אַודיטאָריע, וועלכע האָט געהערט די גרעסטע מוזיקאַנטן, אין זאַל, ווו עס וועלן, מעגלעך, זײַן מײַנע פּעדאַגאָגן פון קאָנסערוואַטאָריע, און עפּשער אויך זי... זי האָט דאָך אַוודע געקענט באַמערקן די פּלאַקאַטן, וואָס זײַנען אויסגעהאַנגען אַף די גאַסן און פּלעצער פון שטאָט. וועגן דעם, אז מיר זאָל געלינגען זיך זען מיט איר, האָב איך אַפילע ניט געטרוימט, נאָר אז זי זאָל זײַן אַף מײַנעם אַ קאָנצערט האָט זיך מיר זייער געוואָלט. זאָל זי זײַן ניט אַליין, זאָל זי זײַן מיטן מאַן, אַדערבע, נאָר זאָל זי מיך הערן און איך זאָל זי זען כאָטש פונדערווײַטן. איך וואָלט פאַר זיי איבערגעלאָזט בילעטן באַם בילעטיאָר. וויאַזוי אָבער גיט מען זיי צו וויסן וועגן דעם. ווען איך האָב דעם נומער פון איר טעלעפאָן, וואָלט איך אָנגעקלונגען און געזאָגט צוויי ווערטער, אז איך לאַד אײַן זי מיטן מאַן אַף מײַן קאָנצערט. דעם נומער פון איר טעלעפאָן האָב איך אָבער ניט געהאַט. אַף מאָרגן, גלײַך נאָך דער גאַנץ געלונגענער רעפּעטיציע מיטן אָרקעסטער, האָב איך אָנגעקלונגען אין ספּראַוואָטשנע, אָנגערופן יויכעוועדס פאַמיליע. מע האָט מיר געענטפערט, אז צווישן די אַבאָנענטן איז אַזאַ ניטאָ. און איר מאַנס פאַמיליע־נאָמען האָב איך ניט געוווּסט. ס'איז פאַרבליבן נאָך איין האָפענונג: זיך דערוויסן דעם נומער פון יויכעוועדס טעלעפאָן בא איר שוועסטער. איר שוועסטערס טעלעפאָן האָב איך געדענקט. איך האָב אָנגעקלונגען. דאָס טרײַבל האָט גענומען, קאָנטיק, דער שוועסטערס מאַן, דער אָנגעזעענער פּראָפעסאָר. מיט אַן אומצופרידענער שטים האָט ער געפרעגט, וועמען איך דאַרף. איך האָב זיך אַנטשולדיקט און געבעטן זײַן אַזוי גוט און זאָגן מיר דעם נומער פון יויכעוועד איסאַקאָווונעס טעלעפאָן.

— ווער זײַט איר? — האָט ער בייזלעך אַ מורמל געטאָן.

— אַ לאַנגאָניקער באַקאַנטער, — האָב איך מיט אַ ניט זיכערער שטים געענטפערט.

— אַ לאַנגאָניקער באַקאַנטער מעג אַליין וויסן, — האָט ער אַ בורטשע געטאָן, און באַלד האָב איך דערהערט גאָר אַן אַנדער שטים, זייער אַן אָנגענעמע, קאָנטיק דער שוועסטערס. זי האָט געזאָגט, אז יויכעוועד איסאַקאָוונע איז אין לענינגראַד איצט ניטאָ. זי איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַוועקגעפאָרן. איך האָב געפרעגט, ווען וועט זי זיך אומקערן. „דאָס ווייס איך ניט”, — האָט זי געענטפערט און אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל. די שטימונג איז בא מיר אינגאַנצן צעפּאַטערט געוואָרן. גיי ריכט זיך, אז פּונקט דעמלט, ווען איך וועל אין נײַן יאָר אַרום קומען אַהער, ווען איך וועל דאָ אַרויסטרעטן, וועט זי פּונקט דעמלט אַוועקפאָרן. פאַרפאַלן. פון אַלע מײַנע טרוימען און האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. אַ צערודערטער האָב איך לאַנג שפּאַצירט בא דעם נעווע־טײַך און מיט אַ ניט רויִקן געמיט אַוועק אַפן קאָנצערט.

(סאָף קומט)

אין 1932 האָט דער גרויסער פראָזע־מײַ־סטער דאָוויד בערגעלסאָן פארעפנטלעכט אין מינסקער „אָקטיאַבער" אַן אַרטיקל וועגן נאָטע לוריעס ערשטן ראָמאַן „דער סטעפּ רופט". אין צוזאַמענהאַנג מיטן 70־טן געבורטסטאָג פון נ. לוריע ווערט פאַר אונדזער לייענער זײַן אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט אָט דער אַרבעט פון איינעם פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, ביפראַט אַז אין איר געפינען מיר אויך אַרויסזאָגונגען פרנעם אַלגעמײן־ליטעראַרישן פלאַן, ערטערווײַז סוביעקטיוו פאַר בערגעלסאָנס דעמלטיקן געדאַנקען־גאַנג, אָבער אין טאָך אַקטועלע אויך אין איצטיקן מאָמענט.

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק נאָטע לוריען און ווינטשן אים פיל געזונט, אַריכאַס־יאָמים און שעפערישע דערפאָלגן.

דאָוויד בערגעלסאָן

פּראָלעטאַרישע פּראָזע־קונסט

1

די פראָלעטאַרישע יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אָפּגעהאַלטן א נײַעם ניצחון. דעם ניצחון האָט געבראַכט דער ניט לאַנג דערשינענער ראָמאַן „דער סטעפּ רופט".

דער אויטאָר פון נעם ראָמאַן איז דער יונגער שרײַבער נאָטע לוריע. אויסער די פּאָר קלענערע קרעפּטיקע שילדערונגען, מיט וועלכער דער דערמאָנטער יונגער שרײַבער האָט דעביוטירט, איז „דער סטעפּ רופט" זײַן ערשטע גרעסערע און פאַרטיקע אַרבעט. דאָס בוך האַלט 207 זײַטן און האָט זײַן אויטאָר געעפנט א נײַע און א גאַנץ גרויסע קרעדיט־קאָנטע אין דער פּראָלעטאַרישער שאַפונג.

* * *

„דער סטעפּ רופט" איז א צײַגער פון פילזײַטיקער אומדערשעפּלעכער שאַפונגס־קראַפט, וואָס רײַסט אויף די ראַמען, וועלכע האָבן זי אײַנגעשפּאַרט, א קראַפט, וואָס פאַר איר זײַנען אַלט און ענג די אײַנגעשטעלטע פאָרמען — בא איר באַפרײַונג פליען אַלטע פאָרמען שטיקערווײַז אינדערלופטן. „דער סטעפּ רופט" קאָן פאַרגלײַכט ווערן צו א פרישער שפּאָגל־נײַער געבײַדע צווישן אַלטע ביניאָנים — מיט איר נײַקײַט שטרײַכט אונטער די נײַע געבײַדע די אַלטקײַט פון די אַלטע, מיט זייער אַלטקײַט שטרײַכן אונטער די אַלטע ביניאָנים די נײַקײַט פון דער נײַער. די נײַע געבײַדע איז קעדײַ אָנקוקן ניט נאָר פון הוילער נײַגעריקײַט וועגן — מע קאָן פון איר עפּעס לערנען.

* * *

דניעפּערבוי, מאַגניטאָגאָרסק, אַלע אַנדערע סאָוועטישע וווּנדער־גיגאַנטן האָבן קלאָר און אײנמאָל פאַר אַלעמאָל דערוויזן:

דער פּראָלעטאַריאַט קאָן שאַפן מיט אומגעהײערע טעמפּן אַן אינדוסטריע פון יענעם קאָלאָסאַלן פאַרנעם, וואָס דער בורזשואַזיע אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך קיינמאָל אפּילע ניט געחלומט.

אין ברידערלעכער אײניקונג מיט אַלע בעסערע פראָלעטאַרישע ווערק אין דער פילשפּראַכיקער סאָוועטישער פּראָזע איז נאָטע לוריעס בוך א צוגאָב־באַווײַז:

ניט בלויז מיט ריין־טעכנישע ווערטן איז דער באַפרײַטער פּראָלעטאַריאַט אימשטאַנד צו באַרײַכערן אַרום זיך דאָס לעבן — די קראַפט פונעם פראָלעטאַריאַט איז אומדערשעפּלעך גרויס און שטאַרק אָף אַלע יענע געביטן פון ניט געפּעלשטער מענטשלעכער קולטור, ווו די שטאַרבנדיקע בורזשואַזיע ווײַזט זיך לעצטנס אַרויס פאַר א פולשטענדיקן אימפּאָטענט.

* * *

זאָלן אַנדערע פּרוּוון צוגײן צו נאָטע לוריעס בוך בלויז פון דער ריין־קינסטלערישער זײַט, זאָלן זיי זיך אין דעם פאַנאַנדערקלײַבן בלויז

פאַרמעל, — אויך די וועלן מוזן קאָנסטאַטירן, אַז די בורזשואזע און קליינבירגערלעכע ליטעראַטור, דערהויפּט פון די לעצטע יאָרן, בלײַבן דאָ ווײַט הינטערשטעליק, אַז אַזאַ שעפע פון עכט־קינסטלערישע פאַרבן, אַזויפיל זאַפטיקע פרישקייט אין בילד און אין שפּראַך, אַזאַ מאָלערישע לײַכטקייט באַם כאַראַקטעריזירן דעם פּילצאַליקן, ניט געפעלשטן לעבעדיקן פּערסאָנאַזש, האָט די ייִדישע ליטעראַטור שוין זייער און זייער לאַנג אין איר פּראָזע ניט געזען.

שוין אָפּגערעדט פון דער דינאַמישער אָנגעלאָדנקייט און דינאַמישער אָנגעזעטיקטקייט, מיט וועלכער „דער סטעפּ רופט" קאָכט און שפּרודלט. דינאַמיק איז באַ דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלע אירע פּאַרסאָוועטישע פּאַזן געווען ניט מער, ווי אַ מין יעיצערהאָרע־ווונטש, וועלכער איז שטענדיק גלײַך דערדריקט געוואָרן דורכן נאַציאָנאַלן יעיצערטאָוו. פאַרוואָס?

דערפאַר, וואָס די פּאַרסאָוועטישע ליטעראַטור האָט געבאַלעבאַטעוועט איבער אַ פּאַרמעגן פון זייער אַ קליינעם סאָרטימענט.

איין האַלב פון איר פאַרמעגן:

— אַ לעפּל דאַלעס.

די אַנדערע האַלב:

— אַ לעפּל ייִדישע גווירישקײַט.

די דאָזיקע צוויי „געריכטן" — לויט מענדעלעס אויסדרוק — זײַנען געווען „פּאַרפּראַוועט מיט פאַרשיידענע שאַרפע געווירצן" און שטענדיק דערלאַנגט געוואָרן דעם לייענער — יעדער „געריכט" אין אַ באַזונדער טעלער. דער בורזשואזער און קליינבירגערלעכער אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט, אַז דערלאַנגען זיי אין איין שיסל טאָר מען ניט — די באַרירונג צווישן דאַלעס מיט גווירישקײַט קאָן געבן אַן עקספּלאָדירונג אין שאָטן דער בורזשואַז־נאַציאָנאַלער „גאַנצקײַט". די „מאָשקעלע כאַזירים" און די „אַריע באַלעגופים" זײַנען פון איין זײַט באַזונגען געוואָרן און פון דער אַנדערער זײַט געגעבן געוואָרן טענדענציעז, היפּער־גראַב, קעדיי דער דאַלעס זאָל, כאַלילע, אָף זיי קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָרן אָט: אָף וועמען דאָ פאַריבל האָבן? — זיי זײַנען דאָך „גראָבע" מענטשן. וואָס שײַעך צו אשן, איז אים זײַן „אָביעקטיווע" פּרימיטיווקײַט בײַגעשטאַנען, ער זאָל אוועקזעצן אָרעם און רײַך באַ איין גווירישן אָרעמאַלצײַט־טיש, קעדיי צו דערווײַזן, וויאַזוי דער גוויר איז „שיין" און „שײַנט" באַם געבן צדאָקע — מיט קיין שום דינאַמישן פּולווער האָט דערפון שמעקן ניט געקאָנט. אפילע יאַנקל שאַפּשאָוויטש — דער „גרעסטער דוכאָבאָר" באַ אשן — האָט אויך געטראָגן מיט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף רעפלעקטיוו באַרויִקן דעם באַליידיקטן צאַד צווישן די געזעלשאַפטלעך־שטרײַטנדיקע גײַסטער, אַזוינס, וואָס האָט דעם דאַלעס באַדאַרפט לערנען: „וואָס דאַרפסטו אויפברויזן, אַז גאָט אַליין נעמט פאַר דיר נעקאָמע".

* * *

די העכסטע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג האָט דער ייִדישער דאַלעס אָן שום ספק דערלאַנגט אין דער געשטאַלט פון „טעוויע דעם מילכיקן" — מעגלעך טאַקע דערפאַר, וואָס טעוויעס דאַלעס איז אָן און פאַר זיך גאָר געווען אַ מין עפּאָס — יעדנפאַלס, ניט יענער דאַלעס, וואָס רײַסט די אויגן און קאָן אופרײַסן. מיט גווירים האָט טעוויען זײַן אויטאָר אַ פּאָר מאָל צונויפגעפירט, נאָר בעפיירעש אין דער שאַבעסדיקער קאַפּאָטע, פאַרשפּיליעט אָף אַלע אירע געבליבענע קנעפּלעך — אַ גרייטער זיך מיט די גווירים מעשאַדעך זײַן. אויב יענע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר „שטיקלעך פּאַרכעס" און ניט געוואָלט דעם „שידעך", איז טעוויע יעדנפאַלס אין דעם ניט געווען שולדיק. לויט מאַסקיליש־ליבעראַלער טראַדיציע האָט אים דער אויטאָר געהייסן זאָגן אָף זיי: „וואָס מער נאָגיד, מער סאַבאַקע", אָדער אַפילע זיך שעלטן אונטער די אויגן אין טאַטן אַרײַן — אָן אַקט, וואָס האָט צו גרויסע „שטורמישע געשעענישן" ברענגען ניט געקאָנט. דער דאַלעס אין דער פּאַרסאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור האָט אופגעטאָן ניט מער, ווי דאַלעס באַ „נאַציאָנאַלער גאַנצקײַט" קאָן אופטאָן — ער האָט זיך געשאָלטן.

דער העכסטער צאָרן־אויסדרוק פונעם ייִדישן דאַלעס, ווי ער באַקומט זיך אין אַספּעקט פון דער קלאַסישער און נאָכקלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור, איז געווען — אַזוי דאַרף מען קלערן — די קלאָלע:

— זאָל דיר געשוואָלן וואָרן דער „ווי הייסט מען עס" פון שיווע־זיצן.

אָבער אויך אָף אָט דער קלאָלע קאָן מען ניט זאָגן, אַז זי איז געווען „מעסוקן דינאַמיש" — דער איקער האָט זי, ווי עס איז צו זען, זיך באַזירט אָף „סטאַטיק"...

* * *

אַפילע פּערעץ — דער סאַמע אָמרויִקסטער צווישן די ייִדישע קלאַסיקער — האָט אויך אויסגעמיטן די טרעף־פּונקטן פון צוויי קלאַסן, ווו עס קומען פאָר אופרײַסן. זײַן אָמרויִקײַט ווערט אויסגעשעפּט מיט דעם, וואָס ער, פּערעץ אַליין, האַלט זיך אין איין וואַרפן פון כסידיש־מיסטישער נעגידישקײַט צו אָרעמשאַפט און פון אָרעמשאַפט צוריק צו דער נעגידיש־גאָטיִדישער גאָלדענער קייט. עס באַקומט זיך (ווי באַ דאָסטאָיעווסקיס וואַרפן זיך פון פאַרברעכן צו גאָטזוכערײַ) אַ „דינאַמיק" פון אַ פולן עמער מיט איינסאָרטיקער פליסיקײַט, וואָס ווערט זייער געשווינד געדרייט אינדערלופטן — וואָס געשווינדער מע דרייט דעם עמער, אַלץ רויִקער בלײַבט גאָר אין אים די פליסיקײַט, אַלץ זיכערער קאָן מען זײַן, אַז די פליסיקײַט וועט זיך אין עמער אפילע קיין מינדסטן בוויטשע ניט טאָן. דאָ האָט פּערעצן דעם נאָוואַטאָר ניט געהאָלפן און ניט געקאָנט העלפן זײַן שטיין מיטן

פּאָנעם צו דער בורזשואַזער וועלט־ליטעראַ־
טור — דאָרט איז די דינאַמיק געקומען אַפּן
כעזשבן פֿונעם קאַמף צווישן קאַפּיטאַליזם מיטן
פֿעאָדאַליזם, אַפּן כעזשבן פֿון דער רעוואָליוציע,
וואָס האָט אין לעבן אַרײַנגעבראַכט נײַע אינ־
דוסטריִעלע טעכניק, און אויך דאָרט האָט די
דינאַמיק גענומען אָפּשטאַרבן פּאַראַלעל מיטן
אָנוווּקס פֿונעם אויסגלײַכערישן נאַציאָנאַל־בור־
זשואַ און סאָציאַל־רעפֿאָרמיזם, אַזוי אַז די
בורזשואַזע וועלט־ליטעראַטור — אויסער די
ווערק פֿון יענע געציילטע, וואָס ציִען זיך צום
פּראָלעטאַריאַט און ווערן באַאײַנפֿלוסט פֿון זײַן
שעפֿערישער אומרויִקייט — שטעלט מיט זיך
שוין בײַ הײַנטיקן טאָג פֿאָר ניט מער, ווי אַן
אײנהײַטלעך־סטאַטישע לאַנגווײַליקייט.

* * *

דאָס זעען מיר איצט קלאָר און בוילעט בײַ דער
שײַן פֿונעם שעפֿערישן באָלשעוויזם: די בורזשו־
אַזע קונסט, פּונקט ווי די בורזשואַזע ווירט־
שאַפֿט, טראָגט אַליין אין זיך די פֿאַקטאָרן פֿון
איר פֿאַרניכטונג.

דאָס האָט פֿאָרויסגעזען די מאַרקס־לענינישע
לערע; דאָס ווערט איצט פֿעסטגעשטעלט דורך
דעם גרויסן אופֿשטײַג פֿון דער נײַער פּראָלע־
טאַרישער ליטעראַטור, וואָס קומט פֿאָר פּאַראַ־
לעל מיט דער גרויסער יערידע פֿון דער בור־
זשואַזער ליטעראַטור.

וואָס איז שײַעך דער נײַער ייִדישער פּראָ־
לעטאַרישער ליטעראַטור, האָט בלויז די באַ־
העפֿטונג פֿון ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן צום
פּראָלעטאַריאַט זי געקאָנט אײַנגלידערן אין דער
דינאַמיק פֿון די גרויסע געשעענישן אין פּראָ־
לעטאַרישן לאַנד און בעמיילע אין דער דינאַ־
מיק פֿון די גרעסטע וועלט־געשעענישן. איינע
פֿון די דערשײַנונגען, וואָס קאָנען דאָ דינען
פֿאַר אַן אילוסטראַציע, איז אָן סאָפֿעק נאָטע
לוריעס „דער סטעפּ רופֿט".

2

נאָטע לוריע שילדערט דעם אָנהייב פֿון דער
קאָלעקטיוויזאַציע אין אַ ייִדיש דאָרף, וואָס גע־
פֿינט זיך אין די ערטער פֿון דער עלטערער
פֿאַרמילכאָמעדיקער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. אײַ־
ניינעם מיטן יונג־קרעפֿטיקן מיטלפֿויער שעפּטל
קאָבילעץ (אַ באָכער, וואָס האַלט אויס אַן
אַלטע מאַמע), טאַקע אָף שעפּטלס געקאָוועט־
טראַסקענדיקן וואָגן און אָף זײַנע „פּאָר בולאַנע"
פֿערד, „טראַסקעט" איר אַרויס פֿון דער אַרומי־
קער געגנט און יאָגט אין דער ריכטונג פֿון ייִ־
דישן כוטער בוריאַנאָווקע, ווו שעפּטל וווינט.
איר טראָגט זיך „מיט אַ גערדיכטן פֿאַרנאַכטיקן
שטויב באַרג־אַראָפּ צו דער הרעבליע. אין דער
זײַט, איבער דעם שטאַרק צעגרינטן באַשטאַן,
וואָס שפּרייט זיך ביז די הולײַפּאָליער מאַהיל־
קעס, האָט זיך שוין גענומען אַראָפּלאָזן די צע־

פֿאַליעטע זון און זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן אין אַ
בלוטיקער שקיִע".

שעפּטלען דערקאָנט איר באַלד גרינטלעך,
דורך און דורך — פֿאַשעט דורך זײַן באַציִונג
צום פֿרעמדן גרויסן באַשטאַן, וואָס „וויגט זיך
שטיל, אָטעמט און רוישט מיט די שפּיציקע קו־
קורוזע־בלעטער, מיט די געלבלעך־פֿאַנאַנדער־
געבליטע זונען־רויזן" און קער אָף צולאָכעס ניט
צו אים — שעפּטלען: „סע גייט זיי, די נאַזאַרע־
וויטשער, סאָראַ סאָלנעטשניקעס זײַנען באַ זיי
אויסגעוואָקסן! וויאָ!.. אַ פֿאַהיבעל אָף זיי, דער
רועך נעמט זיי גאָרניט..." און ווײַטער: „אַ כאַ־
ראָבע אָף זיי! וואָס טויג דאָס מיר?.. אַז עס איז
סײַוויסײַ ניט מײַנס..."

ט'האָט איר שעפּטלען און מער ווי שעפּט־
לען — אָט איז זײַן גאַנצער אונטערבאַלעגופֿי־
שער שיכט אָן אונטערשייד פֿון גלויבן און נאַ־
ציע — איבערן קליינעם ביסל אייגנס, וואָס
קערט בלויז צו אים אַליין, איז ער נאָך,
אָדער „שוין", גאָר קיין מענטש ניט — אַן אינ־
פֿוזאָריע, וואָס האָט בלויז צוויי פֿונקציעס אין
לעבן: פֿאַרכאַפּן צו זיך וואָס מער שפּײַז (אין
געגעבענעם פֿאַל — אַרײַנפּאַקן וואָס מער זעטי־
קײַט צו זיך אין שײַער, אין כאַטע). זיך מערן,
פּראָפּעגירן. די איבעריקע מענטשן, די אַרומיקע
וועלט — „אַ פֿאַהיבעל אָף איר! וואָס טויג דאָס
מיר? אַז עס איז סײַוויסײַ ניט מײַנס"...

אָט זײַנען מיליאָנען, וועמען די סאָוועטנ־
מאַכט ציט אַרײַן אין די קאָלווירטן, קעדיי צו
באַהעפֿטן זיי מיט אידעאַלן פֿון אַ נײַער סאָציאַ־
ליסטישער וועלט. די אינפֿוזאָריע וויל ניט ווערן
אויס אינפֿוזאָריע — אָך, ווי זי וויל ניט! זי האָט
אַ האַרטן פּרימיטיוו־יעכידישן רוקנביין, און
בייגן אים איז ניט לײַכטער, ווי בייגן שטאָל.
„סע" האָט אַ שטיק ערד, אַ כאַטע, מיט אַ שײַ־
ער, אַ שטיקל אינווענטאַר, אַ פּאָר געזונטע
„בולאַנע פֿערד", נאָר „עס" איז פֿול מיט גלוס־
טעניש צו נאָך. קעדיי דאָס צו דערגרייכן, מוז
„עס" האָבן, אַז אָף „דעם" זאָלן אַרבעטן פֿרעמ־
דע, ווי ווײַט מעגלעך אומזיסטיקע הענט. וואָ־
רעם „וואָס איז פֿאַראַן צו ריידן?" — אַזוי טײַ־
נעט שעפּטל צו זײַן קראַנקער מאַמען, וואָס
„קוקט אָף אים מיט די קרומלעכע ליפּן": „איי־
נינקער אַליין קאָן מען אַפּן סטעפּ ניט ספּראַווען
זיך. דער סטעפּ האָט האַלט האַרוואַניע, די
ערד דאַרף הענט, און — האַדיע..."

דאָס יאָגט ער טאַקע מיט זײַנע „פּאָר בולאַ־
נע" צוריק פֿונעם ייִדישן כוטער, ווו ער האָט
אומזיסט געהאָפֿט קריגן „הענט" און פֿונוואַנען
ער שמײַסט איצט צוריק אהיים אָן אופֿגעקאָכ־
טער דערפֿון, וואָס הענט — אַזוינע, וואָס זאָלן
אָף אָן אַנדערן אַרבעטן, איז איצט, בײַ די נײַע
פֿאַראָרדענונגען אין לאַנד, שוין גאָרניט אַזוי
לײַכט צו קריגן. „אין אַזאַ היץ אומזיסט גע־
טריבן די פֿערד אָף די כוטאָרעס, און זיי ווילן
ניט גיין, אַ פֿאַהיבעל אָף זיי! אין די קאָלעק־
טיוון קריכן זיי, די פֿויליאַקעס"...

אין דער קינסטלערישער פֿאַרב, מיט וועל־
כער נאָטע לוריע שילדערט שעפּטלס טראָגן זיך

מיט א פאַרנאַכטיקן שטויב צו דער הרעבליע,
פילט זיך דאָס טראָגן זיך פון א גאַנצן שיכט,
דער גאַנצער ווילדער אימפּעט, מיט וועלכן אַזאַ
שיכט וויל אַרײַניאָגן אין באַלעגופּנטום. באַם
דערבײַיִקן טײַכל שטעלט זיך שעפּטל אַנטרינ־
קען די פערד. „אַף יענער זײַט טײַכל איבערן
אָטשערעט גיסט זיך פאַנאַנדער די שקיִע, א
פײַערדיק־רויטע". ניט ווײַט פונעם אָטשערעט
שטייט אַן אומבאַקאַנטע פרעמדע מויד און
שווענקט א קאָפּטע. אַהין קוקט איצט שעפּטלס
„קײַלעכיקע, א ביסל אַרומגעוואַקסענע מאָר־
דע": א שטאַרקע מויד... צי קאָנען זיי ניט טאַ־
קע באַלד ווערן זײַנע — דער שטאַרקער מוידס
הענט? „די מויד איז ביז אין די קני געשטאַנען
אין וואַסער, העכער די קנעכלעך, אַרויף צו די
פולע און אַלץ גראָבערע מיידלשע פיס, איז
איר גרין קליידל געווען פאַרהויבן און פאַר־
שטעקט באַ די הויכע רונדע לענדן. זי האָט גע־
פּאַטשט מיט דער נאַסער קאָפּטע איבערן וואַ־
רעמען וואַסער, פאַנאַנדערגעפּליושקעט דעם
סטאַוואָק און פאַנאַנדערגעטריבן רויטלעכע
כוואַליעס צו דער הרעבליע". פאַר שעפּטלען —
נאָך א באָכער — איז דאָס ניט קיין כיסאָרן.
פאַרקערט, גאָר א מעציִע: אַז א פּאָר הענט,
וואָס זאָלן אַף אים אַרבעטן, אַז א ווײַב — ער
דאַרף האָבן ביידע זאַכן. צוגעשפּאַרט „מיטן
נידעריקן גראָבלעכן קערפּער אין דעם וואָגן,
קוקנדיק פונוויַיטנס אַף דער מויד מיט פאַר־
זשמורעטע אויגן", מיט „נאָזלעכער, וואָס הייבן
אַזש אָן אונטערציטערן", „מיט א פּאַטלע
שוואַרצע האָר, וואָס וויגט זיך באַ אים אַפן
שמאָלן שטערן", באַטראַכט ער זי, ווי זי שטייט
אין וואַסער — „א הויכע, מיט צעשפּרייטע
האַלב־נאַקעטע פיס, מיט ברייטע רונדע לענדן".
איטלעכס מאָל, וואָס יענע „האָט זיך צום וואַ־
סער אָנגעבויגן און עס האָבן זיך אָנגעגאָסן
אירע בריסט", האָט שעפּטל אַרײַנגערוקט די
האַנט אין זײַן האָריקן בוזעם אַרײַן, זיך גע־
געבן א קראַץ: „אָט א טעלעצע! א קײַלעכדי־
קער סאָלנעטשניק".

די מויד, פון איר זײַט, גלײַכט זיך אויס אונ־
טער דער שײַן פונעם זון־אונטערגאַנג, שטעלט
צו א האַנט צום בלאָנדן קאָפּ און קוקט זיך אײַן
פון איבערן קליינעם טײַכל אין שעפּטלען. צי
איז דאָס אַלץ ניט א וואַריִאַנט פון אַלט־באַ־
קאַנטע „אידיליעס"? צי הייבט עס ניט אָן א ביסל
דערמאָנען אָנעם „העלד" פון דער „יאַטישער
טאָכטער"? ניין, עפּעס צופיל אימפּעט, צופיל
טראַסק און יאָגעניש, שוין אַפן ערשטן זײַטל.
בלויז דער נאַיִווסטער לייענער וועט דאָ עפּ־
שער אין סאַמע אָנהייב מאַכן דעם זעלבן טאָ־
עס, וועלכן דער אונטערבאַלעגוף שעפּטל האָט
אין דער מויד, וואָס שווענקט איר קאָפּטל באַם
טײַכל, א מויד, פון וועלכער ער קאָן האָבן
בלויז צאָרעס — זי איז די טראַקטאָריסטקע פו־
נעם נאָענטן קאָוואַלעווסקער קאָלווירט עלקע
רודנער, א יונגע פּאַרטייערן, געשיקט פונעם
פּאַרטיי־קאָמיטעט אַהער אין ייִדישן דאָרף אַף
צו פּראָפּאַגאַנדירן דאָ די אידיי פון קאָלעקטי־
וויזאַציע, אַף צו אָרגאַניזירן דאָ צווישן דער
ייִדישער דאָרפישער אָרעמשאַפט דעם ערשטן
קאָלעקטיוו. עס וועט איר דאָ אויסקומען צו אַר־
בעטן אַף א ווילדן, נאָך קיינמאָל ניט אויפגעאַ־
קערטן באָדן. זי איז א טיילעכל פון יענער
קראַפט, וואָס דערטראָגט די פּאָלגן פונעם אָק־
טיאַבער צום סאַמע פאַרוואָרפנסטן און אָפּגע־
שטאַנענסטן ווינקעלע אין לאַנד, און איז פאַר־
זענלעך מיט לײַב און לעבן אָרגאַניש אײַנגע־
גלידערט אין אָט דער קראַפט. דער אונטערבאַ־
לעגופישער שיכט אונטערן נאָמען „שעפּטל"
דאַרף, אַז עלקעס געזונטע הענט זאָלן אַרבעטן
אַף אים און אַף זײַן באַלעבאַטישקײַט. די
קראַפט, וואָס איר טיילעכל הייסט „עלקע",
דאַרף און מוז אויסראָטן מיטן וואָרצל די מעג־
לעכקײַט פון אַרײַנוואַקסן אין באַלעגופּנטום
און פון צעשפּליטערן אַף ברעקלעך די לאַנד־
ווירטשאַפט, דאָס הייסט: זי מוז אַרײַנציִען אַזוי־
נע ווי שעפּטל מיט זייערע „געזונטע פּאָר בו־
לאַנע פערד" אין קאָלעקטיוו — און באַלד
וויקלט זיך פאַנאַנדער דער גרויסער אַנטשיידע־
נער געראַנגל פון אָרגאַניזירטער קראַפט, פון
איין זײַט, און ווילד־סטיכישער, פון דער צווייַ־
טער זײַט, א געראַנגל, וואָס זײַן קירצסטע אויס־
שעפּנדיקע פאָרמולע איז: „באַקעמפן דאָס באַ־
לעגופּנטום אַלס קלאַס אַפן באָדן פון דורכוי־
סיקער קאָלעקטיוויזאַציע". דאָס דאָרף מיט די
אַרומיקע דערפער און כוטאָרס ווערט פאַר־
וואַנדלט אין א ביזן גרונט צערודערטער מילכאָ־
מע־אַרענע. דער קאַמף איז פול מיט דער גרע־
סטער דינאַמישער אָנלאָדונג. די דינאַמיק ווערט
פאַרפילפאַכט אַפן כעזשבן פון צײַט־קורצ־
קײַט, — ניין, אַף אידיליעס איז דאָ ניט שײַעך
צו וואַרטן.

3

אַז מע לייענט איבער דאָס ביכל „דער סטעפּ
רופט" און מע לייגט עס נאָכדעם אַוועק אַפן
טיש, דוכט זיך אויס:

דאָס ביכל וועט ניט אײַנליגן — סע וועט אונ־
טערשפּרינגען, ווי קוועקזילבער, אַף אַזויפיל
קרעפּטיק־באַוועגלעך זײַנען די לעבעדיקע
שטראָמען, וואָס לוריען האָט זיך אײַנגעגעבן
אין ביכל אײַנצוראַמען. מיט דעם איז דער שרײַ־
בער נאָטע לוריע פּראָלעטאַריש־נײַ.

אַף 207 זײַטן זײַנען פאַראַן אַזויפיל און אַזוי־
פיל שורעס, אַזויפיל און אַזויפיל ווערטער. די
גרויסע אומצאָליקע געראַנגל־געשעענישן, וואָס
האָבן אָנגעפילט און פילן אָן דעם העלדישן קאָ־
לעקטיוויזאַציע־פּראָצעס, קאָנען דאָ געגעבן
ווערן אָדער עפּיזאָדמעסיק, אָדער אין שפּרינ־
גענדיקן קאַליידאָסקאָפּישן געהיפער, ווי ניט
קיין גרויסע בעריעס — קינאָ־רעזשיסערן טוען
אין פילמען. אין ערשטן פאַל וואָלטן די באַזונ־
דערע עפּיזאָדן פאַרשטעלט פונעם אויג דעם
גרויסן אַלגעמיינעם קאָלעקטיוויזאַציע־פּלאַצ־

דאַרם. אין צווייטן פאַל וואָלט דאָ שטאַרק אַרויסגעשטעקט יענע צופּיל־געקניפּטע ראַציאָ, וואָס איז בעקויעך פאַרצושטעלן דאָס סאַמע עמעסע ווירקלעכע לעבן ווי א „קינסטלערישן״ ליגן, אין בעסטן פאַל ווי א צווייפלהאַפטיקע סכעמע.

וויאַזוי זשע איז דעם אויטאָר געלונגען אַי אַרויסצובערענגען קינסטלעריש די געשעענישן, אַי ניט צו פאַרשטעלן מיט זיי פונעם אויג די גאַנצע גרייס פונעם פּלאַצדאַרם?

ווער איז די טראַקטאָריסטקע עלקע, דעם באַנדערס טאָכטער, וואָס איז אַראָפּגעקומען אָר־גאַניזירן דעם קאָלווירט און וואָס דער אַרטי־קער דאַרפישער באַלעגוף טראַכט אָף איר אויס, אַז זי איז געקומען צונעמען בא די אַרטיקע ווײַבער די מענער? זי איז דיר ניט קיין „נאַרא״ און ניט קיין „האַמלעטיקל״. ניט די אַלגעמיינע, ניט די ייִדישע פּאַרסאָוועטישע ליטעראַטור האָט זיך ווען־ניט־איז באַשעפטיקט מיט דער־ציילן וועגן אירע קינדער־יאָרן, וועגן איר יוגנט און וועגן איר צײַטיקײַט, פּונקט ווי זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט באַשעפטיקט מיט באַ־קאַנט מאַכן דעם לייענער מיטן פאַרזיצער פון „אַרעמקאַם״ כאַנצין, מיטן ייִדישן באַטראַק קאַפּלדינער, און דעסגלײַכן.

וויאַזוי זשע האָט דער אויטאָר באַזיגט אָט די אַלע שוועריקײַטן? — ער שילדערט דאָך בלויז דעם ערשטן קאָלעקטיוויזאַציע־פּעריאָד און בלויז די געשעענישן אין איינעם א דאָרף — וויאַזוי זשע דערגרייכן דאָ די שײַן־וואָרפערס צו דער אומגעהייער גרויסער קאָלעקטיוויזאַ־ציע־אַרענע?

איך וויל מיט דעם אונטערשטרײַכן, אַז סײַ די אַרכיטעקטאָניק, סײַ די געשטאַלטונג פון די טיפּן אָף די 207 זײַטן „דער סטעפּ רופט״ — צוויי גרונט־עלעמענטן, אָף וועלכע עס הינקט זייער די פּראָזע פון פיל שרײַבער — די דאָזיקע צוויי גרונט־עלעמענטן זײַנען בא נאָטע לוריען אָרגאַניש צונויפגעגאָסן מיט דער דינאַמיק פון די געשעענישן, און זײַנען אים ביידע ביז גאָר געלונגען טאַקע דערפאַר, וואָס זײַן אויג איז טאָמיד אָפן פאַר זייער אינעווייניקסטער דיאַ־לעקטישער פאַרבינדונג, דערפאַר, וואָס ער הערט אָף קיין רעגע ניט אויף צו זען און צו דערווײַזן, וויאַזוי די געשטאַלטונג באַקומט זיך אַרויס פון דער דינאַמיק און וויאַזוי די דינאַ־מיק באַקומט זיך אַרויס פון דער געשטאַלטונג. דערפאַר איז דעם שרײַבער געלונגען קינסטלע־ריש צו באַהערשן אָף 207 זײַטן דעם גרויסן מאַטעריאַל, ווײַל אין זײַנע שילדערונגען איז, ווי אין לעבן, פאַראַן די קעגנזײַטיקע ווירקונג פון אינהאַלט אָף פאָרם און פון פאָרם אָף אינ־האַלט. קעדיי דאָס צו דערגרייכן, מוז מען ניט בלויז אָרנטלעך און ניט געפעלשט קענען די געשעענישן, נאָר אויך זײַן אידעאָלאָגיש ענג פאַרבונדן מיט זייער רעוואָליוציאָנער פּראָ־גרעסיוון טייל, וואָרעם די ריכטיקע באַ־לויכטונג פון געזעלשאַפטלעכע געשעענישן מוז זײַן געבויט אָף זייער ניט איבערגעריסע־נער פאַרבינדונג, און די ניט איבערגעריי־סענע פאַרבינדונג פון געזעלשאַפטלעכע גע־שעענישן אין לעבן פירט אין אַלגעמיינעם סאַ־כאַקל דורך רעוואָליוציע צו פּראָגרעס. קעדיי צו געבן די טיפּן אין זייער ריכטיקער, ניט גע־פעלשטער געשטאַלטונג, איז וויניק צו קענען די טיפּן אין לעבן — מע מוז נאָך דערצו דער־קענען דעם גאַנצן סאָציאַלן שיכט, וואָס האָט זיי געבוירן, זײַן אימשטאַנד אופּצונעמען די מאַטעריעלע פאַקטאָרן, וואָס אַדאַנק זיי האָבן זיך די טיפּן באַקומען אַזוינע און ניט קיין אַנ־דערע, — און אַזוי קען זײַנע טיפּן נאָטע לוריע.

4

די „לעבנס־פילאָסאָפיעס״ באַם באַציל פון קאַפּיטאַליזם, זײַנע „עמעסן״ זײַנען ביז גאָר באַגרענעצט, ווי די טענער פון אַן אײַנגעגעסן־פּרימיטיוון ניגון:

„ווער ס'האָט ניט קיין פאַרמעגן, איז א פּוי־ליאַק״ (ער מעג האָבן אָפּגעאַרבעט זײַן גאַנץ לעבן טאַקע אָף אים, דעם באַציל).

„אַלע זײַנען גאַנאָווים״ (אַלץ, וואָס דער באַ־ציל פאַרמאָגט, מעג באַשטיין פון גנייווע).

„אַלץ, וואָס מע פאַרמאָגט, איז געשמאַק און האָט א ווערט נאָר דענסטמאָל, ווען מע האָט עס פאַר זיך אַליין באַזונדער״.

דערויף איז באַזירט די געשטאַלטונג פון פיל טיפּן אין נאָטע לוריעס „דער סטעפּ רופט״. טאַ־קע דערפאַר געלינגט אים אַזוי לײַכט זיי צו געשטאַלטן, ווײַל זייערע סאַמע כאַראַקטעריס־טישע שטריכן באַקומט ער ניט נאָר מיט דער הילף פון זייער פּערזענלעכן אַרט דענקען, נאָר — דעריקער — דורך דעם „געדאַנקענגאַנג״ פון זייער גאַנצן סאָציאַלן שיכט.

אַזוי „דענקען״ בא נאָטע לוריען די באַלעגו־פים יאַנקעוו אַקסמאַן מיט סימכע בערעזינען און די אונטערבאַלעגופים שעפּטל קאַבילעץ און יודל פּיסקון:

„קיינמאָל האָט שעפּטל קאַבילעץ אַזוי ניט האַנאָע געהאַט, ווי דענסטמאָל, ווען ער האָט דערהערט, אַז בא עמעצן האָט א פערד זיך אָוועקגעלייגט, אָדער א סקאָטינע האָט א פּוס איבערגעבראָכן, אַז בא עמעצן אין כוטאָר איז די טוווע ניט אויפגעגאַנגען, אָדער פאַרברענט געוואָרן, — דעמלט האָט ער דערפילט, אַז אים איז עפּעס צוגעקומען, ער איז רײַכער גע־וואָרן...״ („דער סטעפּ רופט״, זײַט 76).

באַלד וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז די דערמאָנ־טע „האַנאָע״ און „געפילן״ זײַנען, ערשטנס, ניט „סטאַם אַזוי זיך״ — דעם אויטאָרס טענדענץ אָדער קאַפּריז; צווייטנס, אַז זיי קערן זיך אָן שעפּטלס גאַנצן שיכט. אָט איז שעפּטל איינער אַליין, בייס ער ליגט באַנאַכט מיטן בויך אָף דער ערד און פּאַשעט זײַן קאַלב. „ער וויקלט זיך אײַן טיפער אין בורקע, און פון דער ערד ציט א פײַכטע וואָרעמקײַט, דער ווינט רוישט עטוואָס האַרבסטיק איבער די זאַנגען, און אים

איז דאָ ווארעם, ארום איז שטיל". און אָט ני־
דערן דאָרט אַף אים אראָפּ די אייגנשאפטן פון
זײַן גאנצן בענקענדיקן אונטערבאלעגופישן
שיכט: „מיט עלקען (אזוי טראכט שעפטל, פּאַ־
שענדיק באנאכט זײַן קאלב) וואָלט געווען א
מאראָכע אין הויף — זי וואָלט געמאָלקן זײַנע
בעהיימעס און אים געשלאָגן פּוטער. וויפל
מאסלינקע ווערט עס אזוי פארפאלן בא אים"...

אָט זײַנען זיי, די ניט־איבערגעריסענע פאר־
בינדונגען סײַ צווישן געפיל און נוצן, סײַ
צווישן דעם איינצלנעם און זײַן שיכט. ניט־
איבערגעריסענע פארבינדונגען, וואָס נאָר זיי
קאָנען פירן צו ניט־געפעלשטער קינסטלערי־
שער געשטאלטונג פון טיפּן. שעפטל האָט האַ־
נאָע, ווען בא זײַן דאָרפישן שאָכן טרעפט אן
אומגליק, ווײַל ער פילט אינסטינקטיוו, אז אים
ווערט — דערפון „עפּעס צוקומען" — ווען באם
שאָכן וועלן פארברענט ווערן די טוווּעס, וועלן
פאר אים, שעפּטלען, באפרײַט ווערן דעם
שאָכנס הענט — ער וועט דאן די דאָזיקע הענט
ארײַנקריגן, „זיי זאָלן אים מעלקן זײַנע בעהיי־
מעס" און „אים שלאָגן פּוטער".

„וואָס קאָן אים זײַן בעסער, שעפּטלען, ווי
איינער אליין ליגן באנאכט אין סטעפּ, פּאשען
זײַן קאלב און הערן, ווי עס זשוזשען די בלויע
נאכט־פליגן, ווי עס קוואקען ערגעץ דאָרט אײַ־
נעם סטאוואָק די פרעש"... דאָס איז אלץ ערשט,
אזוי צו זאָגן, דעם אונטערבאלעגופס „קאָשע־
רער" וועג אין לעבן. פאראן אָבער גאָר אנדע־
רע, מער ווײַט־גייענדיקע „מיטלען", מיט וועל־
כע ער קעמפט פאר אָט דעם „קאָשערן" וועג
זײַנעם:

יודל פּיסקון קויפט סיסטעמאטיש טײַערע
פערד, סעקורירט זיי בא דער מעלוכע, בײַט זיי
גלײַך אויס אַף ביליקע, פארשפּארט זיי בא זיך
אין שאָפע און לאָזט זיי הונגערן אזוי לאנג,
ביז זיי פּייגערן אוועק, דענסטמאָל נעמט ער אָפּ
די סעקוראציע בא דער מעלוכע און קויפט ווי־
דער נײַע פערד אַף צו טאָן מיט זיי דאָס איי־
גענע. מיר טרעפן צו אים אין שאָפע, בייס איי־
נע אזא שקאפע, וואָס ליגט שוין דאָרט עטלע־
כע טעג א פארשמאכטע, וויל ניט פּייגערן, און
ער העלפט זיך אויס דורך שלאָגן די שקאפע
מיט א דרענגל אַף אומבאמערקטע ערטער.

„כ'האָב זיי אלעמען אין כוטאָר געהאָדע־
וועט, — קלאָגט זיך דער באלעגוף יאנקעוו
אָקסמאן, — זיי האָבן געפרעסן מײַן ברויט, מײַן
ברויט..." קימאט אלע אָרעם־פּויערים אין כו־
טאָר — יענע, וואָס עלקע ציט זיי ארײַן אין קאָ־
לעקטיוו, — האָבן אַף אָקסמאנען געהאָרעוועט
פאר נישטיקן לוין, פאר קליינע „טויוועלעך",
אים געשאפן זײַן פארמעגן, נאָר אָקסמאנען איז
קלאָר ווי דער טאָג: „זיי האָבן אומזיסט גע־
פרעסן זײַן ברויט", וואָרן אזוי דענקט אין אים
זײַן גאנצער שיכט:

— „אלע זײַנען גאנאָווים".

און וויבאלד אזוי, „מעג" ער „ארײַנלייגן אין
דער ערד" זײַן געוועזענעם באטראק כאָנצין —
דעם איצטיקן פּאָרזיצער פונעם „אָרעמקאָם",
און איינעם מיט פּיסקונען אָנשרײַבן אַף אים
א מעסירע אין פארטקאָם, אז ער, כאָנצי, האָט
באגאנוועט דעם געזעלשאפטלעכן אמבאר.

.

5

אפן שלאכטפעלד בא לוריען זײַנען ריכטיק,
אָן שום צוגעטראכטקײַט באזעצט אלע פּאָזי־
ציעס. דעם מיטלפּויערס אויגן — אָט צינדן זיך
אין זיי זונען, אָט יאָגן אין זיי שאָטנס. אים
לאָקן די פאנאנדערגעבונדענע צינגער אין „רויטן
ווינקל", אים צעדולן זײַן קאָפּ די באלעגו־
פים מיט זייערע שעפּטשערײַען „ווערסט האָבן,
וועט מען בא דיר צונעמען", מיט זייערע רע־
כילעס אַף עלקען, אפן פּאָרזיצער פונעם
„אָרעמקאָם" כאָנצין. דער מיטלפּויער הערט
ניט אוף צו מאכן טריט פאָרויס און צוריק —
ער וועט זײַן מיט יענעם, וואָס וועט זיגן. אין
פּראָצעס פון וויכער־געשעענישן אנטפּלעקט בא
לוריען דער באלעגוף אלץ מער און מער זײַן
נאקעט קלאסן־געשטאלט. אין הייסן קאמף פאלן
פון אים ארונטער אלערליי איבערגעבויען (נאד־
סטרויקי), עס פארלירט זיך זײַן נאציאָנאלער
קאָלאָריט. דער קאמף איז אַף אזויפיל הייס, אז
אין יידישן כוטאָר בלײַבט מער קיין פּלאץ ניט
פאר שאבאָסים און יידישע יאָמטויווים — נישטאָ
מער פון זיי אפילע קיין זייכער אין לוריעס
„דער סטעפּ רופט". אפן שעטעך פונעם גאנצן
שלאכטפעלד דערזעט לוריע אפילע קיין איין
מאָל ניט דאָס געשטאלט פונעם יידישן קליי־
קוידעש. און דאָ איז די פראגע, צי דער קליי־
קוידעש האָטווירקלעך דאָ אין קאמף קיין שום
אָנטייל ניט גענומען, אָדער שולדיק איז אין
דעם לוריעס אויג, וואָס האָט דעם קלייקוידעש
אַף דער אָרטיקער ארענע פארזען, פּונקט ווי
ער, לוריע, האָט פארזען קינסטלעריש צו באַ־
לויכטן אין סאָף פון בוך די אָרגאניזאציע פונעם
שאָס אַף עלקען און זיך בלויז באנוגנט מיט אן
אָנדײַטונג, אז „ווען זי (עלקע) איז ארויס פון
הויף, האָט זי, דאכט זיך, אקעגן דערזען יודל
פּיסקונען, נאָר ער איז באלד ניט געוואָרן".
נאָר דאָס זײַנען עפּשער די איינציקע קליינע
פעלערן אין גאנצן בוך — א בוך, וואָס זײַט באַ
זײַט מיט דער באלויכטונג פונעם דינאמישן
מעהוס און גראנדיעזע געשעענישן, לאָזט עס
ארײַנקוקן אין די מעטאָדן פון דער נײַער פּראָ־
לעטארישער פּראָזע־שאפונג.

6

אינעם פלאָנטער פון דעם דאָרפישן שיכטן־
געמיש, ווו פּרימיטיוו־אויסגעיבטע כיטרעקײַט
זאָגט אונטער דעם מיטעלן, ער זאָל אויסערלעך
אויסזען פּונקט ווי דער אָרעמער שאָכן, ער זאָל
פון די ארומיקע אויסבאהאלטן ניט בלויז זײַנע
סאָציאלע פּריווילעגיעס, נאָר אפילע דאָס בײַ־
טעלע מיט דער מאכאָרקע, וואָס ער רייכערט;
אין קאמף־געראנגל — אָט דעם פארפלאָנטערט־

איבערגעפלאָכטענעם קנויל פון קעפ און הענט און פיס, וואָס געהערן צום באַלעגוף, צום מיטלפויער, צום אונטערבאַלעגוף, צום אָרעמפויער, צום באַטראַק און צום אָראָפּגעשיקטן פּראָלעטאַריער־אָרגאַניזאַטאָר, — אין דעם אַלעם באַווײַזט נאָטע לוריע אָרדענונג, דיפערענצירטע געשטאַלטונג און דערגרייכט עס זייער לײַכט טאַקע דערפאַר, וואָס באַם שילדערן מענטשן איז זײַן קריטעריע: פריִער „סאָציִאַלער שיכט", נאָכדעם „פּערזאָן". מיט די סאָציִאַלע שיכטאייגנשאַפטן לייגט ער דעם גרונטשטיין פון א געשטאַלט און מיט צוויי־דרײַ שטריכן דערגרייכט ער נאָכדעם די איבערגעבויען (נאַדסטרויקי), וואָס בילדן די באַזונדערקײַט פונעם געשטאַלט, זײַנע יעכידישע „מעזשעס" (פּונקט קאַפּויר פון די בורזשואַזע און קלײנבירגערלעכע פּראָזאיִקער, וואָס לייגן אין גרונט די יעכידישקײַט פונעם טיפּ, זײַן באַזונדערקײַט, און זיי באַרירן גאָרניט אָדער באַרירן קוים דעם שיכטלעך־סאָציִאַלן פונדאַמענט). אָט ווי פּראָלעטאַרישער אויסגאַנגס־פּונקט ווירקט אַף פאַלגן אפילע אין ריין פאָרמעלן זין. דאָ אַנטפּלעקן זיך די מעטאָדן, וואָס הייבן אויף די פּראָלעטאַרישע פּראָזע־קונסט העכער פון דער בורזשואַזער. באַ נאָטע לוריען, ווי באַ אַנדערע טאַלאַנטפולע פּראָלעטאַרישע פּראָזאיִקער, זײַנען די טיפּן און די געשעענישן ניט בלויז קלאָר, נאָר ס'איז אויך קלאָר, פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַזוינע באַקומען.

* * *

פּראָזע־שרײַבער אין דער פאַרסאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור האָבן זיך ניט איין מאָל פאָרגענומען צו געבן אין זייערע ווערק די גרויסע שטאָט, זיך פאַרמאָסטן אַף צו פאַרכאַפּן וואָס מער שטעך, אַף צו שילדערן דאָס גרויסשטאָטישע, נאָר אין רעזולטאַט האָט זיך פון איין גרויסער שטאָט באַקומען דרײַ אָדער פיר קליינע שטעטלעך מיט א פאַרקליינשטעטלדיקטן לעבן.

דער פּראָלעטאַרישער שרײַבער נאָטע לוריע האָט זיך גענומען שילדערן די קאָלעקטיוויזאַציע אין א קליינעם ייִדישן כוטאָר, און אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען א פילשטראַלנדיקער סנאָפּ ליכט, א ווײַט־פאַלנדיקער פּראָזשעקטאָר אין דער טיף פון גרויסע וועלט־געשעענישן. די סיבעס פון אָט דעם רעזולטאַט ליגן, פאַרשטייט זיך, פריִער פאַר אַלץ, אין די פאָלגן פון פאַרווירקלעכטער לענינישער נאַצפּאָליטיק — א פּאָליטיק, וואָס בירגערט אײַן אַלע פעלקער ווי גלײַכבאַרעכטיקטע גלידער אינעם גרויסן לאַנד, ווו מע בויט סאָציִאַליזם. דערנאָך קומען די מעטאָדן פון נײַעם פּראָלעטאַרישן שאַפן — מעטאָדן, וואָס טראָגן מיט זיך די שטרעבונג אופצודעקן דעם קלאַסן־געראַנגל אומעטום, ווו ער זאָל ניט פאָרקומען און מיט וועלכע נאַציִאָנאַלע שלייערס ער זאָל זיך ניט פאַרדעקן, — זיי פירן און מוזן פירן צום גרויסן אַלגעמיין פּראָלעטאַרישן טראַקט.

* * *

אָט וואָס אונדז זאָגט נאָטע לוריעס „דער סטעפּ רופט":

אויב די בויונג פון טורקסיב, דניעפּערבוי, כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד, פון די דאָמנעס אין מאַגניטאָגאָרסק, קוזבאַס קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי די קראַפט פון פאַרבאַנדישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס וואַקסט ווערטיקאַל, איז די קאָלעקטיוויזאַציע די קראַפט פונעם זעלבן פּראָלעטאַריאַט, וואָס וואַקסט מיט ניט קיין קלענערע טעמפּן האָריזאָנטאַל, אין דער ברייט פונעם גרויסן לאַנד. ביידע זײַנען פול מיט העלדישקײַט, אין ביידע ריכטונגען גייט דער פאַרבאַנדישער פּראָלעטאַריאַט מיט ריזיקע טריט פאָרויס צו זײַן זיג — צום זיג פון סאָציִאַליזם, און זײַט באַ זײַט מיט אים גייט פאָרויס זײַן נײַע ליטעראַטור. די פאַרווירקלעכונג פונעם לאָזונג „דעריאָגן און אַריבעריאָגן", ווײַזט זיך אַרויס, איז ניט בלויז שײַעך זײַן אינדוסטריע, נאָר אויך זײַן קונסט.

ווי צום ערשטן מאָל אין לעבן

אין וועג

א פײַף פון באַן. א רויש פון שנעלע רעדער.
אין אויגן בלענדט דער גלאַנציקער אספאַלט.
און פעלדער טראָגן זיך פאַרבײַ, און סעדער,
און צו דער ערד די הייך א ווייכע פאַלט.

ווען איז געווען דער אָנהייב פונעם ווונדער,
וואָס אָנגערופן האָט מען פּאַשעט — וועג?
אָט וויגט ער מיך, אָט וואַרפט ער פּלוצעם אונטער
און טראָגט אַף זײַנע אַקסל מיך אוועק.

מעהאַלעכן אַזויפיל אויסגעמאָסטן,
געאַקערט האָב איך זייער ברייט און לענג, —
און ווען דער ווינט אין פּלייצע מײַנער בלאָזט ניט,
פעלט אויס מיר אָטעם און עס ווערט מיר ענג.

ניט האַלט מיך אָפּ — ס'איז ווייניק צײַט געבליבן,
און קיין בילעט באַ מיר אומזיסט ניט פרעג:
כ'בין צו דער וויַט אַף אייביק צוגעשריבן —
אין וועג!
אין וועג!
און נאָכאַמאָל — אין וועג!

הימל און ערד

צוגן האָבן זייער רייעך אויך:
סאַפּענדיק פּאַרטויבט אין ווײַטע רייסן,
האָבן זיי געהוסט מיט קנוילן רויך,
אָפּגייענדיק מיט א שוויס א הייסן.

פונקט אַזוי די פערד האָבן געשמעקט,
ווען זיי האָבן, אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן,
מיך אַמאָל אַף ניט־ברוקירטן וועג
צום וואָקזאַל פון שטעטעלע געטראָגן.

אָט דער שוויס מיר כאַלעמט זיך ביז איצט —
פון אַרויספאָר אין דער וועלט אַן אָנדענק,
אין מײַן מויעך האָט ער זיך פאַרקריצט,
ווי א שטיק פון יונגן מײַן מאַיאָנטעק.

כ'הער: די לייצעס עמעץ טוט א צוק,
ס'קנאַלט א בײַטש צוזאַמען מיט א קלאַלע...
דוכט מיר: ווינטן שמײַסן אויך דעם צוג,
פונקט ווי יענע פערד — דער באַלעגאָלע.

נאָענט טוט אָט יענער רויך א שטויס,
און ביז ווייטעק גיט א קלעם באַם האַרצן:
— נו, כעוורײַע, פעקלט זיך אַרויס,
זײַט געזונט און גריסט דעם יאַם שוואַרצן!

ס'איז מעשונע, כ'ווייס, און ניט באַקלערט,
ווען אין רוימען ספּוטניקעס זיך טראָגן,
גאָר דערמאָנען, ווי עס שלעפּן פערד
ערגעץ דאָרט א סקריפּענדיקן וואָגן.

נאָר איך שווער: ער האָט אַזויפיל קראַפט,
אַז דער רייעך פון אַרויספּאַר יענעם,
אַז אַפילע אויך דער קאָסמאָנאַווט
צווישן שטערן ניט פאַרגעסן קען אים.

יעדעס מאָל, ווען ער אַהיים זיך קערט,
איז עס, ווי צום ערשטן מאָל אין לעבן:
— אָ, ווי פּרעכטיק פילן איז די ערד,
וועלכע האָט די גוורע דיר געגעבן!

שטילקייט

ניט יעדע שטילקייט אינדערעמעסן איז שטיל.
עס טרעפט — זי נעמט פון אַלע זינען לויערן,
און דעמלט איז בא דיר אַזאַ געפיל,
אַז דורכלעכערן באַלד זי וועט די אויערן.

דו זוכסט אַ סגולע: עפּשער וועט דיר פּאַרט
פון איר פאַרפּאַלגונג אײַנגעבן זיך ראַטעווען, —
די שטילקייט וויל ניט אָפּטרעטן דאָס אָרט,
פון יעדן ווינקל וועט זי לאַנג נאָך טשאַטעווען.

דו לויפסט פון איר, ווי פון אַ בייזער פּלאָג,
און בעטסט, ס'זאָל רוישן, הילכן, קנאַקן, האַמערן —
אַבי דו זאָלסט ניט פילן איר געיאָג,
וואָס וויל דײַן וועלט אין שטומקייטן פאַרקלאַמערן.

אין מענטשן־יאַם

נו, שטעלט זיך אָפּ!
נו, שטעלט זיך אָפּ
בלויז אויף איין אויגנבליק, איך בעט אײַך!
...נאָר ס'טראָגט דער שטראָם זיך — קאָפּ אויף קאָפּ,
אין ווירבל אײַלנדיקן קלעטערט.

און ס'טופּען פיס, און ס'הילכן טריט:
אַהין — אַהער — צוריק — אַנטקעגן,
און וויפל ס'איז פאַרכאַפּט, זיך ציט
אַ מענטשן־יאַם, וואָס האָט קיין ברעגן.

אָט דו!
אָט איר!
אָט זיי! —

וווהין
אײַך טראָגט?
...צו וועמען כ'זאָל זיך קערן,
האָט פרעגן פּאַסט ניט קיין זין:
כאָטש שרײַ — וועט קיינער דיך ניט הערן.

כ'ווער אויך אַ כוואַליע אינעם יאַם,
עס נעמט מיך טראָגן מיטן וויכער,
איך אײַל, איך אײַל, און גאָר ניט סטאַם
אַזוי זיך:
גיכער!
גיכער!
גיכער!

ס'טוט מיר גאָרנישט ניט באַנק

ניט געפרעגט, צי אַזוי מע מעג,
ניט געשוויגן און ניט געשריגן...
אויב דו מיינסט, אַז דו ביסט אַוועק,
איז עס פּאַסעט אַ גרויסער ליגן.

ס'טוט מיר גאָרנישט ניט באַנק —
ניט די פּײַן, ניט די לײַדן,
וואָס דער גורל פון לאַנג

האָט אונדז צוגעטיילט ביידן, —
ס'טוט מיר גאָרנישט ניט באַנק,
ס'טוט מיר גאָרנישט ניט באַנק!

ניט צוזאַמען, און ניט צעשיידט,
אָן אַ זײַ־געזונט, אָן אַ גוטמאָרגן, —
ווען די זון שטילערהייט פאַרגייט,
דאַרף זי אופשטיין דאָך ווידער מאָרגן!

ווי זשע איז עס, דאָס זיסע גליק —
ערגעץ ווײַט, צי אָט דאָ, דערנעבן?
ס'איז, אפּאָנעם, ניט פראָסט צוריק
איינס דעם אנדערן אלץ פאַרגעבן...

אָט די בריקן, וואָס איך פאַרברען,
וועלן אייביק צו דיר מיך פירן, —

נאָר פאַרוואָס איז באַשערט געווען
דיך געפינען און דיך פאַרלירן?
ס'טוט מיר גאָרנישט ניט באַנק —
ניט די פּײַן, ניט די ליידן,
וואָס דער גורל פון לאַנג
האָט אונדז צוגעטיילטביידן...

א פאָלקס-מאָטיוו

דרײַ טיולפּאַנען האָט ער איר געבראַכט —
האָבן זיי געשמעקט א גאַנצע נאַכט.

בלעטלעך אויף די שטענגלעך — שטיקער פלאַם:
פּונקט ווי אירע ליפּן, מאַלע-טאַם.

וויפל פריש איז בלומען זײַן באַשערט —
האָט איר ליבע זיך מיט זיי גענערט.

ווען די ערשטע בלום האָט אָפּגעדאַרט,
האָט ער איר געזאָגט: „ס'איז לאַנג די נאַכט!"

ווען די צווייטע איז געבליבן פּוסט,
האָט ער איר געזאָגט: „צו קאַלט דו קושסט!"
ווען די דריטע איז געבליבן הויל,
האָט קיין וואָרט אַרויסגעבראַכט זײַן מויל...

דרײַ טיולפּאַנען האָט ער איר געבראַכט —
איצטער האָט א בעזעם זיי פאַרשאַרט...

טויעלער

טויעלער בלישטשען אויף גרעזל אויף גרינעם,
קײַקלען זיך איבער דעם שטענגעלע דינעם,
מינען זיך, פינקלען מיט טויזנטער פאַרבן:
— מיר ווילן ניט שטאַרבן!
— מיר ווילן ניט שטאַרבן!

מיינען די שטראַלן, אז קאַלט איז די טראָפּנס —
שטעלן אַרונטער די הענט זיי צוקאָפּנס,
נעמען זיי גלעטן, און צערטלען, און אַרעמען:
— מירן אײַך וואַרעמען!
— מירן אײַך וואַרעמען!

וויגן די שטראלן די טויעלעך, וויגן —
גוט איז אין העגט אין די ווארעמע ליגן,
לעשן די אייגעלעך — טראָפּן נאָך טראָפּן:
— מיר ווערן אנשלאָפן!
— מיר ווערן אנשלאָפן!

כאַפּט זיך דאָס גרעזל אין שפּעטן באַגינען,
זוכט זײַנע טויעלעך — קאָן ניט געפינען,
האָט עס צו צערטלעכע שטראלן א טײַנע:
— די טויעלעך מײַנע!
— די טויעלעך מײַנע!..

אן אייפּעלע

צי די נעסט געווען איז אויסגעבויט ניט פעסט,
צי דעם בוים צעשאָקלט האָט א בייזער ווינט, —
ס'איז אן אייפּעלע ארויסגעפאלן פון דער נעסט,
אן אייפּעלע, דער פויגל־מוטערס קינד.
אוי־ווײ!
אוי־ווײ!

ווען די פויגל־מוטער האָט אהיים זיך אומגעקערט —
אינעם מויל דעם קינד א ווערעמל געבראַכט,
איז עס שוין געלעגן אָף דער גרינער ערד
מיט די אייגעלעך די גרויינקע פארמאַכט.
אוי־ווײ!
אוי־ווײ!

האָבן פויגלען אינעם וואלד געדרוישט א גאַנצן טאָג,
ווי געוואָלט דאָס אייפּעלע נאָך אָפּשרײַען פון טויט, —
נאָר שוין גאָרנישט לינדערן האָט ניט געקאָנט די פּלאָג,
און די שקיעה איז אין בלוט פארגאנגען רויט.
אוי־ווײ!
אוי־ווײ!

עס נעמט שאַריען

דורך פאָרהענגלעך, וואָס האלטן צו די נאַכט,
זי זאָל מיך מיט איר כאַשכעס ניט פארציִען,
א מיזרעך־שטראל דעם אָנזאָג האָט געבראַכט:
עס נעמט שאַריען!

געקומען פּלוצעם — שטיל און אומדערווארט,
געשיקט פון ווײַטער זון צום טאָג צום פריִען —
א גאַנצע נאַכט אָט דאָ ער האָט געוואַכט:
עס נעמט שאַריען!

און מיטאַמאָל אין טאָגס בלוי־טיפער טראַכט
הייבט אָן מיט פלײַס די לויטערקײַט זיך מיִען,
און קיינער האָט שוין איבער איר קיין מאַכט:
עס נעמט שאַריען!

מענטשן—זייער צײַט און זייער גורל

קאָמוניסטן

אווראָם פּריבלודע

מיט לײַב און לעבן טרײַ דער רעוואָלוציע

ביז דער רעוואָליוציע — א פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער, נאָך דער פעוורואל־רעוואָליוציע — פאָרזיצער פון דער קראָנשטאַדטער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע, נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע — אן אָנגעזעענער פּארטייִשער מיליטערישער און ווירטשאפטלעכער טוער. ער האָט דורכגעמאכט א לאנג און רײַך רעוואָליוציאָנער לעבן, אויסגעוואקסן פון א שוסטער־געזעל אין א קליין שטעטל ביז צו א דיפּלאָמאטישן פאָרשטייער פונעם סאָוועטנפארבאנד אין פראנקרײַך.

געבוירן געוואָרן אין שטעטל מיקולין, מאָהיליאָווער גובערניע, אין א מישפּאָכע פון א שווארצארבעטער. צו עלף יאָר האָט אים דער פאָטער אָפּגעגעבן פאר א לערנייִנגל צו א שוסטער, ער זאָל האָבן א מעלאָכע אין די הענט. די שוסטער־געזעלן האָבן אים ארײַנגעצויגן אין דער ארבעטער־באוועגונג, און ער איז צו איר צוגעשטאנען מיטן גאנצן פלאַטער פון זײַן יונג האַרץ.

אריבערגעפאָרן קיין וויטעבסק, אָרגאניזירט באָריס ברעסלאוו אין יון 1901 א שטרײַק אף דער אָרטיקער טאבאק־פאבריק, און בעשאס א צוזאמענשטויס מיט די שטרײַקברעכער פארוווּנדעט ער איינעם א שטרײַקברעכער. די פּאָליציי ארעסטירט אים. ער ווערט פארשיקט קיין סיביר אף פינף יאָר. אָפּגעוועזן צוויי יאָר אין פארשיקונג, אנטלויפט ער, און זינט דעמלט פירט ער א לעבן פון א פּראָפעסיאָנעלן רעוואָליוציאָנער: ארבעט אין האָמעל און אין דווינסק, אָנהייבנדיק פונעם 1904 — אין פעטערבורג, ווו

באָריס ברעסלאוו

ער איז פּארטיי־אָרגאניזאטאָר אין וויבאָרגער און אין מאָסקווער ראיאָנען פון דער שטאָט, פירט א באָלשעוויסטישע אגיטאציע צווישן די ארבעטער, ווערט קאָאָפּטירט אינעם פּעטערבורגער קאָמיטעט פון דער רסדאפּ (ביזן 1903 איז

ברעסלאַוו געווען אַ מיטגליד פֿונעם „בונד“, און דאַן האָט ער אים פֿאַרלאָזט). ווידער ווערט ער אַרעסטירט און פֿאַרשיקט אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, אַנטלויפֿט פֿונעם וועג קיין דאָרעם־רוסלאַנד, און דאָ זעצט ער פֿאָר זײַן אַרבעט אין ניקאָלײַעוו און יעקאַטערינאָסלאַוו.

בעשאַס דער רעוואָלוציע פֿון 1905 איז באָריס ברעסלאַוו אין מאָסקווע, פֿירט אָן מיט אַ שלאַכט־דרוזשינע באַם מאָסקווער שטאָטישן קאָמיטעט. אין אַ צוזאַמענשטויס פֿון דער דרוזשינע מיט קאַזאַקן אין אָקטיאַבער 1905 ווערט ער פֿאַרוווּנדעט און מוז פֿאַרלאָזן מאָסקווע. אין פּעטערבורג, וווּהין ער איז איבערגעפֿאָרן, ווערט ער רעדאַקטאָר פֿון דער טעגלעכער אַרבעטער־צײַטונג „פּריזיוו“ („דער רוף“).

די צאַרישע מאַכט האָט באַוויזן צו דערשטיקן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע. די פּאַרטיי האָט שטאַרק געליטן פֿון די רעדיפֿעס און פֿון די אינערלעכע רײַבונגען, ווען פֿיל צוגעשטאַנענע צו איר קלײנבירגערלעכע עלעמענטן האָבן זיך אַנטוישט און זײַנען אַוועק פֿון דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. עס ווערט צוגעגרייט דער פֿינפֿטער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר אין לאָנדאָן, קעדיי אונטערצופֿירן אַ סאַכאַקל פֿון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין די יאָרן 1905—1907, אַנאַליזירן די סיבעס פֿון דער מאַפּאָלע און פֿאַרשטאַרקן די קויכעס. ברעסלאַוו פֿאָרט אַרום אין פּאַרטיי־שליכעסן אַפֿן אוראַל און גרייט צו די וואַלן צום צוזאַמענפֿאָר. די אָכראַנקע פֿאַרכאַפּט אים, און ער זיצט אָפּ אָנדערהאַלבן יאָר אין טפּיסע, דערנאָך פֿאַרשיקט מען אים אין טאָבאָלסקער גובערניע. ווידער אַנטלויפֿט ער און עמיגרירט קיין פֿראַנקרײַך.

צו אָט דער צײַט ווערט פּאַריזש דער וויכטיקסטער צענטער פֿון די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן. דאָ וווינט לענין, מיט וועלכן ברעסלאַוו האָט זיך געטראָפֿן אין פּעטערבורג אין די יאָרן 1905—1906. ברעסלאַוו אַרבעט אין פּאַריזש ווי אַ שוסטער און זעצט פֿאָר די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. ער איז אַ מיטגליד פֿונעם קאָמיטעט פֿון דער פּאַריזשער גרופּע באָלשעוויקעס, אָרגאַניזירט לענינס לעקציעס פֿאַר די אַנטלאָפֿענע פֿון רוסלאַנד ייִדישע אַרבעטער.

ווען אין לאָנזשיומאָ, אונטער פּאַריזש, ווערט געעפֿנט אין 1911 די פּאַרטיי־שול אונטער דער אָנפֿירונג פֿון לענינען, איז ברעסלאַוו אַ צוהערער אין דער שול און ער הערט די לעקציעס פֿון לענינען, לונאַטשאַרסקין, ריאַזאַנאָוון, סטעקלאָוון און אַנדערע אָנפֿירער פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי־פֿראַקציע. לויטן אויפֿטראָג פֿון לענינען פֿאָרט ברעסלאַוו קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט איסאַק שוואַרץ („סעמיאָן“) און מיט סערגאָ אָרדזשאָניקידזע — אויך צוהערער פֿון דער פּאַרטיי־שול, — קעדיי אָרגאַניזירן די וואַלן צו דער זעקסטער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ, וועלכע איז באַשטימט אין פּראָג.

די שליכעס אויסגעפֿילט, די דעלעגאַטן זײַנען אַרויסגעפֿאָרן אויף דער קאָנפֿערענץ, נאָר ברעסלאַוו האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אין איר צו נעמען אָנטייל, ווײַל דעם 29 אָקטיאַבער 1911 איז ער אַרעסטירט געוואָרן און מע האָט אים פֿאַרמישפּעט אויף זעקס יאָר קאַטאָרגע.

די פֿעברואַל־רעוואָלוציע האָט באַפֿרײַט ברעסלאַוון פֿון דער מאָסקווער בוטירסקער טפּיסע. ער איז גלײַך אַוועק קיין פּעטראָגראַד און זיך איבערגעגעבן אין רעשוס פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, געאַרבעט אין אַפּאַראַט פֿון צק און אין דער רעדאַקציע פֿון „פּראַוודאַ“. ווען אין יול 1917 איז אין פּעטראָגראַד אַרעסטירט געוואָרן דער פֿאָרזיצער פֿון דער קראָנשטאַדטער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע סעמיאָן ראָשאַל, איז ברעסלאַוו קאָמאַנדירט געוואָרן קיין קראָנשטאַדט און פֿאַרנומען דאָרט ראָשאַלס אָרט. אין די אָקטיאַבער־טעג, ווען אין פּעטראָגראַד האָט זיך אָנגעהויבן דער באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד, האָט ברעסלאַוו מיט אַן אָטריאַד מאַטראָסן פֿאַרנומען אָראַניענבאַום און די אײַזנבאַן־ליניע קיין פּעטראָגראַד. בעראָש פֿונעם זיבעטן מאַטראָסן־אָטריאַד איז ער געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע צוהילף דעם מאָסקווער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וועלכער האָט געפֿירט שווערע קאַמפֿן מיט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

נאָכן זיג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע ווערט באָריס ברעסלאַוו קאָמאַנדירט קיין וויטעבסק, וווּ מע ווײלט אים אויס פֿאַרן פֿאָרזיצער פֿונעם באָלשעוויסטישן קאָמיטעט און פֿון דעם שטאָטראַט. אין אַ קורצער צײַט אַרום ווערט ער אָפּגערופֿן קיין מאָסקווע, מע באַשטימט אים אַלס פֿאָרזיצער פֿון דער מאָסקווער טשעקאַ, מיטגליד פֿונעם פּרעזידיום פֿון דעם מאָסקווער סאָוועט.

אין די יאָרן פֿון בירגערקריג פֿאַרנעמט ברעסלאַוו פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער 3־ער און 12־ער אַרמייען. אין 1920—1924 איז ער פֿאַרטרעטער פֿונעם קאָמאַנדיר פֿון מיליטערישן מאָסקווער קרײַז, שעף פֿון דער פּאָליטישער פֿאַרוואַלטונג.

נאָכן בירגערקריג איז ברעסלאַוו אויף ווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט: אין „סעווועראָלעס“, אין לעדער־סינדיקאַט און אין דער אַרבעטער־פּויערישער אינספּעקציע. פֿון 1930 ווערט ער אַריבערגעפֿירט אויף דיפּלאָמאַטישער דינסט אַלס שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין פֿראַנקרײַך.

ברעסלאַוו האָט איבערגעלאָזט זיכרוינעס וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט לענינען, וועגן די ערעוו־רעוואָלוציאָנערע טעג.

ער איז געשטאָרבן אין 1942, אין עלטער פֿון 60 יאָר.

■ ■ ■

לעבן לענינען שטייט אַף דער פאָטאָגראַפיע אלעקסאנדער בריאנסקי

מיט אלעקסאנדער בריאנסקין האָב איך זיך באקאנט אין יאלטע, באם שווארצן יאם, בייס כ׳האָב אָפּגערוט אינעם דאָרטיקן שרײַבער־הויז.

— אן אינטערעסאנטער מענטש, — האָט מען מיר געזאָגט, — שוין אלט אריבער אכציק און איז פול מיט ענערגיע. באָדט זיך יעדן טאָג. לייענט א סאך. אן עכטער פאָרשטייער פון דער אלטער באָלשעוויסטישער גווארדיע. מע האָט אײַך שוין געזאָגט, אז ער האָט זיך ניט איין מאָל באגעגנט מיט לענינען?

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און צוגעזעצט זיך אַף דער באנק לעבן אים, פארפירנדיק א שמועס וועגן אלטקײַט — יונגקײַט.

— ווען דער מענטש וואָלט געקאָנט אַף דער עלטער אומקערן אפּסנײַ דאָס סאמע אינטערעסאנטסטע פון זײַן לעבן, וואָלט איך געטאָן אזוי, איך זאָל דערזען ווידער די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן, די שלאכטן פאר דער ראטנמאכט, מײַנע באגעגענישן מיט לענינען...

איך בעט אלעקסאנדער דאווידאָוויטשן, ער זאָל דערציילן גענויער וועגן דעם אלעמען.

ער צעשמייכלט זיך און איז מאסקים עס צו טאָן. דאָ באמערק איך אין זײַנע הענט א בוך לידער, באוויַיז איבערצולייענען דעם נאָמען פונעם מעכאבער: „באָריס בריאנסקי”.

— דאָס איז מײַן זונס לידער. די זאמלונג איז דערשינען שוין נאָך זײַן טויט. אפן פראָנט האָט די קויל אים געשאנעוועט, איז ער אומגעקומען פון אן אומגליקס־צופאל שוין נאָך דער מילכאָמע... דער ווייטעק איז נאָך גרעסער. ס׳איז מיר שווער וועגן דעם צו ריידן. צו פריש די וווּנד...

איך האָב איבערגעריסן דעם געשפרעך און בלויז געבעטן א דערלויבעניש דורכצולייענען דעם בוך לידער, קעדיי מאָרגן, ווען עס וועט זײַן מעגלעך, זיך ווידער באגעגענען.

א גאנצן אָוונט האָב איך דאָרשטיק געלייענט באָריס בריאנסקיס ביכל. דאָס הארץ איז צעריסן געוואָרן פאר ווייי: וואָס פאר אן אופריכטיקײַט עס ווייעט פון די לידער! דער מענטש איז געשטאנען אין אָנהייב וועג, ער וואָלט נאָך א סאך געקאָנט אופטאָן אין דער דיכטונג — און שוין, ניטאָ...

אַף דער צווייטער באגעגעניש מיט בריאנסקין האָב איך אומגעדולדיק געוואַרט.

— איר כידעשט זיך, וואָס א מענטש אין מײַן עלטער באָדט זיך יעדן טאָג אין יאם, ווי קאלט דאָס וואסער זאָל ניט זײַן? איך בין דאָך אויס־

1 מײַ 1919. רויטער פלאַץ.
מיט א צייכן איז אף דער פאָטאָ אָפּגעמערקט א. ד. בריאנסקי

געוואַקסן באַם יאַם. אַ סעוואַסטאָפּאָליער בין איך. מײַן טאַטע איז געווען אַ שנײַדער. עמעס, אַ גוטער שנײַדער. ער האָט גענייט פאַר געהויבענע לײַט, פאַר די העכסטע מיליטערישע טשינען. זײַן אויפגענייטער מונדיר פלעגט זינגען! נאָר אַ מישפּאָכע איז באַ אונדז געווען אַ היפּשע. קינדער — איינס קלענער פונעם צווייטן. און נאָכן אַרומלויפן איבער דער שטאָט, נאָכן באָדן זיך אין יאַם האָט זיך געוואָלט קײַען. אַפּעטיט האָבן מיר זיך ניט געקאָנט קלאָגן...

אַלעקסאַנדער דאַווידאָוויטש טוט אַ שאַרפן קוק אַף מיר, ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט: זאָגן צי ניט זאָגן? און זעצט פאָר:

— און נאָך אַ סאָד וועל איך אײַך אויסזאָגן: איך שרײַב אויך לידער. שוין לאַנגע יאָרן, אונטערן פּסעוודאָנים סאַשע קראַסני. וולאַדימיר איליטש האָט געוווּסט וועגן אָט דער שוואַכקײַט מײַנער און אַפילע באַזונדערע פאַרגעבונגען מיר געגעבן — שרײַבן דיקטערישע פּעליעטאָנען. אייניקע זײַנען אים אַפילע געפעלן געווען.

איז אָט, וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט לענינען:

— ווען איך האָב געדינט אין 180־טן פּעכאָטע־פּאָלק, בין איך געווען צווישן די, וואָס האָבן לענינען באַגעגנט אַפן פינלענדישן וואָקזאַל. דערנאָך האָב איך געהערט זײַן אַרויסטרעטונג פונעם באַלקאָן פון דעם מאָסקווער סאָוועט. שפּעטער, אין נאָיאַבער 1918, האָב איך געהערט לענינען אַפן צוזאַמענפאָר פון די אײַזנבאַנלער. און אויך אין מאַרט 1921 — אין קאָלאָנען־זאַל פון די פאַריינען.

שוין אין יענע יאָרן שרײַבט סאַשע קראַסני סאַטירישע לידער, געווענדט קעגן מאַראָדיאָרן, פּויליאַקעס, ברודיקע נעפּאַשעס, און אַלעמאָל טרעפט ער אין פּינטל אַרײַן.

אָבער לידער — דאָס איז דערעכאַגעוו. קעגן די ווײַסגוואַרדייער קעמפט ער מיט ביקס אין האַנט. טאַקע אין באַשטאַנד פונעם 180־טן פּעכאָטע־פּאָלק. אונטער דער ווירקונג פון לענינס רעדע אַפן פינלענדישן וואָקזאַל באַשטימט אַלעקסאַנדער בריאַנסקי, אַז זײַן וועג איז מיט די באָלשעוויקעס, און אין דער היסטאָרישער נאָיאַבער־נאַכט איז ער צווישן די, וועלכע שטורמעווען דעם ווינטער־פּאַלאַץ. שפּעטער לאָזט ער זיך אַוועק פון פּיטער בעראָש פון אַ רויט־אַרמייִשן אָטריאַד קיין מאָסקווע — צוהילף די מאָסקווער אויפשטענדלער. פון מאָסקווע — קיין אוקראַיִנע: כאַרקאָוו, סינעלניקאָווע, לאָזאָוואָיע, יעקאַטערינאָסלאַוו. ער נעמט אָנטייל אינעם פאַרניכטן די הײַדאַמאַקעס.

אין 1919 שטעלט ער זיך, לויט פּאָדוואָיסקיס באַפעל, בעראָש פון דער מיליטער־אינספּעקציע און פון דער טראָפּיי־קאָמיסיע. דעם 23 פעברואַל, אַפן מיליטער־פּאַראַד אין דניעפּראָפּעטראָווסק, געפינט ער זיך צווישן די, וועלכע נעמען אויף דעם פּאַראַד. דאָרטן האָט ער זיך באַקאַנט מיטן באַוווּסטן פּאָעט מיכאַיִל סוועטלאָוון און איז מיט אים געבליבן נאָענט אַפן גאַנצן לעבן.

לויט לענינס אויפטראָג שרײַבט בריאַנסקי פאַר די דעלעגאַטן פונעם VIII צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן אַ פּעליעטאָן וועגן דעם מענשעוויקדאַן — „זשיוו קורילקאָ!“.

און די געשיכטע פון דער פאָטאָגראַפיע, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן איצט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, איז אַזאַ.

צוויי מאָל איז אַלעקסאַנדער בריאַנסקי געווען אין באַשטאַנד פון לענינס וואַך אַף די פּאַראַדן: בײַס דעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו אין 1918 יאָר און אַפן ערשטמײַיִקן פּאַראַד אינעם יאָר 1919. בריאַנסקי האָט דעמלט געאַרבעט אין טשעקאַ באַ דזערזשינסקין.

אין אַ כאַראַקטעריסטיק, וואָס פּאָדוואָיסקי גיט אַרויס בריאַנסקין, לייענען מיר: „איך, אַלס פּאָרזיצער פון די מיליטער־אָרגאַניזאַציעס באַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, זאָג אײדעס, אַז בריאַנסקי אַלעקסאַנדער דאַווידאָוויטש האָט אין 1917 אָנטיילגענומען אין באַשטאַנד פון די פּאָרגעשריטענע, באַוווּסטזיניקע סאָלדאַטן פונעם 180־טן רעזערוופּאָלק פונעם פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן אין דער פעוורואַל־רעוואָלוציע פונעם 1917 אין פּעטראָגראַד. מיט די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן פונעם 180־טן פּאָלק האָט ער באַגעגנט וולאַדימיר איליטשן אַפן פינלענדישן וואָקזאַל דעם 16 אַפּרעל. בריאַנסקי האָט געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר די באָלשעוויסטישע לאָזונגען צווישן די סאָלדאַטן. אַן אַקטיוון אָנטייל האָט ער גענומען אינעם אָרגאַניזירן די רויטע גוואַרדיע. געשיקט געווען צו העלפן די מאָסקווער אויפשטענדלער. די באַנדיטן אַף אוקראַיִנע האָבן אים פאַרמישפּעט צו טויט, נאָר די רויטע אַרמיי האָט אים געראַטעוועט“.

דער דאָזיקער דאָקומענט איז דאַטירט דעם 5 מאַרט 1947.

נאָך דעם בירגערקריג האָט אַלעקסאַנדער דאַווידאָוויטש געאַרבעט אַלס זשורנאַליסט אין דער מאָסקווער צײַטונג „גודאָק“, ער האָט געפּרוּווט זײַנע קויכעס אויך אין מאָלערײַ. אין 1921 האָט ער געמאַכט מיט אַ בלײַער צייכענונגען פון לענינען. אַף איינער פון די דאָזיקע צייכענונגען האָט לענין געשטעלט זײַן כסימע.

מײַן באַגעגעניש מיט אַלעקסאַנדער דאַווידאָוויטשן איז פאָרגעקומען אין מײַ 1974. ביז גאָר אַ באַשיידענער, ווי דער שטייגער איז באַ דער מערהײַט אַלטע באָלשעוויקעס, האָט ער געהאַלטן אין אײַן טײַנען: „איך בין ניט אַזאַ וואַזשנער מענטש, מע זאָל וועגן מיר שרײַבן. איך האָב געטאָן דאָס, וואָס עס איז געווען נייטיק. דאָס, וואָס איך האָב נאָענט געקענט לענינען, האָט מיר פּאַשעט אָפּגעגליקט. אָבער בלויז פאַר אַזאַ גליק האָט געלוינט צו לעבן“...

■ ■ ■

ארן יערוסאלימסקי

טריי דעם היימלאנד

יויסעף לעזמאן

דער ווינטער איז אין 1916 יאר געווען א הארבער, מיט א סאך שניי און זאווערוכעס, אבער בא שמוליק דעם סטאליער אף די פעס־קעס איז די טיר פונעם פירהויז געווען איבער־געקאסיעט, אין די איינגעראבענע אין דער ערד פענצטער־ראמען איז דאסמאל ניט געווען צו זען די אויסגעלייגטע וואטע, באצירט מיט העלע פאפיר־בלימעלעך, — אין שטיבל איז געווען פייכט און קאלט. אליין שמוליק לעזמאן איז שוין דעם צווייטן ווינטער געלעגן אין די אקאפעס.

אין ביינהאשמאשעס האט דער פראסט זיך געשטארקט, דער שניי האט טרוקן געסקריפעט אונטער די פיס. שמוליקס עלטערער זון יויסעף האט אריינגערוקט אונטערן מאנטעלע עפעס א זאק און זיך ארויסגעגנוועט אין דרויסן, די מאמע זאל ניט זען. ער האט זיך איילעק א לאז געטאן צו ליבערמאנס מעבל־פאבריק, ווו פאר דער מילכאמע האט געארבעט זיין פאטער.

„ניין, מער אין שול וועל איך ניט גיין, — האט ער זיך געגעבן אווארט, — דער זיבניאריקער יאשע איז קראנק, די מאמע קען אים קיין גע־קעכטס ניט אפקאכן און די שטוב אנווארעמען. כ'וועל גיין ארבעטן אן סכירעס, אפילע פאר א פאר זעק סטרוזשקעס אין וואך".

רעב הערשל ליבערמאן, דער באלעבאס פון דער פאבריק, האט יויסעפן באגעגנט זקיינישע־כיטרע, קימאט פאטערלעך.

— און וואס שרייבט דער טאטע? — האט ער געפרעגט. — מיסטאמע גאר פארגעסן, אז איינ־גיכן איז דיין בארמיצווע. גיב איבער דער מא־מען, זי זאל זיך צוגויפרעדן מיט אווראמען דעם מעלאמעד, ער זאל דיך צוגרייטן צו דער דרא־שע. מיט טפילן וועל איך דיך באזארגן.

ליבערמאן איז אין א גוטער שטימונג. זינט די מילכאמע האט זיך אנגעהויבן, לעקט ער אפ א פעט ביינדל. טאקע היינט באקומען פונעם „זעמסקי סאיוז" א פארגרעסערט פאדריאדל אף פאטראנען־קעסטלעך. ער האט אופגעבויט א נייעם דעק מיט א מעכאנישער זעג, אנגעדונ־גען יינגלעך און עטלעכע באיארטע ארבעטער. דערצו האט זיין זינדל, מישא, באקומען אן אט־סראטשקע פון פריזיוו אלס דירעקטאר פון דער פאטראנען־קעסטלעך־פאבריק. רעב הערש איז שוין לאנג א גאבע פון דער סטאליארנע קלויז אף די פעסקעס. אבער מיט די נייע פאדריאד־לעך האט ער אנגעהויבן צו באקומען מער קא־וועד. אין צעטל פון די גאבאים פון די באטע־מעדראשים, קלויזן, וואס די שטאט־אופראווע האט צו באשטעטיקן, פארנעמט ער איצט דאס זעקסטע ארט.

יויסעפס ביטע וועגן ארבעט פאר סטרוזש־קעס האט דאס פאבריקאנטל ווי דורכגעלאזט פארביי די אויערן.

— סטרוזשקעס, אפשניצלעך, — האט ער איינ־געטייגעט צו זיין פארטרויטן געהילף כאיי־מען, — זיינען איצט א גאנצער קאפיטאל...

אבער לערנייינגלעך האבן אים טאקע אויס־געפעלט, האט ער א זאג געטאן צו כאיימען:

— נו, זאל ער אנהייבן, וועלן מיר זען, צי ער טויג...

וועגן א זאק סטרוזשקעס אלס אן אדערוף איז איצט נאך פרי געווען צו ריידן.

מיט הארץ־קלעמעניש איז יויסעף ארויס פון דער פאבריק. ס'האט אין אים געבושעוועט די סינע צו אט דעם גאבע דעם כאזער. וועגן זיינע געשעפטלעך האט ער געוווסט, וועגן דעם האט מען זיך געשושקעט אף די פעסקעס. באם טוי־ער האט יויסעף זיך אנגעשטויסן אף עפעס א שייטל, וואס איז געווען איינגעפרארן אין דער בלאטע. האט ער עס אויסגעקאלופעט מיט די פארשטיינערטע הענט. די שטעכעניש אונטער די נעגל האבן געשטילט זיין פארדראס. ער וועט פארט זיך אומקערן ניט מיט ליידיקע הענט.

אין דער היים האט ער אפן קאמאד דערזען א בריוו פונעם טאטן. אפן סאלדאטישן קאנ־ווערטל איז געווען א נייער מיליטערישער נו־מער. די מאמע האט געווארט אף יויסעפן, מיט שרעק געווארט, ער זאל איבערלייענען.

יויסעף האט אפגיך אופגעריסן דעם קאנ־ווערט. דער טאטע האט מודיע געווען, אז ער

געפינט זיך, גאָט צו דאנקען, אין פראָנט־לאזערט, אָפּגעפראָרן בײדע פיס. נאָר זאָל די מאמע זיך ניט ערגערן, מירצעשעם קאָן מען זיך נאָך באגײן אָן אן אָפּעראציע. „זע, גנעסיע, — האָט ער געשריבן, — בײַט אויס מײַן פּעלצל אף קארטאָפל, נאָר יויסעפן נעם ניט אָפּ פון דער אוטשילישטשע".

די מאמע האָט קוים געפּויעלט בא יויסעפן, ער זאָל אויספילן דעם טאטנס פארלאנג.

דער פרילינג האָט זיך אין 1917 אָנגעהויבן פרי. אין מארט כוידעש האָבן זיך פארענדיקט די לעצטע פרעסטלעך. און דאָ האָט די רעוואָליוציע זיך ארײַנגעריסן אין די פײַכטע, הונגעריקע שטיבלעך אף די פּעסקעס, ארויסגעטריבן די לערן־ייִנגלעך און די מײדלעך אף די רוישנדיקע גאסן. די רעוואָליוציע האָט מעוואטל געמאכט דעם געוועזענעם ייִכעס פון די ברוקירטע צענטראלע באָיארסקע, בעלאָפּאָלער און אנדערע גאסן. די יוגנט פון די פּעסקעס האָט געשפּאנט אין די ערשטע רײען אף די מאניפעסטאציעס, בײַגעוועזן אף די מיטינגען אף סאָבאָרנע־פּלאַץ.

אף די בערדיטשעווער אונטערנעמונגען זײַנען געגאנגען פארזאמלונגען. דער פּראָלעטאריאט האָט אויסגעבילדעט זײַנע קלאסן־אָרגאניזאציעס. אפּן מעטאל־זאוואָד, אין די ווארשטאטן פון דער אײַזנבאן־דעפּאָ, אין שלענקערס לעדער־זאוואָד האָבן די באָלשעוויסטישע קעמערלעך אקטיוויזירט זײער טעטיקײַט.

יויסעף איז געווען א יאט א זשוואווער. ער האָט שוין אָנגעהויבן צו פארשטײן, וואָס עס קומט פאָר, און קײן פינגער אין מויל האָט מען אים ניט באדארפט ארײַנלײגן. האָבן טאקע די כעווערעלײַט אים פארעכנט פאר אן אײגענעם און אים אײַנגעשלאָסן אין זײער ארבעטער־כאווערשאפט.

זײַן שאָכן, כאַיִמקע קאץ, איז אים געוואָרן דער בעסטער פרײַנט. כאַיִמקע האָט אָנגעהויבן מיטנעמען לעזמאנען אף די פארזאמלונגען פון דער נײי־פאבריק, ווו ער האָט געארבעט, באקאנט אים מיט די יונגע נײטערקעס, געוועזענע שילערנס פון דער ייִדישער מײדלשער נײי־פראָפשול.

אין די זומערדיקע אָוונטן האָט די יוגנט שפּאצירט איבער די גאסן, זיך געטײלט מיט די לעצטע נײַעס, געלײענט באָלשעוויסטישע צײַטונגען און בראָשורן. יויסעף האָט באהערשט די רוסישע שפּראך און איז געוואָרן א פּאָרלײענער. באם אלטן באָלשעוויק ברעגמאנען איז ער געווען א גאנצער בען־באַיִס און פלעגט בא אים באקומען די „פּראַוודא". פאר זײַן שײנעם קסאוו איז יויסעף לעזמאן אנערקענט געוואָרן אלס טעכנישער סעקרעטאר אין שנײַדערשן פּראָפּפארײַן.

ווי ווײַטע דונערן, זײַנען צו די פּעסקעס דערגאנגען די יעדיִעס וועגן דעם זיג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. לעזמאן מיט זײַנע כאַווײרים האָבן איצט געלעבט מיט אירע אידײען. שפּעטער, ווען מע האָט געדארפט זיך שלאָגן קעגן די ווײַסגווארדײיִשע כאַיאָלעס און באנדעס, האָבן די ייִנגלעך און מײדלעך פון די פּעסקעס געטראָגן ביקסן אף די אקסלען, זיך באטײליקט אין קאמף־דרוזשינעס.

יויסעף איז נאָך יונג, ער איז אלט 15 יאָר, נאָר עס מאכט ניט אויס — ער האָט שוין א „היפּשע דערפארונג". אײנעם שנײַדערשן פּראָפּפארײַן האָט ער זיך באקאנט מיט אײניקע אומלעגאלע פּארטײ־אקטיוויסטן. האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט איזי גוזמאנען, בעני ציזיקן און מיט אנדערע כאַווײרים און זיך גענומען פאר דער ארבעט — אָרגאניזירן אן אומלעגאלע קאָמיוג־אָרגאניזאציע. מע האָט געעפנט א יוגנט־קלוב, געשריבן פּיעסן און געשטעלט ספּעקטאקלען. דער מעכאבער פון אײנער אזא פּיעסע — „נײַע צײַטן" — איז געווען טאקע לעזמאן אלײן.

אין די פינצטערע הארבסטיקע נעכט באגעגנט זיך יויסעף מיט איזי גוזמאנען אין אײנעם פון די געסלעך אף די פּעסקעס. איזי איז אין א פויערשער סוויטקע, יויסעף איז געקלײדט ווי א פּארובאָק. זײ לאָזן זיך אוועק צו די קאזארמעס, איזי גיט איבער יויסעפן אומלעגאלע בלעטלעך — א ווענדונג צו די סאָלדאטן פון די פּעטליורישע מיליטער־אָפּטײלונגען, אונטערגעשריבן פונעם קאָמוניסטישן שטאָטישן פּארטײ־קאָמיטעט. יויסעף פארשטעקט זײ אונטערן רעקל, גאנוועט זיך שטיל צו צו דער קאזארמע, קלעפּט די בלעטלעך אף די ווענט, רוקט אונטער דורך דער טיר. איזי איז אף דער וואך. אויספילנדיק די ארבעט, לאָזן זיך בײדע אוועק, גליקלעכע, קימאט ווי מיט א טענצל, אהײם.

מיט יויסעפן האָב איך זיך באפרײַנדעט שוין נאָכן בירגערקריג, אין הײסן זומער פון 1921. ס׳איז געווען אין קיִעוו. מיר האָבן שפּאצירט איבערן קרעשטשאטיק אין הילצערנע שטעקשיך („סטוקעלקעס"), און ווען די רימענדלעך האָבן זיך אָפּגעריסן, האָבן מיר אָן אגמעסנעפעש פאָרגעזעצט ארומגײן באָרוועס איבער די קיִעווער גאסן. יוגנט האָט זיך פארזאמלט אף באראטונגען, ברענגענדיק אהין זײערע ערשטע קאָמיוגישע צײַטונגען — „די פרײַע יוגנט", „די ארבעטער־יוגנט", „די רויטע יוגנט", „דער נײַער דאָר". לעזמאן האָט געבראכט די בערדיטשעווער „יוגנט־גלאָקן". די צײַטונגען האָבן געאָטעמט מיט פּאטאָס פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, מיט אינטערנאציִאָנאלן יוגנט־גײַסט, זײ האָבן דערצײלט וועגן דער העראָיִשער אונטערערדישער ארבעט און וועגן דעם פראָנט־לעבן...

שפּעטער האָב איך צוזאמען מיט יויסעפן זיך געלערנט אין קאָמוניסטישן מײַרעוו־אוניווערסיטעט. אין 1924 האָבן מיר געלעבט אין אײן צימער, לעזמאן איז געווען סעקרעטאר פון דער קאָמיוג־ביוראָ פונעם אוניווערסיטעט.

אײנמאָל אינדערפרי איז יויסעף ארײַנגעלאָפן אין דער אאודיטאָריע א צעהיצטער, האלטנדיק אין דער האנט א פרישן נומער „פּראַוודא":

— ניין, ער איז ניט גערעכט, לאַרין! הערט נאָר, וואָס ער לייגט פאָר — גרינדן א פּריוואַטוויליקע „געזעלשאַפט פון פרײַנט פונעם לעניניזם" און איר איבערגעבן די פאָרשונג און די פּראָפּאַגאַנדע פונעם לעניניזם! דאָס איז דאָך די הויפּטאויפגאַבע פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען. מיר טאָרן ניט שווײַגן, מיר דאַרפן גלײַך אַרויסזאָגן אונדזער מיינונג.

אַרום לעזמאַנען קלײַבט זיך צונויף די גרופּע. מע קוקט אָן דעם יאַט מיט א שמייכל. עמעצער טוט א בורטשע: „טאַקע קעגן לאַרינען, און גלײַך אין „פּראַוודאַ"?" א צווייטער גיט צו: „און אונדזער בריוו אין רעדאַקציע דרוקט מען אָן באַלד אַף דער ערשטער זײַט..."

דעם טעקסט פונעם בריוו גרייט צו יויסעף. די באַהאַנדלונג פאַרציט זיך ביז שפּעט.

קוים זיך דערוואַרט דעם פרימאָרגן, לויפן מיר אַוועק אין רעדאַקציע. מיר אַרבעטן אויס אונדזער „סטראַטעגיע": דאָס אַרטיקל איבערגעבן נאָר דירעקט אין די הענט פון מאַריאַ איליניטשנאַ אוליאַנאָוואַ, דעם סעקרעטאַר פון דער „פּראַוודאַ".

אין רעדאַקציע גייען מיר אַרײַן אינצווייען — לעזמאַן און איך. יויסעף איז דרייסט. אין קאַנצעליאַריע עפנט ער אויף די טיר און פרעגט זיך אָן פון דער שוועל: „ווו איז דער קאַבינעט פון מאַריאַ איליניטשנאַ?"

— אַפן צווייטן שטאָק, אַף רעכטס, — ענטפערט אויטאָמאַטיש א יונגע פרוי, וועלכע ראָיעט זיך אין פּאַפּירן. גלײַך אָבער וואַרפט זי אַף אונדז א בליק און פרעגט: — אייגנטלעך, וועגן וועלכע איניאַנים דאַרפט איר צו איר?

נאָר יויסעף איז שוין אַף די טרעפּ, איך אויך.

צווייטער שטאָק, רעכטס, וואַרשײַנלעך, אָט דאָ... מיר בלײַבן שטיין, קוקן זיך איבער: אָנקלאַפּן, א פרעג טאָן, צי מע מעג, אָדער גלײַך אַרײַנגיין און דערנאָך א פרעג טאָן?

אומדערוואַרט גייט שנעל צו צו דער טיר א פרוי פון מיטעלן וווּקס. די פאַרקעמטע אַף הינטן האָר, צונויפגענומענע אין א קובלעק, טיילן אויס איר הויכן שטערן. אויגן — לעבעדיקע, ברייט פאַנאַנדערגעשטעלטע. א גרויער „קאָסטיום", פונעם רעקל זעט זיך אַרויס א ווײַס אויסגעבייט קעלנערל. זי שטעלט זיך אָפּ באַם קאַבינעט, קוקט אונדז גוטמוטיק אָן און פרעגט:

— וועמען זוכט איר, כאַווײַרים?

מיר דערזעען א היימיש געזיכט, א גוט באַקאַנטן שמייכל. שטייען מיר ווי געפּלעפּט. פונוואַנען איז זי אונדז אַזוי באַקאַנט? מיר קוקן אַף איר: ניין, ניט זי, די אויגן גאָר ניט קיין פאַרזשמורעטע, גרויסע, אָפענע, און דאָך... עפּעס א שטריכעלע פון לענינס אויסזען. יויסעפס באַקן פלאַמען, אָבער ער איז שוין אַרויס פון פאַרלעגנהײַט און ענטפערט אָפּ:

— מיסטאָמע צו אײַך, איליניטשנאַ.

— קומט אַרײַן, כאַווײַרים, — לאַדט זי אונדז אײַן אין קאַבינעט, באַזעצט אונדז באַם טיש.

יויסעף שיסט גלײַך אויס:

— מיר האַלטן, אַז לאַרין איז ניט גערעכט! מיר האָבן געבראַכט אַן ענטפער און בעטן אײַך פאַרזענלעך מיט אים זיך צו באַקאַנען.

מאַריאַ איליניטשנאַ נעמט אין די הענט אונדזער העפטל, לייענט איבער דאָס ערשטע זײַטל, הייבט אָן בלעטערן. איך קוק אַף איר, דאָס האַרץ צאַפּלט. איך וואַרט — אָט וועט זי א שמייכל טאָן און אונדז אומקערן דאָס העפטל מיט די ווערטער: עס איז ניט פאַר דער „פּראַוודאַ"...

ניין, זי לייענט ביזן סאָף, טראַכט א ווײַלע און ווענדט זיך צו אונדז געמיטלעך, כאַווערִיש:

— די טעמע איז אַן ערנסטע. זי פאָדערט א קאָלעקטיווע באַהאַנדלונג. לאַרין דריקט ניט אויס די מיינונג פון דער רעדאַקציע. איך קען אײַך גלײַך קיין באַשטימטן ענטפער ניט געבן. מיר וועלן אײַער אַרטיקל באַהאַנדלען.

זי גיט איר טעלעפאָן־נומער און בעט אָנקלינגען אין א פּאָר טעג אַרום. געזעגענענדיק זיך מיט אונדז, גיט זי צו:

— איר האָט גוט געטאָן, כאַווײַרים, אָפּרופנדיק זיך אַפן אַרטיקל.

מיר גייען אַרויס פונעם קאַבינעט, לאָזן זיך לאַנגזאַם אַראָפּ פון די טרעפּ. יויסעף שעפּטשעט: „איר האָט גוט געטאָן, כאַווײַרים..." אין א מינוט אַרום דערפיל איך אַף דער פּלייצע זײַן האַנט. ער נעמט מיך שטאַרק אַרום. מיר זײַנען פאַרקישעפט פון דער באַגעגעניש, פון דער פּראָסטקײַט און ערנסטקײַט, האַרציקײַט און כאַווערישקײַט, וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן צו אונדז לענינס שוועסטער.

— מע וועט אָפּדרוקן, — שעפּטשעט יויסעף.

איך קוק אים אָן פאַרוווּנדערט:

— מאָרגן אינדערפרי!

...דעם 24 אָקטיאַבער טראָגט מיר יויסעף אונטער די „פּראַוודאַ" מיט אונדזער אַרטיקל, און דאַפקע אַף דער ערשטער זײַט! איך טראַכט: מיסטאָמע מיט אַן אָנמערקונג „צום באַהאַנדלען". ניין, קיין שום באַמערקונג פון רעדאַקציע. זי איז, הייסט עס, מיט אונדז פולקאָם מאַסקים...

איך קוק זיך אײַן אין דער פּאָטאָ, וועלכע געהערט צום לעצטן מילכאָמע־יאָר. אין צענטער שטייט דער קאָמאַנדיר פון דער דרײַצנטער גוואַרדייִשער דיוויזיע, דער צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, גענעראַל־לייטענאַנט אַלעקסאַנדער איליטש ראָדימצעוו. צוזאַמען מיט זײַנע מיטהעלפער מערקט ער עפּעס אָפּ אַף דער מאַפּע. איך ווייס, וועגן וואָס עס איז דעמלט געגאַנגען די רייד, — די דיוויזיע דאַרף פאָרסירן דעם דײַטשישן טײַך נייסע. אַף רעכטס פונעם גענעראַל — א מיליטערמאַן אין א פּילאָטקע, דאָס איז יויסעף לעזמאַן.

אין מײַן זיקאָרן איז ער פאַרבליבן אַזאַ, ווי כ'האָב אים דערזען דאָס ערשטע מאָל, מיט העכער א האַלבן יאָרהונדערט צוריק: א דאַרינק באָכערל מיט שמאָלע פּלייצעס און שטיפערישע אויגן. איצט זע איך פאַר זיך אַן אויסגעשולטן אָפיצער, א ברייטפּלייצטיקן, מיט אַן ערנסטן

י. לעזמאַן מיטן העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יאַ. פּאַוולאָוו (לינקס)

בליק. די ברוסט איז באַצירט מיט אָרדענס און מעדאַלן. איך קוק אָף מײַן יוגנט־כאַווער און טראַכט: וועלכע פון זײַנע פּריזערדיקע אייגנשאַפטן האָבן אים געדינט אָף דער מילכאָמע און וועלכע נײַע אייגנשאַפטן האָט די מילכאָמע צוגעגעבן אים, דעם באַטאַליאָן־קאָמיסאַר און שטעלפאַרטרעטער לויט פּאָליטישע אָנגעלעגנהײַטן פונעם קאָמאַנדיר פון דעם צוועלפטן פּאָלק פון דער 13־טער גוואַרדייִשער דיוויזיע?

איך ווייס וועגן לעזמאַנס ווײַטערדיקע „אוניווערסיטעטן" נאָכן פאַרענדיקן דעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט. צען יאָר קאָמיוגישע טעטיקײַט, סעקרעטאַר פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס און פאַרוואַלטער פון נאַצמען־אָפּטיילונג באַם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם אַל־פאַרבאַנדישן לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. און אין מעשעך פון נאָך א יאָרצענדליק — אָף פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטיי־אַרבעט.

פאַר דער מילכאָמע האָט יויסעף אַרויסגעוויזן היפּשע אָרגאַניזאַטאָרישע פײַיִקײַטן אַלס ערשטער סעקרעטאַר פונעם קאַלינינדאָרפער און פון אַנדערע ראַיאָנישע און שטאָטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. ער איז א דערפאַרענער פּראָפּאַגאַנדיסט, זשורנאַליסט, לעקטאָר.

די מילכאָמע האָט פאַרפולקומט די פּריזערדיקע אייגנשאַפטן פון זײַן כאַראַקטער און צוגעגעבן נײַע: מעסירעסנעפעשדיקײַט, שטאָלענעם ווילן באַם אויספילן שלאַכט־אויפגאַבעס.

א סאַך מאָל בין איך צוגעשטאַנען צו יויסעפן:

— דערצייל מיר וועגן באַזונדערס אײַנדרוקפולע עפּיזאָדן פון דײַן מילכאָמע־לעבן.

— וועגן וועלכע עפּיזאָדן קאָן גיין א רייד, טײַערינקער, — פלעגט ער מיר אָפּענטפערן, — אַז די שלאַכטן זײַנען אַרײַן אין וואָכעדיקן שטייגער?

איך האָב א טראַכט געטאָן: ער איז טאַקע גערעכט. הערויִשע אופירונג איז געווען פאַר אים א טאָגטעגלעכע געוויינהײַט. וועגן דעם איז אַן איידעס, לעמאָשל, זײַנער א בריוו צו איליא ערענבורגן אין שווערן 1942 יאָר:

„מיר האָבן די גאַנצע צײַט געפירט פּאַראַקשנטע שלאַכטן מיטן סוינע, וועלכער האָט זיך געריסן פאָרויס. מײַן ראָטע איז געגאַנגען אין אַריערגאַרד און „צוגעדעקט" דעם אָפּגאַנג פון אונדזערע טיילן. מיר האָבן אופגעשטעלט פאַרצוימונגען, מינירט די וועגן, אופגעריסן בריקן. געגאַנגען זײַנען מיר צומאָל איבער די קני אין די בלאָטעס, זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס. מיט יעדן טאָג זײַנען מיר געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער.

איך בין געגאַנגען זײַט־בא־זײַט מיט די רויט־אַרמייער, און כ'האָב באַדאַרפט בא די דאָזיקע ביזן גרונט אויסגעמאַטערטע, אָן קויכעס פאַרבליבענע מענטשן אונטערהאַלטן דעם גלויבן אין אונדזער זיג. בײַס די שלאַכטן, אונטערוועגס אָף די פּריוואַלן האָב איך געמונטערט די סאָלדאַטן און געפירט זיי נאָך זיך..."

דער שרײַבער האָט וואַרעם געענטפערט זײַן פראָנט־קאָרעספּאָנדענט. דעם 2 מײַ 1943 שרײַבט ער לעזמאַנען:

„טײַערער יויסעף סאַמוילאָוויטש! א גרויסן דאַנק פאַר דעם פרײַנטלעכן בריוו און פאַר אײַערע אינטערעסאַנטע נאָטיצן. איך וועל זיך באַמיִען אומבאַדינגט אָנשרײַבן וועגן די סאַפּיאָרן. איך שיק אײַך אַלס אַן אָנדענק א ביכעלע און ווינטש אײַך קויעך און דערפּאָלג".

צווישן ערענבורגן און לעזמאַנען האָט זיך אײַנגעשטעלט א פרײַנטלעכער בריוו־אויסטויש. שפּעטער (אין פעוראַל 1951) האָט ערענבורג געשריבן יויסעפן: „טײַערער כאַווער לעזמאַן! אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב גלײַך ניט געענטפערט אָף אײַער האַרציקן בריוו, — בלויז הײַנט האָב איך אים באַקומען פון דער רעדאַקציע „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ".

פונעם גאַנצן האַרצן דאַנק איך אײַך פאַר דער אופמערקזאַמקײַט, פאַר די גוטע, פרײַנטלעכע ווונטשן. מיר איז באַזונדערס אָנגענעם געווען צו באַקומען די באַגריסונג פון אײַך, ווײַל איך געדענק דעם בריוו, וואָס איר האָט צוגעשיקט פון סטאַלינגראַד.

איך שיק אײַך צו אַלס סימען פון מײַן דאַנקבאַרקײַט די זאַמלונג פון מײַנע אַרטיקלען „פאַר שאָלעם".

מיט פרײַדלעכן גרוס
אי. ערענבורג".

וועגן יויסעף לעזמאַנען דערציילט אין זײַן בוך „אָף די ברעגן פון מאַנסאַנאַרעס און וואָלגע" דער גענעראַל ראָדימצעוו: „אין קריטישן מאָמענט פון דער סטאַלינגראַדער שלאַכט האָבן

מיר באַשלאָסן אַרײַנפּירן אין שלאַכט אונדזער לעצטן רעזערוו — דעם סאַפּיאָרן־באַטאַליאָן. די סאַפּיאָרן האָבן ביז איצט העלדיש אויסגעפּילט זייערע געוויינלעכע אַרבעטן. איצט איז זיי אויסגעקומען אויסצופּילן אַ נײַע אויפגאַבע — אָפּשטעלן דעם פֿײַנט און אופשטעלן די פֿאָדערשטע ליניע, וואָס איז דורכגעגאַנגען באַם טײַך צאַריצאַ. דער קאָמאַנדיר פֿונעם באַטאַליאָן וו. פּ. גאָרלאָוו און דער קאָמיסאַר י. ס. לעזמאַן האָבן באַוויזן אין אַ קורצער צײַט צוגרייטן זייער טייל צו דער קאָנטראַטאַקע... דער באַטאַליאָן האָט אויסגעצייכנט אויסגעפּילט דעם קאַמפּס־באַפֿעל”.

דריטער אָקטיאַבער 1943. איבערן גאַנצן פֿראָנט גרײַפֿן אָן די סאָוועטישע אַרמייען. דער 42־טער גוואַרדיע־פּאָלק בעראָש מיטן קאָמאַנדיר פּאָלאָוועצווון און זײַן שטעלפֿאַרטרעטער לעזמאַנען גרייט זיך פֿאָרסירן דעם דניעפּער.

קאַיאָר. דער נאַכט־נעפּל גייט זיך פֿאַנאַנדער. די גוואַרדייער גיבן זיך אַ הייב אויף פֿון די טראַנשייען באַם ברעג טײַך און לאָזן זיך אַף שיפֿלעך, קאַטערן, פֿאַראָמען צו אַריבערשווימען דעם טײַך. יויסעף ווענדעט זיך צו די שלאַכטלײַט:

— שנעלער, טײַערע! אָט זעט זיך שוין פֿונדאַנען קיִעוו!

„און גאָר נאָענט איז בערדיטשעוו”, — טראָגט זיך דורך אין זײַנע געדאַנקען. דער סוינע באַגעגנט די גוואַרדייער מיט פֿײַער... דער פּאָלק איז שוין אין סאַמע מיטן טײַך. „פֿאָרויס, כאַווייִרים!” — רופֿט מיט אַלע קויכעס דער קאָמיסאַר... אין דער דאָזיקער ווײַלע איז לעזמאַן צום דריטן מאָל פֿאַרוווּנדעט געוואָרן. מע כאַפּט אים אונטער אַף די הענט. „שנעל אָפּפֿירן אין שפּיטאָל!” — באַפֿעלט דער שעף פֿון דער מעדיצינישער טייל פֿון דער דיוויזיע. „ניין, כ׳וועל פֿונדאַנען זיך ניט רירן. דאָ, באַם דניעפּער, וועל איך זיך גיכער אויסהיילן”, — ענטפֿערט אָפּ אַקשאָנעסדיק לעזמאַן. און ער איז טאַקע פֿאַרבליבן זיך היילן אין מעדסאַנבאַט פֿונעם פּאָלק.

איך בלעטער לעזמאַנס פֿראָנט־טאָגבוך פֿאַרן 1944 יאָר. קורץ פֿאַרצייכנט ער עפּיזאָדן, וועלכע זײַנען מאַמעש אַרײַן אין דער געשיכטע פֿונעם קריג. אָט איז איינע אַ פֿאַרנאָטירונג פֿאַר נאָיאַבער כוידעש:

„צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר פֿונעם 42־טן פּאָלק פּאָלאָוועצוון — זיך מאָרגן צונויפֿריידן מיטן קאָמאַנדיר פֿון דער דיוויזיע ראָדימצעוון וועגן צושטעלן צום טיטל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד דעם סערזשאַנט יאַקאָוו פּעדאָטאָוויטש פּאַוולאָוון פֿאַר זײַן העראָיִזם באַם פֿאַרכאַפּן און פֿאַרטיידיקן דאָס „הויז פֿון די ספּעציאַליסטן” (וואָס איז אַרײַן אין דער געשיכטע ווי „פּאַוולאָווס הויז”).

די פֿאָטערלענדישע מילכאָמע האָט יויסעף לעזמאַן פֿאַרענדיקט אַף די גאַסן פֿון פּראָג. אין די לעצטע מילכאָמע־טעג איז ער צום זעכצנטן מאָל באַלוינט געוואָרן. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט דער גענעראַל סוואָבאָדאַ צוגעפֿעסטיקט צו זײַן ברוסט דעם העכסטן אָרדען פֿון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק.

בײַם דער פֿײַערונג פֿונעם 30־טן יאָרטאָג פֿון דעם סטאַלינגראַדער ניצאָכן איז צוגאַסט צו לעזמאַנען קיין כאַרקאָוו געקומען צו פֿאָרן זײַן פֿרײַנט יאַקאָוו פּעדאָטאָוויטש פּאַוולאָוו. זיי זײַנען צוזאַמען אַרויסגעטראָטן אַף פֿאַרזאַמלונגען אין די אונטערנעמונגען און לערן־אַנשטאַלטן. אין זײַן רעדע פֿאַר די סטודענטן פֿונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט האָט פּאַוולאָוו דערציילט וועגן דער שטיצע, וואָס לעזמאַנס באַטאַליאָן האָט אים אַרויסגעוויזן אין דער סטאַלינגראַדער שלאַכט, און וועגן דער פֿרײַנטשאַפֿט, וועלכע האָט זיך פֿון דעמלט אָן צווישן אים און יויסעפֿן אײַנגעשטעלט.

דרײַסיק יאָר נאָך דער מילכאָמע. יויסעף לעזמאַן איז דאָצענט אין איינעם פֿון די כאַרקאָווער אינסטיטוטן. דאָ ניט לאַנג האָט דער אינסטיטוט אָפּגעצייכנט זײַן זיבעציקיאָריקן געבורטסטאָג. צום יויוול האָט דער קולטור־מיניסטער פֿון דער אוקראַיִנישער סאָוועטן־רעפּובליק אין אַ ספּעציִעלן באַפֿעל אָפּגעמערקט לעזמאַנס פֿאַרדינסטן, זײַן פֿיליאָריקע פּראָדוקטיווע געזעלשאַפֿטלעכע און פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט. אין נאָמען פֿון אַ גרופּע שלאַכט־כאַווייִרים פֿון דער 13־טער גוואַרדייִשער דיוויזיע האָט אים דער העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד איוואַן פּאָלאָוועץ געשריבן:

„טייערער שלאַכט־פֿרײַנט, ליבער סאַמאָילאָוויטש!

איך קאָן ניט געפֿינען קיין ווערטער צו אויסדריקן דײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד אינעם זיג איבערן סוינע. דײַן אַנטשיידנקײַט, דרייסטקײַט, פֿעסטער ווילן, דערפֿינדערישקײַט איז ניט צו באַשרײַבן. אומשאַצבאַר איז דײַן טעטיקײַט אין דערציִען בײַ אונדזערע מענטשן איבערגעגעבנקײַט צום היימלאַנד, פּאַטריאָטיזם, אַנטשיידנקײַט אין קאַמף קעגן דעם פֿאַשיזם”.

הירש בלאָשטיין

די רעדקאָלעגיע און די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם שרײַבער הירש בלאָשטיין אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 80־יאָריקן געבורטסטאָג.

מיר ווינטשן ה. בלאָשטיינען פיל געזונט, אריכאס־יאָמים און שעפערישע דערפאָלגן.

פון גאָלד אויסגעטאָקטע...

צו אכציק — א גיבער

בען שמונים ליגוורע —
צו אכציק — א גיבער!
... מײַן דאָר, ביסט געגאַנגען
דורך פינצטערע גריבער
צו שטראַליקע הייכן,
און ס'האָט דיך קיינמאָל נישט
דער ייִעש געפאַנגען,
ווען ס'האָט זיך געדוכט,
אז דו וועסט ניט דערגרייכן.

דײַן קינדהײַט האָט ביטער
פאַרצערט א מילכאָמע,
דײַן יוגנט — א צווייטע,
דײַן עלטער — א דריטע.
און ס'טראָגט דײַן נעשאָמע
מיט הייליקן ציטער
אין טיפעניש אירער
אַנצאָליקע גריבער.
און ס'האָט ניט קיין איינע פון זיי

א מאַצייווע,
נאָר יעטווידער קייווער
איז דײַנער, איז דײַנער!

צו אכציק — א גיבער?
אוואַדע! אז ס'זײַנען
נאָך לויטער די אויגן
און זעען, דערפרייטע,
ווי ס'קומען אנטקעגן,
די קעפּ ניט געבויגן,
פון זיכערע וועגן
די קינדער, די יונגע,
די דורות, וואָס דו האָסט
געטרוימט און באַזונגען,
געבענטשט זיי
באַנאַנד מיט דײַן ערד מיט דײַן
ליבער, —
איז ווערסטו פון נאָכעס
צו אכציק — א גיבער!..

ווי לאַנג איז דאָס געווען

„מײַן אייניקל און עפּשער נאָך מײַן זון
וועט אויסשטעכן דעם טויט דאָס לעצטע אויג"[1]

ווער ווייסט עס ניט! — די צײַט לויפט גיך,
ס'פאַרהאַלט זי ניט די שטאַרקסטע גוורע! —
ווי לאַנג איז דאָס געווען, בייס איך
געשריבן האָב אָט די־אָ שורעס.

„מײַן זון"... — כ'האָב ניט געהאַט קיין זון.
כ'בין יונג געווען, ווי דער יאָרהונדערט,
און פול מיט מײַסעלעך און זון,
ווי ס'קינדער־אויג, וואָס אַלץ באַוווּנדערט.

דאָס איז אין מיר ביז איצט נאָך דאָ,
נאָר ס'איז באַווייט מיט שטילן אומעט:
ס'קען קיינער דאָך זײַן ליבסטע שאָ,
זײַן גליק פאַרלענגערן ביז אומענד!

[1] שורעס פונעם אווטאָרס ליד, געדרוקט אין יאָר 1923 אין זײַן ערשטער זאַמלונג.

און זאָל זיך דוכטן דיר

עמען

און אויב עס וועט
אינגאַנצן אומגעריכט
זיך אויסלעשן אין אויג בא מיר
דאָס ליכט,
דאָס ליד אין האַרץ,
און שוואַרץ,
ווי טיפהאַרבסטיקע נאַכט,
וועט זײַן דער העלער טאָג,
און יעדער וועג
און שטעג —
אַף שווערן שלאָס פאַרמאַכט,
זײַ שטאַרק, מײַן פרײַנט,
דײַן לעבן נישט באַקלאָג,
נישט שעלט!

גיי מיטן וועג צוריק —
צו יענעם ברעג,
ווו ס'האָט געוואַרט אַף אונדז
א פינקלענדיקע קוואַליע גליק
און ליכטיק־שטילע פרייד,
וואָס האָט מיט אונדז זיך ניט צעשיידט
ביז לעצטן וועג.

און זאָל זיך דוכטן דיר
בא יעדן קלאַפּ אין טיר,
בא יעדן קלונג פון טעלעפאָן,
אַז איך אָט־אָט קום אָן
מיט גוטע בסורעס פול... —
אַזוי פלעגט דוכטן מיר,
ווען דו פלעגסט אין דײַן שול
פאַרהאַלטן זיך צו לאַנג,
און ס'פלעגט מײַן אויער
כאַפּן מינדסטן קלאַנג
פון דײַנע טריט,
ווי ערשטן אָנזאָג פון א ליד.

טאַטע און זון

אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן,
איז נאָך אים געבליבן:
פּילן, פּראַשקעס און מיקסטורעס
גאָר א היפּשע קופּע;
א פּאָר הויזן, אויסגעקניטע
בא די פּיס צעדריבלט,
און דער סערדעט, וואָס געפּירט נאָך
האָט אים צו דער כופּע.

יאָ, געבליבן נאָך א קליינינק
פּושקעלע פון האָרן —
ס'פלעגט מיט שמעק־טאַבעק דער טאַטע
קוויקן וואָך און שאַבעס,
און געגאַנסן „אַפּן עמעס":
— יאָרן מײַנע, יאָרן,
ס'איז קיין איינס פון אײַך געוועזן
ווערט כאָטש איין שמעק טאַבעק!...

...אַז עס וועט דער זון אוועקגיין,
וועט נאָך אים פאַרבלײַבן:
שראַנקען ביכער, און באַם שרײַבטיש
א פאָטעל א ווייכער,
און א ליד, וואָס ניט באַוויזן
האָט ער צו דערשרײַבן, —
אַפּן שרײַבטיש וועט עס בענקען,
היטן לאַנג זײַן זייכער,
און דערמאָנען יענע שאָען,
ווען צו וועלט און טויער
איז אַרײַן די אויסלייז־בסורע
מיט צעשפּרייטע פאָנען,
און דער הימל איז געוואָרן
וואַרעמער און בלויער,
ווען ער האָט דערזען — מיליאָנען,
העלדישע מיליאָנען!
און דער וווקס פון מענטש — דעם כאַוער,
וואָס איז היך געוואָרן
און ער שוועבט שוין צו די שטערן —
אייביקע שטורקאַצן...
אין דער לעצטער שאָ כ'וועל זאָגן:
— יאָרן מײַנע, יאָרן,
ניט פאַראַן אַזעלכע אויצרעס
אײַך אַף אָפּצושאַצן!

הונדערט יאָר מאַרשרוטן

איך שפּאַן דורך ראַכוועסן פון לאַנד,
דורך מיזרעך, מײַרעוו, דאָרעם, צאָפן...
מײַן אייניקל, דאָס מויל האַלב אָפן,
גייט אומעטום מיט מיר באַנאַנד.

איך פיל זײַן האַרץ, ווען כ'האַלט זײַן האַנט
און מאָל אים הונדערט יאָר מאַרשרוטן.
איך האָב זיי ליב, אָט די מינוטן,
ווען כ'ווײַז מײַן ייִרעש אונדזער לאַנד,

און ס'גייט מיט אונדז די וועלט — א יונגע
און טרוימען הערלעכע זי וועבט... —
און ס'איז מיר גוט, וואָס כ'האָב געלעבט
און האָב מײַן ווונדערצײַט באַזונגען!

אוי, די זיידעס

פון צימער זײַנעם גייט אַרײַן מײַן אייניק,
א ניט־צופרידענער.
ער קלאָגט זיך שטיל,
אז שאָען האָט דער טאָג זײַנער
צו ווייניק
און לערער
האָט דער טאָג זײַנער צופיל,
און יעדערער פון זיי „פּאַרגיט" אַף מאָרגן,
און ניט אלצדינג
גייט גרינג אזוי און גלאַט...

איך שמייכל און איך זאָג:
— די זעלבע זאָרגן
האָט אויך דײַן זיידע נאָך געהאַט...
און ס'וועט אויך דײַן אייניק,
אזוי ווי דו, זיך קלאָגן,
און דו, מיט יאָרן שוין
און מיט דערפאַרונג רײַך,
ווי איך אַצינד, וועסט שמייכלען
און וועסט זאָגן:
— אוי, אלע זיידעס זײַנען גלײַך...

וואָס פעלט דער מאַמען

א ווענטל א דינס טיילט מיך אָפּ פון מײַן שאָכן.
... מײַן זייגער ציילט לאַנג שוין
פון מאָנטיק די טריט.
נאָר דאָרט, הינטער וואַנט,
איז נאָך ניט אינדערוואַכן:
מע לאכט נאָך דאָרט הויך,
און מע זינגט נאָך א ליד.

באלד שפּראָצט שוין אָף טאָג!
נאָר מע האלט אים, דעם זונטיק,
באַם ברעג פון א פאַלע —
ער זאָל ניט אוועק...
אוי, קינדער,
איר ט'האָבן נאָך טויזנטער זון־טעג,
איך קען דאָך אײַך אלע,
און כ'קען אײַער וועג!

דו, לאַכערקע, כ'ווייס:
ס'איז דײַן מאַן שוין א דאָקטער,
און דו ביסט דער שעף
פון דײַן צעך שוין א יאָר.
... כאלוימעס, פון זון
און פון גאָלד אויסגעטאָקטע,
עס זעט זיי דײַן מאַמע
שוין איצט אָף דער וואָר...
נאָר אלץ איז איר ווייניק, דײַן מאַמען,
צו ווייניק!
איך ווייס, וואָס עס פעלט איר
און לאָזט ניט צורו:
אַן אייניקל וויל זי,
עס פעלט איר אַן אייניק,
א בלאָנדס, א בלוי־אויגיקס, א פריילעכס,
ווי דו...

דאָס איז דאָך נאַטירלעך אזוי...

דער הימל דער ליכטיקער, בלויער —
אויך ער איז ניט אלעמאָל בלוי.
ניט שעם זיך, מײַן האַרץ, ווען א טרויער
באַלייגט מיט א וואָלקן דיך גרוי, —
דאָס איז דאָך נאַטירלעך אזוי.

און שטײַגסטו צו באַרגישע שפּיצן,
איז ווי זאָלסט ניט וויסן גענוי
דעם וועג, — וועסט ניט שטענדיק באַשיצן
דײַן פוס פון א פּלוצלינגן „אוי!" —
דאָס איז דאָך נאַטירלעך אזוי.

די לאָנקע — ניט שטענדיק די זון איר
ברענגט אויצרעס פון ליכט און פון טוי, —
ס'צערודערט זי אָפּט אויך א דונער,
און ס'פּליקט זי א ווינט מיט געוווי, —
דאָס איז דאָך נאַטירלעך אזוי.

ניט שטענדיק איז גרינג דײַנע לידער
אין גרויסן און שווערן געבוי...
ווי אייגענע לײַבלעכע ברידער,
ס'געמיט זיי אינגאנצן פאַרטרוי! —
דאָס איז דאָך נאַטירלעך אזוי...

בוזי מילער

צוגעבונדנקייט

דערציילונג

1

צו דער ארבעט איז דער עלטערער פלאנירער איסאַק מאַרקאָוויטש מאַלקין געקומען דעם טאָג מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, און דאָס איז געווען אומגעוויינלעך. קעסיידער פלעגט ער קומען פּינקטלעך צו דער מינוט, אַזוי אַז מע וואָלט געקאָנט לויט אים אָנשטעלן דעם זייגער. אופגעפירט האָט ער זיך דאָס מאָל אויך ניט אַזוי, ווי אַלע מאָל.

געוויינלעך: אַרײַנקומענדיק, בלײַבט ער אַ ווײַלע שטיין אפן שוועל און פון דער הייך פון זײַן היפּשן וווּקס באַטראַכט ער מיט די עטוואָס אויבנוף אוועקגעשטעלטע גרינבלעכע אויגן פון אונטער די צונויפגעוואַקסענע געדיכט־שוואַרצע ברעמען (דער בליק אַ צוגעזשמורעט־שמייכלענדיקער) זײַנע מיטאַרבעטער, שטעקט אָפּ אַ ברייטן „גוט־מאָרגן" — ער טוט עס אַזוי, אַז עס פילט זיך מאַמעש דער עכטער באַטײַט פון אָט דעם ווילן וואָרט „אַ גוט־מאָרגן" — און לאָזט זיך פּאַמעלעך גיין צו זײַן טיש באַם הויכן פענצטער. דאָ זעצט ער זיך באַײַשעווּט אוועק און נעמט זיך צו זײַנע פּאַפּירן. אַ טייל באַקומט ער אַרויס פונעם פּאָרטפעל, וואָס ער ברענגט מיט זיך, אַ טייל פון די טיש־קעסטלעך. אויסגעלייגט די פּאַפּירן אינעם נייטיקן סיידער, נעמט ער אַרויס פון אַ טונקעלן שיידל די באַגילדעטע ברילן אָן רעמלעך, טוט אַ הויך אָף די גלעזלעך, ווישט אַקוראַט אויס מיט אַ שעמערירנדיקן טיכל און

לייגט זיי אוועק אפֿן טיש. דערנאָך שטעלט ער אוועק די מאסיווע געל־אָפּגלאַנצנדיקע שטשאַ־טעס, און ווען ער איז שוין אַזוי אײַנגאַנצן גרייט צו דער אַרבעט, וואַרפֿט ער זיך עטוואָס אָפּ אפֿן בענקל און טוט געמיטלעך אַ זאָג:

— נו, איז וואָס הערט זיך עפּעס נײַס אין דער וועלט?

דאָס באַטײַט: די אַרבעט וועט ניט אַנטלויפֿן. נישקאָשע, מיר זײַנען ניט קיין הינקענ־דיקע שנײַדער, אונדזערס וועלן מיר באַווײַזן.

דירעקט טוט איסאַק מאַרקאָוויטש זיך אַ ווענד מיט דער דאָזיקער פֿראַגע צום עלטערן בוכהאַלטער מאַקאַר מיכײַלאָוויטשן, וועלכער זיצט בײַ זײַן מאסיוון טיש לעבן אַנדערן פֿענצטער. מאַקאַר מיכײַלאָוויטש קויפֿט אַלע אײַנדערפֿרי אַ פֿרישע צײַטונג און פֿאַרן אָנהייבן די אַרבעט באַקענט ער זיך מיט די לעצטע נײַעס. אויף איסאַק מאַרקאָוויטשעס פֿראַגע ענטפֿערט ער געוויינלעך גאָרניט. ער טוט נאָר אַ שטעל אַרויס אויף אַ ווײַלע זײַן גלאַנציק אָפּגעפּאַ־לירטן פּליך און באַהאַלט אים ווידער אונטער דער צעשפּרייטער בלאַט. אויף דער פֿאַרגעבענער פֿראַגע ענטפֿערט איסאַק מאַרקאָוויטש אַליין. ער הערט אַלעמאָל אויפֿמערקזאַם אויס די אײַנדערפֿרײַיִקע נײַס דורך ראַדיאָ, און די וויכטיקסטע פֿון זיי האָט ער ליב צו דערציילן זײַנע מיטאַרבעטער, צוגעבנדיק צומאָל אַן אייגענעם קאָמענטאַר. עס טרעפֿט, אַז דערבײַ פֿאַרפֿירט זיך אַ שטיקל דיסקוסיע צווישן אים און דעם קאַלקוליאַטאָר סעמיאָן לאַזאַרעוויטש מיראָנקין, וועלכער זיצט אַנטקעגן. דאָס איז אַ קליין, דאַר און ביז גאָר זשוואַווע מענטשל. אַפֿילו, ווען ער זיצט אפֿן אָרט, דאַכט זיך, אַז ניט נאָר ער אַליין, נאָר צוזאַמען מיט אים דאָס בענקל, דער טיש, אַ שטיק צימער רוען ניט, טאַנצן אונטער, גייען כאַדאָראָם... סעמיאָן לאַזאַרעוויטש האָט אַ טעווע: וואָס פֿאַר אַ נײַס מע זאָל ניט מיטיילן, טוט ער זיך אַ קלאַפּ אין ברוסט און שרײַט אויס:

— וואָס האָב איך אָבער געזאָגט? איך האָב שוין פֿון לאַנג געזאָגט, אַז אַזוי וועט זײַן!

אַזוי איז געווען, ווען ס'איז פֿאָרגעקומען די איבערקערעניש אין טשילי, אַזוי — ווען מע האָט אַראָפּגעוואָרפֿן קאַעטאַנאָ אין פּאָרטוגאַל... איסאַק מאַרקאָוויטשן פֿאַרדריסט עס, און ער נעמט אַלעמאָל דערווײַזן מיראָנקינען, אַז יענער האָט אַזױנס ניט געזאָגט, ניט געקאָנט פֿון פֿריִער זאָגן און אַז ביכלאַל זאָגט ער אַלעמאָל נאָר דאָס, וואָס איז שוין געווען אין די נעכטיקע צײַטונגען...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך אויף אַזאַ אויפֿן מיט זײַן אָפּאָנענט און אומקערנדיק זיך צו די נײַעס, וועגן וועלכע עס איז געגאַנגען אַ רייד, רוקט איסאַק מאַרקאָוויטש ענערגיש איבער עטלעכע ביינדלעך אויף די שטשאָטעס און טוט אַ זאָג, ווי אונטערציִענדיק אַ סאַכאַקל:

— נישקאָשע, עס וועט זײַן אַ רועך אין זייער טאַטנס טאַטן! אָט וועט איר זען!..

דערמיט מיינט ער אַ פּינאָטשעט, אַ קאַעטאַנאָ און זייער גלײַכן.

מיראָנקין האָט געלעכצט כאַפּן איסאַק מאַרקאָוויטשן כאָטשבי אין אַ מינדסטן טאָעס, האָט ער אים איינמאָל אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָגט נאָר, ווער איז עס דער טאַטע זייערער, וואָס איר שעלט אים קעסיידער? איר קענט אים כאָטש?

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט אָפּגעשטעלט אויף מיראָנקינען אַ לענגערן בליק און פֿאַר זיך באַשלאָסן, אַז דאָס איז, ווײַזט אויס, דער ערשטער פֿאַל, ווען ער מעג מאסקים זײַן מיטן היציקן קאַלקוליאַטאָר. מיט אַ מאַכטייסע־שמייכל אין די היפּשלעכע שוואַרצע וואָנסן האָט ער אים געענטפֿערט:

— דאָס מאָל זײַט איר גערעכט, מיראָנקין. ווער זייער טאַטע איז, ווייס איך טאַקע ניט, און דאָס איז גאָר ניט אַזוי לײַכט צו וויסן — זיי זײַנען דאָך אַלע מאַמזיירים! איינער מער מאַמזער פֿונעם אַנדערן!..

און האָט צוגעגעבן:

— עס וועט זײַן אַ רועך אין זייער טאַטנס טאַטן! אָט וועט איר זען...

אַזוי — געוויינלעך.

דאָס מאָל איז אָבער אַלץ געווען פֿאַרקערט. אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס איסאַק מאַרקאָ־וויטש האָט פֿאַרשפּעטיקט. אפֿן שוועל האָט ער זיך ניט פֿאַרהאַלטן, ניט אַרומגעפֿירט אַלעמען מיט זײַן שמייכלדיק־צוגעזשמורעטן בליק און ניט מעכאַבעד געווען מיט זײַן ברייטן „גוט־מאָרגן". ווי האָבנדיק פֿאַר עפּעס מוירע אָדער שעמענדיק זיך צו קוקן די מיטאַרבעטער אין די אויגן — דאָס איז געווען אַזוי ניט ענלעך אויף אים, — האָט ער קוים צו הערן זיך באַגריסט און אָפּגעיך צוגעגאַנגען, קימאַט צוגעלאָפֿן צו זײַן טיש. אַרויסגעכאַפּט די ברילן פֿונעם שיידל, ניט אויסווישנדיק, זיי האַסטיק אַ וואָרף געטאָן אויף דער נאָז און גלײַך

גענומען וואַרפן אַף די שטשאַטעס, ווי אײַלנדיק זיך טייקעף אַפן אָרט אויסצוכעזשבענען עפּעס א וויכטיקן און זייער פאַרפּלאָנטערטן כעזשבן...
די מיטאַרבעטער האָבן געוואַרט, אַז באַלד וועט איסאַק מאַרקאָוויטש אָפּשטעלן די שטשאָטעס און מיט א רויִק שמייכלענדיקן בליק נעמען דערציילן עפּעס פון די וועלט־נײַס, וואָס ער האָט אינדערפרי געהערט דורך ראַדיאָ. דאָס מאָל איז עס אָבער ניט געשען. און בכלל האָט אויסגעזען, ווי אָט דער סאָלידער, באַדאַכטער מענטש, קעסיידער אַזאַ זיכערער אין אַלץ, וואָס ער זאָגט און טוט, וואָלט מיטאַמאָל אָנגעווירן היפּש פון זײַן סאָלידקײַט. דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אייניקע פון זײַנע מיטאַרבעטער האָט עס פאַרכידעשט, אַנדערע באַאומרויִקט.
דער ערשטער האָט, ווי זײַן שטייגער און אַף זײַן אויפן, רעאַגירט דער קאַלקוליאַטאָר מיראַנקין. פאַר כידעש האָט ער אַזוי טיף א רוק אַרײַן געטאָן דעם קאָפּ צווישן די שפּיציקע אַקסל, אַז דער קאָפּ איז אַזוי דאָרט א היפּשע ווײַלע פאַרבליבן שטעקן קימאַט ביז איבער די אויערן. און בעשאַסמײַסע האָט ער פון צווישן די אַקסל מאָדנע אַרויסגעשמייכלט און קוים אײַנגעהאַלטן זיך פון ניט אויסשיסן עפּעס אַזוינס, וואָס ער אַליין, ווי עס טרעפט, וואָלט נאָכדעם ניט געקאָנט דערקלערן, ווי־אַזוי עס איז בא אים אַראָפּ פון דער צונג...
דער עלטערער בוכהאַלטער מאַקאַר מיכײַלאָוויטש האָט מיט א שמאָלער טונקעלער האַנט א רײַב געטאָן דעם גלאַנציק אָפּגעפּאָלירטן פּליך זײַנעם און ווײַטער אַרײַנגעקוקט אין צײַטונג, און געווען איז ניט קלאָר, צי מיינט ער מיט אָט דעם זשעסט איסאַק מאַרקאָוויטשן אָדער גאָר עפּעס איינע פון די אויסגעלייענטע נײַס.
די מאַשיניסטקע מאַריִע לעאָנטיעוונע, אַן עלטערע, שטילע, בענימעסדיקע פרוי — זי איז געזעסן אין דער טיף פונעם צימער, אַזוי אַז די שײַן פוןביידע פענצטער איז געפאַלן אַף די מאַט־אָפּבלאַנקענדיקע קלאַווישלעך פון איר „אָלימפּיע”, — האָט מיט כידעש זיך איבערגעקוקט מיט דער טעכנישער סעקרעטאַרשע. יענע, נאָך גאָר א יונגינקע, א פּאָלינקע — פאַר איר שטענדיקער גרייטקײַט צו פאַרגיין זיך אין א קלינגענדיק געלעכטער האָבן זי אַלע גערופן פּאַשעט: ריטאָטשקע — האָט אַף שטומלאָשן געענטפערט: יאָ, איך זע. וואָס זאָל עס טאַקע באַטײַטן?
דער ערשטער האָט ניט אויסגעהאַלטן מיראַנקין. ער איז האַסטיק — אַזש איבערקערנדיק דאָס בענקל, — צוגעשפּרונגען צום עלטערן פּלאַנירער.
— וואָס איז געשען מיט אײַך, איסאַק מאַרקאָוויטש?
יענער האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט דער נאָך געדיכטער שוואַרצער שעוועליורע, אין וועלכער ס'האָט בלויז וווּ־ניט־וווּ זיך געזילבערט א גראָווע האָר, און דורך די ניט־באַרעמלטעברילן אָנגעשטעלט אַף זײַן צו היציקן קאָלעגע א שטעכיקן בליק:
— וואָס איז דען, האַ?
— איך זע דאָך, אַז...
— ניין, ניין, ס'איז גאָרניט געשען, — האָט איסאַק מאַרקאָוויטש אים איבערגעשלאָגן, — גאָרניט.
דער טאָן פון אָט די ווערטער איז געווען אַן אײַז־קאַלטער, און מיראַנקין, פּונקט אַזוי האַסטיק, ווי ער איז ערשט צוגעשפּרונגען, איז גלײַך אָפּגעשפּרונגען צוריק און שיִער ניט געפאַלן איבערן בענקל, וואָס ער האָט פריִער אַליין אומגעוואָרפן.
בא זײַן מאַסיוון טיש האָט דער עלטערער בוכהאַלטער נאָכאַמאָל א רײַב געטאָן דעם גלאַנציקן פּליך און אוועקגעלייגט די צײַטונג. מאַריִע לעאָנטיעוונע האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער סעקרעטאַרשע. יענע האָט הויך א הייב געטאָן די אַקסעלעך, אין א זײַט א קרים געטאָן די פּולבלעכע ליפּן און ניט געקאָנט זיך אָפּהאַלטן פון טאָן א זאָג צעצויגן און אונטערגעשטראָכן הויך:
— מאָדנע...
ס'איז בעעמעס געווען מאָדנע. צו איסאַק מאַרקאָוויטשעס שטענדיקער קלוגער באַדאַכטקײַט, זיכערקײַט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַלץ — אין זײַן ניט געײַלטן גאַנג, אינעם ריידן מיט געציילטע ווערטער, אינעם באַהאַוונטן אויספּילן די אַרבעט — צו דעם אַלעם איז מען שוין דאָ לאַנג געווען געוווינט, פּונקט ווי צו דער ציכטיקער אַקוראַטקײַט פון זײַנע קליידער. אויך הײַנט האָבן פון אים אַראָפּגעשײַנט דער זויבער אויסגעפּרעסטער לײַכטער ווײַסער פּידזשאַק און די ווײַסע הויזן מיטן דײַטלעכן קנייטש אין דער גאַנצער לענג זייערער — אַן אײַדעס פון דער אומויסשעפּלעכער געטרײַשאַפט פון זײַנע יונגע טעכטער. נאָך דער מוטערס טויט מיט עטלעכע יאָר צוריק האַלטן זיי, דאַכט זיך, אין איין פּאַרמעסטן זיך — ווער וועט

ארויסוויַיזן מער געטריַישאפט דעם טאטן. אויך דאָס, אפֿאַנעם, האָט אים צוגעגעבן די רוּיִקע זיכערקײַט פֿון א מענטשן, וואָס האָט שוין איבערגעלעבט אלע זײַנע אומגליקן.

מע האָט זיך גענומען צו דער ארבעט. ס'איז געווען הייס, האָט מען אָף די פֿענצטער אראָפּגעלאָזט די טונקעלע גארדינען. אין זייער שיטערלעכער דורכזיכטיקייט האָט, א דורכגעזיפּטע, זיך געהאלטן די זון, און אָף זייער פֿאַן האָבן זיך אויסגעטיילט בא איין טיש איסאק מארקאָוויטשעס וויַיסער אַנצוג, באַם אנדערן — מאקאר מיכיַילאָוויטשעס גלאנציקער פּליך.

געארבעט האָט מען מיט געוווינטער, ניט געיַילטער זיכערקײַט. די דאָזיקע אומגעשטערטע אינערלעכע רוּיִקייט פֿון אָט די מענטשן האָט זיי באשיצט פֿונעם אומרו פֿון דער ארומיקער וועלט, פּונקט ווי די טונקעלע גארדינען האָבן פֿארהיט זיי פֿון דער צו שטארקער דרויסנדיקער היץ.

ריטע האָט קיין טאטע־מאמע ניט געהאט. זי האָט זיך דערצויגן אין א קינדערהיים. נאָך דער מיטלשול האָט זי געפּרוּווט אָנקומען אין א מעדיצינישן אינסטיטוט, נאָר ניט אויסגעהאלטן דעם קאָנקורס. ארבעט זי דערוויַיל אלס טעכנישער סעקרעטאר. און איינע פֿון די סיבעס, וואָס זי האלט זיך דאָ, באשטייט אין דעם, וואָס זי האָט דאָ געפֿונען א טאטן מיט א מאמען. יאָ, יאָ. עמעס, ניט דער „טאטע", ניט די „מאמע" הייבן אָן דערפֿון צו וויסן, נאָר אזוי איז עס. ריטע ווייסט: פֿאַרשטעלן זיך אָט די צוויי, אזעלכע ביז גאָר פֿארשיידענע מענטשן, אלס מאן־און־וויַיב איז אומעגלעך, נאָר וואָס מאכט עס אויס? פֿאר איר איז ער — א טאטע, זי — א מאמע. וועגן דעם ווייסט נאָר זי איינע? איז וואָס? פֿאר איר איז עס גענוג.

דער טאטע איז איסאק מארקאָוויטש.

די מאמע — מארי̇ע לעאָנטיעוונע.

יאָ, יאָ.

קאָן דען ריטע גליַיכגילטיק צוזען, ווי מיט איר „טאטן" איז פֿאָרגעקומען עפּעס א פֿארענדערונג, און ניט פּרוּוון זיך דערוויסן די סיבע? פֿונדעסטוועגן האָט זי נאָך לאנג זיך געשלאָגן מיט דער דייע — פֿרעגן, צי ניט? סאַפּקאָלסאָף האָט זי ניט אויסגעהאלטן.

— איר זעט הײַנט אויס אזוי מאָדנע, איסאק מארקאָוויטש... עפּעס איז געשען?

די דאָזיקע פֿראגע איז דערגאנגען צו מיראָנקינען, און ער האָט עס אופֿגענומען ווי א סיגנאל, אז ער מעג זיך אויך אריַינמישן.

—איסאק מארקאָוויטש, — איז ער אופֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, — עפּשער איז בא איַיך קאליע געוואָרן די ראדי̇אָ און איר האָט ניט געהערט הײַנט די לעצטע נײַס?

— ס'איז גאָרניט געשען, ריטאָטשקע, — האָט איסאק מארקאָוויטש שטיל א זאָג געטאָן צום מיידל און עטוואָס העכער צו מיראָנקינען: — די ראדי̇אָ איז בא מיר אין אָרדענונג. די לעצטע נײַס האָב איך געהערט. — געזאָגט געוואָרן איז עס מיט אזא טאָן, מע זאָל פֿארשטיין: די נײַס פֿון ראדי̇אָ האָבן צו זײַן שטימונג קיין שום שײַכעס ניט.

— וואָס זשע פֿאר א נײַס? — האָט זיך ניט באַרוּיִקט דער קאלקוליאטאָר.

זײַן זשוואוועדיקייט, היציקייט זײַנען איסאק מארקאָוויטשן פֿון לאנג געווען דערווידער. האָט ער איצט בלויז אויסדריקלעך א קוק געטאָן אָף סעמיאָן לאזארעוויטשן און גאָרניט געענטפֿערט. דאָס האָט שוין ריטען אויך א ביסל פֿארדראָסן. זי האָט ביכלאל ניט געקאָנט פֿארליַידן קיין אוולעס, און דעריקער די, וואָס זי האָט געהאלטן פֿאר דער גרעסטער אוולע אין דער וועלט, — וויסן עפּעס און ניט דערציילן...

— וואָס זשע שוויַיגט איר? —האָט זי באַרויגעז זיך אָנגעבלאָזן, טאקע ווי אָף א טאטן.

איסאק מארקאָוויטש האָט אראָפּגענומען די ברילן, זיי אוועקגעלייגט אָפֿן טיש, א קוק געטאָן קורץ אָף ריטען, ווי אויסגעמוסערט זי מיט אָט דעם קוק, אויסגעמיטן מיטן בליק מיראָנקינען, עטוואָס לענגער זיך אָפּגעשטעלט אָף מארי̇ע לעאָנטיעוונען, און ניט אזוי אָף איר, ווי אָף אירע לאנגע פֿינגער, וואָס האָבן זיך לײַכט באוועגט איבער דער קלאוויאטור פֿון דער „אָלימפּיע", דערנאָך א קער געטאָן זיך צו מאקאר מיכײַלאָוויטשן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אָף זײַן גלאנציקן פּליך, ווי וועלנדיק אין אָט דעם פּליך עפּעס אריַינזאָגן, און ענדלעך פּאמעלעך, שטיל אָפּגעציילט די ווערטער:

— עס גיבט קיינע נויס.

מע האָט געוווּסט: אָף דער מילכאָמע איז איסאק מארקאָוויטש געווען אן אויסשפּירער, דערנאָך אן איבערזעצער אין א שטאב, און ווען־ניט־ווען ווארפֿט ער נאָך איצט אויך אריַין אמאָל א דײַטשיש וואָרט. דאָס האָט בא קיינעם ניט ארויסגערופֿן קיין כידעש. געכידעשט האָט עפּעס אנדערס: מע האָט געזען — ער האָט נײַס, פֿארוואָס זשע שוויַיגט ער?

— פֿארוואָס שוויַיגט ער? — האָט שפּעטער א ביסל ריטע, טוענדיק זיך א דריי לעבן

מאַריע לאַנטיעווענען אַזוי, אַז מע זאָל ניט באַמערקן, איר אײַנגערוימט אין אויער. — פּאַרוואָס?

די מאַשיניסטקע האָט פּונקט אַרײַנגעלייגט אַ ריין בלעטל, אָף וועלכן זי האָט נאָך גאָר־נישט ניט אָנגעשריבן, האָט זי אויסגעקלאַפּט אָף דעם פּאַר ריטען: Да, это странно. Очень странно.

דאָס בלעטל האָט זי אַרויסגענומען און אַרײַנגעשטעלט אַ נײַס.

ביזן סאָף פֿונעם אַרבעטסטאָג האָט איסאַק מאַרקאָוויטש מער קיינעם גאָרניט געזאָגט. נאָך דער אַרבעט — און דאָס איז אויך געווען מאָדנע — איז ער ניט אַהיימגעגאַנגען. די סמעטע, — האָט ער דערקלערט, — וואָס ער האַלט אין צונויפשטעלן, מוז ער נאָך הײַנט פֿאַרענדיקן.

און אָט זיצט ער איינער אַליין אינעם פּוסט געוואָרענעם צימער. פֿאַר אים ליגט די סמעטע, נאָר ער האָט אין איר ניט אַרײַנגעקוקט. פֿאַרטראַכטערהייט קלאַפּט ער מיט די פֿינגער איבערן טיש, האַלטנדיק אָנגעשטעלט אַ שטאַרן בליק אָף דער וואַנט אַנטקעגן. פֿאַר־טיפֿט אין זײַנע געדאַנקען, האָט ער ניט געהערט, ווי ס'איז אַרײַנגעקומען די אופֿראַמערן. באַמערקט האָט ער זי, ווען זי איז שוין געשטאַנען איבער אים מיט עפּעס אַ בלעטל אין האַנט.

— עפּשער איז עס אײַך נייטיק, אָט דאָס בלעטל? — האָט זי געפֿרעגט.

— ס'איז דאָך אַ ריין בלעטל, — האָט ער זיך פֿאַרכידעשט, — צו וואָס גיט איר עס מיר?

— ניין, דאָ איז עפּעס אָנגעשריבן, — האָט די אופֿראַמערן, אַן עלטערע, צעפּלאָסן־פּולע פֿרוי, געענטפֿערט און, טוענדיק ווײַטער איר אַרבעט אַרום די בענקלעך און טישן, ניט אופֿגעהערט גאַנץ הויך צו טײַנען צו אים אָדער צו זיך אַליין: — כ'זע, אַ בלעטל, געוואַלט אַרויסוואַרפֿן, ערשט כ'טו אַ קוק — אַ שורע, אַן אָנגעדרוקטע שורע. שטאַרק קיין גראַמאָטנע בין איך ניט, נאָר כ'ווייס — אַ וואָרט האָט אַ ווערט, ביפֿראַט אַן אָפּגעדרוקטס. עפּשער איז עס נייטיק...

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט געלאָזט ליגן דאָס בלעטל לעבן זיך. ערשט ווען די אופֿראַ־מערן האָט שוין אָפּגעטאָן אירס און איז אוועק, איז דער בליק זײַנער צעשטרייט געפֿאַלן אָף דער איינציקער שורע, וואָס איז אָף אָט דעם בלעטל געווען אָנגעדרוקט: Да, это странно. Очень странно...

גאָרניט פֿאַרשטאַנען, האָט ער אָפּגעלייגט דאָס בלעטל אין אַ זײַט און פֿאַרגעזעצט שטאַר צו קוקן אָף דער וואַנט אַנטקעגן. פּלוצעם האָט ער די דאָזיקע ווערטער דערזען אָף אָט דער וואַנט, פּונקט ווי זיי זאָלן שטיין דאָרט אויסגעקלעפּט פֿאַר זײַנע אויגן: ...очень странно...

2

טאַקע — מאָדנע. ריכטן זיך דערויף האָט ער ניט געקאָנט. ס'איז אים אַפֿן געדאַנק קיינ־מאָל אַזוינס ניט געקומען. און גיי ווייס, אַז די שולדיקע אין אַלץ וועט זײַן דאַפֿקע זי, די עלטסטע, די סאַמע גערעטענע טאָכטער זײַנע, רימע. געוויינלעך האָט מען מער ליב די ייִנגערע קינדער. באַ זיי אין דער מישפּאָכע — פֿאַרקערט. אַפֿילע ווען עס איז געקומען אָף דער וועלט די צווייטע טאָכטער, מירע, דערנאָך די דריטע, מאַשע, — אויך ווױלע און גערעטענע, — איז דער ליבלינג סײַ באַ אים, סײַ באַ דער מוטער אַלצייַנס פֿאַרבליבן רימע. אַ באַזונדער מין כיין האָט זי פֿאַרמאָגט אין זיך, אַזאַ, וואָס פֿון קינדווײַז אָן האָט אַלעמען צו איר געצויגן.

בעלע, די פֿרוי, האָט וועגן איר געזאָגט:

— זי איז אונדזער שענסטע טרייסט פֿאַר אַלץ, וואָס מיר זײַנען אויסגעשטאַנען.

אויסגעשטאַנען זײַנען זיי ניט ווייניק — די גאַנצע מילכאָמע פֿון אָנהייב ביזן סאָף. ער האָט זי אָנגעהויבן צו אַכצן, זי — צו זיבעצן יאָר. פֿון דער שול־באַנק — אין פֿײַער. די מילכאָמע — ווען זי האָט אומגעבראַכט, וועמען פֿאַרהאַרטעוועט. זיי האָט זי פֿאַרהאַר־טעוועט. וועמען זי האָט צעשיידט, וועמען צונויפֿגעפֿירט. זיי — צונויפֿגעפֿירט. ער איז געווען אַן אויסשפּירער, געגאַנגען אַפֿן סאַמע ראַנד פֿון לעבן און טויט... שווער פֿאַרווונדעט געוואָרן, מער אין אויסשפּיר גיין ניט געקאָנט, איז ער געוואָרן אַן איבערזעצער אין אַ שטאַב. זי איז אין אָט דעם שטאַב געווען אַ ראַדיסטקע. אַזוי האָט מען זיך באַקענט. אָפּגערעדט: וועט

מען פון פּיִער אַרויס גאַנץ, בלײַבט מען צוזאַמען. אי יאָ, אי ניט געגלייבט, אַז אַזוינס איז מעגלעך. מע איז אַרויס גאַנץ, נאָר שוין צום סאַמע סאָף פון דער מילכאָמע, פּאַנאַנדער־געוואָרפענע אַף פאַרשיידענע פראָנטן, אייניס דאָס אַנדערע פאַרלוירן. ער האָט אָנגעשפּאַרט אין מאַנדזשוריע, זי איז נאָך א צײַט פאַרבליבן אין דײַטשלאַנד. אָפּגעזוכט האָט מען זיך א יאָר אָנדערהאַלבן נאָך דער מילכאָמע, און צוויי מיט ניסים ניצל געוואָרענע לעבנס האָבן זיך געשטעלט באַנאַנד. אינגיכן איז געבוירן געוואָרן רימע. דאַן האָט בעלע געזאָגט:

— זי איז אונדזער שענסטע טרייסט פאַר אַלץ, וואָס מיר זײַנען אויסגעשטאַנען.

דערנאָך איז געבוירן געוואָרן מירע. זי ווייסט ביז איצט ניט, אַז געקומען אַף דער וועלט איז זי, ווײַל זיי האָבן געוואָלט האָבן א ייִנגל... מאַכמעס דער זעלבער סיבע האָט זיך נאָכדעם באַוויזן מאַשע.

מער קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט.

די טעכטער זײַנען געוואַקסן, פאַרשאַפן נאַכעס, סײַ ווען זיי זײַנען געגאַנגען אין קינדערגאָרטן, סײַ אין שול, נאָכדעם אין די אינסטיטוטן. צום אינסטיטוטישן נאַכעס האָט בעלע אָבער ניט דערלעבט. אַן אַלטע וווּנד פון מילכאָמע־צײַט האָט זיך פּלוצעם אָפּגערופן, און זי איז געשטאָרבן בא ניט קיין פולע פינף און פערציק יאָר... אַף הונדערטערליי אויפנים טראַכטנדיק און איבערטראַכטנדיק נאָכדעם וועגן זייער לעבן, איז איסאַק מאַרקאָוויטש געקומען צווישן אַנדערס אויך צו אַזא געדאַנק: די קויל, וואָס האָט אָט די אַלע יאָרן געשטעקט בא בעלען אין לײַב, ניט ווײַט פון די לונגען, — ווען זי טרעפט מיט אײן סאַנטימעטער טיפער, וואָלט זי נאָך דאַן צו אַלץ געמאַכט א סאָף... אין די קנאַפּע פּאָר צענדליק יאָר אָבער, וואָס זײַנען דורך, זינט די קויל האָט געטראָפן און ביז זי האָט אָפּגעטאָן אירס, האָט זיך אַרײַנגעלייגט א גרויס שטיק לעבן און זייער ביידנס גליק. א טרייסט איז אין דעם געווען, אָבער ניט אַזא, זי זאָל קענען לינדערן דעם אַנווער. ער איז מיט קיינעם מער זיך ניט צונויפגעגאַנגען. געוווּסט: אַזא, ווי בעלע, וועט פאַר אים מער ניט זײַן. און נאָך: צונויפגיין זיך מיט אַן אַנדער פרוי וואָלט באַטײַט — אַזוי האָט ער עס פאַרשטאַנען — פאַראַטן די טעכטער. טאָן אַזוינס האָט ער ניט געקאָנט און ניט געוואָלט. מע האָט צוזאַמען געלעבט, געאַרבעט, געלערנט, געפּירט די שטוב.

דער ווינט ברעכט אָפּ א צווײַג פון בוים, און דער בוים וואַקסט ווײַטער...

אַזוי איז עס געגאַנגען, ביז...

ניט פאַרשטיין, ניט באַגרײַפן קאָן ער, וויִאַזוי האָט פּלוצעם געגומען זיך דער אומגליק, פון וואָס פאַר א זײַט האָט ער אַף אים געטשאַטעוועט, וויִאַזוי זיך אונטערגעגאַנוועט, קעדיי מיט אַזא אַכזאָריעס אים נעמען שטיקן... און די שולדיקע אין אַלץ איז געווען רימע.

פון קינדווײַז האָט זי צוגעצויגן אַלעמען מיט איר ליבלעכקײַט, צערטלעכקײַט, גוטסקײַט. נאָר — א מאָדנע זאַך — וואָס מער זי, און צוזאַמען מיט איר אַלע אירע מײַלעס, זײַנען געוואַקסן, אַלץ ווייניקער כיין האָט זי געפונען בא די, וועמען אָט די מײַלעס האָבן געזאָלט צוציִען, — בא די יונגעלײַט, מיט וועלכע זי האָט זיך געלערנט, געאַרבעט, פאַרבראַכט. וואָס איז עס געוואָרן מיט די הײַנטיקע יונגעלײַט? — האָט ער, דער פאָטער, בעשום־אויפן ניט געקאָנט באַנעמען, — וועמען זוכן זיי און וואָס דאַרפן זיי, אויב אַזא, ווי זײַן רימען, גייט מען פאַרבײַ? עמעס, צום אונטערשייד פון אירע ייִנגערע שוועסטער, האָט זי ניט שטאַרק געהאַלטן פון קיין מאָדעס. דאָס קליידל — א קאָפּעלע העכער פון די קני, און ניט מער. ניט קיין מיני, ניט קיין מאַקסי. הויזן געהאַט אינגאַנצן איין פּאָר און פלעגט זיי אָנטאָן זייער זעלטן. קיין דזשינסן ניט פאַר־מאָגט אינגאַנצן. ניט גערייכערט. ניט מוירע געהאַט זיך מודיע זײַן, אַז זי פאַרשטייט ניט, מיט וואָס קאָנען צוציִען די פלאַטן מיט אויסלענדישע „שלאַגערס", ווו א הייזעריק קאָרכלען, א צוגעשטיקטע שעפּטשערײַ אָדער מעשונע ווילדע קולעס ווערן אַרויסגעגעבן פאַר געזאַנג... סײַדן דאָס טאַקע זאָל האָבן דערווײַטערט פון איר די באַקאַנטע יונגעלײַט? מעגלעך. ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט רימע שוין נאָכן אינסטיטוט אָפּגעאַרבעט א פּאָר יאָר אין א וויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע, נאָר קיין נאַכעס — דעם נאַכעס, וואָס ער, דער פאָטער, האָט געגאַרט צו זען אין דער טאָכטער, — איז ניט געווען. ניט איין מאָל האָט ער מיט א ביטערלעכן שמייכל זיך דערמאָנט דעם אַלטן אַנעקדאָט וועגן א מיידל און א כאָסן: ווען זי איז אַלט אַכצן יאָר, פרעגט זי: „ווער איז ער?" צו צוואַנציק: „וואָס איז ער?" בא פינף און צוואַנציק: „ווו איז ער?" רימע איז שוין געווען אין דעם עלטער, ווען מע פרעגט: „ווו איז ער?"

און דאָ האָט מיטאַמאָל זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר ניט ווײַט. געאַרבעט האָט ער טאַקע אין דער זעלבער לאַבאָראַטאָריע, ווו זי, רימע. א וויסנשאַפטלעכער טוער, אַן אָפענער מויעך, ווי מע האָט געזאָגט וועגן אים, צו זיבן און צוואַנציק יאָר — א קאַנדידאַט פון פיזיש־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן. אויסערלעך אויך ניט אַרויסצוואַרפן: העכער פון מיטעלן וווּקס,

די האָר לאַנג, נאָר מיט א מאָס, די באַקנבאַרדן — אויך, די פיגור אונטערגעצויגן, ספּאָרטיוו. א ווערטלזאָגער, א כוואַט. פאַרוואָס אַזוי לאַנג א באָכער? א בעניאַקיד בא גוט אײַנגעאָרדנטע עלטערן — דער פאָטער א דירעקטאָר פון א מאַגאַזין, די מוטער א דאָקטער — לעבט ער אָף אַלעם גרייטן, וואָס פעלט אים? צו וואָס פאַרפירן א פאַמיליע מיט איבעריקע דײַגעס און זאָרגן? אים איז אַזוי אויך ניט שלעכט. אַזוינס איז איצט צו טרעפן ניט זעלטן. ביפראַט, אַז ער איז טאַקע איבערן קאָפּ געווען פאַרנומען מיט לערנען — אין שול, אין אינסטיטוט, אין אַספּיראַנטור. נאָר אָט איז ער שוין מיט מאַזל געוואָרן א קאַנדידאַט, באַקומען א גוטע שטעלע, פאַרדינט ניט שלעכט, און די עלטערן האָבן גענומען אים אונטערדרײַלן: שוין צײַט א טראַכט טאָן וועגן א שידעך, זיי ווילן נאָך ניאַנטשען אן אייניקל אויך... וואָס איז, קיין ווילע מיידלעך ניטאָ? אָט זאָל ער גוט א קוק טאָן, וועט ער זיכער געפינען אַזא מיידל אַפילע בא זיך אין לאַבאָראַטאָריע. האָט ער זיך צוגעקוקט און געפונען! געפונען רימען... שוין א פּאָר יאָר, ווי מע אַרבעט אין איין לאַבאָראַטאָריע, מע גריסט זיך, אַמאָל וואַרפט מען זיך אַפילע דורך מיט א וואָרט, נאָר ערשט איצט האָט מען אײנס דאָס אַנדערע אָפּסנײַ דערזען, געפונען.

בא זײַנע עלטערן איז די פרייד געווען גרויס. רימע איז זיי געפעלן — און ווי האָט געקאָנט זײַן אַנדערש? דער כאָסן איז געפעלן אויך אים, איסאַק מאַרקאָוויטשן, — פאַר־וואָס ניט? — א יונגער געלערנטער, א ווילער באָכער, א פאַרדינער, פאַר רימען — ווי אָנגע־מאָסטן. עמעס, נאָך דעם, ווי ער האָט א פּאָר מאָל מיט אים זיך דורכגעשמועסט, איז אים געווען א ביסל ניט צום האַרצן, וואָס דער קינפטיקער איידעם האָט, ריידנדיק וועגן זײַן אַרבעט, שוין צופיל אַרויסגעשטעלט זיך, דאָס, וואָס ער טוט, און מיט ביטל זיך אָפּגערופן וועגן זײַנע קאָלעגן, ווי איינער רעדט: וואָס ווייסן זיי? אָט ער... דאָס האָט אין איסאַק מאַר־קאָוויטשעס אויגן אויסגעזען מאָדנע, נאָר ער האָט א טראַכט געטאָן: דער באָכער איז נאָך יונג, און דעריבער איז ער צופיל פאַרגלויבט אין זיך, אין די אייגענע קויכעס. מיט דער צײַט וועט ער פון אָט דעם כיסאָרן פאָטער ווערן און געפינען די ריכטיקע מאָס באַם אָפּשאַצן דאָס, וואָס ער טוט אַליין, און דאָס, וואָס עס טוען אַנדערע.

אינגיכן האָט מען געפּראַוועט א כאַסענע. צום יאָר איז געבוירן געוואָרן א קינד, א ייִנגעלע.

און וואָס איז אַזוינס גליק? ניט וועגן דעם האָט מען דען געטראַכט אין יענע טעג, ווען פון אַלע זײַטן האָט געהאָגלט דער טויט? ניט וועגן דעם — אין די ערשטע שווערע יאָרן נאָך דער מילכאָמע? איינס האָט בלויז פאַרשטערט אָט דאָס גליק — בעלע האָט דערצו ניט דערלעבט...

און ווײַטער... ווײַטער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אומגעריכטע און אומבאַגרײַפלעכע, וואָס ער, איסאַק מאַרקאָוויטש, קאָן ביז איצט ניט מאַסיג זײַן. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון קלייני־קײַטן, וואָס די ערשטע צײַט האָט ער פון זיי קיין איבעריקן ווען ניט געמאַכט. רימע איז א פּאָר מאָל געקומען צו אים עפּעס א סמוטנע. געווען איז עס שוין א פּאָר יאָר נאָך דער כאַסענע. מאַלע וואָס, האָט ער געקלערט, א יונג פּאָרפּאָלק, מיסטאָמע זיך צעווערטלט, וועט מען זיך איבערבעטן. איינמאָל איז זי געקומען א פאַרוויינטע. אָף זײַנע פראַגן — קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער גענומען באַמערקן, אַז רימע ווערט אַלץ מער כוישעכדיק, איז ער צוגע־שטאַנען — וואָס קומט פאָר?

— גאָרניט, — האָט זי געענטפערט.

— עדיק (אַזוי האָט מען גערופן דעם איידעם) באַליידיקט דיך עפּשער?

— ניין.

— וואָס זשע?

— גאָרניט.

— עפּשער האָט ער זיך גענומען צום טרונק? דערצייל, שעם זיך ניט.

— ניין.

— עפּשער שפּילט ער אין קאָרטן?

— ניט.

— עפּשער אומאָנגענעמלעכקײַטן אָף דער אַרבעט?

יאָ, האָט זי אים דערציילט, דאָ איז עס צוגעגאַנגען ניט אינגאַנצן קעשורע. וואָס איז? עס האָט זיך באַפרײַט דאָס אָרט פונעם אָנפירער מיט א סעקטאָר אין זייער וויסנשאַפטלעכן אינס־טיטוט. עדיק האָט אויסגערעכנט אָף דעם דאָזיקן אָרט, נאָר באַשטימט האָט מען דערויף אן אַנדערן, ניט אים.

— פאַרשטייסט, אן אַנדערן! — האָט רימע געזאָגט מיט דער זעלבער ניט צופרידענער

אינטאָנאַציע, ווי עס וואָלט געזאָגט עדיק אַליין. — און יענער איז דאָס אָרט לאַכלוטן ניט ווערט...

דאָס איז אויך עדיקס געדאַנק, — האָט אַ קלער געטאָן איסאַק מאַרקאָוויטש, און ער האָט געפרעגט בא דער טאַטער:

— און ווי, אויב פאַרקערט? אויב יענער, דער אַנדערער, האָט עס מער פאַרדינט?

— מער פון עדיקן? — האָט רימע איבערגעפרעגט.

— וואָס זשע, דו מיינסט, אַז קיין בעסערס און שענערס פון דיין עדיקן איז גאָר ניטאָ? זי האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן.

— דאָס מיין איך ניט, נאָר עדיק זאָגט...

— מאַלע וואָס עדיק קאָן אַמאָל זאָגן... — ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער אירע האָר. — דאָס, וואָס דו האַלטסט אַזוי מיטן מאַן, איז גוט. נאָר אַ ווייב דאַרף, ווען ס'איז נייטיק, אויך קענען וואָרענען דעם מאַן פון אַ פאַלשער מיינונג, פון אַ פּעלערהאַפטן שריט...

— איך האָב מוירע, אַז דאָס קאָן איך ניט, — האָט רימע געענטפערט.

— דעריבער ביסטו די לעצטע צייט אַזוי פאַרומערט?

זי איז צוגעפאַלן צו אים מיט אַ געוויין. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אָט דעם פּלוצלינג־דיקן אויסברוך.

— וואָס איז געשען, טאָכטער?

— אוי, טאַטע...

ער האָט זיך פאַרלוירן, ניט געוווּסט וואָס צו פרעגן.

— עפּשער איז דאָ אַרײַנגעמישט... אַ פרוי? דערצייל...

מעגלעך.

— מעגלעך, זאָגסטו?

— יאָ, ס'איז מעגלעך...

— און דו רעדסט וועגן דעם אַזוי פּאַשעט?

זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

— טאַטע, דו ווייסט גאָרניט, און בעסער דו זאָלסט ניט ויסן. האַלעווײַ וואָלט איך אויך דערפון קיינמאָל ניט געוווּסט...

— וואָס זשע איז געשען? — האָט ער אויסער־זיך געפרעגט.

נאָך אַ לאַנגן שווײַגן האָט זי אויפגעהויבן צו אים די פאַרוויינטע אויגן אוּן געזאָגט:

— טאַטע, אַלץ, וואָס דו האָסט ערשט אויסגערעכנט און פאַרוואָס דו האָסט מוירע, איז גאָרניט מיט נישט אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס איז אײַנדערעמעסן...

און זי האָט אים דערציילט. שוין אַ לענגערע צײַט, ווי עדיק האָט זיך פאַרבונדן מיט מענטשן, וועלכע קלייבן זיך פאָרן קיין ייִסראָעל. ער קלײַבט זיך אויך. צוערשט האָט ער עס פון איר געהאַלטן בעסאָד, דערנאָך געזאָגט.

— עדיק... קיין ייִסראָעל?

— יאָ, טאַטע.

— וואָס האָט אַזאַ, ווי ער, מיט ייִסראָעל, און וואָס האָט ייִסראָעל מיט אים?

— דאָס האָב איך אויך געוואָלט בא אים וויסן.

— און ער?

— פרעג ניט!

— וואָס איז אים שלעכט דאָ?

— אָט דאָס איז דאָך עס.

— אָבער פאַרט?

— די ערשטע צײַט פלעגט ער מיר ניט זאָגן, ווו ער ווערט פאַרפאַלן אין די אָוונטן. דערנאָך האָט ער מיך אַ פּאָר מאָל אויך געבראַכט אין זײַן קאָמפּאַניע.

— נו?

— פרעג ניט, טאַטע, כ'האָב זיך אַזוינס דאָרט אָנגעהערט... געקוקט אָף די מענטשן און געטראַכט: ווו זײַנען זיי געבוירן געוואָרן, ווו געוואַקסן?

— וואָס זשע?

— לויט זיי קומט אויס, אַז גראָד ייִסראָעל איז זייער היים...

— ס'הייסט, דאָרט, ווו דו האָסט קיינמאָל ניט געזעגט און ניט געגעבעכטיקט, איז דײַן היים? און דאָרט, ווו דו ביסט אופגעוואַקסן, ווו מע האָט געמאַכט פון דיר אַ מענטש, — דאָס איז ניט דײַן היים?

— אזוי, טאַטע, קומט לויט זיי אויס.
— און דו, טאָכטער, דו ווי האַלטסט?
— איך האַלט, טאַטע, אַז דאָס איז פּאַראַט. פּאַראַט פֿונעם טײַערסטן, פֿונעם הייליקסטן, וואָס קאָן זײַן...
— האָסטו כאָטש זיי עס געזאָגט?
— יאָ.
— און זיי?
— פֿרעג ניט! מע האָט זיך אָף מיר אַרופֿגעוואָרפֿן — און עדיק דער ערשטער — גרייט מיך דוירעס צו זײַן. אַ פֿאַרעטערן, קומט אויס לויט זיי, בין איך גאָר... אַ פֿאַרעטערן, הערסט?.. — אין די אויגן בא רימען זײַנען געשטאַנען טרערן.
— איך מוז אומבאַדינגט זיך דורכשמועסן מיט עדיקן.
— ס'וועט ניט העלפֿן, טאַטע.
— פֿאַרוואָס מיינסטו?
— איך ווייס.
— נאָר איך מוז.
ער האָט געוווּסט — אייניקע ייִדן פֿאָרן קיין ייִסראָעל. צווישן זײַנע אייגענע, באַקאַנטע, נאָענטע זײַנען אַזעלכע ניט געווען. דער ערשטער פֿון דעם מין האָט געזאָלט זײַן דער איידעם. און אים האָט ביז גאָר אינטערעסירט, מיט וואָס מאָטיווירט יענער זײַנע קאַוואָנעס. פֿאַר אים אַליין, פֿאַר איסאַק מאַרקאָוויטשן, איז אָט די פֿראַגע קיינמאָל ניט געשטאַנען. וואָס הייסט, האָט ער געטראַכט, פֿאָרן אַהין? וווהין אַהין און צוליב וואָס? ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, ווי נעמט מען עס אַזוי אָט, הענדעם־פֿענדעם, און מע פֿאַרלאָזט די ערד, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן, ווו עס האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן דײַנע טאַטעס, זיידעס און עלטערזיידעס... די ערד, ווו עס איז געשטאַנען דײַן וויגל... ווו דו האָסט זיך פֿאַרוויילט איז דײַנע ערשטע קינדער־שפּילן... איבערגעלעבט דײַן ערשטע ליבע... די ערד, ענדלעך, פֿאַר וועלכער דו האָסט פֿאַרגאָסן דײַן בלוט, באַשיצנדיק זי... און וווהין פֿאָרן? אין אַ לאַנד, ווו ווייס איך ווען, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, האָבן געלעבט די אָוועס־אָוויסיינו, נאָר ווו ס'איז איצט פֿאַר דיר אַלץ פֿרעמד. אַ לאַנד, וואָס אָף צו באַזעצן דיך און אַזעלכע, ווי דו, אָנגעקומענע, אָנגעפֿאָרענע, דאַרף מען דאָרט פֿאַרטרײַבן, אויקער מין האַשוירעס זײַן מענטשן אָרטגע־בירטיקע פֿון זייערע אײַנגעזעסענע ערטער... און צוליב וואָס ווערט דאָס געטאָן? מע טײַנעט וועגן היכע מאַטעריעס — נאַצ׳אָנאַלע ווירדע... אין וואָס זשע דאַרף אָט די ווירדע באַשטיין? ניט שוין זשע אין דעם, מע זאָל פֿאַרפֿאָלגן אַנדערע? און ווער דאַרף עס טאָן — ייִדן, וואָס זײַנען אַליין אין מעשעך פֿון יאָרטויזנטער אונטערדריקט און פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן? ניין, די נאַצ׳אָנאַלע ווירדע פֿון יעדן ייִדן באַשטייט גיכער אין עפּעס אַנדערס — אין דעם, מע זאָל צוזאַמען מיט אַנדערע אומעס־האָוילעם אונטערשטעלן אַ פּלייצע אָף אויסצו־בויען אַ לעבן, ווו קיינער וועט קיינעם ניט פֿאַרפֿאָלגן...
אַזוי האָט וועגן דעם געטראַכט ער, איסאַק מאַרקאָוויטש. וואָס טראַכט אָבער דער איידעם זײַנער? ער האָט געוווּסט: יענער זוכט ניט קיין מעגלעכקייט צו מאַכן עפּעס אַ ביזנעס, ווי אַנדערע. ער איז, דאַכט זיך, אויך ניט פֿון די נאַראָנים, וואָס גיבן זיך גלײַך אונטער אָף דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון די אויסלענדישע ראַדיאָסטאַנציעס. טאָ וואָס זשע? אָט דאָס האָט איסאַק מאַרקאָוויטש געוואָלט וויסן.
געקומען איז ער צו די קינדער אין אָוונט. געוווינט האָבן זיי אין אַ קאָאָפּעראַטיווער דירע, וואָס טאַקע ער, צוזאַמען מיט עדיקס עלטערן, האָבן פֿאַר זיי געקויפֿט. פֿון זײַן זײַט איז עס געווען „נאַדן" פֿאַר דער טאָכטער, פֿון זייערער — „דראָשע־געשאַנק" צו דער כאַסענע, אויב האַלטן זיך בא אָט די אַלטע באַגריפֿן. נאָר זיי זײַנען, אַפֿאָנעם, שוין ניט אַזוי אַלט, אויב אַפֿילע, ניט באַנוצנדיק זיך מיט זיי, צאָלט דאָך יעדער צאַד אײַן, „ווי אַ טאַטע", זײַן כיילעק... אויסגעמעבלט איז די דירע געווען לויט דער לעצטער מאָדע, מיט אַ גאַרניטור אין אַלקער, אַ גאַרניטור אין קיך, און דאָס אויך ניט אָן דעם אָנטייל פֿון די מעכוטאָנים.
רימע האָט אין אַלקער באַלייגט שלאָפֿן דאָס קינד. עדיק איז אינעם ערשטן צימער געזעסן באַם זשורנאַל־טישל אין אַ פֿאָטעל און האָפּערדיק, פֿאַרלייגט אַ פֿוס אָף אַ פֿוס, געשמועסט מיט עמעצן אין טעלעפֿאָן. פֿאַרן שווער האָט ער, זיצנדיק, סטוואָס זיך פֿאַרנייגט און מיט אָן אײַנלאַדנדיקן זשעסט אָנגעוויזן אָפֿן פֿאָטעל אנטקעגן. גערעדט האָט עדיק אָף אַ שפּראַך, וואָס איסאַק מאַרקאָוויטש האָט ניט פֿאַרשטאַנען. אייניקע ווערטער האָבן אים יאָ

אויסגעזעען קענטלעך, האָבן זיי אָבער געקלונגען אזוי מאָדנע פּאַרדרייט, אַז ער איז סײַווי אַרויס ניט וויסנדיק.

— שאַלאָם! שאַלאָם! — האָט ענדלעך אַ זאָג געטאָן עדיק אין טעלעפאָן און אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

— אַף וואָס פאַר אַ לאָשן האָסטו גערעדט? — האָט געפרעגט דער שווער.

— איר האָט דען ניט פאַרשטאַנען?

—ניין.

— מאָדנע. גאָרניט פאַרשטאַנען?

— ניט.

— אַ שאָד. איך האָב גערעדט אַף אונדזער לאָשן.

— וואָס הייסט בא דיר „אונדזער לאָשן"?

— איווריט.

— פון ווען אָן, עדיק, איז איווריט געוואָרן דײַן לאָשן?

— פון ווען אָן? פון זינט איך בין געבוירן געוואָרן, פון זינט איר זײַט געבוירן געוואָרן, פון זינט עס זײַנען געבוירן געוואָרן אונדזערע אָוועס, איז איווריט אונדזער לאָשן.

— אונדזער לאָשן, כאָטש מיר ווייסן עס ניט?

— איך האָב ניט לאַנג צוריק אָנגעהויבן זיך לערנען, און איך רעד שוין ניט שלעכט.

— מיט וועמען האָסטו עס גערעדט, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— מיט מײַנעם אַ כאַווער, אַן אינזשעניער פון אונדזער לאַבאָראַטאָריע. מיר האָבן ביידע אײן צײַט גענומען לערנען די שפּראַך...

— און — צו וואָס?

— וואָס — צו וואָס?

— צו וואָס דאַרפט איר עס?

— קעדיי, ווען מיר וועלן קומען אַהין, זאָלן מיר פאַרשפּאָרן גיין אַף שפּראַך־קורסן און גלײַך באַקומען אַ שטעלע.

— זאָג מיר: דאָ איז בא דיר אַ שלעכטע שטעלע, עדיק?

— דאָ?

— יאָ, דאָ.

— דאָ איז ניט דאָרט.

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז דער שניפּס וואָרגט אים דעם האַלדז. האָט ער אים אַ ביסל נאָכגעלאָזט און אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר, עדיק, אָט וואָס... אָט דאָס פאָרן אַהין... ס'איז בא דיר שוין אַ פעסט באַשלאָסענע זאַך?

— אַבסאָליוט.

— און דײַנע עלטערן?

— דאָס איז זייער זאַך. ווי זיי וועלן פאַרשטיין.

— דיר גייט עס ניט אָן?

— סאַנטימענטן זײַנען איצט ניט אין דער מאָדע.

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט נאָך אַ ביסל נאָכגעלאָזט דעם שניפּס.

— אָט האָסטו געזאָגט: „דאָ איז ניט דאָרט". קענסטו מיר עפּשער דערקלערן — מיט וואָס איז דיר שלעכט דאָ, און מיט וואָס וועט דיר אזוי גוט זײַן דאָרט?

עדיק האָט זיך אופגעהויבן פונעם פאָטעל און אַ קוק געטאָן אַפן שווער פון אויבן־אַראָפּ.

— ווי זאָל איך עס אײַך בעסער געבן צו פאַרשטיין?

— אָט־אָט, איך וויל טאַקע הערן — אין וואָס גייט דאָ?

— דאָ גייט אין אַ פּאַשעטער זאַך, — האָט עדיק גענומען ציִען די ווערטער, — איך וויל זײַן אַ פרײַער מענטש.

— דאָרט, הייסט עס, וועסטו זײַן אַ פרײַער מענטש? פון וואָס, זאָג זשע מיר, ווילסטו זײַן פרײַ?

— פון וואָס? — עדיק האָט זיך אָנגעבויגן צום שווער, די אויגן האָבן מיטאַמאָל בא אים זיך אָנגעגאָסן, און ער האָט הייזעריק אַרויסגעכריפּעט: — פון צוגעבונדנקײַט. איך וויל זײַן פרײַ פון צוגעבונדנקײַט אַפן גאַנצן לעבן צו איין און דעם זעלבן אָרט... פרײַ פון הערן טאָג און נאַכט, אַז נאָר אָט דאָס אָרט איז פאַר מיר און איך פאַר אים, אַז נאָר דאָ איז מײַן דאָבּרע־מאַזל מיט אַלץ מיטאַנאַנדער...

— צוגעבונדנקייט, זאָגסטו, — האָט זיך אָנגערופן איסאַק מאַרקאָוויטש, — פרייַ פון צוגעבונדנקייט?.. יאָ, אויב מע פילט זי ניט אַליין, אָט די צוגעבונדנקייט... — מיטאַמאָל האָט ער זיך אופגעהויבן און אַ שטעל געטאָן זיך קעגן דעם איידעם. און זאָג מיר: ווי קאָנסטו אָבער ניט פילן קיין צוגעבונדנקייט צום אָרט, ווו דו ביסט געבוירן, געוואַקסן, ווו דו לעבסט? מע דאַרף עס דיר אייַנשמועסן, ווי דו זאָגסט, טאָג און נאַכט? און אַליין פילסטו עס ניט? גאָרניט פילסטו ניט?

דער איידעם האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט און געשוויגן.

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט זיך דורכגעשפאַנט איבערן צימער און ווידער זיך אָפּגעשטעלט קעגן עדיקן.

— ווילסט, וועל איך דיר זאָגן, פון וואָס דיך ציט פרייַ צו ווערן?

— פון וואָס?

— פון געוויסן...

— אָ!..

— פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

— און נאָך?

— פון דער נייטיקייט צו צאָלן כויוועס, יאָ!

— דאָס איז ציקאַווע.

— ס'איז ניט נאָר ציקאַווע! אַמאָל איז געווען אַזאַ קאַטעגאָריע — אַנזעצער. ווייסטו, וואָס דאָס באַטייַט? אויב אַ מענטש האָט אַרויסגעגעבן אַ וועקסל און צו דער צייַט אים ניט באַצאָלט, איז ער געוואָרן אַן אַנזעצער.

— וואָס האָט עס פאַר אַ שייַכעס צו מיר? — האָט געפּרעגט עדיק.

— גאָר אַ גרויסע. מע האָט דיך דאָ געכאָוועט, דערצויגן, געלערנט, געמאַכט פון דיר אַ וויסנשאַפטלער. ס'איז אַ פאַרמעג, ניט אָפּצושאַצן! און אָט דעם פאַרמעג האָסטו באַקומען דאָ אין לאַנד, ווו דו זאָגסט, אַז ס'איז דיר שלעכט, — דאָ, און ניט ערגעץ אַנדערש. פּאַקעוועסטו איצט אייַן אָט דעם פאַרמעג אין אַ טשעמאָדאַן און אַנטלויפסט? ווער זשע ביסטו, אויב אַזוי, האַ?

— טאַטע, אַ גלאָז קאַווע. — רימע האָט באַלייגט שלאָפן דאָס קינד און צוגעגרייט אַ קליינינקן קיבעד פאַרן פאָטער. זי איז געשטאַנען אָפּן שוועל מיט דער טאַץ מיט קאַווע, לימענע, געבעקס.

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט ניט באַמערקט די טאָכטער. אַן אופגערודערטער, האָט ער געשפּאַנט איבערן צימער און געטראַכט וועגן דעם איידעם: אַזוי איז עס, ווען מע וואַקסט אויס אַ בעניאַכידל באַ גוט אייַנגעאָרדנטע, פאַרמעגלעכע טאַטע־מאַמע. מע האָט ניט לעם זיך קיין ברודערל, קיין שוועסטערל, פון קליינוויַז אָן ווייסט מען ניט, וואָס עס הייסט טיילן דעם ביסן מיט נאָך עמעצן. מע ווייסט איינס: אַלץ שטאָפּט מען אַרייַן אין דיר, דעם גאַנצן קעז אין איין וואַרעניק... וואַקסט נאָכדעם אויס אַזאַ „וואַרעניק", קומסט אין דער געזעלשאַפט און מיינסט אַלץ, אַז דו ביסט איינער, און מער קיינער, אַלץ קומט דיר... נאָר דאָ זייַנען פאַראַן אַנדערע אויך. און טאָמער גיט מען עפּעס אַן אַנדערן און אַזאַ מין מענטשן — ניט, נעמט ער עס שוין אויף ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, ווי אַ פייַנטלעכן אויסברוך קעגן זיך, און ער איז גרייט אַלץ מיטאַנאַנדער דורוועס זייַן. און טאָמער טוט אים, כאַלילע, אַ קוועטש דער שוך, איז דער גאַנצער סיידער־האָוילעם קרום אוועקגעשטעלט, איז ער גרייט לויפן אין עק וועלט זוכן „גערעכטיקייַט". ער ווייסט ניט, אַז דאָס גרעסטע אומרעכט שטעקט אין אים אַליין. עס גייט, פאַרשטייט זיך, ניט אין דעם, וואָס ער איז אַ בעניאַכיד, האָט איסאַק מאַרקאָוויטש געטראַכט וועגן דעם איידעם, עס גייט אין דער בעניאַכידישער פּסיכאָלאָגיע פון אַטאָבעכאַרטאַנו, וועלכע האָט שוין פאַרשאַפן און פאַרשאַפט נאָך אַלץ אַזויפיל אומגליק...

— טאַטע, אַ גלאָז קאַווע, — האָט רימע איבערגעכאַזורט.

ערשט איצט האָט ער זי באַמערקט, נאָר אַלץ נאָך געשפאַנט, אַן אופגעבראַכטער, איבערן צימער.

— ווער זשע ביסטו, האַ? — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קעגן דעם איידעם.

יענער האָט געשוויגן.

— אַ דאַנק, איך וויל ניט קיין קאַווע, — האָט איסאַק מאַרקאָוויטש זיך אַ קער געטאָן צו דער טאָכטער, — איך בין שוין זאַט דאָ מיט אַלץ אָט אַזוי ווייַט... — און ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

רימע האָט ניט געהערט וועגן וואָס מע האָט גערעדט ביז איצט, האָט זי גאָרניט פאַרשטאַנען און אָנגעשטעלט אַף עדיקן אַ פרעגנדיקן בליק. שוין אין דער אָפענער טיר האָט איסאַק מאַרקאָוויטש זיך אויסגעקרעוועט און אַ געשריי געטאָן צום איידעם:

— אַן אָנזעצער — אַט ווער דו ביסט! אַ מ׳עסער אָנזעצער... — און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

מע האָט דערהערט, ווי אין קאָרידאָר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער ליפט.

3

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין אָנהייב האַרבסט. עס זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע כאָדאָשים. דער שווער מיטן איידעם האָבן אַפילע הערן מער איינער פונעם אַנדערן ניט געוואָלט. רימע איז אַ פּאָר מאָל געווען באַם טאַטן מיטן קינד, ער זאָל אַף דעם אַ קוק טאָן, און ווען עדיק איז ניט געווען אין דער היים, האָט זי דעם פאָטער געקלונגען, זיך אָנגעפרעגט, וואָס ער מאַכט, און קנאַפּ־וואָס דערציילט וועגן זיך. מע האָט געפילט — מער פאַרשווײַגט זי, קעדיי ניט צו פאַרשאַפן דעם טאַטן קיין אַגמעסנעפעש.

ס׳איז געווען שפּעט אין אָוונט. מירע און מאַשע האָבן פאַרבראַכט אַף אימענינעס בא אַ כאַווערטע. איסאַק מאַרקאָוויטש האָט איינער אַליין אין צימער געקוקט דעם טעלעוויזאָר. אַ פאַרברענטער „באָלעלשטשיק“ (אַמאָל וואָלט מען געזאָגט — אַ כאָסיד) פון כאָקיי, האָט ער געכאַפּט היספּײַלעס פון דער ווירטואָזישקײַט און מעסירעסנעפעש, מיט וועלכע דער גאָלקיפּער טרעטיאַק האָט אַלע מאָל זיך געוואָרפן אַף דער קלײנינקער שײַבע, ניט אַרײַנלאָזנדיק זי אין טויער. געשפּילט האָבן „צסקאַ“ און „דינאַמאָ“. בא יעדער טרעפלעכער קאָמבינאַציע איז איסאַק מאַרקאָוויטש ייִנגלש אונטערגעשפּרונגען אין פאָטעל און זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט מיט נאָך עמעצן טיילן זײַן אַנציקונג, גאָר פאַרגעסן, אַז אין צימער איז ער אַליין. פאַרכאַפּט מיט דער שפּיל, האָט ער ניט באַלד דערהערט דעם קלונג אין טיר, און, דערהערנדיק, ניט צופרידן זיך אופגעהויבן — ווער מען האָט עס אָנגעטראָגן דער רוער אַף שטערן אים דערקוקן דעם מאַטש?

געעפנט די טיר.

— רימע? דו?

זי איז געשטאַנען מיטן קינד אַף די הענט.

— אַזוי שפּעט?

— ראָמיק איז אין וועג אַנשלאָפן געוואָרן, — האָט זי געזאָגט, — מע דאַרף אים שוין ערגעץ אַוועקלייגן.

— קום, קום אַרײַן! — האָט ער אין גרויס פאַרלוירנקײַט זיך אָנגערופן. — לייג אים אַוועק אַף מײַן בעט, אין אַלקער, אַט דאָ...

רימע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל, שווײַגנדיק געגומען אויסטאָן און באַלייגן דאָס קינד. ביז זי וועט זיך אָפּפּאַטיקן דערמיט, איז ער אַרײַן צו זיך אין צימער, נאָר אָפן טעלעוויזאָר מער ניט געקוקט.

באַלייגט דאָס קינד, איז רימע פון אַלקער אַרײַנגעקומען אַ בלאַסע (און עפּשער האָט זיך אַזוי אויסגעדאַכט אין דער געלבלעכער שײַן פונעם טאָרשער), זיך צוגעזעצט און מיד אַוועקגעלייגט די הענט אַף די קני.

— טאַטע, כ׳בין געקומען צו דיר אַף שטענדיק...

דער דרײַלינג פון „דינאַמאָ“ האָט פּונקט אין דער מינוט אַרײַנגעשלײַדערט די שײַבע אין די טויערן פון „צסקאַ“. דאָס רעווען פון די טריבונעס און דער געשריי פונעם קאָמענטאַטאָר האָבן פאַרהילכט רימעס קאָל. איסאַק מאַרקאָוויטש איז צו צום טעלעוויזאָר און אויסגעשלאָסן דעם קלאַנג. אָפן בלויען עקראַן איז דער קאַמף ווײַטער אָנגעגאַנגען שטומערהייט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן רימען.

— איך גייט זיך מיט אים.

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט זיך צוגערוקט נעענטער מיט זײַן פאָטעל.

— דערציילֿ...

— זיי גיבן אײַן די פּאַפּירן אין „אָוויר“.

— ווער?

— ער (אזוי האָט זי איצט גערעדט וועגן מאַן, ניט אָנרופנדיק אים באַם נאָמען) און זײַנע עלטערן.

— די עלטערן אויך?

— יאָ.

— זיי האָבן דאָך ניט געוואָלט, ער זאָל פאָרן?

— יאָ, געמיינט, זיי וועלן אים אָפּרעדן, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. איצט זאָגן זיי: „איין אויג אין קאָפּ. ווו ער, דאָרט מיר".

— און דו? דאָס קינד?

— אין דעם גייט עס דאָך. מע שטייט צו, ווי מיט א מעסער... מע דאַרף דאָך אײַנגעבן די פּאַפּירן צוזאַמען, אַף מיר און אַפן קינד.

— דו — ווילסט ניט פאָרן?

— טאַטע! ווי מע וויל ניט שטאַרבן!.. — זי האָט פאַרבראָכן די הענט און צוגעפאַלן צו אים, זוכנדיק בא אים א שוץ.

ער האָט איר אַרופגעלייגט די האַנט אַפן קאָפּ:

— וויין ניט, טאָכטער...

אין אים האָט אופגעטויכט א ווײַטע דערמאָנונג. רימע איז דאַן אלט געווען א יאָר צוויי אָדער צוויי מיט א האַלבן. געקומען פון דער אַרבעט, טרעפט ער בעלען מיטן קינד אַף די הענט, און דאָס קינד פאַרגייט זיך... א קנײַעלע בא דעם איז איבערגעבונדן... וואָס איז געשען? דאָס קינד האָט ליב באַקומען די הוידעלקע, האָט בעלע דערציילט, האָט זי אין הויף עס געהוידעט. א שכיינע האָט איר עפּעס געזאָגט, זי האָט אַף א רעגע זיך אָפּגעקערט, איז דאָס קינד א פאַל געטאָן אַפן אַספאַלט און צעקלאַפּט א קנײַעלע... „ביז בלוט", — האָט בעלע צוגעגעבן, און אין די אויגן בא איר — טרערן. האָט ער בא בעלען אויסגעווישט די טרערן, גענומען בא איר דאָס קינד, און — א מאָדנע זאַך — בא אים אַף די הענט איז עס באַלד אנשוויגן געוואָרן. זיך אײַנגענורעט מיטן גאַנצן גופל אין אים און אופגעהערט שרײַען... ער געדענקט, ווי בא בעלען האָט דאַן א לויכט געטאָן דער בליק. „זע, ווי זי האָט דיך ליב, — האָט זי געזאָגט, — זי זעט דיך אזוי זעלטן"...

— וויין ניט, טאָכטער, — האָט איסאַק מאַרקאָוויטש, ווי דעמלט, גלעטנדיק זי איבערן קאָפּ, א זאָג געטאָן. — מיר וועלן זיך אַן אייצע געבן...

— וואָס פאַר אַן אייצע, טאַטע, קאָן דאָ זײַן?

יאָ, יענער קינדערשער ווייטעק איז גיך פאַרבײַ. און אָט דער?.. דעמלט איז זי אַראָפּגעפאַלן פון א הוידעלקע און זיך צעבלוטיקט א קני. איצט דראָעט איר אַראָפּצופאַלן פון עטוואָס העכערס...

— וואָס זשע, טאָכטער, האָסטו באַשלאָסן טאָן?

— איך געט זיך מיט אים. דאָס קינד וועט בלײַבן בא מיר. טאַטע, — האָט זי האַסטיק זיך א קער געטאָן צו אים, — אין אזא פאַל בלײַבט לויטן געזעץ דאָס קינד בא דער מוטער, איאָ?

— איך ווייס ניט, טאָכטער, קיינמאָל מיט אזוינס זיך ניט אינטערעסירט און ניט געמיינט, אז ווען־עס־איז וועל איך עס דאַרפן, — האָט ער געענטפערט און צוגעגעבן: — נאָר כ'מיין, אז יאָ, דאָס קינד מוז בלײַבן מיט דער מוטער. און וואָס זאָגן זיי — זײַנע עלטערן, ער?

— די עלטערן שווײַגן. זיי פאָרן דאָך אליין ניט גערן, צוליב אים. און ער האָט די גאַנצע צײַט געפרווט מיר אײַנשמועסן, אז איך בין א נאַר, אז איך ווייס ניט „ווו גוט איז". דערנאָך גענומען טײַנען, אז וויבאַלד כ'בין זײַן פרוי, מוז איך טאָן ווי ער, נאָכפאָרן מיטן קינד. כ'מוז...

— און דו? וואָס האָסטו דערויף געענטפערט?

— טאַטע, מיר איז שווער. זייער שווער... ווי קאָן איך דאָ איבערלאָזן דיך? — זי האָט געשוויגן א ווײַלע און צוגעגעבן: — און דער מאַמעס קייווער?.. כ'האָב עס אים געזאָגט. ווייסטו, וואָס ער האָט מיר געענטפערט? — „סאַנטימענטן"... האָב איך קאַטעגאָריש געמאָלדן: איך פאָר ניט!

— ווען איז בא אײַך פאָרגעקומען דער געשפּרעך?

— הײַנט, טאַטע, הײַנט אין אָוונט, און שוין ניט צום ערשטן מאָל. נאָר הײַנט האָב איך דערפילט, אז מער קאָן איך ניט! מיך שטיקט די לופט, מיט וועלכער ער און זײַן גאַנצע קאָמפּאַניע אָטעמט. ס'איז אַן אָפּגעסאַמטע לופט, טאַטע!.. האָב איך געכאַפּט דאָס קינד און אוועק. צו דיר...

— באַרויִק זיך, טאַכטער, — איסאַק מאַרקאָוויטש האָט זיך אופגעהויבן און אַ שפּאַן געטאָן איבערן צימער. — באַרויִק זיך. מעגלעך, ניט אַלץ איז נאָך פאַרפאַלן. כ׳מיין, דײַן הײַנטיק אוועקגיין — גוט, וואָס האָסט אַזוי געטאָן. ס׳איז דאָך ניט אַזוי פּאַשעט...

— ניט אַזוי פּאַשעט, — האָט ווי אַן עכאָ איבערגעכאַזערט רימע.

— ער וועט זיך באַטראַכטן. אָט וועסטו זען...

ניט באַוויזן האָט איסאַק מאַרקאָוויטש אַרויסברענגען אָט די ווערטער, האָט זיך צע־קלונגען דער טעלעפאָן. ביידע האָבן אופגעציטערט.

— ער! — האָט אויסגערופן איסאַק מאַרקאָוויטש. — זעסט, ער האָט זיך שוין געכאַפּט!..

— כ׳ווייס ניט, — האָט מיט צווייפל זיך אָנגערופן רימע, נאָר אין בליק באַ איר האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן. — טאַטע, גיכער נעם דאָס טרײַבל...

— אַלאָ, אַלאָ, איך הער!

זי האָט דעם בליק ניט אַראָפּגענומען פונעם פאָטערס פּאָנעם, געוואָלט, ער זאָל מיט אַ ווונק באַשטעטיקן, אַז דאָס קלינגט טאַקע ער. נאָר דעם טאַטנס פּאָנעם איז געווען גלײַכ־גילטיק.

— גוט, גוט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

— נו?

— עס האָט געקלונגען מירע. די כאַווערטע, באַ וועמען זיי זײַנען אָף אימענינעס, האָט זיי פאַרגעלייגט בלײַבן נעכטיקן, ווײַל ס׳איז שוין שפּעט.

— זעסטו, — האָט רימע אַ זאָג געטאָן מיקויעך דעם, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, ווען דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען.

— יאָ, — האָט אומבאַשטימט אַ בּרום געטאָן איסאַק מאַרקאָוויטש. נאָר אין אַ רעגע אַרום האָט ער זיך האָפעדיק אַ קער געטאָן צו רימען. — איז גוט! ראַמיקן לייג אוועק אָף מירעס געלעגער און אַליין וועסטו זיך לייגן אָף מאַשעס. און ווײַטער וועלן מיר זיך אַן אייצע געבן! עפּעס עסן, טאַכטער?

— ניט.

— טיי?

— באַ מיר איז איבערגעבונדן דער האַלדז, טאַטע.

זי איז אוועקגעגאַנגען אין אַלקער צום קינד. איסאַק מאַרקאָוויטש איז פאַרבליבן אַליין אין צימער. אַ ווײַלע געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דערנאָך אַ קוק געטאָן צום טעלעוויזאָר. די פלינקע פיגורן פון די כאָקייִסטן האָבן אין אַבסאָליוטער שטילקײַט בליץ־שנעל זיך געטראָגן איבערן עקראַן, צונויפשטויסנדיק די קליושקעס. פאַרוואָס זשע הערט מען ניט קיין קלאַפּערײַ? און ווו איז די שטים פונעם קאָמענטאַטאָר? אַ, — האָט איסאַק מאַרקאָוויטש זיך אַ כאַפּ געטאָן, — ער האָט דאָך אויסגעשלאָסן דעם קלאַנג... באַ טרעטיאַקס טויער האָט זיך געמאַכט אַ גאַנצער געוואַלגער. טרעטיאַק האָט פון אים קוים זיך אַרויסגע־קליבן מיט דער שײַבע אין האַנט... ווו האַלטן זיי אין בעזשבן? — האָט איסאַק מאַרקאָוויטש אַ טראַכט געטאָן און גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס אינטערעסירט אים ניט. דער שטומער קאַמף אָפן בלויען עקראַן האָט, ווי קיינמאָל פריִער, אויסגעזען איצט אין זײַנע אויגן ניט וויכטיק, ניט ערנסט, אַ מין קינדער־שפּיל, ניט מער, אין פאַרגלײַך מיט יענעם געראַנגל, וואָס זײַן אָפהילך האָט, ווי דאָס קנאַלן פון אַ דונער, דערלאַנגט אויך אַהער, צו אים אין שטוב...

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט אויסגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר, אַ ווײַלע געשטאַנען נאָך און אוועק אין אַלקער, צום אייניקל. ער איז זשעדנע געווען עס צו זען. אין דער בלוילעכער שײַן פונעם נאַכט־לאָמפּ איז דאָס ייִנגעלע געשלאָפן אָף אַ זײַט, איין הענטל אונטערן בעקעלע, דאָס אַנדערע, אַ נאַקעטס, איבער דער טונקעלער קאָלדרע. אָפן פוכקע הענטל, באַם עלנבויגן, אַ גריבעלע. איסאַק מאַרקאָוויטש האָט זיך אָנגעבויגן און פאַרזיכטיק, ניט אופצוּוועקן דאָס קינד, צו אָט דעם גריבעלע זיך צוגערירט מיט די ליפּן... ער טוט עס פאַר בעלען אויך... איר איז אָט דאָס גליק ניט באַשערט געווען... גוט נאָך, וואָס זי האָט דערוווּסט דאָס גליק צו האָבן קינדער. ווען יענע קויל טרעפט מיט איין סאַנטימעטער טיפער, וואָלט דאָס אויך קיינמאָל ניט געווען... און אָט ליגט נאָך אַ נעפּעשל, אַ קינד פון זייער קינד... רויִק שלאָפט עס, ווייסט פון גאָרניט. ווייסט ניט, פאַרוואָס איז עס הײַנט ניט באַ זיך אין בעטל, פאַרוואָס זײַן מוטער האָט עס געבראַכט אַהער...

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט עטוואָס אַרופגעצויגן די קאָלדרע און איז שטיל אָף די שפּיץ פינגער אַרויסגעגאַנגען.

אפן שוועל האָט ער זיך געטראָפן מיט רימען, זי איז אַרויסגעקומען פונעם וואַנע־צימער.

— דער כאַלאַט איז אַף דיר עפּעס ענגלעך, — האָט ער באַמערקט.

— ס'איז דאָך מאַשעס, — האָט זי געענטפערט, — כ'האָב גאָרניט פאַרכאַפּט פון דער היים. אַנטלאָפן, ווי פון אַ סרייפע...

— וועסט דאַרפן צופּאַרן, — האָט ער געזאָגט, — אַריבערפירן דײַנע און ראָמיקס זאַכן.

— איך זאָל פאָרן? מײַן פוס וועט דאָרט מער ניט זײַן! איך וועל בעטן מירען און מאַשען.

— ווי דו פאַרשטייסט.

— ער שלאָפט? — האָט רימע געפרעגט וועגן קינד.

— ער שלאָפט.

— מיר וועלן אויך גיין שלאָפן, יאָ?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט, — ס'איז שוין שפּעט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אין דער דירע געוואָרן אויסגעלאָשן די שײַן. איסאַק מאַרקאָוויטש איז געלעגן בא זיך אַפן געלעגער, רימע — אין דעם אַנדערן צימער אַף מאַשעס. ניט ער, ניט זי האָבן די גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. ביידע האָבן געהאַט גענוג וועגן וואָס צו טראַכטן.

4

א וואָך צײַט האָט רימע געלעבט באַם טאַטן. אין דער דרײַצימערדיקער דירע האָט מען איבערגעשטעלט דאָס מעבל און די געלעגערס אַזוי, אַז איין צימער זאָל זײַן פאַר רימען מיטן קינד. פאַר אָט דער וואָך האָט זי קיין מאָל ניט אָנגעקלונגען צו זיך אַהיים, און קיין איין מאָל האָט מען איר ניט אָנגעקלונגען פון דאָרטן. ביידע צדדים האָבן געוואַרט, ווער עס וועט פריִער ניט אויסהאַלטן, זיך אָפּרופן דער ערשטער. רימע איז קענטיק אַראָפּ פון פּאָנעם, בלאַס געוואָרן. בא איר האָט זיך אופגעהויבן דער בלוט־דרוק, מע האָט איר אַפילע אַרויס־געגעבן אַ ביולעטען, און עטלעכע טעג איז זי ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט.

— וואָס עסטו זיך אַזוי אָפּ דאָס האַרץ? — האָבן געטײַנעט צו איר די שוועסטער. — האָסט דאָך באַשלאָסן, אַז דו גייסט פון אים אַוועק, יאָ?

— באַשלאָסן.

— פעסט?

— פעסט.

— פאָרן מיר נאָך דײַנע זאַכן!

— וואַרט נאָך צו...

אָט דער געשפּרעך מיט די שוועסטער האָט זיך איבערגעכאַזערט יעדן טאָג. סאָף וואָך האָט רימע געמאָלדן, אַז נאָך די זאַכן פאָרט זי אַליין. זי ווייסט בעסער, ווו וואָס עס ליגט, וואָס זי דאַרף פאַר זיך, פאַרן קינד. פאָרן האָט זי זיך געקליבן אַליין, נאָר ווען זי איז שוין געווען אָנגעטאָן, האָט ראָמיק געמאַכט אַ גוואַלד — ער וויל צום פּאַפּע, און אויס! האָט זי אים גענומען מיט זיך.

— מיר וועלן אויך פאָרן, דיר העלפן, — האָבן פאָרגעלייגט ביידע שוועסטער.

— מע דאַרף ניט, כ'וועל אַליין.

— עפשער זאָל איך מיט דיר פאָרן? — האָט געפרעגט דער פאָטער, כאָטש נאָך יענעם לעצטן געשפּרעך האָט אים שטאַרק ניט געוואָלט זיך נאָכאַמאָל טרעפן מיטן איידעם.

— מע דאַרף ניט, טאַטע, — האָט רימע געענטפערט.

זי איז אַוועקגעפאָרן.

מע האָט געוואַרט אַף איר ביז שפּעט אין אָוונט. רימע איז ניט געקומען. עס גייט אַ שאָ נאָך אַ שאָ — ניטאָ רימע. וואָס זאָל עס באַטײַטן? עפשער עפּעס געשען אין וועג? מאַלע וואָס — אַן אַוואַריע מיט דער טאַקסי, אַן אומגליק? אַלץ קאָן זיך מאַכן! ווי דערוויסט מען זיך? וווהין קלינגען? און עפשער, אָט, אָט באַלד... האָט מען געוואַרט. ניטאָ. אָנקלינ־

געץ צו רימען אהיים? נאָר פון דאָרט וואָלט זי דאָך אליין אַנגעקלונגען. איז עפּעס טאַקע געשען? אזייגער צוועלף באנאכט, נאָך אלע איבערטראכטענישן, האָט מירע ניט אויסגע־האַלטן און אנגעקלונגען צו רימען אהיים.

דאָס טרײַבל האָט גענומען עדיק.

— רימע מיטן קינד זײַנען געקומען אהיים?

— געקומען.

— זי איז אין דער היים! — האָט מירע, א שײַנענדיקע, זיך א קער געטאָן צום טאַטן מיט דער שוועסטער, וואָס זײַנען אין איינע ציטערניש געשטאַנען דערבײַ.

— אין דער היים! אין דער היים! — האָט, א גליקלעכע, אונטערגעטאַנצט מאַשע און א פליעסקע געטאָן מיט די הענט.

— דאַנקען גאָט! — האָט זיך ארויסגעריסן בא איסאַק מאַרקאָוויטשן, כאָטש מיט גאָט האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן. נאָך אלעמען, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט פאַר אָט דעם טאָג, איז געווען דאָס גרעסטע גליק — דערוויסן זיך, אז רימע מיטן קינד זײַנען גאַנץ. וואָס דאַרף מען נאָך? מירע האָט מיט פאַרלײַכטערונג אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל. ערשט אין מינוטן ארום האָט מען זיך געכאַפּט: יאָ, פאַרוואָס אָבער איז זי ניט געקומען צוריק?

— אבי זי לעבט! — האָט זיך אָנגערופן מאַשע. — דאָס איבעריקע קאָן מען זיך דערוויסן מאָרגן.

— ווען וועסטו שוין אופהערן צו זײַן אזוי לײַכטזיניק? — האָט זיך צעבייזערט אַף איר די עלטערע שוועסטער. — וואָס הייסט — מאָרגן? זי האָט זיך דאָך געקליבן צוריקערן הײַנט! און עפּשער רײַסט זי זיך פון דאָרטן און מע לאָזט זי ניט ארויס? עפּשער האָט מען פאַרהאַקט פאַר איר די טירן? ווער ווייסט, וואָס מע קאָן מיט איר טאָן? ווי קאָן מען אָפּלייגן אַף מאָרגן?

— קלינג נאָכאַמאָל אָן, — האָט געזאָגט דער פאָטער.

דאָס טרײַבל האָט ווידער גענומען עדיק.

— זאָל רימע צוגיין צום טעלעפאָן, — האָט געבעטן מירע און דערהערט אין טרײַבל: — רימע קאָן ניט צוגיין צום טעלעפאָן.

— רימע קאָן ניט צוגיין צום טעלעפאָן! — האָט זי, אַן איבערגעשראָקענע, אפן אָרט איבערדערציילט דעם פאָטער און דער שוועסטער.

— וואָס איז געשען? — האָבן יענע אויסגעשרי׳ען אין איין קאָל.

— וואָס איז געשען? — האָט מירע א געשריי געטאָן אין טרײַבל.

— ס׳איז גאָרניט געשען, — האָט זיך דערהערט א רויִקער ענטפער, — זי שלאָפט.

מיט כידעש אין די ברייט צעעפנטע אויגן האָט מירע זיך א קער געטאָן צום פאָטער און צו דער שוועסטער:

— זי... שלאָפט...

— זי שלאָפט?

— ווי קאָן עס זײַן?

— וואָס טוט זי? — האָט מירע איבערגעפרעגט אין טרײַבל און ווידער דערהערט:

— זי שלאָפט. וואָס כידעשט איר זיך? ס׳איז שפּעט, שלאָפט זי. איך בין אויך געשלאָפן, האָט איר מיך אופגעהויבן פון בעט.

— אָבער, וויאזוי...

— אומזיסט באומרויִקט איר זיך. אלץ איז אין אָרדענונג.

— נאָר רימע, — האָט מירע גענומען שטאַמלען, — רימע האָט זיך הײַנט געקליבן אומקערן זיך צו אונדז...

— יאָ, זיך געקליבן, נאָר זי וועט זיך ניט אומקערן.

— ווי זשע?

— אָט אזוי. צו אײַך וועט זי מער זיך ניט אומקערן. זי האָט א היים און פאַרבלײַבט אין דער היים. בא זיך. א גוטע נאכט!

מירע האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, נאָר עדיק האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

די שטים בא אים איז געווען ניט קיין פאַרשלאָפענע, פאַרקערט, א האַפערדיקע, ווי בא איינעם, וואָס האָט אויסגעוווּנען א שלאכט.

מירע האָט נאָך א ווײַלע געהאַלטן אין האַנט דאָס שטום געוואָרענע טרײַבל, דערנאָך עס אוועקגעלייגט און פאַמעלעך איבערדערציילט דעם פאָטער און מאַשען אלץ, וואָס זי האָט אָקאָרשט געהערט.

אלע דריי זײַנען געבליבן נישטוימעם.

אף מאַרגן — ס'איז פּונקט געווען אַ רו־טאָג און זיי זײַנען געווען אין דער היים, — איז אָנגעקומען אַ בריוו. פון רימען.

„טײַערער טאַטע! טײַערע שוועסטער!

קלינגען האָב איך אײַך ניט געקענט און קען ניט. ס'איז ניט קיין געשפּרעך פּאַרן טעלעפאָן. שרײַב איך. איר זאָלט זיך אָפּ גאָרניט כידעשן. פּאַשעט: כ'האָב געוואָלט זײַן אַ שטאַרקע, געמיינט — כ'וועל עס קאָנען. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט. כ'בין אַ שוואַכע. אַ שוואַכע פרוי, ניט מער. דערמיט דערקלערט זיך אַלץ, וואָס איז געשען און וואָס וועט געשען ווײַטער. פרעגט זיך מער אָפּ גאָרניט אָן. זײַט מיר מויכל, אויב איר קענט. דערמאָנט מיך ניט צום שלעכטן.

אײַער טאָכטער און שוועסטער
רימע".

וואָס זשע איז געשען? — האָבן דער פּאָטער אוןביידע שוועסטער מיט שטוינענדיקע בליקן איינס באַם אַנדערן זיך אָנגעפרעגט. נאָר וואָס צו ענטפערן האָט קיינער פון זיי ניט געוווסט.

ל

געשען איז אָט וואָס.

דעם גאַנצן וועג, אין מעטראָ, דערנאָך אין אויטאָבוס, האָט ראָמיק ניט אופגעהערט צו ריידן:

— מיר פאָרן אַהיים, מאַמע? יאָ, אַהיים? צום פּאַפּע? מיר וועלן דאָרט טרעפן דעם פּאַפּע? איך וויל שוין גיכער זען דעם פּאַפּע!..

— יאָ, יאָ, מיר וועלן זען, זען, — האָט רימע באַרויִקט דאָס קינד, און אַליין געוואָלט, אַז דער פּאַפּע זאָל אין דער היים ניט זײַן, זי זאָל אים ניט טרעפן, אַזוי וועט איר זײַן לײַכטער אָפּטאָן דאָס, וואָס זי האָט זיך געקליבן טאָן. וועט ער זײַן, האָט זי מוירע געהאַט, ניט פאַר אים, — זי וואָלט עס ניט געקאָנט דערקלערן וואָס־פאַרוואָרום, — נאָר פאַר זיך אַליין האָט זי עפּעס מוירע געהאַט... אייגנטלעך, האָט זי אפילו אויסגעקליבן אַזאַ צײַט, ווען ער דאַרף זײַן אָפּ דער אַרבעט, קעדיי מיט אים זיך ניט צו טרעפן. וועט זי מיט אים זיך ניט טרעפן, איז רעכט, וועט זי טאָן אַלץ, ווי זי האָט פאַרטראַכט.

מיט איר שליסל האָט זי געעפנט די טיר און אַ ווײַלע געבליבן שטיין אָפּן שוועל. קיינער איז דאָ ניט געווען, נאָר עס האָט זי פאַרשיקערט אָפּ אַ ווײַלע דער היימישער רייעך פון איר דירע. זי האָט דערפילט, אַז פאַר דער וואָך צײַט, וואָס זי איז דאָ ניט געווען, האָט זי נאָך אָט דעם רייעך זיך אויסגעבענקט... אין אים זײַנען געווען אויסגעמישט איר רייעך, דעם קינדס און אויך זײַנער, יאָ, זײַנער, דעם מאַנס, עדיקס, אויסגעמישט איינס מיטן אַנדערן, ניט אָפּצוטיילן.

ראָמיק האָט באַלד מיט אַ ליאַרעמדיקער פרייד זיך פאַנאַנדערגעיאָגט איבערן קאָרידאָר.

— מיר זײַנען אין דער היים! אין דער היים!..

רימע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ הענטל און, אויסטועונדיק פון אים דאָס מאַנטעלע, געפרעגט:

— באַם זיידן, ראָמיק, באַ די מומעס איז דיר דען געווען שלעכט?

— מיר איז געווען גוט, מאַמע, — האָט ער געענטפערט, — נאָר אין דער היים איז בעסער!

אַזאַ קליינס, — האָט זי אַ קלער געטאָן, — קוים דרײַ יאָר אַלט, און עס פאַרשטייט שוין!

ראָמיק האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער מאַמעס הענט און אַרײַן אין אַנדערן צימער צום ווינקל מיט זײַן פאַרמעגן. וואָס נאָר איז דאָ ניט געווען! די גאַנצע טעכניק פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין פאַרקלענערטע שפּילצײַג־מאָדעלן: פאַרשיידנקאָלירקע לײַכטע אויטאָמאָבילן, אָן עקסקאַוואַטאָר, גרינע רויפן־טאַנקען, אַעראָפּלאַנען — אַ „טו", אַן „איל", אַ „יאַק", זילבערדיקע ראַקעטעס מיט שפּיצעכיקע נעזער, אפילו אַ לונאָכאָד מיט באַוועג־

לעבע אנטענעס. און איבער דעם אלעמען, ווי הוליוועך איבערן ליליפוטישן קיניגרײַך, האָט זיך דערהויבן א ווײַס פלאַסטמאַסעווע פערד. די הריווע צעשויבערט, דער עק צעפאָכעט אינדערלופטן, די פּאַדערשטע פיס פאַרהויבן אין גאַלאָפּ... אין איין אויגנבליק איז ראָמיק שוין געזעסן אין זאָטל און געיאָגט דאָס פערד מיט קויל־קוילעס:

— איך פאָר אהיים! איך פאָר אהיים!

— ביסט דאָך שוין אין דער היים, — האָט רימע געזאָגט, — וווהין זשע דאַרפסטו נאָך פאָרן?

— דאָס בין איך געקומען אהער מיט דער מעטראָ, מיטן אוטאָבוס, — האָט ער געענט־פערט, — און איצט וועל איך קומען אפן פערד... — מע האָט עס גאַדאַרפט פאַרשטיין אזוי, אז מיטן פערד וועט עס שוין טאַקע זײַן אינגאַנצן אַף זיכער...

פאָרנדיק אהער, האָט רימע זיך געקליבן, ווי נאָר זי וועט קומען, גלײַך נעמען צונויפּ־לייגן די זאַכן. און אָט איז זי דאָ, קיינעם ניט געטראָפן, ווי געוואָלט, נאָר צו דער שאַפע איז זי ניט צוגעגאַנגען. אין אלקער זיך צוגעזעצט, די הענט אראָפּגעלאָזט אַף די קני, האָט זי מיטאַמאָל דערפילט א שוואַכקײַט, א גלײַכגילט. זאָל זײַן, וואָס עס וועט זײַן...

פון אָט דעם צושטאַנד האָט זי ארויסגעפירט ראָמיק. ער איז ארײַנגעלאָפן א צעהיצטער, א פאַרפאַליעטער, און פאַרכידעשט לעבן איר געבליבן שטיין:

— פאַרוואָס זיצסטו, מאַמע? פאַרוואָס טוסטו גאָרניט?

— ביסט געוווינט, איך זאָל שטענדיק עפּעס טאָן?

— און ווער וועט צוגרייטן ווארמעס?

— ווארמעס? — האָט זי איבערגעפרעגט.

ווארמעס גאָר... זי האָט זיך ניט געקליבן דאָ גרייטן מער קיין ווארמעס... ראָמיק דאַרף דאָך אָבער עפּעס עסן — האָט זי זיך אופגעהויבן און ארײַן אין קיך. אין אײַזקעלטער איז געוועזן פּוסטלעך, ס'האָט זיך געמערקט — ניטאָ די באַלעבאָסטע. וואָס האָט ער דאָ געגעסן אָן מיר? — צום ערשטן מאָל פאַר אָט דער וואָך האָט רימע אזוי א טראַכט געטאָן וועגן דעם מאַן און אליין זיך פאַרכידעשט, — וואָס דאַרף עס איר איצט אָנגיין? זי האָט גענומען זוכן אין די שאַפקעלעך עפּעס אַף אָפּקאָכן דעם קינד, נאָר אינמיטנדערינען זיך צוגעזעצט צום קיך־טישל און אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַף די הענט. אזא האָט זי ראָמיק דאָ געטראָפן אין א לענגערער ווײַלע ארום.

— מאַמע, דו... וויינסט?

זי האָט ניט באַלד אופגעהויבן דעם קאָפּ.

— מאַמע!... — אָט־אָט צעוויינט ער זיך אויך.

— ניין, קינד מײַנס, איך וויין ניט.

— פאַרוואָס זשע זײַנען די אויגן בא דיר נאַס?

— עס ווײַזט זיך דיר אויס, — אפגיך האָט זי אויסגעווישט די אויגן, זיך אופגעהויבן. — א פּרעזשעניצע מאַכן דיר?

— מיט וווּרשט!

— קיין וווּרשט איז ניטאָ.

— טאָ מיט וואָס זשע?

— עפּעס וועל איך אָפּזוכן.

אָנגעהאָדעוועט דאָס קינד, — אליין האָט זי עסן ניט געוואָלט, — האָט רימע געעפנט די שאַפע, א ווײַלע דאָ געשטאַנען אזוי, דערנאָך פאַמעלעך אָנגעהויבן ארויסנעמען און צונויפלייגן אין טשעמאָדאַן אירע זומערדיקע און ווינטערדיקע קליידער, כאַלאַטן, וועש. דערנאָך אין א קלענערן טשעמאָדאַן גענומען צונויפלייגן ראָמיקס זאַכן. פאַרטאָן אין אָט דער ארבעט, האָט זי ניט דערהערט, ווי אין דער טיר האָט זיך איבערגעדרייט א שליסל. דערפאַר האָט עס גוט דערהערט ראָמיק. מיט א געשריי: „דער פאַפּאַטשקע איז געקומען! מײַן פאַפּאַטשקע!“ איז ער אין איין אויגנבליק געוועזן בא דער טיר. אזא, מיט ראָמיקן אַף די הענט, האָט רימע דערזען לעבן זיך אין אלקער דעם מאַן. ער האָט געקוקט אַף איר מיט א לוסטיקן בליק, ווי עס זאָל גאָרניט געוועזן זײַן, ווי זי זאָל ניט האָבן פון אים אוועקגעגאַנגען, און א וווּנק טוענדיק אפן קינד, האָט ער געזאָגט:

— זעסט?

אַף איר פּאָנעם האָט ער ניט באַמערקט קיין מינדסטן סימען פונעם קינדס היספּײַלעס.

— און דו? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס איך?

— דו ביסט ניט צופרידן?

— פון וואָס זאָל איך זײַן צופרידן?

— פון דעם, וואָס ער... וואָס מיר זעען זיך...

— איך פאַרשטיי דאָך עפּעס מער פון אים...

— נו, גוט, — האָט ער געזאָגט, אַראָפּשטעלנדיק דאָס קינד אָפן דיל, — גיי, ראָמיק, צו דײַנע שפּילעכלעך...

— איך וויל ניט, איך וויל ניט, — האָט דאָס קינד גענומען פּכימקען, — איך וויל זײַן מיט דיר...

עדיק האָט זיך צוגעזעצט, גענומען דאָס קינד אָף די קני און געזאָגט צו רימען:

— מיר דאַרפן זיך דורכריידן.

— וויפיל מאָל האָבן מיר נאָך גערעדט? — זי האָט אַרײַנגעלייגט אין טשעמאָדאַן ראָמיקס אַ קאָסטיומדל.

ערשט איצט האָט ער באַמערקט די טשעמאָדאַנען.

— קלײַבסט זיך טאַקע אוועקגיין?

— אויב דו האָסט ניט געענדערט דײַן באַשלוס.

ער האָט אַראָפּגעשטעלט ראָמיקן צווישן די קני און געזאָגט צו רימען:

— כ'ווייס ניט, ווי דו, איך האָב פאַר אָט דער וואָך אַ סאַך איבערגעטראַכט...

— און דערטראַכט זיך צו עפּעס רעכטס?

— אַלנפאַלס צו אײנעם זייער אַ וויכטיקן פּראַט...

— אַז מע דאַרף ניט פאָרן? — זי האָט מיט האָפענונג אַ קוק געטאָן אָף אים.

— דאָס ניט, — האָט ער געענטפערט האַרט.

— און דאָס איבעריקע אינטערעסירט מיך ניט, — האָט זי קאַלט געזאָגט, און עפּעס האָט זיך אויסגעלאָשן בא איר אין בליק.

— עפּעס־וואָס מעג דיך יאָ אינטערעסירן.

— מיך אינטערעסירט מער גאָרניט.

ער האָט זיך אופגעהויבן.

— פונדעסטוועגן וועל איך עס דיר זאָגן. פאַר אָט דער וואָך איז מיר קלאָר געוואָרן: דאָס אײנציקע, מיט וואָס איך וויל ניט און קען זיך דאָ ניט שיידן, ביסטו, דו...

בא אָט די ווערטער האָט זי די אויגן, אַראָפּגעלאָזטע צו ראָמיקס טשעמאָדאַן, פּאַמעלעך אופגעהויבן, פרעגנדיק זיי אָנגעשטעלט אָפן מאַן, עס האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. זי האָט גענומען דאָס טרײַבל און גלײַך איבערגעגעבן עס עדיקן.

— דיך.

מע האָט געקלונגען פון דער אַרבעט.

— אָן מיר קאָן מען זיך ניט באַגיין, — האָט ער געזאָגט מיט פאַרדראָס. — אָף צו פאַרנעמען שטעלעס זײַנען דאָ אַנדערע, און דאַרף מען עפּעס טאָן, רופט מען מיך...

ער איז אוועקגעגאַנגען, און רימע איז מיט צעשטרייטע געדאַנקען געבליבן זיצן איבער די טשעמאָדאַנעס. אַ געפיל פון גרויסער פאַרלוירנקײַט האָט זי באַהערשט. זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן און מיט כידעש אָף זיך אַליין געשפּירט, אַז זי איז גרייט צו טאָן אַבסאָליוט קעגנזעצלעכע זאַכן. פאַרענדיקן צונויפלייגן די טשעמאָדאַנען, כאַפּן דאָס קינד און, ביז עדיק איז ניטאָ, אַנטלויפן צום טאַטן, צו די שוועסטער... זיי וואַרטן דאָך אָף איר און ווייסן שוין מיסטאָמע ניט וואָס איבערצוטראַכטן... און גלײַכצײַטיק איז זי גרייט געווען אַרויסלייגן די זאַכן פון די טשעמאָדאַנעס און בלײַבן דאָ. בלײַבן... נאָר בלײַבן הייסט — פאָרן. זי ווייסט: עדיק האָט דאָרט, אָף דער אַרבעט בא זיך, ניט געקוקט אָף אַלע זײַנע פייִקײַטן, וועלכע קיינער לייקנט ניט, שלעכט זיך אוועקגעשטעלט. צווישן אים און די אָנפירער, און אויך מיט אַנדערע אַרבעטער — אַלע מאָל אַן אַנדער קאָנפליקט. ווער איז גערעכט? איר איז שווער צו זאָגן. זי איז אַ ווײַב, און אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז עדיק איז גערעכט. אין זײַן געביט איז ער בעפיירעש טאַלאַנטפול, און ער וואָלט געקאָנט פאַרנעמען אַ מער אָנגעזעען אָרט. אין דעם, וואָס ער פאַרנעמט עס ניט, זעט עדיק אײַן קינע צו זיך, אינטריגעס. עפשער איז עס טאַקע אַזוי. פון דער אַנדערער זײַט אָבער, ווייסט זי, זײַנען אין אינסטיטוט פאַראַן מענטשן מיט אַ גרעסערן סטאַזש, איידער בא עדיקן, מיט מער דערפאַרונג. ער האָט זיך אַ ביסל פאַריסן דאָרט, עדיק, און אַלעמען אופגעשטעלט קעגן זיך. ער מוז איצט פונדאַנעט אוועקגיין. זוכן אַן אַנדער אינסטיטוט הייסט אָנהייבן אַלץ פון אָנהייב. דוכט זיך אים, אַז די גאַנצע וועלט איז שולדיק אין זײַנע צאָרעס... זי, פאַרקערט, איז צופרידן מיט איר אַרבעט, מע איז צופרידן מיט איר. און אַפילע, ווען זי זאָל זײַן ניט

צופרידן, דאכט זיך איר, וואָלט זי אַט די ניט־צופרידנקייט קיינמאָל ניט קוילעל געווען אַף אַלץ מיטאנאנדער, ווי דאָס טוען עדיק און זײַנע פרײַנט. טאָ זאָלן זיי פאָרן, און זי... זי וועט בלײַבן דאָ.

צווישן די זאכן אין האלב־צונויפגעלייגטן טשעמאָדאַן האָט רימע באמערקט אַן אַלט באָרדאָ־קלייד. זי האָט עס א נעם געטאָן אין האנט, און די אויגן זײַנען איר מיטאמאָל פײַכט געוואָרן... אַט דאָס קלייד האָט זי זיך גענייט צו דער כאסענע. יאָ, שוין דאַן איז זי געווען ניט גאָר יונג... גיכער, פארקערט. אמאָליקע צײַטן וואָלט עס געהייסן א פארזעסענע מויד... אבי מיט וועמען פארבינדן דאָס לעבן האָט זיך ניט געוואָלט. זי האָט שוין קימאט אָנגעווירן די האָפענונג. מיטאמאָל — עדיק, די כאסענע... דערנאָך ראָמיק. גליק... ווען ניט, ווען ניט... איז וואָס זשע — אַלץ אצינד צעבערעכן? ווידער בלײַבן אַליין? דערציִען דאָס קינד אָן א טאַטן?

רימע האָט געהאלטן דאָס אַלטע קלייד און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן דערמיט — אַרײַנלייגן עס ווידער אין טשעמאָדאַן אָדער אופהענגען אין שאַפע... פון דער פארטראכטקײַט האָט זי אַרויסגעפירט א שאַרפער קלונג אין טיר. עדיק? ער האָט א שליסל. ווער זשע? ניט באוויזן רעכט צו עפענען די טיר, האָט רימע זיך דערפילט דערשטיקט אין מעכטיקע אָרעמס און פארהלושעט מיט א הילכיק געלעכטער.

— רימאָטשקע! טײַערינקע! קינד מײַנס!.. איך בין גליקלעך! איך בין גליקלעך פאר אײַך און פאר עדיקן! פאר אײַך ביידע, טײַערינקע...

דאָס פאָדערצימער איז פול געוואָרן מיט בונט געקליידטע מעכטיקע פרויען־פאָרמען, מיט א ריזיקן סטויג שרײַענדיק געפארבטע האָר, מיט בליאסק פון גאָלד און צונטער־רויטן מאניקיור אַף אַלע פינגער, מיט שיסנדיקן געלעכטער, מיט נײַן מאָס רייד...

— זשענעוויעווא פאביאנאָוונא?..

רימען איז שטענדיק שווער געווען ארויסריידן אַט דעם נאָמען, שווער געווען צו זען אַט די בונט געקליידטע מאסיווע פאָרמען, אויסהערן אַט דעם ליאַרעמדיקן וואסערפאַל פון רייד און געלעכטער. נאָר וואָס האָט זי געקאָנט טאָן — דאָס איז געווען די פרוי פון עדיקס בעסטן פרײַנט און מיטארבעטער, און ווי נאָר א יאָמטעוו, האָט מען פארבראכט בא איין טיש, אין איין קאָמפאַניע.

— איך בין איבערגליקלעך, טײַערינקע, איבערגליקלעך!

רימע האָט געפרווּווט א פרעג טאָן, וואָס דאָס איז פאר א גליק, נאָר איר שטים האָט, פונקט ווי א שוואכן מויזן־פיפס, באלד אײַנגעשלונגען זשענעוויעווא פאביאנאָוונעס הילכיקער קאָנטראַלטאָ:

— עדיק האָט אָנגעקלונגען סיאָמען, אז איר זײַט שוין אין דער היים. יאָ, יאָ. סיאָמע האָט מיר געזאָגט, און איך בין באלד אוועקגעלאָפן צו אײַך, באגריסן אײַך און עדיקן! ס'איז אזא גליק, טײַערינקע, וואָס איר זײַט שוין ווידער אין דער היים. איך האָב אָבער געוווּסט, אז אזוי וועט זײַן, ווי זשע אנדערש? איצט וועט שוין גאָרניט שטערן צו פארווירקלעכן אונדזער טרוים. מיר וועלן פאָרן, אַלע צוזאמען וועלן מיר פאָרן! דאָס איז אזא גליק!..

זשענעוויעווא פאביאנאָוונעס געלעכטער האָט שוין אָנגעשפּארט אין אַלקער.

— אַך, וואָס זע איך — איר פאקעוועט שוין די טשעמאָדאנעס? אַך, ווי גוט! און בא אונדז מיט סיאָמען איז נאָך גאָרניט גרייט, גאָרניט גרייט... איך זאָג סיאָמען...

רימע האָט געוואָלט דערקלערן, אז דאָס זײַנען ניט די טשעמאָדאנעס, וואָס זשענעוויעווא פאביאנאָוונא מיינט, אז דאָס זײַנען גאָר אנדערע טשעמאָדאנעס, און אז זי ווייסט נאָך ניט, וווּהין מיט זיי זיך צו קערן און ווענדן, נאָר ארײַנשטעלן א וואָרט איז געווען אוממעגלעך און ניט געווען צוליב וואָס, — יענע וואָלט סײַווי ניט פארשטאנען. זשענעוויעווא פאביאנאָוונא האָט ניט אופגעהערט לאכן און ריידן, ריידן און לאכן. האָט רימע דערווײַל געפרווּווט זיך דערמאָנען, וואָס איר טאטע האָט איר אנומלטן דערציילט מיקויעך דעם, פונוואנען עס האָבן זיך גענומען דער נאָמען און פאָטערנאָמען פון אַט דער עקזאלטירטער פרוי. א נאָמען געגעבן האָט מען איר נאָך דער באָבען, אזוי האָט דער טאטע דערציילט. די באָבע האָט געהאט, ווי בא יידן האָט זיך אמאָל געפירט, א צווייענדיקן נאָמען. ווי זשע האָט זי געהייסן? אהא, העניע־כאווע האָט געהייסן די באָבע. איז פון העניע געוואָרן זשעניע, נו, און כאווע איז דאָך אַלעמאָל יעווע. האָט מען ארײַנגעשטעלט אַן אָס אינמיטן, א „וו", און ס'איז געוואָרן זשענעוויעווא... דער טאטע האָט געהייסן פײַוועש. און וואָס נאָך קאָן מען אויסשטוקעווען פון פײַוועש, אויב ניט פאביאן?..

רימע האָט זיך הילכיק צעלאכט. זשענעוויעווא פאביאנאָוונא איז פּאַשעט זיך פארגאנגען אין געלעכטער.

— איך זאָג דאָך אײַך, אַז מע קען פון אָט דער געשיכטע פּלאַצן, ניט עמעס, רימאַטשקע?

— עמעס, עמעס...

מיטאמאָל זײַנען די דונערנדיקע רולאַדעס, וואָס האָבן צעשפּאַרט די ווענט פון רימעס אַלקער, שטיל געוואָרן. די גראָבע אָנגעפּאַרבטע ליפּן האָט זשענעוויעוואַ פּאַביאַנאָוונאַ צונויפ־געלייגט אין א טרײַבעלע און צוגעשטעלט צו זיי א פינגער מיט א צונטער־רויטן אָנגעמאַני־קיורטן נאָגל.

— כ'וויל אײַך דערציילן א סאָד...

— א סאָד?

— יאָ, אָבער טאַקע גאָר א גרויסן...

— איך הער אײַך.

— אָבער איר וועט קיינעם ניט אויסזאָגן?

— אויב א סאָד...

— אפילע סיאַמע טאָר ניט וויסן, אַז כ'האָב עמעצן געזאָגט... עדיק אויך ניט...

— איז עפּשער בעסער ניט דערציילן.

— ניין, אײַך וויל איך דעם סאָד פאַרטרויען.

זשענעוויעוואַ פּאַביאַנאָוונאַ האָט זיך אַרומגעקוקט, פּונקט ווי עמעצער וואָלט געקאָנט דאָ אונטערהערן, זיך צוגעזעצט און געגומען שעפּטשען:

— איך ווייס: איר ווילט קיין ייִסראַעל ניט פאָרן. עדיק וויל, און איר — ניט.

— יאָ, — האָט רימע געענטפערט, — און איר?

— מיר מיט סיאַמען ווילן אויך ניט.

— אַזוי גאָר? טאָ רעדט אָפּ עדיקן. סיאַמע איז דאָך זײַן בעסטער פרײַנט. ווען ניט ער...

— ניין, — רימעס מיטשפּרעכערן האָט א צוק געטאָן מיט אַן אַקסל, — איר פאַרשטייט מיך ניט...

— וואָס זשע?

— פאָרן ווילן מיר יאָ.

— נאָר וואָס זשע?

— נאָר קיין ייִסראַעל — ניט.

רימע האָט בעעמעס גאָרניט פאַרשטאַנען.

— ווי זשע?

אין זשענעוויעוואַ פּאַביאַנאָוונעס גרויסע, שטאַרק אונטערגרעפּירטע אויגן האָט זיך באַוויזן א כיטרער גלאַנץ.

— דעריקער איז דערקלײַבן זיך ביז ווין...

— און ווײַטער?

— ווײַטער? ווײַטער עפנט זיך א גרויסע וועלט: ווילט איר — רוים, ווילט איר — ניו־יאָרק. ווו איר ווילט.

— די פאַפּירן גיט איר דאָך אָבער אײַן אָף צו פאָרן קיין ייִסראַעל?

— איז וואָס?

זשענעוויעוואַ פּאַביאַנאָוונאַ האָט זיך אופגעהויבן, זי האָט פאַריכט די פריזור, דערבײַ האָבן אַלע אירע פינגער א בלישטשע געטאָן מיט די גאָלדענע פינגערלעך און מיטן צונטער־רויטן מאַניקיור. זי האָט זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט:

— אָך, וועלן מיר נאָך מיט אײַך א לעב טאָן, רימאַטשקע, אָט וועט איר זען! אָך, וועלן מיר א לעב טאָן... און דערווײַל — א סאָד. אָפּגערעדט?

ווען זשענעוויעוואַ פּאַביאַנאָוונאַ איז אוועקגעגאַנגען און רימע האָט פאַרמאַכט נאָך איר די טיר, איז זי א לענגערע ווײַלע געשטאַנען, ווי פּריהלושעט, און נאָך אַלץ ניט גע־גלייבט, אַז ס'איז שוין געוואָרן שטיל... געקומען צו־זיך, איז זי אַרײַן אין וואַנע־צימער און אונטערן קראַן אויסגעוואַשן די הענט. דערנאָך האָט זי ראַמיקן באַלייגט שלאָפן. שוין מיט צוגעשלאָסענע אייגלעך האָט דאָס קינד בא איר געפרעגט:

— די גרויסע טיאָטיע וועט מער צו אונדז ניט קומען?

— פאַרוואָס פרעגסטו?

— איך האָב פאַר איר מוירע...

— מע דאַרף ניט מוירע האָבן. די גרויסע טיאָטיע קלײַבט זיך אוועקפאָרן ווײַט־ווײַט...

— און מיר וועלן מיט איר ניט פאָרן?

— ניין, מיר וועלן ניט פאָרן. שלאָף...

שפעט אין אָוונט איז אהיימגעקומען עדיק. ער איז געווען מיד. זי האָט אים דערציילט וועגן דעם אומגעריכטן גאַסט, וואָס זי האָט געהאַט, און געפרעגט:

— זאָג, וואָס איז דאָ בא דיר אַלגעמיינס מיט אַזאַ, ווי זשענעוויעוואַ פּאַביאַנאָוונאַ?

— פאַרוואָס דאַרף זײַן צווישן אונדז אַלגעמיינס?

— זי פאַרט, און דו...

— מאַלע וואָס!

דערנאָך האָט אָנגעקלונגען מירעַ. זיי האָבן זיך דאָרט געערגערט, ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן. עדיק האָט געענטפערט, אַז זי שלאָפט... זי האָט געוואָלט צולויפן, אַרויס־רײַסן בא אים דאָס טרײַבל, א געשריי טאָן, אַז זי שלאָפט ניט, — ווי קאָן זי שלאָפן? — א געשריי טאָן צום טאַטן, צו די שוועסטער: „קומט, נעמט מיך פונדאַנעט אַוועק!..״ נאָר די פיס זײַנען בא איר ווי צוגעוואַקסן צום דיל, זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט... איז זי געשטאַנען אַזוי, פאַרגליווערט מיט אַלע אייוורים, און געהערט, ווי עדיק זאָגט אין טרײַבל: „צו אײַך וועט זי מער זיך ניט אומקערן. זי האָט א היים און פאַרבלײַבט אין דער היים״...

וואָס וועלן זאָגן דערויף דער טאַטע, די שוועסטער? זי האָט צו זיך אַליין געשפּירט א טיפן עקל, נאָר אַנדערש טאָן ניט געקאָנט...

דעם זעלבן אָוונט האָט זי אָנגעשריבן צו די אייגענע א קורצן בריוו.

6

פאַר די עטלעכע כאַדאָשים, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען נאָכן אײַנגעבן די פּאַפּירן און ביז עס איז באַקומען געוואָרן די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, זײַנען רימע און דער פאָטער מיט די שוועסטער איינע צו די אַנדערע קיין איין מאָל ניט געקומען. רימען וואָלט שווער געווען אירע אייגענע צו קוקן אין די אויגן נאָך דעם, וואָס עס איז געשען. זיי איז געווען אומפאַרשטענדלעך און דערווידער איר אומגעריכטע אופירונג. דעם מאַן אירן האָבן זיי זען ניט געוואָלט. בלויז נאָך ראַמיקן האָט באַם זיידן און בא די יונגע מומעס געלעכצט דאָס האַרץ, נאָר וואָס האָט מען געקאָנט טאָן?

און פאַרט איז רימע צו זיי געקומען. מאָרגן האָט מען געזאָלט אַרויספליִען פונעם שערעמעטיעוווער אַעראָדראָם, אין אָוונט פאַר דעם איז זי געקומען. ניט געקומען — אַרײַנ־געפאַלן אין שטוב. א בלאַסע, שטאַרק א פאַרענדערטע פאַר דער צײַט, וואָס מע האָט זיך ניט געזען. אָפן אָפּגעצערטן פּאָנעם האָבן די אויגן קרענקלעך געגלאַנצט.

מיט איבערגעטריקנטע ליפּן אַרויסגערעדט:

— כ׳האָב ניט געקענט — ניט געזעגענען זיך... זײַט מיר מויכל...

די שוועסטער זײַנען איר אַרופגעפאַלן אָפן האַלדז. אין איין קאָל:

— וואָס טוסטו, רימע?

באַזונדערס — מירע:

— מיט זיך?

מאַשע:

— מיט אונדז?

רימע:

— מישפּעט מיך. כ׳בין שולדיק...

דער טאַטע, ווי ער איז געשטאַנען באַם טיש, אַזוי איז ער געבליבן שטיין, דאָס פּאָנעם אָפּגעשלאָסן, קאַלט. די אויגן האָבן יאָ געפרוווט אַרויסגעבן, וואָס אינעווייניק בא אים טוט זיך, האָט ער זיך אָנגעטאָן א קריעך, זיי צוגעשלאָסן, אָפן געלאָזט בלויז צוויי שמאָלע, שאַרפע שפּעלטלעך, און מיט אָט די שפּעלטלעך, ווי מיט מעסערס, צו רימען:

— וויאַזוי איז עס געשען, זאָג... וויאַזוי האָט עס געקאָנט געשען?

— אָט אַזוי, טאַטע.

— האָסט דאָך ניט געוואָלט פאָרן?

זי האָט אַרויסגעהויכט פון זיך:

— איך וויל איצט אויך ניט...

— טאָ וואָס זשע, צו אַלדי שוואַרציאָר!..

— כ׳האָב אײַך געשריבן. כ׳בין א פרוי. א שוואַכע פרוי, ניט מער...

— וואָס הייסט — א שוואַכע? אין וואָס באַשטייט זי, דײַן שוואַכקייט?

— יעדער פרוי שטרעבט האָבן א מאַן, א קינד.

— נו?

— נו, און אַז זי האָט עס שוין, האָט זי מוירע עס אָנווערן. ביפּראַט...

— וואָס ביפּראַט?

— איר וואָלט זען, ווי ראַמיקן איז פון אים ניט אָפּצורײַסן. מע קאָן צונעמען בא א פּאַטער דאָס קינד. אָבער בא א קינד — דעם פּאַטער?

א ווײַלע האָט זי געשוויגן.

— כ'וויס, כ'בין שולדיק פאַר אײַך, זייער שולדיק...

— בלויז פאַר אונדז דען?

— פאַר וועמען נאָך, טאַטע?

— ס'איז דאָ גרעסערס פון אונדז.

— וואָס?

— וואָס, פרעגסטו? די ערד, וווּ דו ביסט געבוירן... דער אָנדענק פון דײַן מוטער... דער...

— מע דאַרף ניט, טאַטע! כ'וויס, כ'וויס אַלץ... כ'בין שולדיק, מישפּעט מיך...

— וואָס איז איצט שוין דאָ צו ריידן? — ער האָט פאַרומערט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איינס דאַרף איך דיר זאָגן: כ'האָב זיך עס פון דיר ניט געריכט...

רימע האָט זיך אופגעהויבן. זי אײַלט זיך. אין שטוב ווייסט מען ניט, וווהין זי איז אוועק. זי האָט ניט געקליבן זיך קומען, נאָר אין דער לעצטער מינוט ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט ניט געקאָנט — ניט געזעגענען זיך...

די שוועסטער האָבן זי לאַנג געהאַלדזט. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום פאָטער. געמיינט, ער וועט ניט דערלאַנגען די האַנט. נאָר ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך, א פיר געטאָן איבער אירע האָר מיט דער האַנט, ווי אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען א קינד...

אַפן אַנדערן טאָג האָט איסאַק מאַרקאָוויטש זיך אָפּגעבעטן פון דער אַרבעט און איז געקומען אַפן שערעמעטיעווער אַעראָדראָם. זיך געזעגנט מיט רימען, די אַנדערע האָבן אים ניט אינטערעסירט — ניט די מעכוטאָנים, ניט דער איידעם. געוואָלט בלויז צום לעצטן מאָל א קוק טאָן אַפן אייניקל.

ווען מע האָט געמאָלדן דעם רייס אַף ווין און די, וואָס האָבן געזאָלט פליִען מיט אָט דעם רייס, האָט מען אַרויסגעלאָזט אַפן פלי־פעלד, איז ער צוגעגאַנגען צו דער פאַרצאַמונג, וואָס טיילט אָפּ די באַגלייטנדיקע פון די, וואָס פאָרן אָפּ, און האָט זיך אײַנגעקוקט אין זיי. אָט האָט ער צווישן די אָפּפאָרנדיקע דערזען די מעכוטאָנים. אָט גייט זשענעוויעוואַ פּאַביאַ־נאָוונאַ. אָט גייען רימע מיטן מאַן. וווּ איז דאָס קינד? מענטשן, וואָס גייען הינטער זיי, האָבן עס פון אים פאַרשטעלט. עס גייען דאָרט עלטערע לײַט, יונגע, פײַן געקליידטע, עלעגאַנטע מאַנצבלען, פרויען. נאָר אין דער מינוט האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעדאַכט, אַז אין יעדערן פון זיי זעט ער עפּעס א מין געהויקערטקײַט. אין רימען אויך... אָט די מענטשן האָט צוגעבויגן, אַפּאָנעם, די שווערע לאַסט פון אומבאַוווּסטקײַט, וואָס זיי האָבן גענומען אַף זיך... ס'איז געווען א הייסער מיט־טאָג. דאָס פלי־פעלד מיט די ווײַס אָפּגלאַנצנדיקע וואַרטנ־דיקע לײַנערס אינדערווײַטנס איז דורכויס פאַרפלייצט געווען מיט הייסער שײַן, און נאָך די מענטשן האָבן זיך נאָכגעצויגן קורצע שאָטנדלעך, ווי הויקערס, נאָך יעדערן — זײַן הויקער... איסאַק מאַרקאָוויטש האָט געקוקט אַף אָט די מענטשן און געטראַכט, אַז אַלע זײַנען זיי אים פרעמד, און מיט יעדן שפּאַן, וואָס זיי מאַכן צו איינעם פון די וואַרטנדיקע לײַנערס, ווערן זיי אים אַלץ פרעמדער. און די טאָכטער, וואָס גייט דאָרט מיט זיי, — אויך... וואָס דערוואַרט אָט די מענטשן? — האָט ער געקלערט. — צי ווייסן זיי, אַז אין אָט דער גווירלדיקער מינוט זײַנען זיי געגליכן צו ביימער, אַרויסגעריסענע מיט די וואָרצלען פון זייער ערד... נאָך נעכטן האָבן זיי געהאַט א באָדן אונטער זיך, הײַנט האָבן זיי אים ניט... זיי קלײַבן זיך אײַנפלאַנצן אין אַן אַנדער באָדן, נאָר דאָס איז אומעגלעך. וואָרצלען, וועלכע מע האָט איינמאָל אַרויסגעריסן פון דער ערד, ווערן פאַרדאַרט, פאַרטריקנט, מער קאָן מען זיי אין ערגעץ ניט אײַנפלאַנצן. פאַרפאַלן! קורײַ... צו בינטלעך קורײַ אין סטעפּישן פעלד זײַנען געגליכן אָט די מענטשן, וואָס גייען איצט איבערן פלי־פעלד, — קורײַ, וואָס קאָן זיך אין ערגעץ ניט פאַרהאַלטן, ווײַל דער ווינט יאָגט אים פון איין אָרט אַפן אַנדערן לויט זײַן ווילדן באַראַט... אַף רוסיש איז פאַראַן פאַר דעם א טרעפלעכער נאָמען: „פּערעקאַטיפּאָליע"...

מיט א שווערן געמיט האָט ער געטראַכט וועגן דעם אַלץ, קוקנדיק אַף די מענטשן, וואָס האָבן אַלץ מער זיך דערווײַטערט פון אים איבערן פלי־פעלד. א פּאָר יונגעלײַט, — מיט לײַכטע רענצלעך אין די הענט זײַנען זיי געגאַנגען הינטער רימען, — האָבן עטוואָס

אָפּגעטראָטן אין א זײַט, און מיטאמאָל האָט ער באנאנד מיט דער טאָכטער דערזען ראָמיקן. זי האָט אים געפּירט באם הענטל... איסאק מארקאָוויטשן האָט פארקלעמט באם הארצן... מיט זײַנע קליינע פּיסעלעך האָט ער געשפּאנט, ראָמיק, צוזאמען מיט זיי, מיט די דערוואקסענע... וווהין? דעם זיידן האָט מיטאמאָל זיך פארוואָלט אריבערשפּרינגען די פארצאמונג, אָניאָגן די אוועקגייענדיקע, ארויסרײַסן בא זיי דאָס אייניקל. איר פאָרט? — פאָרט! אָבער וואָס האָט איר צום קינד? וואָס פאר א גורל גרייט איר פאר אים דאָרט, אין דער פרעמד?.. ער ווייסט דאָך נאָך פון גאָרניט... און ער שפּאנט אויך מיט זײַנע קליינע פּיסעלעך, ראָמיק, שפּאנט...

די טאָכטער און דאָס קינד האָט מען ווידער פארשטעלט פון זײַן בליק. זיי זײַנען שוין געווען ווײַט — אן אויסגעמיש פון מענטשן און קורצע שאָטנס, ווי הויקערס, אפן זוניקצעגליטן פלי־פעלד...

גוט, — האָט איסאק מארקאָוויטש א טראכט געטאָן, — וואָס בעלע האָט צו דעם ניט דערלעבט...

ער האָט צוגעטראָגן דאָס טיכל צו די אויגן, געשטאנען נאָך א ווײַלע און איז אוועק פונעם אעראָדראָם.

7

ס'איז שוין געווען שפּעט. דער הייסער זומערדיקער טאָג, ווי לאנג ער האָט זיך ניט געצויגן, האָט זיך פארענדיקט, איז ארײַנגעשוווּמען אין א קילן אָוונט. איסאק מארקאָוויטש איז נאָך אלץ געזעסן בא זײַן טיש, ווו די אופראמערן האָט אים געלאָזט, מיט א שטארן בליק, געווענדט צו דער אנטקעגנדיקער וואנט. די סמעטע איז געלעגן ניט גערירט, דער אש־בעכער — פול מיט דערייכערטע ביזן שפּענט און ניט־דערייכערטע סיגארעטן. בייס דער ארבעט גייט מען ארויס רייכערן אין קאָרידאָר, איצט, איינער אליין, האָט איסאק מארקאָוויטש גערייכערט בא זײַן טיש און האָט זיך אליין פארכידעשט, דערזען מיטאמאָל אזא פולן אש־בעכער...

די מיטארבעטער האָבן הײַנט היפּש געהאט וואָס צו וווּנדערן זיך אָף אים. ערשטנס, וואָס ער האָט פארשפּעטיקט. אזוינס איז מיט אים נאָך קיינמאָל ניט געשען. זיי ווייסן ניט, אז אהיימקומענדיק נעכטן פון אעראָדראָם, האָט ער זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, אז די גאנצע נאכט האָט ער ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג, און ערשט פארטאָג קוים אײַנגעזונקען אין א שווערן שלאָף... זיך אופגעכאפּט, איז שוין געווען נאָך אכט... און נאָך: אלעמאָל דערציילט ער זיי עפּעס וויכטיקס פון די וועלט־נײַס, וואָס ער הערט פארטאָג דורך ראַדיאָ. הײַנט איז ער די ראַדיאָ פארשלאָפן און האָט זיי גאָרניט דערציילט. כאָטש גראָד הײַנט וואָלט ער זיי געקאָנט דערציילן מער, ווי ווען־ניט־איז... עמעס, דאָס, וואָס ער וואָלט זיי הײַנט געקאָנט דערציילן, איז ניט קיין וועלט־נײַס, נאָר א נײַס, וואָס האָט א שײַכעס בלויז פערזענלעך צו אים. יעדע נײַס אין דער וועלט רופט זיך פריַער אָדער שפּעטער אָפּ אין עמעצנס פערזענלעכן לעבן. הײַנט האָט זיך עס אָפּגערופן אין זײַנעם...

נאָך און נאָכאמאָל האָט ער פאר די שאָען, וואָס ער זיצט דאָ, ארומגעקלערט דאָס געשעענע און אלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך. שוין געמיינט — אויס, אלע אומגליקן — און געווען זײַנען זיי ניט ווייניק — אין אָוואר. גענוג! איז ניין, דערלאנגט דאָס לעבן דיר אומגעריכט א נײַעם קלאַפּ, און מע ווייסט גאָרניט, פונוואנען ער איז געקומען... אמאָל האָט ער באדויערט, וואָס בעלע האָט ניט דערלעבט צו אן אייניקל. נאָר נעכטן, ווען ער האָט געזען, ווי מע האָט דאָס אייניקל געפירט איבערן פלי־פעלד, איז ער מעקאנע געווען בעלען, וואָס זי האָט דערצו ניט דערלעבט...

די מיטארבעטער האָבן, פארשטייט זיך, באמערקט, אז מיט אים איז עפּעס געשען, געוואָרט, ער זאָל דערציילן. נאָר ער האָט געשוויגן, זיך געמאכט, ווי ס'איז גאָרניט געשען. און וועמען פון זיי קאָן ער גאָר וועגן דעם דערציילן? מאקאר מיכײַלאָוויטשן? ער ארבעט שוין מיט אים ניט איין יאָר, נאָר וואָס בא יענעם אין שארבן, אונטערן גלאנציקן פליך טוט זיך, איז אים אדהײַעם ניט באוווּסט. מיראָנקינען? יענער דארף נאָר אופכאפּן א נײַס, וועט ער באלד אלעמען צעטראסקען און דערבײַ נאָך צוגעבן: „איך האָב אָבער געזאָגט, אז אזוי וועט זײַן!“.. ריטען? א קינד נאָך, זי וואָלט געקאָנט זײַן בא אים א פערטע טאָכטער. די ווילע, פריילעכע ריטע... א פארברעכן וואָלט זײַן צעבויטען איר דאָס ליכטיקע געמיט... מאריַע לעאָנטיעוונען? מיט וואָס פאר א ווירדע האָט זי איבערגעטראָגן און טראָגט איבער אירע אייגענע צאָרעס! דער מאן האָט זיך ניט צוריקגעקערט פון דער מילכאָמע. דעם איינציקן זון האָט זי דערצויגן אליין, געגעבן אים בילדונג, ער האָט כאסענע געהאט, זי

האָט שוין א היפּש אייניקל. נאָר עפּעס הויזט זי ניט מיט דער שנור. אַליין באַקלאָגט זי זיך דערויף קיינמאָל ניט, ס'איז באַוווּסט פון א זײַט. פאַר איר וואָלט ער, מעגלעך, אויסגעוואָקסן זײַן ביטער הארץ... ווי גיט מען איר אָבער צו פאַרשטיין דאָס, וואָס ער קאָן נאָך אַליין ניט באַגרײַפן? און טאַקע — ווי׳אַזוי האָט אַזוינס געקאָנט געשען? ער — פון די ווּיקעלעך א סאָוועטישער מענטש. א פּיאָנער געווען, א קאָמיוגיסט. פון דער שול־באַנק — אפן פראָנט. אין פּאַרטיי איז ער אָנגעקומען אין די שווערסטע כאַדאָשים — בא סטאַלינגראַד. די מילכאָמע פאַרענדיקט אַלס קאַפּיטאַן, מיט באַלוינונגען. נאָך דער מילכאָמע געאַרבעט א צײַט אף א זאַוואָד, דערנאָך ביז איצט — אין זאַוואָד־פאַרוואַלטונג. בא אים איז א באַשיי־דענע שטעלע — אַן עלטערער פּלאַנירער, — נאָר זײַנע פליכטן פּילט ער אויס אָרנטלעך, מע שעצט אים. און אָט — זײַן בלוט און פלייש, זײַנע א לײַבלעכע טאָכטער האָט פאַרלאָזט אים, פאַרלאָזט אירע שוועסטער, פאַרלאָזט איר שטאָט און איר לאַנד און אַוועק מעייווער־לעיאַם... אַוועק, כאָטש זי האָט זיך ניט געקליבן עס טאָן, און אַוועקגעפירט מיט זיך דאָס אייניקל — זײַן העמשעך...

ווי קאָן מען דאָס אַלץ דערקלערן און וואָס וואָלט זאָגן דערויף א פּאָשעטע רוסישע פרוי? ניין, ער וועט מאַר׳ע לעאָנטיעוונען אויך ניט דערציילן. קיינעם קאָן ער גאָרניט דערציילן. ס'איז א ווייטעק מיט א ביזאָיען — זײַן ווייטעק און זײַן ביזאָיען.

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט אָנגעקלונגען אַהיים.

— מאַשע?

— יאָ, טאַטע. ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

— מירע איז אויך אין דער היים?

— מיר זײַנען ביידע אין דער היים, טאַטע. ווו ביסטו? מיר האָבן זיך שוין באַאומרו׳יקט, ניט געוווּסט וווהין צו קלינגען.

— כ'האָב זיך פאַרהאַלטן אף דער אַרבעט. באַלד וועל איך קומען.

— גיכער קום! מיר וואַרטן.

די ייִנגערע טעכטער זײַנע ווייסט ער אויך ניט וואָס צו זאָגן. אים איז שווער איצט צו קוקן זיי אין די אויגן. אים דאַכט זיך, ווי זיי זאָלן א צווייט מאָל בלײַבן פאַריאָסעמט...

די סמעטע האָט ער באַהאַלטן אין טיש־קעסטל, דעם פולן אַש־בעכער אויסגעשאָטן אין קוישל און איז אַרויסגעגאַנגען.

אין גאַס האָבן, לויכטנדיק מיט די ברייטע העלע פענצטער, געיאָגט אויטאָבוסן און טראָליייבוסן. קעגנאיבער האָט געשײַנט דער אַרײַנגאַנג אין מעטראָ. ער האָט געקאָנט פאָרן מיט אַן אויטאָבוס אָדער מיט דער מעטראָ. א ווײַלע איז איסאַק מאַרקאָוויטש געשטאַנען אין פאַרלעגנהײַט, ייִשעוונדיק זיך מיט זיך, פאַרייכערט און האָט פּאַמעלעך צופוס אַוועק־געשפּאַנט אַהיים...



פונעם בוך „נעגינע"

דער קרײַז פון געוויסן

איך זאָג זיך ניט אָפּ
ניט פון גוטן און שלעכטן,
איך זאָג זיך ניט אָפּ
ניט פון הײַנט, ניט פון נעכטן.
פאַר דעם, וואָס באַגיין וועל איך
שפּעטער צי מאָרגן,
כ'וועל אויך זיך צעצאָלן —
כ'וועל גאָרניט פאַרבאָרגן.

דער פויגל, ער ווייסט,
אַז זײַן קרײַז איז געשלאָסן.
די היים וועט ער שטענדיק
אין האַרבסט־צײַט פאַרלאָזן
און פרילינג זיך אומקערן
וועט ער צוריק,
אַזאַ איז זײַן גורל,
זײַן אומגליק, זײַן גליק.

נאָר וואָס וועט געשען,
כ'וואָלט אַ באַלן זײַן וויסן,
ווו ליגט ער באַהאַלטן,
פון מאַזל דער שליסל,
ווו וועל איך געפינען,
ווו וועל איך פאַרלירן,
און וואָס פאַר אַ שעד
וועט מיך פירן־פאַרפירן?

איך ווייס ניט, איך ווייס ניט,
איך קאָן דאָס ניט וויסן,
ווו שליסט זיך דער קרײַז
פונעם עכטן געוויסן.
נאָר זאָרגזאַם איך וועל זיי,
די זינד מײַנע, קלײַבן,
איך זאָל קיין באַלכויוו
בײַ דער וועלט ניט פאַרבלײַבן.

* * *

פאַר גוטס איך וועל מיט גוטס באַצאָלן,
דערפאַר־אָ רים איך אין מײַן ליד
די רו, וואָס דרעמלט אין די טאָלן,
די וועל, וואָס לויטערט דעם געמיט;

די בערג, וואָס פירן אין די הייכן
דורך קאַלטער ווײַסקײַט פון קרישטאָל,

די סטעזשקעס, וואָס אין לויף דערגרייכן
צו דעם פאַרנעפּלטן אַמאָל

ביז צו דער צוקונפט צו דער ווײַטער,
ביז צו דער אויסגעטרוימטער שוועל,
ביז צו דער וואַרעמקײַט פון שײַטער,
וואָס וועט מיר שטענדיק לײַכטן העל.

* * *

דאָס גראָז וואָלט ניט ווייך זײַן,
ווי סאַמעט, ווי זײַד,
ווען ס'וואָלט זיך מײַן קינד
דאָ ניט שפּילן פאַרשײַט.
דער טוי וואָלט ניט פינקלען
אַף דלאָניע פון בלאַט,
ווען ס'איז וואָלט דערפון ניט
קיין נאַכעס געהאַט.

ווען איך וואָלט ניט דאַרפן
דעם פויגלס געזאַנג,
ווען דו וואָלסט ניט דאַרפן
דעם רויש פונעם זאַנג,
ס'וואָלט קיינער געמיט זיך
פון פרי ביז צו פרי,
און הייליק ניט זײַן וואָלט
די הייליקע מי.

זוך מיך

און אויב דו מיינסט,
כ'וועל ווערן בעסער,
ווען אנטוישן זיך געוויס.
איך וועל ניט קליגער ווערן
און ניט גרעסער —
זאָל זײַן אַזוי־אָ
ווי עס איז.

ניט זוך אין מיר קיין אנדערן —
אומזיסט די טירכע,
געפינען אָט דעם, דעם עכטן,
וואָס איך בין.
וועסט קיין כאראָטע האָבן,
איך בין זיכער.
דו זוך מיך, זוך מיך — ס'האָט א זין.

* * *

ווי דו שטייסט, ווי דו גייסט,
כ'וועל, מײַן לעבן, דיך נעמען,
כאָטש איך ווייס און דו ווייסט,
אז איך נעם זיך דעם געגעם.

נאָר ווײַזט אויס, ס'איז באשערט, —
איז ניטאָ וואָס צו ריידן.
ס'וועט דער געגעם, דו הערסט,
פאר מיר זײַן א גאניידן.

* * *

אָט דאָ האָב איך מײַן ערשטן טראָט געשטעלט,
פונדאנען האָבן טויזנט וועגן
א דאַרשטיקן געפירט מיך אין דער וועלט,
געפינען זאָל איך מײַן פארמעגן.

כ'זאָל נעמען אלץ, וואָס אופהייבן איך קען,
עס וועט מיר קיינער ניט פארבאָטן.
א וועלט כ'בין פארן לעבן אויסגעוועוען,
ווי איז דאָס סטעזשקעלע,
וואָס איך האָב אויסגעטראָטן?

* * *

דער לעצטער בליק מײַנער זאָל פאלן
אין הייך, אין הימל־טיף, אין בלוי,
אף פלאטערדיקן גלי פון שטראלן,
אף ציטערדיקער שײַן פון טוי.

וועט גרינגער זײַן מיר צו פארלאָזן
די ווײַכקײַט פון דער הארטער ערד,
דאָס שעמעוודיקע זײַד פון גראָזן,
וואָס מײַנע ליבע־טפילעס האָט געהערט.

נאָר זאָגן וועל איך ניט קיין ווידע
פאר אָט די מענטשלעכע און פּראָסטע זינד.
כ'וועל רויק צומאכן די אויגן מידע,
וואָס זײַנען אָפט געוועזן פון ליבע בלינד.

* * *

ווען אף מײַן טראָט וואָלט קיינער ניט געוואָרט,
מיט אומגעדולד ניט קוקן אין די שויבן,
איך וואָלט אין ליבע און אין גוטסקײַט, ווי מיר דאכט,
אף אייביק אָנווערן דעם גלויבן.

א שטיינדעלע א קליינס אין וועג
וואָלט שווער געוועזן מיר אופצוהייבן,
נאָר בײַקומען איך וועל אין יעטווידן געשלעג,
ביז כ'וועל אין ליבע און אין גוטסקײַט גלייבן.

קאַקטעבעל

כ׳פלעג אהערצו פאָרן
קלײַבן שיינע שטיינדעלעך,
איצט, נאָך לאַנגע יאָרן, —
וואַרעמען די ביינדעלעך.

ס׳האָבן נאָך די כוואַליעס
זייערס ניט פאַרענדיקט,
קושן זיי די סקאַלעס,
פּונקט אַזוי ווי שטענדיק.

פּונקט אַזוי ווי שטענדיק,
ווי עס פלעגט זיך פירן —
בונטעוועןן זיך בלענדיק
קאָלערליי קאָלירן.

אפן כאַמעלעאָן־באַרג
זײַנען בלוי די גראָזן,
אפן כאַמעלעאָן־קאַרק —
אײַנגעטונקט אין ראָזן.

שטוין איך, ווי געוויינלעך, —
כאָטש ס׳איז אַלץ פאַריבער,
איז דער יאַם, די שטיינדלעך
טויזנט מאָל נאָך ליבער.

* * *

אָט איז ווידער דער יאַם,
און די שטיינער,
און דו ביסט ווידער באַנאַנד —
מײַן איידעלער טרוים, מײַן ריינער
זאָל קומען צו שטאַנד.

איצט וועל איך שוין גאָרניט באַדאַרפן,
און ניט בענקען נאָך קיינעם איך וועל.
די שטיינער די האַרטע זיך שאַרפן
אין דער ווייכקײַט פון וועל.

געוויס וועט זיך שטילן דער ווייטעק,
וואָס קאָיעט אין טיפקײַט שוין לאַנג.
דערפאַר איז נאָך מערער פון נייטיק,
זאָלסט זײַן דאָ באַנאַנד.

זאָלסט מורמלען דעם זינלאָזן ניגון —
פון קינדהײַט דעם ריינעם געשאַנק,
די וועל זאָל אַליין זיך פאַרוויגן
אין איר ווילדן געזאַנג.

און איך וועל פאַרזשמורען די אויגן
און קוקן אין טיפקײַט פון בלוי.
אַף אייביק די ווײַל כ׳וואָלט פאַרצויגן —
ס׳זאָל שטענדיק שוין בלײַבן אַזוי.

* * *

שווימט דער מוילעד אַ צעגליטער —
דער געניטער סודיע־היטער.
אַלץ, וואָס טוט זיך אינעם וואַלד,
אין געהיימעניש ער האַלט.
וואָס פאַרטײַעט ס׳האָט דער קוסט,
איז דעם מוילעד אויך באַוווסט.
ווען זײַן שײַן עס טוט אַ שפּריץ,
שנײַדט דעם וואָלקן דורך אַ בליץ.
יעדער בערגל, יעדער שאָטן
אין אַ כײַע ווערט געראָטן.
ווען דער מוילעד שאַרפט זײַן מעסער,
ווערט דער פּאַכעד שטאַרקער, גרעסער.
און מײַן ייִנגעלע, מײַן ברעקל,
פאַר דער כאַשכעס נעמט זיך שרעקן.
נאַרעלע, ס׳וועט באַלד שוין טאָגן,
ס׳וועט אַ שטראַל די נאַכט פאַריאָגן.
יעדער בלעטל אַף די צווײַגן
וועט די דלאָניע דיר באַווײַזן,
אַז זיי האָבן דאָרט באַהאַלטן
בלויז אַ טראָפּן טוי אַ קאַלטן,
ווי אַ זויבער־ריינער פּערל
אַף צו אָנפּאָיען אַ שפּערל.

עפל

די גלאַנצנדיקע הויט
מיט רויטע שטריפן,
די ווייכע רונדיקייט
פון זון געשליפן,

די שווערע ווײַניקייט
די צווײַגן בויגן,
מיט גאָלד זיי שימערן
אין מײַנע אויגן.

אין גראָז א שיקערער
עס פאלט אַן עפל,
אַן אויסגעוואשענער
אין אָסיען־נעפל.

מיט טויזנט טאמען
עס שמעקט דער דרויסן,
מיט טויזנט רייכעס
די פולע קוישן.

די הענט פארבראָנזעט שוין
פון זון אוןווינטן,
פון טײַנעג זאטע שוין —
פון לוין פארדינטן.

א באָכער א ברען

איך ווייס ניט פארוואָס
און איך ווייס ניט פארוועַן,
עס רופן מיך אלע
א באָכער א ברען.

עס קלאָגט זיך די מאמע:
— ערשט הײַנטיקע וואָך
געקויפט אים די שיכלעך,
און שוין מיט א לאָך.

און ס׳העלפט איר די באָבע:
— א שפּאָגל־נײַ העמד
און פונקט, ווי אין פײַער
פארסארפעט, פארברענט!

דער טאטע פארצווייפלט
צעפירט מיט די הענט:
— וואָס איז דער כידעש,
אז אלץ אף אים ברענט!

נאָר איינער — דער זיידע —
די באָרד האָט צעקעמט
און רויִק געמאָלדן:
— כ׳האָב ליב, אז עס ברענט!

* * *

כ׳וועל עפשער גאָר קיין שפור ניט לאָזן,
ווי ס׳לאָזט אין יאם קיין שפור די שיף,
צי ווי דאָס וואָלקנדל דאָס ראָזע
אין הימל־טיף.

נאָר אויב ס׳וועט עמעץ פארגעדענקען
א ליד מײַנע, צי בלויז א גראם,
וועט ער די אייביקײַט מיר שענקען
און ניט פארשטיין עס מינאסטאם.

טאמאר גאזשאנסקע
(ייִסראָעל)

סאקאָנע פון פאשיזם אין ייִסראָעל: די אולטרא־רעכטע שטרעמונגען אין דער מעדינע

די געזעלשאפטלעך־עקאָנאָמישע אנטוויקלונג אין ייִסראָעל פאר די לעצטע יאָרן (נאָך דער יון־מילכאָמע פון 1967) קומט פאָר אין באדינגונגען, ווען עס ווערט אלץ שטארקער די גרויסבורזשואזיע, וועלכע האָט אָנגעזשעברעוועט קאָלאָסאלע אויצרעס פון דער מיליטאריזירונג פון דער עקאָנאָמיק און פונעם עקאָנאָמישן אופשטײַג. אײנער פון די בוילעטע סימאָנים פון אזא פארשטארקונג איז — דער וווּקס פון דער קאָנצענטראציע פון דער פראָדוקציע.

לויט די אָנגאבן פון דער צענטראלער סטאטיסטישער ביוראָ פון ייִסראָעל זײַנען אין 1965 געווען באשעפטיקט אין די אונטערנעמונגען, וווּ עס ארבעטן צו 300 און מער מענטשן, ארום 20 פראָצ. פון דער גאנצער צאָל ארבעטנדיקע אין דער געגעבענער צװײַג, אין 1972 — ארום 35 פראָצ.

אין רעזולטאט פון דער קאָנצענטראציע פונעם קאפּיטאל הערשן הײַנט אין דער ייִסראָעל־ווירטשאפט עטלעכע פינאנץ־גרופּעס, וועלכע זײַנען ענג פארבונדן מיטן אויסלענדישן קאפּיטאל און מיטן מעלוכע־סעקטאָר. די דאָזיקע גרופּעס — צווישן זיי די גרופּע „באנקא לעומי" (נאציאָנאלער באנק), די גרופּע פונעם באנק „דיסקאָנט", די גרופּע „קלאל" — האלטן אין זייערע הענט די צענטראלע פּאָזיציעס אין דער אינדוסטריע, אין די פינאנצן, אינעם אינערן־ און אויסערן־האנדל.

די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע און פונעם קאפּיטאל, די וואקסנדיקע קראפט פון דער פינאנץ־בורזשואזיע — דאָס איז דער געזעלשאפטלעך־עקאָנאָמישער באזיס, אף וועלכן עס נעמען זיך אָן מיט קראפט די רעאקציאָנערע טענדענצן אין דער ייִסראָעל־געזעלשאפט און אין דער ייִסראָעל־פּאָליטיק. די פינאנץ־בורזשואזיע איז פארינטערעסירט דערין, אז די אראבישע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען אָקופּירט געוואָרן אין יון 1967, זאָלן פארבלײַבן אונטער דער אָקופּאציע אויך אף ווײַטער, זי איז פארינטערעסירט אין פאָרזעצן די פּאָליטיק פון קויעך, אין האמעוועץ די דעמאָקראטישע פרײַהײַטן, עס זאָל פאלן אלץ נידעריקער דער לעבנס־ניוואָ פונעם האָרעפּאשנעם פאָלק, עס זאָלן אײַנגעפירט ווערן אלץ גרעסערע באגרענעצונגען פאר דעם קאמף פונעם ארבעטער־קלאס, עס זאָל אלץ ברייטער געפירט ווערן די אנטיסאָוועטישע און אנטיקאָמוניסטישע קאמפּאניע.

וואָס שײַעך דעם ארבעטער־קלאס פון ייִסראָעל, זײַנען אין אים די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען ענדערונגען אין העסקעם מיט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באדינגונגען. אָביעקטיוו האָט די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע געשאפן גינסטיקערע באדינגונגען אף צו פירן דעם פראָפארייניסשן קאמף און האָט געבראכט דערצו, אז די ניט געהערטע אין דער פארגאנגענהײַט קלאסן־ווידערשפּרוכן זײַנען געוואָרן נאָך שארפער. אין דער זעלבער צײַט אָבער פארמאָגט ייִסראָעל אן ארבעטער־אריסטאָקראטיע און אן ארבעטער־ביוראָקראטיע, עס הערשן דאָ קלייַנבירגערלעכע שטימונגען, וועלכע זײַנען פארשפרייט צווישן די ברייטע שיכטן ארבעטער, דאָ איז אײַנגעוואָרצלט דער שאָוויניסטישער צוגאנג, עס פעלט דאָ ניט אויס קיין „ביליקע ארבעטס־קראפט" (געמיינט די מי פון די אראבישע ארבעטער אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס און אין ייִסראָעל גופע), עס האָט א שטארקע ווירקונג דער קאָהאָל־צוגאנג און דער אײַנפלוס פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע אינעם נוסעך פון דער רעכטער סאָציִאל־דעמאָקראטיע.

די קליינבורזשואזיע בילדעט אויך איצט א היפשן שיכט אין ייִסראָעל, ניט געקוקט דערוף, וואָס די קאָנצענטראציע פונעם קאפּיטאל ווערט אלץ שטארקער. אין 1973 זײַנען אין דער מעדינע געווען בערעך 150 טויזנט קליינע אונטערנעמער — האנטווערקער און קאָאָפּעראטיוו־

מיטגלידער, בעערעך 7 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל באַשעפטיקטע. זייער נייגונג צו עקסטרעמיסטישע האַנדלונגען, די ייִעש־שטימונגען שטאַמען פון עקאָנאָמישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער צעשפּליטערטקייט, פון דעם דרוק פון דער גרויסבורזשואַזיע. די קליינע באַלעבעסלעך פאַלן לײַכטער אַרונטער אונטער דער סאָציאַלער און פּאָליטישער דעמאַגאָגיע פון די עקסטרעם־רעכטע.

דער צווייטער געזעלשאַפטלעכער שיכט, וואָס זײַנע פאַרשטייער ווערן קאָרבאָנעס פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אולטראַ־רעכטע, איז די יוגנט, וואָס לעבט איבער אַ דעפּרעסיע־צושטאַנד איבער די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וועלכע געפינען ניט קיין לייזונג; די יוגנט פאַרמאָגט ניט קיין דערפאַרונג פון סאָציאַלן קאַמף. אַ טייל פון דער יוגנט זײַנען די אָרדינאַרע מיליטער־לײַט, וואָס באַם דעמאָביליזירן זיך פון דער אַרמיי געפינען זיי ניט קיין אָרט אין דער געזעלשאַפט און דאָס פאַרביטערט זייער לעבן. אַ היפּשע צאָל פון אָט די יוגנטלעכע האָבן בעשײַטע אָנטיילגענומען אין די פּראָטעסט־באַוועגונגען נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע אין 1973.

צום געזאָגטן דאַרף מען צוגעבן, אַז דער אײַנפלוס פון די עקסטרעם־רעכטע טענדענצן ווערט פאַרשטאַרקט איבער דעם אימפּעריאַליסטישן פּאָליטישן קורס פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראַעל, איבער דעם, וואָס עס ווערט פאַרגעזעצט דער מילכאָמע־צושטאַנד און עס ווערט אַלץ טיפער דער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער קריזיס.

די אולטראַ־רעכטע קאָנצעפּציעס אין ייִסראַעל ציִען זייער יעניקע אין אַ היפּשער מאָס פון דער ציִוניסטישער גרונט־אידעאָלאָגיע, פון די טעזיסן, אַז עס איז פאַראַן אַן עקסטעריטאָריעלע ייִדישע וועלט־נאַציע, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אייביק, אַז די טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציע אין ייִסראַעל איז די איינציקע לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע און אַז די באַגריפן ייִדן און ייִסרעילים זײַנען איינע און די זעלבע. די דאָזיקע און אַנדערע ציִוניסטישע קאָנצעפּציעס זײַנען צוגעפּראַוועט געוואָרן מיט עקסטרעם־רעכטע אידייען, אַפילו מיט פאַשיסטישע.

1. דער ראַסיסטישער צוגאַנג

די ציִוניסטישע טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן געפּרוּווט געפינען אַ דעפיניציע פאַרן באַגריף „ייִדישע וועלט־נאַציע", האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף פאַרשיידענע סימאָנים. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז עס איז פאַראַן אַן „אַלגעמיינער סוינע" (ט. הערצל), עס עקזיסטירט אַן „איינציקע אין איר אַרט היסטאָרישע געמיינזאַמקײַט" (נ. גאָלדמאַן) אָדער אַ „געמיינזאַמע זאָרג וועגן ציִען" (י. נאָיסנער). דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט דערווײַזן, אַז עס איז פאַראַן אַ ייִדישע וועלט־נאַציע.

די עקסטרעם־רעכטע שיטע אינעם ציִוניזם האָט אַרײַנגעבראַכט אין אָט דער פראַגע אַ ראַסיסטישן צוגאַנג. זעיוו זשאַבאָטינסקי (1880—1940), וועלכער ווערט גערעכנט פאַר איינעם פון די אָוועס פון דער עקסטרעם־רעכטער שיטע, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אינטעגראַציע פון די ייִדן צווישן די פעלקער פון די לענדער, וווּ זיי לעבן, און אַפילו קעגן געבן די ייִדן פולע בירגער־רעכט, ווײַל — אַזאַ טראַט וועט פאַרשטאַרקן די אַסימיליאַציע דורך געמישטע כאַסענעס צווישן ייִדן און ניט־ייִדן. ז. זשאַבאָטינסקי האָט געשריבן אין זײַן אַרטיקל „אַ בריוו וועגן אויטאָנאָמיזם":

„דאָס וועט ברענגען צו דער פולער אַסימיליאַציע פון דער ראַסע צווישן דער פרעמדער מערהײַט. און אַף וויפל דער זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער גײַסטיקער כאַראַקטער קאָן עקזיסטירן בלויז אין באַדינגונגען, ווען עס ווערט פאַרהיט דער פיזישער ראַסן־טיפּ, וועט מיטן גאַנג פון דער פיזישער אַסימיליאַציע פון די ייִדן צווישן דער ניט־ייִדישער מערהײַט פאַרשווינדן אויך דער זעלבשטענדיקער ייִדישער כאַראַקטער אַלס ספּעציפישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער מאַסיוו".

און ווײַטער דערגייט זשאַבאָטינסקי דערצו, אַז ער נוצט אויס דעם פאַשיסטיש־נאַציסטישן באַגריף „ריינקײַט פון דער ראַסע". ער שרײַבט: „אײַנהיטן די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקײַט איז מעגלעך בלויז אין די באַדינגונגען פון פאַרהיטן די ריינקײַט פון דער ראַסע, דעריבער איז אונדז נייטיק אַן אייגענע טעריטאָריע, וווּ אונדזער פאָלק וועט בילדן די איבערוועגנדיקע מערהײַט" (מײַן קורסיוו. — ט. ג.).

דער אולטראַ־רעכטער צוגאַנג, וואָס איז באַזירט אויף די באַגריפן „ראַסע" און „בלוט", קומט צום אויסדרוק אין די באַהויפּטונגען וועגן דעם פאַרצוג פונעם ייִדישן פאָלק און וועגן דעם, אַז דאָס ייִדישע פאָלק שאַפט די וועלט־געשיכטע. אונטערפירנדיק אַ סאַכאַקל פון די אַנדערהאַלבן יאָר, וועלכע זײַנען פאַרלאָפן נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע פון 1973, האָט איינער פון די טרעגער פון די עקסטרעם־רעכטע קאָנצעפּציעס אין ייִסראַעל יאָסעף דאַן געשריבן: „אין 1974... האָט דאָס פאָלק פון ייִסראַעל זיך געפונען אין צענטער פון דער וועלט־געשיכטע". די יאָמקיפּער־מילכאָמע איז „געוואָרן די צענטראַלע און עפּשער די אַנטשיידנדיקע דערשײַנונג אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע". י. דאַנען האָט אַפילו ניט געקימערט דער לאָגישער ווידערשפּרוך: אויב די יאָמקיפּער־מילכאָמע פון 1973 איז בעעמעס געווען אַ „צענטראַלע דערשײַנונג אין דער וועלט־געשיכטע", דערווײַזט עס דאָך, אַז גראָד די אַראַבישע פעלקער, וואָס האָבן אָנגעהויבן די מילכאָמע, קעדיי באַפרײַען די טעריטאָריעס, וועלכע ייִסראַעל האָט אָקופּירט אין 1967, זײַנען, לויט זײַן מיסטישער קוואַליפיקאַציע, געוואָרן „איינער פון די פאַקטאָרן, וועלכע באַשטימען דעם גורל פון דער מענטשהײַט".

2. דער קאטאסטראָפאלער צוגאנג

די אולטרא־רעכטע שיטע שטעלט באזונדערס דעם טראָפּ אפן ציִעניסטישן טעזיס, וועלכן עס האָט בעשײַטע ארויסגערוקט ט. הערצל און וועלכער באהויפּט, אז די סינע צו ייִדן איז א נאטירלעכער און אומפארמײַדלעכער יעסאָד פון יעטווידער געזעלשאפט, פון יעדן פאָלק. נאָר אויך אין אָט דעם צוגאנג זײַנען די אולטרא־רעכטע דערגאנגען ביז עקסטרעמיסטישע אויספירן.

ז. זשאבאָטינסקי האָט אין זײַן ארויסטרעטונג אף דער קיניגלעכער קאָמיסיע (די פּיל־קאָמיסיע. לאָנדאָן, 1937) געזאָגט, אז די סיבע פון די ייִדישע ליידן באשטייט ניט אזוי אינעם אנטיסעמיטיזם מיצאד מענטשן, וועלכע געהערן צו אנדערע פעלקער, ווי אינעם „אנטיסעמיטיזם פון די זאכן, אין דער אינערלעכער סינע צו פרעמדע, א סינע, וועלכע עס פילט יעדער געזעלשאפטלעכער אָדער עקאָנאָמישער אָרגאניזם, און דערפון לײַדן מיר”. און אף וויפל אָט די סיבע, ווי זשאבאָטינסקי האָט געהאלטן, קאָן ניט אויסגעהיילט ווערן, לעבן די ייִדן איבער א „שטענדיקע און נאָכאנאנדיקע ערדציטערניש”.

אין העסקעם מיט אזא צוגאנג איז דער עצעם פאקט, וואָס ייִדן לעבן צווישן אנדערע פעלקער, די סיבע פון אומגליקן, וועלכע טרעפן די ייִדן, די סיבע פון דעם, וואָס ווערט גערופן מיטן נאָמען „קאטאסטראָפעס”.

און צו וואָס פירט אזא צוגאנג?

לויט דער מיינונג פון יאָסעף דאן, וועלכע ער האָט ארויסגעזאָגט, אשטייגער, אינעם דערמאָנטן ארטיקל, זײַנען די אָשוועטשימער אויוונס ניט איינע פון די שרעקלעכע דערשײַנונגען פונעם כײַיִשן נאציסטישן רעזשים, נאָר א רעזולטאט פון דער „פאסיווקײַט פונעם ייִדישן פאָלק”, א רעזולטאט פון די פּרווון פון די ייִדן צו נעמען אן אָנטייל אינעם לעבן פון די לענדער, ווו זיי האָבן געוווינט. ריידנדיק מיט די ווערטער פון יאָסעף דאן, האָבן „די אָשוועטשימער אויוונס סימבאָליזירט דעמלט און זיי סימבאָליזירן איצט דעם סאָף פון פאסיווקײַט, דעם אומפארמײַדלעכן רעזולטאט פון דעם „פרידנס־אָפּרו” בא די טײַך־ברעגן פון דער געשיכטע”.

אין אזא גײַסט, אָבער נאָך קלאָרער, האָט ארויסגעזאָגט די דאָזיקע אידיי עליִעזער ליוונע, א געוועזענער דעפּוטאט פון מאפּאי אין קנעסעט, וועלכער איז אריבער צו די עקסטרעם־רעכטע. ריידנדיק וועגן דעם, וויִאזוי דער נאציזם איז געקומען צו דער מאכט אין דײַטשלאנד, האלט ליוונע, אז צוגלײַך מיט די היסטאָרישע באדינגונגען פון דײַטשלאנד, „טאָר מען ניט פארזען אויך דעם באזונדערן טיפּ פונעם ייִדיש־דײַטשישן סימביִאָז אין XIX און אין אָנהייב XX יה., דעם פאקטאָר פונעם וווקס פון דער נאציסטישער רעאקציע” (מײַן קורסיוו. — ט. גאָזשאנסקע). ווײַטער דערקלערט ע. ליוונע, אין וואָס עס באשטייט דער דאָזיקער „סימביִאָז”, — דערין, וואָס ייִדן האָבן אין דײַטשלאנד זיך אויסגעטיילט אין די אינפאָרמאציע־מיטלען און אין די קולטור־צווײַגן, און דאָס האָט געבראכט צו א „קאָלאָסאלן אינערלעכן ווידערשטאנד פון די דײַטשן”.

מיר זעען, אז די עקסטרעם־רעכטע ציִעניסטישע שיטע, וואָס באזירט זיך אף א ראסיסטישן, קלוימערשט פּראָ־ייִדישן צוגאנג, דערגייט דערצו, אז זי בארעכטיקט דעם אנטיסעמיטיזם און ווארפט ארויף די שולד פאר אויסראָטן די ייִדן אף די ייִדן גופע.

3. די עוואקואציע־פאָדערונג

דאָס אָפּלייקענען יעטווידע מעגלעכקײַט, אז ייִדן זאָלן לעבן צווישן די אנדערע פעלקער אין שאָלעם און זיכערהײַט (דערבײַ אומאָפּהענגיק פון דעם, וועלכע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג עס עקזיסטירט אין דעם אָדער אנדערן לאנד), האָט געבוירן די פאָדערונג פון די אולטרא־רעכטע, מע זאָל „ליקווידירן דעם גאָלעס”, דה. מע זאָל אלע ייִדן ארויספירן פון די ערטער, ווו זיי וווינען, און קאָנצענטרירן זיי אין פּאלעסטינע. אָט די פאָדערונג, וואָס האָט באקומען דעם נאָמען „עוואקואציע־פאָדערונג”, איז געווען איינער פון די יעסוידעס פון זשאבאָטינסקיס וועלט־אָנשויונג און פון זײַן טעטיקײַט. ארויסטרעטנדיק אף דער קיניגלעכער קאָמיסיע, האָט ער געמאכט אזא פאָרשלאָג מיקויעך לייזן די פּראָבלעמען וועגן דער נויט פון די ייִדן: „ארויספירן פון גאָלעס יענע אלע טיילן, וועלכע וועלן שוין קיין לעבן ניט קאָנען מאכן, וועלכע האָבן ניט קיין שום האָפענונג אף עקזיסטענץ־מיטלען, און אָט די אלע טיילן פונעם גאָלעס צונויפנעמען אין איין אָרט, וואָס וועט שוין באטײַטן — אויס גאָלעס...”

ווי זאָל אָבער זײַן, אויב די ייִדן אין די פארשיידענע לענדער נעמען ניט אָן אָט דעם עקסטרעמיסטישן צוגאנג און זיי ווילן ניט פארלאָזן די ערטער, ווו זיי לעבן? איז אינעם ראעקציִאָנערן ארסענאל פון דער אולטרא־רעכטער שיטע געפונען געוואָרן אן ענטפער אויך אף אזא צופאל. דער ציִעניסטישער טוער אווראהאם שאָראָן (1883—1957) האָט ארויסגערוקט א פאָרשלאָג, פון וועלכן דאָס בלוט ווערט פארגליווערט: „איך בין זיך מוידע און איך שעם זיך ניט: ווען דאָס זאָל זײַן אין מײַנע קויכעס און אף וויפל דאָס אנטשפּרעכט מײַן פארלאנג, וואָלט איך טייקעף צונויפגענומען עטלעכע צענדליק דרייסטע יאטן — קלוגע און ווירדיקע, וועלכע זײַנען טרײַ אונדזער גײַסטיקן ענטוזיִאזם און ברענען מיטן פארלאנג צו העלפן ראטעווען די ייִדן — און וואָלט זיי אוועקגעשיקט אין די לענדער, ווו מיר לעבן אין זינדיקער זאָרגלאָזיקײַט. דאָרטן וואָלטן אָט די גוטע יאטן באדארפט פארשטעלן זיך פאר עמעסע גאָיִם און לויטן באפעל פונעם אומדערבארעמדיקן ציִעניזם דערגיין די יאָרן די ייִדן דורך רופן זיי קעסיידער און אָן אופהער מיט די נימעסע

צונעמענישן „שמוציקער ייִד!", „ייִדן קיין פּאַ־
לעסטינע!". די אימיגראַציע וואָלט גראָד דער־
פון געוווּנען אין צען טויזנט מאָל מער, איידער
פון די מיסיעס פון טויזנטער שעליכים און עמי־
סאַרן, וואָס זייער פרייִדיקונג טרעפט פּראַקטיש
אָן אַף טויבע אויערן".

א. שאַראָן איז אַזויאַרום מוידע, אַז דער רוף
צו די ייִדן, זיי זאָלן פאַרלאָזן די לענדער, ווו
זיי וווינען, טרעפט אָן אַף „טויבע אויערן".
אָבער, ווי אַן „אומדערבאַרעמדיקער ציוניסט"
קאָן ער ניט שאַלעם מאַכן דערמיט, און ער איז
גרייט צו צעצינדן די אַנטיסעמיטישע לייַדנ־
שאַפטן, שאַפן אומדערטרעגלעך שווערע באַ־
דינגונגען פאַר די ייִדן אין די אַנדערע לענדער,
אַבי נאָר עס זאָל וואַקסן די אימיגראַציע קיין
פּאַלעסטינע.

4. דער פּרינציפּ פון אַן „איינהייַטלעכער פּאַן"

ראַסיסטישער צוגאַנג, קאַטאַסטראָפאַלער צו־
גאַנג און עוואַקואַציע־פּאָדערונג — דאָס אַלץ
צוזאַמען ווערט באַ די עקסטרעם־רעכטע פאַר־
וואַנדלט אין דער קאָנצעפּציע, וואָס האָט באַ־
קומען דעם נאָמען „איינהייַטלעכע פּאַן" און איז
איינער פון די ווינקלשטיינער פון דער וועלט־
אָנשויונג פון ז. זשאַבאָטינסקי און זייַנע נאָכ־
פאָלגער. איינער פון זשאַבאָטינסקיס כסידים,
יעהושוע יעיווין, האָט אויסגעטייַטשט דעם
פּרינציפּ „איינהייַטלעכע פּאַן" מיט פאָלגנדיקע
ווערטער:

„איינהייַטלעכע פּאַן" באַטייַט, אַז אַלע פאָנען
ווערן צונויפגעוויקלט, ווען עס ווערט אויסגע־
האַנגען די פאָן פון דער נאַציע; דערפון איז דער
אויספיר, אַז אַלע „הייליקטימער" ווערן אָפּגע־
שאַפן, אויסער דאָס הייליקטום פון דער נאַציע;
דאָס באַטייַט, אַז אויך אַלע הייַנטיקע הייליקטי־
מער ווערן אָפּגעשאַפן, אשטייגער די הייליקייַט
פון א שטרייַק, ווי עס פרייִדיקן זי די סאָציאַ־
ליסטן; דאָס באַטייַט, אַז יעדער אַרבעטס־קאָנ־
פליקט ווערט רעגולירט אָן א שטרייַק, דורך אַן
אַרביטראַזש און א קאָמפּראָמיס. „איינהייַטלעכע
פּאַן" באַטייַט, אַז דאָס, וואָס ברענגט צום אופּ־
בלי פונעם פאָלק און העלפט מיט דער בויִונג
פון דער מעלוכע, — גראָד דאָס איז פאַר אונדז הייִ־
ליק. און אויב די אינדוסטריע איז בעקויעך צו
פאַרגיכערן די בויִונג פון דער מעלוכע, דאַרף
מען אַנטוויקלען די אינדוסטריע, פאַרגרעסערן
און פאַרשטאַרקן זי, ווען דאָס איז אַפילע פאַר־
בונדן מיטן אָפּשוואַכן די לאַנדווירטשאַפט
(וואָס איז אויך „הייליק")".

דער פּרינציפּ פון אַן „איינהייַטלעכער פאָן"
איז אַזויאַרום א קאָנצענטרירטער אויסדרוק פו־
נעם עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישן צוגאַנג, ווען
אַלע „פאָנען", אַלע „הייליקטימער" ווערן ליק־
ווידירט לעשעם דעם, וואָס טראָגט דעם נאָמען
„הייליקטום פון דער נאַציע". דער קלאַסן־טאָך
פון אָט דעם אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישן צוגאַנג
געפינט זייַן אַבסאָליוט קלאָרן אויסדרוק אינעם
געברויכטן טייַטש פון יע. יעיווין: דורך דעם
„הייליקטום פון דער נאַציע" ווערט אָפּגעשאַפן
קוידעמקאָל די „הייליקייַט פון שטרייַק", וואָס
איז א לעבנסוויכטיקער אינסטרומענט אינעם
פּראָפאַריינישן קאַמף פון די אַרבעטער. דערפון
איז געדרונגען, אַז ווידעראַמאָל לעשעם דעם
„הייליקטום פון דער נאַציע" דאַרפן די לויִנ־
אַרבעטער מאַסקים זייַן אַף א געצוווּנגענעם אַר־
ביטראַזש. פון דער צווייטער זייַט, פאַרפליכטעט
דער פּרינציפּ פון אַן „איינהייַטלעכער פאָן" צו
אַנטוויקלען די אינדוסטריע — אָן שטרייַקן, מיט
א געצוווּנגענעם אַרביטראַזש, דה. סטימולירן
די אינדוסטריעלער. די אַנטוויקלונג פון דער
אינדוסטריע אַפן כעזשבן פון אָפּשוואַכן די
לאַנדווירטשאַפט איז א פּויִעל־יויצע דערפון,
וואָס די לעצטע (די לאַנדווירטשאַפט) איז גע־
ווייִנלעך פאַרבונדן מיט דער היסטאַדרוט, און
אָט דער אומשטאַנד פאַרוואַנדלט די לאַנדווירט־
שאַפט, לויט יעיווינס מיינונג, אין א „הייליק־
טום, וואָס ווערט ליקווידירט", ווען זי שטויסט
זיך צונויף מיטן „הייליקטום פון דער נאַציע".

די אויבן געברויכטע האַנאָכעס פון די אולט־
ראַ־רעכטע קאָנצעפּציעס שטעלן מיט זיך פאַר
דעם איקער שעל קאָל האָיקרים פון דער ציוִ־
ניסטישער וועלט־אָנשויונג. גלייַכצייַטיק ווערט
דער עקסטרעם־רעכטער ציוניסטישער צוגאַנג,
ווי עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין אָנהייב
פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל, צונויפגעגאָסן מיט די
יעסוידעס פון דער וועלט־אָנשויונג פון די רעכ־
טע בורזשואַזע און אַפילע פאַשיסטישע ריכטונ־
גען אין דער וועלט. וועגן אייניקע פון די דאָ־
זיקע אַלגעמיינע יעסוידעס וועלן מיר ריידן
ווייַטער.

5. דער מיליטאַריסטישער צוגאַנג

די אולטראַ־רעכטע שיטע אין ייִסראָעל האָט
פאַנאַנדערגעאַרבעט פאַר זיך דעם מיליטאַריס־
טישן צוגאַנג — דעם מיליטערישן קולט. די אַנ־
הענגער פון דער דאָזיקער שיטע האַלטן, אַז די
נייטיקייַט צו לאָזן אין גאַנג געווער ווערט
אַרויסגערופן ניט דורך באַשטימטע באַדינגונ־
גען, ניט אַלס מיטל, וואָס זייַן ציל איז צו דער־
גאַנצן די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַק־
ציעס, נאָר אַלס נייטיקער באַדינג, וואָס ווערט
באַצייכנט מיטן נאָמען „מעלוכע־אופלעבונג".

א סאַך שפּורן פון אָט דער קאָנצעפּציע לאָזן
זיך מערקן סיי אין דער פּראַקטיק פון די מאַכט־
אָרגאַנען פון דער מעדינע, סיי אין די אַרויס־
טרעטונגען פון די אָנהענגער פונעם עקסטרעם־
רעכטן קורס. די שטרעבונג צו פאַרשטאַרקן די
זיכערהייַט פונעם לאַנד דורך שאַפן א פּריווי־
ליקע „ציווילע שוץ", דורך אָרגאַניזירן צווישן
דער יוגנט די מיליטערישע לערער, צעטיילן גע־
ווער צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג, צווינ־
גען די עלטערן צו נעמען אַן אָנטייל אינעם
אָפּהיטן די לערן־אַנשטאַלטן, — דאָס אַלץ איז
אויך גענומען פון דער אולטראַ־רעכטער קאָנ־

צעפּציע, וועלכע זאָגט, אַז שיסערײַ איז דער
„וויכטיקסטער באַדינג״ פאַר דער „מעלוכישער
אופלעבונג״.

דעם קנעסעט־דעפּוטאַט שמועל טאַמיר, לײ־
דער פונעם „פרײַען צענטער״, וועלכער גייט
ארײַן אינעם עקסטרעם־רעכטן בלאָק „ליקוד״,
איז ווייניק די עקזיסטענץ פון פרײַווילליקע צי־
ווילע פּאַטרולן. אין איינער פון זײַנע ארויס־
טרעטונגען האָט ער גערופן צו „שאַפן א סיס־
טעם פון ציווילער שוץ אין אַלמעלוכישן מאַס־
שטאַב, און די דאָזיקע סיסטעם זאָל פאַרייניקן
אין אירע רייען אַלע בירגער אין עלטער פון
16 ביז 60 יאָר, וועלכע זײַנען ניט מאָביליזירט
אין דער אַרמײ און זײַנען ניט קיין רעזער־
וויסטן. די סיסטעם זאָל האָבן איר אייגענע
קאָמאַנדשאַפט, איר אייגענע לערן־פּראָגראַם און
מאַנעוורען״. אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פון דער
ציווילער באַפעלקערונג — אָנהייבנדיק פון ייִנג־
לעך אין די גימנאַזיעס און ביז באָבעס פון
50—60 יאָר, — אָט דאָס איז דער מיליטאַריסטי־
שער רעצעפּט, וועלכן עס לייגט פאָר ש. טאַמיר
אָף צו לייזן די פּאָליטישע און מיליטערישע
פּראָבלעמען פון ייִסראָעל. און טאַקע בעעמעס,
צוליב וואָס קעמפן פאַר שאָלעם, אויב מע קאָן
פּראָסט־פּאָשעט צעטיילן דאָס געווער צווישן
קינדער, פרויען און אַלטע לײַט?

6. דער קולט פון טויט און מעסירעסנעפעש

דער מילכאָמע־קולט איז פאַרבונדן מיטן קולט
פון טויט. מעסירעסנעפעש לעשעם דער „היי־
ליקײַט פון דער נאַציע״, לעשעם „רעטונג״, לע־
שעם „נאַציאָנאַלן קיִעם״ — דאָס אַלץ פאַר־
בלײַבט ביז הײַנט א טייל פון די יעסוידעס אין
דער דערציִונג פון דער ייִסראָעל־יוגנט. דאָס,
וואָס דער נאַטירלעכער דראַנג צו לעבן ווערט
באַגלייט מיטן פאַרשפּרייטן צווישן דער יוגנט
די שרעק, אַז, קלוימערשט, עס שטייט איר פאָר
א זיכערער אומקום, — טעמפּט אָפּ די מויכעס
פון דער יוגנט, שטערט צו פאַרשפּרייטן רעאַ־
ליסטישע אָנשויונגען, וועלכע זײַנען באַזירט
אויפן פאַרשטיין די אָביעקטיווע קויכעס־פאַרהעל־
טעניִשן אויפן נאָענטן מיזרעך און אין דער וועלט
ביכלאַל.

אָט פאַרוואָס עס ברענגען אַזויפיל שאָדן די
פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן אין דער פּרעסע,
אַזעלכע ווי דאָס אַרטיקל פונעם שרײַבער מוי־
שע שאַמיר, וואָס פאָדערט: „באָמבע־באַהעלטע־
נישן אָנשטאָט פּאַלאַצן, פאַרפעסטיקונגען אָנ־
שטאָט קאָמפאָרטאַבעלע האָטעלן; טיפער פאַר־
גראָבן די לעבנס־ווערטן אָנשטאָט אופהייבן
דעם לעבנס־ניוואָ״.

די טעאָריע פון מעסירעסנעפעש איז, אַזוי־
אַרום, א טעאָריע פון ביטערן ייִעוש, א טעאָריע
וועגן דערפירן די פאָלקסמאַסן צו דאַלעס, א
טעאָריע פון אייביקער סינע צווישן די ייִדן און
די אַראַבער אין אָט דעם לאַנד און אין אָט דעם
ראַיאָן. דעריבער דאַרף מען אַזאַ טעאָריע קוואַ־
ליפיצירן אַלס אויסגעשפּראָכן אַנטיהומאַנע,
אַלס גײַסטיקן סאַם.

7. און עגאָיִסטישע נאַציאָנאַלע מאָראַל

די אולטראַ־רעכטע טעאָריעס, דערונטער אויך
די פאַשיסטישע, האָבן אַנטוויקלט אן עגאָיִ־
סטישן צוגאַנג צו דער מאָראַל. אָט דער צוגאַנג
לערנט, אַז מאָראַליש איז דאָס, וואָס איז נוצ־
לעך פאַר דער געגעבענער באַוועגונג אָדער
פאַרן געגעבענעם מענטשן. די רעדלפירער פון
דער אולטראַ־רעכטער שיטע אין ייִסראָעל האָבן
אויך אויסגעאַרבעט זייערע אייגענע מאָראַליש־
עגאָיִסטישע קריטעריען.

אין איינעם פון זײַנע פריִיִקע אַרטיקלען האָט
זשאַבאָטינסקי געשריבן:

„און אויב דער ציִעניזם איז מאָראַליש, ד.ה.
יוישערדיק, דאַרף ער דעם דאָזיקן יוישער פאַר־
ווירקלעכן, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, צי
איז דער אָדער יענער מאַסקים אָדער ניט מאַ־
סקים. און אויב B, A אָדער C וועלן מיט
דער הילף פון קויעך שטערן צו פאַרווירקלעכן
דעם יוישער, ווײַל זיי האַלטן, אַז אַזאַ פאַר־
ווירקלעכונג איז פאַר זיי ניט באַקוועם, דאַרף
מען זיי שטערן דעריִן, ווידער טאַקע מיט דער
הילף פון קויעך, אַזאַ איז די טעאָריע פון מאָ־
ראַל, קיין שום אַנדער מאָראַל איז ניטאָ״ (מײַן
קורסיוו. — ט. ג.)

מיר זעען אַזויאַרום, אַז די מאָראַל פונעם
ציִעניזם ווערט דעפיניִרט ווילקירלעך, אַזוי ווי
עס האָט באַשלאָסן ז. זשאַבאָטינסקי. ער, זשאַ־
באָטינסקי, האַלט, אַז דער ציִעניזם איז מאָראַ־
ליש, בעמיילע — יוישערדיק. דאָס ברענגט אים
צו אַזאַ אויספיר: פּרוּוון פאַרווירקלעכן דעם
ציִעניזם מיט דער הילף פון קויעך, דערונטער
דורך אָנטאָן עמעצן שאָדן. דאָס איז ניט פּאָשעט
א מאָראַלישער אַקט, — „דאָס איז די טעאָריע
(ציִעניסטישע) פון מאָראַל״.

און אויב זשאַבאָטינסקי פאַרבינדט אין איין
גאַנצעס ציִעניזם און מאָראַל, קומט זײַן שילערן
געולע קאָגען (א דעפּוטאַט פון קנעסעט, פאָר־
שטייער פון דער פּאַרטיי „ליקוד״) און זאָגט,
אַז שוין דער פאַקט, וואָס א ייִד געהערט צום
ייִדישן פאָלק, מאַכט אים פאַר א מאָראַלישן
מענטשן, אײַנגאַנצן אומאָפּהענגיק פון זײַנע
האַנדלונגען. אין איר שמועס מיט דאָראָן ראָזענ־
בלום („האַארעץ״ פון 1 פעווראַל 1974) האָט
ג. קאָגען געזאָגט אַזוי: „איך דאַרף זײַן מאָראַ־
ליש? הומאַניש? עס איז גענוג, אַז איך בין א
ייִדישע טאָכטער, בין איך שוין די סאַמע מאָ־
ראַלישע פרוי אין דער וועלט״...

8. וויִאַזוי עס ווערט דעמאַגאָגיש אויסגענוצט דאָס דערהויבענע אין די פאָלקס־טראַדיציעס

ג. דימיטראָוו האָט אין זײַן ארויסטרעטונג
אויפן VII קאָנגרעס פון קאָמינטערן געזאָגט, אַז
דער „פאַשיזם באַגרענעצט זיך ניט מיט פאַר־

שפּרייטן אָבערגלויבנס, וועלכע האָבן זיך טיף אײַנגעוואָרצלט אין די מאסן; ער נוצט אויס די סאמע דערהויבענע געפילן פון די מאסן, זייער געפיל פון יושער, און צומאָל אפילע די רעוואָליוציאָנערע טראדיציעס... די פאשיסטן גריבלען זיך אין דער געשיכטע פון יעדן פאָלק, קעדיי ארויסשטעלן זיך ווי די יאָרשים און פאָרזעצער פון אלץ, וואָס איז דערהויבן און ווירדיק אין זײַן פארגאנגענהײַט”.

די אולטרא־רעכטע אין ייִסראָעל זײַנען אויך טרײַ דעם דאָזיקן דעמאגאָגישן קורס. דער עקסטרעם־רעכטער ציִעניזם ווערט ארויסגעשטעלט אלס דער פאָרזעצער פון דער וווּנדערלעכער פארגאנגענהײַט — פונעם קאמף פאר באפרײַען דאָס לאנד פון אונטערן יאָך פון די רוימער אינעם צווייטן יאָרהונדערט פון אונדזער צײַטרעכענונג. עס ווערט געמאכט א פּרווו צו שטעלן אף איין ברעט די אולטרא־רעכטע שיטע מיט די העראָישע קעמפער אין דער געשיכטע פון די ייִדן.

עס איז ניט צופעליק אויך דאָס, וואָס דער אולטרא־רעכטער יוגנט־באוועגונג האָט מען געגעבן אזא נאָמען, וואָס אנטשפּרעכט דעם נאָמען פון דער פעסטונג אין די צײַטן פון באר־קאָכבא, וועלכע איז געפאלן די לעצטע בייס דעם אופשטאנד קעגן די רוימער, — בייטאר.

9. ס אָ צ ִ א ל ע   ד ע מ א ג אָ ג י ע

דער עקסטרעם־רעכטער פליגל פונעם ציִעניזם נעמט ארײַן אין זײַן ארסענאל אויך די סאָציִאלע דעמאגאָגיע, וואָס איר ציל איז צו מאָלן אים אלס אויסדריקער פון די עמעסע אינטערעסן פון די ארבעטער און פון אנדערע פאָלקס־שיכטן.

ארויסטרעטנדיק אין די אָרגאנען פון היסטאדרוט אָדער פאר די ארבעטנדיקע, גיבן זיך אָן די פאָרשטייער פון דער עקסטרעם־רעכטער שיטע אלס די ריטערס פונעם געזעלשאפטלעכן פּראָטעסט קעגן עקספּלואטאציע און דיסקרימינאציע, קעגן דאלעס און אמעראצעס. זיי ריידן זייער שיין וועגן דער שווערער לאגע אין די קווארטאלן, ווו עס וווינט די אָרעמשאפט, זיי פּראָטעסטירן קעגן דעם וווּקס פון די פּרײַזן און קעגן אראָפּזעצן דעם לעבנס־ניוואָ.

פארוואָס זײַנען די דאָזיקע ארויסטרעטונגען דעמאגאָגישע? ערשטנס, ווײַל די אולטרא־רעכטע שיטע טרעט ארויס פאר אײַנהיטן אף ווײַטער די עקזיסטענץ פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, קעגן דעם, מע זאָל איבערגעבן די מאכט אין די הענט פונעם ארבעטער־קלאס. ז. זשאבאָטינסקי, וואָס האָט גערעדט וועגן דעם אָרעמען מענטשן און „זײַנע קלאסן־אינטערעסן”, איז ארויסגעטראָטן פאר אײַנהיטן אף אייביק די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג, ער האָט געמאָלט די דאָזיקע אָרדענונג אלס אזא, וואָס איז פייִק צו פארווירקלעכן אין לעבן די געזעלשאפטלעכע אידעאלן.

צווייטנס, ווײַל די עקסטרעם־רעכטע טרעטן קאָנסעקווענט ארויס קעגן דעם קלאסנקאמף, וועלכן די לוין־ארבעטער פירן פאר זייערע טאָגטעגלעכע פאָדערונגען. אפן XI צוזאמענפאָר פון היסטאדרוט האָט דער פאָרשטייער פון „גאכאל” דאוויד יעשי, באריִרנדיק די פראגע וועגן דעם געזעלשאפטלעכן טהאָם צווישן די רײַכע און די אָרעמע, געזאָגט: „עס איז פאראן א מעלוכע און עס איז פאראן א געזעצגעבונג; עס זײַנען פאראן מיטלען אף צו פארבעסערן די לאגע פון יענע, וועלכע לײַדן איבער דער עקזיסטענץ פון אזא טהאָם, עס איז נאָך אָבער ניט געקומען די צײַט פאר א מילכאָמע צווישן די קלאסן”.

דריטנס, ווײַל אין דער צײַט, ווען די לוין־ארבעטער פירן א טאָגטעגלעכן קאמף, טרעטן ארויס די עקסטרעם־רעכטע קעגן זיי. די עקסטרעם־רעכטע הערן ניט אוף צו פאָדערן א צוואנג־ארביטראזש, אין קנעסעט זאָגן זיי זיך ארויס דערפאר, מע זאָל אָנעמען א געזעץ, וואָס פארגרעסערט די שטײַערן־לאסט, וועלכע עס טראָגן די ארבעטנדיקע, א געזעץ, וואָס באגרענעצט זייערע סאָציִאלע רעכט און די פרײַהײַט פונעם פראָפאריינישן קאמף.

אין דעם זעלבן כוידעש, ווען די פארטיי „ליקוד” איז ארויסגעטראָטן קעגן פארקירצן די אסיגנירונגען אף די סאָציִאלע נויטן, האָט די „ליקוד”־פראקציע אין דער קנעסעט געפאָדערט צו פארגרעסערן די קריגס־הויצאָעס אין 1975/76־טן פינאנץ־יאָר אף א סומע פון צוויי מיליארד ייִסראָעל־לירעס און אָט די מיטלען שאפן דורך פארקירצן די ביודזשעטן פון די אנדערע מיניסטעריומס אף דער אנטשפּרעכיקער סומע. ווי קאָן מען אָבער פארגרעסערן די קריגס־הויצאָעס, פארקירצן די ביודזשעטן פון אנדערע מיניסטעריומס — און אין דער זעלבער צײַט פארגרעסערן די הילף פאר די נויטבאדערפטיקע באפעלקערונגס־שיכטן? שוין אין דעם איז צו זען, וואָס פאר א ווערט עס האָט די דעמאגאָגיע פון די אולטרא־רעכטע.

10. ק ע ג ן   ס אָ צ ִ א ל י ז ם,   ק ע ג ן   ד ע ם   ס אָ ו ו ע ט נ פ א ר ב א נ ד,   ק ע ג ן   ד י   ל י נ ק ע   ק ר ע פ ט ן   ב י כ ל א ל

די עקסטרעם־רעכטע פירן א קעסיידערדיקן אָנגריף קעגן סאָציִאליזם, קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד, קעגן די לינקע קרעפטן ביכלאל.

די פּרעסע־אויסגאבעס פון די עקסטרעם־רעכטע אין ייִסראָעל גיסן עמערס שמוץ אפן סאָוועטנפארבאנד, זיי שפּרייטן רעכילעס מיט אזא פארביסנקײַט, אז עס האָט קיין שום זין ניט צו דיסקוטירן מיט זיי. קעדיי באווײַזן אָט דעם עקסטרעמיסטיש־אנטיסאָוועטישן קורס, וועלן מיר זיך באנוגענען מיט די ווערטער פון מוישע שאמיר אין איינעם פון זײַנע פּראָגראם־ארטיקלען: „דאָס באוווּסטזײַן, אז רוסלאנד, אזא, ווי עס איז הײַנט, איז א סוינע פון מײַן פאָלק, א סוינע פון מײַן לאנד און א סוינע פון דער פרײַ־

ער וועלט, — דאָס איז דער איקער אין מײַן
הײַנטיקער וועלט־אָנשויונג".
דער האס צום וויסנשאפטלעכן סאָציאַליזם,
צום סאָוועטנפארבאנד גיסט זיך צונויף מיט דער
סינע צו די לינקע קויכעס ביכלאל, צו יעטווי־
דער שיטע אָדער פארטיי פון א לינקער ריכ־
טונג.
ארויסגייענדיק פון דעם, האָבן די עקסטרעם־
רעכטע קרײַזן אײַנגעשלאָסן אין ארסענאל פון
זייער מאסן־אינפאָרמאציע אזעלכע עטיקעט־
קעס, ווי „קאפיטוליאנטן", „פארשוועכער פון
דער נאציאָנאלער מאָראל", „אראפאטס אגענטן".
זיי קלעפּן צו אָט די עטיקעטקעס ניט בלויז צו
קאָמוניסטן, נאָר אויך צו יעדן איינעם, ווער עס
דערוועגט זיך, אשטייגער, צו אונטערהאלטן די
רעכט פונעם פּאלעסטינער אראבישן פאָלק אַף
נאציאָנאלן קיום, דערוועגט זיך צו שטרײַכן
אָדער ביכלאל ארויסטרעטן מיט א קריטיק קעגן
דעם פּאָליטישן קורס פון דער רעגירונג, שטיי־
ענדיק אַף די פּאָזיציעס פון פארטיידיקן דעם
שאָלעם און דעם סאָציאלן יוישער.

11. די באַציִונג צו דער בורזשו־ אזער דעמאָקראַטיע

עס איז באוווּסט, אז דאָרט, ווו די מאכט נע־
מען אין זייערע הענט די עקסטרעם־רעכטע,
קומט אוף א פאשיסטישע דיקטאטור (בײַשפּילן:
דאָס נאציסטישע דײַטשלאנד, שפּאניע, טשילי),
וועלכע ליקווידירט די בורזשואזע דעמאָקרא־
טישע פרײַהײַטן, צעטרײַבט די דעמאָקראטישע
אָרגאניזאציעס, דערונטער דעם פּארלאמענט.
ווען אָבער די מאכט געפינט זיך ניט אין די
הענט פון די עקסטרעם־רעכטע און זיי לוינט
נאָך ניט ארויסצוטרעטן אָפן קעגן די דעמאָקרא־
טישע אָרגאניזאציעס, פירן זיי זיך אין אזעלכע
פאלן אוף דעמאגאָגיש.
זיי טרעטן ארויס פאר „עכטער דעמאָקרא־
טיע", זיי פארורטיילן קלוימערשט די קאָרופּ־
ציע, דאָס מיסברויכן מיט דער מאכט — קורץ,
זיי זוכן צו געפינען כיין אין די אויגן פון די
פאָלקסמאסן.
די פאָרשטייער פון די רעכטע עקסטרעמיסטן
האָבן ליב ארויסצוטרעטן „אין נאָמען פונעם
פאָלק", אין נאָמען פון „נאציאָנאלער איינהײַט".
שטרעבנדיק צו פאָרמירן א רעגירונג פון „נא־
ציאָנאלער איינהײַט", אין וועלכער עס זאָל
ארײַן דער עקסטרעם־רעכטער „ליקוד", האָבן
די דאָזיקע קרײַזן אין ייִסראָעל גערופן „דאָס
פאָלק", עס זאָל ארויסטרעטן פאר אזא איינהײַט.
פון דער צווייטער זײַט, זאָגן זיי זיך אָפּן
ארויס פאר באגרענעצן די דעמאָקראטישע
גרונט־פרײַהײַטן, קוידעמקאָל די פרײַהײַט פו־
נעם פּראָפאריינישן קאמף און די פרײַהײַט פון
וואָרט און געוויסן. באַרירנדיק די פראגע וועגן
דעם פאראקשנטן און דויערנדיקן קאמף קעגן
ארבעטסלאָזיקײַט, וועלכן די ארבעטער און אָנ־
געשטעלטע פון דער נאפטלייטונג איילאט —
אשקעלאָן האָבן געפירט אין די זומער־כאדאָ־
שים פונעם יאָר 1975, האָט שאלאָם ראָזענפעלד,
איינער פון די רעדאקטאָרן פון דער צײַטונג
„מאאריוו", געשריבן וועגן דער „העפקיירעס"
און „ווילקיר", וועגן די „יונגע פארגוואלטי־
קער", וועלכע נעמען פאָר אן „אטענטאט אַף
דער מעלוכע", ער האָט גערופן צו לאָזן אין
גאנג קעגן די שטרײַקער „אלע פולמאכטן פון
דער מעלוכע און פונעם געזעץ", דה. ברייט
אויסנוצן די קראפט פון דער פּאָליציי און אר־
מיי, ווײַל דאָס געריכט און די טפיסעס האָט
מען שוין אויסגענוצט פריִער.

אונטערפירנדיק דעם סאכאקל פון די אידעאָ־
לאָגישע קאָנצעפּציעס פון דער עקסטרעם־רעכ־
טער שיטע אין ייִסראָעל, קאָן מען זאָגן, אז אין
די גרונט־שטריכן זײַנען זיי ענלעך צו די עק־
סטרעם־רעכטע קאָנצעפּציעס אין די אנדערע
קאפּיטאליסטישע לענדער. סײַ דאָ, סײַ דאָרט
פארנעמט דאָס צענטראלע אָרט דער עקסטרע־
מער נאציאָנאליזם, וואָס שטעלט קעגן „זײַן"
פאָלק קעגן די אנדערע פעלקער; סײַ דאָ, סײַ
דאָרט קאָן מען געפינען מיסטישע קאָנצעפּציעס
אין דער נאציאָנאלער פראגע; סײַ דאָ, סײַ דאָרט
ווערט ברייט געלאָזט אין גאנג די נאציאָנאלע
און סאָציאלע דעמאגאָגיע; סײַ דאָ, סײַ דאָרט
ווערן פאָרגענומען פּרוּוון צו פאָרשטעלן די
אידעאָלאָגיע פון די אולטרא־רעכטע אלס א רע־
וואָליוציאָנערע אידעאָלאָגיע, וואָס איז אימ־
שטאנד אויסצוהיילן די סאָציאלע און נאציאָ־
נאלע קרענק.
אויב ריידן וועגן דעם ספּעציפישן כאראקטער
פון דער אולטרא־רעכטער שיטע אין ייִסראָעל,
דארף מען באטאָנען דעם פאקט, וואָס ער
שטעלט דעם טראָפּ אַפן שאָוויניזם.

דער פּאָליטישער קורס פון די עקסטרעם־רעכטע קרײַזן

אין ייִסראָעל, ווי אין די אנדערע קאפּיטאלי־
סטישע לענדער, איז די אידעאָלאָגיע פון די
עקסטרעם־רעכטע בארופן צו דינען א באַ־
שטימטן פּאָליטישן קורס.

1. מיטן אימפּעריִאליזם, קעגן די באפרײַונגס־באַוועגונגען

אין די רעזאָליוציעס פונעם XVI צוזאמענפאָר
פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון ייִסראָעל
ווערט געזאָגט: „זינט ט. הערצל און די אנדערע
ציִעניסטישע לידערס האָבן פארוואנדלט דעם
ציִעניזם אין א פּאָליטישער ריכטונג, האָט די
ציִעניסטישע פּאָליטיק זיך באַזירט אַף דער מיט־
ארבעט מיט די רעאקציאָנערע קרעפטן, מיט
די אימפּעריִאליסטישע מעלוכעס — קעגן דער
רעוואָליוציאָנערער סאָציאליסטישער באוועגונג
און קעגן דער נאציאָנאלער באפרײַונגס־באווע־
גונג".
דער באזונדערער „בײַטראָג" אין אָט דעם פּאָ־
ליטישן קורס פונעם ציִעניזם מיצאד דער עקס־
טרעם־רעכטער שיטע באשטייט אין פארשפּרייטן

סינע און צעצינדן האס צו דער נאציִאָנאלער באפרײַונגס־באוועגונג — ניט בלויז פון די אראבישע פעלקער, נאָר אויך פון אלע אונטערדריקטע פעלקער, פון אלע פעלקער פון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער. אין דער צײַט, ווען די אנדערע ריכטונגען האָבן זיך געפּרוּווט צוקלעפּן דעם ציִעניזם די עטיקעטקע „נאציִאָנאלע באפרײַונגס־באוועגונג", האָט די אולטרא־רעכטע שיטע אָפן דעמאָנסטרירט איר פארלאנג, אז די הערשאפט פון די אימפּעריִאליסטישע מעלוכעס זאָל דויערן ווײַטער, דעריקער די הערשאפט פון בריטאניע אין אזיע און אין אפריקע.

אבא אכימעיִר, איינער פון די הויפּט־אידעאָלאָגן פון „בייטאר", האָט געשריבן אין 1930: „אין יעדן קאָנפליקט צווישן מײַרעוו און מיזרעך האלטן מיר שטענדיק דעם צאד פון מײַרעוו, ווײַל שוין טויזנט יאָר (זינט די מאָנגאָלן האָבן אראָפּגעוואָרפן דעם באגדאדער כאליפאט), ווי דער מײַרעוו סימבאָליזירט א מענטשלעכע געזעלשאפט, וואָס שטייט העכער פונעם מיזרעך. בריטאניע פילט אויס די פּיִאָנערישע מיסיע פונעם מײַרעוו אפן מיזרעך... לויט אונדזער מיינונג, איז די פאָדערונג פון אינדיע, מע זאָל איר געבן אומאָפּהענגיקײַט, א פרעכע. דאָס איז אומדאנקבארקײַט בענעגייע בריטאניע..." (מײַן קורסיוו. — ט. ג.).

די אָנהענגער פון דער עקסטרעם־רעכטער שיטע האלטן זיך אויך הײַנט באם פּאָליטישן קורס פון פולער אייניקײַט מיטן אימפּעריִאליזם. זיי האָבן פארגאָסן ביטערע טרערן, ווען די אמעריקאנער זײַנען אוועק פון דאָרעם־מיזרעך־אזיע, ווען אין א ריי לענדער פון אזיע און אפריקע זײַנען ליקווידירט געוואָרן די קריגס־באזעס פון פשא און בריטאניע.

די אולטרא־רעכטע שיטע האָט אלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ געזוכט מיטצוארבעטן מיט די סאמע רעאקציִאָנערע קרײַזן פון דער אימפּעריִאליסטישער בורזשואזיע, אײַנגעשלאָסן די פאשיסטישע קרײַזן און פאשיסטישע רעזשימען.

בײַס דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע פון 1917 און בײַס דעם בירגערקריג אין סאָוועטן־רוסלאנד האָבן זשאבאָטינסקי און זײַנע אָנהענגער געזוכט וועגן צו מיטארבעטן מיט די ווײַסע ארמייען אין קאמף קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג. זשאבאָטינסקיס קאָלעגע י. טרומפּעלדאָר האָט אין אָקטיאבער 1917 פאָרגעלייגט דער „סאמאָסטייִנער אוקראיִנישער רעפּובליק" (וועלכע האָט געקעמפט קעגן אײַנשטעלן אף אוקראיִנע די סאָוועטנמאכט) צו שאפן יידישע ארמיי־פאָלקן. פּעטליורע, וועלכער איז דעמלט געווען קריגס־מיניסטער פון דער דאָזיקער „אוקראיִנישער רעפּובליק", דער זעלבער פּעטליורע, וואָס איז פאראנטוואָרטלעך פאר די יידישע פּאָגראָמען, האָט מאסקים געווען מיט טרומפּעלדאָרס פאָרשלאָג. צוליב פארשיידענע סיבעס איז דער דאָזיקער פּלאן ניט פארווירקלעכט געוואָרן.

אין סעפּטיאבער 1921, ווען די פּעטליורע־ארמיי, וואָס האָט געהאט די שטיצע פון די אימפּעריִאליסטישע מעלוכעס, האָט זיך געגרייט צו א נײַעם אָנפאל אף אוקראיִנע (דער גרעסטער טייל פון אוקראיִנע איז שוין געווען באפרײַט דורך דער רויטער ארמיי), האָט זשאבאָטינסקי זיך געטראָפן מיט סלאווינסקין (דעם הויפּט פון דער דעלעגאציע פון דער אוקראיִנישער רעפּובליק, וועלכער האָט געוווינט אין טשעכאָסלאָוואקיע) און אונטערגעשריבן מיט אים א פארשטענדיקונג וועגן מיטארבעט. דער הויפּט־אסקן פון דער דאָזיקער פארשטענדיקונג איז געווען דער ענגלישער פּאָלקאָווניק פּעטערסאָן, וואָס איז געווען קאָמאנדיר פון די אזויגערופענע „איווריט־פּאָלקן" אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

די פארשטענדיקונג מיט דער פּעטליורע־רעגירונג איז ניט אויסגעפילט געוואָרן מאכמעס דער מאפּאָלע, וואָס אָט די רעגירונג האָט געליטן אין אירע פּלענער קעגן דער סאָוועטנמאכט. ווי וויכטיק אָבער די דאָזיקע פארשטענדיקונג איז געווען פאר זשאבאָטינסקין, איז צו זען פון די ווערטער, וואָס מע האלט, אז ער האָט זיי אַנומלטן געזאָגט: „אז איך וועל שטארבן, מעגט איר אָנשרײַבן אף מײַן מאציייווע: „דאָס איז דער מענטש, וואָס האָט אונטערגעשריבן א פארשטענדיקונג מיט פּעטליורען".

פּאראלעל מיט זײַן טעטיקײַט אפן צאד פון די קאָנטררעוואָליוציִאָנערע קרעפטן אין רוסלאנד האָט זשאבאָטינסקי פאָרגעלייגט זײַן מיטארבעט דעם בריטישן אימפּעריִאליזם. לויט זשאבאָטינסקיס איניציִאטיוו זײַנען געשאפן געוואָרן די „איווריט־פּאָלקן", און דער ערשטער פון אָט די פּאָלקן איז ארויסגעטראָטן אף דער זײַט פון אלענביס ארמיי בײַס דער קאמפּאניע פון די ענגלענדער אין 1918 פאר אוועקנעמען פּאלעסטינע בא טערקײַ.

ווי די אנדערע ציִעניסטישע לידערס, האָט זשאבאָטינסקי געהאלטן די מיטארבעט מיט דער מאנדאט־מאכט פאר דער גאראנטיע צו פארווירקלעכן די שטרעבונג פון די ציִעניסטן, אז די מערהײַט אין פּאלעסטינע זאָל באשטיין פון יידן, דעריבער פלעגט ער זאָגן אָפן: „איך פערזענלעך באצי זיך מיט סימפּאטיע צום בריטישן אימפּעריִאליזם..." און ווען אין טאָג־סיידער איז געשטעלט געוואָרן די פראגע וועגן דער אומאָפּהענגיקײַט פונעם לאנד, האָט זשאבאָטינסקי ווידער באשטעטיקט זײַן טרײַהײַט צו די בריטישע מאכט־אָרגאנען. אין זײַן רעדע פאר די מיטגלידער פונעם ענגלישן פּארלאמענט (אין 1937) האָט ער געזאָגט:

„מיר, די רעוויזיִאָניסטן אָדער די מיטגלידער פון דער נײַער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע, האָבן פאָרגעלייגט דעם קיניגרײַך אן אקטיוו פאר דער מאנדאט־מאכט, א גוטן יידישן שוטעף, וועלכער באוואכט די וויכטיקסטע וועגן פונעם קיניגרײַך (און איצט געפינען זיי זיך עפּשער אין דער גרעסטער געפאר)".

זשאבאָטינסקי איז געווען מאָלע־סימכע פון דעם, וואָס עס זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן

פאַשיסטישע רעזשימען אין איטאַליע (מוסאָליני), דײַטשלאַנד (היטלער), פּוילן (פּילסודסקי), און ער האָט זיך גענומען זוכן פאַרבינדונגען מיט די דאָזיקע שטרעמונגען, פון וועלכע ער האָט געשעפּט אינטעלעקטועלע און פּאָליטישע באַגײַסטערונג. זשאַבאָטינסקי און זײַנע אָנהענגער האָבן אײַנגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט מוסאָליניס פאַרשטייער, וועלנדיק שאַפן אין איטאַליע שולן פאַר דער צוגרייטונג (פאַקטיש מיליטערישער צוגרייטונג) פון אינסטרוקטאָרן פאַר „בײַטאַר", און שפּעטער אפילו פאַר די מיליטערישע טיילן, וועלכע וועלן מיטאַרבעטן מיט מוסאָליניס אַרמיי.

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן זשאַבאָטינסקי און זײַנע אָנהענגער געפּרוווט אײַנשטעלן א מיטאַרבעט אויך מיט דעם דאָזיקן רעזשים. זשאַבאָטינסקי איז פּערזענלעך געפאָרן קיין בערלין, זײַנע אָנהענגער האָבן געפירט א קאַמף קעגן די אַנדערע ריכטונגען אינצווישן דער יידישער באַפעלקערונג, לעשעם דעם „קאַמף קעגן מאַרקסיזם".

וויאַזוי האָבן די אולטראַ־רעכטע קרײַזן דערקלערט זייער גרייטקײַט צו אײַנשטעלן פאַרבינדונגען אָדער אפילו מיטאַרבעטן מיט די פאַשיסטישע רעזשימען? אווראַהאַם שטערן, וואָס איז געווען איינער פון די אָנפירער פון „אירגון צוואַי לעומי" (געשאַפן מיצאַד דער זשאַבאָטינסקי־באַוועגונג), האָט געזאָגט אין 1940: „עס זײַנען פאַראַן אָביעקטיווע סיבעס אַף צו פּרוּוון אײַנשטעלן א פאַרבינדונג מיט די סאָנים פון בריטאַניע. ערשטנס, די עצעם שטרעבונג צו אָפּשוואַכן די אימפּעריע, צעצינדן א פײַער אין אירע ראַמען; צווייטנס, איינע פון די שטרעבונגען, וועלכע זיי (די פאַשיסטן. — ט.ג.) האָבן פּראָקלאַמירט, — צו מאַכן אייראָפּע, און עפּשער אויך די אַנדערע קאָנטינענטן „יודענריין"... אָט וואָס מע דאַרף טאָן: איבערצײַגן די דײַטשן, אַז די טעריטאָריִעלע קאָנצענטראַציע דאַרף פאָרקומען ניט אין מאַדאַגאַסקאַר, נאָר אין פּאַלעסטינע; און אַז דאָס דאַרפן טאָן ניט זיי, ווען זיי וועלן אָקופּירן דאָס אַפריקאַנער אינדזל, נאָר מיר, טייקעף".

די פּאָזיציע פון די רעכטע עקסטרעמיסטן איז, אַזויאַרום, באַשטאַנען דערין, אַז מע זאָל פּרוּוון „איבערצײַגן די דײַטשן", היטלערס נאַציסטישן רעזשים, אַז דאָס איז פאַר זיי א „לוינבאַר געשעפט", ווײַל אין רעזולטאַט פון דעם וועט אייראָפּע אָפּגערייניקט ווערן פון די יידן. און קעדיי זיי זאָלן האָבן א פּאָנעם פון „קעמפער פאַר דער פרײַהייט", האָבן די אולטראַ־רעכטע דערקלערט זייערע פּראָפאַשיסטישע טענדענצן דערמיט, וואָס דאָס נאַציסטישע דײַטשלאַנד איז א סוינע פון בריטאַניע, און בריטאַניע איז דאָך א סוינע פון דער יידישער באַפעלקערונג[1].

די עקסטרעם־רעכטע קרײַזן האָבן ניט בלויז גערופן צו אײַנשטעלן פאַרבינדונגען מיט די פאַשיסטישע רעזשימען, זיי האָבן אפילו געשיקט אַהין פאַרשטייער און פאָרגעלייגט אָט די רעזשימען פאַרשטענדיקונגען, אפילו באַקומען בא זיי אומזיסט געווער און א מעגלעכקײַט צו אויסשולן מיליטעריש זייערע מענטשן (אַשטייגער, אין פּילסודסקי־פּוילן).

די אולטראַ־רעכטע שיטע אינעם ציוניזם, וועלכע איז אידייִש און לויט דער קלאַסן־אָנגעהעריקײַט געווען נאָענט מיט די אַנטיסעמיטישע קרײַזן אין פּוילן און מיטן פאַשיסטישן רעזשים אינעם נאַצי־דײַטשלאַנד, האָט צו זיי געזאָגט בעערעך אַזוי: איר האָט פײַנט די יידן, איר ווילט בא זיי אָפּנעמען די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס, — זײַנען מיר גרייט אַליין אָפּטאָן פאַר אײַך אָט די אַרבעט, מיר וועלן „באַפרײַען" פּוילן און אפילו גאַנץ אייראָפּע און די אַנדערע קאָנטינענטן פון די מיליאָנען יידן, וועלכע וווינען דאָרט.

2. קעגן דער לינדערונג פון שפּאַנונג

די עקסטרעם־רעכטע קרײַזן פירן א קאַמפּאַניע קעגן דער לינדערונג פון דער צווישנפעלקערלעכער שפּאַנונג און טרעטן אַרויס אַף דער זײַט פון די אַמערסטן מיליטאַריסטישע קרײַזן פונעם אימפּעריאַליסטישן לאַגער, קעגן יענע בורזשואַזע קרײַזן, וואָס ווײַזן אַרויס א געוויסע מאָס פּאָליטישן רעאַליזם.

א באַדײַטנדיקע ראָליע אין דער דאָזיקער פּאָליטישער קאַמפּאַניע נעמט אַף זיך דער אָרגאַן פון דער „באַוועגונג פאַר א גרויס יִסראָעל" — „זאָט האַאַרעץ". די אוּוטאָרן פון די אַרטיקלען אין דער דאָזיקער עקסטרעם־רעכטער וואָכנשריפט באַטראַכטן די ענדערונג פון די קויכעס־פאַרהעלטענישן אין דער וועלט אַלס פּראָצעס פון „אײַנשטעלן די הערשאַפט פון שוואַרצע קויכעס איבער דער מענטשהײַט" און די לינדערונג אַלס „נאַרישקײַט און אילוזיע, צוליב וועלכע ס'איז געבראַכט געוואָרן אַלס קאָרבן דער יִסראָעלדיקער זיג אין דער מילכאָמע".

[1] אַף וויפל דער פאַשיזם קאָן זיך קליידן אין פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע בעגאָדים און בלײַבן פאַשיזם, איז צו זען פון דעם פאַקט, וואָס די פּראָפאַשיסטישע קרײַזן אין דער אַראַבישער וועלט האָבן אין יענעם פּעריאָד געניצט די זעלבע פאָרמולירונג — „דער סוינע פון אונדזער סוינע" (זע דאָס אַרטיקל פון כ. מאָכי א. דין אינעם זשורנאַל „פּראָבלעמען פון שאָלעם און סאָציאַליזם", נום. 5 פאַרן 1975 יאָר).

(פאָרזעצונג קומט)

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט" טרעפן זיך די לייענער אַלץ אָפטער אָן מיט אָנפאלן אף דער נאציאָנאלער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון פשא, נעמלעך, אין די פראגן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער ייִדישער סוויווע.

קעדיי אונדזערע לייענער זאָלן באקומען אינפאָרמאציע פונעם ערשטן קוואל, דרוקן מיר דאָ איבער פון דעם זשורנאל „דזשויִש אפערס" די רעזאָליוציע וועגן די דאָזיקע פראגן, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אפן XXI צוזאמענפאָר פון דער אמעריקאנער קאָמפארטיי.

רעזאָליוציע וועגן דער ארבעט צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג, אָנגענומען אף דעם XXI צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע

אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע לעבן אן ערעך 6 מיליאָן ייִדן. די אמעריקאנער ייִדישע געמיינדע איז די סאמע גרעסטע אין דער וועלט, זי איז קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט פונעם לאנד (בא א העלפט ייִדן לעבן אין ניו־יאָרק). דאָס איז א קאָמפּאקטע, הויך אָרגאניזירטע געמיינדע, ווו עס איז באדײַטנדיק די קולטורעלע און רעליגיִעזע טעטיקײַט צווישן די ייִדן, וואָס ריידן אף ענגליש, און איינצײַטיק לעבט זיך דער עלטערער דאָר אויס אף ייִדיש.

דער קלאסן־באשטאנד פון דער ייִדישער געמיינדע שפּיגלט אָפּ דעם קלאסן־באשטאנד פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט אינגאנצן גענומען. אף איין פּאָליוס — די ייִדישע גרויסבורזשואזיע, וועלכע האָט אירע פאָרשטייער צווישן די קארפּן־קעפּ פונעם אמעריקאנער פינאנץ־קאפּיטאל, אף דעם צווייטן פּאָליוס — בא 15 פּראָצענט ייִדישע מישפּאָכעס, וועלכע זײַנען אָפיציִעל פארעכנט צו דער קאטעגאָריע אָרעמע. די מערהײַט אָבער אמעריקאנער ייִדן זײַנען ארבעטער און אָנגעשטעלטע (דערבײַ, אין אונטערשייד פון דער פארגאנגענהײַט, זײַנען זיי הײַנט ניט פארנומען הויפּטזאכלעך אין דער ניי־אינדוסטריע און אין אנדערע געביטן פון דער אינדוסטריע פון דער „טראדיציִאָנעלער" שווייסטרײַבנדיקער סיסטעם). זיי ווערן פּונקט אזוי עקספּלואטירט און שטויסן זיך אָן אף די זעלבע פּראָבלעמען, ווי אלע אנדערע ארבעטנדיקע. הײַנט לײַדן זיי, אזוי ווי אנדערע, פון ארבעטסלאָזיקײַט און אינפליאציע, און זיי ווערן — אויך צוזאמען מיט אנדערע — ארײַנגעצויגן אינעם קאמף. אָט צו די דאָזיקע ארבעטנדיקע ייִדן דארף זיך עס ווענדן אונדזער פּארטיי. אונדזערע אָנשטרענגונגען דארפן זײַן קאָנצענטרירט אף דער ארבעט צווישן דער הארעפּאשנער באפעלקערונג.

אין דער לעצטער צײַט האָבן די ייִדן געשפּילט א באדײַטנדיקע ראָל אינעם קאמף פון די ארבעטער פאר זייערע רעכט, אין דעמאָקראטישן, אנטימאָנאָפּאָליסטישן קאמף בא אונדז אין לאנד. ייִדן — ארבעטער און פּראָפעסיִאָנעלע אָנפירער האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פּילצאָליקע פּראָפעסיִאָנעלע שטרײַטן. די ייִדישע אָרגאניזאציעס און גרופּעס האָבן זיך געפונען אף דעם פאָדערשטן ראנד פונעם קאמף פאר שאָלעם, זיי האָבן גענומען אן אקטיוון אָנטייל און פיל בײַגעטראָגן אין די גרויסע שלאכטן פון די 60־ער יאָרן פאר בירגערלעכע רעכט. מע דאַרף אנערקענען, אז די ייִדישע מאסן זײַנען א מעכטיקע קראפט אין קאמף פאר פּראָגרעס, אז זיי זײַנען א וויכטיקער פאקטאָר אין דעם אנטימאָנאָפּאָליסטישן קאמף, א פאקטאָר, וועלכן מ'דארף אין זינען האָבן.

די ייִדן פון די פארייניקטע שטאטן זײַנען קאָרבאָנעס פונעם אנטיסעמיטיזם, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר — ווי אנדערע פאָרמען פון ראסיזם און שאָוויניזם — א מיטל, מיט דער הילף פון וועלכן דער מאָנאָפּאָליסטישער קאפּיטאל שיידט פאנאנדער דעם ארבעטער־קלאס און פארשטארקט די קאפּיטאליסטישע עקספּלואטאציע און אונטערדריקונג. די ייִדן ווערן דיסקרימינירט באם אײַנאָרדענען זיך אף ארבעט, באם באפרידיקט ווערן מיט וווינונגען, בילדונג, אָפּרו אאוו. די סינאגאָגעס און אנדערע ייִדישע אנשטאלטן ווערן אַלץ אָפטער אָביעקטן פון וואנדאליזם. אף ייִדן גיסן אויס די צעיושעטע

אולטראס אומענדלעכע שטראָמען פון ראסיסטישע זידלערײַען. און דער גרויסער ליגן פון די צארישע פאלשיוועקעס אונטערן נאָמען „פראָטאָקאָלן פון די זיקניי־ציִען“, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן א קלוימערשטער פארשווערונג פון די „ייִדישע באנקירן“ מיטן ציל צו דערשלאָגן זיך א וועלט־הערשונג, ווערט, ווי פריִער, ברייט אנערקענט ניט נאָר מיצאד די אולטרא־רעכטע, נאָר אויך אין „רעספעקטאבעלע“ בורזשואזע קרײַזן. אזויארום, דארף דאָס גרינטלעכע אינעם קאמף פאר די אינטערעסן פון דער ייִדישער באפעלקערונג זײַן דער קאמף קעגן ווירוס פון אנטיסעמיטיזם און דאָס פאָדערן פולע דעמאָקראטישע רעכט און אלזײַטיקע גלײַכהײַט פאר ייִדן.

אָט דער קאמף דארף זיך פאנאנדערוויקלען אפן באזיס פון פראָלעטארישן אינטערנאציִאָנאליזם — אף דער פאראייניקונג מיט אלע ארבעטנדיקע — אין קאמף קעגן יעטווידער נאציִאָנאלער און ראסעווער אונטערדריקונג. איבערהויפט דארף ער זיך באזירן אף דער אייניקײַט פון ייִדן און נעגרען, באזונדערס אפן גויוער זײַן די ראסיסטישע שטימונגען צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג.

דער קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם פאָדערט צו דעמאסקירן און געבן א ווידערשטאנד דער פארסאמטער אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם, וועלכע באהויפטעט, אז אנטיסעמיטיזם וועט עקזיסטירן אייביק, אז די נאציִאָנאלע אינטערעסן פונעם ייִדישן פאָלק זײַנען אין קעגנזאץ צו די אינטערעסן פון אנדערע פעלקער און אז די ייִדישע ארבעטנדיקע האָבן אלגעמיינס ניט מיט די ארבעטנדיקע פון אנדערע נאציִאָנאליטעטן, נאָר מיט אנדערע ייִדן, אײַנשליסנדיק די גרויסע ייִדישע קאפיטאליסטן.

אידענטיפיצירנדיק דעם אנטיציִעניזם מיט אנטיסעמיטיזם, באמיִען זיך די ציִעניסטן צו שאפן פאלשע ציל־ברעטלעך פון דעם אזויגערופענעם „לינקן אנטיסעמיטיזם“ און „שווארצן אנטיסעמיטיזם“, אָפווענדנדיק, אזויארום, די ייִדישע באפעלקערונג פונעם קאמף קעגן איר קלאסן־סוינע — דעם ווירקלעכן קוואל פון אנטיסעמיטיזם, אראָפפירנדיק זי אף דעם פאלשן וועג פון ראסיזם און אנטיסאָוועטיזם. זיי רופן „געדולדיק זיך באגיין“ מיטן אנטיסעמיטיזם פון די רייגאנען, באקלי און פון די גענעראלן בראונס[1], מאָטיווירנדיק דאָס דערמיט, וואָס די דאָזיקע אנטיסעמיטן זײַנען „פרײַנט פון ייִסראָעל“. זיי שטעלן זיך קעגן באליביקע מאָסמיטלען, וועלכע זײַנען געווענדט צו גויוער זײַן די פאָלגן פון דער דוירעסדיקער דיסקרימינאציע פון נעגרען און פון אנדערע אונטערדריקטע פעלקער און אויך פון פרויען, אָנרופנדיק אזעלכע טריט „דיסקרימינאציע אף פארקערט“.

דאָס אלץ שטערט דעם קאמף קעגן דעם אנטיסעמיטיזם, וועמענס ווּקס אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע רופט ארויס אן אומרו. די אָפוועזנהײַט פון אן ערנסטן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם אין פשא, אין דער צײַט, ווען די ציִעניסטישע קויכעס זײַנען קאָנצענטרירט ארום דעם פאלשן מארש פאר „באפרײַען“ די סאָוועטישע ייִדן, מונטערט אונטער די קויכעס פון ראסיזם און אנטיסעמיטיזם און ברענגט צו דעם, אז עס ווערט אויסבאהאלטן דער עמעס וועגן דער ווירקלעכער לאגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד, ווּ דער אנטיסעמיטיזם איז פאקטיש פארניכטעט. מיר רופן צו אן אנטשיידענעם אָנגריף קעגן דעם אנטיסעמיטיזם אין פשא. אן ערשטראנגיקע פליכט פון אונדזער פארטיי איז — ארויסווײַזן איניציִאטיוו אין דער אָרגאניזאציע פון אזא קאמפאניע.

דער באשליסנדיקער מאָמענט אין אונדזער ארבעט צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג איז דער קאמף קעגן דער פארדארבערישער ווירקונג פונעם ציִעניזם אין דער ייִדישער געמיינדע פון אונדזער לאנד. נאָך דער מילכאָמע פון 1967 אפן נאָענטן מיזרעך, וועלכע האָט מיט א היפשער עמאָציִאָנעלער קראפט זיך אָפגערופן אף א סאך ייִדן, איז די ווירקונג פונעם ציִעניזם שטארק אויסגעוואקסן. אין אָט דעם פעריִאָד איז די ציִעניסטישע באוועגונג אין אן אלץ שטײַגנדיקער מאדרייגע געוואָרן דער אָנשפאר פון דער רעאקציע צווישן די ייִדן.

אין די בורזשואזע ייִדישע קרײַזן איז מערקבאר א בולטע טענדענץ אף רעכטס. די סימאָנים דערפון: 1. די פארשטארקונג פון דער פארבינדונג מיט די רעכטע פאָליטישע עלעמענטן און דאָס איבערגיין פון א טייל שטימען פון דער ייִדישער באפעלקערונג לעטויוועס ניקסאָנען בייס די וואלן אין 1972; 2. די שארפע אופלעבונג פונעם ראסיזם אין דער ייִדישער געמיינדע, וועגן וואָס עס זאָגט איידעס די קאמפאניע פון קאמף קעגן דעם אזויגערופענעם „שווארצן אנטיסעמיטיזם“; די פירנדיקע ראָל פון די ייִדישע אָרגאניזאציעס אינעם פראָטעסט קעגן דער סיסטעם פון פרעפערענצן באם אָנעמען אף ארבעט נעגרען און קעגן די עפנטלעכע פארבײַט־וואקאנסיעס; אזעלכע אויסברוכן פון ראסיזם, ווי אין פאָרעסט כיל און אין קאנארסי (ניו־יאָרק), און אויך דער ווּקס פון שענקעריזם אין פראָפעסיִאָנעלן פאריין פון די לערער; 3. דער ווּקס פון אנטיסאָוועטיזם און די קאמפאניע, וועלכע די גרעסטע ייִדישע אָרגאניזאציעס האָבן אָנגעהויבן מיטן ציל צו אויסנוצן די ייִדישע באפעלקערונג אלס א פאָדערשטן אָטריאד אינעם קאמף קעגן דער צווישנפעלקערלעכער אנטשפאנונג, אין נאָמען

[1] ר ײ ג א ן — א געוועזענער גובערנאטאָר פון קאליפאָרניע, א באווּסטער רעאקציִאָנער. איצט פרעטענדירט ער צו אויסגעוויילט ווערן אלס קאנדידאט פון דער רעפובליקאנישער פארטיי אפן פאָסט פונעם מעלוכע־פרעזידענט. א ו. ב א ק ל י — א סענאטאָר־רעפובליקאנער, איינער פון די הויפט־קעגנער פון דער צווישנפעלקערלעכער אנטשפאנונג. גענעראל ד ז ש. ב ר א ו ן — פאָרזיצער פונעם פאראייניקטן קאָמיטעט פון די שטאב־שעפן פון דער אמעריקאנער ארמיי. די אָנגערופענע פאָליטיקער זײַנען ניט נאָר פארביסענע אנטיקאָמוניסטן און סאָוועטן־פרעסער, נאָר אויך אויסגעשפראָכענע אנטיסעמיטן (באמערקונג פונעם איבערזעצער).

פונעם קאמף מיט דעם קלוימערשטיקן „סאָוועטישן אנטיסעמיטיזם"; 4. דאָס באוויַזן זיך פון א באנדע פאשיסטישע בויאנעס, וועלכע רופן זיך „ייִדישע פארטיידיקונגס־ליגע".

דער ראסיזם פון שענקער[1] און פון אזעלכע ווי ער איז א כאראקטעריסטישער שטריך פון דער רעכטער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז אינגאנצן אָנגעשטעקט מיטן גייַסט פון קלאסנוועור מיטארבעט, פון ראסיזם, פראַציִאָניזם און צעיושעטן אנטיסאָוועטיזם. ס'איז זייער וויכטיק צו פירן א קאמף קעגן איר ווירקונג צווישן די ייִדישע ארבעטער.

קעמפנדיק קעגן ציִוניזם, דארפן מיר האָבן אין זינען, אז די פולע מערהייַט ייִדן זייַנען ניט קיין ציִוניסטן, נאָר זיי ווערן גיכער פון אלץ אָנגערעגט פון דעם געפיל פון נאַציָנאַלן שטאָלץ און זיי זאָרגן זיך, אז עס זאָלן ניט לייַדן די אינטערעסן פון די ייִדן אין ייִסראָעל. אזעלכע געפילן סטארען זיך די ציִוניסטן פארקריפלען צוליב זייערע צילן. פון דעם געזאָגטן דרינגט, אז די ייִדישע מאסן קאָן מען באפרייַען פון דער ציִוניסטישער ווירקונג, און די אופגאבע פון דער פארטיי איז — קעמפן פאר דעם. כוץ דעם, איז בא די ייִדישע ארבעטנדיקע אויך פאראן אן אלטע טראדיציע פון קאמף און פון שטיצן דעם פּראָגרעס און דעם סאָציִאַליזם. די דובינסקיס[2], די שענקערס און ענלעכע צו זיי וואָלטן שטארק געוואָלט די דאָזיקע טראדיציע פארניכטן. אונדזער אופגאבע — קעמפן פאר דעם, זי זאָל אופגעשטעלט ווערן, פּראָפּאגאנדירן זי, ווי א לעבנס־שעפערישע קראפט אין דער סוויווע פון די ייִדישע ארבעטנדיקע. און ווירקלעך, אין דער איצטיקער צייַט שאפן זיך באדינגונגען אף צו פארשטארקן אונדזער טעטיקייַט אין דעם געביט.

די אָקטיאבער־מילכאָמע פון 1973, וועלכע האָט געשאפן א נייַע קריזיס־צעשטעלונג אף דעם נאָענטן מיזרעך און צעווייעט די איליוזיעס, אז דאָס, וואָס ייִסראָעל איז מיליטעריש שטארקער, און די טעריטאָריעלע פארכאפּונגען קאָנען, קלוימערשט, זיכערן די געפארלאָזיקייַט פון דער ייִסראָעלדיקער באפעלקערונג, האָט געבראכט דערצו, אז אין די ציִוניסטישע לאָזונגען האָבן אָנגעהויבן צווייפלען אלץ מערער מענטשן אין ייִסראָעל, אזוי אויך אין די פארייַניקטע שטאטן. אלץ שטארקער און שטארקער ווערט קריטיקירט די פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג.

די דאָזיקע פּאָליטיק, צוזאמען מיט קיסינדזשערס מאנעוורען, איז געריכטעט אף צו פארהיטן דעם סטאטוס־קוואָ, דה. אף צו דערגרייכן א „טיילווייַזע" און „עטאפּנווייַזע" אייַנרעגולירונג — אָפּטרעטן געוויסע טיילן פון דער פארכאפּטער טעריטאָריע אלס בייַט אף דער קאפּיטוליאציע פון די אראבער און אף אָפּווארפן די גערעכטע נאַציָנאַלע פאָדערונגען פון דעם אראבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע. אָט די אָנשטרענגונגען האָבן געליטן א מאפּאָלע. הייַנט־צו־טאָג איז קלאָרער ווי ווען־ניט־איז פריִער דער פאקט, אז א גערעכטער און פעסטער שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך קאָן דערגרייכט ווערן נאָר בא די באדינגונגען, ווען עס וועלן באנייַט ווערן די אונטערהאנדלונגען אין זשענעווע, ס'וועט ווערן פולקום פארווירקלעכט אין לעבן די רעזאָלוציע פונעם געפארלאָזיקייַט־ראט פון דער אָרגאניזאציע פון די פאַראייניקטע נאציעס נום. 242 און עס וועלן באפרייַדיקט ווערן די רעכט אף זעלבסטבאשטימונג פון דעם אראבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע, וועלכן עס שטעלט פאָר די אָרגאניזאציע פאר באפרייַען פּאַלעסטינע.

אויב פריִער האָט דער קאמף פון אונדזער פארטיי קעגן דער אגרעסיווער, אנעקסיָאָניסטישער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, קעגן דער אונטערשטיצונג פון דער דאָזיקער פּאָליטיק מיצאַד דער אמעריקאנער רעגירונג קימאַט ניט געפונען קיין אָנהענגער צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג, האָבן איצט זיך אָנגעמערקט געוויסע ענדערונגען אין דער פּאָזיטיווער ריכטונג. אין ייִסראָעל, אזוי אויך אין די פארייַניקטע שטאטן לאָזן זיך הערן אלץ העכער און העכער די שטימען פון יענע — אייַנשליסנדיק באזונדערע אָנגעזעענע טוער און אָרגאניזאציעס, ייִדן און ניט־ייִדן, — וואָס עס טרעט ארויס פאר אָפּזאָגן זיך פון אזא פּאָליטיק, וואָס זי קאָן ברענגען נאָר צו מילכאָמע און אומגליקן. אזויארום, אנטשטייט א מעגלעכקייַט צו שאפן א ברייטע באוועגונג, און, נעמלעך, צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג, אף צו אונטערהאלטן דעם אייניציק עכטן וועג צום שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך, ווו די איצטיקע לאגע איז דער וויכטיקסטער פּאָטענציִעלער קוואל פארן אופקום פון א נייַער וועלט־מילכאָמע. ס'איז נייטיק אומבאדינגט אָרגאניזירן אזא באוועגונג, און די אופגאבן פון אונדזער פארטיי איז שטעלן די געהעריקע טריט אין אָט דער ריכטונג.

אונדזער ארבעט צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג האָט ערנסט געליטן פון דער אידעאָלאָגישער שפּאלטונג, וועלכע איז פּאָרגעקומען אין דער פארטיי און אין דער פּראָגרעסיווער ייִדישער סוויווע, א שפּאלטונג, וואָס איז פּאָרגעקומען איבער דער אָפּאָרטוניסטישער טעטיקייַט פון אייניקע אָנפירער אין אָט דער סוויווע, וועלכע האָבן געפּראוווט, אויסנוצנדיק זייער ווירקונג אין די פּראָגרעסיווע ייִדישע אויסגאבעס און אָרגאניזאציעס, אוועקפירן די פּראָגרעסיווע ייִדישע מאסן אף דעם וועג פונעם רעאקציָאָנערן ייִדישן נאַציָנאַליזם, ראסיזם און רעכטן אָפּאָרטוניזם. דאָס האָט געפּאָדערט א שווערן אידעאָלאָגישן קאמף צו פארטיידיקן די מארקסיסטיש־לעניניסטישע ליניע אין דער ייִדישער

[1] א. שענקער — פּאַריזער פונעם פראפאַרייִן פון לערער אין פּשא. א רעאקציָאָנערער פּאָליטיקער פון א רעכט־סאָציִאַליסטישן טאָלק (באמערקונג פונעם איבערזעצער).

[2] ד. דובינסקי — א רעאקציָאָנערער פראפאַרייִן־טוער. לאנגע יאָרן געשטאנען בעראָש פון דעם פארייִן פון פרויען־שנייַדער (באמערקונג פונעם איבערזעצער).

פראגע. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן מיר געמאַכט א באַדײַטנדיקן טראַט פאָרויס און האָבן זיך דערשלאָגן אַן ערנסטע שטיצע פון דער פּאָליטיק פון דער פאַרטיי אין דעם געביט. אָבער די שלאַכט איז נאָך ווײַט ניט געוווּנען. די רעדאַקטאָרן פון דער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט" האָבן קימאַט אינגאַנצן זי אריבערגעפירט אין לאגער פון די פּראָציִעניסטן און אַנטיסאָוועטישע קויכעס און זי אַלץ ענגער פאַרבונדן מיט די רענעגאַטן פון מאקי אין ייִסראַעל און פון „דזשויִש קארענטס"[1] בא אונדז אין לאַנד, וועלכע האָט שוין פון לאַנג קיין שום אַלגעמיינס ניט מיטן פּראָגרעס.

דער זשורנאַל „דזשויִש אַפערס" איז א ווירקזאַמער אינסטרומענט אין אונדזער קאַמף. דאָס איז אַן עפעקטיווע אויסגאַבע, אָבער פיל שטייט נאָך פאַר אָפּצוטאָן, קעדיי צו מאַכן זי בעסער. דערווײַל ווערט אָט דער זשורנאַל פאַרשפּרייט צווישן א פאַרהעלטניסמעסיק ניט גרויסער אַאודיטאָריע, און דער באַשטאַנד פון זײַנע מיטאַרבעטער אַנטשפּרעכט ניט גענוג די באַדערפענישן. מע דאַרף — און ס'איז מעגלעך — מאַכן אַזוי, אַז „דזשויִש אַפערס" זאָל צוציִען א גרויסע צאָל לייענער. קעדיי דאָס צו דערגרייכן, איז נייטיק קאָנצענטרירן אַלע מעגלעכע אָנשטרענגונגען.

דער צווייטער ווירקזאַמער אינסטרומענט אין אונדזער קאַמף — דאָס איז דער קאָמיטעט פאַר א גערעכטן שאָלעם אַף דעם נאָענטן מיזרעך, וועלכער געפינט זיך אין ניו־יאָרק. דער דאָזיקער קאָמיטעט איז געוואָרן א וויכטיקע באַזע פון אונדזער קאַמף (עפנטלעכע מיטינגען, פאַרשפּרייטונג פון ליטעראַטור, דעמאָנסטראַציעס, רעקלאַמע אאַוו.), מיר נוצן אים אויך אויס אַף אײַנשטעלן קאָנטאַקטן מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אָן שום ספק — דאָס איז א לינקע אָרגאַניזאַציע, נאָר מיט א פאַרהעלטניסמעסיק שמאָלער באַזע. די באַזע אָבער קאָן פאַרברייטערט ווערן. די טעטיקײַט פונעם קאָמיטעט איז וויכטיק צוליב דער שאַפונג פון א מער ברייטערער שאָלעם־אָרגאַניזאַציע.

די אַלע דערגרייכונגען זײַנען א רעזולטאַט פון דער טעטיקײַט פון דער נאַציאָנאַלער קאָמיסיע איבער די פראגן וועגן ייִדן[2], וועלכע האָט געפירט א קאָנסעקווענטע אַרבעט אין דעם געביט. אין איר אַרבעט אָבער זײַנען פאַראַן געוויסע שוואַכקײַטן, וועלכע זײַנען שוין פון לאַנג פאַראַן אין אונדזער טעטיקײַט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. אונדזער אַקטיווקײַט און די קאָנטאַקטן זײַנען קימאַט אינגאַנצן אײַנגעשלאָסן בלויז צווישן די באַיאָרטע מענטשן, וועלכע ריידן אַף ייִדיש. מיר זײַנען נאָך אָפּגעווײַטערט פון די, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די מערהײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג בא אונדז אין לאַנד — פון די ענגליש־ריידנדיקע ייִדן, ווי אויך פון דער ייִדישער יוגנט. אין רעזולטאַט דערפון זײַנען בא אונדז ניט פאַראַן קיין קאָנטאַקטן מיט די נײַ־געשאַפענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע טרעטן אַרויס פאַר שאָלעם, און ס'איז ניטאָ די נייטיקע באַזע אַף צו שאַפן אַן אייניהײַטלעכן פראָנט פון שאָלעם פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס מיט דער קאָמפּאַרטיי אַלס אַן אָנערקענטן אָנטיילנעמער. מיר זײַנען אָפּגעזונדערט פון דעם קאַמף פאַר אייניקײַט צווישן ייִדן און נעגערן, וועלכער ווערט שוין געפירט גאַנץ ברייט, ווי אויך פון דעם קאַמף אַרום דער אַזויגערופענער פראגע וועגן „קוואָטעס"[1]. מע דאַרף ערנסט צוגיין צו דער פראגע וועגן גוריווער זײַן אונדזער סעקטאַנטישקײַט אין דעם געביט.

ס'איז נייטיק פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע קאָמיסיע איבער די אָנגעלעגנהײַטן פון די ייִדן מיט פאַרשטייער פון די פּראָפאַריינען, פון דער יוגנט, ווי אויך מיט די קויכעס, וועלכע נעמען אָן אָנטייל אין אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. מע דאַרף אויסטיילן פאַר אָט דער אַרבעט א באַפרײַטן פונקציאָנער, וועלכער וואָלט געקאָנט אָפּט אַרומפאָרן, אײַנשטעלן קאָנטאַקטן, העלפן „דזשויִש אַפערס", זי זאָל ווערן א מער עפעקטיווע אויסגאַבע און אויך אָרגאַניזאַציאָנעל קאָאָרדינירן די אָנשטרענגונגען פון דער פאַרטיי אין אָט דער ריכטונג.

ס'איז נייטיק, מיר זאָלן אידעאָלאָגיש זיך פאַרפעסטיקן, קלאָרער מאַכן אונדזער שטאַנדפּונקט אַף דער ייִדישער פראגע, אַף דעם טאָך פונעם ציִעניזם, אַף דעם כאַראַקטער פון דער ייִדישער געמיינדע און דער נױטווענדיקײַט צו פאַרשטאַרקן די פאַרטיי דורך צוציִען א גרעסערע צאָל אַרבעטער. דער גאַנצער פאַרטיי איז נייטיק קלאָר מאַכן די וויכטיקײַט פונעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן ציִעניזם, קעגן די מאַנעוורען פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און פון ייִסראַעל אַפן נאָענטן מיזרעך, ווי אויך קעגן ראַסיזם און רעאַקציע גופא אין דער ייִדישער סוויווע.

„דזשויִש אַפערס" (ניו־יאָרק).

---

[1] מ א ק י — אַזוי האָט זיך גערופן די גרופּע רענעגאַטן, וועלכע האָט אין דער מיט פון די 60־ער יאָרן געפּרוּווט פאַרכאַפּן די אָנפירונג אין דער ייִסראַעלדיקער קאָמפּאַרטיי מיטן ציל צו פאַרוואַנדלען זי אין א פּראָציִעניסטישער, רעכט־אָפּאָרטוניסטישער אָרגאַניזאַציע. לעצטנס האָט מאקי זיך פאַראייניקט מיט דער לינק־ציִעניסטישער באַוועגונג „בלוי־רויט". „דזשויִש קארענטס" — א זשורנאַל אין דער ענגלישער שפּראַך, וועלכער איז אין דער פאַרגאַנגענהײַט אַרויסגעטראָטן פון פּראָגרעסיווע פּאָזיציעס און איצט האַלט ער זיך אַלץ מערער און מערער בא א פּראָציִעניסטישן קורס (באַמערקונג פון דעם איבערזעצער).

[2] די נאַציאָנאַלע קאָמיסיע איבער די פראגן וועגן ייִדן — א ספּעציעלער אָרגאַן אין דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פשא, וועלכער פאַרווירקלעכט די אַרבעט צווישן דער פּראָגרעסיווער ייִדישער באַפעלקערונג פונעם לאַנד.

[1] עס גייט דאָ די רייד וועגן די קוואָטעס באַם אָננעמען אַף אַרבעט פאַרשטייער פון דער ניט־ווײַסער באַפעלקערונג אין באַזונדערע צווײַגן פון דער אינדוסטריע אין אייניקע שטאַטן.

■ ■ ■

עס ווערט פאָרגעזעצט
ד ע ר ש מ ו ע ס,
וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד"
האָט אָנגעהויבן

„דער דענקמאָל אין באַבי יאַר וועט שטיין לעדווירעס"

אינעם נומ. 6 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן פאַריקן יאָר איז געווען אָפּגעדרוקט א רעפּאָרטאַזש פון קיעוו וועגן דער אַרבעט, וואָס ווערט געפירט אַף צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די קאָרבאָנעס אין באַבי יאַר. לעצטנס איז אין א ריי צײַטונגען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" יע. ריבינאַ „די לעצטע טעג פון באַבי יאַר". מיר דרוקן איבער, עטוואָס געקירצט, דאָס דאָזיקע אַרטיקל.

די לעצטע טעג פון באַבי יאַר

ווען די היטלערישע כאַיאָלעס האָבן אונטער די קלעפּ פון דער סאָוועטישער אַרמיי זיך אָנגעהויבן אָפּקײַקלען אַף מײַרעוו, האָבן די פאַשיסטן, פּרווונדיק פאַרווישן די שפּורן פון זייערע פאַרברעכנס, געשאַפן אין באַבי יאַר א קאַצעט־לאַגער פון פאַרורטיילטע אַף טויט מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרברענען די מייסים.

330 זײַנען זיי געווען. 329 זײַנען גרייט געווען זיך מאַקריוו צו זײַן, אַבי איינער זאָל זיך ראַטעווען, און ער זאָל קאָנען דערציילן דעם עמעס וועגן באַבי יאַר. א גרופּע סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע, אויסגעצערטע און פאַרשמידטע אין קייטן, וועלכע האָבן אויסגעזען פּונקט שוין ווי אומבאַהאָלפענע קעגן דער גוט אויסגעשולטער היטלערישער מאַשין פון מאַסן־פאַרניכטונג, האָט צוגעגרייט און פאַרווירקלעכט אַן אומדערהערטן העלדנטאַט — דאָס אַנטלויפן פונעם לאַגער. לעבן געבליבן זײַנען 15. אָט זײַנען די גוויִעס־איידעס פון פיר פון זיי וועגן די לעצטע טעג פון דער טראַגעדיע אין באַבי יאַר.

וולאַדימיר דאַווידאָוו, בוי־אינזשעניער:

— דעם 18 אויגוסט 1943 האָט מען אין סירעצקער לאַגער, פונוואַנען קיינער פלעגט ניט אַרויס א לעבעדיקער, אָפּגעקליבן 100 „געפערלעכסטע פאַרברעכער" און זיי אָפּגעפירט אין באַבי יאַר. אין גדאַנק האָבן מיר זיך שוין געזעגנט מיטן לעבן. אָבער אונדז האָט מען ניט געפירט אַף צו דערשיסן. מע האָט אונדז פאַרשמידט אין קייטן און געהייסן צעגראָבן די ערד, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן מיט גראָז. מיט דער אַרבעט האָט אָנגעפירט דער עסעסאָוועץ טאָפּײַדע. דער דאָזיקער מערדער האָט גוט געוווּסט, ווו עס ליגן פיל צענדליקער טויזנטער מענטשן, וועלכע מע האָט דערשאָסן דעם 29 און 30 סענטיאַבער 1941. דאָס איז געווען דער סאָד פון דער דײַטשישער אימפּעריע, און דער דאָזיקער סאָד האָט געדאַרפט שטאַרבן צוזאַמען מיט אונדז. באַגלייט דורך אווטאָמאַטלער און הינט, זײַנען מיר אַרויס צום באַבי יאַר און דאָרט פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין אָוונט געשלעפּט פון ריזיקע גריבער מייסים. די, וועלכע זײַנען געלעגן פון אויבן, האָט מען נאָך געקענט, פאַרטשעפּענדיק מיט א האַקן, אָפּשלעפּן צום אויוון. ווי־ניט־איז האָט מען נאָך געקאָנט אָפּגראָבן דעם מיטעלן שיכט ערד, ווו די מייסים זײַנען געווען אָנגעטאָן אין גרעט. נאָר אינעם אונטערשטן שיכט, דעם סאַמע דיקן, זײַנען געווען אויסשליסלעך קערפּערס פון גרוי־ערדישן קאָליר. זיי זײַנען געווען אַזוי אײַנגעלעגערט און צונויפּגעפלאָכטן, אַז עס איז שווער געווען אָפּצורײַסן איין מעס פון דעם אַנדערן. אַף א סאַך קינדערשע קערפּערלעך איז ניט געווען קיין איין ווונד: מע האָט זיי באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

דאַוויד בודניק, בוי־אינזשעניער:

— די קערפּערס האָט מען אַף די אויוונס צונויפּגעלייגט אין שטאַבעלן, עטלעכע מעטער די הייך, זיי באַגאָסן מיט ברענשטאָף און אונטערגעצונדן. די אויוונס האָט מען געבויט פון די שטיינער אַף מאַצייווע און שטאַכעטן, געבראַכטע פונעם בעסוילעם, און פון רעלסן. די עסעסאָווצעס זײַנען געשטאַנען בא די אויוונס און אַכטונג געגעבן, מע זאָל פון די מייסים אַראָפּנעמען דאָס צירונג, וואָס עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען מיט צוויי יאָר צוריק.

זאַכאַר טרובאַקאָוו, שעף פון אַ צעך אין דער פאַבריק „אינדפּאָשיוו“:

— אויסער דעם, פלעגן צום באַבי יאַר אַלע טאָג קומען צו פאָרן „דושעגובקעס“. מיר האָבן אויסגעלאָדן די שווייסיקע, נאָך וואַרעמע קערפּערס און אָפּגעטראָגן זיי צום שײַטער. אויפן שײַטער פלעגן זיי זיך פּלוצעם אופהייבן, ווי געקרייציקטע, פונעם פײַער, פּונקט ווי זיי וואָלטן פאַרשאָלטן די וועלט, וועלכע האָט געקאָנט געבוירן אַזאַ אַכזאָריעסדיקייט. דאָס האָט מען מאַמעש ניט געקאָנט איבערטראָגן. אַלע טאָג פלעגן צוויי־דרײַ מענטשן אַראָפּגיין פון זינען. העכער 30 יאָר פאַרפאָלגן מיך אָט די קאָשמאַרן. איך כאַפּ זיך אויף אינמיטן נאַכט מיט שוידער...

יאַקאָוו קאַפּער, סטאָליער אינעם מעדיצינישן אינסטיטוט:

— מע האָט אונדז געהאַלטן פאַר וואַזשנע פאַרברעכער, און די פאַשיסטן אַליין האָבן אונדז גערופן „אַרומשפּאַנענדיקע מייסים“. אויף דער וואָך זײַנען געשטאַנען בלויז אָפּיצערן. ווען די שײַטערס האָבן דערברענט, פלעגן זיי אונדז באַפעלן איבערמאָלן די ניט אויסגעברענטע ביינער, זיי דורכזיפּן און פאַנאַנדערוואַרפן איבער די דערבײַיקע גערטנער, דערנאָך פאַרפּולן נײַע אויוונס. פון פרי ביז שפּעט איז דער הימל איבערן באַבי יאַר געווען פאַרצויגן מיט קנוילן געדיכטן שוואַרצן רויך.

וולאַדימיר דאַווידאָוו:

— אין לאַגער האָט זיך באַוויזן פיאָדאָר יערשאָוו. „אויב צוזאַמען מיט די מייסים וועלן מיר אויך פאַרברענט ווערן, — האָט ער געזאָגט, — וועט ניט זײַן, ווער עס זאָל וועגן דעם דערציילן. מיר דאַרפן אַנטלויפן“. דאָס איז געווען אויסערגעוויינלעך שווער. אויף יעדן אונדזער פינפטל איז אויסגעקומען אַן אויטאָמאַטלער מיט אַ הונט. ניט געקוקט דערויף, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער פליטע.

יאַקאָוו קאַפּער:

— מיר פלעגן אונטערזוכן די מייסים — דאָס האָט מען אונדז געצוווּנגען צו טאָן — און אָפט געפונען שליסלען, שערלעך, אַנדערע זאַכן. די מענטשן האָבן דאָך ניט געוווּסט, אַז מע פירט זיי צום טויט, האָבן זיי גענומען מיט זיך דאָס סאַמע נייטיקסטע. איך האָב איבערגעקליבן אַ סך שליסלען און, ענדלעך, געפונען: איינער איז צוגעגאַנגען צום ריזיקן שלאָס, מיט וועלכן מע פלעגט פאַרשפּאַרן אונדזער זעמליאַנקע.

דאַוויד בודניק:

— די היטלעראָווצעס האָבן זיך געאײַלט. פון יענער זײַט דניעפּער האָבן זיך דערטראָגן קאַנאָנאַדעס. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס דערנעענטערט זיך די צײַט, ווען מיר וועלן דאַרפן צעטיילן דעם גורל פון די קאָרבאָנעס פונעם באַבי יאַר. די לעצטע קוואָרים ווערן אויסגעליידיקט. דעם 29 סענטיאַבער באַטאָג איז צו פיאָדאָר יערשאָוון געקומען יאַקאָוו סטעיוק: „פעדיע, דער לעצטער אויוון איז צוגעגרייט פאַר אונדז. טאָפּײַדע האָט געזאָגט, מע זאָל אים ניט אָנלאָדן... מאָרגן דאַרפן זיי פונדאַנען נעלעם ווערן“...

זאַכאַר טרובאַקאָוו:

— אָפּדערנאַכט האָבן די וועכטער אַרײַנגעטראָגן אין קעלער אַ גרויסן באַק מיט געקאָכטע קאַרטאָפל, אויסרעכענענדיק, אַז דאָס גרויסאַרטיקע מײַכל וועט אָפּטעמפּן די וואַכזאַמקײַט פון די קאַצעטלער. קיינער האָט זיך ניט געטאָרט אָנשטויסן, אַז דאָס איז די לעצטע אין אונדזער לעבן וועטשערע. ווען די שקיִע איז צוגעפאַלן, האָט יערשאָוו קורץ געמאָלדן: „מיר טרעטן אַרויס הײַנט“. די גרעסטע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט איז אַרופגעלייגט געוואָרן אויפן שלאָסער וויאַטשעסלאַוו קוקליאַ. ער האָט געדאַרפט דורכרוקן די האַנט צווישן די פּרענטעס פון דער רעשאָטקע און פאָרזיכטיק עפענען דעם שלאָס. דער שליסל איז אַרײַן אינעם שפּאַלט אָן קיין שום רויש. אַ דריי — און ס'האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער מעטאַלישער קלאַנג. קוקליאַ האָט באַוויזן אַרויסרײַסן דעם שליסל און זיך צושפּאַרן צו דער וואַנט. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אַ בלייכער שטראַל פון אַ לאַמטערנדל באַלויכטן די טיר. דער וועכטער האָט אויך דערהערט דעם קלאַנג.

יאַקאָוו קאַפּער:

— פון 12 אַזייגער באַנאַכט ביז פיר פאַרטאָג האָט קוקליאַ זיך פאַרנומען מיט עפענען דעם שלאָס. אונדזערע נערוון זײַנען געווען שרעקלעך אָנגעשטרענגט. און ווען דער שלאָס האָט זיך, ענדלעך, געעפנט, זײַנען מיר עטלעכע רעגעס געשטאַנען שווײַגנדיק. פיאָדאָר האָט באַפוילן: „נעמט אַראָפּ די קייטן!“. און די זעמליאַנקע האָט זיך פאַרפולט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן גערויש. „וואָס טוט זיך עס דאָרטן בײַ אײַך?“ — האָט אַ געשריי געטאָן פון אויבן דער וואַכמאַן. „מע האָט זיך צעשלאָגן איבער די קאַרטאָפל“, — האָט רויִק געענטפערט סטעיוק.

וולאַדימיר דאַווידאָוו:

— אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער געשריי פון מענטשן, דאָס בילערײַ פון הינט, די שיסערײַ זיך דערטראָגן שוין ווײַט הינטערן לאַגער. אומבאַוואָפנטע מענטשן האָבן געריסן די מײַלער פון ריזיקע הינט, געוואָרגן מיט די הוילע הענט באַוואָפנטע עסעסאָווצעס, געטאָפּטשעט אין דער ערד די וואַכלײַט. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך אין באַבי יאַר געגאָסן בלוט פון די הענקער — פריִער האָט זיך דאָ געגאָסן בלוט בלויז פון זייערע קאָרבאָנעס. אַרויסגעשפּרונגען פונעם יאַר, האָב איך זיך דערקליבן צום יִשעוו סירעץ. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט די שוועסטער אַנטאָנינע און נאַטאַליע פּעטרענקאָ. אין אויסזען האָב איך געהאַט פון אַ טײַוול: 40 טעג זיך ניט געוואַשן, ניט געגאָלט זיך, ניט געביטן די קליידער, ס'האָט פון מיר געטראָגן אַ רייעך פונעם קייווער. די פּעטרענקאָס האָבן מיך אויסבאַהאַלטן. אינגיכן זײַנען געקומען אונדזערע...

דאַוויד בודניק:

— די גאַנצע קִיעווער פּאָליציי, די געסטאַפּאָ און אייניקע מיליטער־טיילן האָט מען געוואָרפן אויף אָפּזוכן די אַנטלאָפענע פונעם לאַגער. די פאַשיסטן האָבן צוגעזאָגט פאַר אונדזערע קעפּ אַ סך געלט, זיי האָבן געדראָעט מיט טויט פאַר יעטווידער הילף אונדז. אָבער קיינער האָט אונדז ניט אויסגעגעבן. די פאַשיסטן האָבן געכאַפּט 15 צופעליקע מאַנצבלען, וועלכע זײַנען זיי געקומען אונטער דער האַנט, און זיי צעשאָסן. דער נאַטשאַלסטווע האָט מען מיטגעטיילט: קיין איין איידעס איז ניט געבליבן לעבן.

פיאַדאָר יערשאָוו איז געווען גערעכט: יענע פון אונדז, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען זיך פונעם באַבי יאַר, האָבן דערציילט פאַר דער וועלט דעם עמעס וועגן אָט דעם שרעקלעכן פאַרברעכן פונעם פאַשיזם. א שאָד, פיאַדאָר האָט ניט דערלעבט... לאַנג האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן מיט דער הילף פון איינעם א כאָוער, מישען (זיין פאַמיליע־נאָמען האָט ער, צום באַדויערן, ניט אָנגערופן), אין די ליוקן און טריבן פון א ציגל־זאַוואָד. מישעס זון פלעגט אונדז ברענגען שפּייז און וואַסער. און ווען מע האָט אין א כוידעש אַרום באַפרייט קיעוו, האָבן אונדזערע סאָלדאַטן אונדז אַרויסגעשלעפּט: גיין האָבן מיר שוין ניט געקאָנט, די פיס זיינען געווען געשוואָלן פון די קייטן.

וולאַדימיר דאַווידאָוו:

— אָף די פיס זיינען פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן אָט די סימאָנים...

עס קייטלט זיך א יאָר נאָך א יאָר, עס לויפן שוין דורך יאָרצענדליקער. אין דער פאַרגאַנגענהייט ווערן פאַרשוווּנדן געשעענישן, מענטשן. אָבער קיינמאָל וועלן ניט אויסגעמעקט ווערן פונעם זיקאָרן יענע טעג, מיט בלוט פאַרבאַקטע אינעם האַרצן. דער אָנדענק פון די פאַרמוטשעטע אין באַבי יאַר איז איצט פאַרייביקט אין בראָנזע און גראַניט, ס'איז אויפגעשטעלט א פייערלעך־טרויעריקער מעמאָריאַל.

יע. ריבינא

כראָניק

ליאָן פויכטוואַנגערס ראָמאַן אין דער יוגאָסלאַווישער טעלעוויזיע

די טעלעוויזיע אין ליובלאַנאַ (יוגאָסלאַוויע) האָט געוויזן א פילם לויטן ראָמאַן פון ליאָן פויכטוואַנגער „די ברידער לאַוטענזאַק“.

אין שייכעס מיט דער טעלעוויזיע־פּראָגראַם האָט די אָרטיקע צייטונג „יעלאָ“ פאַרעפנטלעכט א פּראָגראַם, געווידמעט פויכטוואַנגערס לעבן און שאַפן.

צום אָנדענק פון ב. קאַוונער און לייב אָליצקי

אין ייִסראַעל איז אין עלטער פון 78 יאָר געשטאָרבן לייב אָליצקי, דער אויטאָר פון פיל זאַמלונגען לידער, דערציילונגען און מעשאָלים.

לייב אָליצקי איז געבוירן געוואָרן אין בריסק. געוווינט אין פּוילן א לערער.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט ער געלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, אין באַשקיריע. נאָך דער מילכאָמע זיך ווידער אומגעקערט קיין פּוילן און דאָרט געווען א מיטאַרבעטער פונעם פאַרלאַג „ייִדיש בוך“.

לייב אָליצקי האָט איבערגעזעצט אין ייִדיש פּושקינען און קרילאָוון.

* * *

אין עלטער פון 102 יאָר איז אין פלאָרידע (פאַראייניקטע שטאַטן) געשטאָרבן דער דיכטער און הומאָריסט ב. קאַוונער (י. אַדלער).

■ ■ ■

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם דיכטער אווראָם קאַצעוו אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג.

מיר ווינטשן א. קאַצעוון פיל געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

נײַע לידער

אַ רעגן

ס'איז נאַכט, און מע שלאָפט, נאָר סע שלאָפט ניט דער רעגן:
ער גיסט, און באַגיסט און באַגליקט אונדזער געגנט.

אַ מאַזלדיק יאָר! ס'וועט געראָטן, געבאָרן
דער טאָל און דער באַרג, דער בוים און דער דאָרן.

אַ בוים, שוין אַ טרוקלע, וועט אופֿציִען באָרן,
און זאַפטיקע עפּל — אַ בוים, שוין אַ דאַרער.

דאָס ברויט וועט מען שנײַדן, דערנאָך וועט מען זייען,
ביז האַרבסט וועט מען דרעשן — דאָס האַרץ וועט זיך פֿרייען.

ס'איז נאַכט, און מע שלאָפט, נאָר סע שלאָפט ניט דער רעגן:
ער גיסט, און באַגיסט און באַגליקט אונדזער געגנט.

אין שליכעס

גייסטו אין שליכעס, איז ווייס פון אכרײַעס,
ווייס, אַז ס'איז העכער פון אייגענעם כּײַעס.

מעג זײַן דער וועג דײַנער פינצטער און גליטשיק —
גיי מיט געזאַנג, ווי אַף סטרונעס דער סמיטשיק.

גלײַך זאָלסטו גיין, ווי די קויל גייט איר וועג,
ווייס ניט פון מידקײַט, ווייס ניט פון שרעק,

ווייס ניט פון אָפּטריץ, פון גנייווע, פון גזיילע,
כאַפּ זיך ניט צו, ווי דער ראָב, צו נעווײלע.

א יונג הארץ

ווען ס'האָט דאָס הארץ מיך הײַנט געטאָן א כאַפּ,
דאַן האָב איך זיך דערמאַנט,
ווי כ'האָב די טעג געלייענט,
אַז ערגעץ אין א ווײַטן לאַנד
האָט מען אַן אַלטן מאַן
אַרײַנגעפלאַנצט א הארץ פון א צעניאָריק מיידל,
און כאָטש דער ריטם באביידע הערצער איז פאַרשיידן,
מונטערט אים דאָס יונגע הארץ
און סע דערהאַלט באַם לעבן.

ווען ס'האָט דאָס הארץ מיך הײַנט געטאָן א כאַפּ...

דער טשאַבאַן

אין סטעפּ אין דעם ברייטן — א הויכער קורגאַן.
וואָס טראַכט דער טשאַבאַן דאָרט? וואָס טרוימט דער טשאַבאַן?

ער טרוימט פון א ראַכוועס אָן וועלף, אָן געוויטערס,
ווו שטיל און באַרוּקט די סטאַדע זיך פּיטערט,

ווו אָזערעס פינקלען מיט ריינעם קרישטאָל,
ווו זאַפטיק דאָס פלייש איז, געדיכט איז די וואָל.

אין הימלשן רוים, אין דער ראַכוועס פון פעלד
ער שטייט בא זײַן טרוים אויף דער וואַך, ווי א פעלדז.

ווילסטו זײַן א פייגעלע — זײַ

— אַרבעט, מײַן מיידעלע, האָרעווע, קינד.
— כ'וויל זײַן א פייגעלע — פרײַ פון אַלצדינג.

— ס'פייגעלע פוילט זיך ניט: בויט זיך א נעסט,
גייט אָפּ מיט שוויים, ביז עס רוט, ביז עס עסט.

אַרבעט, מײַן מיידעלע, ריר זיך, מײַן קינד —
פּונקט ווי דאָס פייגעלע, גיך און געשווינד.

די עלטער

פאַרגעניגן פון א מײַכל, פון א גוט געטראַנק,
פון אַרומפאָרן, פון ליבע, פון א בליץ־געדאַנק, —

מ'זאָגט, — עס האָט א יונגער מענטש בלויז, ווער עס איז געזונט,
ווער ס'איז לעבעדיק און לוסטיק, ווער ס'איז פריש און יונג.

מעג דער אלטער מענטש זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט —
ער וועט קיינמאָל ניט דערגרייכן צו דער יונגער פֿרייד.

— —

איידער זײַן צו שפּאָט, זיך בעריען, ווײַזן, וואָס ער קען,
זאָל ער אין דער רײַפֿער עלטער פֿארגעניגן זען!

דער זון און די מוטער

באלאדע

מע האָט אים צעשניטן און טייקעף פֿארנייט.
ער האָט צו דער עמעסער וועלט זיך געגרייט.

די מוטער לעם אים ווי א ליכט האָט געצאנקט.
מיט אָפֿענע אויגן, מיט קלאָרן געדאנק.

געפֿרעגט האָט דער זון שטערבלעך־שטיל, אָבער הארב:
— דער עמעס ווו איז? כ׳בין דײַן קינד — און איך שטארב?

צום הארצן די מוטער פֿארפּרעסט האָט די הענט:
— פֿארלייגט כ׳וואָלט דײַן גרוב, ווען אין מיר איז געווענדט.

א גוואלדיקן קוי׳ך האָט דער מוטערס א וואָרט —
א גליקלעכע פֿאלט זי דאָ גלײַך אָפּן אָרט,

דער זון הייבט זיך אוף, ס׳איז א וואונדער געשען!
נאָר ניכע דאָס לעבן איז אים ניט געווען.

פֿון ראסול גאמזאטאָוון

אויב הונדערט האָבן ליב דיך,
דײַן קאָס פֿון גליק איז פֿול,
איז וויס, אז צווישן הונדערט
איז דאָ גאמזאט ראסול.

אויב דו געפֿעלסט נאָר איינעם,
איז אלץ דערווײַל נאָך גלאט:
פֿארליבט איז ניט קיין אנדערער,
נאָר איך — ראסול גאמזאט.

נאָר אויב סע דארף דיך קיינער ניט
און ביסט פֿון ווייטעק דול,
איז וויס, אז ס׳איז אף יענער־וועלט
פֿון לאנג גאמזאט ראסול.

צעשטרײַטקײַט

זאכן,
ווען זיי דערוויסן זיך פֿון דײַן צעשטרײַטקײַט,
בעמען זיי דיר אָפּטאָן שפּיצלעך:
זיי באהאלטן זיך פֿון דיר.

זיי קוקן פֿון אַן ערטעלע דיר נאָך,
ווי־אזוי דו קערסט איין שטוב אלץ הארע־קארע,
און קײַכן פֿון געלעכטער.

און ס'טרעפט נאָך בעסער:
זיי ליגן פאַר די אויגן דיר און שווייַגן.

נאָר איך בין איצט געוואָרן קליגער.
איך זאָג דער זאַך, וואָס טוט מיר אפּזולאָכעס, —
דעם הענטל־פען, דעם בייגעלע פּאַפּיר, דעם
שטעקשוך:

— אליין זיך זוך.
צי דו זיך וועסט געפינען,
איך האָב א קליינע דייגע...

א ביוראָקראַט

עס טרעפט, אז איך זע אים: ער זיצט אף זייַן אָרט
פאַרוואָרצלט, צעצווייַגט! דוכט זיך, גאָט בא דער באָרד

געכאַפּט האָט דער מענטש. און דעם ריז, און דעם דעמב
א וואַלגער מע טוט, און אין קלעמען מע נעמט,

און מע פירט אים אוועק, און ער ווערט אנטרינען —
און איך זוך אים מיט ליכט, און איך קען ניט געפינען.

פון פראַנצויזיש

איך בלאַנקע אום אין סאַד. די רויז האָט זיך צעבליט.
דער שאָטן פון דער בלום אף די שטאַכעטן ליגט.
כ'גיי שטילערהייט אריַין אין שאָטן פון דער רויז:
ווי גרינג מיר איז, ווי ליב איר שאָטן אף מייַן שויס.

בריוו פון יידישע שרייבער

פון יעכעזקל דאָברושינס אַרכיוו

צו מוישע כאשטשעוואצקין

1. אלושטע, 28 יון 1916

איך בין ניט קאָמפּעטענט עפּעס־וואָס באַשטימט זאָגן וועגן אײַערע לידער אַף רוסיש. די רוסישע דיכטונג האָט איצט דערגרייכט געוויסע טעכנישע און טאָנאַלע הייכן. אַזוי עלעמענטאַר, וויאַזוי איר שרײַבט, — טאָר מען ניט.

איר פאַרמאָגט אָבער א דיכטערישע „וואַרעמקײַט", נאָר ניט איך דאַרף רעקאָמענדירן „טאַלאַנט" פאַר „יעווריייסקאַיאַ זשיזן" און „נאָווי פּוט"[1]. ווענדעט זיך דירעקט צו אָט די אָנגערופענע זשורנאַלן. באַמיט זיך מאַכן קאָמפּליצירטער און שטײַפער דעם געדאַנק, די שפּראַך. וועגן באַגאַבונג איז, לויט מײַן מיינונג, נאָך פרי צו ריידן. צי האָט איר געפּרוווט שרײַבן אַף יידיש?

מיט אכטונג

כ. דאָבּרושין

2. 2 אווגוסט 1916, אלושטע

אײַערע יידישע לידער האָב איך איבערגעלייענט. א סאַך אינטערעסאַנטער, איידער די רוסישע. ווייניקער הילפלאָזע. און די שפּראַך — אײַערע. אָבער... דער זעלבער מאַנגל אין קאָמפּליצירטן, פאַרטיפטן. אונדזער ליריק איז שוין אויך אַרויס פון די וויקעלעך, פון דער אַזויגערופענער „פאָלקסטימלעכקײַט"[2], און דאַרף פאַרטיפערן די לעבנס־אויפפאַסונג, די איבערלעבונגען. אײַער „האַרבסט־מאָטיוו" מאַכט א ניט שלעכטן אײַנדרוק, נאָר דער סאָף איז באַנאַל.

דער „סאָנעט" איז שפּילעוודיק, אָבער אָנגעשריבן נעפּלדיק. אײַער גראַם איז ניט קלינגעוודיק, עס שטערט אים די אויסשפּראַך: „אומעט" און „טאָמיד", לעמאָשל. אין דער ליד „ליבע" זײַנען פאַראַן צו פיל „אַלגעמיינע" געפילן. „עלעגיע" און „צום כאַווער" זײַנען מינדערווערטיק. מע דאַרף עפּעס זאָגן, יעדע ליד דאַרף עפּעס אַנטדעקן. מענטשן גלייבן שוין איצט ניט בלויז דעם ריטם און דעם גראַם. אין דעם אַזויגערופענעם „רייזן־פּעריאָד"[3] פון אונדזער ליטעראַטור וואָלטן עפּשער אײַערע לידער געווען גילטיק, אָבער נאָך דעם שטרענג־דענקערישן איינהאָרן[4], לירישן אימבער[5], באַזונדערס נאָך די אַמעריקאַנער דיכטער (זע „שריפטן"[6], 1־טער און 2־טער בענדער) האָבן מיר די רעכט צו פאָדערן פון אונדזער פּאָעזיע א מער קאָמפּליצירטע פאַרבן־גאַמע, נײַע קולטור־הייכן אאַוו. אויב איר זײַנט יונג, איז אַרבעט, לייענט א סאַך פון די אייראָפּעיִשע דיכטער, מאַכט שטײַפער אײַער אייגענעם „איך", שטרעבט צום „נײַעם" אין געביט פון לעבנס־דערקענטעניש און פאַרבן. די דאָזיקע לידער אײַערע זײַנען, אַלנפאַלס, ניט רײַפע. ווען איר וועט זיך שוין פילן באַרײַכערטער, פּרוווט צושיקן אין רעדאַקציע.

כ. דאָבּרושין

דאָס, וואָס איר האָט צוגעשיקט בערגעלסאָנען, האָב איך דורכגעלייענט און אָפּגעשיקט קיין קיִעוו.

3. אלושטע, 15 אווגוסט 1916

איר ווילט פון מיר צופיל. איך האָב ניט יענע ליטעראַרישע דערפאַרונג, ניט יענע דרייסטקײַט. מיך פרייט אָבער, וואָס איר זײַנט אַלט אינגאַנצן צוואַנציק יאָר. אײַער „מירל" איז בלויז א גוטער און פּראָווינציעלער רעפּעראַט. נאָר איר פאַרמאָגט א פעיִקײַט זיך צו פאַרטראַכטן. איר פאַרשטייט, מיר איז שווער פאָרויסצוזאָגן, נאָר מיר דוכט זיך, אַז איר דאַרפט שרײַבן. איין מאָל וועט מען אײַך, ווײַזט אויס, אָפּדרוקן. לייענט א סאַך, לערנט זיך. די יידישע ליטעראַטור נייטיקט זיך איצט אין אינטעלעקטועלע קרעפטן. זאַפּט אין זיך אײַן וואָס מער געדאַנקען, געפינט

י. דאָברושין (רעכטס), זײַן שוועסטער און דער סקולפּטאָר י. טשײַקאָוו (דרײַסיקער יאָרן)

די פאָרם. באקאנט זיך נעענטער מיט דער געשיכטע פון דער ליטעראטור און קונסט. איר זײַנט פארהעלטניסמעסיק יונג. איר דארפט אויך פארפולקומען די ייִדישע שפּראך. „מירל" איז אָנגעשריבן מיט א נעבעכדיקן סטיל. ארבעט, וויאזוי נאָר איר ווילט, נאָר ארבעט. אָט אזא איז אײַך מײַן דיאגנאָז. ווענדעט זיך צו מער באהאוונטע. בערגעלסאָן געפינט זיך איצט צוגאסט בא זײַנע אייגענע, מיר איז נאָך ניט באוווּסט, ווּהין וועט ער פון דאָרטן אוועקפאָרן. ניגערן שרײַבט אפן אדרעס פון דער רעדאקציע פון „טאָג"[7] קיין פּעטראָגראד. ער איז דער רעדאקטאָר פון זאמלביכער. אויב איך וועל אײַך קאָנען מיט עפּעס קומען צוהילף, ווענדעט זיך צו מיר. איך האָב וועגן אײַך א גוטע מיינונג, נאָר דאָס אלץ — אין דער צוקונפט.

מיט גרוס —

כ. דאָברושין

4. (אָן ערעך אָנהייב 1923)

ליבער כ׳ כאשטשעוואצקי!

וועגן אײַערע לידער האָב איך געשריבן דורך רעזניקן[8]. מיר דרוקן איין ליד (מיטן קינד אפן יאָמטעוו)[9], און אין נאָמען פון רעדאקציע און אין מײַן נאָמען, אויב איר גלייבט מיר נאָך, — בעט איך אײַך ניט שטעלן אונדז קיין מעסערס צום האלדז. אָן אולטימאטומען. מיר האָבן פון אלעמען יעסורים. און מוזן אלעמען דרוקן. האָבן מיר באשלאָסן געבן צו איין זײַטל. אין קומענדיקן, 5־טן נומער, וועלן מיר געבן מער פּלאץ. און וועגן אײַערע פּאָעמעס[10] מוז איך אײַך אָנשרײַבן מער פּראָטימדיק. איר האָט מיך מיט די זאכן פארינטערעסירט. אָבער איר שטייט ניט אף א ריכטיקן וועג. פון אויסלענדערן האָב איך אײַערע לידער רעדאקטירטע ניט באקומען.

אײַער י. דאָברושין.

5. 12 יול 1928

ליבער מוישע.

איך בין שוין א יעוופּאטאָריער און האָב צו אײַך א באקאָשע. אין „שול און בוך" דארף ארויסגיין מײַן „ארום א בײַדל"[11], בעט איך אײַך נעמען פאר מיר צוויי ביכלעך און אָפּשיקן אף מײַן אדרעס קיין יעוופּאטאָריע. עפּשער וועט דער פארלאג וועלן אָפּשיקן מיר אהער אלע מעכאבערישע עקזעמפּליארן, איז אוואדע רעכט. בעט זיי אין מײַן נאָמען.

דאָ איז זון, ייִדן און לאנגווײַל, אויסער די פאָנדן (אומגעפאָרן שוין), ווו ס׳איז פארשיידענע שעפערישע צאָרעס[12].

אײַער י. דאָברושין

צו דער רעדאקציע
פונעם אלמאנאך „היימלאנד"
(אָן ערעך יון 1948)

ליבע כאווײרים פון „היימלאנד"!

כ׳בין צופרידן, וואָס גובניצקיס „פּאראָם"[13] געפעלט אײַך. א זאפטיקע זאך. א נײַע טעמע. די פינאלע שורע, דאכט מיר, דארף מען ענדערן, ניט „אָנהייב לעבן" (צו אלגעמיין), נאָר דער זעלבער געדאנק, אויסגעדריקט שטייגערישבילדעריש. מיט איין וואָרט — ס׳איז גוט, וואָס מיר וואקסן.

זײַט מיר געזונט.

י. דאָברושין



פאַקסימילע פון י. דאָבּרושינס א בריוו

באַמערקונגען און קאָמענטאַרן

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט שוין פאַרעפנטלעכט צוויי בריוו פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער, דראַמאַטורג און דיכטער יעכעזקל דאָבּרושין (1883—1953) צום דיכטער מוישע כאַשטשעוואַצקי (זע נומ. 9 פאַרן 1965). איצט האָבּן מיר אָפּגעזוכט נאָך אייניקע מאַטעריאַלן פון י. דאָבּרושינס עפּיסטאָלאַרישער ירושה, דערונטער 5 בריוו צו דעם זעלבן מ. כאַשטשעוואַצקין און איין בריוו אין דער רעדאַקציע פונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן אַלמאַנאַך „היימלאַנד", וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מאָסקווע אין די יאָרן 1947—1948.

די ערשטע דרײַ בריוו, דאַטירט אין יוני — אַווגוסט 1916, זײַנען געשריבן אָף רוסיש און ווערן דאָ געגעבן אין דער איבערזעצונג אָף ייִדיש. יעכעזקל דאָבּרושין איז שוין צו יענער צײַט געווען דער אָווטאָר פון א זאַמלונג לידער, איינאַקטערס און בילדער „בענקנדע נעשאָמעס" (ווילנע, 1912), פון א פּראָזע־בוך „עסטערקע" (קיִעוו, 1914), פון די דראַמאַטישע ווערק „ווען געפילן וואַכן" (ווילנע, 1914) און „אין גאָרטן" (פּעטערבורג, 1916) און פון א ריי קריטישע עטיודן איבער פּראָגן פון ייִדישער ליטעראַטור. דעריבער איז קיין וווּנדער ניט, וואָס דער ליטעראַטור־אָנפאַנגער מוישע כאַשטשעוואַצקי האָט געפונען פאַר נייטיק זיך צו ווענדן נאָך אן אייצע מיקויעך זײַנע ערשטע דיכטערישע פּרוּוון גראָד צו יעכעזקל דאָבּרושינען. פּערזענלעך זײַנען זיי נאָך דעמאָלט ניט געווען באַקאַנט צווישן זיך, און דאָבּרושין האָט אַפילע ניט געוווּסט, וויפל עס איז אַלט זײַן יונגער קאָרעספּאָנדענט (זע בריוו 2 און 3). דער פערטער בריוו געהערט שוין צו דער צײַט, ווען מוישע כאַשטשעוואַצקי האָט באַקומען אין דער ליטעראַטור־סוויווע אָנערקענונג אַלס דיכטער, און ענדלעך, דער פינפטער — ווען ביידע שרײַבער האָבּן זיך באַפרײַנדעט און געוואָרן גאַנץ נאָענט צווישן זיך.

די בריוו, וועלכע י. דאָבּרושין האָט אַדרעסירט דעם יונגן אָנפאַנגער מ. כאַשטשעוואַצקין, זײַנען אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זיי באַווײַזן, וואָס פאַר אַן אַכרײַעס עס האָט אַרויסגעוויזן זייער מעכאַבער פאַר דער אופשטײַגנדיקער ייִדישער ליטעראַטור און וואָס פאַרא פאָדערונגען ער שטעלט אַרויס צו אירע שעפער. ס'איז שוין אַן אָנצוהערעניש וועגן יענעם יעכעזקל דאָבּרושין, וועמען ס'האָבּן דערנאָך געהאַט צו פאַרדאַנקען פאַר דער ריכטיקער ליטעראַריש־עסטעטישער און אידייִשער אָריענטירונג, אין סאַמע אָנהייב פון זייער שעפערישן וועג, ניט ווייניק שרײַבער.

דעם געפיל פון אַכרײַעס פאַר יעדן ווערק, וואָס ווערט געשאַפן אין דער ליטעראַטור, פאַרהיט י. דאָבּרושין אַפן גאַנצן לעבּן, וועגן דעם זאָגט איידעס אויך דער לעצטער בריוו, וואָס מיר דרוקן הײַנט. צו אונדז איז צופעליק דערגאַנגען דאָס רעגיסטראַציע־בוך פונעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד", פון וועלכן עס איז צו זען, אַז די רעדאַקציע האָט דערהאַלטן אַלעקסאַנדער גובּניצקיס דערציילונג „באַם פּאַראָם" דעם 15 יוני 1948, אָבּער דער רעדאַקטאָר, וועמען מע האָט איבערגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט, האָט צוערשט אים אָפּגעוואָרפן, ניט פאַנאַנדערקלײַבנדיק זיך אין דער עמעסער ווערט פון דער דערציילונג. עס געדויערט עטוואָס ווייניקער פון צוויי וואָכן—און „באַם פּאַראָם" ווערט באַוויליקט צום דרוק. דאָבּרושינס קורץ בריוול אין דער רעדאַקציע פונעם אַלמאַנאַך באַווײַזט, אַז דער גוירל פון דעם טאַלאַנטפולן ווערק איז געלייזט געוואָרן צו גונסטן דעם יונגן שרײַבער ניט אָן דער פאַרינטערעסירטער אַרײַנמישונג פונעם באַוווּסטן קריטיקער. און ווען מיר לייענען די לעצטע שורעס פון דעם בריוו: „מיט איין וואָרט — ס'איז גוט, וואָס מיר וואַקסן", — דערזעען מיר דעם זעלבן דאָבּרושינען, דעם האַרציקן, האַגאַם זייער ערנסטן, אַכרײַעספולן דערציִער פון יונגע שעפערישע טאַלאַנטן.

צום בריוו 1.

[1] „יעווריייסקאַיאַ זשיזן" (אַזוי האָט דעמאָלט זיך אָנגערופן דער „ראַססוועט") און „נאָווי פּוט" — ייִדישע בורזשואַזע זשורנאַלן אָף רוסיש, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּעטראָגראַד.

צום בריוו 2.

[2] י. דאָבּרושין געברויכט דעם טערמין „פאָלקסטימלעכקײַט" אין איראָנישן זין און נעמט דאָס וואָרט אין גענדזנפיסלעך. דאָס באַטײַט ניט לאַכלוטן, אַז דער שרײַבער איז געווען א קעגנער פון פאָלקסטימלעכן סטיל אין דער ליטעראַטור, — ער טרעט אַרויס קעגן יענער נאָכמאַכונג פונעם פאָלקסטימלעכן נוסעך, אונטער וועלכן אייניקע שרײַבער פּרוּוון באַהאַלטן זייער איינפאַכע באַנאַלקײַט און אומבאַהאָלפנקײַט. אין א צײַט אַרום, שרײַבנדיק וועגן מאַני לייבס דיכטונג, שטרײַכט דאָבּרושין אונטער:

„מיט פאָלקסטימלעכקײַט האָבּן, עמעס, באַ אונדז געזינדיקט א סאַך און פאַרשיידענע ליריקער, אָבער זיי אַלע... האָבּן דעם באַדכאָנישן מאָטיוו אָנגענומען פאַרן פאָלקס־טאָן און אָנשטאָט די אייגנאַרטיקע וואָרט־שטימונג פון דעם ייִדישן פּרימיטיוו געגעבן אונדז פאַרגראַמטע פּאַשטעס פונעם עלעמענטאַר־דיכטערישן סייכל־האַיאָשער" (זע י. דאָבּרושין. מאַני לייב. זשורנ. „שטראָם", 1922, נומ. 3, ז. 50).

און ווײַטער:

„די באהעפטונג, די פרוכטבאר־קינסטלערישע באהעפטונג מיט דער פאָלקס־ליד האָט זיך בא אונדז אין רוסלאנד אָנגעהויבן אָקאָרשט דאָ ניט לאנג צוזאמען מיט דער אופוואכונגס־פאָעזיע פון דעם מאָדערנעם פעריאָד. די שפעטערישע אנטפלעקונג פון די נייַ־געקומענע אופלעבנדיקע פאָלקס־שיכטן האָט מיט זיך פונעם פאָלקס־דעק ארופגעבראכט די פארבאהאלטענע ביז אהער פאָלקלאָר־קלאנגען, די פאָלקלאָר־אראָמאטן, וואָס האָבן מיט ווייַטן ליבלעבן עכאָ אָנגעפילט די שורעס פון דער נייַער דיכטונג. מיט ווייַטן ליבלעכן עכאָ — און ניט מער. ווייַל צו אנדערש: נייַ און בלענדנד איז געוואָרן די ארומיקע פאָעטישע אידייען־סוויווע, די אופגעקומענע פאָלקס־שיכטן האָבן דאָך בעשאסמייַסע געשמידט גאָר נייַע עכט־וועלטישע קולטור־ווערטן, און די אלטע פאָלקס־טעווע האָט זיך, ווי פארגאנגענער זונענגאָלד, געלייגט נאָר אינעם הינטערגרונט פונעם אופגעוואכטן פאָעטישן וואָרט" (דאָרט).

וועגן פאלשער אופאסונג פון „פאָלקסטימלעכקייַט" האָט י. דאָברושין געוואָרנט זייַן יונגן קאָרעספאָנדענט, דעם שרייַבער־אָנפאנגער.

[3] י. דאָברושין, וועלכער האָט אין יענער צייַט אליין געשריבן לידער אין „מאָדערן־סטיל", האָט זיך דעמלט געהאלטן בא דער מיינונג פון פארשיידענע פייַנשמעקער, וועמען עס האָט ניט אימפאָנירט די פאשטעס פון א. רייזענס פאָלקס־מאָטיוון. שפעטער האָט דער קריטיקער זיך אָפגעזאָגט פון אזא ניט־דערשאצונג פון רייזענס שפעטערישן סטיל.

[4] דאָוויד אייינהאָרן (1886) — יידישער דיכטער, געלעבט און געשאפן אין רוסלאנד, דערנאָך אין אמעריקע.

[5] שמואל־יאנקעוו אימבער (1889—1942) — יידישער דיכטער, געלעבט און געשאפן אין פוילן, אומגעקומען אין געטאָ.

[6] „שריפטן" — דרייַכאדאָשימדיקער אלמאנאך, דערשינען אין מעשעך פון א רייַ יאָרן אין אמעריקע.

צום בריוו 3.

[7] „דער טאָג" — יידישע צייַטונג, דערשינען אין פעטערבורג אין די יאָרן פאר דער רעוואָליוציע.

צום בריוו 4.

[8] ליפע רעזניק (1895—1944) — סאָוועטישער יידישער דיכטער און דראמאטורג.

[9] „מיטן קינד אפן יאָמטעוו" — געמיינט מ. כאשטשעוואצקיס ליד „יאָמטעוו און פרילינג", וועלכע איז אָפגעדרוקט אינעם נומ. 4 פונעם זשורנאל „שטראָם" פארן 1923.

[10] געמיינט: מ. כאשטשעוואצקיס באלאדעס. י. דאָברושין האָט וועגן זיי אויספירלעך געשריבן צו מ. כאשטשעוואצקין אין זייַן בריוו, וועלכן ער האָט אים ארויסגעשיקט אין עטלעכע טעג ארום (דער דאָזיקער בריוו איז פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד", 1965, נומ. 9, ז. 146—147).

צום בריוו 5.

[11] „ארום א בייַדל" — „אגראָ־פיעסע אין 2 בילדער", דערשינען אין פארלאג „שול און בוך" אין 1928. איינע פון די ערשטע פיעסעס אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון די איבערוואנדערער אין קרים. דאָס ערשטע מאָל אופגעפירט געוואָרן אינעם מאָסקווער יידישן ארבעטער־קלוב „קאָמוניסט". די פרעסע האָט וועגן דער פיעסע געשריבן, אז „דער אווטאָר דאָברושין האָט געגעבן א קרעפטיקע און זאפטיקע אגיטקע אין בעסטן זין פון וואָרט. אין בעסטן, ווייַל זי אנטהאלט אייינצייַטיק אגיטאציע־מאטעריאל און קינסטלערישע איבערצייַגעוודיקייַט. דו גלייבסט איר... דער אווטאָר האָט באוויזן לעבעדיקע מענטשן, פארשיידענע לויט זייערע געפילן און געדאנקען, נאָר אייינהייַטלעכע אינעם ווילן צו בויען א נייַ לעבן „ארום א בייַדל" (זשורנאל „טריבונא", 1928, נומ. 4, ז. 13—14).

[12] „דאָ איז זון, יידן און לאנגווייַל, אויסער די פאָנדן (אומגעפאָרן שוין), ווו ס'איז פארשיידענע שפעטערישע צאָרעס" — געמיינט די אָרדנטלעכע רייַזע קיין יעווּפאטאָריע, ווו עס האָבן זיך אף די אויסגעטיילטע ערד־פאָנדן אָנגעהויבן אָרגאניזירן נייַע יידישע קאָלווירטן. י. דאָברושין פלעגט אָפט באזוכן די ראיאָנען פון יידישער ערד־אייינאָרדענונג, און יעדע רייַזע פלעגט אים געבן א סאך אייַנדרוקן פאר זייַנע קינסטלערישע ווערק — פיעסן, דערציילונגען, פארצייכענונגען. אין דעם פראט איז אינטערעסאנט צו ברענגען אייניקע אויסצוגן פון זייַנע פארצייכענונגען, אייַנגעשלאָסענע אין דער זאמלונג „ערד־לעבן" (כארקאָוו, 1929), וועלכע ער האָט אָנגעשריבן גלייַך נאָך זייַן באזוך אין יעווּפאטאָריע, וועגן וואָס עס גייט א רייד אין זייַן בריוו צו מ. כאשטשעוואצקין:

„באטאָגיקע גלי־זון האָט געגאָסן טונען־היץ — עמעסע מידבער־היץ...

זון, גרויסע הייסע קרימער זון אף ראכוועסדיקאָנסאָפיקע יעווּפאטאָריער פעלד־סטעפעס. און אין מיטן דער זוניקער ראכוועס פריש אויסגעלייגט אין רייען בוי־ברעטער און ליים־ציגל.

אָט דאָ וועט מען בויען א יידישן גרעסערן יישעוו אין יעווּפאטאָריער געגנט. העכער זיבעציק הייַזער וועט מען אוועקשטעלן, און א דאָרפס־הויז פארן יידישן דאָרפס־ראט, און א קינדער־שול וועט מען אויסבויען, און אן אָרט פארן ראדיאָ־שפרעכער איז אָנגעגרייט.

איז הייַנט אן אָפיציעלער יאָמטעוו — מע לייגט דעם ערשטן שטיין פון דער ערשטער געבייַדע. זייַנען אהער געקומען פאָרשטייער פון די פארטייישע אָרגאניזאציעס, פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייַט און אָרכים — פויערים פון די ארומיקע דערפער — רוסישע, דייַטשישע, טאָטערישע. א גרויסער פויערשער אוילעם האָט זיך אהער פארזאמלט, געקומען נעמען אָנטייל אין דער סימכע פון די יידישע איבערוואנדערער...

זיי הערן אויך וועגן דער יידישער ליטעראטור, וואָס איז בלוטיק פארינטערעסירט אין דער ערד־אייינאָרדענונג און האָפט וואקסן צוזאמען מיטן וווּקס פון דעם דאָזיקן געזונטן ערדישן נאטור־לעבן" (ז. 38—39).

אף אָט דעם יאָמטעוו איז אויך געווען, אלס דירעקטער פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראטור, יעכעזקל דאָברושין. אזויארום באקומען א גענויע פארקערפערונג די עטלעכע שורעס אין דעם בריוו זייַנעם, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט.

ווייַזט אויס, צו יענער צייַט געהערט אויך דאָברושינס פאָרטרעט, געצייכנט פונעם באוווּסטן קינסט־



אף קרימער ערד. געמעל פון נ. אלטמאן

לער נאטאן אלטמאן. וועגן דעם, אז דער קינסטלער איז געווען אין די נײַע ייִדישע קאָלווירטן אין יעווּפּאַטאָריער ראַיאָן צוזאַמען מיט י. דאָברושינען, זאָגט איידעס אן אנדער אָרט אין דער זעלבער פּאַרצייכענונג.

„פונדערווײַטן זעט מען שווארצע פינטעלעך, וואָס פויזען אום איבערן אומענדלעכן סטעפּישן יאם — פון דער נאָענט וואקסט אויס א ייִד מיט א פּאָר אָקסן, אײַנגעשפּאנט אינעם אקער־אײַזן...

און בעשאַס דער קינסטלער אלטמאן, וואָס איז דאָ געווען צווישן די מאָסקווער, האָט צוגעגרייט זײַן פּאַפּיר און בלײַפעדער אף צו מאכן א פּאָר צייכענונגען פון דער אקער־ארבעט, האָט גראָד דער ערשטער זיך ארויסגערופן אָט דער עלטערער איבערוואנדערער. ער האָט פלינק א טרײַב געטאָן די אָקסן און גאנץ געשיקט אופגעגראָבן א לאנגע ערד־שורע.

— סאָפּקאָלסאָף איז עס ניט מער ווי א רעגיילעס, — האָט ער פריילעך געשריִען פונדערווײַטן.

אלע האָבן באלד דערנאָכדעם באוווּנדערט די ענלעכקײַט פון דער אלטמאנישער אפדערגיך געמאכטער פעלד־צייכענונג.

— זע, דײַן געשפּאן, אלטער, און דו אליין, אן עמעסער פויער!

— טאקע געראָטן אין א פויער, — האָט ער זיך אליין געכידעשט, דער אלטער, קוקנדיק אף דער צייכענונג" (ז. 29—31).

(בא דער געלעגנהײַט ברענגען מיר אויך די רעפּראָדוקציע פון נאטאן אלטמאנס צייכענונג, וועגן וועלכער עס דערציילט י. דאָברושין).

צום בריוו אין רעדאקציע פונעם אלמאנאך „היימלאנד".

[13] אלעקסאנדער גובניצקיס דערציילונג „באם פּאראָם" איז אָפּגעדרוקט אינעם אלמאנאך „היימלאנד", 1948, נום. 6.

צוגעגרייט צום דרוק און קאָמענטאַרן — כ.ביידער

פאַר קליין און גרויס

עסנוואַרג

יעדער איינער
קאָן פאַרגעסן
וועמען וואָס
צו געבן עסן.

וועמען האָבער,
וועמען היי,
וועמען פעטרישקע
מיט טיי.

מיש איך אויס
פאַר אַלע

דאָס עסנוואַרג
אין באַליע.

קאַטשקעס, הענער,
גענדז און ציגן,
נאַט אײַך, עסט
מיט פאַרגעניגן.

אָבער קיינער
וויל ניט עסן,
ווײַל כ׳האָב צוזאַלצן
פאַרגעסן.

ווי־אַזוי כ׳האָב געוואַשן דעם קאָטער

אַזוי ווי מײַן מאַמע[1]
קימאַט יעדע וואָך,
ווייקט פריִער וועש
און זשמיקעט דערנאָך, —
האָב איך אויך געגרייט
אַ באַליע מיט וואַסער
און אײַנגעווייקט מײַן קאָטער,
ער זאָל ווערן אַ נאַסער.
צום אָנהייב טוקט ער זיך
פריילעך און פײַן, —
אַפּאָנעם, געפעלן אים
אײַנגעווייקט זײַן,
אָבער ווי נאָר איך האָב
זיך גענומען אים זייפן,
בלאָזט ער זיך אָן
און ווערט ווי אַ רייפל.
טוט זיך אַ דריי,
אַהער און אַהין
און רײַסט זיך אַנטלויפן
ווער ווייסט עס וווּהין.
זאָג איך אים: קאָטערל,
אויב ס׳גלוסט זיך דיר נאַשן,
דאַרף איך פאַרפריִער
דיך צוואָגן און וואַשן.
הײַנט וואָס זשע מאַכסטו
דאָס וואַשן מיר קאַליע
און רײַסט זיך אַנטלויפן
גאָר פון דער באַליע?
וווּ האָסטו געזען,
אַז אַן אָנגעזייפט קלייד
זאָל אַרויסשפּרינגען פון באַליע
ניט געזשמיקעטערהייט?
ענטפערט ער: מיאַו!
און פאַרגיסט זיך מיט טרערן,
טו איך מיר מײַנס
און וויל אים ניט הערן,
שרײַט ער אַלץ: מיאַו!
און הייבט אָן צו ניסן.
איך טו מיר מײַנס
און וויל גאָרניט וויסן.
קוויטשעט ער: מיאַו!
און נעמט זיך גאָר היקען.

[1] פון דער ליטעראַרישער ירושה.

איך טו אלץ מײַנס,
זשמיקע אים, זשמיקע...
מיינט איר דאָך — פאַרטיק?
מיינט איר דאָך — פּאַטער?
ווען איך האָב שוין געהאַלטן
באַם אויסדרייען דעם קאָטער,
טוט ער א שפּרונג —
ווי פון זינען אראָפּ, —
מיט נעגל מיט שאַרפע
גלײַך אף מײַן קאָפּ...

— — — — — — — — —

איך ווייס ניט פאַרוועז,
און איך ווייס ניט פאַרוואָס,
איך דאַרף איצט ארומגיין
מיט א צעדראָפּעטער נאָז.

אריקעלע ביקעלע

דאָס ביקעלע — אריקעלע
רײַסט זיך אָפּ פון שטריקעלע.

טוט א שפּרונג, טוט א לויף,
האָפּ־האָפּ איבערן הויף.

רופט זיך אָנעט ריקל:
— אריקל, מײַן ביקל!

שמיץ ניט מיטן פּיסל
אונדזער רויטע שיסל.

כ׳האָב דאָך פונעם קעמערל
דיר געבראַכט אַן עמערל,

שיינע ריינע קלײַען
צום קאָרעטקעלע נײַעם.

— מור־מור־מו, — עס זאָגט דאָס ביקל, —
כ׳וויל ניט אפּן האַלדז קיין שטריקל!

כ׳האָב שוין לאַנג
פאַרגעסן,
וואָס איך האָב געגעסן.

וויל איך נאָר אַן עמערל
קלײַען פונעם קעמערל.

— אריקעלע, דו ביקעלע! —
רופט זיך אָנעט ריקעלע! —

גיי, דו מעגסט זיך
שעמען,
ווו זאָל איך דיר נעמען?

בעסער מיטן פּיסל
שמיץ ניט אונדזער שיסל.

בלאָז ניט אויס די קלײַען,
וועט דיר שטענדיק סטײַען.

א ציילעניש

איינער האָט געאַקערט,
איינער האָט געזייט,
איינער האָט געבאַקן!..
טיילט, קינדער, טיילט.

איינער האָט געבויט,
איינע האָט גענייט,

איינער האָט געדראָשן...
טיילט, קינדער, טיילט.

איינער איז א פּעפער,
פּאָפּט ער ווי א שטיין,
גיט אים ניט קיין ברעקל...
ניין, קינדער, ניין.

וואָס איך וויל מיר, טראַכט איך מיר

אָנגעשפּילט זיך,
אָנגעלאָפן,
לאַנג שוין צײַט
געשמאַק צו שלאָפן.
נאָר איך ליג מיר
אין דער שטיל
און איך טראַכט מיר,
וואָס איך וויל.
וויל איך, טראַכט איך
וועגן בערן,

וועגן נאַכט
און וועגן שטערן.
וועגן וועוורקעס
און פוקסן,
וועגן ציגעלעך
א פּאָר.
וועגן דעם,
וואָס קען זיך טרעפן
איין מאָל נאָר
אין טויזנט יאָר.

* * *

געקויפט האָט מיר די מאַמע
א ליאַלקעלע א פּראַכט.
די אויגן פּאָרצעלײַנענע
זי עפנט און פאַרמאַכט.

נאָר בעט איך איר דאָס בעטל
און וויל זי לייגן שלאָפן,
טוט זי אַפּצולאָכעס
און האַלט די אויגן אָפן.

עטלעכע ווערטער צו מײַנע לייענער

וואָס פאַר א דיכטער
וואָלט ניט וועלן,
אַז זײַנע לידער
זאָלן געפעלן.

וואָס פאַר א דיכטער
וויל ניט וויסן,
אַז עפּעס קאָן מען
פון זײַן שרײַבן געניסן.

ער זאָל וויסן,
אַז אויסנווייניק
קאָנען די קינדער
„די בריוו צו זײַן אייניק“,

אַז דער, וואָס ער לייענט עס,
פאַרטיפט זיך אַזוי,
דערלאַנג — וועט ער קײַען
א פּאַראַיאַריקע שטרוי.

„דאָס ליד פונעם שלײַפער“,
„דאָס ליד פונעם שמידער“,
דאָס גאַנצע ביכל
מיט זײַנע לידער.

פונדעסטוועגן מיין איך,
אַז עס איז גאָרניט קעדײַ,
איר זאָלט לייענען מײַן ביכל,
ווען איר זיצט אין טראַמווײַ.

וויסן, אַז ניט אומזיסט
ער קויפט אָן א שיר
מעקערס און קלעקערס
און טינט מיט פּאַפּיר.

בעסער ניט וויסן
פון מײַן ביכל קיין וואָרט,
נאָר אָפּטרעטן אָפּטער
א באַיאָרטן דאָס אָרט.

אוועק וועט דער ווינטער

אוועק וועט דער ווינטער,
אנטרונען די קעלט,
וועט ווידער זײַן זומער
בא אונדז אַף דער וועלט.

וועל איך באשטעלן,
פון מײַן אייביקן טרוים,
א גרינעם גארניטער
און ווערן א בוים...

א בוים וועל איך ווערן
און ווארטן, און שווײַגן,
די הענט אופגעהויבן,
אזוי ווי די צווײַגן.

ביזוואנען א פויגל
וועט קומען פון ראכוועס
און זיך מאכן א נעסט
אונטער מײַנע פאכוועס.

וו י ג ל י ד

דער, וואָס האלט די אויגן אָפן,
דער, וואָס וויל באנאכט ניט שלאָפן,
שטערט דעם בוים א בלאט געבירן
און מיט צוויט די ערד באצירן,

שטערט די קווייטן דופטן מערן,
שטערט דעם גרעזל גרין צו ווערן,
שטערט דעם הירש בא וואסער קנײַען,
שטערט דעם הימל צו שארײַען.

* * *

— בוים, בוים,
שענק מיר א פלוים!
— נאריש ייִנגל
וואָס דו ביסט,

ווען א ניסעלע
דו ווילסט,
זאָל איך אזוי לעבן,
כ׳וואָלט עס דיר געגעבן.

אויף די שפּורן פון געשעענעם

איינער פון מײַנע שילער

קאַלמען מאַראַנץ איז געווען א שילער פון דער 3־טער פּראָסקוראָווער זיבניאָריקער שול, ווו איך בין געווען קלאַסן־אָנפירער. שילער מײַנע באַגעגן איך איין גאַס זייער אָפט — אַמאָל שטעלן מיר זיך אָפּ, כאַפּן א שמועס, אַמאָל — גלאַט א שאָקל מיטן קאָפּ אלס באַגריסונג, און יעדער גייט זיך זײַן וועג.

מיט קאַלמענען פלעג איך זיך בלויז באַגריסן, קיינמאָל, דאַכט זיך, ניט אַנדערש. א מענטש אײַלט אָפּ דער אַרבעט, ווילט זיך ניט אים פאַרהאַלטן. וועגן דעם, אַז ער איז געווען אויפן פראָנט און זיך ניט איין מאָל אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן, האָב איך דאַפקע יאָ געוווּסט, ווײַל בײַ א יאָמטעוו פלעגט ער אָנטאָן אַלע זײַנע אָרדענס און מעדאַלן. אָבער אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, געוועזענע מײַנע שילער, זײַנען געווען ניט ווייניק.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אונדזער געגנטלעכע צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ פּאָדיליאַ" אָפּגעדרוקט א פאָטאָגראַפיע: דער מיליטער־קאָמיסאַר פון דער שטאָט דריקט די האַנט קאַלמען מאַראַנצן, און פון אויבן א קעפּל: „א באַלוינונג דעם העלד".

וואָס עפּעס א מיליטערישע באַלוינונג אינמיטנדערינען, ווען קאַלמען איז שוין פון לאַנג, ווי מיר איז באַוווּסט, א ציווילער מענטש און ער אַרבעט אלס סכוירע־קענער אין כמעלניצקער אײַזנבאַן־רעסטאָראַן?

לאָזט זיך אויס, אַז צו אַלע זײַנע אָרדענס און מעדאַלן, וועלכע ער האָט געהאַט ביז דעמאָלט, איז צוגעקומען נאָך איין באַלוינונג — אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן, וואָס האָט אים געזוכט אין משך פון העכער צוויי צענדליק יאָר!

דאָ ניט לאַנג בין איך אַוועק צו מײַן קאַלמענען, קעדיי זיך דערוויסן די פּראָטים פון אָט דער געשעעניש. האָט ער מיר דערציילט.

געווען איז דאָס אויפן באַוווּסטן קורסקער בויגן. אונדזערע טיילן האָבן דורכגעריסן דעם סוינעס שוץ־ליניע, אָבער די פאַשיסטן האָבן נאָך אַלץ ארויסגעוויזן אַן אַקשאָנעסדיקן ווידערשטאַנד. צונויפגעזאַמלט מערערע קויכעס, האָבן זיי אַטאַקירט דאָס דאָרף קרוגלאָיע, ווו עס האָט זיך געפונען אונדזערער א לאַזאַרעט. זיי האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערנענטערן זיך קימאַט אָף 200 מעטער צום דאָרף, און זיי האָבן עס באַגאָסן מיט פײַער פון אַלע מינים געווער. די געבײַדע פונעם לאַזאַרעט האָט זיך אָנגעצונדן — די פאַרווונדעטע און דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל זײַנען געווען אין געפאַר, יעדע מינוט איז געווען טײַער. און דעמלט האָט זיך דערהערט א קאָמאַנדע:

— סאַמגוראָוו, נאָך מיר!

דאָס האָט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון א ראָטע אויטאָמאַטלער קאַלמען מאַראַנץ, צוזאַמען מיט זײַן אָרדינאַרעץ, זיך געוואָרפן ראַטעווען די מענטשן פונעם לאַזאַרעט.

פאַרוואַרפנדיק דעם סוינע מיט גראַנאַטעס, האָבן מאַראַנץ און סאַמגוראָוו געגעבן א מעגלעכקײַט עוואַקויִרן די פאַרווונדעטע. העכער צוויי צענדליק פאַשיסטן האָבן די צוויי העלדן פאַרניכטעט, אָבער דער אָרדינאַרעץ איז אומגעקומען. פאַר העלדנמוט אין אָט דער שלאַכט זײַנען זיי ביידע באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער פאָן. באַקומען דעם אָרדען האָט מאַראַנץ ניט באַוויזן — מע האָט אים איבערגעפירט אין אַן אַנדערער טייל. און דער דאָזיקער אָרדען האָט אים אָפּגעזוכט אין א סאַך יאָרן אַרום.

נאָך דער שלאַכט אויפן קורסקער בויגן זײַנען בײַ קאַלמען מאַראַנצן געווען נאָך פיל קריגס־אָפּעראַציעס — אויפן צענטראַלן און אויפן 1־טן ווײַסרוסישן פראָנט, ער איז דערגאַנגען מיט זײַן טייל ביז דער עלבע. פאַר העלדנמוט אין דער שלאַכט אַרום קאָוועל האָט מען אים באַלוינט מיטן אָרדען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע 2־טע מאַדרייגע, פאַר פאָרסירן דעם אָדער און פאַרכאַפּן א פּלאַצדאַרם אָף די צוגאַנגען צו בערלין — מיטן צווייטן אָרדען פון דער רויטער פאָן.

דער כמעלניצקער שטאָטישער מיליטער־קאָמיסאַר ס. קולעביאַקין באַגריסט קאַלמען מאַראַנצן מיט דער באַלוינונג

אוועק אין דעמיסיע אינעם ראַנג פון א מאַיאָר, האָט קאַלמען מאַראַנץ ביז איצט ניט איבערגעריסן די פאַרבינדונגען מיט זײַנע געוועזענע שלאַכט־כאַווײרים. מיט א סאַך פון זיי — מיטן קאַוואַלער פון דרײַ אָרדענס פון רום דעם סיביריאַק בעזסאָנאָוון, מיטן אָנטיילנעמער אינעם ניצאָכן־פּאַראַד אין מאָסקווע, אויך א סיבירער טוישעוו שקראַבאָוון און מיט אַנדערע שרײַבט ער זיך איבער.

איצט אַרבעט דער מאַיאָר אין דעמיסיע קאַלמען אַזריִעלעוויטש מאַראַנץ אַלס אינזשעניער פאַר טעכנישער געפאַרלאָזיקײַט אויפן אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט. צו די שלאַכט־באַלוינונגען זײַנען צוגעקומען אויך אויסצייכענונגען פאַר מעסירעסנעפעשדיקער פרידלעכער מי.

הערשל געליבטערמאַן
(כמעלניצקי)

העלדן שטאַרבן ניט

ווער זשע איז ער געווען, אָט דער יונגער באָכער? אַן אַכצניאָריקער איז ער אַוועק פרײַוויליק אויפן פראָנט. פאַר געוואַגטקײַט און שרעקלאָזיקײַט אין די שלאַכטן אויפן דניעפּער איז אים אין א יאָר אַרום צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. ווען אים איז נאָך ניט געווען קיין פולע צוואַנציק יאָר, איז ער העלדיש אומגעקומען אויפן שלאַכטפעלד. איצט וואָלט ער אַלט געווען עטוואָס מער פון פופציק, און געוויס וואָלט ער געווען א הויכקוואַליפיצירטער אינזשעניער פון אײַזנבאַן־ און טראַנספּאָרט־בויונג — צו דעם דאָזיקן פאַך האָט ער געשטרעבט, זײַענדיק נאָך א שילער...

זײַן ביִאָגראַפיע איז קורץ און פּראָסט, ווי בא אַנדערע טויזנטער יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געענדיקט די מיטלשולן אין יוני 1941.

יעפים סטערין איז געבוירן געוואָרן אין 1924 אין א קליינעם ייִשעוו פריגאָריע, ראָסלאַוולער ראַיאָן, סמאָלענסקער געגנט, אין א מישפּאָכע פון האָרעפּאַשניקעס.

זײַן פאָטער עליע האָט פון קיין זאָרגלאָזער קינדהײַט און פון קיין ראָמאַנטישער יוגנט ניט געוווּסט. ער איז געווען א מעשאָרעס בא די פריגאָריער וואַלד־הענדלער, שווער געהאָרעוועט, באַקומען גראָשנס. שפּעטער, שוין נאָך דער כאַסענע, האָט ער זיך גענומען צו ערדאַרבעט. דער דאָרפסראַט האָט אים אויסגעטיילט ערד, ער האָט געקויפט א בעהיימע, געצויגן פון דער ווירטשאַפט די כאַיונע. זײַן ווײַב, טעמע, האָט אים מיטגעהאָלפן. דערנאָך זײַנען זיי אַרײַנגעטראָטן אינעם נײַ־אָרגאַניזירטן קאָלווירט „פּאָרויס צום סאָציִאַליזם", געאַרבעט אין דער געברויך־קאָאָפּעראַציע.

זייער באָכער, יעפים, איז געווען א גראָטעטנער, כיינעוודיקער יאַט. די אָנפאַנג־שול האָט ער פאַרענדיקט אָף אויסגעצייכנט און איז אין 1935 אָנגעקומען אין דער ראָסלאַוולער מיטלשול נום. 1 — אין אָט דער שטאָט זײַנען דעמלט אַריבערגעפאָרן זײַנע עלטערן. מע האָט אים אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פונעם פּיִאָנערןראַט, דערנאָך אַלס סעקרעטאַר פון דעם שילערישן קאָמיוג־קעמערל. פימע האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צו מאַטעמאַטיק, פיזיק און כימיע, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם ראַדיִאָטעכנישן קרײַזל באַם פּיִאָנערן־קלוב.

שאַבעס, דעם 14 יוני 1941, איז בא פימע סטערינען געווען א גרויסער יאָמטעוו — דער אַרויסלאָז־טאָג פון דער שול. נאָך מיטיק האָט ער אָנגעטאָן זײַן נײַעם אָנצוג און א ווײַס אויבערהעמדל, וועלכע די עלטערן האָבן אים געקויפט צו דער סימכע, אין פאָטאָ־אַטעליע האָט ער זיך צוזאַמען מיט די שילער פונעם אַרויסלאָז־קלאַס און מיט די לערער פאָטאָגראַפירט „פאַר דער אייביקײַט".

אויפן פײַערלעכן אַרויסלאָז־אָוונט איז ער, אַלס סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל, געזעסן באַם פּרעזידיום־טיש. איינעם פון די ערשטע האָט מען אים איבערגעגעבן דעם אַטעסטאַט וועגן פאַרענדיקן די מיטלשול. דערנאָך האָבן די אַרויסלאָזניקעס זיך פאַרוויילט, שפּאַצירט

יעפים סטערין

מיכאיל אָסיפּאָוו

איבער דער שטאָט א גאַנצע נאַכט, ביזן סאַמע באַגינען.

אַף מאָרגן איז פימע צוגעטראָטן צו זאַמלען די געהעריקע דאָקומענטן, קעדיי אָפּשיקן זיי אין לענינגראַדער אינסטיטוט פון אינזשעניערן פונעם אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט. ער האָט זיך גענומען גרייטן צו די עקזאַמענעס.

זונטיק פאַרטאָג, דעם 22 יון 1941, זײַנען די דײַטשישע פאַשיסטן אָנגעפאַלן אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד.

...פימע סטערין איז געשטאַנען אין קאַבינעט פונעם מיליטער־קאָמיסאַר און זיך געבעטן, מע זאָל אים אָפּשיקן אַפן פראָנט. דער פּאָלקאָווניק, שוין ניט קיין יונגער, האָט געקוקט אַפן באָכער מיטן בלייכן קינדערשן פּנעמל.

— וויפל ביסטו אלט?

— אינגיכן ווערט מיר זיבעצן, איך בין א קאָמיוגיסט, כ'האָב האיאַר געענדיקט די ראָסלאַוולער מיטלשול. מײַן אָרט איז אַפן פראָנט!

דער פּאָלקאָווניק האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט פימען. צום באַדויערן, קאָן ער זײַן ביטע ניט אויספילן: ניטאָ קיין אָנווײַזונג צו שיקן אַפן פראָנט אלס פרײַוויליקע אַזעלכע יונגע מענטשן.

אינדערהיים האָט פימע זיך דערוווּסט, אַז דער טאַטע האָט באַקומען א „פּאָוועסטקע" — דעם 24 יון, צו 9 אַזייגער אינדערפרי שיקט מען אים אָפּ אַפן פראָנט.

עליע סטערין האָט זיך געזעגנט מיטן ווײַב און מיט די דרײַ טעכטערלעך. אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט איז ער אַוועק אין דער באַגלייטונג פון זײַן זון פימע.

א גאַנצן טאָג איז פימע געשטאַנען צווישן אַנדערע באַגלייטער באַם קאָמיסאַריאַט, און ווען די סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט צו דער אײַזנבאַן, איז ער זיי נאָכגעגאַנגען און איז ניט אַוועק פון דער סטאַנציע, ביז וואַנען דער עשעלאָן האָט ניט פאַרלאָזט ראָסלאַוול.

אין דעם זעלבן טאָג האָט דער פײַנט דאָס ערשטע מאָל באָמבאַרדירט די ראָסלאַוולער אײַזנבאַן־ליניע, און אין צוויי טעג אַרום איז פון דער סטאַנציע אָפּגעגאַנגען דער ערשטער צוג מיט עוואַקויִרטע — אַלטע מענטשן, פרויען און קינדער. צווישן זיי זײַנען אויך געווען פימע סטערין, זײַן מוטער און די שוועסטערלעך. אין די ערשטע טעג יול האָבן זיי זיך אַרויסגעזעצט אַף דער סטאַנציע טשעליאַבינסק.

פימע איז מיט א פּוטיאָווקע פונעם טשעליאַבינסקער קאָמיוג אָנגעקומען אַרבעטן אלס אינסטרוקטאָר פון קעגנלופט־שוץ.

אין מאַרט 1942 זײַנען אין געגנטקאָם פון קאָמיוג אַרויסגערופן געוואָרן קאָמיוגיסטן מיט מיטעלער בילדונג, צווישן זיי אויך פימע. מע האָט זיי פאַרגעלייגט אָנקומען אין נאָוואָסיבירסקער אינסטיטוט פון אינזשעניערן פונעם אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט, וועלכער האָט דאַן דערקלערט א צוגאָב־אופנעם אַפן ערשטן קורס.

— און עפּשער איז בעסער אונדז שיקן אַפן פראָנט? — האָט געפּרווּווט דערווידערן פימע סטערין.

— מיר דאַרפן ספּעציאַליסטן אַף דער אײַזנבאַן, דאָס איז, זאָלט איר וויסן, אַ פראָנט...

און פימע איז געוואָרן אַ סטודענט.

אין אווגוסט 1942 האָט אַ גרופּע סטודענטן פונעם נאָוואָסיבירסקער אינסטיטוט פון אינזשעניערן פון דעם אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט זיך געווענדט מיט אַ שריפטלעכער מעלדונג אין נאָוואָסיבירסקער שטאָטישן מיליטער־קאָמיסאַריאַט. זיי האָבן געשריבן, אַז זיי אַלע זײַנען שוין אַלט צו 18 יאָר, און געבעטן, מע זאָל זיי שיקן אַפן פראָנט.

דער מיליטער־קאָמיסאַר האָט געענטפערט, אַז אַף וויפל די סאָוועטישע אַרמיי נייטיקט זיך אין אָפיצערן־אַרטילעריסטן, און נעמענדיק אין אַכט, אַז די אווטאָרן פון דער מעלדונג זײַנען סטודענטן פון אַ הויכשול, וועלן זיי אַלע אָפּגעשיקט ווערן אין אַ מיליטערישער שול אַף 9־כאָדאָשימדיקע קורסן, דערנאָך אַפן פראָנט אַלס קאָמאַנדירן.

אין מאַרט 1943 איז פאָרגעקומען דער אַרויסלאָז פון די יונגע אָפיצערן — לייטענאַנטן פון אַרטילעריע, צווישן זיי איז אויך געווען פימע סטערין.

די ערשטע קאַמף־קרייצונג האָט דער לייטענאַנט סטערין באַקומען אַף דער כאַרקאָווער ריכטונג אַלס קאָמאַנדיר פון אַן אַרטילעריע־וזוואָד פון 76־מילימעטראָווע קאַנאָנען, אין באַשטאַנד פונעם 175־טן פּאָלק פון דער 58־טער שיסער־דיוויזיע. זײַן וזוואָד האָט באַשיצט די שיסער־ראָטע פונעם עלטערן לייטענאַנט מיכאַיל אָסיפּאָוו, מיט וועלכן יעפים האָט זיך באַפרײַנדעט אין די ערשטע טעג פונעם פראָנט־לעבן.

פון כאַרקאָוו ביזן דניעפּער האָבן סטערינס אַרטילעריע־וזוואָד און אָסיפּאָווס שיסער־ראָטע האַנט־באַ־האַנט אין בלוטיקע שלאַכטן געטריבן די פאַשיסטן. דער יונגער קאָמאַנדיר פונעם אַרטוזוואָד איז דעם 20 מײַ 1943 באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „רויטער שטערן", און אין אווגוסט 1943 האָט אַף זײַן ברוסט שוין געשײַנט אַן אָרדען פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע פון דער 2־טער מאַדרייגע. מיט די זעלבע אָרדענס איז באַלוינט געוואָרן אויך דער קאָמאַנדיר פון דער שיסער־ראָטע מיכאַיל אָסיפּאָוו. די גוואַרדייִשע טיילן פונעם פּאָלק האָבן באַטאָג און באַנאַכט, ניט וויסנדיק פון קיין רו, געטריבן דעם סוינע. אין די לעצטע טעג פון סענטיאַבער זײַנען זיי צוגעקומען צום דניעפּער און, ניט פאַרהאַלטנדיק זיך, אים גענומען אָפּגיך פאָרסירן.

באַגינען דעם 26 סענטיאַבער, ווען די וואַסערן פונעם דניעפּער זײַנען נאָך געווען אײַנגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל, זײַנען סטערין און אָסיפּאָוו איינע פון די ערשטע בעשאָלעם איבערגעשווומען דעם טײַך און אָנגעהויבן זיך אַרויסזעצן אַפן פּושקאַריאָווער אינדזל. זינקענדיק אין טיפע זומפּן, האָט סטערינס קאָמאַנדע איבערגעטראָגן אַף די הענט די קאַנאָנען אַפן אינדזל און גלײַך געעפנט אַ פײַער, געבנדיק אַ מעגלעכקײַט אָסיפּאָווס שיסער־ראָטע זיך אַרויסזעצן און פאַרפעסטיקן זיך אַף דער קעגנבײַערדיקער זײַט פונעם אינדזל.

עטלעכע צענדליק פאַשיסטן האָבן זיך געוואָרפן אַפן קליינעם הײַפל אַרטילעריסטן. דער נײַנצניאָריקער קאָמאַנדיר האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן, ער האָט באַפוילן די אַרטילעריסטן צולאָזן דעם פײַנט נעענטער, עפענען אַ פײַער פון די אווטאָמאַטן און דערנאָך לאָזן אין גאַנג האַנט־גראַנאַטן.

די אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן. דער אַרטוזוואָד האָט זיך פאַרפעסטיקט אַפן קליינעם פּלאַצדאַרם פונעם אינדזל. דעם 10 אָקטיאַבער האָבן די פאַשיסטן נאָכאַמאָל געפּרוווט אָנגרײַפן אַפן אַרטוזוואָד, נאָר די אַטאַקע איז ווידעראַמאָל אָפּגעשלאָגן געוואָרן. דעם 15 אָקטיאַבער האָט דער סוינע אונטער אַ שוץ פון אַ סאַמאָכאָדקע דאָס דריטע מאָל זיך געלאָזט אין אַטאַקע. סטערין האָט באַפוילן די אַרטילעריסטן עפענען אַ פײַער פון אווטאָמאַטן און אליין האָט ער זיך געשטעלט באַ דעם קאַנאָן מיט נאָך אַן אַרטילעריסט. צוגעלאָזט די סאַמאָכאָדקע אַף אַ געוויסער דיסטאַנץ, האָט ער מיט צוויי סנאַריאַדן זי אונטערגעצונדן. דער פײַנט איז געצווונגען געווען אָפּגיין, איבערלאָזנדיק צענדליקער געהאַרגעטע און די ברענענדיקע סאַמאָכאָדקע.

סטערין מיט זײַן וזוואָד איז אין מעשעך פון דרײַ וואָכן, אײַנהאַלטנדיק דאָס אינדזל, אַף קיין איין טראָט ניט אָפּגעטראָטן פונעם פאַרפעסטיקטן פּלאַצדאַרם. און אַפן אַנדערן ראַנד פונעם אינדזל האָט אַ פאַרביטערטע שלאַכט געפירט דרײַ וואָכן דער גוואַרדיע עלטערער לייטענאַנט אָסיפּאָוו מיט זײַן שיסער־ראָטע. סטערינס און אָסיפּאָווס שלאַכטלײַט האָבן געגעבן די מעגלעכקײַט דעם פּאָלק און דער דיוויזיע אויסצופילן די באַפעלן פון דער קאָמאַנדשאַפט פון דער אַרמיי און פונעם פראָנט באַם פאָרסירן דעם דניעפּער און פאַרניכטן דעם אַרומגערינגלטן סוינע. פאַר העלדנמוט איז דעם 20 דעקאַבער 1943 צוגעטיילט געוואָרן דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דעם 19־יאָריקן יעפים סטערינען און דעם 21־יאָריקן מיכאַיל אָסיפּאָוון.

אין די זעלטענע אָוונטן פון שטילקײַט, באַנאַכט אין בלינדאַזש, באַ דער שײַן פון אַ קאַנעצל, געמאַכט פון אַ סנאַריאַד־הילזע, האָט סטערין געשריבן קורצע בריוועלעך דער מוטער און די שוועסטערלעך. וועגן טאַטן האָט ער לאַנג גאָרנישט ניט געוווסט. דעם 29 אָקטיאַבער 1943 שרײַבט ער אין אַ בריוו צו דער מאַמען: „איך לעב און בין געזונט, אונדזער סאָוועטישע אַרמיי טרײַבט דעם פײַנט פון דער מענטשהײַט פון דער אוקראַיִנישער ערד". ער בעט, אַז די מאַמע זאָל זיך ניט באַומרויִקן. ער וועט זיך אומקערן אהיים, ווען ס'וועט פאַלן דאָס פאַשיסטישע כאַיִל.

אין אָנהייב מאַרט 1944 האָט די 37־טע אַרמיי אָנגעהויבן דעם אָנגריף אַף דער קיראָוואָגראַ־

דער ריכטונג. דער סוינע האָט דאָ אָרגאַניזירט א שטארקע שוץ. בלוטיקע שלאכטן זײַנען פּאָרגעקומען ארום דעם ראַיאָנישן צענטער אוסטינאָווקע. סטערינס ארטילעריע־באטארייע האָט באגאָסן מיט פײַער די פאשיסטישע טײלן, באשיצנדיק אָסיפּאָווס שיסער־ראָטע, וועלכע איז געגאנגען אין אָנגריף.

עס איז זיי ביידן באשערט געווען צו פאלן אין איין שלאכט. דאָס איז געשען דעם 13 מארט 1944. יעפים סטערין און מיכאִיל אָסיפּאָוו, וועלכע זײַנען האנט־בא־האנט דורכגעגאנגען זייער קאמפּס־וועג פון כארקאָוו, דורך די סטעפּעס פון דניעפּראָפּעטראָווסק, איבער די וואסערן פונעם דניעפּער און ביז דער קיראָוואָגראדער געגנט, — זײַנען באערדיקט געוואָרן לעבן דער געבײַדע פון דער אוסטינאָווקער מיטלשול.

אינעם קאמפּס־זשורנאל פונעם 175־טן גווארדייִשן שיסער־פּאָלק איז דעם 13 מארט 1944 פארשריבן געוואָרן: „די ארטילערישע טײלן פון דער 58־טער גווארדייִשער שיסער־דיוויזיע האָבן אין מעשעך פון פינף מינוט סאליוטירט לעקאָוועד די געפאלענע העלדן, ווען מ׳האָט זיי געבראכט צו קווורע. דאָס פײַער פון אלע קאנאָנען איז געווענדט געווען קעגן פײַנט”.

דער שטעלפארטרעטער פונעם שעף פון דער 37־טער ארמיי פּאָדפּאָלקאָווניק פּ. ס. טשערנין, קומענדיק קיין אוסטינאָווקע, האָט ראַפּאָרטירט דעם שעף פון שטאב, דעם גענעראל־מאיאָר בלאזשי, וועגן דער לאגע אפן פראָנט און וועגן דעם אומקום פון די העלדן פון סאָוועטנפארבאנד סטערין און אָסיפּאָוו. ער האָט ארויסגענומען פונעם פלאנשעט א בייגעלע פּאפּיר, א צונויפגעלייגטס אינפירן, און איבערגעגעבן עס דעם גענעראל. דאָס איז געווען א רעזאָליוציע פון די אָנטיילנעמער פונעם מיטינג לעקאָוועד די געפאלענע העלדן.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק טשערנין האָט דערציילט, אז ניט געקוקט אפן שלאקסרעגן, האָט זיך באם קייווער פון די העלדן צונויפגעזאמלט א גרויסער אוילעם פון די ארומיקע באפרײַטע דערפער. אפן מיטינג זײַנען ארויסגעטראָטן סאָלדאטן, אָפיצערן, כאווײרים פון די העלדן. זיי האָבן געשוווירן ביזן לעצטן אָטעם קעמפן קעגן סוינע.

אין פיל יאָרן ארום האָט דער גענעראל־מאיאָר בלאזשי אין זײַנע מעמוארן „אין ארמייִשן שטאב” געשריבן: „מיר איז אויסגעקומען זיך באגעגענען מיטן גווארדיע־לייטענאנט יעפים סטערין און מיטן עלטערן לייטענאנט מיכאִיל אָסיפּאָוו. זיי זײַנען ביידע געווען אין באשטאנד פונעם 175־טן שיסער־פּאָלק, און ביידע יונגע אָפיצערן האָבן זיך אויסגעצייכנט אף די פראָנטן אין קאמף מיט די פאשיסטן, ביידע זײַנען זיי צווישן די ערשטע איבערגעשווומען דעם דניעפּער און זיך פארפעסטיקט אפן פּלאצדארם... דער אומקום פון די צוויי יונגע העלדן איז געווען א שווערער פארלוסט פאר אונדזער 37־טער ארמיי”.

סטערינס נאָמען איז ארײַנגעטראָגן אינעם ערן־בוך פון דער רויטפּאָניקער ארטילעריע־שול, אין וועלכער ער האָט זיך געלערנט פון אווגוסט 1942 ביז מארט 1943. לויטן אוקאז פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון דער רוסלענדישער פעדעראטיווער רעפּובליק איז די מיטלשול נומ. 1 אין ראָסלאוול, ווו סטערין האָט זיך געלערנט, אָנגערופן אף זײַן נאָמען. אין אָקטיאבער 1967 איז אף דער געבײַדע פון דער שול אופגעהאנגען געוואָרן א מעמאָריאלברעט לעקאָוועד דעם העלד.

אין אוסטינאָווקע, ארום דער מיטלשול, ווו ס׳געפינט זיך דער קייווער פון סטערינען און אָסיפּאָוון, איז אויסגעוואקסן א שיינער סקווער. דאָ שטייט אן אָבעליסק, ארומגערינגלט מיט לעבעדיקע קוויטן.

סטערינס פּאָרטרעטן זײַנען ארויסגעשטעלט אין סמאָלענסקער מוזיי פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, אין ראָסלאוולער מוזיי און אין דער גאלעריי פון די העלדן פון סאָוועטנפארבאנד אינעם ראָסלאוולער שטאָטישן סקווער.

אײַזיק שפּילבערג
(סמאָלענסק)

באקוער הימל

ס׳איז געגאנגען דאָס 1942־טע יאָר, דאָס שווערסטע יאָר פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. די היטלערישע כאיאָלעס האָבן מעשוגענערווײַז זיך געריסן צו באקו, צו די קוואלן פון נאפט. אין די בערג פון קאווקאז זײַנען געגאנגען פארביטערטע שלאכטן, היטלער האָט אהער געוואָרפן זײַנע בעסטע אלפּישע און בארג־שיסערישע דיוויזיעס.

באקו האָט דעמלט געלעבט מיט אן אָנגעשטרענגט, אומרויִק לעבן, וואָס איז לאכלוטן ניט ענלעך געווען אפן לעבן פון א שטאָט, וועלכע געפינט זיך אין הינטערלאנד. אלע אונטערנעמונגען האָבן געארבעט פארן פראָנט, און אויך די אײַנוווינער זײַנען געווען גרייט זיך שטעלן קעגן סוינע, אויב ער וועט, כאָלילע, זיך דורכרײַסן. די דירעקטע געפאר האָט גע־

יעלענע לוצקאיא

קאָנט קומען קוידעמקאָל פונדערלופטן. דער־פאַר איז די אויפמערקזאַמקייט געווען געווענ־דעט אַף באַשיצן דעם הימל איבער באַקו: יעדערער האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס וואָלט באַטײַט, ווען כאָטש איין באָמבע פאַלט אַראָפּ אַף די נאַפט־געווערבן.

איך געדענק, מיט וואָסערע אויגן פלעגן מיר, קינדער, באַגלייטן די אעראָסטאַטן פון דער לופט־שוץ. די דאָזיקע אויסערלעך אומגעלומ־פּערטע „געשפּענסטער", ענלעכע אַף ריזיקע העלפאַנדן, האָבן באַ אונדז אַרויסגערופן א גוואַלדיקן נײַגער. אַלע אָפּדערנאַכט פלעגן זיי זיך אַקוראַט אופהייבן אַף א הייך פון 900 מעטער, באַשיצנדיק די שטאָט פון די פאַ־שיסטישע שפּאַרבערס. באַדינט די אעראָסטאַטן האָבן אויסשליסלעך מיידלעך — סאָלדאַטן פון דער קעגנלופט־שוץ. צוויי דיוויזיאָנען, טויזנט מיידלעך. פיל פון זיי האָבן נאַרוואָס פאַרענ־דיקט די מיטלשול.

צווישן אָט די מיידלעך איז געווען אויך לענע לוצקאיא.

— אַפּן אַרויסלאָז־אָוונט אין יון 1942 זײַנען אונדזערע כעוורע שוין געקומען מיט פּאָוועסט־קעס פונעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט, — דער־ציילט זי, — אַזוי ארום איז דאָס, אייגנטלעך, געווען א געזעגענונגס־אָוונט. אויך אונדז, מייד־לעך, איז ניט לאַנג אויסגעקומען זיך צו לער־נען. דער גאַנצער כעמישער פאַקולטעט פונעם אַזערבײַדזשאַנישן מעלוכע־אוניווערסיטעט, ווו איך האָב זיך געלערנט, האָט אַף א קאָמיוגי־שער פאַרזאַמלונג באַשלאָסן אָנגעבן א קאָלעק־טיווע מעלדונג מיט א באַקאָשע אונדז מאָבי־ליזירן אין אַרמיי. אין אַפּרעל 1942 בין איך שוין געווען א סאָלדאַט פון דער קעגנלופט־שוץ, אין א יאָר ארום — געוואָרן דער שטעל־פאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון דער טייל לויט פּאָליטישער אַרבעט.

זײַן א סאָלדאַט איז ניט גרינג, ביפּראַט · נאָך פאַר א מיידל. און האַגאַם לענע לוצקאיא (איצט רופט מען זי יעלענע וואָלפּאָוונע) דער־מאָנט יענע יאָרן מיט א שמייכל, איז זי זיך מוידע, אַז די מיידלעך האָבן גענוג געהאַט אויסצושטיין. דאַכט זיך, א קלייניקײַט — אַמוני־ציע, אָבער ווי אַזוי אָנטאָן די סאָלדאַטקעס, עס זאָל זיי זײַן סײַ באַקוועם און סײַ לויטן אָר־מייִשן סטאַטוט?..

— מע האָט אונדז אַרויסגעגעבן גרויסע מאַנצבלשע שיך, וויקלשנורן, שינעלן, וואָס דערגרייכן ביז די פּיאַטעס, און די ביקסן זײַנען געווען אויך ניט פאַר אונדזערע פּלייצעס (אַוו־טאָמאַטן האָבן מיר באַקומען שוין שפּעטער). אין אַזא הוילעך און אונטער אַזא לאַסט האָבן מיר זיך קוים באַוועגט. געלעבט האָבן מיר אין ערדשטיבלעך, אין הוילן סטעפּ (דאָס זײַ־נען שוין איצט אויסגעוואַקסן דאָרט מיקראָ־ראַיאָנען). קריגן וואַסער איז געווען א פּראָב־לעם, און עסן איז אויך ניט געווען וואָס — דער ווינטער פון צוויי־און־פערציקסטן איז געווען א באַזונדערס שווערער, אַפילע אין באַקו. בע־קיצער, אויב אַלע אַנדערע סאָלדאַטן איז גע־ווען ניט לײַכט, איז דאָפּלט שווער געווען אונדז, די סאָלדאַטקעס.

באַטאָג האָבן זיי זיך געלערנט שיסן און זיך פאַרנומען מיט אַנדערע מיליטערישע איבונגען, און די הויפּט־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אָפּ־דערנאַכט, ווען מע האָט געגרייט די אעראָ־סטאַטן. דאָס איז געווען ניט נאָר איבער די קויכעס פיזיש, נאָר אויך געפערלעך: דער אעראָסטאַט האָט זיך זײַנע קאַפּריזן — אַזוי, דאַכט זיך, איז ער קימאַט אומבאַוועגלעך, נאָר לאָז אים אַרויס פון אויג — רײַסט ער זיך אָפּ פון דעם שטאָלענעם טראָס און טראָגט זיך העגדום־פּעגדום אין דער הויך, פאַרכאַפּנדיק אַמאָל אויך עמעצן פון די באַדינער. דערפאַר האָט מען טאַקע געדאַרפט זײַן זייער אופמערק־זאַם, בייס מע הייבט אים אוף: פאַרזיכטיק אים באַפרײַען פונעם באַלאַסט, פונעם אַנקער, פּאַ־מעלעך „לאָזן" דעם קאַנאַט. און אינדערפרי — די זעלבע פּראָצעדור, נאָר אַלץ פאַרקערט.

— ס'איז שרעקלעך געווען?

יעלענע וואָלפּאָוונע שמייכלט.

— מע איז דאָך ניט מער ווי לעבעדיקע מענטשן! נאָר דעם פּאַכעד האָט מען געדאַרפט בײַקומען. — זי דערמאָנט זיך א פאַל, ווען קיין באַקו האָט זיך איינמאָל אין א לעוואָנעדיקער נאַכט דורכגעריסן אַן אויסשפּיר־עראָפּלאַן:

— מיר האָבן, געוויינלעך, ניט געוווּסט, אַז דאָס איז אַן אויסשפּירער, און געוואַרט: אָט־אָט וועלן זיך א שיט טאָן באָמבעס. נאָר מיר האָבן זיך ניט פאַרלוירן, אונדזערע אעראָסטאַטן האָבן ניט געלאָזט דעם פאַשיסטישן שפּאַרבער זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער, ער האָט מוירע געהאַט זיך צו פאַרטשעפּען פאַר די קאַנאַטן. האָט ער

זיך געדרייט און געדרייט איבער דער שטאָט און איז אוועקגעפלויגן מיט גאָרנישט. אָבער ווײַט אוועקפלי̇ען האָט מען אים ניט געלאָזט — אויסער דער שטאָט האָבן אים אַראָפּגעקלאַפּט אונדזערע פאַרניכטלער.

די מיידלעך האָבן באַגלײַך מיט די סאָלדאטן־מאנצבלען פּאַטרולירט דעם באַנאכטיקן באַקו. דאָס איז אויך געווען א שווערע ארבעט: זײַן אַף דער וואַך פון דער גרויסער שטאָט, לעם וועלכער עס גייען אומופהערלעך פאַרביטערטע שלאַכטן.

פון דער ארמיי האָט זיך יעלענע לוצקאיא דעמאָביליזירט אין יול 1945, און כוץ אנדערע באַלוינונגען, איז איר באַזונדערס טײַער די מעדאַל „פאַר פאַרטיידיקן קאווקאַז"...

זי איז א וועטעראַן פון דער גרויסער פאָטער־לענדישער מילכאָמע און לעבט אין דער זעל־בער שטאָט, וועלכע זי האָט מיט העכער דרײַ־צענדליק יאָר צוריק פאַרטיידיקט פונעם סוינע. זי ארבעט אלס אינזשעניער־עקאָנאָמיסט אינעם טרעסט „אַרגטעכסטראָימאטעריאַל".

ג ר י ג א ָ ר י ק י ז ע ל
(באַקו)

א העלד א קרימטשאַק – יאַקאָוו טשאַפּיטשעוו

צוויי כאַדאָשים האָט ער ניט דערלעבט צום טאָג פון ניצאָכן. דעם נײַנטן מארט 1945 איז ער געפאלן אין שלאכט לעבן ברעסלאַוו (איצט — וורָאָצלאַוו).

יאַקאָוו יודאָוויטש טשאַפּיטשעוו האָט גע־הערט צום קלייניקן שייוועט קרימטשאַקעס, וואָס זיבעציק פּראָצענט פון זיי איז פאַרניכטעט געוואָרן אין 1941, ווען די דײַטשן האָבן פאַר־כאַפּט דאָס קרימער האַלב־אינדזל.

יאַקאָוו טשאַפּיטשעווס פאָטער איז געווען א שוסטער א לאַטוטניק אַפן מארק. א קאַפּצן, א מעטופל מיט קינדער, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט מיט דער מישפּאָכע אין 1907 קיין אמעריקע זוכן גליקן. קיין אמעריקע זײַנען די טשאַפּי־טשעווס אָבער ניט דערפאָרן, געבליבן שטעקן אין פאַריזש. דאָ איז אין 1909 געבוירן געוואָרן יאַקאָוו. מיט א סאַך יאָרן שפּעטער האָט די מישפּאָכע, מיט דער הילף פון סאָוועטישע קרויווים, זיך אומגעקערט קיין קרים, קיין דזשאַנקאָי.

יאַקאָוו האָט אָנגעהויבן ארבעטן אלס א שיק־יי̇נגל אין א פּריוואַטער פאַבריקמאַכערײַ, דערנאָך אָנגעקומען אין דזשאַנקאָיער אײַזנבאַן־דעפּאָ, געווען א שוואַרצארבעטער, א געהילף־הייצער פון א לאָקאָמאָטיוו. אין 1931 איז ער גערופן געוואָרן אַף מיליטערישער דינסט, מע האָט אים געשיקט אַף פּאָליט־קורסן, ווו ער האָט באַקומען מיליטעריש־פּאָליטישע בילדונג. נאָכן ענדיקן די דינסט האָט ער זיך אומגעקערט קיין דזשאַנקאָי און פאָרגעזעצט ארבעטן אין אײַזנבאַן־דעפּאָ.

פון 1940 איז טשאַפּיטשעוו ווידער אין דער ארמיי, אלס פּאָליטרוק אין אַן ארטילערישער באַטאַריי פון דער 3־טער קרימער דיוויזיע.

א לעבעדיקער און פריילעכער מענטש, א פייַקער און שאַרפזיניקער, מיט א שטענדיקן שמייכל אַף די ליפּן, א צוגעלאָזטער, איז טשאַ־פּיטשעוו געוואָרן דער ליבלינג פון די סאָל־דאטן און קאָמאַנדירן. דערצו האָט ער געהאַט א שטאַרקע נייגונג צו ליטעראַטור, ליב געהאַט פּאָעזיע און אליין געשריבן לידער (זײַנע א לידער־זאַמלונג איז דערשינען אין 1939 אין קרימער פאַרלאַג).

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָ־טערלענדישע מילכאָמע, איז טשאַפּיטשעוו אוועק אַפן לענינגראַדער פראָנט. ווי א פּאָליט־געהילף פונעם קאָמאַנדיר פון א טאַנקען־באַ־טאַליאָן האָט ער דורכגעמאַכט א גרויסן שלאַכט־וועג אַפן וואָלכאָווער, צאָפן־קאַווקאַ־זער, 1־טן און 3־טן אוקראַי̇נישע פראָנטן, דרײַ מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן. שטענדיק מיט די סאָלדאטן, האָט טשאַפּיטשעוו געוווּסט דעם סאָד, ווי̇אַזוי אונטערמונטערן די מידע און שוואַכע. אין געציילטע מינוטן, ווען די סאָל־דאטן האָבן גערוט, פלעגט ער אויסזוכן אַן אָפּגעזונדערט ווינקעלע און מאַכן פאַרנאָטירונ־גען אין נאָטיץ־ביכל, פאַרשרײַבן עפּיזאָדן פון סאָלדאטישער גוווּרע. דאָס אלץ פלעגט זיך דערנאָך אויספורעמען אין געטאָקטע פערזן. זײַנע נאָטיצן פלעגן אָפט זיך דרוקן אין דער דיוויזיע־צײַטונג.

צושטעלנדיק טשאַפּיטשעוון צו דער באַלוי־נונג מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט די קאָמאַנדשאַפט געשריבן: „אין די שלאַכטן מיט די דײַטשישע אָקופּאַנטן האָט טשאַפּיטשעוו ארויסגעוויזן העלדנמוט און איז געווען א מוסטער פאַרן גאַנצן פּאָלק. ניט איין מאָל האָט ער געפירט די שלאַכטלײַט אין אַטאַ־קע. א שווערע שלאַכט האָט זיך צעפלאַקערט פאַר דער סטאַנציע האַלשמילען. דער סוינע האָט אָנגעגריפן אַף אונדזער שיסער־ראָטע מיט איבערוועגנדיקע קויכעס. ווען אין די פאָדער־שטע רייען האָט זיך באַוויזן טשאַפּיטשעוו, האָט זיך באַ די שלאַכטלײַט אופגעהויבן די שטיי־

יאַקאָוו טשאַפּיטשעוו

מונג. טשאַפּיטשעוו האָט באַמערקט, ווי א מעטער 40 פון דער פאָדער־ליניע האָט זיך אופגעשטעלט א דײַטשישער אָפיצער און גלײַך נאָך אים בא 100 דײַטשישע סאָלדאטן. מיט א רוף „פארן פאָטערלאנד, פאָרויס!” האָט טשאַפּיטשעוו אופגעהויבן זײַנע שלאַכטלײַט אין אטאקע. בא 50 פײַנטלעכע סאָלדאטן זײַנען דערשאָסן געוואָרן, די איבעריקע זײַנען זיך צעלאָפן. אין דער שלאַכט איז טשאַפּיטשעוו פארוואונדעט געוואָרן, נאָר די פאָדערליניע ניט פארלאָזט.

דעם 9 מארט 1945 איז אין ברעסלאוו געגאנגען א שלאַכט פאר איינעם א זאוואָד. טשאַפּיטשעוו מיט נאָך א שלאַכטמאַן האָבן זיך ארויסגעריסן פאָרויס און פארניכטעט 8 פאַשיסטן. ער פערזענלעך האָט גענומען אין געפאנגענשאפט צוויי סאָלדאטן. באם צוגאנג צו א צווייטן זאוואָד האָט דער באטאליאָן אָנגעטראָפן אף א באזונדערס באפעסטיקט הויז. דער באטאליאָן האָט געפּרווט דאָס הויז פארכאפּן, אָבער אָן דערפאָלג. און דאָ האָט זיך באוויזן טשאַפּיטשעוו. צוזאמען מיט נאָך אָן אויסשפּירער האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אונטערן פײַער, פארוואָרפן מיט גראנאטן דעם דײַטשישן פארפעסטיקטן פונקט. די ראָטע האָט זיך געלאָזט נאָך זיי און איז ארײַן אין הויז, אין די קעלערן. טשאַפּיטשעוו מיט זײַן כאווער האָבן זיך ארײַנגעריסן אין א צימער, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען 9 דײַטשישע סאָלדאטן. זעקס האָבן זיי פארניכטעט אין א האנט־געפעכט, דרײַ האָבן גענומען אָפּטרעטן, ניט אופהערנדיק צו שיסן. א קויל האָט געטראָפן אין טשאַפּיטשעוון. ער איז געפאלן א טויטער”.

יאַקאָוו טשאַפּיטשעוו איז באערדיקט אין ווראָצלאוו, ווו ער איז אומגעקומען. אין טאָג פון זײַן יאָרצײַט קומט צו דעם קייווער דער פּיאָנערן־אָטריאד, וואָס טראָגט זײַן נאָמען. די פּיאָנערן שטעלן זיך אוועק באם קייווער אין אָן ערן־וואך.

אווראָם פריבלודע

(מאָסקווע)

בראָניק

ביראָבידזשאנער נײַס

פארן ווילשטאנד פון פאָלק

אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאנער שטערן” פארן 5 דעקאַבער פאָריקס יאָר איז פארעפנטלעכט געוואָרן אן ארטיקל פונעם פארוואלטער מיטן אָפּטייל פון סאָציאַלער סטראַכירונג באם געגנטלעכן פראָפאריין־ראט ל. שקאָליאר. אינטערעסאנטע אָנגאבן וועגן די מאָסמיטלען צו העכערן דעם ווילשטאנד פון די ארבעטער זײַנען פארווירקלעכט געוואָרן אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט פאר די יאָרן פונעם נײַנטן פינפיאָר.

העכער 9 טויזנט ארבעטנדיקע פון דער געגנט האָבן זיך פאר אָט דער צײַט געהיילט אין פארשיידענע סאנאטאָריעס פונעם לאנד. 8 טויזנט האָבן פארבראכט זייער אורלויב אין אָפּרו־הײַזער. עס זײַנען פארברייטערט געוואָרן די היילונגס־קאָמפּלעקסן פונעם באַוווסטן קוראָרט „קולדור”, וועלכער געפינט זיך אף דער טעריטאָריע פון דער געגנט. אין פארגאנגענעם יאָר האָבן זיך דאָרט געהיילט בא 17 טויזנט מענטשן. איצט בויט זיך אף דער טעריטאָריע פונעם קוראָרט דער נײַער קאָמפּלעקס „זשעמטשוזשינא”, ספּעציעל פאר מוטערס מיט קינדער.

אויסער דעם, טיילן אויס די פראָפאריינען־אָרגאניזאציעס פון דער געגנט יערלעך העכער טויזנט פּוטיאָווקעס פאר די ליבהאָבער פון טוריזם.

צוליב פארבעסערן דעם געזונטצושטאנד פון די ארבעטנדיקע ווערן אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט אײַנגעאָרדנט פּראָפילאקטישע סאנאטאָריעס. אלע זומער רוען אָפּ אין די פּיאָנערלאגערן, אף די טוריסטישע באַזעס העכער 10 טויזנט קינדער.

לויט טוריסטישע פּוטיאָווקעס

מיט יעדער יאָר וואקסן און פעסטיקן זיך די אינטערנאציאָנאלע פארבינדונגען פון דער ביראָבידזשאנער יוגנט. לויט קאָמיוגישע טוריסטישע פּוטיאָווקעס זײַנען לעצטנס געוועזן אין אויסלאנד בא 50 יינגלעך און מיידלעך.

די ביראָבידזשאנער טוריסטן האָבן באזוכט די שטעט פון אונגארן, פוילן, יוגאָסלאוויע, פראנקרײַך, אלזשיר, איטאליע אא.

סאכאקל זײַנען פון אָנהייב יאָר אין די צווישנפעלקערלעכע לאַגערן פון אָפּרו און אין אויסלענדישע טוריסטישע רײַזעס געוועזן בא 500 יונגע אוואנגארדיסטן פון די אונטערנעמונגען.

■

מאָסקווער קינסטלער — דעם XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

(אין צענטראַלן אויסשטעלונג־זאַל).

ו. אי. לענין אין פאַריינען־הויז. קינסטלער — וו. ציפּלאַקאָוו



פּאָעטן. קינסטלער — א. ניקיטש

הארבסט אפן טײַך מעדען. קינסטלער — וו. פּאָפּקאָוו

כאווערטעס (פון דער סעריע „בויער פון קאמאז")
קינסטלער — ק. מאקסימאָוו

שלאָפט, קינדער, שלאָפט... קינסטלער — וו. וועטשערסקי

צוויי סקולפטור־ווערק פון ו. ציגאל:
פּאָרטרעט פונעם קינסטלערן. ראַבינאָוויטש.
די פּישפּאַנגערן סערקאָווא



כאַים טאַמאַרקין

זייער מישפּאָכע = שטאַם

אין 1922 יאָר איז אין מאָסקווער זשורנאַל „שטראָם" אָפּגעדרוקט געווען דאָוויד האָפּ־שטיינס שורעס:

פון מאָסקווע דער הויפּטשטאָט אין פריִיקע
פלאַמען
אַ גרוס דיר, מײַן טײַערע, אַלטינקע מאַמע.
ווי טוט עס אין שטיל דאָרט דײַן האַרץ איצטער
שלאָגן,
דײַן האַרץ, אונטער וועלכן האָסט עלעף
געטראָגן.

אין אַ קליין שטעטל אויף אוקראַיִנע האָט געלעבט אַ פּאָרפאָלק שאַמע דער סטאָליער און גיטל די באָבע. האָבן זיי געהאַט איין־און־אײַנציקן זון נעכעמיע, וועלכער האָט געוווינט אין אַ דאָרף ניט ווײַט פונעם שטעטל. ער איז געווען דער פאָטער פון עלעף קינדער — זין און טעכטער. דרײַען פון די עלעף האָב איך געקענט. געווען מיט זיי באַפרײַנדעט.

דער עלטערער פון די דרײַ איז מיט זײַנע ערשטע לידער באַרימט געוואָרן, און שוין אין אָנהייב רעוואָליוציע האָט ער פאַרנומען דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע. אין דער פריִער דערמאָנטער ליד שרײַבט ער:

צי איז דאָס דײַן האַרץ שוין געוואָרן
געווירע —
דײַן בכאָר איז אַ דיכטער בײַ ייִדן געבוירן
און אַז מיט דײַן מילך, וואָס ווי ווײַן האָט
צעברויזט זיך,
אויף וועלטישער סודע מײַן גײַסט איצטער
גרויסט זיך.

מיר האָבן געלייענט און נאָכאַמאָל געלייענט די פילאָסאָפיש־לירישע לידער, וועלכע האָבן באַרײַכערט דעם גײַסט פון לייענער און באַוויזן געפערלטע מוסטערן פאַרן ייִנגערן דאָר ייִדישע סאָוועטישע דיכטער.

מיר אַלע האָבן זיך געגרויסט מיטן בכאָר דאָוויד האָפּשטיין, וואָס איז בײַ אונדז אַ דיכטער געוואָרן.

פאַר מיר איז פאַרבליבן אויף אייביק ניט נאָר דאָוויד האָפּשטיין דער גרויסער דיכטער, נאָר אויך דאָס מענטשלעכע אין זײַן אָריגינעלער פערזענלעכקײַט מיט די אַלע באַזונדערע שטריכן און אייגנשאַפטן.

דער צווייטער פון דעם שטאַם איז וועלי האָפּשטיין, דער ייִנגערער פון דאָווידן אויף צוויי יאָר. ווער סע האָט זיי ביידן געקענט, האָט באַוווּנדערט און איז צופרידן געווען, וואָס וועלי איז אַזוי געראָטן אין דאָווידן. אויב מע האָט אים ניט געקענט, איז מען אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן, פאַרכידעשט געקוקט אויף וועלין, זעענדיק די ענלעכקײַט מיט דאָווידן אין די מאַנירן, זשעסטן און אין אַרט ריידן; און ערשט אַ ביסל שפּעטער האָט מען זיך אָנגעשטויסן, אַז וועלי איז דער לויטערער אָפּשײַן פון זײַן עלטערן ברודער.

זײַן גאַנץ לעבן האָט וועלי האָפּשטיין אומדערמידלעך און פרוכטבאַר געאַרבעט אין געביט פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. ער איז געווען אַ האָרעפּאַשניק, וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון קיין שום אַרבעט, אויב זי איז נייטיק געווען. אַ קאָרעקטאָר, אַ רעדאַקטאָר, אָבער דעריקער אַן איבערזעצער. פון דער רוסישער קלאַסישער פּאָעזיע האָט ער איבערזעצט פּושקינען, לערמאָנטאָוון, נעקראַסאָוון און אַנד., פון אוקראַיִניש — שעוטשענקאָן, טיטשינען, פּערוואָמײַסקין. פון די רוסישע סאָוועטישע דיכטער האָט ער איבערזעצט טיכאָנאָוון, סורקאָוון, פּראָקאָפיעוון, ווערא אינבער, אָלגאַ בערגאָלץ, מאַרגאַריטאַ אַליגער. אויב איר האָט געלייענט אַנטאָקאָלסקיס פּאָעמע „דער זון" פריִער אין אָריגינאַל און איצט אין וועלי האָפּשטיינס איבערזעצונג, — פילט איר, אַז איר האָט קימאַט גאָרניט פאַרלאָרן.

אונטער א ריי איבערזעצונגען איז אונטערגעכאַסמעט וו. עלינג. עס פעלט אײַך גלײַך ניט אײַן, אז דאָס זײַנען ראַשעטײוועס פונעם אײגענעם נאָמען, פון דעם פאַטערס נאָמען און פון דער פאַמיליע פונעם איבערזעצער. קימאַט ווי בא די אמאָליקע טאַלמודיסטישע מעכאַברים. אויב איר נעמט פאַנאַנדערקלײַבן דעם באַטײַט פון וו. עלינג, צעפאַלן זיך די בוכשטאַבן און עס באַקומט זיך: וועלי — נעכעמיעס — גאָפּשטײן (קעדיי דער פען־נאָמען זאָל קלינגען נאָרמאַל, מוז ער זיך פאַרענדיקן ניט מיט א „ה", נאָר, ווי אַף רוסיש, מיט „ג"). אין פאַרשײדענע צײַטן איז וועלי געווען א מיטאַרבעטער אין רעדאַקציעס, פאַרלאַגן, זשורנאַלן, צײַטונגען, אים האָבן געקענט און עס זײַנען געווען מיט אים באַפרײַנדעט שרײַבער, דיכטער, קולטור־טוער. א גרויסע פרײַנטשאַפט האָט אים פאַרבונדן מיט אַרן קושניראָוו, מיט שמועל האַלקינען.

ער האָט זײער ווינציק גערעדט וועגן זיך, וועגן זײַן אַרבעט. מער געשוויגן. שפּאַרעוודיק געענטפערט, ניט געווען קײן באַריידעוודיקער.

שוין פינף יאָר, ווי ער איז געשטאָרבן. געבליבן נאָך אים איז אַן אַרכיוו — איבערגעבונדענע דיקע העפטן, פאַרשריבענע מיט דער האַנט און איבערגעדרוקטע אַף א מאַשינקע, זײַנע פּילצאָליקע איבערזעצונגען. זעלטן ווער עס ווײסט שוין, וואָס פון דעם אַלעמען איז געדרוקט געווען און וואָס עס איז אַזוי שווײַגנדיק פאַרבליבן...

ער איז מיר געווען זײער סימפּאַטיש — מיט זײַנע אײַנגעבאַרענע אײגנשאַפטן, טיף באַהאַלטן אין זיך, און מיט די בוילעטע סימאָנים פון אַנגעהעריקײַט צו זײַן מישפּאָכע־שטאַם.

די דריטע, די שוועסטער פון די צווײ עלטערע ברידער האַפּשטײן, די דיכטערין שיפרע כאַלאָדענקאָ, איז געשטאָרבן אין די מיטלסטע כאָדאָשים פונעם 1974. זינט איך בין געווען אַף איר לעוויע, טראַכט איך אָפט וועגן איר, לײען אָפּסניי אירע לידער, דערמאָן זיך די צענדליקער יאָרן פון אונדזער פרײַנטשאַפט, אָנהײבנדיק פון אירע ערשטע לידער, ביז דעם לעצטן כוידעש פון איר לעבן.

זײער זײדן שאַמע דעם סטאַליער און די באָבע גיטל געדענק איך פון די קינדער־יאָרן; דאָס אַלטע פּאַרפאַלק איז פאַרבליבן אין מײַן פּאַרשטעלונג, ווי אויסגעטײלטע פון די אַרומיקע אַנדערע באַלמעלאָכעס, אָרעמעלײַט. די באַגאַבטע אײניקלעך דאָוויד, וועלי, שיפרע האָבן געיאָרשנט פון זײ באַזונדערע כאַראַקטער־שטריכן און אויסערלעכע מאַנירן.

ווען שיפרע האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן, האָט זי גענומען איר מאַמעס פאַמיליע כאַלאָדענקאָ, ווײַל האַפּשטײן איז געווען איר באַרימטער ברודער. זי איז באַוווּסט געוואָרן מיט איר אײגענער דיכטערישער פאַמיליע — שיפרע כאַלאָדענקאָ.

איך האָב קאַסיידער געטראַכט, ווי זי איז געראָטן מיט איר קאָל און אינטאָנאַציעס אין איר באָבע גיטל. וויפל יאָרן עס זײַנען אַריבער, אָבער אַז איך האָב געהערט שיפרען רעדן, האָט זיך מיר דערמאָנט איר באָבע גיטלס קאָל. איך האָב איר אײנמאָל געזאָגט וועגן דעם, האָט זי געלאַכט און געדאַנקט, וואָס איך געדענק איר באָבעס קאָל. טאַקע מאַמעש, ווי איבערגעגאָסן פון אײן קײלע אין א צווײטער...

ווען שיפרע האָט זיך דערנענטערט, ווי א שעפערישע פּערזענלעכקײַט, צו אירע ברידער דאָוויד און וועלי, האָט מען באַלד דערפילט, ווי זי איז געקניפּט און געבונדן מיט זײ, און אײנצײַטיק שײדט זי זיך פון זײ אונטער.

שיפרע אַלס דיכטערין איז געוויס געווען אונטער דער ווירקונג פון דאָוויד האַפּשטײנען. איר דיכטערישע מײַסטערשאַפט, די פילאָסאָפיש־לירישע געווענדטקײַט פון איר ליד ציט זיך אַוודע צו אָט דעם רײַכן קוואַל. זי האָט אָבער געשאַפן אײגענע לידער, פון איר נעשאָמע, אויסדריקנדיק איר פּערזענלעכע שטימונג, אירע זעונגען און דימיוינעס.

שיפרע כאַלאָדענקאָס לעצטע לידער, אָפּגעדרוקטע אין 7־טן נומער „סאָוועטיש הײמלאַנד" פאַרן 1974 יאָר, האַלט איך פאַר באַדײַטנדיקע מוסטערן פון פּאָעטישן שאַפן. מיט טיפער לירישקײַט איז אויסגעדריקט זײער האַרציקער פאַרלאַנג: „עס ווילט זיך מיר לעבן". א שווערער פּאַרגעפיל, נאָר ניט קײן געבראָכן געמיט פון געזעגענען זיך מיט דער וועלט. די באַזונדערקײַט פון כאַלאָדענקאָס ליריק, די פּאָלקסטימלעכע שפּראַך איז, ווײַזט מיר אויס, ווערט א הויכע אָפּשאַצונג.

שיפרע כאַלאָדענקאָס ליד „כאַווע", וועלכע איז פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש הײמלאַנד" נום. 4 פאַרן 1971 יאָר, איז ניט קײן מישפּאָכע־ליד; זי האָט אָבער א באַזונדערע שײַכעס צו דעם בכאָר פון דער מישפּאָכע — צו דאָוויד האַפּשטײנען, צו זײַנע קינדער און צו דער שוועסטער כאַווע.

רײַך איז די צוואַקסענע קרוין פון דעם האַפּשטײנישן מישפּאָכע־שטאַם.

יאשע רובּיאַן

דרײַ פֿלעשער װײַן

אַקוראַט טאַמעז, פּונקט אין די נײַן טעג, דעם 12־טן יוני 1909 יאָר, איז אין שטעטעלע סאָקאָ־לאָװקע (יוסטינגראַד), געװעזענער קיִעװער גובערניע, נאָענט באַם טײַך און ניט װײַט פֿון מאַרק, אין אַ שיװורע ליים־שטיבל, אַ געדעקטס מיט שטרוי און מיט אַן אױסגעפּליקטן פּידאַ־שעק, באַם פּריװואַטן לערער פֿון דיקדעק מיכל־בענציִענס, אָדער, װי מע פֿלעגט אים דאָ רופֿן, מיכל ליבע־לײַעס, געבוירן געװאָרן אַ זון.

ס׳איז געװען דאָס צװײטע קינד בײַ די על־טערן, אויב מע זאָל ניט רעכענען בענטשיקן, װאָס איז מיט דער הילף פֿונעם היגן פֿעלדשער געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר פֿריִער.

די בובע זלאַטע־נעכאַמע האָט אים קוים אײַנ־געהאַלטן, ער זאָל ניט אַרױסשפּרינגען פֿון אירע הענט, און איבערגעבנדיק אים דער באָבע ליבע־לײַע, זי זאָל אים אױסבאָדן, געזאָגט:

— כאַפּט נאָר אַ קוק, װאָס פֿאַר אַ בלויע אויגן איז בײַ אים, און אַ קוטשמע — כאָטש פֿאַרפֿלעכט אים צעפּ. געקומען אויף דער װעלט מיט אַ געשריי, געעפֿנט אַ געמבע, פּונקט װי ער װאָלט זיך צעשריגן אויפֿן טאַטן. נו, אַ יונ־גאַטש מיט ביינער!

מיט פּערלדיקע אויסיִעס האָט דער טאַטע אָנגעשריבן שירהאַמײַלעס־קװיטלען און זיי צוגעקלעפּט צום קוימען, צו די טירן און פֿענצ־טער, קעדיי די ניטגוטע זאָלן קיין שליטע ניט האָבן אויף דער געװינערן.

אויפֿן פּידיען־האַבען זײַנען זיך צונויפֿגעקומען אַלע אייגענע, פֿרײַנט, געסט. מ׳האָט געטרונקען מאַשקע און זיך מעסאַמייעך געװען. דער טאַטע האָט געזונגען כאַזאָנישע שטיקלעך, פֿאָלקס־לידער און גלאַט ניגונים. דער איין־און־זעכ־ציקיאָריקער זיידע שלוימע, דער מאַמעס טאַטע, האָט צעקעמט זײַן לאַנגע װײַסע באָרד, אַראָפּ־געװאָרפֿן די קאַפּאָטע מיטן פּידזשאַקל, געכאַפּט דאָס קינד און אין איין העמד געטאַנצט אוירא. אַלע זינגען און פּליעסקען:

לאָמיר אַלע איינעם, איינעם
מאַטעלען מעקאַבל־פּאָנעם זײַן,
לאָמיר אַלע איינעם
לאָמיר אַלע איינעם
נעמען צו ביסעלעך װײַן!

אָט איז אַרויס אַנטקעגן דעם זיידן די באָבע ליבע־לײַע און דער טאַטע אין אַ טאַנץ, און אַלע זינגען שוין „ייִסמעכו, װעיִסמעכו“.

דער טאַטע מיכל איז געװען ניט נאָר אַ הײַנט־װעלטיקער, נאָר אויך אַ קלוגער מענטש. ער האָט אויסגעדריקט די פֿרייד אויף זײַן שטייגער. שוין אויפֿן צװייטן טאָג נאָך דער סימכע איז דער טאַטע מיטן זיידן אַװעק אין היגן װײַן־קעלער, אויסגעקליבן דעם בעסטן װײַן און גענומען דרײַפֿערטל־עמער־פֿלעשער, פֿאַרפּעטשאַטעװעט אין געפֿלאָכטענע קוישלעך. געבראַכט דעם װײַן אַהיים, האָט דער טאַטע געזאָגט:

— אָט די דרײַ פֿלעשער רויטן גיטן זיסן װײַן װעלן מיר איצטער פֿאַרגראָבן, באַהאַלטן בײַ אונדז אין קעלער, און אויסגראָבן און עפֿענען װעלן מיר זיי נאָר צו מאָטלס כאַסענע.

דער זיידע האָט אַ זיפֿץ געטאָן, און בײַ דער מאַמען האָבן שוין געפֿינקלט טרערן.

— װער װייסט, צי איך װעל דערלעבן זײַן כאַסענע, — האָט זי געזאָגט, — ס׳װעלן נאָך גענוג װאַסערן איבערלויפֿן, ביז מיר װעלן אים אויפֿציִען און דערלעבן צו זײַן כאַסענע, — און זי האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.

דער טאַטע מיטן זיידן האָבן אַרײַנגעשטעלט די פֿלעשער אין בלעכענע קיילים, גענומען די לאָפּעטע און זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער אַרײַן. מאָטעלע האָט אַ װיין געטאָן, האָט די מאַמע אים גענומען װיגן:

שלאָף, מײַן קינד, מײַן זון מײַן שיינער,
שלאָף זשע, ליו, ליו, ליו...

גערעכט איז געװען די מאַמע, זי האָט ניט דערלעבט צו מאָטלס כאַסענע.

אין דער צװייטער העלפֿט פֿון די דרײַסיקער יאָרן האָב איך נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אָדעסער פּעדינסטיטוט גאָר אומגעריכט באַקומען אַ שטעלע פֿאַר אַ לערער אין דער ניט פּולער מיטלשול אין מײַן געבורט־שטעטעלע סאָקאָ־לאָװקע. ס׳האָט מיך באַגעגנט דער זעלבער טײַך מיט די לעװאַדעס, די זעלבע װאַסערמיל און אַפֿילע דער זעלבער שליאַך, נאָר אָנגעטאָן אין שטיין. ס׳זײַנען בלויז פֿאַרשװוּנדן דער װײַ־סער קלויסטער מיטן טויבן גאָלעך, דער אַלטער העקדעש און די קלויז, די לעדערװאַרגער, די גווירים און דער שטעטלשער מעלאַמעד מיט

די פינף פאַרזעסענע מיידן. דאָס גאנצע שטעטל איז אין קאָלווירט. א נײַ לעבן האָט גערוישט. און איך האָב זיך געפילט ווי נײַ־געבוירן.

פונעם שטעטעלע טאקע בין איך דערנאָך אוועק אפן פראָנט. מיר האָט אָפּגעגליקט: פּונעם בלוטיקן געראנגל, וואָס האָט זיך געצויגן גאנצע פיר יאָר, בין איך ארויס א לעבעדיקער, אינגאנצן צוויי מאָל פארווונדעט, דערבײַ אפילע קיין קאליקע ניט געבליבן. נאָר פון אונדזער גרויסער מישפּאָכע זײַנען מיר געבליבן איך און מאָטל. ערגעץ אף דער וועלט לעבט נאָך א פלעמעניצע שיינדעלע, דער מומע ריוו׳קעס א טאָכטער.

אין גרויען שינעל, אין זעלנערישע שטיוול האָב איך זיך אומגעקערט אהיים, נאָר פון מײַן סאָקאָלאָווקע איז געבליבן גאנץ נאָר דער טײַך, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פארברענען, און פון די לעוואדעס זײַנען געבליבן געציילטע זקיינים. צו א בוים א קאליקע איז צוגעשלאָגן א ברעטל „יוסטינגראד", כאָטש גוט, וואָס דער נאָמען איז ניט פארגעסן. האָבן טאקע די לערער זיך אײַנגעשפּאנט אין דער ארבעט, איניינעם מיט די קאָלווירטניקעס געהאָרעוועט און כאטע נאָך כאטע, גאס נאָך גאס אופגעשטעלט. גלײַכע, שיינע, קלאָרע הײַזער, פונקט ווי איין מאמע האָט זיי געהאט. נאָר די שול איז נאָך געווען געדעקט מיט שטרוי און זיך געפונען אין צוויי ליים־שטיבלעך.

און אָט זײַנען פאָריבער גאנצע דרײַסיק יאָר נאָך דער מילכאָמע. מײַן שטעטעלע איז שוין ניט צו דערקענען, דער סאָווירט איז דאָ א קרעפטיקער, מיט גרויסע ווארשטאטן, א נײַעם שפּיטאָל, א טעאטער, קינדערגערטנער, א סטאַדיאָן. ערשט איצט איז מען צוגעטראָטן בויען א נײַע פירשטאָקיקע געבײַדע פאר דער מיטל־שול. אין א הייסן יון־טאָג, פונקט ווען בא די לערער איז שניט־צײַט און זיי זײַנען פארוואָרפן מיט ארבעט, ס׳גייען די עקזאמענעס, מיר פירן אונטער דעם סאכאקל פון לערניאָר. און אינמיטנדערינען הערן מיר: עס האָט זיך צעגראָגערט אן עקסקאוואטאָר, אראָפּ פון דער בריק און פארקערעוועט צום גרינעם שעטעך ניט ווײַט פונעם טײַך. אף אָט דעם יאָמטעוו זײַנען געקומען די אָנפירער פון דאָרף, צווישן זיי אויך דער אינזשעניער פון דער בויונג, טאקע אן אונדזעריקער, פונעם שטעטל (זײַן טאטע איז געווען א באָנדער). ס׳האָבן זיך א לאָז געטאָן צום אָרט די לערער און גלאט אײַנוווינער.

די שווערע מאשין שטעקט ארײַן די ברייטע שטאָלענע לאָפּעטע־ציין אין באָדן און רײַסט די ערד, ווי א פארדארטן פידפּאָלעק, פאר איין מאָל נעמט אָן דער טיפער שטאָלענער לעפל א האלבן קובאָמעטער ערד. נאָר אָט האָט א קריץ געטאָן צווישן די ציין עפּעס א פארזשאַווערט בלעך. ס׳האָט א פינקל געטאָן גלאָז קעגן דער זון. דער מאשיניסט איז אראָפּ, צעשארט די ערד מיט די הענט און ארויסגעשלעפּט איינע נאָך דער צווייטער דרײַ גרויסע פלעשער מיט א געדיכטער שווארצער פליסיקײַט. פארכידעשט האָבן אלע געקוקט: וואָס איז דאָס פארא פלעשער? מינאסטאם האָט א פּאָרעץ אָדער א גוויר אמאָל דאָ געהאט א ווײַנקעלער. מיר איז אפילע אפן זינען ניט געקומען, נאָר ווען דער מאשיניסט איז אוועק מיט א פּאָר כעוורע אָפּטראָגן די פלעשער אהיים און ווען עמעצער האָט מיך א רוף געטאָן באם טאטנס נאָמען, האָב איך זיך דערמאָנט: ס׳איז דאָך דעם טאטנס פלעשער!

איך בין אוועק צום מאשיניסט און אויסגעבעטן מיר אומקערן מײַן טאטנס יערושע. ער האָט זיך געקווענקלט, נאָר דערנאָך אײַנגעגאנגען. אין אָוונט האָב איך פארבעטן צו זיך די לערער, פרײַנט, כאווײרים, אויך דעם מאשיניסט פון עקסקאוואטאָר האָב איך פארבעטן.

די געסט האָבן איניינעם מיט מיר אָפּגעמערקט מאָטלס 65־יאָריקן געבורטסטאָג דעם 12 יון 1974 יאָר. איך האָב געשטעלט בראנפן און ווײַן, געטרונקען פאר זײַן ליכטיקן אָנדענק. אָבער יענע דרײַ פלעשער האָבן מיר ניט געטשעפּעט...

איך קוק איצט אף די דרײַ פלעשער ווײַן און דערמאָן זיך, אז איך האָב אמאָל געהאט א טאטן מיכל, וועלכער האָט געלעבט באם ברעג טײַך אין א ליימענעם שטיבל מיט אן אויסגעפליקטן פידאשעק, אונטער א שטרויענעם דאך. איך האָב אמאָל געהאט א מאמע כאנעדווירע, וואָס האָט געבוירן זעקס קינדער, און צווישן זיי דעם ייִדישן דיכטער מאָטל גרוביאן, מײַן ברודער.

ה. בעריאָזקין

האַרץ און וועלט

ווען מע לייגט מיר, לעמאָשל, פאָר אויסצוזוכן אין די אויצרעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג א ליד, א סטראָפע, א בינטל שורעס, וואָס זאָלן אמבוילעטסטן פאַרקערפּערן אין זיך דעם עצם פענאָמען — פּאָעזיע, די ספּעציפיש־געלײַטערטע בילדערישקײַט פון איר שפּראַך, איר באַשטענדיקע נייגונג צום גײַסטלעך־מאָראַלישן, דערהויבענעם, קימאַט סימבאָלישן, וואָלט איך, באַגלײַך מיט די בעסטע מוסטערן פון האָפשטיינען אָדער האַלקינען, געבראַכט אויך אַזאַ מין פערז פון מאָטל גרוביאַן:

צווישן מײַן זײַן
און מײַן ניט ווערן
זוך איך א שטערן
פול מיט שײַן,
וואָס זאָל פאַרלאָשן
ניט ווערן,
ווען איך וועל ניט זײַן...

רײַכקײַט אין לאָשן איז אָן שום סאָפעק א ביז גאָר וויכטיקע מײַלע פון יעטווידן דיכטער. אָבער אין רעשוס פון דער דיכטונג זײַנען פאַראַן אויך אַזוינע פאַלן און סיטואַציעס, וואָס פאַרלאַנגען גראַדע דאָס אויסערלעך פאַרקערטע צו רײַכקײַט — דאָס זאָרגזאַם אָפּגעקליבענע, אַפילע דאָס איבערגעכאַזערטע. און זעט, אַשטייגער, ווי מײַסטערהאַפט „אָרעם" איז גרוביאַן אינעם ציטירטן ליד, ווי שטרענג און באַזיניקט לאָזט ער זיך צו פאַרקישעפן פון עטלעכע געציילטע, איידל און רײַך אינטאָנירטע ווערטערבאַגריפן: זײַן — ווערן — שטערן — שײַן. און ווי דאָס שפּאָרעוודיק־אָפּגעהיטע וואָרט האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם אויסערגעווייִנלעכן ערנסט פונעם געזאָגטן: גרוביאַן רעדט וועגן אַזאַ מין עטישן געפיל, וואָס איז ווערט צו קרוינען א בעמעס־הומאַנישע, נאָבעלע אינדיווידואַליטעט — א געפיל פון פרײַנטלעכער אופגעלייגטקײַט צו אַן איבערגעלאָזטער וועלט, צו א וועלט אָן מיר און נאָך מיר...

אַזוינע אָדער ענלעכע באַטראַכטונגען און געדאַנקען ווירקן בא גרוביאַנען באַזונדערס איבערצײַגעוודיק צוליב דעם, וואָס זיי זײַנען פאַרטרויט א מענטשלעכער עקזיסטענץ מיט א מערקווירדיק שטאַרקן לעבנסווילן און לעבנסדורשט. גרוביאַנס פּאָעזיע איז מאַמעש אָנגעבראַכנעט מיט לעבן, מיט פרײַער, אַלמעכטיקער און ניט באַשיצטער נאַטור־אָרגאַניק, „מיט יוגנט, מיט זון און מיט קראַפט און מיט ראַכוועס". יעטווידע באַגעגעניש פונעם דיכטער מיט אָט דער וועלט פלעגט געבוירן ניט קיין „בייטראַלע" נאַטור־פאַרצייכענונג, נאָר אַן אינערלעך אָנגעשטרענגטע לירישע איבערלעבונג, א שאַרף עמאָציאָנעלע נעשאָמע־געשעעניש: „אַרומגענומען כ'וואָלט זיך איצט מיט דער וועלט און געטאָן זיך א וואַלגער מיט איר אין קאָרן טיפן, פערעלעך טוי זאָלן טריפן, טריפן! און געשמאַק זאָל אין האַרצן אַרײַן מיר דאָס פעלד..."

אין גרוביאַנס לידער האָט „אײַנמיטנדערינען א בוים זיך פאַרכלינעט מיט פרישן רעגן" און עס האָבן זיך מילד צעשײַנט „פרישע בלעטער פון יונגן ווײַנשלבוים", א שלאַנקן הירש, וואָס אײַלט צו „העכסטן באַרג־שפּיץ", לויפט „אַנטקעגן, צעשטערנט", אַן אומענדלעכער הימל; א קליין, צעשטראַלט כמאַרעלע האָט זיך, ווי א לאָשעקל, צעשפּילט אין דער הייך... רײַנקײַט, וואַרעמקײַט, פרישקײַט!

מיט אַלע זיבן כיינען ווינקט אונדז גרוביאַנס א שורע — א ווענדונג צום רײַפן זאַנג: „כ'וועל דיך אַרײַנפלעכטן אין קאָשעקל פון פרוכט, וואָס איך טראָג צו מײַן געליבטער פרוי". ביכלאַל מוז ווערן אָפּגעצייכנט די אומיטלבאַרקײַט פון גרוביאַנס ליבע־לידער, ווו איבערגעגעבנקײַט און טרײַשאַפט גייען באַנאַנד מיט א ווויליונגעריש פאַרשײַטער גרייטקײַט „די גרענעץ פון קלאָרן סייכל אַריבער".

א זעלבסטפאַרטיפטער און ברויזנדיקער ליבעגעפיל, וואָס מאַיאַקאָווסקי האָט אים אַמאָל קוואַליפיצירט אַלס „פרײַען פאַרמעסט מיט דער גאַנצער וועלט", איז בא גרוביאַנען אָפּטמאָל דער גרונט־פאַרמיטלער צווישן אים, דעם פּאָעט, און דעם איבערגעפולטן מיט קאָלערליי וווּנדער און מיט נײַס אומויסשעפּלעכן אַרום. ס'איז א ניט־געטיילטער, אַלגעמיינער אַרום, און ווען דער דיכטער שרײַבט, אַשטייגער: „צו מײַן פענצטער האָט געטראָפן אַזאַ ריינער טראָפן פרילינג", אָדער „אין הימל גייט אוף א פילמאַזלדיקע זונען־קויל", אָדער „מײַן לעבעדיקער, שיינער מאָרגן", איז עס אין א גרויסער מאָס אויך דיקטירט פון ליבע, פון א פרינציפּיעל ניט עגאָיִסטישער קוואָנע טיילן גליק פון דערקענטן און באַוווּנדערטן מיט א צווייטן, מיט א נאָענטן.

בא גרוביאַנען איז דאָ אַן אויסערסט געראָ־
טענע ליד „א פאסטעך אָן א פּײַפל": „א פאסטעך
אָן א פּײַפל, ווּ געזען האָסטו אזא מין פאסטעך?
א פאסטעך אָן לאַפּטשעס, ווּ געזען האָסטו
אזא מין פאסטעך? א פאסטעך אָן א טאָרבע,
ווּ געזען האָסטו אזא מין פאסטעך?"

ס'איז פון יענע לידער גרוביאַנס, וועלכע
ווערן אין דער קריטיק געוויינלעך אָפּגעשאַצט
ווי ווייניק געווינטשענע פאָלקלאָר־סטיליזאַציע.
גרוביאַן איז געווען טראַדיציאָנעל־פאָלקסטימ־
לעך אַף אַזויפיל, אַף וויפל דאָס „ניט קולטי־
ווירטע" פאָלקסליד איז נאָענט צום אורשפּרינג־
לעך־נאַיוון, קינדעריש „ניט־באַהאַווונטן". און
ניט צופעליק זײַנען די באַליבטסטע דיכטער
גרוביאַנס געווען טאַקע די, וואָס האָבן אופגע־
האַלטן און פאַרהיט דאָס פאָלקסטימלעך־פּראָסטע
און באַהעפט עס מיט ראַפינירטער קולטור,
צומאָל מיט הויכן טראַגיזם. גאַרסיאַ לאָרקע,
צום בײַשפּיל, וועמעס פּרעכטיקע שורעס וועגן
דעם האַרץ — אַן „אין ערגעץ פאַרוואָרפן
אינדזל", אָדער וועגן דער לעוואָנע, וואָס גייט
געאַרעמט מיט א ייִנגעלע פון אַנדאַלוזיע, האָבן
עפּשער אומדירעקט, אָבער באַשײַמפּערלעך
זיך אָפּגערופן אין גרוביאַנס פּילצאַליקע האַרץ־
און לעוואָנע־מעטאַפאָרן: „א שטיין איז מײַן
האַרץ אינדערמיט פון טײַך", פאַרליבטע האָבן
„מיט די הענט אַראָפּגענומען די לעוואָנע פון
יעדן פײַכטן בלעטל" אאַוו. ווען איך טרעף בא
גרוביאַנען: „דער שטויב פון שמעטערלינגען
זיצט אַף מײַנע וויִעס", דערמאָן איך זיך כלעב־
ניקאָוון, זײַנע אויסגעמורמלטע שורעס וועגן
זיך, א שמעטערלינג, וואָס לאָזט איבער דעם
„קסאָוו פון זײַן שטויב" אַף די פענצטער פונעם
„מענטשלעכן לעבן".

„א פאסטעך אָן א פּײַפל" איז א ביז גאָר כאַ־
ראַקטעריסטיש ליד בא גרוביאַנען. און ניט נאָר
צוליב דעם פאָלקסטימלעך־נאַיוון כיין און פּאַש־
טעס — צוליב דער דיכטערישער אידיי, וואָס
די „נאַיווע" פאָרם אַנטהאַלט: מע קען ניט, מע
טאָר ניט אוועקנעמען בא דעם פאסטעכל זײַן
פּײַפל און זײַנע לאַפּטשעס; מע טאָר ניט צעגלי־
דערן און „צעשרויפן" דאָס גאַנצע, וואָס איז
בעשום־אויפן ניט קיין מעכאַנישער סכום פון
פּריוואַטע אײַנצלהײַטן אָדער בלוטלאָז־אַב־
סטראַקטע „עלעמענטן", נאָר אַן אָרגאַנישע
אײַנהײַטלעכקײַט, א יאָדערדיקע סטרוקטור, א
באַרופענער צו פולער פאַרווירקלעכונג ניט
באַאוולטער לעבנס־באַשטאַנד און לעבנס־קויעך.
מאָטל גרוביאַן איז קודעמקאָל שטאַרק גע־
ווען אין זײַן שאַפונג מיט דעם ניט קענען און
ניט וועלן „אויסשיילן" הוילע „סאַכאַקלען", מיט
דעם קלאָרן פאַרשטאַנד פון אַלגעמיינער גע־
בונדנקײַט, מיטן טיפן מענטשלעכן אָפּשײַ צו
גאַנצקײַט, וואָס אָן איר שליטע פאַרלירט דעם
מינדסטן באַטײַט יעטווידע איזאָלירט באַטראַכ־
טע לעבנס־ און וועלט־אַנטפּלעקונג.
„ניט די פעל, נאָר דאָס פּיקסעלע א לעבעדיקס
דאַרפן מיר", — פּראָקלאַמירן די מעטאַפאָרן בא
גרוביאַנען זײַן אייגענע אײַנשטעלונג אַף סינ־
טעז, וואָס ווערט אין זײַן גאַנצער מאַמאַשעסדי־
קײַט, אין זײַן פּרײַ צעשפּרייטער לענג און
ברייט, גאָרן צו גאָרן, רינג צו רינג, אָנגעשלאָסן
אַלס אַנטיילנעמער און איידעס צום יאַכידס אינ־
דיווידועלער וועלט: „מעסט אויס די שטילקײַט
און קייפּל זי אַף דער טיפקײַט פון אָט דער
שטערנדיקער נאַכט; נעם אַראָפּ א פּערטל פון
דעם נעפּל, וואָס אומזעבאַר דעם גאָרטן מאַכט;
גיב צו די וואָג פון די עפּל, וואָס האָבן צו דער
ערד אַלע ביימער נאָכן רעגן אָנגעבויגן, און
דערנאָך צעטייל פּאַר אַלע בלעטער מײַנע
טרערן פון די אויגן, — וועסטו באַקומען אין
סאַכאַקל מײַן יונגן, פרישן גאָרטן. כ'האָב הײַנט
געקושט זי דאָרטן".

און ווי זשע אַנדערש, אויב ניט אין דער אַט־
מאָספער פון אַזא מין גאָרטן, דורך אים גע־
שטיצט און געגנערט, האָבן געקענט אַנטשטיין און
זיך אָנגיסן מיט באַצווינגענדיק־עכטער קראַפט
יענע לעבנסבאַשטעטיקנדיקע שטימונגען און מאָ־
טיוון, וואָס זעטיקן גרוביאַנס מאַכשאָוועס אפילע
וועגן דעם אומפאַרמײַדלעכן, טראַגישן, שווערן?
„איך גלייב אין מײַן סאָף ניט, טײַערע, מײַן
אָנהייב דעם סאָף האָט איבערגעלעבט!" — א
לירישע איבערפאַראַזירונג פונעם זעלבן געדאַנק
וועגן נאַטירלעך געשלאָסענעם אַנטוויקלונגס־
פּראָצעס. „כ'וועל שטאַרבן מיט א גוט וואָרט...
און וועל ציטערן פון יענער זײַט לעבן דאָרט
פאַר א טראָפּנדל זון אַף א צווײַגל מיט שניי" —
אַן איידעלע, מיט לײַכטן טרויער שאַטירטע
וועלט־עמפּפינדונג, וואָס א לעבעדיקע דיכטונג
קען זיך ווינטשן. „אייביקײַט! ווער ביסטו? —
א וואָגן פריש געקאָסעט היי, און צו דיר מע
קומט כאַפּן דעם גוטן דרימל?"... ניין, בעסער
אַזוי:

אייביקײַט! שאַנעווע מײַן מי!
מיט פלאַם־פּײַער אַף די ליפּן
בעט איך, עפּשער
דאַרף מען אין מיר
פאַרצערעווען, פּרוּווען,
איז טו דאָס איצט,
בלויז מיט ליכט
און בלויז באַם לעבן.

און ווי א געזעצמעסיק פאַראַלגעמיינערנדי־
קער אויספיר — א צווייט ליד: „נאָר באַם
לעבן, נאָר באַם לעבן שאַלט און וועקט דער
הירשן־האָרן, וואָלקנס גייען, כמאַרעס שווּבן,
קומט א צאַרע, קאָנסטו זי איבערלעבן — נאָר
באַם לעבן, נאָר באַם לעבן!..."

איך דערמאָן זיך מינסק 1934 יאָר. די שטאָט
איז קליין און געמיטלעך־היימיש. מײַן נײַער
פרײַנט, דער ניט לאַנג אָנגעקומענער פון
אוקראַיִנע מאָטל גרוביאַן, וועמענס ערשט ביכעלע
„פון קעלער אַף דער זון" איז נאָרוואָס אַוועק
אין זאַץ, לייענט מיר פרישע לידער און צווישן
אַנדערע — וועגן דעם פרײַצײַטיק פאַרשטאָר־
בענעם דיכטער כאַיִם לאַסקער: „ווען דו וואָלסט
וויסן, א פענצטער וואָלסטו אין שפּיטאָל צע־

בראַכן און ערגעץ אין דער וועלט אַריַין אוועק",
„פאַרוואָס האָט עס דער טויט כאַטש נאָר אַף איינע צען יאָר ניט פאַרשפּעטיקט? עפּשער וועלן שוין מענטשן אינגאַנצן ניט שטאַרבן..."
אין אכט און דרײַסיק יאָר אַרום, אין שפּיטאָל, שוין קימאַט אַף „יענער זײַט לעבן", האָט גרוביאַן פאַרשריבן מיט אַן אומבאַהאָלפן־מאַכטלאָזער האַנט עטלעכע שורות — אַ דערשיטערנדיקן מוסטער פון מענטשלעכן לעבנסווילן: „אַזאַ מין לעבן, מע טראָגט מיר ווירעשטאָף־קישלעך אַ גאַנצע נאַכט, אָבער איך לעב נאָך, מיר דוכט: עפּעס שעפּטשען די ליפּן — איך פּיל, די נאָדל צווינגט צו לעבן, פאַר די אויגן טײַבעלעך ווײַסע שוועבן. דער דאָקטער זאָגט, כ'וועל לעבן, ניט איך וועל, נאָר איך וויל..." ס'איז פּײַנלעך צו לייענען. און גלײַכצײַטיק באַפרײַט עס דעם לייענער פון די אַנגסטן, עס פאַרהאַרטעוועט די ווירדע און דעם שטאָלץ.

יאָ, מאָטל גרוביאַן איז געווען אַ דיכטער פון אַ לעבנסלוסטיקן און לעבנסליבנדיקן טאַלאַנט. אַנומלטן האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ זשעסט, וואָס איז ווערט פאַלסטאַפן: „פאַרן שטאַרבן אַ שמייכל טאָן וועל איך צו דער וועלט מיטן פולן מויל, עס אויסווישן מיטן אַרבל, ווי נאָך אַ גוטן פולן קופל ביר".

ווי באַוווּסט, איז דער גרויסער ביר־טרינקער סער דזשאָן פאַלסטאַף — אַ העלד פון שעקספּירס היסטאָרישע כראָניקעס. יענע „היסטאָרישע כראָניק", וועלכע ס'האָט, צוזאַמען מיט זײַן דאָר, מיטן פאָלק און לאַנד, מיט שווייס און מיט בלוט געשריבן גרוביאַן, ווייסט ניט קיין גלײַכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט, און אירע טראַגישע מערק־צייכנס האָבן זיך, ווי טיפע שראַמען, אַרײַנגעשניטן אין סאַמע לײַב פון גרוביאַנס פּאָעזיע, אין איר אינגעווייד, אין איר האַרצן.

„איך האָב געוואָרט אַף אַ גאָלדענעם האַרבסט—און געטראָפן בלוט אַפן שניי"—איז זיך אין די פופציקער יאָרן מודיע געווען גרוביאַן. וויטעקפולע דערמאָנונגען וועגן „בלוט אַפן שניי" האָבן שוין נאָכגעפאָלגט דעם דיכטער אין סאַמע אָנהייב פון זײַן וועג. שוין אין דער ערשטער זאַמלונג „פון קעלער אַף דער זון" (אַגעוו, באַ אַלע שוואַכקײַטן אירע, אַזוינע, ווי גראַדליניקײַט און פּראָזאַאַרטיקע דערציילערישקײַט, האָט זי געצייכנט אַן אייגנאַרטיקן ליריש־סוזשעטישן גאַנג) האָבן זיך געפלאָכטן פאַרבונדענע מיטן בירגערקריג אין אוקראַינע מאָטיוון אי פון העראָיק, אי פון טראַגיק: דאָס אויסגעמוטשעטע פון ווילדע פּאָגראָמשטשיקעס יידישע שטעטל באַגעגנט מיט פרייד און באַגײַסטערונג די רעטערן — די רויטע אַרמיי.

אין 1940 איז דערשינען גרוביאַנס צווייט ביכל — „ליריק", וואָס איז געווען לעגאַבע זײַן ערשטלינג אַ באַדײַטנדיקער טראַט פאָרויס. דאָ האָט זיך מערקבאַר פאַרשטאַרקט דער שעפעריש־סוביעקטיווער מאָמענט, די אייגנטימלעכע פאַר גרוביאַנען נעטיע צום באַדינגלעך־אַסאָציאַטיוון...

„אַף דער לעוואָנע, וואָס קוקט אין מײַן שויב, טוט זיך אַ שאָטן וויגן. שוין זשע וועט זײַן אַ ליקע־לעוואָנע... ס'וועט אַ מילכאָמע זײַן, דער שאָלעם אַרויסגעפאַלן איז פון וויגל" און „נאַקעט, פאַרבלוטיקט, ער קויקלט זיך אום פון איין גרענעץ צום צווייטן". אַזוינס האָט מאָטל גרוביאַן פריִער ניט געשריבן, און ניט נאָר דערפאַר, וואָס עס האָט זיך אַזוי שאַרף ניט געפילט די סאַקאָנע פון קריג (מיר שפּאַצירן מיט מאָטלען איבער ביאַליסטאָק; די שטאָט איז פאַרפלייצט פון פוילישע פליטים, און אין די אויגן זייערע איז גרויל און פאַרצווייפלונג...), נאָר אויך דערפאַר, וואָס קיינמאָל פריִער האָט גרוביאַן ניט געוווּסט פון אַזאַ מין אויסטערליש־קאַפּריזער פאָרם־שפּיל.

פאַרטיפט און באַרײַכערט פונעם סוביעקטיוון, האָט דער דיכטער אין דער זאַמלונג „ליריק" זיך ניט אָפּגעזאָגט פונעם פאַבולדיקן, סיפּערהאַמײַסעדיקן, און דאָס האָט ווידעראַמאָל זיך אַמערסטן געפילט אין די קינדער־דערמאָנונגען פונעם בירגערקריג.

„דעם ווײַסן אָפּיצער האָט זיך געוואָלט אַ יידיש מיידל פאַר אַ ווײַב, און הייסן זאָל זי ראָכל, איז ער פון שטוב צו שטוב געגאַנגען און האָט דערווײַל די פענצטער געבראָכן"... פּראָזע, עמעסדיקע „געדיכטע" פּראָזע, — וועט איר זאָגן, און איר וועט זײַן פולקאָם גערעכט. כ'וועל זיך אָבער דערלויבן זאָגן אַנדערש: שוישפּיל, טעאַטער. די פיגור פון דער צעיושעטער כײַע־ראָע האָט אין זיך לעצאַנעס און בופאָנאַדע און איז קינסטלעריש מיזאַנסצענירט. מע קאָן עס פאַרשטעלן, שפּילן, ווי אין אַן עכט טעאַטער־שטיק. ס'איז גלײַכצײַטיק סײַ ווירקלעכקײַט, סײַ ספּעקטאַקל — געשטאַלט און איבערגעשטאַלטונג.

ביכלאַל האָט זיך גרוביאַן דער דיכטער געפילט היימיש אין דער אַטמאָספער פון טעאַטער און בינע. אין אַ ליד, געווידמעט אַ יידישן פּאָעט און אַקטיאָר, האָט ער מיט פײַנער רעליעפקײַט און זיכערער אינטויציע פאַרהויבן דעם פאָרהאַנג איבער גאָלדפאַדענס שפּרודלדיקער קאַרנאַוואַלן־וועלט, און מיר האָבן טייקעף דערזען דעם גלאָוונעם קישעפמאַכער, וועלכער וועט „באַלד אַרויסלאָזן די שטערן און די לעוואָנע". אַז דער אוילעם וועט אַזש פון די קיילים אַרויס, מיר האָבן דערפילט האָצמאַכס האַוויַיע, וואָס „באַם האַרץ שנײַדט", דערהערט „די גלעקעלעך פון פורימשפּילער, מיט זילבער געצוימטע", אַאַוו.

דאָ איז טעאַטער — דירעקטע טעמע און שטאָף. נעם איך טעמעס, וואָס לויט דער עצעם „מאַטעריע" זייערער, לויט דעם נאַקעטן אָפּשוידערנדיקן טאָך („בלוט אַף שניי"!) פּאַרדײַען זיי ניט, דאַכט זיך, קיין מינדסטן באַריר פונעם באַדינגלעכן און היפּערטראָפירטן. איז אָבער גרוביאַן אויך דאָ טרײַ זײַן אייגענער סטיליסטיק פון עטוואָס טעאַטראַליזירטער איבערפאַרוואַנדלונג און טראַנספאָרמאַציע. דערבײַ ווערט אַף קיין האָר ניט געפעלשט די היסטאָריש־סאָציאַלע דראַמאַטיק פונעם דערציילטן. פאַרקערט,

זי ווערט קאָנצענטרירט, צוזאמענגעקליבן אין א שטארקער בילדעריש־עמאָציאָנעלער לינזע דורך א ליידנשאפטלעך־פאָרשנדיקן געמיט, וואָס איז קיינמאָל ניט „טעכניק", נאָר איבערלעבונג, קיינמאָל ניט „האנטשריפט", נאָר „הארצשריפט" און „אָטעמשריפט".

איך רייד שוין ניט וועגן אזא ליד, ווי „דאָס געטאָ־קינד", ווו דער פאָרטרעט פונעם גערויידעפטן און געפלאָגטן ייִנגעלע („איין ברעם... זעט אויס, ווי זי וואָלט ערגעץ געלאָפן, די צווייטע, ווי זיין טאטנס פלייצע, אויסגעבויגן, ווען מ׳האָט אים צום אויוון געטריבן") מאכט אן איינדרוק פון דיכטעריש געמעל — און א וואָרט־פאראלעל צו מיכאָעלסעס טראגישן גרים. נאָר אָט איז א דערציילעריש ליד „דער טאַטע" — א שטריך, א שפליטער פון דער ייִדישער פאָלקס־אויסקומעניש און פסיכאָלאָגיע אין צארישן רוסלאנד.

„אפן העמד א זשיליעט, אף דעם זשיליעט א קוצעווייקע, אף דער קוצעווייקע א סערדעט, אונטערן סערדעט א פליושן רעקל אף וואטין, אן אלפאגענע קאָפטע אף סאטין, א פורכאלאט פון ברעזענט..." — א לאנגע און אויספירלעכע רעשימע פון בגאָדים, וואָס דער טאטע האָט אָנגעהורט אף זיך, ווען „אף ביין־האזמאנים זיך געלאָזט"... ניין, ס׳איז ניט קיין עטנאָגראַפיש־שטייגערישער עטיוד און ניט דאָס ווילן זיך איבערנעמען מיט פינקטלעכן וויסן פון קאָלערליי קעגנשטאנדן און זאכן פון א גאנצער וואָך. די בגאָדים־רעשימע, איר גענויקייט איז טראגיש באגרינדעט: „ס׳האָט געמיינט דער טאטע: אין די בגאָדים איז געווינלעך בעסער, טאָמער א מעסער, דערלאנגט ער נישט ביזן סאָף". האָט אים דאָס מעסער יאָ געטראָפן. און ס׳צעוויקלט זיך די צווייטע העלפט פונעם ליד — די זעלבע, אָבער שוין מיט בלוט פארפלעקטע רעשימע: „נישטאָ אפן העמד נישט די קוצעווייקע, נישט דער סערדעט, נישט דאָס פליושן רעקל אף סאטין..." — און נאָר „א מאכנע וואָראָנעס מאכן דעם שניי שווארץ"...

פאָרזיכטיק, טאקטיש, סטארענדיק זיך ניט באליידיקן מיט בעקיוונדיק־פרעטענציעזער „מאניר" דעם שטילן און טויבן שוידער פון דער געשעעניש, ברויכט גרוביאן אויך דאָ אזוינע שפעריש אקטיווע מיטלען פון פורעמען די ווירקלעכקייט, וואָס דער אָפשטאם זייערער איז אויך אינעם פאָלקסטימלעך־טעאטראליזירטן גילגל און מעטאמאָרפאָזע.

און נאָך א ליד, און שוין אינגאנצן פון אן אנדער שניט — די געשריבענע בעשאס דער מילכאָמע „שטרויענע הוט": „כ׳האָב מוירע צו קויפן א שטרויענע הוט, דער סאָף זאָל דערפון זיך א קער טאָן ניט גוט... וואָס טויג זי מיר איצט, די שטרויענע הוט, דער שטאָלענער העלם זיצט אף מיר גוט".

גרוביאן האָט ניט אנערקענט קיין „דרויסנדיקע", אבסטראקטע טעמעס, וואָס זאָלן זיך ניט וואָרצלען אין א פילזייטיק ניואנסירטער אסאָציאציע — אין וואָרט־קאָנטעקסט. די שטרויענע הוט, וועלכע פאסט שוין לאכלוטן ניט דעם הייַנטיקן שלאכטמאן, זיין אנטשלאָסן און געוואגט גיין אין פלאם, איז ארומגערינגלט מיט „שטרויענע" פראָטים־סימבאָלן פון דעם הילפלאָזן ניט קענען ביישטיין אייזן און בראנד: מיט א „שטרויענעם דאך" פון א פארברענטער שטוב, מיט א קנייַלעכל שטרוי „אָן וואָג, אָן געוויכט", וואָס דער פראָסטיקער ווינט טרייבט עס איבערן סטעפ, אאוו.

בא בערטאָלט ברעכטן איז דאָ א ליד „דער רעקוויזיט פון עלענא ווייגעל" (דעם דיכטערס פרוי, א באַרימטע דייטשישע אקטריסע): „ווי דער אגראָנאָם, זייענדיק פראָסע אף א פרווו־פעלד, קלייבט אָפ די וואָגיקע קערנער,... אזוי קלייבט זי אָפ קעגנשטאנדן, וועלכע גייען נאָך אף דער בינע אירע פערסאָנאזשן, — די צינענע לעפל, וואָס די מוטער קוראזש טראָגט אין לאץ פון איר וואטאָווער קורטקע, דער פארטיי־בילעט פון דער גוטפרייַנטלעכער וולאסאָוונע, אָדער די פישנעץ פון א צווייטער, א שפאנישער, מוטער, אָדער אנטיגאָנעס בראָנזענע אורנע, וווהין זי זאמלט דעם אש פון די טויטע..."

גרוביאן האָט אויך גענוצט א שטרענג און צילבאוווסט אָפגעקליבענעם „רעקוויזיט". ווען־ניט־ווען פלעגט עס אויסזען עטוואָס פארעסטעטיזירט: „אין דעם רעכטן קעשענקעלע פון מייַן פראַק פון גרויען אש האָב איך ארייַנגעשטעלט דאָס בלוטיקע בלימל". די איבערגעשטאלטונג, דאָס טוישן די שטרויענע הוט אף א שטאָלענעם העלם טראָגט אף זיך א באשטימטע האשפאָע פון שוישפיל, נאָר באגלייַך דערמיט איז עס רייַך מיט אָביעקטיווער לעבנס־דערקענטעניש, מיט הארבער וואָר.

„די שטרויענע הוט" האָט געעפנט גרוביאנס דריטע לידער־זאמלונג „געזאנג וועגן מוט" (1947). דאָסראָוו לידער אינעם בוך איז געווען געווידמעט דעם קריג, די איבערלעבונגען פון אירן אן אומיטלבארן אָנטיילנעמער, א סאָלדאט, אן איבערגעגעבענעם זון פון זייַן לאנד, וועלכער שלאָגט זיך מעסירעסנעפעשדיק פאר דער פרייַהייַט און פאר דער צוקונפט פון דער סאָוועטישער היים.

אָט איז איינס פון די שטארקסטע מילכאָמע־לידער גרוביאנס — „דאָס טעלערל זאלץ":

אונדז האָט גאָרניט געפעלט,
געהאט מיר האָבן אלץ:
סיי ברויט
און סיי פאטראָנעס —

דאָס עלעמענטאר־נויטווענדיקסטע פאר א קריגער אין שלאכט: ברויט אף שטילן דעם הונגער און וואָפן אף אויספילן די פליכט.

און אין פעלד, אין דער הייד,
ווי א טעלערל זאלץ,
האָט זיך איבערגעקערט
די לעוואָנע.

וואָס איז עס: אָרנאמענט, פייזאזש, שטרעבונג צו מאכן „אָנגענעמער" און „שענער" די אומ־

ראכמאָנעסדיק־הארטע וואָר? ניין, דער מאנגל, די נויט אין זאלץ האָבן אויסגעדיכטעט אזא לעוואָנע און אזא שניי, וואָס סקריפּעט אונטער די שטיוול, און אזא נאכט אין סטעפּ, א שוועבנדיקע, אן אײַזיק־בלויע, א דורכגעשליפענע מיט לעוואָנע, באגנעט און קאלטע קרישטאָליקלעך זאלץ, וואָס פעלן דעם סאָלדאט אין אָקאָפּ „פארן קעסעלע זופּ"... גאנצקײַט פון מאָלערישן און עמאָציאָנעלן קאָלאָריט איז א וויכטיקע, א קאָמפּליצירטע קונסט, און מאָטל גרוביאן האָט זי באהערשט.

אומדערמידלעכע זאָרג צו פארבלײַבן קינסטלער, פּאָעט האָט אים ניט איבערגעלאָזט אין די סאמע ניט־גינסטיקע אומשטענדן, ווען דאָס פײַנלעך־גרויזאמע איז אים געקומען ביז איבערן האלדז, ווײַל „נישטאָ קיין לידער, בין איך נישטאָ". גרוביאן איז פון יענע דיכטער, וועגן וועלכע מע קאָן זאָגן: זיי שרײַבן דאָס ליד אין דער זעלבער מאָס, וואָס דאָס ליד „שרײַבט" זיי, זייערע גויראָלעס, זייער אינערלעכע וועלט.

גרוביאנס מילכאָמע־לידער רעגן מיט א געפיל פון א טיפן און רויִק־נאטירלעכן אינטערנאציאָנאליזם. עס האָט זיך פארגעדענקט דאָס ליד „ארום אָריאָל" — וועגן דער רוסישער פויערטע, וואָס האָט אים, דעם באפרײַער, „באגעגנט מיט א טעלער פיש" און „צו דער שוועל מיט א בראָכע באגלייט". אָדער דאָס ליד וועגן א כאַווער, א טאָטער, וועלכער האָט אים א שווערפארוווּנדעטן ארויסגעטראָגן פון פלאם. אָדער דאָס היסלײַוועסדיק פרימאָרגן־ליד וועגן ווײַסרוסלאנד: „פון אלע דײַנע יאגעדעס ווײַנעןגעשטעלט, מיט אלע דײַנע קרײַטעכצער דעם קאָפּ געצוואָגן, מיט אלע דײַנע דערפעלעך, טײַכן און שטעט דיך באם הארצן געטראָגן".

דאָרט, אין ווײַסרוסלאנד, אין מינסק, האָבן די נאצי־הענקער אומגעבראכט דעם דיכטערס ווײַב און קינד. דאָס אָנגעשריבענע פון גרוביאנען וועגן דעם געהערט צו די סאמע מענטשלעך־און דיכטעריש־באווירקנדיקע זײַטלעך אין דער יִדישער פּאָעטישער מארטיראָלאָגיע — אזויפיל אײַנגעהאלטענער געשריי איז אין דעם, אזויפיל נאָגעניש און ביטערע שטוינונג: „איך האָב פארלוירן א וויג־ליד, א קינד און א ניגן, זיץ איך אף א שטיין מיר אָנגעבויגן. ווי אמאָל פארטאָג דאָס וויגל, הוידעט זיך די גרוב פאר מײַנע אויגן".

אייניקע קריטיקער האָבן אופגעוואָרפן גרוביאנען: ער איז ארכאִיש אין זײַנע „שטעטלדיקע" כורבן־לידער. איך מיין, אז דער דיכטער האָט די טײַנעס ניט פארדינט. דער צום טויט פארורטיילטער יִדישער מאָקעם האָט ארויסגעוויינט דאָס הארץ אין טראדיציאָנעלע קולטורשטייגערישע פאָרמען, און דאָס איז געווען פונקט אזוי געזעצמעסיק, ווי די מערקבארע אקטיוויזירונג פון טראדיציאָנעל־נאציאָנאלע שטימונגען אין דער מילכאָמע־דיכטונג פון אלע סאָוועטישע פעלקער. וויכטיק איז, אז אויך אין די דאָזיקע פאָרמען האָט גרוביאן געשטרעבט צו באטאָנען דעם ווידערשטאנד־ווילן פון די פארורטיילטע: „קאלעניו־קאלע, האלט אײַן דײַן געוויין, פאָלג נאָך, וואָס אין פעלד געטאָן האָט דײַן ליבער, ברעך זיך אָפּ פון דער מיידלשער וואנט, דעם האלדז באם דײַטש בײַס איבער".

דאָס ליד איז אָנגעשריבן אין 1942, אין פעלד, בא דער שײַן פון הארמאטן־פײַער און פון אונטערגעצונדענע רוסישע דערפער. און ווײַל דער אויספרווו איז געווען אזוי אומדערטרעגלעך שווער, דער גרויל — אומויסשעפלעך און דער צאָרן — פלאמיק און אומגעדולדיק, האָט מיט אזא ראכוועסדיקער פאטעטיק ארויסגעהילכט פון גרוביאנס א ליד דער געגארטער, אין טויטקאמף דערוואָרבענער זיג:

מײַן גאָלדענער גלאָק פון ניצאָכן!
איך גיי נאָך דײַן ציטער — אין פעלדער און וועלדער
דײַן ווידערקאָל הערן...
געקניט שטייט דער פײַנט, באזיגט און פארלאָרן,
צעמאָלט און צעבראָכן.
מײַן גאָלדענער גלאָק פון ניצאָכן!

דער דיכטער דערציילט פון זײַן ברודער, וואָס „געהאט האָט אין שלאכטן האצלאָכע... און קויעך געפונען אהיים זיך דערקלײַבן... צום קוואליקן וואסער אין טיפקײַט פון ברונעם, צום אָצעפּ... צום עמער צום פולן אין האנט בא דעם שאָכן..." אזוי, אין אזוינע טיף־אָטעמדיקע שירים־געזאנגען, האָט שווארצמאן גערימט אן אופגעריכטע רעוואָליוציע־וועלט. אזוי פלעגט פינינבערג דערהייבן ביז צעפלאטערטער פײַערלעכקײַט דעם פראָסטן מענטשלעכן אויסקום...

א באדײַטנדיקער צײַט־איבערײַס — גאנצע דרײַ און צוואנציק יאָר! — האָבן דערווײַטערט די פערטע זאמלונג גרוביאנס „אומרויִקער ווינט" (1970) פון זײַן פאָריק בוך. אינצווישן זײַנען ארויס א ביכל „לויט די שפּורן פון קריג" (1947) אין א ווײַסרוסישער איבערזעצונג און די זאמלונגען: „כ'האָב דיך גערופן, לעבן!" (1958), „קוואלן" (1962) און שפּעטער „דאָס שיפל און דער שטראָם" (1967), איבערגעזעצטע אין רוסיש.

אין זײַנע לעצטע ביכער אנטשטייט גרוביאן אין דער גאנצער פילגעפרוווטער מענטשלעכער רײַפקײַט.

רײַפקײַט באזיצט א טײַערע אייגנשאפט צו אומקערן דער פערזענלעכקײַט דאָס פארגאנגענע און דורכגעמאכטע, קעדיי אפדאָסנײַ, מיט נײַער אומיטלבארקײַט, איבערלעבן פארשיידנארטיקע אָנפאנג־זעונגען און אָנפאנג־געפילן. אלנפאלס, מיט גרוביאנען איז עס געשען, און ווען ער דערקלערט: „מײַן דריטע ליד האָב איך פארשריבן אף נײַע ווענט, אף פרישן שטיין. קומט אויך די ערשטע ליד צו גיין" א פארשרײַבענע „אף אן אָנגעשנייטער שויב", — איז עס ניט אזוי א באווײַז פון „היפשן שפערישן ווּקס", ווי ס'האָט זיך אויסגעדאכט איינעם א קריטיקער, ווי א מעטאפאָריזירטער אויסדרוק פון מענטשלעכער רײַפקײַט.

און אָט איז „יוגנט״ — אן אויסגעצייכנט ליד, אן אייגנטימלעכס פאר מאָטל גרוביאנען לויטן טעמפעראמענט און לויט אן אויגנבליקלעכן אופבליץ פון דרייסטע, שיר ניט פאנטאסטישע אײַנפאלן:

כ׳האָב אויסגעטאָן די שיך
און נאָך דײַן שאָטן געלאָפן
טיף אין סטעפּ.
אפן ווינט האָבן געברענט
דײַנע בלאָנדע צעפּ.
איין שוך צו דער לעוואָנע
געטאָן כ׳האָב א וואָרף,
דעם צווייטן צום הילצערנעם
ברונעם אין דאָרף.
ס׳איז פונקט ווי א כאָלעם
יאָגט נאָך א כאָלעם...
אף מײַן ערד איז שאָלעם,
און מיר זײַנען יונג,
און הויך, ביז דער לעוואָנע,
שטייען אין סטעפּ
אונדזערע ווייצענע סטויגן —
מיר ניורען אין זיי די קעפּ.

ס׳איז אן אייגנארטיק מין פּאָעטיש דענקען, געגרינדעט אף דער מעטאפאָר, וואָס גרוביאנס באליבטער גארסיִא לאָרקע האָט עס אמאָל דעפינירט אלס א „קעגנזײַטיקן אויסטויש פון פארשיידענע נאטור־קעגנשטאנדן און נאטור־אידייען״ און עס פארגליכן מיט א „טעאָרעם, ווו מע שפּרינגט אריבער גלײַך פונעם פאָרבאדינג צו די אויספירן״.

בעעמעס, אויב פון דער קינדהײַט האָט זיך פארגעדענקט דאָס אריבערשווימען א טײַכל מיט די קליידער אף די הענט, קאָן מען הײַנט, אין פופציק יאָר ארום, נאָכפאָלגנדיק די מעטאפאָרן־לאָגיק, זיך דערזען א שווימענדיקן מיט דער קינדהײַט, אן אופגעהויבענע איבערן גרײַזן קאָפּ. אויב די יוגנט־דערמאָנונג האָט זיך אף אייביק פארקניפּט מיט דער געשטאלט פון א מיידל, וועט שוין בעמיילע זײַן שעפעריש, פּסיכאָלאָגיש בארעכטיקט דער „קעגנזײַטיקער אויסטויש״ פון א „פיזיש״־קאָנקרעט מיידל־געשטאלט מיט אזא אבסטראקטן באגריף, ווי יוגנט, און „אונדזערע ווייצענע סטויגן״ אין סטעפּ וועלן שוין אין א גלײַכער מאָס געהערן סײַ דעם דיכטער, סײַ דעם מיידל און סײַ דער יוגנט, וואָס איז ניט אנטרונען פונעם דיכטערס איצטיקן געפיל.

עמעס, טיילמאָל פלעגט גרוביאן געשטרויכלט ווערן פון נעפּלהאפטיקײַט, פון מעטושטעשע לעוואָנע־ און כאָלעם־„וויזיעס״, פון אָריגינעלקײַט לעשעם אָריגינעלקײַט, אָבער אין טאָך גענומען איז עס געווען א שעפעריש רײַכע טענדענץ אין מעגלעכקײַטן און פּערספּעקטיוו, א העכסט אינטענסיווע טענדענץ צו אויסמײַדן פלאכע איינדײַטיקײַט און סטאטישקײַט, א טענדענץ צו אופלעבן און באנײַען די פרישקײַט פון דער ערשטער שפּירונג, פונעם ערשטן באריר מיט דער וועלט, וועלכע איז מיט איר גאנצער שאפונגס־קראפט, מיט דער גאנצער אשירעס ארײַנגעצויגן אין דער לײַדנשאפטלעכער איבערלעבונג, אין „קעגנזײַטיקן אויסטויש״.

און נאָך א טענדענץ האָט זיך פילבאר געפעסטיקט אין „אומרויִקן ווינט״ און אין „דאָס אייביקע פײַער״ — די טענדענץ צו אויסברייטערן די טעמאטישע האָריזאָנטן פונעם ליד מיט מאָטיוון פון א פארגאנגענער קולטור־היסטאָרישער סוויווע, מיט א דאנקבארן יוירעש־געפיל בענעגייע פיל און פיל דוירעס פון באלמעלאָכעס, קינסטלער, טרוימער.

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט דאָס ליד, ווו גרוביאן גיט איבער א ריי קאָלאָריטפולע שטריכן פונעם גאָלדפאדען־טעאטער. איך לייען א צווייטע ליד — „וועלוול זבארזשער״. די פיגור פונעם פּאָפּולערן פאָלקס־זינגער איז געשילדערט אין אן איבערפלעכט פון פאָלקסטימלעך־שטייגערישע פארבן און פון שיר ניט נעוויִשער „אזעס״: „אויב גאָט וויל, אז דאפקע איך, וועלוול פון זבארזש, זאָל לידער שרײַבן און זינגען, טאָ זאָל ער... א זאק מיט ציבל און קארטאָפל צו מיר אין שטוב ברענגען...״ איין קורצער איבערגאנג, און דער ייִכעס־פּאָדעם ברענגט גרוביאנען צו מענדעלען: „בא דעם זיידנס מאציייווע... שטיי איך און פלאם, אויסגעצויגן, ווי א ליכט״. און ווײַטער — דורך יאָרצענדליקער דערנידעריקונג, רעדיפעס און קאמף, צום רעוואָליוציע־העלד, צו אָשער שווארצמאנען: „אויב ס׳איז באשערט און אויב כ׳בין עס ווערט — בעט איך מיר שענקען שווארצמאנס פערד״.

בא גרוביאנען איז דאָ א ליד „דער פארקישעפטער שנײַדער״ און א ליד „שאגאל״. איך מיין, אז טאקע גרוביאן מיט זײַן נאטירלעכער נייגונג צום באדינגלעכן, צו „מעשוגאסן״ (זײַנס א באליבט ווערטל) איז געווען גלײַך ווי בארופן פארקירצן די דיסטאנץ צווישן שאָלעם־אלייכעמס טרויעריקן קאָמיזם און שאגאלס ראָמאנטיש־טרוימערישער פאנטאסטיק. אלנפאלס, בא גרוביאנען, אין אזא מין, צום בײַשפּיל, געשטאלט, ווי דער שנײַדער, וואָס נייט א קלייד פון א וואָלקן, טרעפן מיר בוילעטע סימאָנים פון ביידע קינסטלערישע סיסטעמען.

דאָס נאציאָנאלע בא גרוביאנען איז ניט קיין אָפּגעזונדערטע, אין זיך געשלאָסענע ספערע, און אין דעם הינזיכט זעצט ער פאָר די הערלעכסטע טראדיציעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. גרוביאן האָט געהאט גענוג מענטשלעכן פארשטאנד און כוש צו באווײַזן די „כאָדאָקעס״ — רוסישע פויערים, „וואָס האָבן געבראכט אין קרעמל״, לענינען, „זשמיכע — ברויט א זעקל״ „און אויגן פול מיט צאר און אומעט״. אין קאזאן האָט ער זיך טיף פארנייגט פאר דעם אָנדענק פונעם בעקער־ייִנגל אליאָשא פעשקאָוו, וואָס האָט די וועלט „מיט ביכער פארפלייצט״.

אין גרוביאנס לעצטע זאמלונגען האָט זיך היפּש פארברייטערט זײַן דיכטערישע „געאָגראפיע״, אָבער ניט קיין טראפּארעטע רײַזע־נאָטיצן טרעפן מיר דאָ, נאָר פולווערטיקע ליריק

מיט אן אָביעקטיוון אוֹן פאר גרויסע וועלטן צעפראלטן געמעל: „די קאָלסקער ערד ארויס איז מיט א פײַקל באגעגענען די מאטראָסן" פון טוניס און מאראָקאָ, ווו אוראלטע שוואָטים „קאָוועו... פון האס און שטאָל א קאלטע שווערד" קעגן זייערע אונטערדריקער. אין גרוביאנס כידושים־פּאָעזיע האָט זיך אָרגאניש ארײַנגעפאסט דאָס „וווּנדער־וועגעלע" אף דער לעוואָנע, וואָס איז „די ערשטע קרעטשמע פאר אונדזער כאָלעם און פאר דעם אין טויער קלאַפּנדיקן פרימאָרגן..."

וואָס אמאָל בוילעטער, רײַפער און עכטער פלעגט מאָטל גרוביאן אנטשטיין פאר אונדז ווי א בלוטיק־אייגענער שוטעף צו אלע סימכעס און טרויערן אין דער וועלט. און, נעמלעך, אין דעם דאָזיקן קרײַז געפילן און שפּירונגען פון לײַבלעכן שײַכעס צו אלעמענס פריידן און האָפענונגען, סאקאָנעס און דײַגעס האָט גרוביאנס דיכטונג דערגרייכט עפשער די העכסטע מאַדרייגע אירע. דאָ איז ער בעעמעס טראגיש איינעם איינציק פרוכטבארן פארשטיין טראגעדיע אלס אויסדרוק פון די העכסטע מענטשלעכע ווערטן אין זייער קאָנטאקט מיט געשיכטע און אקשאָנעסדיקן געראנגל מיט כוישעך און אומזין.

גרוביאן אלס יִדישער דיכטער טראָגט מיט זיך דעם טראגישן מאָטיוו. „כ'האָב אין הארינגעיאָר מיט מײַן צעשאָסן פאָלק געַנעכטיקט!"; „מײַן האלדז — דער קוימען, דורך וועלכן די נעשאָמעס זײַנען צום הימל געפלויגן"; „אפן קאָפּ א וואגאָן אש פון יִדישע שטעטעלעך, די צעמאָלטע, געברענטע און פארטיליקטע!.." דאָס פארגאנגענע וויל ניט פארשווינדן, און דער איימעדיקער דאָרן־וועג פון זײַן פאָלק דויערט נאָך אינעם דיכטערס הארץ... אָפּהענטיקײַט, פאראָקסיזם, פארגליווערטקײַט? אין קיין שום פאל ניט. פארקערט, דער דיכטער ווארפט אָפּ געזעלשאפטלעכע פאסיווקײַט, אנגסטלעכן וויי און צאר, וואָס שליסן אויער און אויג פאר נײַע פריידן און נײַע געפארן: „כ'וויל שוין מער ניט שלעפן אף מײַנע אקסל קיין פארבלוטיקטן געטאָ־טויער...", „לויף מיר ניט נאָך, פארגאנגענהײַט, מיט געטאָס, גאז־אויוונס און טליִעס; איך ווארט אף מײַן צוקונפט מיט אירע טיול־געוועבן אף די אויגן, נאָר ניט מיט אראָפּגעלאָזטע פײַער־וויִעס!" דער אָנדענק וועגן דער גרויליקער פאָלקס־קאטאסטראָפע און דאָס ניט וועלן פון איר דעמאָראליזירט ווערן ריידן צו אונדז מיט דער זעלבער אינערלעכער קראפט, און דער „דינאמישער גלײַכגעוויכט" זייערער ברענגט ארויס זעונגען און מאָטיוון פון גאָר־גאָר גרויסן באטײַט. אזא זעונג איז, אשטייגער, די אויסגעצייכנטע „קראָ", אויסגעהאלטן אין גרוביאנס געוויינלעכן סימבאָליש־באדינגלעכן (אָבער ניט אלעגאָרישן) נוסעך:

איך זיץ אָפּט נאָך אין יענער שטוב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ,
איך קוק אפן שניי דורך דער שויב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ.
נאָר עס שפרינגט אף אים, זע איך, א קראָ,
די קראָ איז דאָך אלעמאָל דאָ,
זי קען דאָך ניט לעבן אָן רויב
און ווארט אף דער בייזער שאָ.
איך זיץ אָפּט נאָך אין יענער שטוב,
וואָס איז לאנג שוין ניטאָ,
און הער, ווי די צײַט קלאפּט אפן שליאך,
ווי א פערד מיט די טלאָ,
און זאָג צו מײַן מאמען, וואָס איז מער ניטאָ:
מאמע, מע מוז ווידער זײַן וואך!
איך בין ניט קיין פאס ביזן הימל אָן א דנאָ,
גענוג פּאָיען און פּאָיען
די אייביק־פארשאָלטענע קראָ.

„מע מוז ווידער זײַן וואך!" — אָט וועגן וואָס עס האָבן געטײַנעט, געשריִען און געשעפּטשעט גרוביאנס לידער פון דער לעצטער צײַט, געשריבענע „מיט טינט און פעדער", מיט „קויל און מיט קרײַד", „מיט אש, מיט אייל און מיט אָכרע, מיט גאָלד און מיט זילבער", „מיט א בליק צו די וואָלקנס", „מיט א שטרוי פון ווייצן־פעלד", „מיט אלע טײַכן, וואָס פליסן", „מיט וויכער און פלאם", „מיט לעבן און וועלט", מיט „קלאנגען־געמיש פון הימל און ערד". און נאָך — מיט „אין אלע געגנעם־שײַטערס געברענטע פליגל", וואָס שוועבן „איבער דער ערד, ווי אייביקער גײַסט פון אלע דוירעס און צײַטן".

דעם דיכטער האָט שטארק געקימערט די „קרומקײַט" פון דער וועלט, וואָס „טראָגט אלץ נאָך א רעכטן שטיוול אף איר לינקן פוס" (גרוביאנס שוין באקאנטע עקסצענטריק!). אים האָט נאָך מער געקרענקט די פארדעכטיקגעפערלעכע קורצזיכטיקײַט פון יענע, וואָס פּרוּוון „צענעמען" די וועלט, „אזוי ווי אן אלטן כליוו": „האָט איר דען, ראָצכים, אן אנדער וועלט?", „אנדערע טירן און פענצטער, סע זאָל ארײַן דער טאָג?"

אזוי האָט זיך געקניפּט בא גרוביאנען דער ברענענדיק־אקטועלער פּאָליטישער מאָטיוו פון קעגנערשאפט און פאראכטונג צו מאָרד, פאשיזם און מילכאָמע מיט א טיף־לירישן מאָטיוו פון ניט אײַנגעבראָכענער איבערגעגעבנקײַט דעם לעבן און פון פארליבטקײַט אין דער ערד, וואָס איז איין־און־איינציק און האָט ניט אין דער אומוועלט קיין שום פארטרעטערנס אָדער „דובליקאטן".

אזוי האָט ער, מאָטל גרוביאן, פארלאָזט די וועלט — ליבנדיק ביז ווײ דעם „מיטאמאָל אין וואלד אנטפלעקטן פרילינג", „פון ערשטע פייגל דעם געשריי" און בענטשנדיק „א שטערן פול מיט שײַן", וועלכער וועט „פארלאָשן ניט ווערן" פאר נײַע און נײַע מענטשלעכע דוירעס.

■ ■ ■

אוראַן גוראַלניק
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

די מוזע פון פלאַמיקער סאַטירע

(צום 150־טן געבורטסטאָג פון מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרין)

קיין איין גרויסער רוסישער שרײַבער פון דער פאַרגאנגענהײַט האָט, מאַשמאָעס, ניט געהאט אזא באַדײַטנדיקע ווירקונג אַף דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור, ווי מיכאַיִל יעווגראַפאָוויטש סאַלטיקאָוו־שטשעדרין (1826—1889). און אין דעם איז פאַראַן איר באַשײַמפּערלעכע לאָגיק. דער אווטאָר פון די „גובערניִאַלע פאַרצײכענונגען" און פון דער „געשיכטע פון איינער א שטאָט", פון „די הערן גאָלאָוולִיאָוווס" און „הײַנטצײַטיקער אידיליע", פון „מײַסעלעך" און „קלײניקײַטן פון לעבן", — ווערק, וואָס געהערן צו די הייכן פון דער קונסט פונעם קריטישן רעאַליזם, איז געווען א קינסטלער א סאַטיריקער. בא דער גאַנצער אייגנאַרטיקײַט פונעם שרײַבערס אינדיווידועלן געשטאַלט, פון דער אידייִש־עסטעטישער עוואָלוציע, ספּעציפישקײַט פון דער פּאָעטיק, האָט שטשעדרינס שאַפונג באַטײַט א גאַנצן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער קינסטלערישער קולטור — ניט נאָר פון דער רוסישער.

ס'איז פאַראַן, זעט אויס, איר אָביעקטיווע לאָגיק אין דעם, וואָס די נײַע רוסישע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן אין טאָך פון די סאַטירעס פון קאַנטעמירן, א פּאָעט, וואָס האָט געלעבט אין דער עפּאָכע פון פּיאָטערס גראַנדיעזע רעפאָרמעס. נאָך אים באַווײַזן זיך אין XVIII—XIX יאָרהונדערטער די רומפולע נעמען פון פאָנוויזין און קרילאָוו, גריבאָיעדאָוו און גאָגאָל, שטשעדרין און סוכאָווא־קאָבילין, לעסקאָוו און טשעכאָוו — שרײַבער, וואָס האָבן געמאַכט א קאָלאָסאַלן בײַטראָג אין דער קונסט פון רעאַליסטישער סאַטירע.

אַן אַנאַלאָגישער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אויך אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, האָט זיך פאָרמירט און צעבליט זיך — און לאַכלוטן ניט צופעליק — אַף דער רוסישער ערד. פון עטינגערס ערשטע נאַיווע מעשאָלים און ביז לינעצקיס „דאָס פּוילישע יינגל", פון מענדעלעס קלאַסישע ראָמאַנען און ביז שאָלעם־אַלייכעמס נאָוועליסטישע ציקלען, וואָס זײַנען צעמענטירט מיט אַן אײנהײַטלעכן פאַרטראַכט, — גייט די דאָזיקע ליניע פון אָנזאַמלען סאַטיריש „זאַלץ". ס'צעברענט זיך דאָס פײַער פון סאַטירישן צאָרן. אין די בעסערע ווערק פון די דעמאָקראַטישע שרײַבער — מאַסקילים און הומאַניסטן געפינען זייער אויסדרוק די געדאַנקען־וועלט, האָפענונגען און טרוימען פונעם ייִדישן פאָלק, זײַן האַס צו די אונטערדריקער — „אייגענע" און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, דאָס גלויבן אין דער צוקונפט.

מיר האָבן רעכט זיך גרויסן מיט דעם, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער פאָן פון רעאַליסטישער סאַטירע, ווײַל גופא אין דעם דאָזיקן פאַקט ווערט אָפּגעשפּיגלט דאָס גײַסטיקע געזונט, די פײיִקײַט צו זעלבסטפאַרפולקומונג, די שטרעבונג צו הויכע זיטלעכע אידעאַלן. ווי קאָן מען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ניט דערמאָנען וויסאַריאָן בעלינסקיס קלוגע ווערטער! דער גרויסער קריטיקער — רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַט האָט געשריבן: „וואָס שטאַרקער דער מענטש איז, אַלץ העכער איז ער מאָראַליש, אַלץ דרייסטער קוקט ער אַף

זײַנע שוואכע זײַטן און כעסרוינעס. נאָך מער
קאָן מען דאָס זאָגן וועגן פעלקער, וואָס לעבן
ניט קיין מענטשלעכן עלטער, נאָר גאנצע יאָרהונ־
דערטער. א שוואך פאָלק, א נישטיקס אָדער א
פארעלטערטס, וואָס האָט זיך שוין אויסגעלעבט
זײַן לעבן און קאָן שוין ניט גיין פאָרויס, אזא
פאָלק האָט ליב בלויז זיך לויבן און מער פון
אַלץ האָט עס מוירע א קוק צו טאָן אף זײַנע
ווונדן: עס ווייסט, אז פון זיי קאָן מען שטארבן,
אז זײַן ווירקלעכקײַט איז ניט בעקויעך׳ איט
קיין שום פרייד פארשאפן און אז בלויז מיטן
נארן זיך גופע קאָן עס געפינען יענע געפעלש־
טע טרייסט, צו וועלכער ס׳זײַנען אזוי גיריק
שוואכלינגען און צעבראָכענע שארבנס... ניט
אזא דארף זײַן א פאָלק א גרויס׳, וואָס איז פול
מיט לעבן און קויעך: דאָס אנערקענען זײַנע
כעסרוינעס פירט ניט צו קיין אנטוישונג און צו
א צווייפל אין זײַנע קויכעס, פארקערט, עס גיט
אים צו נײַע קויכעס, באפליגלט אים אף נײַער טעָ־
טיקײַט. אָט פארוואָס אונדזער ערשטער וועלט־
לעכער שרײַבער איז געווען א סאטיריקער, און
פון זײַן גרינגער האנט איז די סאטירע שטענ־
דיק געגאנגען געארעמט מיט אנדערע מינים
ליטעראטור”[1].

די דאָזיקע ווערטער פונעם „פלאמיקן ווי־
סאריאָן” קאָן מען, לויט אונדזער מיינונג, מיט
פולער רעכט באנוצן אויך בענעגייע דער ייִדי־
שער קלאסישער ליטעראטור, וואָס אירע סאטי־
ריש־קריטישע טראדיציעס פלעכטן זיך אפן
ענגסטן אויפן איבער מיט די טראדיציעס פון
דער וועלט־ליטעראטור, און אין דער ערשטער
ריי מיט דער רוסישער. לייענענדיק בעלינסקין,
קומט אפן זינען שאָלעם־אַלייכעמס „שאָמערס
מישפעט”: דער שרײַבער־דעמאָקראט האָט
שארף און אומקאָמפּראָמיסלעך פארורטיילט
שאָמערן, וועלכער האָט געשאָטן מיט בולוואר־
לייענעכץ, פארורטיילט אים דערפאר, וואָס
יענער האָט מיט זײַנע ווערק אָפּגעווענדט דעם
לייענער פון די פּראָבלעמען פון דער ווירקלעכ־
קײַט, געצוווּנגען אים שאָלעם מאכן מיט די
כעסרוינעס און שרײַענדיקע ווידערשפּרוכן פון
דער סאָציאַלער סוויווע, דערצויגן בא אים א
געשמאַק צו פאסיווער „פארווײַלערישקײַט”.
און פארקערט, די שאפונג פון שאָלעם־אַלייכע־
מען גופע, ווי אויך פון מענדעלע מויכער־ספאָ־
רים און פון אנדערע עכטע ייִדישע קינסטלער,
האָט אָביעקטיוו געדינט די נאציאָנאַל־באפרײַע־
רישע צילן, דערצויגן א ניכטער־קריטישן קוק
אף דער וועלט, געשטויסן צו אקטיווער טעטי־
קײַט, געוועקט פּראָטעסט.

ס׳וועט ניט זײַן קיין גוזמע, אויב מיר וועלן
זאָגן, אז סאלטיקאָוו־שטשעדרין געהערט — נאָך
גאָגאָלן — צו די סאמע ווירקזאמע רוסישע פּראָ־
גרעסיווע קינסטלער פון וואָרט, וועלכע האָבן
א גרויסן כיילעק אין דער אנטשטייוּנג און אנט־
וויקלונג פון דער ייִדישער נאציאָנאַלער קינסט־
לערישער קולטור אף איינעם פון די איבער־

[1] В. Г. Белинский. ПСС, т. X, 1956, стр. 249—250.

בראָך־עטאפּן אין איר געשיכטע (פאריינס וועלן
מיר אָפּמערקן, אז דאָס זעלבע זאָגן, מיט פונקט
אזא גרונט דערצו, וועגן זייערע ליטעראטורן
אויך די פאָרשער פון דער אוקראַיִנישער, ווײַס־
רוסישער, אזערבײַדזשאנער און אנדערע ליטע־
ראטורן פון די פעלקער פון פססר).

ס׳וואָלט מיסטאם קעדײַ געווען דורכפירן
ספּעציִעלע פאָרשונגען, געווידמעט דער דאָזי־
קער וויכטיקער פּראָבלעם: זיי וואָלטן אף א
נײַעם אויפן באלויכטן פארשיידענע זײַטן סײַ
פונעם אידייִשן אינהאלט, סײַ פון דער פּאָע־
טיק פון מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען, טייל־
ווײַז פון פּערעצן. אָבער אויך איצט פארמאָגן
מיר אין אונדזער רעשוס גענוג איבערצײַגעװ־
דיקן מאטעריאַל, וועלכער דערלויבט מיטן פולן
מויל באהויפּטן: דער אידייִש־שעפערישער
איבערוף פון די קאָריפייען פון דער ייִדישער
קלאסישער ליטעראטור מיטן גיגאנט פון דער
רוסישער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער סאַ־
טירע סאלטיקאָוו־שטשעדרין איז א רעאלער
פאקט.

די דאָזיקע קרויוועשאפט דערקלערט זיך מיט
א גאנצן קאָמפּלעקס פון סיבעס — היסטאָרישע,
סאָציאַלע, עסטעטישע. אזוי, צום בײַשפּיל, איז
די ייִדישע ליטעראטור, ווי אויך די רוסישע ביז
דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, געווען פאר־
קלעמט אין די אײַזערנע צוואנגען פון דער אָפי־
ציִעלער צענזור, מעלוכישער און רעליגיִעזער.
דער דאָזיקער קאמף איינס אף איינס מיט דער
צענזור איז געווען ווײַט ניט קיין קליינער פאק־
טאָר, וואָס האָט געצוווּנגען די קינסטלער־רעאַ־
ליסטן פון דער קריטישער ריכטונג זיך ווענדן
צו עזאָפּישע פאָרמען און אויפאנים פון אויס־
דריקן דעם געדאנק. א גרויסע קונסט, א דער־
פינדערישע מײַסטערשאפט האָט זיך געפאָדערט,
קעדיי צו פארקערפערן אין געשטאלטן דעם
פאָלקס־פּראָטעסט קעגן די באדינגונגען פון סאָ־
ציִאלער עקזיסטענץ, וואָס פארקריפּלען דעם
מענטשן, קעגן די פארעלטערטע מאָראלישע
נאָרמעס, קעגן מינהאָגים און זיטן, וואָס פאר־
האמעוועו די שעפערישע איניציאַטיוו. גוט האָט
געזאָגט וועגן דעם דאָזיקן איניען דער קריטי־
קער־באָלשעוויק, לעבינס נאָענטער מיטקעמפער
אנאטאָלי וואסיליעוויטש לונאטשארסקי: „אָפן
לאכן טאָר מען דאָך ניט, די זאכן טאָר מען דאָך
ניט אָנרופן דירעקט מיט זייערע נעמען, מע
האָט דאָך געדארפט אָנטאָן אף די אידייען א
מאסקע. אָבער אן אידיי אין א מאסקע — דאָס
איז איינע פון די העכסטע קונסט־פאָרמען.
גראָד דאָס, וואָס זײַן דינסטן און גיפּטיקסטן
אנאליז פון דער רוסישער געזעלשאפטלעכקײַט
און מעלוכעשאפט האָט שטשעדרין געקענט
ווירטואָז אָנטאָן אין קונציקע מאסקעס, האָט אים
געראטעוועט פון דער צענזור און געמאכט אים
פאר א ווירטואָז פון דער קינסטלעריש־סאטי־
רישער פאָרם”[1].

בא שטשעדרינען האָבן זיך געלערנט די

[1] А. В. Луначарский. Собр. соч. в 8 тт., т. 1, 1963, стр. 280.

קונסט פון „אַנטאָן מאסקעס״ די באַרימטע ייִדישע שרײַבער — קריטישע רעאליסטן. לאָמיר דאָ ניט באַרירן די טעמע „לינעצקי און שטשעדרין״, זי נייטיקט זיך נאָך אין א ספּעציעלער פאָרשונג. נאָר בוכשטעבלעך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקן זיך די פאַקטן, וויאַזוי דער „זיידע״ פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט באַוווּסטזיניק אויסגענוצט שטשעדרינס קינסטלערישע דערפינדונגען. ס׳איז גענוג אָנצורופן כאָטשבי מענדעלעס „קליאַטשע״, זײַן פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פון גלופּסק, אַנדערע געשטאַלטן, וואָס רופן זיך איבער מיט שטשעדרינס „קאָניאַגאַ״, מיט גלופּאָוו („געשיכטע פון איינער א שטאָט״). אַנדערע שטשעדרינישע טענער קלינגען אויך אין דער וווּנדערלעכער דערציילונג „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי״.

וואָס איז שײַעך שאָלעם־אַלייכעמען, האָט ער אַליין פיל מאָל עפנטלעך און דעמאָנסטראַטיוו מודיע געווען, אַז ער באַציט זיך מיט גרויס אָפּשײַ צו שטשעדרינס קינסטלערישן מעטאָד.

„סע געפעלט מיר, — לייענען מיר אין שאָלעם־אַלייכעמס א בריוו צו לינעצקין (1888 יאָר), — די פאָרטרעטן אַפן היינישן אויפן און די פאָלקס־שפּראַך אַפן שטשעדרינישן״. אינעם אַרטיקל וועגן לינעצקין רופט זיך שאָלעם־אַלייכעם פּאָזיטיוו אָפּ וועגן דער קינסטלערישער מאַניר פון סאַטירישער היפּערבאָליזאַציע אין שטשעדרינס שאַפונג. שאָלעם־אַלייכעם גופא האָט מיט דערפאָלג זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער מאַניר אין זײַן סאַטירע. די ווירקונג פונעם רוסישן מיטברודער האָט זיך אָפּגערופן אויך אין די באַזונדערקײַטן פון דער טיפּיזאַציע. „נאָך שטשעדרינען, וואָס האָט געשאַפן די שטאָט גלופּאָוו, האָט שאָלעם־אַלייכעם, — מערקט ריכטיק אָפּ דער ליטעראַטור־פאָרשער ה. רעמעניק, — געשאַפן פּונקט אַזאַ פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פונעם ייִדישן פּאַטריאַרכאַלן שטעטל (מאַזעפּעווקע, קאַסרילעווקע) און פון דער הײַנטצײַטיקער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט (יעהופּעץ). עס איז אויך פאַראַן א באַשטימטע קרויווּעשאַפט אין דער זשאַנער־סטרוקטור באַם רוסישן און ייִדישן שרײַבער. עס האַנדלט זיך וועגן דעם אויפן פון שאַפן א ציקל פאַרצייכענונגען און דערציילונגען, וועלכע זײַנען צווישן זיך געבונדן מיט דער טעמע, ווי אויך אידייִש־פּסיכאָלאָגיש. ווי באַוווּסט, איז אַזאַ זשאַנער־סטרוקטור כאַראַקטעריסטיש קימאַט פאַר אַלע שטשעדרינס פּראָזע־ווערק, אָנהייבנדיק פון „גובערנסקיִע אָטשערקי״...

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די ייִדישע בירגערלעכע ליטעראַטור־קריטיק, וואָס טרעט אַרויס קעגן רעאַליזם און פאָלקסטימלעכקײַט פון דער ייִדישער ליטעראַטור און שטרעבט צו פאַרטויבן איר קריטישן פּאַטאָס, איז מיט א באַזונדער פלײַס אַרויס אין א שלאַכט גראָד קעגן דער סאַטירע. וויפל גיפטיקע פײַלן זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרייגנט און אַנטוויקלט אַף דער נאַציאָנאַלער באַזע די בעסטע טראַדיציעס פון דער שטשעדרינישער סאַטירע! אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט נאָך אין סאָף פון די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט די רעאַקציאָנערע בורזשואַזע ייִדישע פּרעסע באַשולדיקט די דעמאָקראַטישע ליטעראַטור... אין יודאָפאָביע, אַף דעם סמאַך, זעט איר, וואָס די ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער סענטימענטאַל־אידילישער פּאָעטיזירונג פונעם אָפּגעלעבטן „ייִדישן״ שטייגער און זי לאַכט אומבעראַכמאָנסדיק אויס די „אייגענע״ אונטערדריקער און בלוטזויגער.

באַשולדיקנדיק שאָלעם־אַלייכעמען אין נאַציאָנאַלן ניהיליזם, צושרײַבנדיק אים אַלע מעגלעכע זינד, האָט איינער פון די דעמלטיקע אײַנפלוסרײַכע קריטיקער מיט א פאַרביסענער איראָניע געשריבן: „אין קיִעוו איז דאָ א געוויסער שאָלעם־אַלייכעם... וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אײַנצורעדן בעמעס, אַז ער איז א גרויסער מעכאַבער. ער האָט געהערט זאָגנדיק, אַז באַ זיי ביניהם (בענייהעם) איז עפּעס געווען א גאָגאָל, א שטשעדרין אדגל..., האָט ער אָנגעהויבן זיך אויך אַרײַנצורעכענען צווישן די גרויסע סאַטיריקער״.

די הײַנטצײַטיקע רעאַקציאָנערן פון דער ליטעראַטור וואַגן ניט אַזוי אָפן און כוצפּעדיק ריידן וועגן דעם פאָלקס־שרײַבער. נאָר אין אייניקע זייערע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער ספּעציפיק און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער ייִדישער קינסטלערישער קולטור הערן זיך יענע אַמאָליקע טענער. די צײַט האָט זיי, זעט אויס, ווייניק אָנגעלערנט...

אַזוי־אַרום, פאַרדינט די טעמע „שטשעדרין און די ייִדישע ליטעראַטור״ די סאַמע ערנסטע אויפמערקזאַמקײַט. זי בלײַבט ביז הײַנטיקן טאָג אַקטועל אין פיל אַספּעקטן. צום געזאָגטן וועלן מיר צוגעבן, אַז דער גרויסער רוסישער שרײַבער, וועלכער איז אינאיינעם מיט נעקראַסאָוון געשטאַנען בעראָש פון דער רעדאַקציע פונעם פּאָרגעשריטענעם אָרגאַן פון דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראַטיע „אָטעטשעסטווענניִע זאַפּיסקי״, האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס און מיטגעפיל צו די ייִדישע מאַסן אין רוסלאַנד. ער האָט טעטיק אונטערגעהאַלטן יענע ליטעראַטן, קינסטלער און פּובליציסטן, וועלכע האָבן אין זייערע ווערק דערציילט דעם עמעס וועגן דער שוידערלעכער לאַגע פונעם ייִדישן פאָלק באַם צאַרישן רעזשים. צווישן אַנדערע, האָט ער גענומען אַן אָנטייל אינעם פּובליקירן באָגראָווס „זאַפּיסקי יעווריִא״. אין סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס עפּיסטאָליאַרישער יערושע, אינעם רעדאַקציאָנעלן אַרכיוו פון די „אָטעטשעסטווענניִע זאַפּיסקי״ קאָן מען געפינען דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן, אַז אין אַן אַטמאָספער פון צעיושעטן אַנטיסעמיטיזם און פון דער פּאָגראָם־פּאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג איז סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, באַנאַנד מיט די אַנדערע בעסטע זין פונעם רוסישן פאָלק, געשטאַנען אַף דער זײַט פון די גערוידעפטע און פאַרפאָלגטע.

שטשעדרין איז געווען א שרײַבער־אינטערנאציאָנאליסט, אן עכטער פאטריאָט פון זײַן פילגעליטענעם היימלאנד. „איך האָב ליב רוסלאנד מיטן גאנצן הארצן און קאָן זיך אפילע ניט פאָרשטעלן, איך זאָל זײַן ערגעץ אויסער רוסלאנד", — האָט ער געשריבן. די ליבע צום אייגענעם פאָלק און צום אייגענעם לאנד האָט צוגעגעבן קויעך דעם סאטיריקער, וועמענס שאפונג איז געווען אן עמעסער העלדנטאט צוליבן טריומף פון די אידעאלן פון פרײַהײַט, גלײַכהײַט, ברידערשאפט צווישן מענטשן. די אופווירקונגס־קראפט פון דער שטשעדרינישער סאטירע, די קלעפּ, וואָס ער האָט דערלאנגט די סאָנים פונעם פראָגרעס, די ראָל פון זײַן שאפונג אינעם קאמף קעגן אלערליי דערשײַנונגען פון רעאקציע — דאָס אלץ איז א רעזולטאט פון דער ענגסטער פארבינדונג פונעם קינסטלער מיט דער רעוואָליוציאָנער־באפרײַערישער באוועגונג.

א זון פון א רײַכער און קאפריזער גוטבאזיצערן און לײַבייגנטימערן, א דערצויגלינג פונעם צארסקאָסעלסקער ליציי, האָט סאלטיקאָוו (שטשעדרין איז זײַן ליטעראַרישער פסעוודאָנים) פרי פארבונדן זײַן גוירל מיט די „דערנידעריקטע און באליידיקטע". אין די 40־ער יאָרן איז ער פאר אָנטיילנעמען אין א קרײַזל פון סאָציאליסטן־אוטאָפּיסטן, לויטן „פּעטראשעווסקי־איניען", פארמישפּעט געוואָרן צו אכט יאָר פארשיקונג. אין דער עפּאָכע פונעם רעוואָליוציאָנערן אופשטײַג פון די 60־ער יאָרן ווערט סאלטיקאָוו־שטשעדרין, וואָס האָט צו יענער צײַט שוין דערגרייכט אן אָנגעזעענע לאגע לויט דער אמטלעכער ליניע, איינער פון די אקטיווסטע מיטארבעטער פון טשערנישעווסקיס און דאָבראָליובאָווס קאמפּס־זשורנאל „סאָווּרעמעניק", וועלכער האָט גערופן צו ענדערן אף א רעוואָליוציאָנערן אויפן די סאָציאלע אָרדענונג אין רוסלאנד. אלס שרײַבער איז שטשעדרין דורכגעגאנגען בעלינסקיס שול, ער האָט זיך אנטוויקלט אונטער דער אידייִש־שעפערישער ווירקונג פון די פירער פון דער רעוואָליוציאָנערער דעמאָקראטיע.

נאָך דאָבראָליובאָווס טויט און טשערנישעווסקיס ארעסט האַלט שטשעדרין איינייִנעם מיט נעקראסאָוון — אין די באדינגונגען פון דער אכזאָריעסדיקסטער פּאָליטישער רעאקציע — הויך די פאָן פון דער פאָלקס־באפרײַערישער באוועגונג. מיטן גײַסט פון סינע צו אלע פאָרמען פון אונטערדריקונג אָטעמט יעדע שורע, וואָס שטשעדרין האָט אָנגעשריבן אין יענע הארבע יאָרן. גוואלדיק גרויס איז געווען די רעוואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג אף דער יוגנט פונעם פּובליציסטישן וואָרט, פון די פײַערדיקע ארטיקלען, פּאמפלעטן, דערציילונגען פונעם באַרימטן סאטיריקער. אפילע די געשוווירענע סאָנים פון דער דעמאָקראטיע זײַנען געצווּנגען געווען זיך רעכענען מיט שטשעדרינס אוטאָריטעט.

אין סאָף פון די 60־ער יאָרן, אין די 70־ער און 80־ער יאָרן פארבלײַבט שטשעדרין, דאָן שוין א שווער־קראנקער, אן אויסגעמאטערטער פון די אומופהערלעכע צוזאמענשטויסן מיט די צענזאָרן־יעזויטן, אין דער ריי פון די שרײַבער־קעמפער און צעשיידט זיך ניט אף קיין איין מינוט מיט דער פען — מיט זײַן שארף געווער. אין 1869 דערשײַנט אין א באזונדער אויסגאבע זײַן ווערק „צײַט־סימאָנים", אין 1869—1870 דרוקט ער די באַרימטע „געשיכטע פון איינער א שטאָט" — א פארניכטנדיקע סאטירע אף דער רוסלענדישער זעלבסטהערשונג און אף אירע פאָראָנדקעס. אין 1869—1872 באווײַזט זיך דער ציקל „די הערן טאשקענטצעס". אין 1874 פארענדיקט דער שרײַבער דעם בוך „פּאָמפּאדורן און פּאָמפּאדורשעס". אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט שטשעדרין פארעפנטלעכט זײַן גענ־אלן ראָמאן „די הערן גאָלאָווליאָווס", ווי אויך די „פריצישע מעלאָדיעס", „די באהעלטעניש מאָנרעפּאָ", „א קײַלעכיק יאָר", „אין אויסלאנד", „א הײַנטצײַטיקע אידיליע", „בונטע בריוו", „מײַסעלעך" און, ענדלעך, דאָס אוטאָביאָגראפישע ווערק „דאָס פּאָשעכאָנישע אלטערטום", וואָס ווערט דערמאָנט בא שאָלעם־אלייכעמען אין „פונעם יאריד".

די גרונטלייגער פונעם וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם מארקס און ענגעלס האָבן הויך געשאצט דעם רוסישן סאטיריקער, געלייענט אין אָריגינאל אייניקע זײַנע ווערק, געמאכט פארנאָטירונגען פון זײַנע ביכער. דער רוסישער פּראָלעטאריאט, וואָס האָט אין יענע יאָרן אופגעוואקסט צום באוווּסטזיניקן קלאסן־קאמף, האָט געפונען אין שטשעדרינען זײַנעם א פארבינדעטן און פרײַנט. זיך דערוווּסט וועגן טויט פונעם פאָלקס־שרײַבער, האָבן די ארבעטער פון טיפליס געשריבן: „מיכאיל יעווגראפאָוויטשעס טויט האָט ארויסגערופן א טרויער בא אלע די, וואָס ווינטשן אופריכטיק גליק דעם היימלאנד. אין זײַן פּערזאָן האָט רוסלאנד פארלאָרן איינעם פון די בעסטע, ערלעכע און ענערגישע פארטיידיקער פון עמעס און פרײַהײַט, א קעמפער קעגן רישעס, וואָס ער האָט דעם מיט זײַן שטארקן סייכל און וואָרט דערלאנגט קלעפּ אין סאמע וואָרצל... מיר, ארבעטער, האָבן אים ליב געהאט און געשעצט".

אין לענינס גענ־אלער פּובליציסטיק האָבן די געשטאלטן, וואָס דער סאטיריקער האָט געשאפן, ווידער אופגעלעבט מיט א נײַ אקטיוו לעבן. איליטש האָט אומדערמידלעך גערופן די באָלשעוויקעס־ליטעראטן, זיי זאָלן דערמאָנען, ציטירן און אויסטײַטשן שטשעדרינען. קעמפנדיק מיט די אידעאָלאָגן פון דער רוסישער בורזשואזיע, וועלכע האָבן פּאכדאָנעסדיק צוגעדעקט זייערע רויבערישע אינטערעסן מיט א צווּיִעסדיקער מאסקע פון קעמפער פאר „פּראָגרעס", האָט לענין דערמאָנט די אומבאראכמאָנעסדיקע פּאָרמול, מיט וועלכער שטשעדרין האָט געשטעמפּלט די ליבעראלן, וואָס האָבן געהאנדלט „צופּאסנדיק זיך צו נידערטרעכטיקײַט". נאָך ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט

לענין אויסגענוצט דאָס געשטאלט, וואָס דער סאָטיריקער האָט געשאפן אין „די הערן גאָלאָווליאָווס”, אָנרופנדיק דעם רענעגאט טראָצקי „איודושקא טראָצקי”. שטשעדרינס סאטירע האָט געהאָלפן אונדזער פארטיי ארויספירן אף דער ליכטיקער שײַן די פײַנט, וואָס פלעגן מאסקירן מיט בוימלדיקע פראזן זייער האס צום פאָלק, זייער שרעק פאר רעוואָליוציאָנערע שריט.

שטשעדרין איז טײַער די סאָוועטישע מענטשן. ער איז מיט אונדז אין קאמף קעגן דער מענטשנפרעסערישער פראָפאגאנדע פון מילכאָמע, ראסעווע און נאציאָנאלע רײַסערײַען. קיינער האָט, דאכט זיך, אזוי אומבעראכמאָנעסדיק ניט דעמאסקירט דעם אנטיפאָלקישן טאָך פון דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, ווי דער רוסישער סאטיריקער, דער אווטאָר פונעם בארימטן ציקל „אין אויסלאנד”. דער שרײַבער האָט באזוכט מיַרעוו־אייראָפּע אין דער צווייטער העלפט פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. הינטער דער פארשיידנארטיקײַט פון די מעטאָדן, פאָרמען און אויפאנים פון עקספלואטאציע און אָפנארערײַ פון די מענטשן האָט שטשעדרין דערזען די רויבערישע נאטור פונעם קאפיטאליזם. אונדזער סאטיריקער האָט אונטערגעשטראָכן, אז די מיַרעוו־דעמאָקראטיע, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון דער בורזשואזיע, איז ליגנעריש און צוויִעסדיק.

מיט פאראכטונג האָט שטשעדרין געשריבן וועגן דעם זאטן, זעלבסטצופרידענעם לעבן פונעם מיַרעוו־אייראָפּעיִשן בורזשוא נאָך דער בלוטבאָד איבער דער פאריזשער קאָמונע, וועגן דער אידייִש־זיטלעכער נישטיקײַט פון די איינגנטימערישע קלאסן, וואָס זייער אויפירונג ווערט באשטימט פונעם „אינסטינקט פון אײַנהיטן די אייגענע פעל”, פון דעם „אינטערעס פונעם מאָגן”. „איך פארשטיי זייער גוט, — האָט שטשעדרין געשריבן אינעם בוך „אין אויסלאנד”, — אז... אין אלע מיַרעוו־אייראָפּעיִשע לענדער שטייען פאָנעם־על־פאָנעם צוויי קלאסן מענטשן, וואָס אונטערשיידן זיך ראדיקאל איינער פונעם צווייטן. די „אָנגעפירטע”, דאָס הייסט דער שטאָטישער פראָלעטאריאט און דאָס האָרעפאשנע פויערטום, גרייטן זיך צו אנטשיידענע שלאכטן. דער „פרינציפ פון זעלבסטפארהיטונג”, די שרעק פארן פאָלק שטויסן די בורזשואזיע אף די סאמע עקלהאפטע פארברעכנס”. שטשעדרין האָט, אגעוו, געשאפן א גלענצנדן פאמפלעט קעגן דעם דעמלטיקן פרעזידענט אף א הערשער פון דער וועלט, היטלערס א פאָרגייער, דעם גרויסהאלטערישן און אגרעסיוון פרײַסישן מיליטאריזם.

ווען מיר לייענען שטשעדרינס ווערק הײַנט, אין הונדערט יאָר ארום נאָך דעם, ווי זיי זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן, באוווּנדערן מיר די ווײַטזיכטיקײַט פונעם שרײַבער, זײַן נעוויִשן טאלאנט. ניין, ס׳זײַנען נאָך ניט פארשוווּנדן געוואָרן פון דער וועלט די אוגריום־בורטשייעווס, כאָטש אייניקע פון זיי האָבן באקומען א מער רעספעקטאבעלן אויסזען. ס׳לעבט נאָך אויך שטשעדרינס „העלד”, וועלכער האָט געפּריידיקט דאָס גרינדן אן „אינסטיטוט פון אָפּגעקליבענע יונגע מענטשן”, קעדיי פארפולקומען דעם דאָר, דורכפירנדיק אן „אָפּקלײַב פון מענטשן, וועלכע זאָלן פאָרשטעלן מיט זיך אן עמעסע גאראנטיע אין הינזיכט פון געזיכערטער געהאָרכזאמקײַט”. שטשעדרינס סאטירישע זאלפן טרעפן שטענדיק אין ציל.

די שאפונג פונעם רוסישן סאטיריקער איז פול מיט היסטאָרישן אָפּטימיזם. לאָמיר דערמאָנען אין צוזאמענהאנג מיט דעם דאָס געשטאלט פון אוגריום־בורטשייעוון אין דער „געשיכטע פון איינער א שטאָט”. דער דאָזיקער טיפּ פארקערפּערט מיט זיך העפקיירעס און גוואלדטאט. זײַן טעמפּער ווילן האָט, דוכט זיך, ניט געוווּסט פון קיין גרענעץ. אָבער אויך אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן פארקערעווען דעם טײַך אפצוריקוועגס. דער טײַך — דאָס איז דער סימבאָל פונעם פאָלקס קויעך, וואָס באזיגט אלץ און וועלכן ס׳איז ניט מעגלעך צו פארניכטן. די הײַנטצײַטיקע אוגריום־בורטשייעווס וועלן האָבן דעם זעלבן גוירל, ווי זייער ליטערארישער פאָרגייער, וועלכן ס׳האָט געשילדערט דער רוסישער סאטיריקער־רעאליסט.

סאלטיקאָוו־שטשעדרינס טרוים וועגן א גליקלעך, פרײַ, מעכטיק היימלאנד איז פארווירקלעכט געוואָרן. די בויער פונעם קאָמוניזם ברענגען הײַנט מיט דאנקבארקײַט ארויס דעם נאָמען פונעם גרויסן רוסישן שרײַבער, איינעם פון יענע קולטור־שעפער, וועלכע האָבן מיט זייער שאפונג דורכגעלייגט א וועג צו דער צוקונפט.

יעשוע ליובאָמירסקי

פּערעץ מאַרקישעס דראַמעס

פון העכער א צענדליק פּיעסן, וואָס פּערעץ מאַרקיש האָט אונדז איבערגעלאָזט בעיערושע, האָבן א העלפט זויכע געווען אָנצוקוקן די שייַן פון דער ראַמפּע. אייניקע פון זיי האָט מען אופגעפירט ניט נאָר אף די בינעברעטער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

די סאַמע באַוווּסטע זייַנען: „ניט געדייַגעט" (סאָוועטישע ייִדן פאָרן אוועק פון די שטעטלעך קיין קרים און פאַרנעמען זיך דאָרט מיט ערדאַרבעט), „דער פינפטער האָריזאָנט" (די צייַט פון דער רעקאָנסטרוקציע אין דער קוילן־אינדוסטריע), „מישפּאָכע אָוואַדיס" (וועגן סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם און פעלקער־פרייַנטשאַפט), „דער מאָלצייַט" (בילדער פונעם בירגערקריג אף אוקראַינע), „רעב אריע דער סויפער", אָדער „קאָלנידרע" (די האַנדלונג קומט פאָר בייַס דער באַפרייַונג פון מייַרעוו־אוקראַינע) און „אופשטאַנד אין געטאָ" (דער קאַמף פון די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער אין די בעלאָרוסישער וועלדער).

מאַרקישעס דראַמאַטורגיע צייכנט זיך אויס מיט אַקטועלקייַט. זייַנע דראַמעס האָבן, ווי א פילבאַרער באַראָמעטער, רעאַגירט אף די וויכטיקסטע געשעענישן אין לעבן.

„ניט געדייַגעט"

די פּיעסע „ניט געדייַגעט" איז געשאַפן געוואָרן אפן גרונט פון דער פּאָעמע מיטן זעלבן נאָמען. דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע פּרוּוון צו שילדערן דעם היסטאָרישן איבערבראָך אינעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן, דעריקער — אין דעם שטייגער פון דער קליינשטעטלדיקער אָרעמשאַפט, וואָס איז גרייט געוואָרן זיך א נעם טאָן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

באַנאַנד דערמיט ווייַזט מאַרקיש אין דער פּיעסע די טראַגיקאָמישע קאָנוווּלסיעס פון די מענאַכעם־מענדלס, פון די געוועזענע סאָכרימלעך: ניטאָ קיין מעגלעכקייַט האַנדלען מיט וואַלד — האַנדלט מען מיט פּעניאָקעס...

מיר באַגעגענען אין דער פּיעסע סייַ די אָרעמשאַפט (איר פאָרשטייער איז מענדל, דער געוועזענער וואַסערפירער אין שטעטל), סייַ די פאַרמעגלעכע (קיווע דער וווּכערניק).

דער באַלעגוף קיווע מיט זייַנע פרייַנטלעך פּרוּוון אונטערייַסן דעם אויטאָריטעט פון דער ראַטנמאַכט. צוליב דעם נוצן זיי אויס די שוועריקייַטן, וואָס די איבערוואַנדערער קומט אויס אויסצושטיין: די טריקעניש, וועלכע צווינגט גראָבן א סאַך באָדן און פּייַנלעך זוכן וואַסער („קוואָרים האָט מען אונדז אהער געבראַכט גראָבן, קוואָרים!", — שרייַט קיווע), און אַנדערע סטיכישע אָנשיקענישן.

אַלס קעמפער קעגן די שעדיקער פיגורירן די פאָרשטייער פונעם קאָמיוג, וועלכע זייַנען אַקטיוו אינעם ייִשעוו־ראַט: דער פאַרהאַרטעוועטער באָלשעוויק ראָנדל און זייַן פרוי סאָרצי.

אין דער פּיעסע שפּיגלט זיך אויך אָפּ דער קאָלעקטיוויזאַציע־פּראָצעס, וואָס כאַפּט אַרום אַלץ מער און מער נייַע ייִדישע ייִשוּווים. עמעס, דער דאָזיקער פּראָצעס באַגעגנט א ריי מעניעס איבער דעם, וואָס די אינדיווידואַליסטישע, קליינבירגערלעכע אידעאָלאָגיע איז נאָך ווירקבאַר צווישן א באַדייַטנדיקן טייל פון דער אָרעמשאַפט.

מאַרקישעס פּיעסע האָט צוגעצויגן די אופמערקזאַמקייַט פון א ריי טעאַטערן דערפאַר, וואָס אין איר זייַנען דייַטלעך געשילדערט סייַ די וואַקלונגען פון די איבערוואַנדערער, סייַ דאָס גלויבן אין א בעסערער צוקונפט. דער דראַמאַטורג שטרייַכט אונטער די ראָליע פון דער פּאַרטייִשער אָנפירונג אין דער גרויסער איבערבוי־אַרבעט.

באַגלייַך דערמיט האָבן זיך געלאָזט פילן אייניקע שוואַכקייַטן אינעם ווערק. דער צושויער איז געווען ניט צופרידן, וואָס דער אַלטער טיפּאַזש (מענדל, מענדעליכע, קיווע, קאַסריעל) איז געגעבן געוואָרן זאַפטיקער, פאַרבנרייַכער, איידער די יוגנט (ראָנדל, סאָרצי, לוקאַצקי). ריכטיק האָט געשריבן איינער פון די קריטיקער, אַז אין טאָך האָט ראָנדל ניט וואָס צו טאָן אין דער פּיעסע. דאָס איז אויך מערקבאַר אין דעם סאָרצי־געשטאַלט.

א היפּשן טייל פון די בלויזן קאָן מען דערקלערן דערמיט, וואָס די פּיעסע איז א קאָנדענסירטער עקסטראַקט פון א גרויסער פּאָעמע: ס'איז פאַרלאָרן געגאַנגען די נייטיקע פּראָפּאָרץ אינעם מאָלן די געשטאַלטן, די דיסטאַנץ צווישן געשעענישן איז געענדערט געוואָרן, און דערי־

בער האָט זיך אין אייניקע שטעלן אָפגעשוואכט די קינסטלערישע איבערצײַגטקײַט.

מע דארף אָבער געדענקען, אַז די שטעלונג פלעגט באַוויזן ווערן, אַזוי צו זאָגן, אַף די פרישע שפּורן פון די געשעענישן, דעריבער פלעגט זי שטענדיק אופגענומען ווערן מיט ענטוזיאַזם, איר אופוּירקונג אפן צושויער איז געווען א באַשײַמפּערלעכע.

„דער פינפטער האָריזאָנט"

דאָס ארײַנדרינגען פון דעקלאַסירטע ייִדן אין דער אינדוסטריע האָט מאַרקישן אינטערעסירט ניט אין קיין קלענערער מאָס, ווי זייער איבערגאַנג צו ערדאַרבעט. דער שרײַבער האָט באַזוכט דאָנבאַס און אָנגעשריבן די דראַמע „דער פינפטער האָריזאָנט".

אינעם צײַט־אָפּשניט, וואָס ווערט אין אָט דער פיעסע באַלויכטן, איז אין דאָנבאַס פאָרגעקומען אַן אַקשאָנעסדיקער קאַמף פאַר דער מעכאַניזירונג פונעם קוילן־אַרויסבאַקום. מיר זעען, ווי א געוויסע צאָל שאַכטיאָרן האָבן פאַרלאָזט די שאַכטעס, און די פאַרוואַלטונג איז געווען געצווּנגען צו פאַרבײַטן זיי מיט נײַע, ווייניקער קוואַליפיצירטע. צווישן די, וואָס זײַנען אַוועק, איז געווען א היפּש ביסל אָפּגעשטאַנענע, נאָך מער: אייניקע האָבן אין דער ניט ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט געדינט אין די באַנדעס, לעמאָשל, דער געוועזענער מאַכנאָוועץ גולײַ־בידאַ — א טיפּ פון א כוליגאַן.

איבער דער שעדיקערײַ פון די סאָנים פון דער ראַטנמאַכט איז די באַזאָרגונג פון די שאַכטעס מיט שפּײַז־פּראָדוקטן געווען א שלעכטע. דאָס האָט אַרויסגערופן א שטאַרקע אומצופרידנקײַט און האָט טאָרמאָזירט די שלאָגלערײַ. דער רעכילעסניק גולײַ־בידאַ טײַנעט: „מע עסט קאַדאָכעס — אַרבעט מען צעקראָכן". די כוליגאַנעס האָבן געריידעפּט די נאַצמינד־אַרבעטער: די ייִדן, די טאָטערן, די ציגײַנערס.

א סאַמע וועזנטלעכע פּראָבלעם, וואָס מאַרקיש האָט דאָ אַרויסגערוקט אפן פאָדערגרונט, איז דאָס ארײַנציִען די ייִדישע קליינשטעטלדיקע האָרעפּאַשניקעס אין דער קוילן־אינדוסטריע. דער דאָזיקער פּראָצעס איז געווען א פּײַנלעכער. איינעם א יונגן ייִדן, א פאַרטאָרג, האָט מען דאָ דערהאַרגעט, א צווייטן ייִדן — שאַפּיראָן — האָט גולײַ־בידאַ זיך געגרייט אומברענגען, בלויז צופעליק איז עס ניט געשען.

אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט דער טאָך פון דער פּיעסע?

אין איינער פון די שאַכטעס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט א גרופּע ענטוזיאַסטן, וועלכע שטרעבן דערצו, אַז דער קוילן־אַרויסבאַקום זאָל דערגרייכן זײַן מאַקסימאַלע עפעקטיווקײַט. צו אָט דער גרופּע באַלאַנגען: דער הויפּט פון דעם געאָלאָגישן אויסשפּיר סאַביטאָוו, דער סעקרעטאַר פונעם קאָמקעמערל לעבעדיעוו און דער אַלטער קאַדראָווע שאַכטיאָר קאָנאָוואַלאָוו. אין שפּיץ פון דער גרופּע שטייט שורע. זי איז אַן אינזשעניער, א פּאַרטייִשע. די גרופּע האָט זיך געשטעלט א ציל — אַמשנעלסטן זיך דערגרונטעווען צום פינפטן האָריזאָנט, צו דעם אַזוי־גערופענעם אַנאַטאָליעווער פּלאַסט, דעם בעסטן לויט דער קוואַליטעט.

מאַרקישן איז געלונגען צו שילדערן מיט גרויס פּאַרטייִפּטקײַט אייניקע פּערזאָנען. אַזאַ איז, לעמאָשל, דער אַלטער שאַכטיאָר קאָנאָוואַלאָוו. דער אַוטאָר דערלאַנגט אים אונדז מיט אַלע סטירעס, וואָס זײַנען אייגנטימלעך זײַן כאַראַקטער, אַנטפּלעקנדיק זײַן פּאַטאָס בײַ דער אַרבעט, די פאַרליבטקײַט אין דער שאַכטע. און דאָך איז פון אונדז ניט פאַרבאָרגן זײַן אָפּגעשטאַנענקײַט: נאָך אין סאַמע אָנהייב פון דער פּיעסע ווערן מיר געוווירע, אַז קאָנאָוואַלאָוו איז א פּאַראַקשנטער קעגנער פון מעכאַניזירן דעם קוילן־אַרויסבאַקום. ער איז אָנגעשטעקט מיט אָבערגלויבנס.

איבערצײַגעוודיק איז געשילדערט שורע. אַף אַזעלכע ענערגישע, לעבנסלוסטיקע און באַדאַכטע מענטשן שפּאַרט זיך אָן די סטאַכאַנאָווישע באַוועגונג. שורע פירט נאָך זיך אירע כאַווײרים. זי באַזיצט א באַדײַטנדיקע אופוּירקונגס־קראַפט. סימפּאַטיש איז דער טאָטער סאַביטאָוו. ער איז ווײַט פון אינטעלעקטועלער ראַפינירטקײַט, און אין דער זעלבער צײַט קויפּט אונטער זײַן ענטוזיאַזם. עס שפּירט זיך אין אים א קויעך, א טיפער גלויבן אין דער בויונג פונעם נײַעם לעבן.

אין שאַפּיראָן ווערט באַטאָנט זײַן מוטיקײַט. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז א הײַפל כוליגאַנעס איז גרייט טאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, אַבי אים פאַרטרײַבן פון דער שאַכטע. גוטעפרײַנט וואָרענען אים וועגן דער סאַקאָנע. און דאָך שרעקט עס אים ניט אָפּ, ער ווייסט, אַז די כוליגאַנערײַען פון גולײַ־בידאַ און זײַן קנופּיע — דאָס איז א געראַנגל קעגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, פון דער ראַטנמאַכט.

אין דער שילדערונג פון די פּאַרשוינען, באַזונדערס פון די פאָלקס־געשטאַלטן, נוצט מאַרקיש אויס דאָס האַמוינישע לאָשן. די פּיעסע איז טראַגיש. אין דער זעלבער צײַט טרעפן מיר זיך אָן מיט בופאָנאַדע, ווי, לעמאָשל, אין דער סצענע, ווען די שאַכטיאָרן טוען א כאַפּ דעם לעבעדיקן גולײַ־בידאַ, לייגן אים אַוועק אַף א טראָגברעטל און אָרדענען אים אײַן א קאָמישע לעווײַע. ניט ווייניק געלונגענע פאָלקס־רייד באַצייכנט דאָ די פּיעסע.

אין מאָסקווע האָט דער וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער אופגעפירט דעם „פינפטן האָריזאָנט". דער ספּעקטאַקל האָט א שטיק צײַט זיך געהאַלטן אַף די בינע־ברעטער פון אָט דעם באַרימטן רוסישן טעאַטער. דערצו האָט היפּש מיטגעהאָלפן די קינסטלערישע אויספירעמונג פון איסאַק ראַבינאָוויטשן. אַזוי בעריעש דערלאַנגען די שאַכטעס אין טעאַטראַלער דעקאָראַציע האָט זעלטן ווער געקענט...

„מישפּאָכע אָוואַדיס”

דעם לעבנשטייגער אין ביראָבידזשאַן איז געווידמעט מאַרקישעס פּיעסע „מישפּאָכע אָוואַדיס”.

דאָס לעבן פון דער מישפּאָכע אָוואַדיס איז אַ מוסטער פון דער נײַער ווענדונג אינעם גורל פון אַ געוויסן טייל פון דער סאָוועטישער ייִדישער באַפעלקערונג. דער עלטסטער זון, מאָטקע אָוואַדיס, איז סעקרעטאַר פונעם ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט. דער צווייטער זון, שלוימקע, דינט אינעם מיליטער, וואָס היט די גרענעץ; די טאָכטער בראָכע איז אַ פּליִערן — זי פּילאָטירט אַן עראָפּלאַן. דער דריטער זון, קאַלמען, איז, ווי דער פאָטער זײַנער זײַוול, אַ פּליטן־טרײַבער. פאַראַן אין דעם הויזגעזינד נאָך איין זון — שײַע. אָבער ער וווינט אין פּאַלעסטינע. עמעס, ער האָט שוין כאַראָטע און בעט אין זײַנע בריוו, מע זאָל אים העלפן זיך צוריקקערן אין ראַטנפאַרבאַנד.

— פערציק יאָר, — זאָגט זײַוול, — האָב איך געטריבן פּליטן אויף פרעמדע טײַכן, איצט זײַנען זיי מײַנע.

— יאָ, טרײַבן פּליטן צוליב דער בויונג פונעם ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל איז פאַר מיר דאָס זעלבע, וואָס פאַר מײַן זון — באַוואַכן די גרענעץ פון אונדזער היימלאַנד, — מעלדעט ווײַטער מיט שטאָלץ זײַוול אָוואַדיס. אַ שטורעם, אַ שלאַקסרעגן, קיין זאַך שטעלט אים ניט אָפּ, און ניט נאָר אים — דער אַלטער זיידע, זײַן פאָטער, אײַלט אויך מיט יוגנטלעכן ברען צו די פּליטן.

מאַרקישן איז געלונגען קינסטלעריש איבערצײַגעוודיק צו באַלויכטן אין זײַן פּיעסע די געפילן פון סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם.

שפּילן זײַוולען איז אַן ערנסטע אויפגאַבע. דער אַקטיאָר דאַרף דערשפּירן זײַן שווערן ריטם, זײַן קנאַפּן, אָבער ברייטן זשעסט — סימאָנים פון אַ באַדײַטנדיקער פיזישער קראַפט: אַ מענטש האָט אַזויפיל יאָרן זיך געראַנגלט מיט דער קאַפּריזער סטיכיע... זײַוול דענקט פיל און רעדט קנאַפּ. דערפאַר איז יעדער וואָרט זײַנס וואָגיק. אָט דער אויסגעהאַרעוועטער מענטש איז שטרענג, אײַנגעשלאָסן אין זיך. אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַרן אַקטיאָר איז פאַרלייגט אינעם געשטאַלט פון דעם זיידן אַווראָם. אין אים ראַנגלט זיך דאָס אַלטע מיט דעם נײַעם נאָך מער, ווי אין זײַוולען.

זײַוול קאָן באַ זיך ניט פּויעלן, אַז זײַן פערטער זון, שײַקע, זאָל פאַרבלײַבן אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער. אָבער מאָטקע, דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, קאָן ניט מויכל זײַן שײַקען, וואָס יענער האָט פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד און זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע. און ווען זײַוול בעט מאָטקען, ער זאָל שײַקען העלפן זיך צוריקקערן אַהיים, זאָגט מאָטקע דעם טאַטן קאַטעגאָריש אָפּ. אַזוי־אַרום קומט פאָר אַ קאָנפליקט צווישן פאָטער און זון. זײַוול פאַרשטייט, אַז פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט איז מאָטקע גערעכט, אָבער דעם טאַטנס האַרץ טוט וויי, עס קאָן זיך ניט באַרויִקן. אָט אַזעלכער איז איינער פון די קאָנפליקטן אין דער מישפּאָכע אָוואַדיס, און ס'איז וויכטיק אונטערצוּשטרײַכן, אַז ער האָט אויך באַ הײַנטיקן טאָג ניט פאַרלאָרן זײַן אַקטועלקײַט און אידייִשע ווערט.

אין דריטן אַקט ווערט דערציילט, אַז שלוימקע איז געפאַלן אַ קאָרבן אין געראַנגל מיט אַ באַנדע דיווערסאַנטן, וועלכע פּרוּווט זיך איבערגיין די גרענעץ. ווען אָט די וויסטע בסורע דערגרייכט צו דעם הויזגעזינד אָוואַדיס, מעלדעט זײַוולס זון קאַלמען, אַז ער איז גרייט פאַרבײַטן דעם ברודער שלוימקען און פאַרנעמען זײַן אָרט. נאַטירלעך, קאַלמען קוקט אַרויס אויף דער האַסקאָמע פון טאַטע־מאַמע. אין זײַוולען ראַנגלען זיך צוויי געפילן:

— איין זון האָט מען מיר אומגעבראַכט אויף דער גרענעץ־וואַך... מיט וואָס בין איך באַוואָרנט, אַז מע וועט מײַן קאַלמענען ניט אומברענגען?

און פון דער אַנדערער זײַט:

— ווער האָט דיך באַוואָרנט מיט אַ גליקלעך לעבן? דײַן היימלאַנד. מאַשמאָעס, ביסטו מעכויעוו ניט שאַנעווען זיך, ניט שאַנעווען דײַן אייגן קינד, ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַשיצן דאָס, וואָס דיר איז ליב און טײַער.

שווער איז זײַוולען. ביטער איז סאָרען. אָן וואַקלונגען איז דאָ ניט שײַעך. אָבער סאָפּקאָלסאָף באַשליסט מען פײַערלעך באַגלייטן קאַלמענען אויף דער גרענעץ־וואַך.

„דער מאַלצײַט”

אווואַדע ווערן מיר איבעראַשט, ווען אין „מישפּאָכע אָוואַדיס” מעלדעט זײַוולס צווייטער זון, קאַלמען, אַז ער האָט באַשלאָסן פאַרבײַטן אויף דער גרענעץ־וואַך דעם ברודער שלוימקען, וועלכער איז אויף זײַן פּאָסטן אומגעקומען. אווואַדע ווערן מיר דערשיטערט פון דער גרייטקײַט פון אַזאַ יונגן באָכער זיך מאַפּקיר זײַן פאַרן היימלאַנד.

אָבער ניט ווייניקער ווערן מיר איבעראַשט, ווען אַן עלטערער מענטש, אַ געוויינלעכער באַסערוואָדאָם, וועמען עס האָבן אַלע יאָרן געהאַלטן אין געפּענקעניש אָפּגעלעבטע מינהאָגים און אָנשויִונגען, ווערט דורכגעדרונגען מיט די סאַמע פּראָגרעסיווע אידייען, וואָס לערנען, וויִאַזוי איבעראַנדערשן די גאָרע וועלט, מיט אידייען פון סאָציִאַליזם. אַזאַ מענטשן מאָלט אונדז מאַרקיש אין זײַן דראַמע „דער מאָלצײַט”.

ס'איז אַ פּיעסע וועגן בירגערקריג. אין 1919 ווילדעווען אין די קליינע שטעטלעך, אין די דערפער ווײַסע באַנדעס: זיי ראַבעווען, זיי הארגענען. די געשעענישן, וועגן וועלכע עס ווערט אין דער פּיעסע דערציילט, פּאַסירן אין אַ קליין שטעטל, וואָס איז אויף אַ קורצער צײַט

געבליבן אַף העפקער. אַ באַנדע איז דאָס שטעטל באַפאַלן, אַ באַנדע, וואָס אָט־אָט טוט זי זיך אַ לאָז אויסקוילען די אײַנוווינער. די רויטע פּאַרטיזאַנער האָבן געמוזט אַוועק אין וואַלד. אַף אַ קורצער צײַט. אין אַ מעסלעס אַרום באַדאַרף דער אָטריאַד זיך צוריקקערן אין שטעטל. מוז די באַפעלקערונג ווי ווײַט מעגלעך מיט די אײגענע קרעפטן פאַרהאַלטן די באַנדיטן, ביז די רויטע וועלן זיך צוריקקערן. אין שטעטל איז אַ מעהומע — וואָס טוט מען? מע פאַלט אַף אַזאַ האַמצאָע: אײַנאָרדענען אַ רײַכן מאָלצײַט און אײַנלאַדן די באַנדיטן. נאַטירלעך, די באַנדיטן וועלן פרעסן, זויפן אַזוי לאַנג, ביז די רויטע פּאַרטיזאַנער וועלן אָנקומען און פאַרניכטן די באַנדע.

אַף אַזאַ האַמצאָע איז געפאַלן דער אַלטער מענדל, דער פֿאָטער פונעם רויטן פּאַרטיזאַן עזרע. און טאַקע מענדל גופע גייט צום אַטאַמאַן פון דער באַנדע אײַנלאַדן די „כעווּרע״ אַפן מאָלצײַט (דער שטאַב פון דער באַנדע איז הינטערן שטאָט). נאָך איידער דאָס קומט פֿאָר, באַווײַזט אונדז מאַרקיש מענדלען ווי אַ העלד, וואָס איז גרייט זיך אַ לאָז טאָן אַף מעסירעסנעפעש. אין שטעטל ווערט מען געוווירע, אַז אַף יענער זײַט וואָקזאַל וואַלגערן זיך אין פעלד טויטע קערפּערס פון דרײַ באָלשעוויקעס, וואָס די באַנדיטן האָבן דערשאָסן. זיי ברענגען אין שטעטל און מעקאַבער זײַן איז געפערלעך. בלויז איין מענדל לאָזט זיך אַוועק אַף קידעשהאַשעם, קעדיי אויספילן זײַן מאָראַלישן כויוו.

גלענצנד האָט מענדלען געשפּילט אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער דער אַקטיאָר מייער שטיימאַן. פון די ערשטע מינוטן, ווען אָט דער אַקטיאָר פלעגט זיך באַווײַזן אַף דער בינע, האָט איר געגלייבט, אַז אין דעם באַשיידענעם שטילן מענטשן שטעקט אַ גרויסע גײַסטיקע קראַפט, אַ טיפער גלויבן, אַ פעסטע אַנטשלאָסנקײַט. וויאַזוי האָט עס דער אַקטיאָר דערגרייכט? אין שטיימאַנס מענדלען האָט אַ שטאַרקן אײַנדרוק געמאַכט זײַן גלאַסנקײַט, זײַן קלוימערשטע רויִקײַט: נעמט ער ריידן אָדער זיך באַוועגן, איז ניט געכאַפּט, מיט ייִשעווהאַדאַאַס — מאַכמעס דער גוואַלדיקער אינערלעכער קאָנצענטרירטקײַט. דאָס אַוועקלאָזן זיך אַף קידעשהאַשעם נעמט זיך בא מענדלען פונעם טיפן גלויבן, אַז די באָלשעוויקעס וועלן באַווײַזן ראַטעווען דאָס שטעטל. נאָך מער — פונעם גלויבן, אַז סאָפּקאָלסאָף מוז דאָס דערהויבענע, דאָס ליכטיקע, וואָס אינעם מענטשן, גויווער זײַן דאָס אומווירדיקע, דאָס מיִעסע. און מיט אָט דעם אָפּטימיזם איז דורכגעדרונגען דאָס מענדל־געשטאַלט!

אין מענדלס אויסערלעכער גלאַסנקײַט, ווי מאַרקיש מאָלט אים אין דער ערשטער העלפט פון דער פּיעסע, איז פאַרבאָרגן אַ גרויסע לײַדנשאַפטלעכקײַט, אַ שטורמישער טעמפּעראַמענט. דער טעמפּעראַמענט פלאַקערט מאַמעש אויף, ווען מענדל נעמט אונטערטרײַבן די קלעזמער, זיי זאָלן ווי ווײַט מעגלעך ראַשיק, דונערדיק שפּילן אַפן מאָלצײַט, קעדיי וואָס מער פאַרטשאַדען, פריהלושען די קעפּ פון די שיקערע באַנדיטן.

צו אַן אויסטערלישער פּאַטעטיק דערגרייכט מענדלס פאַרכושטקײַט, ווען ער שרײַט אין דער אַרומרינגלונג פון די באַנדיטן צו זייער אַטאַמאַן:

— די ערד מײַדט דיך אויס, ווי אַ צאָראַאַס. דאָרט, ווו דײַן פוס וועט אַ טראָט טאָן, וועט קיין גראָז ניט וואַקסן. טײַכן וועלן אויסטריקענען, קאָלזמאַן דו וועסט צו זיי זיך דערנענטערן פון דאָרשט אַ פאַרכאַלעשטער. איבער וועלדער וועסטו וואַנדערן אָן אַ דאַך, אָן אַ היים; אַ שטיין, ווען דו וועסט צו אים זיך ווענדן, וועט דיר אין פּאַרצעף זיך אַ שלײַדער טאָן...

אָט די פלאַמיקע רייד רײַסן זיך אַרויס פון מענדלס מויל, ווען ער האָט זיך שוין מאַפקיר געווען. און דאָ טאַקע באַפאַלן אים די צעיושעטע באַנדיטן, און זיי טייטן אים.

אינטערעסאַנט איז די עוואָליוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם באַוווּסטזײַן פונעם שוסטערס יונג מיידל בליומע. טכילעס מאָלט זי מאַרקיש, ווי אַ שרעקעוודיקע. מיט איין עמאָציע איז בליומע דורכגעדרונגען: פײַנלעכער פּאַכעד! צום אַלעם ערשטן לויפט זי אין איין אָטעם זיך אויסבאַהאַלטן פון די באַנדיטן אַפן בעסוילעם. עמעס, אין איר רײַפט שוין דער פאַרשטאַנד פון גערעכטיקײַט, וואָס עס האָט אין איר באַוווּסטזײַן פאַרזייט מענדלס זון עזרע, וועמען זי איז ליב און טײַער. ס׳איז פאַראַן אַ מאָמענט אין דער פּיעסע, ווען עזרע פרעגט בליומען:

— דיר איז ניט שרעקלעך איצט פאַרבלײַבן אין שטאָט?

בליומע. נו, וווּהין זשע זאָל איך גיין?

עזרע. פאַראַן וווּהין צו גיין, פאַראַן... איצט זײַנען די וועגן אָפן פאַר אַזעלכע, ווי איך און דו. דו זעסט אָט די כאָרעווע, צערויִנירטע הײַזקעס, די קעלערס, אָט דאָס כאַשכעסדיקע, קאָפּצאָנישע לעבן? און טאַקע דערפאַר שלאָגן מיר זיך, בליומע, אַז מענטשן זאָלן ניט אומגיין אײַנגעהויקערט, ווי דײַן טאַטע, מיט אַן אויסגעטריקנטן גאָרגל, מיט אײַנגעשרומפּענע אויגן, אַז די מענטשן, וואָס האָבן פאַר זיך געזען בלויז אַ טהאָם, אַז אָט די מענטשן זאָלן דערשפּירן, וואָס אַזוינס איז לעבן, וואָס אַזוינס איז שיינקײַט און פרייד. אָט דעם וועג האָט פאַר אונדז געעפנט לענין...

בליומע. לענין?

עזרע. אונדזער שטעטל, בליומע, איז ניט דאָס איינציקע... ס׳איז ניט איינזאַם. טויזנטער שטעטלעך און שטעט ראַנגלען זיך, בליומע. קיינמאָל איז די ערד אַזוי פּרעכטיק ניט געווען, ווי איצט. עס אָטעמט דאָך מיט פרײַהײַט. און דעריבער איז שטאַרבן פאַר אָט דעם שוין נישט אַזוי שווער...

און בליומע דערשטיקט אין זיך אײַנגיכן די מוירע — זי ווערט איבערצײַגט, אַז קאַמף מיטן

סוינע איז דאָס בעסטע מיטל צו פארטרײַבן פון זיך דעם פּאכעד.

ווען דער פאָטער אירער, קאנאריק, טוט א געשריי:

— קארג פונמײַנעטוועגן װעלוול!.. האָסטו זיך שוין אויך אָנגעשטעקט?

ענטפערט אים בליומע:

— דײַן „קראָם”, טאטעניו, דראָעט קיין שום סאקאָנע. אומגיין אײַנגעהויקערט, ווי איצט, וועסטו אלעמאָל באוויַזן. באגלייט ארויס די מאמע אהיים און גיי ארויס אין גאס. א האלבע שטאָט איז שוין אין דרויסן. מענטשן גלײַכן אויס די רוקנס... קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ!

ווי אלע ייִדן ארום אים, איז קאנאריק, נאטירלעך, ניט זיכער מיטן לעבן. ער האָט מוירע. זײַן גאנצער וועזן איז דורכגעדרונגען מיט פאָטער־ליבע. איז ער גרייט אָפּגעבן זײַן לעבן פאר דער טאָכטער, פאר בליומען. דאָס גאנצע פלאָטערן זײַנס איז איבער איר. און דאפקע אָט דאָס ציטערן געבירט מוט. ער ווערט סאָפּקאָל־סאָף א נײַער מענטש. א קעמפער, ווי זײַן וועלוול דער פארטיזאן.

ווען מענדל גרייט זיך פירן בליומען צום טאנץ אפן מאָלצײַט, נעמט קאנאריק שארפן זײַן שוסטערשן מעסער און גיט אים אָפּ בליומען, וועלכע פארשטייט טכילעס ניט דעם טאטנס קאוואָנע. אין א מינוט ארום ווערט בליומען קלאָר, וואָס דער טאטע מיינט. און אָט דאָס מעסער שטעכט זי ארײַן אין גאָרגל דעם אטאַמאן, וואָס האָט זיך געלאָזט מיט איר אין א טאנץ און גרייט זיך צו פארגוואלטיקן זי.

דער אווטאָר, וואָס רימט אין אָט דער פּיעסע דאָס מעסירעסנעפעש פון די, בא וועמען ס׳איז שטענדיק וואך דער געפיל פון מענטשן־ווירדע, געפינט אינטערעסאנטע פארבן אויך פאר נעגאַטיווע געשטאלטן, וועלכע האָבן זיך אראָפּגעגליטשט צו דער לעצטער מאדרייגע פון מאָראַלישער יערידע. אָט אזא איז סענדער דער פעלהענדלער, א ייִד א גוויר. זײַן זשעדנעקײַט, גײַציקײַט איז אומגעהייער. אפילע ווען ער באַהאלט זיך אויס פון די באנדיטן אפן בעסוילעם, הינטער די מאציייוועס, ווייעט פון זײַן באגיין זיך מיט די ארומיקע מיט געמיינהײַט, מיט פרעכהײַט. שטרעבנדיק זיך ראטעווען פון די באנדיטן, איז ער גרייט דורך פאראט קריגן כיין אין זייערע אויגן, און ער ווײַזט זיי אָן אָף בליומען: ער האָפט אָף אזא מין אויפן אָפּווענדן זייער גיריקײַט בענעגייע זיך און זײַן געשעפט.

„רעב אריע דער סויפער”

(קאָלנידרע)

אין דער פּיעסע „מאָלצײַט” האָט אונדז פּ. מארקיש דערציילט, וויאזוי די יוגנט ווירקט אָף די טאטעס און די עלטערן ווערן ארײַנגעצויגן אינעם קאמף פאר א נײַ לעבן, אינעם געראנגל פאר אײַנפלאנצן די סאמע פּראָגרעסיווע איידייען. גאָר אַן אנדער סיטואציע אנטפלעקט זיך פאר אונדז, ווען מיר באקאנען זיך מיטן אינהאלט פון דער פּיעסע „רעב אריע סויפער” (קאָלנידרע). די געשעענישן וויקלען זיך דאָ פאנאנדער אפן פאָן פון דער באפרײַונג פון די פעלקער פון מײַרעוו־אוקראַינע, וועלכע עס האָט מיט זיך אהער געבראכט די העלדישע סאָוועטישע ארמיי. דער נאָמען פון דער פּיעסע קלינגט אלעגאָריש. די האנדלונג דויערט איין מעסלעס — פּונקט ווען ס׳פאלט אויס דער ייִדישער יאָם־האדין (יאָמקיפּער). אינדערעמעסן איז עס טאקע יאָם־האדין. אין דעם טאָג ווערן געמישפּעט די געוועזענע אדוינים פון מײַרעוו־אוקראַינע, די, וואָס האָבן אונטערדריקט די האָרעפּאשנע מאסן פון אָט דעם קאנט (די ייִדן, די אוקראַינער, די פּאָליאקן).

אין דער פּיעסע ווערט אוועקגעשטעלט מיט דער גאנצער קאטעגאָרישקײַט די פּראָבלעם פון באציִונג צום קעגנער, צום סוינע. אין צענטער פון די געשעענישן שטייט אַן אלטער ייִד, דער סויפער רעב אריע. ער האָט זיך פארפלאָנטערט אין די געבאָטן פון דער טראדיציאָנעלער מאָראַל, וואָס אונדזערע כאכאָמים האָבן אונדז געלאָזן בעירושע. פון איין זײַט, וואָרנט דעם אלטן רעב אריע דער באוווּסטער הומאנישער פּרינציפּ: ווער ס׳איז זיך מוידע, אז ער איז באַגאנגען א פארברעכן און האָט כאראָטע, באדארף מען אָף אים ראכמאָנעס האָבן. פון דער צווייטער זײַט, אטאקירט רעב אריען דער קאטעגאָרישער אימפּעראטיוו — אין רחמים בדין, דאָס הייסט — ניט שײַעך קיין ראכמאָנעס, אז מע מישפּעט א פארברעכער.

טראָגט אונטער דאָס קאָכיקע לעבן רעב אריען א הארבע שײַלע: אין דעם זעלבן מעסלעס, ווען ס׳איז ארײַן אין שטאָט די רויטע ארמיי, קומט צו אים אין שטוב צו לויפן א פארסאָפּעטער דער געוועזענער פּוילישער וואָיעוואָדע פון דער שטאָט, גראדולסקי, און בעט, ער זאָל אויסבאהאלטן אים בא זיך אין שטוב.

— איז אָט, — זאָגט דער וואָיעוואָדע, — בא אײַך איז די ברייִרע: אָדער מאָרגן וועלן די אָרטיקע ייִדן זיך פארכלינען אינעם אייגענעם בלוט, אָדער איר וועט הײַנט מיך לאָזן בא אײַך איבערנעכטיקן. איך באדארף בלויז איין נאכט, בא אײַך זיך צו ראטעווען. איך צווייפל ניט, אז גאנצפרי קריגן מיר הילף מיצאד דער בריטישער אימפּעריע...

רעב אריע איז נאָכגיביק — ער טרײַבט גראדולסקין ניט ארויס. און ניט נאָר צוליב דעם, וואָס אים שרעקן גראדולסקיס דראָונגען. רעב אריען טוט א שטויס צו ראטעווען גראדולסקין גאָר אַן אנדער מאָטיוו. דאָס ווערט קלאָר פון זײַן אויסטײַנען זיך מיט דער טאָכטער האדאסע, וועלכע די רויטע ארמיי האָט באפרײַט פון טורמע.

ה א ד א ס ע. און דו האָסט אים דערלויבט איבערטרעטן די שוועל פון דײַן שטוב?

ר ע ב א ר י ע. ער איז דאָך איצט געפלעפּט. אין אים זיך איצט נויקעם זײַן? א ייִד איז אזוי זיך ניט נויהעג.

ה א ד א ס ע (אויסער־זיך). געפלעפט, טײַנעסטו. ווייסטו דען ניט, אז די פּײַניקונגען, וואָס מיר האָבן געליטן אין טפיסע, דאָס איז זײַן אײַנפאל? ווייסטו דען ניט, אז דאָס האָט ער באַפוילן אונטער מײַנע נעגל נאָדלען ארײַנשטעכן? אפילע כײַעס אין וואלד וואָלטן ניט דערלאָזט, ער זאָל צווישן זיי בלײַבן אומבארירלעך. און דו האָסט אים צו זיך אין שטוב ארײַנגעלאָזן? זאָל זײַן, אז ער האָט אליין ברוטאל זיך ארײַנגעריסן — ביסטו מעכויעוו געווען וועגן דעם מעלדן דער קאָמענדאטור פון דער סאָוועטישער ארמיי!

ר ע ב א ר י ע. איך זאָל מעלדן? זאָל איך, הייסט עס, גיין אים מאסערן? צי דען זײַנען ייִדן אזוי זיך נויהעג? ווילסטו, הייסט עס, איך זאָל אים אין אזא צושטאנד זײַנעם אָפּגעבן אינעם רעשוס פון די זיגער? פאר דײַנע צעשטאָכענע פינגער איז א מיצווע פאָדערן פונעם היצעל אן אָפּקומעניש ניט דעמלט, ווען דער אויסוווּרף איז געפּענטעט, נאָר דעמלט, ווען ער האקט קעפּ. נעקאָמע, טאָכטער, דארף זײַן גרויזאם. וועט מיר דען ווערן גרינגער, אויב מאָרגן וועט אָט דער וואָיעוואָדע, ווי א נעווייִלע, זיך וואלגערן אין א קופּע מיסט? זאָל טאקע אָט די נעווײלע דערזען, ווי מיך עקלט צו האָבן מיט איר צו טאָן.

האדאסע פאָדערט פון איר טאטן, ער זאָל גיין צום רוסישן קאָמענדאנט סעליוואנאָוו: צו אים טוליען זיך אלע געבראָכענע הערצער. רעב אריע קומט צו סעליוואנאָוון. עמעס, זײַן ווענדונג איז בלויז אין די אינטערעסן פון דער ייִדישער רעליגיע: ער וויל הערן פון סעליוואנאָוס מויל, אז די ראטנמאכט וועט ניט פארכאסמענען די באָטעמעדראָשים. אין זײַן שמועס מיט סעליוואנאָוון ווערט רעב אריע געווירע, אז ס׳איז אן אומזין ראכמאָנעס צו האָבן אפן סוינע, דעם סוינע באדארף מען פארניכטן. אָט דער שמועס צווינגט אים זיך צו פארטראכטן, צי ער האָט דאָס רעכט אויסבאהאלטן גראדולסקין. פּײַנלעך קומט פאָר אָט דער פראָצעס. זײַנע ספּייקעס פּלאצן, ווען ער ווערט געווירע, אז גראדולסקי האָט פארטראכט אן אטענטאט אף סעליוואנאָוון. דאן לאָזט ער זיך אוועק צו סעליוואנאָוון. זײַן קאוואָנע איז — ראטעווען דעם רוסישן קאָמענדאנט.

דערווײַל קומט גראדולסקי צום באשלוס, אז זיצן בא רעב אריען אין אלקער פארבאָרגענערהייט, פארמאסקירט איז ניט קיין טאכלעס. פארבונדן א האלב פּאָנעם מיט א פאטשיילע און מיט א ראבאָנישן שטרײַמל אפן קאָפּ, לויפט ער צו סעליוואנאָוון, קעדיי זיך דערשלאָגן אן אופנאם. דאָ דערזעט ער רעב אריען, וועלכער איז געקומען אהער ראטעווען סעליוואנאָוון.

„וואָס טוט דאָ רעב אריע? — פליט דורך א געדאנק אין גראדולסקיס מויעך. — ניט אַנ־

דערש, ווי אָפּגעבן מיך אין רעשוס פון סעליוואנאָוון אף אומקום. כ׳וועל דאָ האָבן א וויסטן סאָף. טאָ לאָמיך זיך כאָטש קילן דאָס הארץ...״

און ער דערשיסט רעב אריען.

רעב אריע איז די סאמע קאָמפּליצירטע פיגור אין אָט דער פּיעסע. פון סאמע אָנהייב דערלאנגט מארקיש דעם דאָזיקן מענטשן אין אזא באלויכטונג, אז ער ווערט אונדז ליב און טײַער. אין דער צײַט, ווען רעב אריעס מעקוראָווים — די ייִדישע סאָכרים, עלימעלעך און נאפטאָלע — זײַנען פּײַנטלעך געשטימט בענעגייע דער סאָוועטישער ארמיי, בעשאס עס באָמבלט זיך זיי אין קאָפּ, אז די באָלשעוויקעס וועלן פארכאסמענען די קלייטן, באטראכט רעב אריע די נײַע סיטואציע גאָר פון אן אנדער שטאנדפּונקט.

ווען דער וואָיעוואָדע טוט רעב אריען א זאָג: „איצט פארמאָגן מיר מיט אײַך איין בעשוטפּעסדיקן סוינע״, — רופט זיך אָן רעב אריע:

— וועגן וועמען רעדט איר? די, וואָס האָבן הײַנט פארנומען די שטאָט (ער טוט א ווײַז מיטן פינגער אפן פענצטער), זיי שאנעווען אָרעמעלײַט, גערוידעפטע. איך בין נאָרוואָס געווען אין גאס — האָב איך געזען, ווי זיי נעמען בא די מאמעס די קינדער און טראָגן זיי אף די הענט און צערטלען זיי. און גרײַז־גראָע ייִדן קושן זייער געווער.

רעב אריע באגרײַפט גאנץ גוט, אז עס הייבט זיך אָן א נײַ לעבן.

זייער געלונגען האָבן זיך באקומען בא מארקישן אייניקע געשטאלטן פונעם פראָסטן אוילעם. בענציִען דער שאמעס, וואָס איז א בענבאִיס בא רעב אריען, ווי אויך רעב אריעס באדינערן ציפּע, זײַנען בוילעטע, פארביקע פיגורן, הומאָריסטיש באלויכטענע. זייערע דיִאלאָגן דערקוויקן מאמעש דעם צושויער.

מארקישן איז אויך געלונגען די סצענע, ווו ער מאָלט גראדולסקין אין גראָטעסקישן אספּעקט. ווען גראדולסקי טוט אָן, צוליב זיך פארמאסקירן, רעב אריעס ראבאָניש שטרײַמל, ווען ער פארשלייערט א האלב פּאָנעם מיט בענציִענס קויטיק טיכעלע, ווען ער פרענדעט אָן אף זיך רעב אריעס זשיפּעצע, — איז עס אן עמעסע בופאָנאדע.

באקאנענדיק זיך איצט מיט פערעץ מארקישעס וויכטיקסטע פּיעסן, קומען מיר צום אויספיר, אז זיי זײַנען, ווי אלע מארקישעס שאפונגען, פולקום דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון אינטערנאציאָנאליזם. זיי צייכענען זיך אויס מיט א ראָמאנטישער אופאסונג פון דער הערא׳ִישער סאָוועטישער עפּאָכע, און זיי זײַנען אָנגעזעטיקט מיט א לײַדנשאפטלעכן האס צו רעאקציע און פאשיזם.

קורצע רעצענזיעס

דער קוויעך פונעם לירישן וואָרט

דאָרע כיַיקינעס ניַיע לידער־זאַמלונג איז, ווי די לידער־ביכער פון אַנדערע היַינטציַיטיקע ייִדישע דיכטער, אַ מין סאַכאַקל פון אַ דורכגעמאַכטן שעפערישן וועג פאַר עטלעכע צענדליק יאָר.

אַז מע לייענט דאָרע כיַיקינעס לידער, וואַרפט זיך גליַיך אין די אויגן, אַז דאָס איז ליריק אין נאַטירלעכן באַטיַיט פון דעם באַגריף: ליבע־ליריק, פּייזאַזש־ליריק, פילאָסאָפישע ליריק, פּאָליטישע ליריק. אַלץ ווערט דורכגעלאָזט דורך דער פּריזמע פון דעם אַוטאָרס איבערלעבונגען און עמאָציעס.

די ליריק בכלל גענומען איז מער קאָמפּליצירט, איידער די עפּישע דיכטונג, אין וועלכער דער אַוטאָר האָט אַ מעגלעכקיַיט צו שילדערן געשעענישן, געשטאַלטן, קאָנפליקטן, פּראָצעסן. דער ליריקער האָט ניט אַזעלכע מעגלעכקיַיטן, וויַיל ער איז געבונדן בלויז מיט זיַינע אימפּרעסיעס, מיט זיַין סוביעקטיווער באַציִונג צו דער אָביעקטיווער וועלט. דער עפּיקער שילדערט, דער ליריקער זינגט. דאָס געזאַנג קאָן ניט זיַין בילד, נאָר בלויז אַ שטימונג, אַ רעאַקציע פון דעם געמיט אויף אַ דערשיַינונג.

די לירישע דיכטונג איז אין שטענדיקער געפאַר פון איבערכאַזערן, איבערזינגען דאָס שוין אויסגעזונגענע (ליבע, נאַטור, סאָציִאַל־היסטאָרישער פּראָצעס), וויַיל, אַזוי צו זאָגן, זי זינגט וועגן איינעם און דעם זעלבן שוין טויזנטער יאָרן. די לעצטע ציַיט גייט אָן אין דער רוסישער ליטעראַטור אַ דיסקוסיע וועגן פּאָעזיע און לידער־מאַכונג (поэзия и стихотворство). דאָס האָט מערסטנטייל אַ שיַיכעס צו דער ליריק. אַ קולטורעלער מענטש קאָן שאַפן אַ לירישע ליד, וואָס זאָל זיַין אַפילו ראַפינירט פונעם טעכנישן שטאַנדפּונקט, דאָס הייסט, עס זאָלן זיַין אָפּגעהיט אַלע כּללים פון פּאָעטיק: מעלאָדיע, ריטם, גראַם. דאָס באַטיַיט אָבער נאָך ניט, אַז דאָס איז טאַקע פּאָעטישע שאַפונג, אויב עס איז אין דער ליד ניט אויסגעדריקט אינערלעכע, ריַירנדיקע מענטשלעכע איבערלעבונגען. פאַרקערט, עס קאָן זיַין אַ ליד, וואָס איז ניט גלאַטיק „געמאַכט", אָבער זי איז אויפריַיסנדיק, ליַידנשאַפטלעך. אַזאַ ליד איז מער דיכטעריש, ווי די אויסגעפּוצטע, גלאַטע שורעס פון דער „ריכטיקער", ראַפינירטער ליד, וואָס האָט ניט קיין נשמה.

דאָרע כיַיקינעס דיכטונג איז עכטע ליריק. איר ליד איז מערסטנטייל איידל און באַצייגנט. אַמאָל איז זי „שוואַך געבויט", זי איז אָבער שטענדיק אָנגעזעטיקט מיט לעבן, מיט נאַטירלעכע מענטשלעכע ליידן און פריידן, מיט פּיַין און מיט שטרעבן צו דערגרייכן דאָס געווונטשטע:

ווייסט, ווען ס׳הייבט זיך אָן אַ ליד?\
ס׳קען זיך מאַכן — נאָך אין וויג.

. . . .

ס׳הייבט זיך אָן אַ ליד אין לייד,\
ס׳הייבט זיך אָן אַ ליד אין פרייד,\
ביז די סאַמע לעצטע טריט\
הייבט זיך אַלץ נאָך אָן אַ ליד.

אַזוי קאָן זינגען בלויז אַ דיכטער, וואָס איז זיכער אין זיַין באַרוף. דאָרע כיַיקינע זינגט אויס די ליד פון אַ מוטער, די ליד פון אַ באָבע, די ליד פון אַ פרוי, פון אַ פאַרליבט מיידל, זי זינגט אויס די ליד פון אַ בירגערן, פון אַ דיכטערן, פון אַ טרוימערן. זי זינגט וועגן קינדהיַיט, וועגן יוגנט, וועגן מענטשלעכן גליק און וועגן טרויעריקן באַוווסטזיַין פון דער אָנקומענדיקער עלטער, וועגן דעם אומפאַרמיַידלעכן „פונעם יאַריד"... דער מאָטיוו פון אַלט ווערן פאַרנעמט עפּשער אַ צו גרויס אָרט אין כיַיקינעס ליריק און קלינגט שוין ווי אַן איבערכאַזערונג („איך האָב שוין אויף צוריקוועגס אַ בילעט", „ווען איך קען פון אָנהייב", „מיַין אייניקל טיַינעט אַלץ אָפּטער", „כ׳האָב היַינט אין גאַס", „איך קום צו די פריַינט" און נאָך אַנדערע).

האַגאַם, ווי איך האָב שוין געזאָגט, כיַיקינעס ליריק איז סוביעקטיוו און אינדיווידועל, איז אין איר פאַרקערפּערט גאַנץ בוילעט די ציַיט, די עפּאָכע און די היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע די דיכטערן האָט געזען און איבערגעלעבט. וואָגיק און קלאָר איז אויסגעדריקט דער נאַציִאָנאַלער ווייטיק, די קאַטאַסטראָפע פונעם ייִדישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה („נעמען, פאַרקריצטע אויף שטיין", „דער זעלבער וועג", „באַם דענקמאָל אין בערלין", „אַן אויסשטעלונג אין באָלאָניע"). אָבער אַפילו די דאָזיקע מאָטיוון זיַינען אויך דורכגעדרונגען מיט פּערזענלעכע, מיט סוביעקטיווע און אינדיווידועלע איבערלעבונגען. אין דאָרע כיַיקינעס ליריק

דאָרע כיַיקינע. פון אַלע מיַינע וועגן. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע, 1975.

אין די מילכאָמע, דער אומגליק און די ליידן פונעם פאָלק צונויפגעגאָסן אָרגאניש אין איין גאנצן קאָמפּלעקס געפילן פונעם לירישן העלד, פון דער פּרוי, וואָס וואַרט אַף איר געגאַרטן. די דיכטערן געפינט פּראָסטע ווערטער, וואָס גיבן איבער אָט די איבערלעבונגען פון דער פרוי. מיר הערן קימאַט ניט קיין זיפצן, בלויז בענקשאַפט און פולער באַוווסטזיַין פון דער ציַיט, פולער פאַרשטאַנד פאַר די רעאַלע אומשטענדן און אויך האָפענונג אַף בעסערע ציַיטן:

בלויע ווינטן, ווי אַף אוקראַיִנע,
ס׳פאַלט א שטערן ערגעץ וויַיט אַראָפּ.
אין פאַרנאַכט אין שטילן און אין גרינעם
לאָזט מיַין גרויסער אומרו מיך ניט אָפּ.

איך וועל סיַיוויסיַי אַצינד ניט שלאָפן,
און אין הארצן טוט עפּעס א ריס.
כ׳האָב געלאָזט די טיר אין צימער אָפן,
כאָטש איך ווייס עס זיכער: ס׳איז אומזיסט.

כאָטש איך ווייס, אַז דו וועסט איצט ניט קומען,
כאָטש איך ווייס, אַז דו ביסט איצטער וויַיט.
דאָרט, ווו מינעס שוידערלעכע ברומען,
דאָרט, ווו ס׳גייט א בלוטיק־הייסער שטריַיט.

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

נאָר כ׳וועל היטן טריַי מיַינע געפילן,
אַלע צאַרטע ווערטער זאָגן דיר
אין א ווייכן אָוונט אין א שטילן,
ווען וועסט טאַקע עפענען מיַין טיר.

כיַיקינעס פילאָסאָפישע ליריק וועגן סיידער־האָוילאָם, וועגן די געזעצמעסיקיַיטן אין לעבן, אין דער נאַטור, אין דער געזעלשאַפט, וועגן די ענדערונגען אַרום אינעם זיַינען אויך לויט זייער סטרוקטור, לויטן אינהאַלט געבויט אַף ליבע־ און שטייגער־באַטראַכטונגען. אין דער ליד „אַלציינע בלעטער און אַלציינע שטאַמען” ווערט אַרויסגעזאָגט אַזאַ געדאַנק: „און קיינער וועט די וועלט ניט איבערמאַכן — כאָטש ווייַן, כאָטש לאַך. וועל איך שוין בעסער לאַכן”. גענומען אַן־און־פאַר־זיך, איז דאָס ניט אין איינקלאַנג מיטן פּרינציפּ, אַז די וועלט קאָן מען און מע דאַרף איבערמאַכן. אָבער אין קאָנטעקסט פון דער ליד, ווו עס גייט א רייד וועגן דעם, אַז יונגע מאַמעס ווערן אַלטע באָבעס, אַז קינדער זיַינען ענלעך אַף די מאַמעס, קלינגט שוין גאַנץ נאַטירלעך אויך דער דאָזיקער פּאָסטולאַט.

מיך אַלס לייענער האָבן מער פאַר אַלץ באַצויבערט אין דאָרע כיַיקינעס ניַיעם בוך די לידער וועגן דער נאַטור, די פּייזאַזש־ליריק. די דאָזיקע מאָטיוון זיַינען אָרגאַניש און נאַטירלעך. פאַר דאָרע כיַיקינעס ליד איז בִּיכלאַל פּרעמד מאַנירלעכקיַיט, קינסטלעכע פּרעטענציִעזקיַיט, שיינשריַיבעריַי, געצאַצקעטע ראַפינירטקיַיט. אין די נאַטור־לידער איז כיַיקינעס ליריש וואָרט גאָר פריַי אין אַלע ניואַנסן און באַטיַיטן. קעדיי דער לייענער זאָל באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן דעם רייעך און דעם געשמאַק פון דער דיכטערנס א נאַטור־ליד, וועל איך דאָ ברענגען בלויז איין ביַישפּיל:

כ׳האָב הינטערן וואַלדישן טויער,
אין הויכן, גרויסשטאָטישן מויער
אַף העפקער געלאָזט, צי אַף באָרג
די אַלע טאָגטעגלעכע זאָרגן,
וואָס כ׳הייב מיט זיי אָן מיַין פרימאָרגן,
נאָר כ׳ענדיק מיט זיי ניט דעם טאָג.

ווי כאַוועַ כ׳גיי אום אין גאַניידן.
כ׳טראָג, עמעס, א קאָפּטל, א קליידל
און וויַיסע סינטעטישע שיך.
נאָר עפּל פון ביימער מיר ווינקען
און פייגל די שענסטע מיר זינגען,
אין יאַמען פון זוניקער ליכט.

און אוראַלטע וועוועריקעס ברוינע
זיך וויגן אַף ביימערשע קרוינען,
און כיטרע זיי קוקן אַראָפּ.
די פאָזעמקעס — ברעקלעך רובינען...
וואָס קומט מיר דאָ ניט אַפן זינען?
פון זאָרגן איז פריַי מיר דער קאָפּ.

א זאָרגלאָזע קליַיב איך דאָ שוואָמען,
כ׳געפין אויס א פּאַסיקן נאָמען,
רוף אָן יעדער שוואָם, ווי איך וויל.
איך קוויק זיך מיט וואַלדישע בלומען,
כ׳פאַרקוק אין א טרוקענעם ברונעם
מיט עכטן ראַכמאָנעס־געפיל.

וואָס איז עס? אין שטילן פרימאָרגן
כ׳דערזע אומגעריכט מיַינע זאָרגן,
זיי איַילן צו מיר דורכן גראָז.
איך מיין, אַז דעם וואַלדישן טויער,
צי עפשער די טיר אין מיַין מויער
כ׳האָב ליַיכטזיניק אָפן געלאָזט.

אַזעלכע נאַטור־לידער זיַינען אינעם בִּיכלאַל פאַראַן ניט ווייניק. די דיכטערן פאַרמאָגט א האַרץ און אַן אויג און אַן אויער פאַר די קלאַנגען און שאָרכן און פאַרבן און באַוועגונגען און רייכעס און זאַפטן אין וואַלד און אין פעלד און באַם טיַיך און באַם יאַם. זי נעמט אויף די אויסערלעכע וועלט און גיִט אַן אָפּקלאַנג, אַן ענטפער אַף אַלץ.

איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז כיַיקינע איז ניט בעקויעך צו שאַפן עפּישע דיכטונג. זי האָט שוין געשאַפן ווערק אין דעם געביט. אינעם ניַיעם בִּיכל זיַינען אויך פאַראַן ווערק, עפּישע לויט זייער כאַראַקטער. איך האָב דאָ אין זינען „מיַיסעס פון מיזרעך”, „אַפסניַי... פון אָנהייב...” און אַנדערע. אָבער אויך אָט די ווערק זיַינען לירישער עפּאָס.

און לעסאָף, נאָך איין באַמערקונג. אין דאָרע כיַיקינעס לירישן וואָרט פילט זיך די פאַרבינדונג מיט דער טראַדיציע פון די עלטערע יִדישע סאָוועטישע ליריקער און פריִער פאַר אַלץ מיט האָפשטיינס און פעפערס ליריק. אין דעם איז אויך דער קויעך פון איר אייגענעם, פון קיינעם ניט אָפּהענגענדיקן לירישן וואָרט.

הערש רעמעניק

ווינגעוודיקייַט איז אין דער נאַטור פון זייַן דיכטונג



די דינאַסטיעס פון מו־ליערס און פליטנטרייַבער, סטאָליערס און שנייַדער, טעפּער און פורמאַנעס האָבן ניט געהאַט קיין טע־ווע צו פירן טאָגביכער וועגן זייער ייִכעס. אַזעל־כע טאָגביכער פלעגן שרייַבן אַדללייַט. דער ייִכעס פון די האָרעפּאַשנע מישפּאָכעס איז אייַנגעפּרעסט אין די ציגל פון בינייאָנים, וועלכע זיי האָבן געבויט, אייַנגעשניצט אין די פּאַרקנס אַרום פּרוכט־סעדער, פאַררייַביקט אַף די זייַטלעך פון ביכער, וועלכע זיי האָבן אויסגעזעצט.

„און דאָך איז מייַן ייִכעס־בוים רייַך אין צווייַגן", — זאָגט מענדל ליפשיץ, האָבנדיק אין זין די האָרע־פּאַשנע דינאַסטיעס פון זייַנע לאַנדסלייַט, די אָפּשטאַ־מיקע פון דער ווייַסרוסישער פּאָלעסיע. דערפאַר טאַ־קע דוכט זיך באַם לייענען מענדל ליפשיצעס לי־דער, אַז מע לייענט די אייגנאַרטיקע כראָניק פון זייַן קאַנט. דאָס הייסט קלאָר ניט, אַז אַנדערע קאַנטן פונעם סאָוועטישן לאַנד זייַנען אים פרעמד. אָבער דער קאַנט פון זייַן קינדהייַט, די וויג פון זייַן פּאָע־זיע — די ווייַסרוסישע פּאָלעסיע — איז אים נעענטער פון אַלץ.

פון קינדווייַז אָן האָט מענדל ליפשיץ זיך צוגע־קוקט, ווי די סאַכרים — די פּי־הענדלער טרייַבן דאָס פּי פון דאָרף אין שטאָט אַרייַן, ער האָט געזען די פורמאַנעס, וועלכע פירן געהילץ צום טייַך, די פליטנ־טרייַבער, וואָס בינדן דאָס געהילץ און לאָזן עס שווימען מיטן וואַסער. דאָס ייִנגל האָט געזען מענ־טשן האָרעפּאַשניקעס און מענטשן, וועלכע זשעברע־וען געלט מיט לאַפּעטעס, ער האָט געזען זייַן טאַטן, ווי ער בינדט די פליטן און נאָך אַ גוואַלדיק לאַנגן אַרבעטסטאָג קומט ער אַהיים פּיטש־נאַס און קווי־כעס. די דאָזיקע אייַנדרוקן פון די קינדער־יאָרן האָבן זיך אייַנגעקריצט אין זיקאָרן אַפן גאַנצן לעבן און שפּעטער זייַנען זיי אַרייַן אין די שורעס פון לידער.

דאָס ייִנגל איז אַלט געווען זעקס יאָר, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילכאָמע. ער האָט געזען, ווי די נעכטיקע יאַטן די פליטנטרייַבער, די טעסלערס מיט שטייַפע מוסקלען, די געזונטע טע־פּערס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים קאַליקעס, אָן הענט און אָן פיס, ער האָט געהערט, אַז אַ סאַך פון זיי זייַנען געבליבן ווייַט פון דער היים און זיי ליגן אונטער קוואָרים־בערגלעך. אויך מענדל ליפשיצעס טאַטע האָט ניט דערלעבט ביז דער אָקטיאַבער־רע־וואָליוציע, ווען צו דער וועלט־מילכאָמע האָט געקו־מען אַ סאָף, און די פּאָלעשטשוקעס — אַזוי האָט מען גערופן די טוישווים פון זייַן היים־קאַנט — האָבן באַ־קומען ערד און פרייַהייַט.

דער האָרעפּאַשניק האָט זייַן וועג צום נייַעם לעבן פאַרבונדן מיט לענינס נאָמען, און טאַקע דעם פּי־רער פון די אונטערדריקטע מאַסן וועט דער דיכ־טער דערנאָך ווידמען אַזעלכע באַגייַסטערטע שורעס:

דער גרעסטער פון קעמפער
איז ער דאָ געווען,
דער שטאַרקסטער פון קריגער
איז ער דאָ געווען,
דער וואָרהאַפטסטער טרוימער
איז ער דאָ געווען.
און ווי נאָר ראַסייע
אַרויס איז פון קלעם,
האָט ער זיך פאַרמאָסטן,
אַז זייַן זאָל איר שעם
ניט לאַנד פון דער סאַכע,
ניט קאַנט פון לוטשינע, —
נאָר געגנט פון בראָכע
און קאַנט פון באַגינען.

דעם ייִאַסעם מענדל האָט מען אייַנגעאָרדנט אין איינעם פון די מינסקער קינדערהיימען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שול־יאָרן. דאָס ייִנגל קומט אָן אין אַ פּראָפטעכנישער שול פון מעטאַליסטן און האָלצ־באַאַרבעטונג, גלייַכצייַטיק באַזוכט ער קורסן פון אַלגעמיינער בילדונג. פרי האָט זיך אין אים דער־וועקט דער כיישעק צו שרייַבן לידער. די לידער זייַנען געקומען צו אים אַליין — אומגעבעטענער־הייט, אומגעריכט, ווי עס קומט אינעם פונעם מענטשן די ליבע.

זייַן ערשטע ליד האָט מענדל ליפשיץ אָפּגעדרוקט אין דער מינסקער צייַטונג „יונגער אַרבעטער". ריכ־טיק זאָגט דאָס פאָלק: די בין אַרבעט ניט פאַר זיך. גערעכט איז אויך דער דיכטער, ווען ער זאָגט: ניט פאַר זיך איז זייַן ליד, האַגאַם זי קאָן זייַן אויך וועגן זיך. די לידער פונעם יונגן דיכטער זייַנען געווענדט צו די מענטשן, צו דער וועלט, צום לעבן.

אין 1926 איז מ. ליפשיץ אָנגעקומען אין ווייַסרו־סישן מעלוכע־אוניווערסיטעט. אומגעפער אין דער זעלבער צייַט ווערט ער אַ מיטגליד פון דער דיכטער־גרופּע באַם ליטעראַריש־לינגוויסטישן אָפּטייל פונעם מינסקער פּעדינסטיטוט.

דאָס ערשטע בוך ליפשיצעס „מייַנע און אייַערע לידער" איז אַרויס אין 1930. אינעם זעלבן יאָר האָט ער געענדיקט דעם אוניווערסיטעט. פון דעמלט אָן גייט זייַן וווּקס אַלס דיכטער לויט אַ שטייַגנדיקער ליניע, באַרג־אַרויף. מע דרוקט אים אין זשורנאַלן, יעדעס יאָר דערשייַנט זייַנס אַ לידער־בוך.

פון די זייַטן פונעם רעצענזירטן בוך קוקט אַפן לייענער אַ ליבנסווירדיקער מענטש, וואָס האָט פיל איבערגעלעבט, אַן אופריכטיקער מיטשמועסער. אַ דיכטער, וועמעס ליד איז אָן קונצן און האַרציק.

מיט פּאָשעטע ווערטער פאָרמולירן אַ נייַעם, פרישן געדאַנק, אַנטדעקן עפּעס אומגעוויינלעכס אינעם סאַ־מע געוויינלעכן — דערין זעט מענדל ליפשיץ זייַן שעפערישע אויפגאַבע. און די דאָזיקע אויפגאַבע איז ווייַט ניט אַזוי פּאָשעט, ווי דאָס קאָן זיך אויסדוכטן אַפן ערשטן קוק.

אַף שריט און טריט לייענען מיר די טראַפּאַרעטע

Мендель Лифшиц. Самой светлой стране. «Советский писатель», Москва, 1975.

וואָרענונגען: גייט איר אוועק, פאַרלעשט די שײַן, פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. צי קאָנען אַזעלכע אופשריפטן, וועלכע האָבן ניט מער ווי אַן אוטיליטאַרע באַדײַטונג, זײַן אינטערעסאַנט פאַר אַ קינסטלער? ווײַזט זיך אַרויס, אַז יאָ:

דו ביסט אַרײַן — די טירן עפן ברייטער,
דו ביסט אוועק — צינד אָן נאָך זיך אַ פלאַם.

דער אורשפּרינגלעכער זין פון די ווערטער ווערט ברייטער. לעכאַטכילע האָט מען מיט זיי געמיינט דעם געגעבענעם מאָמענט, נאָר די פּאָעזיע האָט זיי צעצויגן אויף אַ לאַנגער צײַט — אויפן גאַנצן לעבן. די טיר דאַרף זײַן אָפן פאַר יענע, וועלכע גייען הינטער דיר; דו גייסט אוועק פונעם לעבן, לאָז איבער נאָך זיך אַ ליכטיקן אָנדענק...

אין דער שפּראַך זײַנען אַרײַן אינטריגירנדיקע הײַנטצײַטיקע באַגריפן: „פליִענדיקע טיי־שעלעכלעך", „פליִענדיקע טעלער". מענדל ליפשיץ פירט זיי אַרײַן אין זײַנע לידער. אָבער צוזאַמען מיט די טיי־שעלעכלעך און טעלער, וועלכע „פליִען פונעם קאָסמאָס", זעט מען אין זײַן ליד דעם דאַמף פון אַ ביז גאָר רעאַלן טיי־טעפּעלע. דער דיכטער זעט די קרומע געסלעך, איבער וועלכע עס האָבן זיך געצויגן פורן. ער געדענקט זיי פון די קינדער־יאָרן. איצט, אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום, רײַסט זיך אַרײַן אין שטייגער דער ווינט פון דיכטונג. און איר הערט דעם גרילץ פון די פורן. זיי קלינגען רעאַל און אין דער זעלבער צײַט ווי אַ פאַנטאַסטיש מײַסעלע.

אַמאָל־אַמאָל, אין די ווײַטע קינדער־יאָרן, האָט מענדל ליפשיץ געזען, ווי פויערטעס ווײַסן לײַן. דאָס געזעענע האָט זיך אים טיף פאַרגעדענקט. אין אַ סאַך יאָרן אַרום שרײַבט ער:

עס קומט נאָיאַבער אָן. זײַן דינעם לײַן
ער שפּרייט אַ ברויגעזער אויף אַלע שליאַכן,
פאַרוואָס זשע איז מיר ליב זײַן קאַרגע שײַן.
גלײַך ווי דער שענסטער פרילינג זאָל איצט וואַכן.

אָט אַזוי טיילן זיך אויס אין דעם דיכטערס פּייזאַזשן די האַרעפּאַשנע מידעס, וועלכע עס האָט אין אים דערצויגן די אַטמאָספער פון זײַן היים־קאַנט פּאָלעסיע. אין זײַנע שורעס פילן מיר די שורשערײַ פון די ווײַסרוסישע וועלדער, אין די לידער וואַקסט אויס דאָס סימפּאַטישע געשטאַלט פון זײַן לײַבלעך־אייגענעם ווײַסרוסלאַנד („מײַן וויג איז געווען ווײַסרוסלאַנד").

דער דיכטער האָט מוירע פאַר שיינע רייד. ער געפינט הייסע ווערטער וועגן דער מאַמען, וועגן דער פרוי און דעם זון, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די יאָרן פון דער פאַשיסטישער מאַגייפע. און זײַן פּערזענלעכן ווייטעק פלאַנצט ער אַריבער אין דעם האַרצן פונעם פאָלק. „דו הערסט מײַן ווייטעק? קום צו מיר" — אָט דאָס פּאָשעטע, ווי אין געוויינלעכן שמועס אַרויסגערעדטע וואָרט באַקומט אונטער דעם דיכטערס פּען דעם קויעך פון אַ גלאָקן־קלאַנג. אונדזער האַרץ פאַרמאָגט אַן אייגענעם ווילן — „לעבן מיטן ווייטעק קען עס ניט". טראָץ די שווערע איבערלעבונגען, מיט וועלכע עס זײַנען פול מענדל ליפשיצעס לידער, איז בײַ אים דער פּאָעטישער בנין אַ האַרמאָנישער. זינגעוודיקײַט איז אין דער נאַטור פון זײַן דיכטונג.

„יעדער דיכטער האָט זײַן שפּראַך", — זאָגט מ. ליפשיץ. און די דאָזיקע באַהויפּטונג רעאַליזירט ער אין זײַן דיכטונג. מענדל ליפשיצעס פּאָעטישע שפּראַך האָט איר מאָקער: די פאָלקסטימלעכע זינגעוודיקײַט און קלוגשאַפט, דער נוסעך פון דער טאָגטעגלעכער רייד־שפּראַך. דאָס, וואָס אינעם פאָלקסווערטל ווערט געגעבן בלויז אַלס רעמעז, וויקלט דער דיכטער ברייט פאַנאַנדער און עס באַקומט זיך אַ פולשטענדיק פאַרענדיקט בילד.

ס'האָט פון גליק געזונגען מענדל,
איז פאַרבליבן אַ דערמאָנונג.
ניי אויס בינען אויף מײַן העמדל,
אין מײַן האַרצן האָב איך האָניק.

דאָס לעבן האָט אַלץ געטאָן מיטן העלד פון דער ליד: האָט אים געבראָכן, געפּרוּווט מיט שווערע ליידן, אָבער זײַן האַרץ איז געבליבן „ריין, ווי שטענדיק", און, ווי שטענדיק, האָט ער געבעטן, מע זאָל אויסהאַפּטן אויפן העמד אַ בין — דאָס האַרץ איז פול מיט האָניק. אין אַ צווייט אָרט לייענען מיר: „געלאָדענע וועגענער אין הויף, דער טאַם פון ווײַן און האָניק אויף די ליפּן". אין אַ דריט אָרט: „איך וויל פאַרזוכן דעם טאַם פון אַן אויגנבליק". מיר זעען דאָ פאַר זיך אַ מענטשן מיט הייסן לעבנסלוסט, וועלכער האָט געקענט מישן „ווייטעק און הונגער מיט צערטלעכקײַט און שיינקײַט".

דער מענטש קאָן לעבן מיטן געפיל, אַז ער האָט „די וועלט באַרײַכערט ווי ער האָט געקאָנט, נאָר אַליין איז ער געבליבן אַ קאַפּצן". אויב מע זאָל פון אַזאַ פּאָזיציע צוגיין צו מ. ליפשיצעס פּיליאָריקער אַרבעט, וועלן מיר זען, אַז מער פאַר אַלץ שאַצט ער דעם קויעך פון אויסגעהאַלטנקײַט. בײַקומען דעם אומעט, די איינזאַמקײַט, די צעשיידונג מיט דער געליבטער, די פּסיכאָלאָגישע דיסטאַנץ צווישן מענטשן און פעלקער. אויסגעהאַלטנקײַט! — דאָס איז דער פּאַטאָס פונעם לעבן, וואָס ווערט דער פּאַטאָס פון פּאָעזיע.

דעם דיכטער ווילט זיך, אַז בײַ אים זאָלן אויסוואַקסן אַזעלכע הענט, ער זאָל קאָנען אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, אַזעלכע אויערן, ער זאָל הערן די נײַע, פילזאָגנדיקע „וויגליד" פון דער אַלוועלט.

גיט אַ פינקל אַ טראָפּן טוי אויפן בלימעלע, זעט ער דעם הימל אין בריליאַנטן. גיט אַ זונג אַ פייגעלע אין די צווײַגן, הערט ער די באַגײַסטערטע פרימאָרגן־ליד. ער קלײַבט נאַכעס פון דער וועלט:

איך וויל זאָגן פּראָסט און באַשיידן:
גיט מיר די וועלט, נעמט צו דעם גאַניידן.

עס דערמאָנען זיך יעסענינס ווערטער: „איך וועל זאָגן: מע דאַרף ניט קיין גאַניידן! מײַן היימלאַנד גיט מיר". די ערדישע וויג פון דער מענטשהײַט איז אַן ענדלאָזער קוואַל פון באַגײַסטערונג פאַר נײַע און נײַע דוִרעס דיכטער. דאָס איז אָבער ווייניק. צוזאַמען מיט דער ליבע צו דער ערד נעמט אויף זיך דער דיכטער די אַכרײַעס פאַרן לעבן אויף דער ערד. איז דאָס דען ניט די שענסטע און דאַנקבאַרסטע אויפגאַבע פאַר דעם שעפער פון לידער!

לעוו אָזעראָוו

זוימען פון גוטסקײַט

אינעם פאַרלאַג „דיעטסקאַיאַ ליטעראַטוראַ" איז דערשינען שיקע דריזס בוך לידער „מײַן לידעלע".* האגאם די היפשע זאַמלונג האָט זיך געגרייט צום דרוק שוין נאָכן טויט פונעם דיכטער, קאָן מען זי בעפֿיירעש האַלטן פאַר אַ נײַער. און ניט ווײַל אין איר זײַנען אײַנגעשלאָסן פיל לידער, וועלכע זײַנען איבערגעזעצט אַף רוסיש צום ערשטן מאָל, נאָר אויך דערפאַר, וואָס צונויפגעשטעלט און פאַרטראַכט איז זי אַזוי, אַז מיר באַקומען אַ מעגלעכקײַט צו דערזען און איבערלייענען עטוואָס אַנדערש דאָס, וואָס מיר האָבן שוין, דוכט זיך, געוווּסט פון שיקע אַנדערע ביכער.

פיל יאָרן האָט דער דיכטער געשריבן לידער וועגן דעם פריילעכן און נײַגעריקן פאַנטאַזיאָר ענעק־בענעק. און געוועזן זײַנען דאָס באַזונדערע לידער, וואָס אייניקע פון זיי זײַנען מער געפעלן, אַנדערע — ווייניקער. אָבער אָט האָט מען זיי צונויפגעזאַמלט איניינעם, זיי האָבן ווי געשאַפן אַ ביכעלע אינעם ביכל — „אַלץ וועגן ענעק־בענעקן" — און ס'האָט זיך באַקומען אַ לעבעדיק געשטאַלט פון אַ קונדעס, אַ פרײַע און ליכטיקע ייִנגלשע קינדהײַט מיט שפּילעס און קאַשעס, מיט ייִשעוו־האַדאַסן, פריידן און ליידן, מיט אַן אָפן האַרץ צו באַגרײַפן די וועלט.

אין דעם דאָזיקן ציקל אַנטשטייט פאַרן לייענער דאָס, וואָס די קינדהײַט האָט פאַרהיט אין איר זיקאָרן און וואָס עס האָט איבערגעלעבט אַליין דער פּאָעט.

ש. דריזס לידער זײַנען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט. זיי זײַנען פאַרכאַפּנדיק סײַ מיטן ברייטן ספּעקטער פון גוטע געפילן, סײַ מיט אַ באַזונדערער מאָראַלישער געזונטקײַט, מיט דער דורכגעטראָגענער דורכן גאַנצן לעבן קינדערישער גרייטקײַט זיך כידעשן און זיך באַגײַסטערן, מיט דער וווּנדערלעכער אויסדריקלעכקײַט און מיט דעם שפּרודלדיקן הומאָר, וואָס שאַפט אַ באַזונדערע פילקלינגעוודיקײַט פון דער דיכטערישער אינטאָנאַציע. די באַזונדערע אייגנאַרטיקײַט פון ש. דריזס דיכטונג באַשטייט אין אַ מין בערייטשעסדיקײַט, אורקוואַליקײַט, ווי די לידער וואָלטן געבוירן געוואָרן אויסער וועלכע־ניט־איז ליטעראַרישע טראַדיציעס, ווי פון זיך אַליין. דערפאַר אָבער פילט זיך בוילעט אין זיי די ווירקונג פון די פאָלקס־טראַדיציעס, פונעם פאָלקלאָר.

פאַר דער הײַנטצײַטיקער קינדער־דיכטונג איז די דאָזיקע דערשײַנונג ניט קיין אָפטע. און די זאַך באַשטייט, ווײַזט אויס, ניט בלויז אין די אייגנאַרטיקײַטן פון ש. דריזס באַגאַבונג, נאָר אויך אין דעם, וואָס פאַר אַ גוירל עס איז אים אויסגעפאַלן.

די קינדער־יאָרן האָט דער דיכטער פאַרבראַכט אין אַ קליין ייִדיש שטעטעלע אַף דער אוקראַיִנע. אין דאַכקעס האָט געלעבט די מישפּאָכע דריז, אין אָרעמקײַט האָבן געלעבט אויך די שכיינים — באַלמעלאָכעס פון פאַרשיידענע פאַכן. לעבן דעם ייִשעוו איז קיין וואַלד ניט געווען, און בא די הײַזקעס האָט מען קיין בלומען ניט געזייט. אַלץ אַרום איז געווען גרוי און עלנט. אין שטוב — פינצטער. קיין ביכער זײַנען ניט געווען, ניט געווען קיין שפּילעכלעך. דאָס ייִנגעלע פלעגט שאָענווײַז זיצן אַפן ענגן שטויביקן בוידעם. די זאַכן, וועלכע זײַנען געווען אָנגעוואַלגערט און צעוואָרפן אַרום, פלעגן באַקומען אַן אויסטערלישן אויסזען.

זייער אַ סאַך מײַסעלעך, מעשאָלים און לידער האָט געוווּסט די באָבע. זי האָט ליב געהאַט צו דערציילן זיי דעם אייניקל, אַרײַנפירנדיק אין אַן אַלטער מײַסע אַלעמאָל עפּעס נײַס. טשיקאַווע געשיכטעס פלעגן דערציילן דער סטאָליער, דער טעסלער, דער שמיד, דער זייגערמאַכער. זיי האָבן ליב געהאַט זייער אַרבעט, און דערפאַר זײַנען די געשיכטעס געווען פּאָעטישע און פריילעכע.

טראַדיציעס, ריטואַלן און מינהאָגים, דער באָבעס מײַסעלעך און לידער, די דורכגעטריבענע באַלמעלאָכעס מיט די שאַרפע צינגער און זייערע שיינע געשיכטעס — דאָס אַלץ האָט זיך פאַרקאַרבט אינעם מויעך פונעם דיכטער, פאַרבליבן אין זיקאָרן, קעדיי שפּעטער אין אַ באַרײַכערטער פאָרם ווידער אויפלעבן אין זײַן שאַפונג. פונדאַנען שטאַמט שיקע דריזס טיפער אָפּשײַ צום אַרבעטס־מענטש, זײַן שטרעבונג צו דערציילן אָפנהאַרציק און ליריש־וואַרעם וועגן פּאָשעטע פּראָפעסיעס. פונדאַנען קומען זײַנע העלדן — אַ שמיד, אַ וואַסערפירער, אַ שאָפער, אַ פאַרבער. פונדאַנען זײַנען אויך די כעלעמער נאַראָנים; פונדאַנען איז אויך דעם דיכטערס זאָרגעוודיקע שטרעבונג איבערצוגעבן דעם קליינינקן לייענער זײַן אייגענע גוטסקײַט און וואַרעמקײַט, לערנען אים שטענדיק זײַן אָפנהאַרציק און ערלעך.

גאַלינע פּעטראָווא

---

* О. Дриз. Моя песенка. Изд. «Детская литература», М., 1973.

ארן ווערגעליס

נאָטיצן אָן א סיידער

דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש רעדאַגירט די זאַמלונג „נײַע יִדישע לידער"

שאָסטאַקאָוויטשן עפּעס פאַרצושלאָגן פלעגט זײַן „געפּערלעך": ער האָט ניט געוווּסט פון דערווידערן — מיט אַלץ גרייט געווען מאַסקים צו זײַן, בלויז געצווייפלט, צי ער „טויג דערצו", און אויב מע האָט אים געזאָגט, אַז יאָ, ער טויג, האָט ער מיט דאַנקבאַרקייט אײַנגעשטימט. געוויינלעך פלעגט גיין א רייד, אַז ער זאָל אָפּגעבן צוליב עפּעס־וואָס זײַן צײַט און זײַנע קויכעס.

אַרײַנקומענדיק איינמאָל צו אים אינאיינעם מיטן קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, האָב איך געהאַט שוין צוגעגרייט א גאַנצן פּאַק אַרגומענטן לעטויוועס אַרויסגעבן אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר" א זאַמלונג נײַע יִדישע לידער אונטער זײַן, שאָסטאַקאָוויטשעס, אַלגעמיינער רעדאַקציע. דער פאַרלאַג איז אין יענער צײַט געווען פאַרוואָרפן מיט מאַנוסקריפּטן, דערצו נאָך האָט מען די פלענער שוין צונויפגעשטעלט אויף עטלעכע יאָר פאָרויס, און דאָס אַראָפּוואַרפן אַהין, אַזוי צו זאָגן, אונדזער דעסאַנט האָט געקאָנט האָבן האַצלאָכע בלויז בא דעם באַדינג, אויב דער ערשטער פּאַראַשוט וועט זײַן שאָסטאַקאָוויטשעס.

— דמיטרי דמיטריִעוויטש, ס'איז פאַראַן בא אונדז א באַגאַבטע מאַכנע יִדישע קאָמפּאָזיטאָרן...

— ווייניק צו זאָגן באַגאַבטע! גענוג אָנרופן לעוו מיכײַלאָוויטשן! און סענדערייען... איך בעט אײַך, וואָס מאַכט סענדעריי?

— סײַ לעוו פּולווער, סײַ סאַמויִל סענדעריי, און אויך א גוטער צענדליק אַנדערע יִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, האָבן פאַר דער לעצטער צײַט געשאַפן נײַע לידער...

— נײַע יִדישע לידער... דוכט זיך, אַז איך פאַרשטיי, מיט וואָס דער יִדישער מעלאָס שיידט זיך אונטער פון אַלע אַנדערע. א פרייִלעכער מאָטיוו איז בא יִדן טאָמיד געבויט אויף טרויעריקע אינטאָנאַציעס... איר וועט פון מיר לאַכן. איך ווייס, איר וועט לאַכן... נאָר אַנטשולדיקט, אַזוי איז עס דאָך: א פאָלק איז ווי א מענטש... פאַרוואָס נעמט דאָס פאָלק מיטאָמאָל אונטערמורמלען א פרייִלעכע ליד? ווײַל אויפן האַרצן איז טרויעריק...

אויף זײַן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן יענער אויסדרוק פון פיזישער אומבאַהאָלפנקייט, וועלכער פלעגט בא אַלעמען, ווער עס האָט אים נאָענט געקענט, אַרויסרופן אַלעמאָל א חידוש, ווײַל אומבאַהאָלפנקייט האָט ניט געפּאַסט צום אויסערגעוויינלעכן שעם, מיט וועלכן ס'איז אין דער גאָרער וועלט געווען אַרומגערינגלט זײַן נאָמען. איידער פאַרגעבן מיר די „סאַמע שווערסטע פראַגע", האָט ער דורכגעמאַכט די כאַראַקטעריסטישע פאַר אים באַוועגונג מיט דער לינקער האַנט: צוערשט זיך צוגערירט צו דער באַק, דערנאָך מאַשינעל־גיך א קוועטש געטאָן אויפן נאָז־בויגן פון די ברילן און צוגעגלעט די האָר אויף דער לינקער זײַט פונעם קאָפּ.

— איר ווילט, אַז די לידער זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן אין „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר"? — האָט ער ניט זיכער זיך אָנגעפרעגט.

— צוליב דעם וועט איר מוזן, דמיטרי דמיטריִעוויטש, אָנשרײַבן אין פאַרלאַג, אַז איר זײַנט מאַסקים זײַן דער רעדאַקטאָר...

— צי איך בין מאַסקים? און וואָס וועלן זאָגן די קאָמפּאָזיטאָרן? וואָס וועט זאָגן לעוו מיכײַלאָוויטש?

— אַלע בעטן אײַך.

— א דאַנק... שטאַרק גערירט. שטאַרק.

אַרומשפּאַנענדיק א פאַרכושטער איבערן צימער, האָט ער געפרעגט:

— וואָס וועלן מיר טאָן?

— אויב איר ווילט אויסהערן די לידער, דאַרפן, ווײַזט אויס, די קאָמפּאָזיטאָרן א פאָר מאָל זיך פאַרזאַמלען דאָ בא אײַך...

— אָ, איך וועל זײַן צופרידן...

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעט אויף צונויפשטעלן דעם זאַמלבוך איז זייער א קאָמפּליצירטע. שאָסטאַקאָוויטשעס אַרבעטצימער אינעם פאַרבאַנד פון די קאָמפּאָזיטאָרן פון דער רוסלענדישער רעפּובליק, וווּ ער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר, פלעגט טאָגטעגלעך פאַרפולן א היפּשער אוילעם — לייב יאַמפּאָלסקי, זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, לייב פּולווער, יאַנקעוו שטערנבערג, אָטיליע ליכטענשטיין, שיקע דריז, שלוימע ראַבינאָוויטש, שמועל סענדעריי, לייב בירנאָוו, אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן און שרײַבער, ווי אויך עטלעכע יִדישע זינגער און די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע זײַנען געווען באַופטראָגט צו אָרגאַניזירן די באַגעגענישן.

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11, 1971, נומ. 11, 1972, נומ. 6, 1973, נומ. 1, 1974, נומ. 2, 1975.

ווען די לידער־זאמלונג איז שוין געווען צו־נויפגעשטעלט, האָב איך, אלס ליטעראַרישער רעדאקטאָר, געבעטן שאָסטאקאָוויטשן, ער זאָל אָנשרײַבן אן ארײַנפיר. דמיטרי דמיטריִעוויטש איז מאסקים געווען, צווייפלענדיק דערבײַ, אף זײַן אויפן, צי ער „טויג דערצו". באם באהאנד־לען דעם איניען האָט ער דערווײַל גענומען ריידן וועגן דער ייִדישער מוזיק אזוי קלאָר און פּאָשעט, אז איך האָב ניט אויסגעהאלטן:

— דאָס איז דער ארײַנפיר! לאָמיר גיכער אים פארשרײַבן אף פּאפּיר!

ס'האָט זיך באקומען אָט וואָס:

„אלע מאָל, ווען עס באווײַזן זיך נײַע אייגנ־ארטיקע נאציאָנאלע לידער, רופט עס בא מיר ארויס א געפיל פון פרייד. די ייִדישע פאָלקס־מוזיק איז אן אוניקאלע לויט איר עמאָציאָנעלן אויסדרוק. אירע אָפּקלאנגען הערן זיך אין די ווערק פון פיל גרויסע וועלט־קאָמפּאָזיטאָרן.

אין אונדזער צײַט לעבט און אנטוויקלט זיך די ייִדישע ליד. א נײַער באווײַז דערפון איז די דאָזיקע זאמלונג, אין וועלכער עס זײַנען אײַנגעשלאָסן ווערק, וואָס עס האָבן געשאפן פאר די לעצטע יאָרן סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן.

איך ווינטש די נײַע ייִדישע לידער א מאזל־דיקן וועג.

דמיטרי שאָסטאקאָוויטש".

אין דער דערשינענער זאמלונג („נײַע ייִדישע לידער". אלפארבאנדישער פארלאג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר". מאָסקווע, 1970) איז די דאָזיקע ארויסזאָגונג פונעם גאוניאלן מוזיקאנט אויסגע־זעצט אף ייִדיש און אף רוסיש.

געדאנקען, וועלכע קומען אויף באם אויספּאָרן א וועלט

איך מאָל זיך אויס אזא מין פאל:

א פען־מענטש — א שריפטשטעלער אָדער א זשורנאליסט — קערט זיך אום אהיים נאָך א רײַזע איבער לענדער פון דער וועלט, און ער פירט מיט זיך אין זײַן נאָטיץ־ביכל אזעלכע פארצייכענונגען פונעם וועג, וועלכע זײַנען ניט מער ווי טוריסטישע פּראָספּעקטן.

אין אזא פאל, מיין איך, וואָלט בא קיינעם ניט ארויסגערופן קיין דערווידערונג, אויב אין דער טאמאָזשניע, בײַסן קאָנטראָל, זאָל אָט דאָס נאָטיץ־ביכל קאָנפיסקירט ווערן, ווי אן אונ־טערגעמאכטע זאך, וועלכע ס'איז ניט ווינטשנס־ווערט ארײַנצופירן.

וואָס אָנבאלאנגט מיך פּערזענלעך, לאָז איך זיך אוועק אין א רײַזע קיין אויסלאנד בלויז דאן, ווען איך פיל א באדערפעניש סײַ צו זען, ווי־אזוי עס לעבן די מענטשן אין דעם אנדערן לאנד, סײַ צו דערציילן יענע מענטשן וועגן דעם לעבן אין מײַן אייגן לאנד.

ספּעציעל, ווען איך פאָר ארויס אין פרעמדע מעקומימעס, שפּיר איך מיט א באזונדערער אָנ־שוילעכקײַט, אז איך בין א ייִדישער דיכטער און אז איך בין איינער פון די צוויי מיט א האלבן מיליאָן ייִדן, וועמענס היימלאנד איז דער סאָוועטנפארבאנד. אין דעם זע איך אײַן די סיבע, פארוואָס עס האָבן א זין מײַנע באגעג־נישן און קאָנטאקטן אין דעם לאנד, וווהין איך קום אף א קורצער צײַט.

א רײַזע איז איינע פון די פאָרמען פון פּאָ־לעמיק. דער רײַזנדער פירט ארויס אײַנדרוקן, — דאָס איז ריכטיק, אָבער ער לאָזט אויך איבער אײַנדרוקן, דאָס הייסט — ער איז א שאליִעך פון דער סוויווע, פונוואנען ער קומט. אין פאָלק זאָגט מען: אפילע אז א פייגעלע פליט דורך, לאָזט עס אויך א פעדערל...

איך בין אויסגעווען אין א פּאָר צענדליק לענדער פון דער וועלט, און אף דעם אָדער אנדערן אויפן — דורך נאָטיצן אינעם טאָגבוך, דורך מאָמענטאלע פארצייכענונגען אָדער דורך בריוו אהיים — האָב איך געלאָזט א שפּור פו־נעם געזעענעם און איבערגעלעבטן. די געשעענישן זײַנען פאָרגעקומען, בייס אף דער אינטערנא־ציאָנאלער ארענע איז געשטאנען א שלעכטער וועטער — אין די זעכציקער און אין די ערשטע זיבעציקער יאָרן. באזונדערס איז עס שײַך דעם וועטער אף דער „ייִדישער גאס", ווו — צום אומגליק — דער קאלטער קריג האָט זיך פארהאלטן מערער איידער אין דער גרויסער וועלט, און ער דויערט נאָך ביז איצט, און ווו די אנטיסאָוועטישע רעאקציע, די ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן זײַנען, געגוי אין אָט די יאָרן, געוואָרן די אונטערוואָרפער פון טעליִענדיקע האלעוועשקעס אפילע דאן, ווען דאָס גאנצע פײַער האָט שוין געהאלטן אין פארלאָשן ווערן...

אין דער דאָזיקער אומגעבונג איז מיר, דעם סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער, דעם סאָוועטישן ייִד, אָנגענעם צו שפּירן, אז יעדע רײַזע מײַנע איז א טיילכל פונעם קאמף קעגן דעם בייזן.

דער געפיל פון שטאָלץ פון א סאָוועטישן מענטשן זאָגט אונטער צו קומען אין די אויס־לאנדס ניט ווי אן אוירעך און אויך ניט ווי א מעשולעך, אזא, וואָס פאָרט ארום זאמלען געלט פאר פילאנטראָפּיע; ניט וואָגלען, ניט בלאָנקען, ניט וואנדלען, נאווענאדעווען, שנאָרן, קאלענ־דרעווען — ווי א בראָדיאגע פון דער באָסע־קאָמאנדע; ניט טראָגן זיך, טעלעבענדען זיך, ארומשליאָנדרעווען. דאָס זאָלן טאָן יענע, וואָס זײַנען מעשאָרסים בא פרעמדע באלעבאטים.

דער סאָוועטישער מענטש, וועלכער וואָרפט אָפּ דעם אלטן קלאָל, אז דער שענסטער שפּאציר איז פאר דער אייגענער טיר, טראָגט מיט זיך אין אן אנדער לאנד זײַן הויכן עמעס, זײַן נײַעם וועלט־באנעם.

מיט אזא באגאזש איז אוודע ניט קיין שווע־רע מי דאָס אויספּאָרן א וועלט.

ווי.אַזוי עס איז געשטאָרבן נ. אויסלענדער

נאָכעם אויסלענדער איז געווען זייער אַן עלנטער מענטש. צוביסלעך זײַנען אים אָפּגעשטאָרבן קימאַט אַלע נאָענטע: צוערשט דער שוואָגער און נעשאָמע־קרוויוושער פרײַנט עזראָ פֿינינבערג, שפּעטער די לעבנס־באַגלייטערן מירע כענקינע, צולעצט פֿינינבערגס פרוי און כענקינעס שוועסטער יעווע... ווען ס'האָט אין מאָסקווע זיך געעפֿנט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", איז „קיראָוו־גאַס, 17" געוואָרן, אייגנטלעך, זײַן איינציקע היים.

ער האָט פֿאַרן זשורנאַל ניט געקאַרגט און ניט געזשאַלעוועט קיין צײַט און קיין קויכעס. אויב ס'איז טאַקע עמעס, אַז שוין די סאַמע ערשטע טריט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרמאָגן מאַסשטאַב, איז עס אין אַ גרויסער מאָס זײַן פֿאַרדינסט.

דער אויפֿן, ווי.אַזוי אויסלענדער איז געשטאָרבן, האָט מיך דערשיטערט.

אין אָט דעם הארבסטיקן נאָכמיטיק בין איך געקומען אים צו באַזוכן אין אָנקאָלאָגישן שפּיטאָל. ס'איז שוין דאַן געווען באַוווּסט דער טרויעריקער אויסגאַנג פון דער כירורגישער אָפּעראַציע, און האַגאַם אין אַזעלכע פֿאַלן איז קלאָר, אַז דעם כוילעס טעג זײַנען געציילטע, האָב איך וועגן דעם ניט געטראַכט: ניוקע, ווי איך און אַלע איבעריקע מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן אים גערופֿן, איז אַליין געווען אַ דאָקטער, און, ליגנדיק אין שפּיטאָל, פֿלעגט ער טײַנען, אַז וואָס־וואָס, נאָר די פֿאַראָלן פונעם מאַלעכהאַמאָוועס ווייסט ער, און דערווײַל איז דאָס „ניט מער, ווי אַ וויזיט־קאַרטל"...

אין וואַרט־זאַל פונעם שפּיטאָל האָב איך זיך געטראָפֿן מיט זײַנער אַ קרויווע, וועלכע האָט מיר געגעבן אַ כאַלאַט און צוגעזאָגט אָפּצוהאַלטן זיך פון גיין אין דער פּאַלאַטע, קאָלזמאַן איך וועל דאָרט זײַן. אויסלענדער איז געלעגן ניט אין יענעם צימער, ווו איך פֿלעג אים באַזוכן פֿרי.ער. די מעדיצין־שוועסטער, וואָס האָט מיך אַרײַנגעפֿירט צו אים, האָט פֿאַרטרוילעך מיר געזאָגט: „די אָפּעראַציע איז אַן ענדגילטיקע". איך האָב אים געטראָפֿן ליגן אויפֿן רוקן, די אויגן צוגעמאַכט. ער האָט גלײַך גענומען ריידן, ניט רעאַגירנדיק אויף אַלע מײַנע פּרוּוון צו דערוויסן זיך, ווי.אַזוי ער פֿילט זיך. זײַנע ערשטע ווערטער זײַנען געווען:

— איך קאָן ניט מאַסקים זײַן מיטן ווערטל, אַז ווען דער מענטש איז געזונט, האָט ער אַ סאַך דײַגעס, און אַז ער ווערט קראַנק, האָט ער איין דײַגע...

און דײַגעס האָט ניוקע געהאַט גאָר פון אַ געזונטן מענטשן. ס'איז אים שווער, האָט ער זיך געקלאָגט, ליגן אַזוי־אָ אָן אַרבעט. ער בעט, אַז ווען איך קום צו אים „אַהער, הינטער דער ווײַסער טיר", זאָל איך ברענגען מיט זיך „עפּעס צו טאָן". אָט, לעמאָשל, האָט ער זיך היינט דערמאָנט, אַז ס'איז געוואָרן פּונקט פֿופֿציק יאָר, זינט אָשער שוואַרצמאַן האָט אָנגעשריבן די ליד „און ס'וואָלט דעם סאָד באַנאַכט די ערד דערציילט די ווינטן שטילערהייט"... איז עפּשער קעדײַ איבערדרוקן די ליד אין „סאָוועטיש היימלאַנד", און ער, אויסלענדער, וואָלט אָנגעשריבן אַן אַרײַנפֿיר. האַלטנדיק אַלץ צוגעמאַכט די אויגן, — איך האָב אַ פֿאַרדאַכט, אַז ער האָט זיי שוין מער, ביזן לעצטן אָטעם, ניט געהאַט קיין קויעך צו עפֿענען, — האָט ער אַרויסגעוויזן אין אָט דער מינוט אויסערגעוויינלעכע גײַסט־אַקטיווקײַט. דער שטערן האָט זיך באַ אים, גאַנץ אָנשוילעך פֿאַר מיר, אָנגערוקט טיפֿער איבער די אויגן, די מויל־ווינקלען זײַנען לענגער און שאַרפֿער געוואָרן, און זיי האָבן פּונקט ווי צוגעקייטלט זיך צו די ראַנדן פונעם שטערן, און איך האָב דערהערט דײַטלעך אַרויסגערעדטע, פּראָפֿעסאָריש־פֿאָרמולירטע ווערטער (נ. אויסלענדער האָט געהאַט דעם טיטל פּראָפֿעסאָר):

— אָפּט זאָגט מען, אַז דער ליבע־רענעסאַנס אין דער ייִדישער דיכטונג האָט קאַטאַסטראָפֿאַל פֿאַרשפּעטיקט. די גריכן האָבן געהאַט פּעטראַרקעס ליבע־ליריק מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר פֿרי.ער, איידער שוואַרצמאַן האָט מיט ייִדישע קלאַנגען אויסגעזונגען דאָס רענעסאַנס־אַרטיקע „כ'וואָלט אויפֿן העכסטן פֿעלדזן־שפּיץ אַרויפֿגעגאַנגען, זיך געשטעלט צו לאָזן וויסן מיט אַ בליק אַ האַלבער וועלט: זי האָט מיך ליב! זי האָט מיך ליב!" —

ניוקע האָט דורכגעלייענט אויף אויסנווייניק די דיכטערישע סטראָפֿע אַזוי פֿליסיק, פּונקט ווי פֿאַר אים וואָלט געלעגן אַן אָפֿענער בוך מיט אָט דער ליד. ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער פֿאָרגעזעצט:

— אײַ, מע דאַרף ניט מישן איינס מיטן אַנדערן. אָשערס ליד איז געווען דער אָנזאָג פון אַ נײַעם ליבע־רענעסאַנס אינעם ייִדישן שטעטל. און וואָס איז שײַעך דעם פֿאַרגלײַך מיט פּעטראַרקען, איז אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר פֿאַר אָט דעם גריכישן ליבע־דיכטער געווען „שיר־השירים"...

ווען איך בין אוועקגעגאַנגען פון דער פּאַלאַטע, האָט אויסלענדער גענומען באַ מיר דאָס וואָרט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך אים ברענגען „עפּעס אַן אַרבעט". דער שפּיטאָל האָט זיך געפֿונען אין אַ ווײַטער וואַלדיקער פֿאָרשטאָט, שוין נאָכן איזמײַלאָווער פּאַרק, און איך בין אין וועג פֿאַרפֿאָרן אין שרײַבער־פֿאַרבאַנד, אַזוי, אַז דאָס אומקערן זיך אין רעדאַקציע האָט געדויערט אַ שאָ אַנדערהאַלבן — צוויי. איך האָב ניט באַוויזן זיך צוזעצן, ווי אין צימער איז אַרײַן אַ בלאַסע דער סעקרעטאַר — ראַכיל מאַטווייעוונע — און געבעטן, איך זאָל נעמען דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל.

— ניוקע איז אָקאָרשט געשטאָרבן, — האָט מיטגעטיילט פונעם שפּיטאָל זײַן קרויווע.

דער גורל פון די שלאָס=אויסיעס

פאַרוואָס האָט מען אין די רעפאָרם־צײַטן פונעם ייִדישן אויסלייג אַרויסגעטריבן פון דעם אַלעפבייס די פינף ענדע־אויסיעס (אָדער, ווי מע רופט זיי אויך — די שלאָס־אויסיעס)? פאַר וועלכן כעט?

דער באַוווּסטער ייִדישער לינגוויסט פון די 20 — 30־ער יאָרן א. זאַרעצקי האָט אין זײַנעם אַן אַרטיקל געגעבן אַזאַ ענטפער אַף אָט דער פראַגע: „...פינף איבעריקע אויסיעס האַלט מען אויס אין אַלעפבייס, אויסיעס ליידיקגייער, עקספּלואַטאַטאָרן, ווי די רוסישע „טווערדי זנאַק" און „יאַט", אַלעווהאַשאַלעם. עקספּלואַטאַטאָרן — מיינט מען ניט אַף געלעכטער: זיי רויבן קאָנקרעט יאָרן און קויכעס בא די קינדער, וואָס לערנען זיך און וועלן זיך לערנען, בא די דערוואַקסענע, וועלכע ליקווידירן זייער אַנאַלפאַבעטיזם. האַלטן אין אַלעפבייס ניט נייטיקע אויסיעס איז א קולטורעלער און עקאָנאָמישער שאָדן"...

א. זאַרעצקי דערציילט, אַז די פראַגע וועגן דער נויטוענדיקײַט צו קעמפן קעגן די ענדע־אויסיעס איז צום ערשטן מאָל, נאָך די פּראָיעקטן פון די יאָרן 1911 — 1913, געשטעלט געוואָרן פּראַקטיש אין 1930, אין דער מאָסקווער פילאָלאָגישער קאָמיסיע. דאַן איז שוין מעגלעך געווען „מיט רעוואָליוציאָנערער דרייסטקײַט" צוטרעטן צו פאַרווירקלעכן די רעפאָרם פונעם אויסלייג אין דער ייִדישער שפּראַך. די ברייטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכקײַט האָט ניט געקאָנט ניט זען, אַז די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט אין די סאַמע ערשטע יאָרן באַוויזן צו באַנײַען די רוסישע אָרטאָגראַפיע, און וואָס איז שײַך דער ייִדישער, איז שוין אין אָקטיאַבער כוידעש 1918 — פאַרשטייט זיך, ניט צופעליק — דערשינען אינעם מאָסקווער זשורנאַל „קולטור און בילדונג" א נאָטיץ אונטערן פּילצוזאָגנדיקן נאָמען „א רעוואָליוציע אין דער ייִדישער אָרטאָגראַפיע". די רעפאָרם פונעם אויסלייג, דערונטער די אָפּעראַציע קעגן די שלאָס־אויסיעס, האָט אָבער אין פּראַקטישן זיך זיך אָנגעשטויסן אַף שוועריקײַטן, ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס זי האָט אַרויסגערופן באַוויליקונג אויך אין דער כאַרקאָווער פילאָלאָגישער קאָמיסיע און בייס דער דיסקוסיע אין דער זאַמלונג „ייִדיש" (כאַרקאָוו, 1923). אין עטלעכע יאָר אַרום שרײַבט א. זאַרעצקי אינעם אויבנציטירטן אַרטיקל, אַז „מע דאַרף דערמאָנען צו גוטן [דעם ליטעראַרישן זשורנאַל] „רויטע וועלט", וואָס האָט געפּונען מוט אָפּצודרוקן דעם אויפרוף פון דער כאַרקאָווער פילאָלאָגישער קאָמיסיע אָן ענדע־אויסיעס („רויטע וועלט", נום. 5, 1924), און עס לייענט זיך גאָר ניט אַזוי שווער, ווי מע וויל מיינען"...

האַקלאַל, איינער פון די ווײַטע פאָרגייער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — דער זשורנאַל „רויטע וועלט" וועמענס בײַטראָג אין דער געשיכטע פונעם סאָוועטישן ייִדישן ליטעראַרישן וואָרט איז אומבאַשטרײַטבאַר, — האָט אָפּגעוואָרפן די שלאָס־אויסיעס. פאַרוואָס זשע, פרעגט זיך, האָבן מיר געפונען פאַר נייטיק זיי אופשטעלן, ווען מיר זײַנען צוגעטראָטן צו פאַרמולירן די פּרינציפּיעלע יעסוידעס פון א נײַעם ליטעראַרישן זשורנאַל אין די 60־ער יאָרן?

ווײַזט אויס, אַז באַשלאָסן האָט דאָס דאָס לעבן אַליין. אויב זיך האַלטן בא א. זאַרעצקיס אַרגומענטן, וואָס זײַנען קעגן די ענדע־אויסיעס (אין די צײַטן, ווען דאָס ייִדישע לאָשן האָבן דערלערנט קינדער אין די שולן און דערוואַקסענע אין די קרײַזלעך פאַר אַנאַלפאַבעטן), דאַן באַקומען מיר געגנוג אַרגומענטן לטעטויוועס די דאַזיקע אויסיעס. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", די נײַסטע ייִדישע ליטעראַרישע ווערק דערשײַנען הײַנט־צו־טאָג פאַר אַן אַאודיטאָריע, וואָס ניט נאָר עס שטייט איר ניט פאָר, אַלפּי־קלאַל, צו אויסלערנען זיך לייענען, נאָר זי הייבט שוין אָן (ווי טרויעריק דאָס זאָל ניט זײַן) ביסלעכווײַז צו פאַרגעסן, וויאַזוי ייִדיש צו לייענען. און העיויס אפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן געוואָרט מיט אומגעדולד און אינטערעס ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט (מענטשן פונעם עלטערן דאָר) ניט בלויז אין סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, ווו מע איז צו די שלאָס־אויסיעס צוגעוווינט, — דעריבער האָבן מיר געהאַלטן, אַז עס וועט ניט שאַטן אונדזער שריפטלעכן לאָשן, אויב מיר וועלן, צוליבן וויכטיקן פאַר דער אָרטאָגראַפיע פּרינציפּ פון איינהײַטלעכקײַט, צוריק אַרײַנלאָזן אין ייִדישן אַלעפבייס די אויסיעס, וועלכע מע האָט מיט דרײַ־פיר צענדליק יאָר צוריק אָנגערופן „אויסיעס — ליידיקגייער, עקספּלואַטאַטאָרן".

יעדער גאָען האָט זײַן שיגאָען

די „אומשטערבלעכע" אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע גיבן זיך אָפּ מיט פאַרטײַטשן באַזונדערע ווערטער, זייער מיין איז — אָפּהיטן די טויערן פון פראַנצויזיש. לעצטנס האָבן זיי א לענגערע צײַט מיט גרויס אַקשאָנעס געפאָרשט די פראַגע, צי זונטיק דאַרף פאַרעכנט ווערן אַלס ערשטער טאָג פון דער וואָך, ווי ס'איז געווען אײַנגעפירט אין מעשעך פונעם 19־טן יאָרהונדערט, אָדער עס זאָל בלײַבן, לויטן ווערטערבוך פונעם 1935, אַז זונטיק שליסט די וואָך.

גאַנץ פראַנקרײַך האָט געוואַרט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם: וואָס וועלן פּאַסקענען די געוינים? און זיי, פון זייער זײַט, זײַנען דאָך שוין הײַנטיקע צײַטן, ווי באַוווּסט, לאָיאַל צום פּראַקטישן לעבן און זיי ווילן ניט, מע זאָל זיך שושקען, אַז „א סאַך וויסן און ווייניק נוצן", — האָבן זיי געגעבן צו וויסן א נײַע, שוין אָן סאָפעק אָן אומשטערבלעכע דעפיניציע: „זונ־

טיק איז א טאָג פון דער וואָך, וואָס איז אויסגעטיילט צוליב אָפּרו"...

מע זאָגט ארויס א האשאָרע, אז אצינד גייען זיי איבער צו פאַרטײַטשן שאבעס. דאַרף מען זיי אונטערזאָגן אייניקע דינע ניואנסן — ווי ברייט מע קאָן שאבעס נוצן אין יידיש. בײַשפּילן: מע מאכט שאבעס. מע האלט שאבעס. עס קאָן טרעפן, אז א מענטש זאָל אַרײַנפּאַרן אין שאבעס. מיט שאבעס איז מעגלעך צו באַצייכענען אן אומגעריכטע פּאסירונג (גוט־שאבעס באַ דיר!), אָדער אן „אָנטועכץ", וואָס עס קאָן אויך באַטײַטן א געמיט־צושטאנד (פּאר א נויט טוט מען אָן דעם שאבעס אינדערוואָכן...). אז מע זאָגט שאבעס, איז נאָך ניט אלץ געזאָגט. פאראן שאבעס־בערייִשיס (ווען מע לייענט „בערייִשיס"), שאבעס־כאזאָן (פּאר טישעבאָוו, ווען מע לייענט דאָס קאַפּיטל פון יעשאַיאָהו, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „כאזאָן יעשאַיאָהו"), שאבעס־מיבאָרכים (ווען מע בענטשט ראָשכוידעש), שאבעס־נאַכמו (נאָך טישעבאָוו, ווען מע לייענט „טרייסט, טרייסט, מײַן פאָלק..."). ס'איז פאראן, סאַפּקאַלסאָף, דער שאַבעס־האגאָדל — דער גרויסער שאבעס (פאר פּייסעך)! און ווער ווייסט ניט וועגן דעם שאַבעס, וועלכער פאלט צווישן ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער, אָדער וועגן שאבעס־שירע — מע לייענט דאן די סעדרע מיט מוישע ראַבייִנוס לויב־געזאנג.

און דאָס וויכטיקסטע: מע דאַרף וואָרענען די „אומשטערבלעכע", אז בייס זייער אסיפע אונטערן בארימטן קײַלעכיקן קופּאָל פונעם אינסטיטוט פון פראנקרײַך, אפן ברעג פון דער סען, זאָל זיך קיינער פון זיי ניט פארנעמען פרײַטיק פארנאכט מיט אויסנייען אָדער צונייען עפּעס, ווי זיי טוען עס געוויינלעך אף די לאַנגצעציוגענע זיצונגען, ווײַל אנדערש וועלן זיי מאכן שאבעס־שטעך, וועלכע האלטן ניט...

יידיש האָט אים אָפּגעטאָן אף טערקיש

מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען אלעקסאנדער צעדערבוים האָט זיך מישטאדל געווען וועגן א דערלויבעניש ארויסצוגעבן „קול מבשר", האָט ער ניט געזשאַלעוועט קיין אויסדרוקן אף צו פארשעמען יידיש. „א זשורנאל אף יידיש, — האָט ער געשריבן, — איז א גוט מיטל צו פארמײַדן דאָס דאָזיקע לאָשן בא יידן אין די אויגן".

ער האָט ניט געקאָנט פאַרויסזען, אז טאקע אין דער העברעיִשער וואָכנשריפט, וועלכע ער קלײַבט זיך צו שאפן, וועט זיך מיט דער צײַט באַווײַזן פאר די לייענער מענדעלע מויכער־ספאָרים, דער אָנהייבער פון א קלאסישער טקופע אין דער יידישער ליטעראטור.

די „ברידער יידן" ווילן דאָס באנעמען?

דעם 1 יול 1943 איז אין ניו־יאָרק, אינעם אסטאָר־האָטעל, פאָרגעקומען א קאבאלאס־פּאָנעם לעקאָוועד די סאָוועטישע געסט שלוימע מיכאָעלס און איציק פעפער. אָט וואָס עס האָט אף אָט דער פארזאמלונג געזאָגט אין זײַן אַרויסטרעטונג איינער פון די אָנפירער פון „אמעריקאן דזשויִש קאָמיטע" (דזשיימס נ. ראָזענבערג):

„פון אָן ערעך א מיליאָן מיט 750 טויזנט יידן, וועלכע האָבן באוויזן זיך אַרויסראַטעווען פון דער „אַקס" זינט דעם אָנהייב פון דער מילכאָמע, זײַנען א מיליאָן מיט 600 טויזנט עוואַקוירט געוואָרן מיצאַד דער סאָוועטישער רעגירונג — פון מיזרעך־פּוילן און פון דער רוסישער טערריטאָריע, וואָס די נאציס האָבן שפּעטער פארכאפּט. די סאָוועטישע רעגירונג האָט די געראַטעוועטע יידן אריבערגעפירט ווײַט אין דעם רוסישן הינטערלאנד, אף יענער זײַט אוראל. בא 150 טויזנט יידן האָבן באוויזן צו דערגרייכן פּאלעסטינע, די פאַראייניקטע שטאטן און אנדערע לענדער איבער די יאמען... דער סאכאַקל פון די ציפערן, וואָס איך האלט זיי פאר קאָנסערוואטיוו, זאָגט, אז רוסלאנד האָט געראַטעוועט פון דער נאצי־אויסראָטונג מער ווי צען מאָל אזויפיל יידן, ווי די איבעריקע טיילן (פון דער אנטיהיטלערישער קאָאליציע) צוזאמענגענומען. לאָמיר דאָס גוט באנעמען, ברידער יידן".

רעב כאַנאָן דער באַרעמהאַרציקער האָט מיר געזאָגט...

פאראן בא מיר א באקאנטער ייד אין פּאָדקאלאָקאָלני־געסל אין מאָסקווע. איך גלייב, אז ער לייענט ניט די הײַנטיקע אויסגאַבעס, און איך מעג דעריבער פארעפנטלעכן די נאָטיצן וועגן זײַן קלוגשאפט און ערודיציע, — ער וועט זיי ניט זען. די אנדערע באקאנטע זײַנע, וועלכע וועלן זיך אָנשטויסן, ווען איך האָב דאָ אין זינען, בעט איך, זיי זאָלן אים ניט דערציילן וועגן דעם, ווײַל אויב אפילו ער וועט מיר דערוף גאָרנישט ניט זאָגן, איז קיין סאָפעק ניט, אז ער וועט אף ווײַטער ווערן געצווימט אין אונדזערע שמועסן.

צוליב באקוועמלעכקײַט וועל איך אים אָנרופן מיטן אויסגעטראַכטן נאָמען רעב כאַנאָן, וואָס עס באַטײַט — דער באַרעמהאַרציקער, ווײַל אין זײַן מיסיע אלס מיטשפּרעכער און ארויסהעלפער איז ער ענלעך אף א באַרעמהאַרציקער שוועסטער...

אָט וואָס כ'האָב אין פארשיידענע צײַטן פאַרצייכנט אין מײַן נאָטיץ־ביכל וועגן אונדזערע באגעגענישן:

באַנוצנדיק באַם שרײַבן אַן אַרטיקל דעם אויסדרוק „נײַס — דאָס איז אַלטס, וואָס איז שוין גוט פאַרגעסן", האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך ווייס ניט, ווער דער ערשטער האָט אים אַרויסגעזאָגט. איך בין גלײַך אַוועק צו רעב כאַנאַנען, און יענער האָט מיר געענטפערט מיט געמאַכטן קאַס:

— דאָס אַליין, וואָס איר פרעגט מיר איצט אַט די פראַגע, איז אַ נײַס...

— אין וועלכן זין?

— אַ נײַס דערפאַר, ווײַל איר האָט שוין פאַרגעסן, אַז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זײַנט איר געקומען צו מיר צו לויפן מיט דער זעלבער פראַגע...

— קאָן זײַן. אָבער די זאַך גופא האָט איר ניט פאַרענטפערט.

ער האָט גענומען ריידן, צעציִענדיק די ווערטער, פּונקט ווי ער וואָלט מיט דעם געזאָגט: „פאַרשטאָפּטער קאָפּ, וועסט געדענקען, צי ניט?"

— מאַדמואַזעל בערטען... די שנײַדערן בײַ דער קייסערינע מאַריִע־אַנטואַנעטע... אַנשטאָט אויפנייען דער האַרנטע אַ נײַ קלייד האָט זי עטוואָס אָפּגעפרישט דאָס אַלטע און, דערלאַנגענדיק זי דער פּאַציִענטקע, צוגעגעבן פאַר דער אייביקײַט דעם געניִאַלן אַפאָריזם, וועלכן איר האָט דאָ איבערגעכאַזערט.

ווען איך האָב שוין געעפנט די טיר אויף אַוועקצוגיין, האָט ער מיר נאָכגעשריִען:

— דאָס איז פאָרגעקומען אין סאָף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט, און ס'איז בעפירעש געווען אַ נײַס, ווײַל אַלע האָבן שוין דאַן גוט פאַרגעסן, אַז דעם זעלבן געדאַנק האָט אין פערצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעזאָגט דער גרויסער ענגלישער דיכטער דזשעפרי טשאָסער...

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז דערלאָזט געוואָרן אַ לעכערלעכער פעלער: ס'האָט זיך באַקומען, אַז דער שרײַבער, וועמענס ביִאָגראַפיע עס ווערט איבערדערציילט, איז געשטאָרבן איידער ער איז געבוירן געוואָרן. וועגן דעם האָט רעב כאַנאַן מיר געזאָגט:

— ס'איז ניט אָריגינעל. פאַראַן אין דער וועלט אַזעלכע פאַנאַטיקער פון דער קריסטלעכער עמונע, וואָס האַגאַם זיי גלייבן ניט, אַז יעזוס קריסטוס האָט געלעבט, גלייבן זיי אָבער יאָ, אַז ייִדן האָבן אים דערהארגעט...

איך בין געקומען צו רעב כאַנאַנען נאָך אַ ספּראַווקע: אַ פּאָר דאַטעס פון שלוימע האַמיילעכס לעבן. האָט רעב כאַנאַן פאַרשטעקט די הענט טיף אין די הויזן־קעשענעס און גענומען זיך קאַטשען פון די אָפּצאַסן צו די פּיס־פינגער און צוריק. די דאַטעס און ציפערן האָט ער אויסגעזונגען מיט אַ פילאָסאָפישן ניגון:

— געבוירן אין צווי טויזנט נײַן הונדערט צוועלפטן יאָר זינט דעם וועלט־באַשאַף — לויט דער ייִדישער צײַט, נאַטירלעך (וואָס עס מאַכט אויס לויט דער קריסטלעכער — נײַן הונדערט צוואַנציק זעקס פאַר אונדזער ערע). אַ צוועלפיאָריקן האָט דער טאַטע זײַנער, דאָוויד האַמיילעך, אים געזאַלבט. פערציק יאָר האָט שלוימע געקיניגט, ביז צווי טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־זעכציקסטן — לויט דער ייִדישער צײַט, נאַטירלעך (וואָס עס מאַכט אויס לויט דער קריסטלעכער — נײַן הונדערט זעכציק פינף פאַר אונדזער ערע). אָפּגעלעבט האָט שלוימע האַמיילעך קורצע צוויי און פופציק יאָר.

אַזאַ פּינקטלעכע ספּראַווקע וועגן שלוימע האַמיילעכן האָט ער מיר געגעבן, רעב כאַנאַן דער באַרעמהאַרציקער!

רעב כאַנאַן איז געווען הײַנט זייער ווייך און טרוקן, ער האָט גערעדט, ווי זיך געביסן, און וועגן דעם איצטיקן מאַצעוו פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער געמאַכט אַזאַ מין פאַרגלײַך:

— מע קען די ליטעראַטור אונדזערע פאַרגלײַכן צו אַן אַעראָפּלאַן, וואָס פאַלט (מע זאָגט: פאַרלירט די הייך) מיט אַן אויפגעהויבענער נאָז — טיעריאַיעט וויסאָטו ס פּאָדניאַטים נאָסאָם: ער איז טאַקע געווענדט צו דער הייך, אָבער ער פאַלט... פאַלט.

— און איינצײַטיק דערמיט, — האָט ער זיך פאַריכט, פאַרבלײַבנדיק נאָך אַלץ ווייך און טרוקן, — איינצײַטיק דערמיט, טוט אונדזער ליטעראַטור דאָס זעלבע, וואָס עס טוט דער פּיזאַנער טורעם: זי פאַלט און פאַלט, האַלט אונדז אין איין שרעקן, אַז אָט־אָט וועט זי אומפאַלן, נאָר באַרעכהאַשעם, זי שטייט נאָך אויף איר אָרט.

געזונט זאָלסטו אונדז זײַן, באָכער האַזעצער

אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק איז די אינסטאַנץ פונעם באָכער האַזעצער ביז גאָר הויך און דערהויבן. אָט איז אַ רירנדיקע געשיכטע, וועלכע האָט זיך ניט לאַנג צוריק אָפּגעשפּילט אין דער רעדאַקציע פון דער מאָנטעווידעער (אורוגווײַ) ייִדישער פאָלקסצײַטונג „אונדזער פרײַנט" און נאָך וועלכער מיר אין מאָסקווע, און אַוואַדע די ייִדישע לייענער און פען־מענטשן אין פיל אַנדערע שטעט און לענדער, האָבן נאָכגעשפּירט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. די געשיכטע, וועלכע איז בײַ מיר דאָ אַראָפּגעשריבן פון „אונדזער פרײַנט", וועט פאַריינוועגס זײַן אַן איידעס סײַ וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע אַ פּראָגרעסיווע צײַטונג גייט אַרויס אין איינעם פון די מײַרעוו־לענדער, סײַ וועגן דעם רעוואָליוציאָנער־ראָמאַנטישן געשטאַלט פון אַ מיטאַרבעטער אין אַזאַ צײַטונג.

אַלזאָ, ווײַטער וועלן גיין כראָנאָלאָגיש־אויסגעקליבענע מיטיילונגען, וואָס זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אין פאַרשיידענע נומערן פון „אונדזער פרײַנט". לויט דער עמאָציאָנעלער אָנגעלאָדנקייט דערמאָנען זיי „מעדיצינישע ביולעטענען" אין שײַכעס מיטן געזונט־צושטאַנד פון א באַרימטער פּערזענלעכקייט. די דאַטע בא יעדער מיטיילונג באַצייכנט דעם טאָג, ווען „אונדזער פרײַנט" האָט זי פאַרעפנטלעכט.

7 יאַנוואַר 1975

„אַ וואָרט צו כאַווײרים און פרײַנט.

טײַערע כאַווײרים און פרײַנט! דאָס רעדט צו אײַך איינער, וואָס האָט אָפּגעגעבן פאַר אונדזער־אײַער צײַטונג א היפּש ביסל יאָרן, זי זאָל יעדן טאָג אָנקומען צו די לייענער, וועלכע קוקן ארויס אַף איר. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך בין געווען דער אַזויגערופענער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט", וועמענס נאָמען עס ווערט ניט אונטערגעשריבן. מײַן ארבעט האָב איך געטאָן שטיל און אָן ראַש, ניט פאָדערנדיק קיין שום ספּעציעלע אָנערקענונג, ווײַל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מײַן פליכט, און איך האָב געטאָן שטענדיק די ארבעט מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט, — זי געהאַלטן ניט נאָר ווי אַזאַ, פון וועלכער מע ציט די כאַיונע, נאָר ווי א טייל פון מײַן לעבן.

צום באַדויערן אָבער ווערט מען ניט ייִנגער, און איך מוז דורכמאַכן א כירורגישע אָפּעראַציע. אַף וויפל ס'איז ניטאָ מיט וועמען מיך צו פאַרבײַטן, האָט דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט בא „אונדזער פרײַנט" באַשלאָסן, אַז אין דער צײַט, וואָס איך וועל פעלן, און ביז איך וועל זיך קאָנען צוריקקערן צו דער מאַשין, זאָל די צײַטונג ארויסגיין ניט יעדן טאָג, נאָר דרײַ מאָל א וואָך.

איך האָף, אַז די כאַווײרים און פרײַנט וועלן דאָס פאַרשטיין, און איך, פון מײַן זײַט, זאָג צו מיטצוהעלפן די דאָקטוירים, וואָס דאַרפן מיר אומקערן דאָס געזונט, ביכדיי כ'זאָל אײַנגיכן זיך אומקערן אַף מײַן פּאָסטן, וועלכן איך האָב קיינמאָל פרײַוויליק ניט פאַרלאָזט.

צום ווידערזען זיך וואָס שנעלער, אײַער —

כאַיִם באַס".

9 יאַנוואַר

„צו די לייענער.

די לייענער זײַנען שוין באַקאַנט מיטן רירנדיקן און מוטיקן אַפּעל פון אונדזער כאַווער כאַיִם באַס, דעם לינאָטיפּיסט, אָן וועמענס מיפּולער און איבערגעגעבענער ארבעט „אונדזער פרײַנט" קען ניט דערשײַנען נאָרמאַל. כאַווער באַס געפינט זיך שוין אין שפּיטאָל, ווו מע דאַרף אים אָפּערירן.

צוזאַמען מיט אַלע לייענער און פרײַנט פונעם פּראָגרעסיוון ייִדישן וואָרט ווינטשן מיר אים א רעפוע־שליימע.

הײַנטיקע וואָך זײַנען מיר דערשינען שוין דרײַ מאָל. מאָרגן און שאַבעס וועט די צײַטונג ניט ארויס.

אָנהייבנדיק פון דער נײַער וואָך, וועלן מיר, צוליב די שוין־באַקאַנטע אויסנאַם־סיבעס, האָבן א קאָנטאַקט מיט די לייענער יעדן דינסטיק, דאָנערשטיק און זונטיק, ביזוואַנען כאַווער באַס וועט זיך אומקערן.

געזעלשאַפט „אונדזער פרײַנט".

12 יאַנוואַר

„דער געזונט־צושטאַנד פונעם כאַווער באַס.

ווי באַוווּסט, געפינט זיך דער לינאָטיפּיסט כאַווער כאַיִם באַס אין שפּיטאָל סען־בואַ. עס באַזוכן אים טעגלעך פרײַנט און כאַווײרים, און זיי באַוווּנדערן זײַן מוטיקע האַלטונג, זײַן דערהויבן געמיט, זײַן אָפּטימיזם.

גענוי די דאַטע, ווען מע וועט אים אָפּערירן, איז נאָך ניט באַוווּסט. מעגלעך, אַז שוין קומענדיקן דינסטיק.

עס בלײַבט איבער צו ווינטשן, אַז אונדזער כאַווער זאָל קעשורע איבערקומען די כירורגישע אָפּעראַציע.

געזעלשאַפט „אונדזער פרײַנט".

1 יוני

„דער נאָענטער צוריקקער פונעם כאַווער באַס.

גוטע נײַס פאַר „אונדזער פרײַנט", גוטע נײַס פאַר אַלע לייענער, פאַר אַלע ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט: דער לינאָטיפּיסט, אונדזער כאַווער כאַיִם באַס בעסערט זיך מערקזאַם, ער דערהאַלט זיך גוט נאָך דער בעעמעס שווערער אָפּעראַציע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. איצט נעמט ער שוין צו וואָג און גרייט זיך מיט גרויס אומגעדולד צוריקצוקערן זיך אַפן וויכטיקן פּאָסטן, אַף וועלכן ער האָט צענדליקער יאָרן געדינט דער נאָבעלער זאַך פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּרעסע.

אַזעלכע גרוסן האָבן מיר אָקאָרשט דערהאַלטן פון אים, און עס איז נאַטירלעך די פרייד, וואָס זיי פאַרשאַפן אַלעמען. איצט וועט שוין נעמען א סאָף צו דער אײַנגעשרומפּנקייט פון אונדזער צײַטונג איבער דער אָפּוועזנהייט פונעם כאַווער באַס. „אונדזער פרײַנט" וועט ווידער דערשײַנען אין פריִערדיקן פאָרמאַט און אַזוי אָפט ווי געוויינלעך.

לויט די דערהאַלטענע גרוסן וועט עס ניט לאַנג נעמען, און כאַיִם באַס וועט ווידער זײַן צווישן אונדז. דער מיפּולער האָרעפּאַשניק וועט, אַזוי ווי שטענדיק, שטיין אין דער קוזניע פון „אונדזער פרײַנט" און אויסהאַמערן בא דער קאָוואַדלע פונעם לינאָטיפּ טאָג־אײַן, טאָג־אויס די פאָלקסבלאַט. צום שנעלן ווידערזען זיך, כאַווער כאַיִם באַס.

געזעלשאַפט „אונדזער פרײַנט".

„מיר זאָגן אָן די גוטע בסורע.

דער כאַווער כאַים באַס איז צוריקגעקומען קיין מאָנטעווידעאָ נאָכן געפינען זיך עטלעכע מאָנאַטן אין אַ בוענאָס־אײַרעסער שפּיטאָל. עס שטייט אים נאָך פאָר צוריקצוקומען צו די קוי־כעס נאָך לאַנגע לײַדן. אָבער וואָס עס פעלט אים ניט אויס, איז — אַ ווילן צוריקצוקערן זיך וואָס פריִער אפן ארבעטס־פראָנט, צום לינאָטיפּ.

מיר קאָנען אָנזאָגן אונדזערע לייענער די גוטע בסורע: נאָך אַ קורצן אָפּרו וועט זיך כאַים באַס ווידעראַמאָל נעמען צו דער מעלאָכע, צוערשט פּאַוואָלינקע, דערנאָך מיט אַלע קויכעס, קעדיי צו נאָרמאַליזירן גענצלעך דאָס טעגלעכע דערשײַנען פון דער צײַטונג פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין אורוגווײַ.

געזעלשאַפט „אונדזער פרײַנט".

דײַגעס פון אַן אמעריקאַנער ראַוו

עס שטעלט זיך אַרײַן אין מײַן ארבעטס־צי־מער אַ ייִד מיט אַ קײַלעכיק בערדל און מיט פּייעס, אָבער אָנגעטאָן לויט די הײַנטיקע צײַטן, אַן אויסלענדישער טוריסט. זעענדיק, אַז איך האַלט אין ריידן דורכן טעלעפאָן, קערעוועט ער זיך אויס צו דער וואַנט און שאָקלט זיך אַ מי־נוט פּינף, מורמלענדיק עפּעס אונטער דער נאָז. ווײַטער שמועסן מיר.

— זאָל אײַך ניט כידעשן, וואָס איך האָב זיך דאָ געשטעלט דאַווענען. אין יו־עס־עס־אַר קאָנט איר אויסגיין אפן אָרט, און קיינער וועט אײַך ניט זאָגן, ווו עס געפינט זיך נאָענט אַ בייס־האַקנעסעס.

— האָט איר געפונען אַן אויסוועג: אָפּדאַווענען אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד"...

— מײַן דזשאַב איז אַ מויעל. דערצו האָב איך סמיכעס פון אַ ראַוו, און אין דער זעלבער צײַט בין איך אַ שטיקל פאַבריקאַנט...

— אַ ראַוו־מויעל־פאַבריקאַנט?

— אַ ראַוו און אַ מויעל און אַ פאַבריקאַנט. איין קוגל אין דרײַ קיילעס...

— וואָס איז די סיבע דערפון?

— מיט סמיכעס בין איך מער כאַשעוו אלס מויעל. און וואָס איז שײַעך פאַבריקאַנט, דאַרפט איר וויסן, אַז בײַ אונדז אין אַמעריקע איז שוין האַנט־ארבעט פון לאַנג פאַרגעסן, מע מוז האָבן אַ מאַשינקע...

— האָט איר געעפנט אַ פאַבריק פון מאַטאַר־לעך פאַר דער מויעל־ארבעט?

— אַ געזונט אין אײַער קאָפּ, איר זאָלט דער־לעבן מאַשיעכן! אַז צווישן אונדזער לאַנד און אײַערן האָט זיך אָנגעהויבן אַ דעטאַנט, און רוסלאַנד שטעלט שוין בײַ זיך אוועק אַ ברוויערײַ

פון קאָקאַ־קאָלאַ, טראַכט איך זיך: מיט וואָס איז מײַן פאַך ערגער?

— האָקיצער, איר ווילט פאַרקויפן די סאָוועט־טישע ייִדן אַ פאַרטיע מויעל־מאַשינקעס...

— דאָס איז אַזוי זיך, נומער צוויי. נומער איינס, האָב איך אַ דרינגענדיקן איניען. בײַ אונדז איז אוועק אַ קלאַנג, אַז אין מאָסקווע האָט מען פאַרמאַכט די גרויסע קאָרשול. דער־ווּסט וועגן דעם האָב איך זיך אין ייִסראָעל, ווו איך בין איצט אָפּגעווען אַ פּאָר וואָכן, און אַגעוו־אורכע קאָן איך אײַך מודיִע זײַן, אַז גראָד אין ייִדישן לאַנד האָבן די פרומע לײַט, די נאַטוראַקאַרטניקעס, מײַן איך, ניט גענומען מײַן אַפּאַראַט, נאָך מער — זיי האָבן אים אַרײַנגע־לייגט אין כיירעם. איז אָט — איך האָב זיך שוין געקליבן פון ייִסראָעל אהיים, נאָר מיטאַ־מאָל אַ נײַס: אין מאָסקווע האָט מען פאַרמאַכט די קאָרשול. אַ גזאַר אף ייִדן!

— און דאָס האָט אײַך אָפּגעהאַלטן פון אומ־קערן זיך צו דער צײַט אהיים?

— וואודע, יאַ... ס'האָט זיך אָבער אַרויס־געוויזן, אַז קיינער האָט די קאָרשול ניט פאַר־מאַכט און אפילע ניט געקליבן זיך צו פאַר־מאַכן זי... פּוסטע קלאַנגען... מע פלאַפּלט!.. די מאָסקווער סינאַגאָגע איז אָפן, גייט און דאַווענט!

— אַ דאַנק פאַר דער אייצע... וואָס זשע זײַנט איר געקומען דאַווענען אין דער רעדאַקציע?

— איך בין געקומען אײַך זאָגן, מע זאָל מער ניט פלאַפּלען, זאָל מען ניט...

— ווו זאָל מען מער ניט פלאַפּלען?

— אין ייִסראָעל! אין אַמעריקע!

— איר קומט פון ייִסראָעל, איר לעבט אין אַמעריקע... זאָגט עס דאָרטן!

— דאָרט רעדט מען צו דער וואַנט...

— אויב ס'איז קיין סאָד ניט: וועלכע ייִדישע בלאַט לייענט איר אין דער היים?

— מע קוקט אַרײַן אין „פאָרווערטס"...

— דעם „פאָרווערטס" גלייבט איר?

— ווע מען דען? אײַך?

— איך האָב דאָ אַ פרישן „פאָרווערטס". נאַט, לייענט. אין דעטראָיט האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע אין אַ סינאַגאָגע. אַ באָמבע געוואָרפן! איר הערט?

— איך הער, איך הער. שרײַט ניט אַזוי...

— פאַרוואָס האָט איר ניט געײַלט צוריק אהיים, קיין אַמעריקע, קעדיי דאָרט עפּעס טאָן פאַר דער סינאַגאָגע, וועלכע מע האָט געוואָלט „פאַרמאַכן" מיט אַ באָמבע? פאַרוואָס האָט איר זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עמעצער פלאַפּלט, און געלאָפן קיין מאָסקווע?

— יו־עס־עס־אַר איז אַ סאָציאַליסטישע מעדי־נע, מיסטער ווערגעליס! אויב מע הערט ריידן, אַז אין יו־עס־עס־אַר האָט מען פאַרמאַכט אַ סינאַ־גאָגע, דאַרף מען זיך צונויפלויפן ווי אף אַ סרייפע. נו, און אַמעריקע איז, ווי איר ווייסט, אַ פרײַ לאַנד: ווילסטו, וואַרף אַ באָמבע, וויל־סטו, וואַרף ניט...

■ ■ ■

פאַרשיידנס

דער יובילײ פון אן אלעפבייס

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי אָנגעשריבן דעם „נײַעם אלעפבייס״ — א לערנבוך, וואָס איז פיל מאָל ארויסגעגעבן געוואָרן אין פאָריקן יאָרהונדערט. ניט איין דאָר קינדער האָט זיך געלערנט גראַמעטע לויט דעם דאָזיקן אלעפבייס.

אין דער ערשטער אויסגאבע האָט דער אווטאָר אײַנגעשלאָסן 373 זײַנע ווערק פון 629, וואָס ער האָט אָנגעשריבן ספעציעל פאר קינדער. לויטן „אלעפבייס״ האָבן זיך געלערנט די דאָרפישע קינדער אין דער שול, וואָס ל. טאָלסטאָי האָט געעפנט אין יאסנאיא פאָליאנא. לעוו ניקאָלײַעוויטש פלעגט אָפט אליין פירן די לימודים, צונויפשטעלן אריפמעטישע אופגאבעס, שאפן דערציילונגען און מײַסעלעך.

די עקסקורסאנטן פונעם מוזיי „יאסנאיא פאָליאנא״ באַזוכן מיט גרויס אינטערעס די אויסשטעלונג „ל. נ. טאָלסטאָי — דער קינדער־שרײַבער און פעדאגאָג״. צווישן די עקספאָנאטן איז פאראן די שול־פארטע, וואָס איז געמאכט לויט לעוו ניקאָלײַעוויטשעס צייכענונג. אף דער פארטע איז צוגעפעסטיקט א הילצערנע רעכנברעט פון א מעטער די גרייס — אן אָנשוילעכער מאכשיר, וואָס האָט זיך פארהיט פון יענע צײַטן. אונטער א גלאָז — די שילערשע ווערק.

דאָ געפינט זיך אויך דאָס קופערנע גלעקל, וואָס פלעגט צו וויסן געבן וועגן דעם אָנהייב פון די לימודים.

יע. וואלאָוו („איזוועסטיא״)

ביימער אף דעכער

טאָקיאָ — איינע פון די גרעסטע שטעט אין דער וועלט — איז באַוווּסט ניט נאָר מיט איר ריזיקן פארנעם, נאָר אויך מיט א שטארק פארשמוציקטער אטמאָספער. די יאפאָנישע ספעציאליסטן ארבעטן איצט פאנאנדער פילצאָליקע פראָיעקטן פון אָפרייניקן די לופט. צווישן די דאָזיקע פראָיעקטן געפינט זיך אויך דער פראָיעקט פון ביימער־פלאנצונג.

הײַנט־צו־טאָג קאָן מען אינעם צענטער פון דער יאפאָנישער הויפּטשטאָט ניט געפינען קיין איין ביימער־באצירק, קיין איין שאָטנדיקע גאס. און אזוי־ווי פלאנצן ביימער און אויסטיילן אָרט פאר פארקן אף די טאָקיִער גאסן איז אומעגלעך איבער דער גרויסער געדיכטקײַט פון די הײַזער, האָט דאָס יאָפּאָנישע לאנדווירטשאפט־מיניסטעריום פאָרגעלייגט פלאנצן ביימער אף די דעכער פון די הײַזער.

די טאָקיִער אײַנוווינער האָבן באגיטיקט די דאָזיקע אידיי אלס א פולקום רעאלע. „אויב איבער אונדזערע דעכער רוישן שוין צוגן, איז פארוואָס זאָלן מיר ניט קאָנען דאָרט פלאנצן ביימער״, — זאָגן זיי. אף אייניקע געבײַדעס שורשען שוין בוימער־קרוינען.

א מאנוסקריפט פון דער פּאָעמע „די אומבאקאנטע״

מיט מאנוסקריפטן פון ליטערארישע ווערק טרעפן זיך אמאָל וווּנדערלעכע געשיכטעס: מע פארלירט זיי, דערנאָך זוכט מען זיי יאָרנלאנג און מע געפינט זיי אין די סאמע אומגעריכטע ערטער.

מע דערציילט, אז בייסן בויען דעם קאנאל מאָסקווע — וואָלגע זײַנען א ריי מיטארבעטער פון מוזייען ארויסגעפאָרן אין די דערפער, וואָס האָבן געדארפט פארטרונקען ווערן, א קוק טאָן, צי זײַנען ניט געבליבן דאָרט טשיקאווע זאכן פון אלטערטום. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי גרויס ס׳איז געווען זייער שטוינונג און פרייד, ווען אין איינער א דאָרפישער שטוב האָבן זיי געפונען סאלטיקאָוו־שטשעדרינס בריוו, מיט וועלכע ס׳זײַנען געווען באקלעפט די ווענט. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס דאָרף האָט פריִער געהערט צו די קרוווים פונעם גרויסן סאטיריקער, און די פויערים האָבן אויסגענוצט אָנשטאָט טאפעטן די „אלטע פאפירן״. די בריוו האָט מען, פארשטייט זיך, אקוראט אָפגעקלעפט און איבערגעשיקט אין א מוזיי. איינעם פון פושקינס מאנוסקריפטן, וועלכן מע האָט גערעכנט, אז ער איז פארפאלן געוואָרן, האָט מען געפונען... אין א שטײַגל פון א קאנאריק.

אזעלכע געפינסן גייען דורך, אלס קלאל, אן עקספערט־קאָנטראָל, געוויינלעך פון צוויי מינים: א קונסטקענעריש־סטיליסטישן און א קרימינאליסטישן (האנטשריפט־קענערישן). די קרימינאליסטישע עקספערטיזע שטעלט פעסט אין די נייטיקע פאלן, ווער עס איז געווען דער אויספילער פונעם געגעבענעם מאנוסקריפט.

אָט איז אף אן עקספערטיזע צו די קרימינאליסטן אָנגעקומען דער פולער טעקסט פון בלאָקס פּאָעמע „די אומבאקאנטע״. ביז אהער זײַנען געווען באַוווּסט צוויי ווארִיאנטן פון דעם ווערק. דער ערשטער ווארִיאנט איז דאטירט מיטן 24 אפּרעל 1906 יאָר, דער צווייטער — מיטן 26 אפּרעל 1911 יאָר; ביידע ווארִיאנטן זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם ציקל „שטאָט״.

די אווטאָגראפן פונעם ווערק זײַנען באַוווּסט און ווערן געהיט אין מעלוכע־ארכיוון. און פלוצעם האָט זיך געפונען נאָך איין געשריבענער פון דער האנט עקזעמפּליאר פון דער „אומבאקאנטער״. ער איז איבערגעשריבן אף ניט קיין גרויסן פאפיר־בויגן, אָן שום אויסבעסערונגען. אף דער רעכטער זײַט זײַנען פאראן שפורן פון אן אויסבייג און גומיאראביק — סימאָנים, אז דער בויגן איז געווען ארײַנגעקלעפט אין אן אלבאָם אָדער א ביכל. ס׳איז אופגעקומען א כשאד, אז דאָס געפינס איז ניט קיין אָריגינאל, נאָר א פאקסימילע־קאָפּיע.

מע האָט געדארפט אויסקלאָרן צוויי פראגעס: צי איז דער טעקסט א מאנוסקריפט אָדער א ליטאָגראפישע קאָפּיע, און אויב דאָס איז א מאנוסקריפט — צי איז ער געשריבן מיט בלאָקס האנט.

אף דער ערשטער פראגע איז פארהעלטניסמעסיק גרינג געווען צו ענטפערן: באם באַאָבאכטן דעם בויגן אונטער א מיקראָסקאָפ, בא א שטארקער פארגרעסערונג האָט מען פעסטגעשטעלט, אז דער טעקסט איז געשריבן מיט א פען.

נאָכדעם האָט מען דעם אונטערשריפט אונטערן מאנוסקריפט פארגליכן מיט די באַוווּסטע אווטאָגראפן פונעם דיכטער, און לויט דער ענלעכקײַט פון דער פאָרם און לויט דער מאניר פון אָנשרײַבן די בוכשטאבן איז מען געקומען צום אויספיר, אז דער אווטאָר פונעם מאנוסקריפט איז אלעקסאנדער בלאָק.

לויט וו. גראסימאָווס נאָטיץ אין „ווטשערניאיא מאָסקווא״

אן עלעקטראָן־קאָמפּאָזיטאָר

דער אײַנוווינער פון דער שטאָט פּאלם־ספּרינגס (שטאט קאליפאָרניע) מעק דעוויס האָט באקומען א ניט געוויינלעכן פּאטענט אף א דערפינדונג פון אן „עלעקטראָן־קאָמפּאָזיטאָר". זײַענדיק אליין א קאָמפּאָזיטאָר און א דיכטער, האָט מ. דעוויס דערפונדן אן עלעקטראָן־סיסטעם אף „שאפן" מוזיק צו פּערזן, וואָס זײַנען פארשריבן אף א טאשמע און ווערן אײַנגעהיט אינעם מאשין־זיקאָרן. מיט דער הילף פון א ספּעציעלן „זוכערישן" מעכאניזם קלײַבט אונטער דער קאָמפּיוטער די אמערסטן פּאסנדיקע לויט דער גרייס און קלאנג מעלאָדיע און פארשרײַבט א גרייטע ליד.

זיך אָפּגעזעגנט מיט פּוּאַראָ

דער אויספאָרשער ערקאל פּואראָ שטארבט פון אן אינפארקט דעם 29 סענטיאבער 1975 יאָר. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט געדארפט פארעפנטלעכט ווערן אגאטא קריסטיס ראָמאן „דער פאָרהאנג. פּואראָס לעצטער געריכט־פּראָצעס".

„פּואראָס לעצטער געריכט־פּראָצעס" האָט א. קריסטי אָנגעשריבן מיט א יאָר דרײַסיק צוריק — פריִער, איידער ס׳זײַנען געשילדערט געוואָרן אנדערע פּאסירונגען. זי האָט דעם מאנוסקריפּט ארײַנגעלייגט אין סייף מיט א פעסטער קאוואָנע, ער זאָל פּובליקירט ווערן בלויז נאָכן טויט פונעם אווטאָר. אָבער איצט האָט זי באשטימט פארן טערמין אָפּזעגענען זיך מיט פּואראָ און מיס מארפּלז.

ביכער — ליליפּוטן

די עקספּאָזיציע פון 20 אווטאָליטאָגראפיעס פונעם באוווסטן עסטישן קינסטלער, דעם פאָלקס־קינסטלער פון פססר עוואלד אָקאס וואָלט פארנומען ווייניקער פון א דריטל קוואדראט־מעטער.

באנאנד מיט געוויינלעכע ביכער איז די זאמלונג פון זײַנע עסטאמפּן „פּאריזשער בילדלעך" אן עכטער ליליפּוט. די אויסגאבע האלט אינגאנצן 5,5 אף 5,5 סאנטימעטער. זי איז אײַנגעשלאָסן אין א ספּעציִעלער קאָלעקציע בא דער וויסנשאפטלעכער ביבליִאָטעק פונעם טארטוער אוניווערסיטעט.

דאָ זײַנען פאראן אויך מיניאטורע קאסעטן פון יאנקא קופּאלאס און יאקוב קאָלאסעס לידער, וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט אין מינסק אין 1967 יאָר. זיי צייכענען זיך אויס מיט א שיינעם שריפט, מיט פּרעכטיקער אויספורעמונג און פּילצאָליקע איליוסטראציעס.

א בעקאָוועדיק אָרט צווישן די טארטוער ביכער — ליליפּוטן פארנעמט שילערס „ליד פונעם גלאָק", וואָס איז געוועזן אָפּגעדרוקט צום הונדערטסטן יאָרצײַט פונעם אווטאָר (1905 יאָר). די גרייס פונעם בוך אין א מעטאלענעם אײַנבונד, מיטן פּאָרטרעט פונעם דיכטער און מיט א סילועט פון א גלאָק איז 2,4 אף 2 סאנטימעטער.

מיט דער שאפונג פונעם גרויסן פּוילישן דיכטער אדאם מיצקעוויטש וועט די בוך־ליבהאָבער באקאנען אויך א מיניאטורע יובילײ־אויסגאבע. זי איז אָפּגעדרוקט אין סאָף פון פאָריקן יאָרהונדערט אין ווארשע. דאָס ביכעלע איז די גרייס 3 אף 2,2 סאנטימעטער, עס געפינט זיך אין א מעטאלן קעסטעלע און באשטייט פון 317 סופּער־דינע זײַטעלעך.

דעם שאָפערס פאָנאָטעקע

דער פאריזשער שאָפער פון א טאקסי דזשעקי סאנדרע איז א לײַדנשאפטלעכער ליבהאָבער פון מוזיק. אין זײַן מאשין איז אײַנגעמאָנטירט א ניט גרויסער מאגניטאָפאָן, און ער פירט מיט זיך שטענדיק 85 קאסעטעס, אף וועלכע ס׳איז פארשריבן די סאמע פארשיידנארטיקע מוזיק — פון דער קלאסיק און פאָלקסלידער ביז דעם הײַנטצײַטיקן דזשאז און פּאָפּ־אנסאמבלען. יעדן נײַעם פּאסאזשיר פרעגט דזשעקי, צי וויל ער הערן מוזיק און פון אוועלכן זשאנער. דער שאָפער געפינט שטענדיק אין זײַן וועג־פאָנאָטעקע א רעפּערטואר, וואָס געפעלט מענטשן פון סאמע פארשיידענעם עלטער, פּראָפעסיעס און נאציִאָנאליטעטן.

— די צײַט פונעם טאָג האָט א באדײַטונג, — זאָגט סאנדרע. — אינדערפרי שליס איך אײַן ווייניק דזשאז־מוזיק, א סאך מער אין די אָוונט־שאָען. ווי ס׳זאָל צוערשט ניט אויסזען לעכערלעך, נאָר דער שטאָט־קווארטאל, ווו דער פּאסאזשיר זעצט זיך, ווירקט אויך אפן אויסוואל פונעם רעפּערטואר. אינעם אלטערטימלעכן קווארטאל מארע קלינגט, צום בײַשפּיל, אויסגעצייכנט וויוואלדיס מוזיק, און פאר די טוריסטן, וואָס זײַנען נאָרוואָס ארויסגעגאנגען פונעם לוווּר, דינט די קלאסישע מוזיק ווי א „קלאנגען פאָרזעצונג" פון זייער עקסקורסיע...

— ס׳טרעפן זייער טשיקאווע געשיכטעס, — דערציילט שמייכלענדיק דזשעקי. — איין פּאסאזשיר, צום בײַשפּיל, איז געפאָרן אף א קאָנצערט פון שומאנס ווערק. ער האָט אויסגעהערט בא מיר אין טאקסי עטלעכע אָפּוסן פון דעם דאָזיקן קאָמפּאָזיטאָר און איז געקומען אפן קאָנצערט שוין א „צוגעגרייטער". און איינער א בארימטער פידלער האָט אויסגעהערט אין דער מאשין דעם גאנצן קאָנצערט פאר א פידל מיט אן אָרקעסטער, וועלכן ער האָט ניט לאנג צוריק פארשריבן אף דער ראדיִאָ, און קעדיי אויסהערן אים ביזן סאָף, האָט ער אָנשטאָט ארויסגיין פון טאקסי בא זײַן הויז אפן אינוואלידן־פּלאץ דורכגעמאכט א צוגאָב־וועג ביזן אויסערשטאָטישן עראָפּאָרט אָרלי... דער באוווסטער פראנצויזישער עסטראדע־זינגער מישעל פּאָלנארעוו, הערנדיק די פּראָגראם פון פּאָפּ־מוזיק, האָט אלץ ניט געקאָנט פארענדיקן זײַן רײַזע און איז לאנג ארומגעפאָרן איבער דער שטאָט, הערנדיק אלץ נײַע און נײַע פארשריבענע טאשמעס...

ניקיטא באָגאָסלאָווסקי („וועטשערניאיא מאָסקווא")

דאָס איז טשיקאווע

די אמעריקאַנער פֿרײַנט פֿון אָקטיאַבער

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָבן זיך קאָרעספּאָנדענטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער אַ לאָז געטאָן קיין רוסלאַנד. זיי זײַנען געווען איידעס פֿון דראַמאַטישע געשעענישן, הערױִשע מײַסים, וועלכע האָבן „אין מעשעך פֿון צען טעג אויפֿגערייסלט די גאַנצע וועלט".

אין דער נאַכט פֿונעם זיבעטן אויפֿן אַכטן נאָיאַבער 1917 זײַנען אין ווינטער־פּאַלאַץ, צוזאַמען מיט די טיילן פֿון די רויטגוואַרדייער און רעוואָליוציאָנערע מאַטראָסן, געקומען די ערשטע קאָרעספּאָנדענטן. צווישן זיי זײַנען געווען פֿיר אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן: דזשאָן ריד, אַלבערט ריס וויליאַמס, לויִזאַ ברײַאַנט, בעסי ביטי. זיי זײַנען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן דערציילט דעם עמעס וועגן רוסלאַנד אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע.

אין אָנהייב פֿון 1918 יאָר איז קיין מאָסקווע געקומען ראָבערט מײַנער, אַ לינקער מאָלער, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער אינטערווענץ. שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פֿון די לידערס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. די אינטערווענץ קעגן רוסלאַנד האָט אויך פֿאַרורטיילט עפּטאָן סינקלער אין זײַן ראָמאַן „דזשימי היגינס". דער אַמעריקאַנער ראַדיקאַלער זשורנאַליסט לינקאָלן סטעפֿענס האָט נאָך זײַן צוריקקער פֿון רוסלאַנד (אין 1919) געזאָגט זײַן באַוווּסטע פֿראַזע: „איך האָב דורכגעמאַכט אַ רײַזע אין דער צוקונפֿט, און זי לייגט זיך דורך אַ וועג".

צווישן די פֿרײַנט פֿון אָקטיאַבער, וועלכע האָבן מיטגעפֿילט רוסלאַנד, זײַנען געווען ניט ווייניק ליבעראַל געשטימטע אַמעריקאַנער. די סאַמע באַוווּסטע צווישן זיי — דזשאָן ריד און אַלבערט ריס וויליאַמס.

דזשאָן ריד איז געווען אַ זשורנאַליסט. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 22 אָקטיאַבער 1887 אין פּאָרטלענד. אַ דערצויגענער אויף די בעסטע טראַדיציעס פֿונעם אַמעריקאַנער פֿאָלק, האָט ער פֿרי טויפֿעס געווען די אידייען פֿונעם סאָציאַליזם. ער נעמט אָנטייל אינעם בירגערקריג אין מעקסיקע. אין 1914, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, האָט ער איינער פֿון די ערשטע אין אַמעריקע פֿאַרשטאַנען איר רויבערישן כאַראַקטער און אָפֿן געמאָלדן: „דאָס איז ניט אונדזער מילכאָמע". ער איז אוועקגעפֿאָרן קיין אייראָפּע, געווען אויף די פֿראָנטן, געשריבן אַנטימילכאָמעדיקע פֿאַרצייכענונגען, קאָרעספּאָנדענצן.

ווען ס'האָט זיך באַוויזן די ערשטע מיטיילונג אין די צײַטונגען וועגן דעם, אַז אין רוסלאַנד האָט מען אַראָפּגעוואָרפֿן דעם קייסער און עס איז געמאָלדן געוואָרן אַ רעפּובליק, איז ער גלײַך אָפּגעפֿאָרן קיין פּעטראָגראַד. טאָגטעגלעך, פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט אין אָוונט, איז ער געווען אויף די פּיס. זײַנע קאָרעספּאָנדענצן האָט ער געשריבן לויט די הייסע שפּורן. ערעוו דעם 7 נאָיאַבער 1917 האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו נעמען אַן אינטערוויו בײַ די מיניסטאָרן פֿון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, און נאָכדעם האָט ער צוזאַמען מיט די רעוואָליוציאָנערע סאָלדאַטן און מאַטראָסן אָנטיילגענומען אינעם אָנגריף אויפֿן ווינטער־פּאַלאַץ און איז בײַגעווען, בייס מע האָט אַרעסטירט די זעלבע מיניסטאָרן. ווען לענין האָט פֿון דער טריבונע פֿונעם צווייטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די אַרבעטער־ און פּויערים־דעפּוטאַטן געמאָלדן, אַז דער ווינטער־פּאַלאַץ איז געפֿאַלן, איז ריד געווען אין סמאָלני.

אויפֿן דריטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטן האָט דזשאָן ריד געגעבן אַ וואָרט, און ער האָט געגעבן אַ שווּע די בײַוווינענדע דעלעגאַטן: „איך גיב אַ פֿײַערלעכע שווּע, אַז ווען איך וועל זיך אומקערן אין דער הערשאַפֿט פֿון קאַפּיטאַל וועל איך אַלעמען דערציילן דעם עמעס וועגן דעם זיג פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. איך שווער פֿײַערלעך אָפּצוגעבן אַלע מײַנע קויכעס דער זאַך פֿונעם אַרבעטער־קלאַס".

און דזשאָן ריד האָט אויסגעפֿילט זײַן שווּע.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע, האָט ער אין אַן אויסערסט קורצן טערמין אָנגעשריבן זײַן באַרימטן בוך „צען טעג, וואָס האָבן אויפֿגעטרייסלט די וועלט", ער שאַפֿט אין ניו־יאָרק דעם זשורנאַל „קאָמוניסט" און נעמט אַן אומיטלבאַרן אָנטייל אין גרינדן די קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין אַמעריקע, וועלכע איז אין 1921 יאָר אַרײַנגעטראָטן אין דער איינהײַטלעכער פֿאַראייניקטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אינעם פֿאָרוואָרט צו דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע פֿון דזשאָן רידס בוך האָט לענין געשריבן: „...דער בוך גיט אַ וואָרהאַפֿטיקע און אויסערסט לעבעדיק באַשרײַבונג שילדערונג פֿון די געשעענישן"... די רוסישע איבערזעצונג פֿונעם בוך איז דערשינען אין 1923. ריד האָט געשאַפֿן אַ קינסטלעריש געשמעלץ, אין וועלכן עס האָבן זיך פֿאַראייניקט רעפּאָרטאַזש מיט פּובליציסטיק, לירישע פּראָזע מיט סאָציאָלאָגישער פֿאָרשונג. דער דאָזיקער „רעוואָליוציאָנערער עפּאָס" איז געווען דער אָנהייב פֿונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

דזשאָן ריד האָט אויף קאַווקאַז אָנטיילגענומען אין דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון די מיזרעך־פֿעלקער. ער איז קראַנק געוואָרן אויף

טיף, און דעם 17 אָקטיאבער 1920 יאָר איז ער געשטאָרבן. זײַן קערפער האָט מען מעקאבער געווען בא דער קרעמל־וואנט. אף זײַן קייווער שטייט א דענקמאָל — ניט קיין אָפגעהובליעוועטע פליטע פון גראניט, אף וועלכער עס איז אויסגעקריצט: „דזשאָן ריד, דער דעלעגאט פונעם דריטן אינטערנאציִאָנאל, 1920". ריד האָט געלעבט זייער ווייניק, אינגאנצן 33 יאָר. זײַן לעבן איז אָבער געווען א העלדנטאט. פאר דוירעס מענטשן וועט ער פארבלײַבן ווי א הערלעכער בײַשפּיל פון א זשורנאליסט־אינטערנאציִאָנאליסט.

אלבערט ריס וויליאמס איז געבוירן געוואָרן אין סענטיאבער 1883. קיין רוסלאנד איז ער געקומען צו פאָרן אין יון 1917 אלס קאָרעספאָנדענט פון דער סאָציִאליסטישער פרעסע. די דאָזיקע רײַזע האָט באשטימט זײַן ווײַטערדיקן גורל.

ווען די דײַטשישע אינטערווענטן האָבן א שפאר געטאָן אף פעטראָגראד, איז דער אמעריקאנער קאָרעספאָנדענט ארײַנגעטראָטן אין די רייען פון דער רויטער ארמיי. מיט לענינס הילף אָרגאניזירט ער אן אינטערנאציִאָנאלן לעגיִאָן. ער ווענדט זיך צו אלע אויסלענדער מיט אן אופרוף פארטיידיקן די יונגע סאָוועטישע רעפובליק:

„אין דער ארומיקער כאשכעס האָט פלוצעם אופגעפלאקערט די שײַן פון דער רוסישער רעוואָליוציע, אופוועקנדיק די שענסטע טרוימען פון דער מענטשהײַט, — האָט מיט באגײַסטערונג געשריבן וויליאמס. — די סאָוועטנמאכט שטרענגט אָן אלע קויכעס, קעדיי מאכן א סאָף צו דער מילכאָמע און פארהיטן דעם פאקעל פון דער רעוואָליוציע, ניט דערלאָזן, ער זאָל דערטרונקען ווערן אין א יאם פון בלוט. די אויגן פון די רעוואָליוציִאָנערן פון אלע לענדער זײַנען געווענדט צו די סאָוועטן — צום רעוואָליוציִאָנערן צענטער פון דער גאנצער וועלט".

ווען וויליאמס האָט זיך אומגעקערט אין זײַן היימלאנד, האָט ער זיך געדארפט שטעלן פארן געריכט פון דער קאָמיסיע פונעם סענאט. ער האָט שרעקלאָז געמאָלדן, אז זײַן הויפט־אופגאבע איז — דערציילן דעם אמעריקאנער פאָלק דעם עמעס וועגן לענינען, וועגן סאָוועטן־רוסלאנד. שרײַבן וועגן לענינען איז געוואָרן דער וויכטיקסטער ציל פון זײַן לעבן.

וויליאמס האָט זײַן בוך „דורך דער רוסישער רעוואָליוציע" ארויסגעלאָזט אין ניו־יאָרק אין 1921. דער בוך גיט א ברייט בילד פון די געשעענישן פאר דער צײַט פון יון 1917 ביז יול 1918 און זעצט פאָר צו פיקסירן דעם גאנג פון דער געשיכטע, איבערנעמענדיק די עסטאפעטע פון דזשאָן רידס הענט. א באזונדערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר די לעצטע צוויי קאפיטלען פון דעם בוך: די דערציילונגען וועגן דער רײַזע פונעם אווטאָר איבער דער טראנססיבירער מאגיסטראל און וועגן דעם גורל פונעם וולאדיוואָסטאָקער ראט. דער בוך איז אָנגעשריבן אין סטיל פונעם דאָקומענטאלן פובליציסטישן רעפאָרטאזש און אנטהאלט א ריי אילוסטראטיווע מאטעריאלן פון יענער עפאָכע.

אין 1922 יאָר איז וויליאמס ווידער געקומען צו פאָרן אין אונדזער לאנד. ער לעבט אין פויערישע הײַזער אף דער וואָלגע, וואנדערט ארום איבער די בארגיקע וועגן פון קאכעטיע, באזוכט וולאדימירשטשינע; קעדיי צו דערוויסן זיך, ווי עס האלט מיט רעליגיע אין פסכר, ארבעט ער אפילע אלס שוימער אף א בעסוילעם, שפעטער קומט ער אָן פאר א דערציִער אין א קינדער־קאָלאָניע אף דזשאָן רידס נאָמען.

ווען היטלער איז אָנגעפאלן אפן סאָוועטנפארבאנד, האָט וויליאמס נאָכגעשפירט נאָך די גרויזאמע געשעענישן, און אין יאָר פון דעם סטאלינגראדער זיג לאָזט ער ארויס א נײַעם בוך וועגן סאָוועטנפארבאנד. פאר א קורצער צײַט איז דער בוך זעקס מאָל ארויסגעגעבן געוואָרן. אין 1958 יאָר איז וויליאמס דאָס לעצטע מאָל געקומען קיין סאָוועטנפארבאנד. עס האָבן אים באגעגנט אלטע גוטעפרײַנט. אין דער ביבליִאָטעק פון גאָרקי לענינסקיִע געפינט ער זײַן בוך וועגן לענינען. מעגלעך, אז דער פירער פון דער רעוואָליוציע האָט באוויזן עס איבערלייענען. איצט, ווען דער שרײַבער האלט שוין בא די אכציקער, א שווער קראנקער, הייבט ער אָן צו ארבעטן אף א נײַעם בוך וועגן לענינען. דער טויט האָט איבערגעריסן די ארבעט. געשטאָרבן איז וויליאמס אין 1962.

אלבערט ריס וויליאמס האָט ליב געהאט צו דערציילן וועגן אזא עפיזאָד:

דאָס איז פאָרגעקומען אין יאנוואר 1918. אין פעטראָגראד, אף א מיטינג פון סאָלדאטן, וועלכע האָבן געדארפט אוועקגיין אפן פראָנט, איז דער ערשטער ארויסגעטראָטן לענין. נאָך אים האָט געדארפט האלטן א רעדע וויליאמס. איליטש האָט אים אונטערגעגעבן מוט:

— רעדט אף ענגליש, און איך וועל איבערזעצן אין רוסיש.

— ניין, איך וועל ריידן אף רוסיש, — האָט געענטפערט דער אמעריקאנער.

ער האָט אָבער גיך אויסגענוצט אלע צוגעגרייטע פראזעס און זיך פארהאקט. לענין האָט טייקעף אים אונטערגעזאָגט דאָס נייטיקע וואָרט. אזוי — די גאנצע צײַט פון דער רעדע. ווי נאָר וויליאמס פלעגט זיך פארהאלטן, פלעגט לענין אים קומען צו הילף. און יעדעס מאָל פלעגט עס ארויסרופן הילכיקע אפלאָדיסמענטן פון די רויטארמייער.

נאָכן מיטינג האָט לענין געזאָגט וויליאמסן, אז ער דארף ערנסט דערלערנען די רוסישע שפראך, און ער האָט אים געראטן, וויִאזוי עס בעסער צו טאָן.

י. גינעווסקי

■ ■ ■

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

אקסעלראָד, מייער
(1902—1971)

— מאָלער. געבוירן אין שטעטל מאָלאָדעטשנאָ (ליטע, ווילנער גובערניע) אין א מישפּאָכע פון האַנטווערקער. געלערנט אין דער מינסקער רעאַל־שול. אין 1915, איבער דעם מילכאָמע־גיירעש אָף ייִדן, ארויסגעפאָרן מיט דער גאַנצער מישפּאָכע קיין טאַמבאָוו, ווו ער האָט באַזוכט די דאָרטיקע מאָלער־שול. אין 1918 איז ער פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. אין 1921 האָט דער נײַנצן־יאָריקער מאָלער דעביוטירט אין מינסק מיט אַן אויסשטעלונג פון זעקס און דרײַסיק אַרבעטן. אין דעם זעלבן יאָר ווערט ער אין מאָסקווע אָנגענומען אין וכוטעמאַס, ווו ער באַקומט פּראָפעסיאָנעלע אויסשולונג. א באַזונדערע האַשפּאָע האָט געהאַט אָף אים דער גראַפיקער וולאַדימיר פאַוואָרסקי. אקסעלראָד איז געווען א מײַסטער פון פּאָרטרעט, פּייזאַזש, שטייגער־שילדערונג. ער האָט איליוסטרירט די ווערק פון שאָלעם־אַלייכעם און י.־ל. פּערעץ, ווי אויך פון שמועל האַלקין, לייב קוויטקאָ, נויעך לוריע, זעליק אקסעלראָד. צו זײַנע שעפערישע דערגרייכונגען דאַרף מען צורעכענען די קינסטלערישע אויספאָרעמונג (דעקאָראַציעס און קאָסטיומען) פון די ספּעקטאַקלען „מידאַס האַדין" (אין מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער), „דער פּאַרקישעפּטער שנײַדער" (אין קיִעווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער). א סאַך זײַנע אַרבעטן האָט אקסעלראָד געווידמעט דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און דער אויסראָטונג פונעם ייִדישן פאָלק מיצאַד דעם פאַשיזם.

ביבליאָגראַפיע. אַלעקסאַנדער קאַמענסקי, „וועגן מייער אקסעלראָדס שאַפונג", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 8, מאָסקווע, 1970; יורי גערטשוק, „מייער אקסעלראָדס שאַפונגס־וועג", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 8, 1972.

אַראָנסקי, מוישע
(1898—1944)

— פּראָזאַיקער. געבוירן געוואָרן אין אָווורוטש, דערצויגן אין א פאַמיליע פון אַן אָנגעשטעלטן. געענדיקט די קאָמערץ־שול (1916). געאַרבעט אַלס לערער פון ליטעראַטור און געשיכטע אין דער מיטלשול, שטודירט אין קיִעווער אוניווערסיטעט (1930). אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט אין 1926. אַוטאָר פון א ריי ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פאַרצייכענונגען, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דער שטייגער און די פּסיכאָלאָגיע פון סאָוועטישע מענטשן אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן. מ. אַראָנסקי איז אומגעקומען אין שלאַכט קעגן דײַטשישן פאַשיזם בײַס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

ווערק. „נינאַ און מאַיאַרטשיק", ראָמאַן, כאַרקאָוו, 1929; „די פאַבריק רופט", דערציילונג, מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1931; „אין גליי", דערציילונגען, כאַרקאָוו, 1932; „אין וואָכעדיקן קאַמף", כאַרקאָוו — קיִעוו, 1932; „אָף שטאָלענע שליאַכן", פאַרצייכענונגען, כאַרקאָוו — קיִעוו, 1932; „קאָמונע „ב. נ. ל.", ראָמאַן, כאַרקאָוו — קיִעוו, 1932; „איבער באַריערן", ראָמאַן כאַרקאָוו — קיִעוו, 1934; „ערשטע", ראָמאַן, כאַרקאָוו, 1934; „א ווינטער־טאָג אין ייִשעוו לעניִנאָ", דערציילונג, קיִעוו, 1938; „אין פריידן און ליידן", דערציילונגען, קיִעוו, 1939; „לאַנדסלײַט", פאַרצייכענונגען, קיִעוו, 1939; „קאַמבל און זײַנע פרײַנט", ראָמאַן, קיִעוו, 1939; „דערציילונגען און נאָוועלן", קיִעוו, 1941.

ביבליאָגראַפיע. ס. זשוקאָווסקי, אין בוך „פּרוּוון", כאַרקאָוו, 1934; ד. רומאַנאָווע, קריטיש־ביבליאָגראַפישער ביולעטען, מינסק, 1933; ה. בלאָשטיין, צײַטונג „שטערן", כאַרקאָוו, 1933, נומער 55; כ. דונעץ, צײַטונג „אָקטיאַבער", מינסק, 1934, נומער 102; צײַטונג „אייניקײַט", מאָסקווע, 17 מײַ 1945; א. קושניראָוו, צײַטונג „נײַע פּרעסע", פּאַריז, 27 יול 1945.

אַרטענבערג, שמועל (1903—)

— זשורנאַליסט, ליטעראַטור־פאָרשער. געבוירן אין פּאָגרעבישטשע (אוקראַיִנע). געלערנט בא פּריוואַטע לערער רוסיש און ייִדיש. אין 1924 געענדיקט אין קיִעוו די העכערע דרײַיאָריקע פּעדאַגאָגישע קורסן און באַקומען דעם טיטל לערער פאַר געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלינען אין שול. אין דעם זעלבן יאָר אָנגעהויבן דרוקן אַרטיקלען אין דער ייִדישער פּרעסע („דער עמעס", „דער שטערן" אאַ). געדרוקט א ריי אַרטיקלען אין דער ייִדישער, אוקראַיִנישער און רוסישער פּרעסע וועגן שעפער פון דער ייִדישער, מיזרעך־אייראָפּעיִשער און רוסישער ליטעראַטור. וווינט אין דניעפּראָפּעטראָווסק. די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן ווינ־

טשעווסקין און גרעצן אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״.

ווערק. י. לינעצקי, זײַן לעבן און שאַפן. וויניצע, 1931.

אָרלאַנד, הערשל
(1946—1896)

— פּראָזאַיקער. געבוירן אין טעטיִעוו (קיִעווער גובערניע). אין 1920—1921 פּרײַוויליק אוועק אין דער רויטער אַרמיי. נאָכן בירגערקריג געאַרבעט אין דער צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן״, דעביוטירט מיט די ערשטע דערציילונגען, וועלכע האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו זיך מיט דער שפּראַך־מײַסטערשאַפט פונעם אויטאָר, מיט די קאָלאָריטפולע נאַטור־שילדערונגען. אין 1926 אַרבעט אָרלאַנד אויף מעליאָראַציע. די דערפאַרונג, וואָס ער האָט דאָרט באַקומען, איז פאַרקערפּערט געוואָרן אינעם ראָמאַן „הערבליעס״, וועלכער האָט אים געבראַכט אנערקענונג אַלס באַדײַטנדיקער פּראָזאַיקער. אין „הערבליעס״ און אינעם צווייטן ראָמאַן — „אַגלאָמעראַט״ — ווערט אָפּגעשפּיגלט די פּראָבלעם פון איבערבויען דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטייגער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד.

ווערק. „גראַבערס״, קיִעוו, 1930; „הערבליעס״, כאַרקאָוו, 1931; „שלאַכטן״, 15 יאָר אָקטיאַבער אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, זאַמלונג, צונויפגעשטעלט אינײַנעם מיט כאַיִם גילדין און אווראַם קאַהאַן, כאַרקאָוו, 1932; „אַגלאָמעראַט״, ראָמאַן, קיִעוו, 1935; „שיקערע געגנדן״, כאַרקאָוו — אָדעס, 1936; „פּאַלעסיע״, דערציילונג, קיִעוו, 1939; „איבערפירן זײַנען מיר געפאָרן״, רײַזעפאַרצייכענונגען, קיִעוו, 1940; איבערזעצונגען: א. פּושקין, „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער״, קיִעוו, 1936; נ. אָסטראָווסקי, „ווי ס׳האָט זיך פאַרהאַרטעוועט דאָס שטאָל״, קיִעוו, 1937; וויקטאָר הוגאָ, „די יאַם־אַרבעטער״, קיִעוו, 1940; איוואַן פראַנקאָ, „באַא קאָנסטרוקטאָר״, קיִעוו, 1940.

ביבליאָגראַפיע. י. בראָנשטיין, „אַטאַקע״, מינסק, 1931; כ. דוניעץ, „מאָרגן־פרײַהײַט״, ניו־יאָרק, 20 פעברואַל 1933; ס. זשורקאָווסקי, „פּרווון״, כאַרקאָוו, 1934; מ. מיזשירעצקי, זשורנאַל „שטערן״, מינסק, סענטיאַבער 1936; „צווישן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער״, צײַטונג „אייניקייט״, מאָסקווע, 7 יוני 1942; א. קושניראָוו, צײַטונג „נײַע פּרעסע״, פּאַריזש, 27 יולי 1945; „הערשל אָרלאַנד״, צײַטונג „אייניקייט״, מאָסקווע, 19 מאַרץ 1946 (נעקראָלאָג).

אָרשאַנסקי, בער
(1945—1883)

— פּראָזאַיקער, דראַמאַטורג, קריטיקער. געבוירן אין האָראָדאָק (ווײַסרוסלאַנד), אַנטיילגענומען אין „בונד״, אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַרײַנגעטראָטן אין 1918. געפירט אונטערערדישע אַרבעט אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד, געווען פאַרוואַלטער פונעם ייִדישן סעקטאָר אין אינסטיטוט פאַר ווײַסרוסישער קולטור („אינבעלקולט״), אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער ליטעראַטור־באַוועגונג אין די 20—30־ער יאָרן. געשאַפן ראָמאַנען, דראַמעס, מעמוארן, ליטעראַטור־קריטישע און ליטעראַטור־פאָרשערישע אַרבעטן.

ווערק. „באַ די ערשטע זונען־שטראַלן״, דראַמע אין דרײַ אַקטן, ווילנע, 1911; „דער אייביקער כאָלעם״, דראַמע, ווילנע 1909; „אַנאַ״, דראַמע אין דרײַ אַקטן, ווילנע, 1911; „די לעגענדע וועגן באָלשעוויזם״, מאָסקווע, 1918; „אַף כוואַליעס״, ראָמאַן, מאָסקווע, 1924; „בלוט״, טראַגעדיע אין 4 אַקטן, מינסק, 1929; „אין באַהעלטעניש״, דערציילונגען פאַר קינדער, מאָסקווע, 1930; „טעאַטער־שלאַכטן״, אַרטיקלען־זאַמלונג, מאָסקווע, 1931; „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָליוציע״, מינסק, 1931; „אַרטיאָם״, פון ציקל „העלדן פון באָלשעוויסטישן קאַמף״, מאָסקווע, 1932; „אין קאַלימאַ״, דערציילונגען, מאָסקווע, 1937; „מיט אָפענע מײַלער״, מײַסעס, מינסק, 1939; „עפּיזאָדן״, דערציילונגען פאַר קינדער, מאָסקווע, 1940; „קאָלימער דערציילונגען״, מאָסקווע, 1941.

ביבליאָגראַפיע. ז. רייזען, „לעקסיקאָן פאַר ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע״, ב. 1; מ. ליטוואַקאָוו, „אין אומרו״, ב. 2, מאָסקווע, 1926; י. בראָנשטיין, „אַטאַקע״, מאָסקווע, 1931.

די ייִדישע ליטעראַטור – אַף די וועגן פון אונדזער סאָוועטישערווירקלעכקייט

2

1

Дэр Эмэс

(Правда)

דער

אמת

№ 1.

3

1. אָשער שוואַרצמאַן אין די יאָרן פון בירגערקריג.

2. אַף דער פּאַטאָ פון לינקס אַף רעכטס: מאַקסים גאָרקי שמועסט מיט די שרייַבער פון ווײַסרוסלאַנד מ. קלימאָוויטש, יאַ. בראָנשטיין, מ. לינקאָוו.

3. דער ערשטער נומער „דער עמעס", וואָס איז דערשינען דעם 7 אווגוסט 1918

פון אונדזער פאָטאָ-אַרכיוו

6

4

7

5

4. דער שטאַב פון קאַלינינדאָרפער קאָמיטעט פאַר העכערן די גערעטעניש (1929). דער דריטער פון לינקס נאָטע לוריע.

5. כאַנע ווייַנערמאַן (דער ערשטער פון רעכטס) צווישן א גרופּע אַקטיוויסטן פון א לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמונע.

6. יאַשע זעלדין.

7. כאַים מעלאַמוד (דער ערשטער פון לינקס) צווישן א גרופּע אָפיצערן פון 797־טן שיסער־פּאָלק.

ווערטער פון ארן ווערגעליס
מוזיק פון סערגיי טשעבאטאריאָוו

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל





שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
פייגעלעך טאָרן ניט וויינען,
זאָל דער ניטגוטער מיינען:
ניט איך וויין, נאָר איך שפּיל.

דאָס האַרץ — עס מעג זיך פאַרגיין,
אַזוי ווי אַ קינד אין געיאָמער,
און אַ שמייכל טאָן לאָמיר,
געגוג שוין געוויינט —
מאמעניו־האַרצעניו, איילעך.
קעצעניו־ליובעניו, פריילעך.

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
עמעץ וועט קומען און הערן,
וועלן זיך שטעלן אים טרערן,
וועט ער צעווייגען זיך שטיל.

דעמלט כ'וועל שרײַען: איר הערט?!
דעמלט די טרער וועל איך לויבן.
שפּיל, סאָלאָווייטשיק, דײַן גלויבן
בלײַבן זאָל אייביק גערעכט.
וועלן מיר פריילעך זיך מאַכן —
לאַכן און לאַכן און לאַכן...

שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל,
פייגעלעך מעגן דען שטומען?
איין סאָלאָוויי מאַכט זומער! —
זאָג, סאָלאָווייטשיקל, זאָג!
זינג, סאָלאָווייטשיקל!
זינג, סאָלאָווייטשיקל!
שפּיל, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

МЕСТОИМЕНИЯ

Личные местоимения: я, ты, он, она, оно; мы, вы, они.

Притяжательные местоимения: мой, твой, его, её; наш, ваш, их.

Мой брат, моя сестра, моё дитя; мои братья, мои сёстры, мои дети. Брат мой, сестра моя, дитя моё. Один из моих братьев, одна из моих сестёр, одно из моих детей.

Я принёс свою работу,
ты принёс свою работу,
он принёс свою работу,
она принесла свою работу,
мы принесли свою работу...

פראָנאָמען

פערזאָניקע פראָנאָמען: **איך, דו, ער זי, עס (דאָס); מיר, איר, זיי.**

פאָסעסיווישע פראָנאָמען: **מײַן, דײַן, זײַן, איר; אונדזער, אײַער, זייער.**

מײַן ברודער, מײַן שוועסטער, מײַן קינד; מײַנע ברידער, מײַנע שוועסטער, מײַנע קינדער. ברודער מײַנער, שוועסטער מײַנע, קינד מײַנס. מײַנער א ברודער, מײַנע א שוועסטער, מײַנס א קינד.

איך האָב געבראַכט מײַן ארבעט,
דו האָסט געבראַכט דײַן ארבעט,
ער האָט געבראַכט זײַן ארבעט,
זי האָט געבראַכט איר ארבעט,
מיר האָבן געבראַכט אונדזער ארבעט...

איך — מײַן, מײַנע, מײַנס; דו — דײַן, דײַנע, דײַנס; ער — זײַן, זײַנע, זײַנס; זי — איר, אירע, אירס; מיר — אונדזער, אונדזערע, אונדזערס; איר — אײַער, אײַערע, אײַערס; זיי — זייער, זייערע, זייערס. זייער ארבעט איז זייער אינטערעסאַנט און וויכטיק[1].

1. נאָמינאַטיוו[2]: **מײַן (דער) ברודער (מײַן (די) שוועסטער)[3] איז געווען אף דער מילכאָמע[4].**
2. אקוזאַטיוו[5]: **מײַן (דעם) ברודער, מײַן (די) שוועסטער[6] האָט מען באַלוינט[7] מיט אן אָרדן.**
3. דאַטיוו[8]: **מײַן (דעם) ברודער, מײַן (דער) שוועסטער[9] האָט מען געגעבן אן אָרדן.**
4. פאָסעסיוו[10]: **מײַן (דעם) ברודערס, מײַן (דער) שוועסטערס ארבעטן[11] זײַנען זייער פײַן[12].**

1. נאָמינאַטיוו: **מײַנער א ברודער (מײַנע א שוועסטער) איז אומגעקומען[13] אף דער מילכאָמע.**
2. אקוזאַטיוו: **מײַנעם א ברודער, מײַנע א שוועסטער[14] האָט מען אָנגענומען[15] אין קאָנסערוואַטאָריע.**
3. דאַטיוו: **מײַנעם א ברודער, מײַנער א שוועסטער[16] האָט מען געגעבן אורלויב[17].**

Перевод: 1) их работа очень интересна и важна; 2) именительный падеж; 3) мой брат (моя сестра); 4) на войне; 5) винительный; 6) моего брата, мою сестру; 7) наградили; 8) дательный; 9) моему брату, моей сестре; 10) «притяжательный» (родительный); 11) работы моего брата, моей сестры; 12) очень красивы; 13) погиб(ла); 14) одного из моих братьев, одну из моих сестёр; 15) приняли; 16) одному...,одной...; 17) отпуск.

Шолом-Алейхем

(Два отрывка о погромах)

I

... Я всё слышу от эмигрантов: «погром, погром», но что это такое, я не знаю.

— Не знаешь, что такое погром? — говорит мне Копл. — Эге! Стало быть, ты совсем еще сосунок! Погром это такая штука, которая теперь бывает повсюду. Начинается это почти с пустяков, но уж если начнется, то тянется три дня подряд...

— Но что ж это такое? — говорю я. — Ярмарка?

— Какая ярмарка? Хороша ярмарка! Вышибают стёкла! Ломают мебель! Вспарывают подушки! Пух летит, как снег!

— А зачем это?

— Вот те и здравствуй! Зачем? Громят не только дома. Громят и лавки. Разбивают все лавки, выбрасывают оттуда на улицу товар, разносят, грабят, рассыпают, потом обливают керосином и поджигают.

— Да брось ты!

— А ты как думал? Я разве стану выдумывать? А потом, когда грабить уже

שאָלעם־אלייכעם

(צוויי פראַגמענטן וועגן פאָגראָמען)

I

...איך הער אלץ פון די עמיגראַנטן, מע זאָגט „פאָגראָם", „פאָגראָם", נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט. רופט זיך אָן צו מיר קאָפּל:

— א פאָגראָם ווייסטו ניט? ע! ביסטו דאָך גאָר א ניונקעלע! א פאָגראָם איז א זאַך, וואָס איז הײַנט אומעטום. הייבן הייבט זיך עס אָן קימאַט פון גאָרנישט, און אז עס הייבט זיך אָן, ציט זיך עס אוועק דרײַ טעג...

— וואָס זשע, זאָג איך, איז דאָס? א יאַריד?

— וואָסער יאַריד? א שיינער יאַריד! מע שלאָגט פענצטער! מע ברעכט מעבל! מע טרענט קישנס! פעדערן פליִען, אזוי ווי שניי!

— אקעגן וואָס?

— נא דיר גאָר אקעגן וואָס! אקעגן שמערלען! א פאָגראָם איז ניט נאָר אף הײַזער אליין, א פאָגראָם איז אף קלייטן. מע צעשלאָגט אלע קלייטן, און מע וואַרפט ארויס פון דאָרטן די סכוירע אף דער גאַס, און מע צעטראָגט און מע צעראַבעוועט, און מע צעשיט, און מע באַגיסט מיט גאַז, און מע צינדט אונטער און מע ברענט.

— גיי שוין, גיי!

— וואָס דען מיינסטו? איך וועל דיר אויסטראַכטן? נאָכדעם, אז ס'איז נישטאָ שוין וואָס צו ראַבעווען,

нечего, ходят по домам с топорами, ломами и дубинами, а полиция ходит следом. Поют, свистят, кричат: «Эй, ребята, бей жидов!» Бьют, убивают, режут, штыками колют...

— Кого?

— Что значит, «кого»? Евреев!

— За что?

— Что значит, «за что»? На то и погром!

— Ну и что, если погром?

— Убирайся! Ты теленок! Не желаю с тобой разговаривать!

Так мне говорит Копл, отстраняет меня и засовывает руки в карманы, как взрослый...

«Мальчик Мотл»

II

...Приезжаю однажды из Бойберика домой. Я тогда еще в полной силе был, торговал молочным товаром — сыром, маслом и прочей снедью. Выпряг лошадку, подсыпал сена и овса, не успел даже руки помыть к обеду, — гляжу, у меня полон двор крестьян [...], и все они выглядят както странно, у всех праздничный вид.

Вышел я к ним и поздоровался честь-честью:

— Здравствуйте, — говорю, — дорогие хозяева! Зачем пожаловали? Что хорошего скажете? Что нового расскажете?

Выступает староста [...] и говорит мне открыто без всяких предисловий:

— Пришли мы к тебе, Тевель... Побить тебя хотим! [...]

— Поздравляю вас! — отвечаю я как ни в чем не бывало. — Но что же это вы, дети мои, так поздно спохватились? В других местах об этом уже почти забыть успели!

Тогда Иван Поперило, староста то есть, говорит самым серьезным образом:

— Понимаешь, Тевель, мы всё время думали и гадали: бить тебя или не бить? Повсюду, во всех других местах, ваших бьют, как же нам тебя обойти? Вот громада и порешила, что надо тебя побить... Да только, видишь ли, сами еще не знаем, что с тобой делать, Тевель: только ли стекла у тебя вышибать, перины и подушки распороть и пух выпустить или поджечь твою хату, сарай и всю худобу?..

Тут уж у меня и вовсе стало кисло на душе. Смотрю я на своих гостей, стоят, опершись на длинные посохи, и о чем-то шепчутся. По всему видать, что дело нешуточное [...]

[...] Набрался я смелости и обращаюсь к крестьянам:

— Выслушайте меня, дорогие мои хозяева. Раз громада порешила, так и рассуждать тут нечего. Вам лучше знать, заслужил ли у вас Тевье, чтобы вы разорили всё его хозяйство... Да только, — говорю, — знаете ли вы, что есть на свете кое-кто повыше вашей громады? Знаете ли вы, что есть бог на свете? [...]

גייט מען איבער די הײַזער מיט העק, מיט אײַזנס און מיט שטעקנס, און פּאָליציע גייט נאָך פון הינטן. מע זינגט און מע פֿײַפט און מע שרײַט: „איי, רעביאטע, ביי זשידאָוו!" און מע שלאָגט, מע הארגעט, מע קוילעט, מע שטעכט מיט שפּיזן...

— וועמען?

— וואָס הייסט וועמען? ייִדן!

— פארוואָס?

— נא דיר גאָר פארוואָס! ס'איז דאָך א פּאָגראָם!

— און אז א פּאָגראָם, איז וואָס?

— גיי אוועק, דו ביסט א קעלבל! איך וויל מיט דיר ניט ריידן!

אזוי זאָגט צו מיר קאָפּל, שטופּט מיך אָפּ פון זיך און לייגט ארײַן די הענט אין די קעשענעס, ווי א גרויסער...

„מאָטל פּייסי דעם כאזנס"

II

...איך קום צו פאָרן איינמאָל אהיים פון בויבעריק. איך בין נאָך דעמלט געווען[...] אין די פעדערן[...], געהאנדלט מיט מילכיקס, קעז און פּוטער און שאָר־יעראָקעס. אויסגעשפּאנט דאָס פערד, אונטערגעוואָרפן דעם היי און האָבער, נישט צײַט געהאט אפילע זיך וואשן צום עסן, איך טו א קוק — א פולער הויף מיט גאָיִם[...], און אלע זעען זיי מיר אויס עפּעס מאָדנע, יאָמטעוודיק!

...און איך נעם און גיי ארויס צו זיי מיט א ברייטן שאָלעם־אליייכעם:

— ברוכים הבאָים, — זאָג איך צו זיי, — וואָס טוט איר דאָ, מײַנע ליבע באלעבאטים? און וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס? און וואָס וועט איר דערציילן נײַס?..

טרעט ארויס דער סטאראָסטע[...] און רופט זיך אָן צו מיר גאנץ אָפנטלעך און גאָר אָן שום האקדאָמעס:

— מיר זײַנען געקומען, — זאָגט ער, — צו דיר, טעוועל, מיר ווילן דיך שלאָגן![...]

רוף איך מיך אָן צו זיי גאנץ לעבעדיק:

— מאזלטאָוו אײַך[...], נאָר וואָס האָט איר זיך, קינדער, אזוי שפּעט דערמאָנט? אין אנדערע ערטער[...] האָט מען שוין פון דעם קימאט פארגעסן!..

רופט זיך אָן צו מיר איוואן פּאָפּערילאָ, דער סטאראָסטע הייסט עס, שוין דאפקע גאנץ ערנסט:

— פארשטייסט דו מיך, טעוועל, — זאָגט ער, — מיר האָבן זיך אלץ געיִישעוועט, צי מיר זאָלן דיך שלאָגן, צי ניט שלאָגן? אומעטום, אין אלע ערטער, שלאָגט מען אײַך, פארוואָס זאָלן מיר דיך דורכלאָזן?.. איז געבליבן בא דער הראָמאדע, אז מיר זאָלן דיך שלאָגן... נאָר וואָס דען, מיר ווייסן נאָך אליין ניט, וואָס מיר זאָלן מיט דיר טאָן, טעוועל; צי מיר זאָלן דיר נאָר אויסהאקן די שויבן, און צעטרענען די פּערענעס מיט די קישעלעך און ארויסלאָזן די פעדערן, צי מיר זאָלן דיר פארברענען די כאטע מיט דער שטאל, מיט דער גאנצער כאדאָבע דײַנער?

דאָ איז מיר שוין געוואָרן גוט קאלעמוטנע אפן הארצן, און איך באטראכט מײַנע לײַט, ווי מע שטייט אָנגעלענט אף די לאנגע שטעקנס און מע שושקעט זיך מיר עפּעס שטילערהייט. מאשמאָעס, הייסט עס, אז ס'איז בא זיי גאָר קיין קאטאָוועס ניט[...]

[...]איך נעם מיך אָן מיט הארץ און רוף מיך אָן צו זיי, צו די גאָיִם, הייסט עס:...

— הערט זשע אויס, מײַנע ליבע באלעבאטים, וויבאלד, — זאָג איך, — אז הראָמאדע האָט אזוי געפּאסקנט, איז דאָך ניט שײַעך, מיסטאמע ווייסט איר בעסער, אז טעוויע האָט בא אײַך פארדינט, איר זאָלט מאכן א טעל פון זײַן כאדאָבע און פון זײַן גאנץ פארמעגן... נאָר וואָס דען, — זאָג איך, — דאָס ווייסט איר, אז ס'איז פאראן נאָך העכערס פאר אײַער הראָמאדע? איר ווייסט, אז ס'איז דאָ א גאָט אף דער וועלט?[...]

... Тогда староста ... говорит:

— Дело, видишь ли, вот какое. Мы, правду сказать, против тебя, Тевель, ничего не имеем. Ты хоть и жид, но человек не плохой [...] Мы тебе хоть стекла повышибаем. Уж это мы непременно должны сделать, а то, — говорит, — неровен час, проедет кто-нибудь мимо, пусть видит, что тебя побили, не то нас и оштрафовать могут...

(«Тевье-молочник». Переводы М. Шамбадала)

...רופט זיך אָן צו מיר דער סטאַראָסטע...:

— די מײַסע דערפון איז אזוי. מיר האָבן צו דיר, טעוועל, אייגנטלעך, גאָרנישט ניט. דו ביסט טאַקע א זשיד, נאָר ניט, קיין שלעכטער מענטש [...] מיר וועלן דיר כאָטש אויסהאַקן די פענצטער. דאָס מוזן מיר, ווײַל טאָמער, פאָרט עמעצער דורך, טאָ לאָז מען זען, אז מע האָט דיך געשלאָגן, אניט, — זאָגט ער, — וועט מען אונדז נאָך שטראַפירן...

(„טעוויע דער מילכיקער")

* * *

Из письма Льва Толстого к Шолом-Алейхему о погроме в Кишиневе.

«Соломон Наумович,

Ужасное совершенное в Кишиневе злодеяние болезненно поразило меня [...]. На днях мы из Москвы послали коллективное письмо кишиневскому голове, выражающее наши чувства по случаю этого ужасного дела [...].

К сожалению, то, что я имею сказать, а именно, что виновник не только кишиневских ужасов, но всего того разлада, который поселяется в некоторой малой части — и не народной — русского населения, — одно правительство, — к сожалению, это я не могу сказать в русском печатном издании.

6 мая 1903 г.»

(Шолом-Алейхем. Собр. соч. т. 4. М., 1960, стр. 660).

פון לעוו טאָלסטאָיס א בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען וועגן דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו.

סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש,

די שוידערלעכע גאזלעוויסטווע, וואָס איז געשען אין קעשענעוו, האָט מיך ווייטעקלעך איבעראַשט[...] די טעג האָבן מיר פון מאָסקווע געשיקט דעם קעשענעווער גאָלאָווא (דער הויפּט פון שטאָט. — ע. פ.) א קאָלעקטיוון בריוו, וואָס דריקט אויס אונדזערע געפילן מיקויעך דעם שוידערלעכן איניען[...].

צום באַדויערן, דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגן, דהײַנע, אז דער שולדיקער ניט נאָר פון די קעשענעווער גרוילן, נאָר פון דעם גאַנצן אײַנרײַס, וואָס מע קולטיווירט בא א געוויסן קליינעם טייל (אויך פונעם ניט פאָלקישן) — פון דער רוסישער באַפעלקערונג, — איז בלויז די רעגירונג, — צום באַדויערן, דאָס קאָן איך ניט זאָגן אין א רוסישער געדרוקטער אויסגאַבע.

6 מײַ 1903.

* * *

Запомните: в русском неопределенно-личном предложении («стучат, поют, свистят» и т. д.) употребляется глагол (сказуемое) в 3-м лице *множественного* числа *без подлежащего.* В идише этому соответствует глагол в 3-м лице *единственного* числа с местоимением (מע(ן)) в качестве подлежащего, напр.:

מע קלאַפּט, מע זינגט, מע פײַפט... אָדער אין צוקונפט: מע וועט קלאַפּן, מע וועט זינגען, מע וועט פײַפן... אָדער אין פאַרגאַנגענהײַט: מע האָט געקלאַפּט, מע האָט געזונגען, מע האָט געפּײַפט.

דעם פּראָנאָם „מע" אָדער „מען" (ער נעמט זיך פונעם וואָרט „מאַן", — א מענטש, א מאַן) רעדט מען אַרויס אָן אַן אַקצענט. „מע" קומט פאַר דעם ווערב; נאָך דעם ווערב איז „מען". לעמאָשל: מע קלאַפּט דאָ הײַנט — הײַנט קלאַפּט מען דאָ; דאָ קלאַפּט מען הײַנט.

אין צוקונפט: מע וועט דאָ הײַנט קלאַפּן. אָדער: מע וועט הײַנט דאָ קלאַפּן; אָבער: הײַנט וועט מען דאָ קלאַפּן. אָדער: דאָ וועט מען הײַנט קלאַפּן.

אין פאַרגאַנגענהײַט: מע האָט דאָ הײַנט געקלאַפּט. אָדער: מע האָט הײַנט דאָ געקלאַפּט; אָבער: הײַנט האָט מען דאָ געקלאַפּט. אָדער: דאָ האָט מען הײַנט געקלאַפּט.

געדענקט, וואָס איז שוין געווען געזאָגט אינעם 7־טן נומער פון 1975 יאָר אַף זײַט 191 וועגן דעם סיידער פון ווערטער אין א ייִדישן זאַץ: דער פּערזאָניקער ווערב דאַרף, אַלס קלאַל, זײַן אין זאַץ אַפן צווייטן אָרט. אויב דער ווערב באַשטייט פון צוויי אָדער פון מער ווערטער (לעמאָשל, אין צוקונפט, אין פאַרגאַנגענהײַט), קומט דער בייגיקער טייל — דער הילפוווערב אַפן צווייטן אָרט און דער אינפיניטיוו אָדער דער פּאַרטיציפּ קאָנען זײַן אָפּגערוקט.

דער פּראָנאָם „מע(ן)" איז אַלעמאָל אָדער פאַר דעם פּערזאָניקן ווערב אָדער גלײַך נאָך אים. זעט די פריִערדיקע בײַשפּילן.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

© Журнал «Советиш геймланд», 1976 г.

אכטונג, ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור!

עס געפינען זיך נאָך אין פארקויף פאָלגנדע ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, דערשינענע אין פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל״:

1. נאָטע לוריע. הימל און ערד. 306 ז., פרײַז 42 קאָפּ.
2. דאָוויד האָפשטיין. געקליבענע ווערק. 376 ז., פרײַז 55 קאָפּ.
3. אזוי לעבן מיר. זאמלונג. 484 ז., פרײַז 36 קאָפּ.
4. איציק פעפער. לידער, פּאָעמעס, באלאדעס. 432 ז., פרײַז 68 קאָפּ.
5. איציק קיפּניס. צום לעבן. 296 ז., פרײַז 68 קאָפּ.
6. ז. ווענדראָף. אונדזער גאס. 577 ז., פרײַז 48 קאָפּ.
7. לייב קוויטקאָ. געקליבענע ווערק. 479 ז., פרײַז 43 קאָפּ.
8. שיקע דריז. די פערטע סטרונע. לידער. 223 ז., פרײַז 36 קאָפּ.
9. דערציילונגען פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. 810 ז., פרײַז 74 קאָפּ.
10. אלעקסאנדער גובניצקי. מײַן אויצער. 359 ז., פרײַז 80 קאָפּ.
11. שמועל גאָרדאָן. פרילינג. 562 ז., פרײַז 62 קאָפּ.
12. מענדל ליפשיץ. בא זיך אין דער היים. 166 ז., פרײַז 25 קאָפּ.
13. ש. האלקין. מײַן אויצער. 278 ז., פרײַז 22 קאָפּ.
14. עליע גאָרדאָן. אין אייגענע קאנטן. 442 ז., פרײַז 57 קאָפּ.

דער אדרעס פונעם מאגאזין:

125299 гор. Москва, ул. им. Космонавта Волкова, дом № 19, книжный магазин № 124, отдел «Книга почтой».

די ביכער, וועלכע זײַנען דערמאָנט אויבן, קאָן מען אויך קריגן דירעקט אין מאגאזין לויטן אדרעס:
Москва, ул. Кирова, 6.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18.XII.1975 г. Формат 70×108 1/16.
Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 2957.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 1

1 9 7 6

■

В НОМЕРЕ:

Наши современники. Л. Школьник. Магистраль века (о строителях БАМа).

Нотэ Лурье. История одной любви (роман).

Стихи Х. Бейдера, Г. Блоштейна, А. Гонтаря, А. Кацева, О. Дриза.

Б. Миллер. Родная земля (рассказ).

Коммунисты (очерки А. Приблуды, Р. Балясной, А. Ерусалимского).

Публицистика. Томар Гожански. Опасность фашизма в Израиле: ультраправые течения в государстве.

Литературная критика. Г. Березкин. О поэзии М. Грубиана. У. Гуральник. Муза пламенной сатиры (к 150-летию со дня рождения М. Е. Салтыкова-Щедрина). О. Любомирский. Драматургия П. Маркиша.

Краткие рецензии на книги Д. Хайкиной, М. Лифшица, О. Дриза.

А. Вергелис. Заметки на полях.

Из эпистолярного наследия И. Добрушина.

Листая журналы и газеты. Воспоминания. Наши сообщения. Хроника. Разное. Это интересно.

Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.